STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00777

DI IBERGERISENE TKUFE

Zygmunt Turkow

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Jack & Vera Korman
in memory of
Louis P. Masteroff

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיגמונט טורקאָוו

די איבערגעריסענע תקופה

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

156

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגנבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

זיגמונט טורקאָוו

די איבערגעריסענע תּקופֿה

פֿראַגמענטן פֿון מיין לעבן

●

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1961 — תשכ״א

אינהאַלט

פון דער רעדאַקציע	9
עס איז דאָך פאָרט וואַרשע	11
די קאַמפּאַניעיעץ־טרופּע	16
אין „צענטראַל״־טעאַטער	22
דאָס אייז ווערט געבראָכן	29
וואַרשע — דער גרויסער קולטור־צענטער	38
צווישן די „ווילנער״ און „צענטראַל״	42
די בריק צו וואַרשע	53
אַ טעאַטער ווערט געבוירן	64
„מע קאָן נישט זיין קיין חכם ביי טעאַטער״	80
דער ערשטער יידישער פילם	90
ערשטער טורנעי פון „וויקט״	99
אין קראָקע	103
מיזרח־גאַליציע	112
פלעקן אויף דער זון	132
דאָס לעצטע יאָר פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ	141
צו אַ נייעם פּאַרמעסט	170
חבלי־לידה פון אַ טעאַטער־סעזאָן	180
דערפאַרונגען און מסקנות	198
גלייכגילטיקייט אָדער באָיקאָט?	207
טורנעי איבער רומעניע	222
וואָס ווייטער?...	245
בערלין	253
קאָשמאָרן	282
בעלגיע — פּאַריז	296
קאָוונע — די יינגערע שוועסטער פון ווילנע	313
איך געזעגן זיך מיט אייראָפּע	347
צו יענער זייט ים	358
דרום־אַמעריקע	368
פאָלקספראָנט און אַנדערע פראָנטן	402

שלום־עליכם, לייוויק, שניאור — — — — — — — — 410
אינסטינקט, צופאַל אָדער „נס"... — — — — — — — — 434
דאָס שוואַנען־ליד — — — — — — — — — — — — — 443
זוכצעל פון נעמען — — — — — — — — — — — — — 456

געווידמעט רוזשען.



זיגמונט טורקאָוו (אייל-בילד פון דעם קינסטלער שמואל לאם, ישראל)

***

„די איבערגעריסענע תקופה" איז דער דריטער באַנד פון די זיכרונות פון זיגמונט טורקאָוו לעבן און אויפטועז אין דעם ייִדישן טעאַטער.

דער ערשטער באַנד, וואָס איז דערשינען אין אונדזער ביכער־סעריע אין יאָר 1951 אונטערן נאָמען „פראַגמענטן פון מיין לעבן" האָט אַרומגענומען די צייט פון זיין קינדהייט, שול־יאָרן ביז דער שוועל פון זיין זעלבסטשטענדיקייט און אַריינטריט אין דער טעאַ־טער־פּראָפעסיע.

דער צווייטער באַנד, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1956, אונ־טערן נאָמען „טעאַטער־זיכרונות פון אַ שטורמישער צייט", נעמט אַרום די עפּאָכע פון טורקאָוום ערשטע שריט אין דעם ייִדישן טעאַ־טער און דעם אָנהייב פון זיין נע־ונדן טעאַטער־לעבן בעת דער ערשטער וועלט מילחמה — די שטורמישע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע — דער פונאַנדערפאַל פון דער צאַרישער אימפּעריע, דאָס פאַלן פון דייטשן און עסטרייך־אונגאַרישן קייזערטום, די רוסישע רעוואָלוציע און דער אויפקום פון נייע מדינות.

אין דעם איצטיקן באַנד שליסט־אָפּ זיגמונט טורקאָוו די שיל־דערונג פון זיין אַקטיוויטעט אין ייִדישן טעאַטער. פּונקט ווי ער איז געווען דער פּיאָנער פון דער מאָדערנער ייִדישער טעאַטער־קונסט אין פּוילן, אין דער עפּאָכע צווישןביידע וועלט־מילחמות, אַזוי איז ער אויך היינט, נאָכן באַזעצן זיך אין ישראל, געוואָרן אַ פּיאָנער פון דעם מאָדערנעם העברעיִשן טעאַטער אין מדינת ישראל.

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע אָפּצושטעלן זיך אויף די פּרטים פון זיגמונט טורקאָוום לייסטונגען אין דעם ייִדישן טעאַטער. די ייִדישע קולטור־געשיכטע האָט עס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן שוין אָפּגעשאַצט ווי געהעריק.

די גרויסע ווירטיקייט פון די דאָזיקע זכרונות באַשטייט קודם־כל דערין, וואָס זיגמונט טורקאָוו באַגרענעצט זיך נישט בלויז צו דערציילן וועגן זיין אייגענעם אַזוי־פאַרבנרייכן לעבן און טעטיקייט סיי אין דעם ייִדישן טעאַטער, סיי אויך בעת זיין איבערגאַנגס־טעטיקייט אין פּוילישן, רוסישן, בראַזיליאַנער טעאַטער און בעת זיינע ערשטע פּרוּוון אין דער פילם־קונסט.

די ווירטיקייט פון דעם ווערק באַשטייט דערין, וואָס זיגמונט טורקאָוו גיט אונדז אַן אַלזייטיק בילד פון די גרויסע שטרעבונגען אין דעם ייִדישן קולטור־לעבן סיי אין פּוילן, סיי אויך אין די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט אין אייראָפּע און אַמעריקע, די סביבה, די מענטשן און די אַלגעמיינע געשעענישן, וואָס וועלן זיכער דינען אַלס ווערטפולער און אויטענטישער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען.

ווען די נאַצישע באַמבעס האָבן שוין אין יאָר 1939 אָנגעהויבן דעם חורבן פון פּוילן און פון ייִדישן לעבן, האָט זיגמונט טורקאָוו נאָך געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע. דאָס איז געווען, ווי ער שרייבט צום סוף פון זיין בוך, דאָס לעצטע טעאַטער וואָס האָט געשפּילט אין וואַרשע, ווייל אַלע איבעריקע זענען שוין געווען געשלאָסן.

ביז — די שפּיל איז איבערגעריסן געוואָרן. איינע פון די ערשטע דייטשע באַמבעס אויף וואַרשע פאַלט־אַריין צו אים אין טעאַטער. עס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה...

אונדזער היינטיקער דור וועט דאָ געפינען אַ סך פון די עפּיזאָדן וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט און מיטגעמאַכט. פאַר די נייע דורות וועלן זיגמונט טורקאָווס זכרונות זיין אַ ווערטפולער ביישטייער צו דער געשיכטע פון אַ שטורמישער אָבער אַזוי שעפערישער פאַרגאַנגענהייט.

די רעדאַקציע

1

עס איז דאָך פּאַרט וואַרשע

די ערשטע טעג נאָך אונדזער צוריקקומען פון רוסלאַנד קיין וואַרשע האָב איך געלעבט ווי אין אַ טשאַד. האַניקטעג פון באַגעגענישן, באַגריסונגען, אויפנאַמעס און באַזוכן.

מענטשן קומען, מענטשן גייען. אַ פאַרביקער קאַראַהאַד פון קרובים, חברים, פריינט, באַקאַנטע און סתם נייגעריקע אָנצוקוקן די צוריקגעקומענע פון „דאָרט". געווען אַ צייט, ווען מ'האָט אונדז געהאַלטן פאַר אומגעקומענע, נישט איין טרער פאַרגאָסן איבער אונדזערע יונגע לעבנס... קומען איצט טרערן פון פרייד, פון דערלייכטערונג. מיר לעבן, זענען ווידער אין דער היים און טאַקע מיט פּראָצענט: אסתר־רחלען איז צוגעקומען אַן אייניקל, אונדז אַ טאָכטער.

אַ סך צייט האָט ביי אונדז גענומען דאָס איבערגעבן די „לעבעדיקע" גרוסן. דאָס איז געווען איינע פון די פּיינלעכסטע מיסיעס וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. יעדער גרוס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ טראַגעדיע, מיט אַ צעבראָכן פאַמיליע־לעבן, מיט אַנטוישטע האָפענונגען. נישט איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו הערן טענות און פאַרווורפן, גלייך מיר וואָלטן געווען די שולדיקע אין די אומגליקן... „פאַרוואָס האָט מען זיי נישט מיטגענומען מיט זיך... ס'טייטש, ס'אַרא ראָלע האָט עס דען געשפּילט, נאָך אַ מענטש אין דער טרופּע..."

זעלטן ווען האָט אַ מיטגעבראַכטער גרוס אַרויסגערופן אַ שמייכל פון צופרידנקייט, אַ האָפענונג אַרויסגעפאָדערט צו ווערן „אַהין" ווו עס בויט זיך, ווו עס שאַפט זיך...

מילחמה־נאָכוויי̆ען — צעבראָכענע לעבנס, נישט־פאַרהיילטע ווונדן.

ביסלעכווייז האָט די יום־טובדיקייט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, מיר האָבן גענומען ווערן וואָכעדיק, און וואָכעדיקייט ניכטערט אויס. מ׳הייבט זיך אָן אַרומצוקוקן, באַקענען זיך מיטן אַלגעמיינעם מצב אין לאַנד וואָס איז אַזוי אַנדערש ווי מיר האָבן עס געקענט ווען מיר זענען אַוועקגעפאָרן מיט צוויי יאָר צוריק. אינעם דאָזיקן מצב האָט, פאַרשטייט זיך, דאָס חשובסטע אָרט ביי מיר פאַרנומען דאָס יידישע טעאַטער.

וואַרשע איז געוואָרן אַ וועלט־מעטראָפּאָליע, אַ בריק צווישן מערב און מזרח. זי איז אויך געוואָרן אַ טעאַטער־מעטראָפּאָליע. נאָך דער פאַר־איינקונג פון די געביטן וואָס זענען ביז דער ערשטער מילחמה געווען באַ־זעצט דורך רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד, האָט וואַרשע צוגעצויגן כמעט אַלע בעסטע קינסטלערישע כוחות פון קראָקע, לעמבערג, פּויזן. דאָס פּוילישע טעאַטער, וואָס איז פון תמיד געווען באַקאַנט מיט זיינע מייס־טערס, האָט זיך אַזוי אַרום דערהויבן צו אַ מדרגה פון אַ מאָסקווע, בער־לין, ווין.

ווי האָט עס אויסגעזען מיטן יידישן טעאַטער? פון איין זייט אַ באַ־טייטיקער אויפשטייג: די ווילנער טרופּע מיטן „דיבוק" און פון דער צווייטער זייט — נעבעכדיקע איבערבלייבענישן פונעם פאַרמילחמהדיקן פרימיטיוון טעאַטער.

די „ווילנער", פאַרשטאַרקט מיט אַ ריי יונגע כוחות, ווי די שטיינס, בולאָוו, סלאָבאָדסקי, ווייסליץ און מיט אַן אינטערעסאַנטע, אויסגעפורעמ־טע אַרטיסטישע פּערזענלעכקייט, אברהם מאָרעווסקי, אַ פּנים־חדשות אין וואַרשע. זיי האָבן אויך צוגעצויגן איינציקע וואַרשעווער כוחות, צווישן וועל־כע ס׳האָט גרויס אויפמערקזאַמקייט געצויגן אויף זיך די יונגע, שיינע, קולטורעלע מרים אָרלעסקאַ. דאָס איז געווען די זעלבע אַלטוסקאַ, וועל־כע איך בין בשעתו צוזאַמען מיט טרעפּלער־נאַרוויד געגאַנגען איינלאָדן אין דער הערמאַן־סטודיע. זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ שילערין אין דער פּוילישער טעאַטער־שולע. זי האָט אונדז העפלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס יידישע טעאַטער אינטערעסירט זי נישט און איר ציל איז די פּוילישע בינע. ווייזט אויס, אַז דער דערפאָלג פון די „ווילנער" האָט שטאַרקער געווירקט אויף איר, ווי די אַרגומענטן פון צוויי יונגע בעלי־

חלומות... און אַט זע איך זי אין דער הויפּטראָל פון „דיבוק", אין לאהן, אין וועלכער זי ווירקט מיט איר צניעותדיקער פרישקייט, מיטן סוגעס־טיוון כוח פון איר געצוימטן טעמפּעראַמענט, מיטן זעלטענעם טעמבער פון איר שטימע. פון די אַלע „לאהס" וועלכע מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו זען אין פאַרשידענע „דיבוק"־אויפפירונגען, האָט אַרלעסקאַס שפּילן געמאַכט אויף מיר דעם טיפסטן איינדרוק. זי איז שוין דאַן פאַר־בליבן אַ שטענדיקער מיטגליד אין דער „ווילנער טרופּע" און ביזן סוף פון איר יונג לעבן אין קיין אַנדער טעאַטער נישט געשפּילט. אַרלעסקאַ איז אָבער אַזוי באַווירקט געוואָרן פון „לאהן", אַז דער אופן פון איר רעדן האָט זיך ביי איר איבערגעחזרט אין כמעט אַלע שפּעטערדיקע ראָלן, געוואָרן אַ מאַניער און אַקטיאָרן האָבן זיך געוויצלט, אַז ס׳איז אין איר „אַריין אַ דיבוק".

ביי דער זייט פון דער „ווילנער טרופּע" מיט איר פרישקייט און גע־וואַגטקייט האָט זייער נעבעכדיק געווירקט דאָס אַלטע „צענטראַל"־טעאַ־טער, וואָס האָט זיך נאָכן רומפּולן פּעריאָד פון דער אייראָפּעיִשער אָפּע־רעטע, פאַרוואַנדלט אין אַ ביליק מאַכערייקע־קלייטל מיט צופעליקע פּיעסן און צופעליקע אַקטיאָרן. צווישן דעם דאָזיקן ווילדגראַז האָט פון דעסט־וועגן זיך אַרויסגעהויבן אַ סטיכישער, נישט־קולטיווירטער טאַלענט, איי־זיק סאַמבערג, וועמען ס׳איז שפּעטער באַשערט געווען צו פאַרנעמען איי־נעם פון די בכבודיקסטע ערטער אינעם באַנייטן יידישן טעאַטער.

***

באַלד האָט אָנגעהויבן צו באַאומרויִקן די פראַגע — וואָס הייבט מען אָן צו טון? אין קיין איינעם פון די ביידע טעאַטערס האָבן מיר נישט גע־זען פאַר זיך קיין אָרט. די „ווילנער" האָבן דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון דערפאָלג. זיי זענען געוואָרן אַ שם־דבר אין וואַרשע און נישט נאָר אויף דער יידישער גאַס. אפשר איז דאָס טאַקע געווען דער גורם פון אַזאַ אויסערגעוויינטלעכער פאַראינטערעסירונג וואָס האָט זיך ממש פאַר־וואַנדלט אין אַ פּסיכאָז. די ערשטע צייט, ווען דער „דיבוק" איז געוואָרן אויפגעפירט צו די שלושים פון ש. אַנסקין, איז זיין דערפאָלג געווען גאַנץ

פּראָבלעמאַטיש. סיי דער סיפּור־המעשה, סיי די נײַע פאָרעם, וועלכע דוד הערמאַן האָט געגעבן דער זאַך, סיי די מיסטישע האַלבע טענער, וואָס האָבן דאָמינירט אין דער פאָרשטעלונג, האָט געקאָנט באַפרידיקן בלויז דעם געשמאַק פונעם פײַנשמעקער. דער אַזוי גערופענער ברייטער עולם אָבער האָט פײַנט בית־מדרש־און בית־עולם־שטימונג. ס׳איז אַלזאָ געווען אַ געוואַגטקייט אַרויסצוקומען מיט אַזאַ דערדריקנדיקער פּיעסע.

אַ שטיק צײַט פאַר זײַן טויט האָט אַנסקי געלייענט פאַר די ווילנער דעם „דיבוק״. ס׳האָט געהייסן, אַז ס׳וועט ווערן אויפגעפירט. שוין אַפילו געווען פונאַנדערגעטיילט די ראָלן און טאַקע די מורא פאַר אַ מאַטעריעלן דורכפאַל האָט צוניש געמאַכט די אויפפירונג. אַלטער קאַציזנע, אַנסקיס אינטימער פרײַנט און איינער פון די אַפּוטרופּסים איבער זײַן ירושה, האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס אָפּוואַרפן דורך די ווילנער דעם „דיבוק״, האָט צו־געאײַלט דעם טויט פונעם קראַנקן אַנסקי. וואָס עס איז אַלזאָ נישט גע־טון געוואָרן בעת אַנסקיס לעבן, איז צושטאַנדגעקומען נאָך זײַן טויט. טאַ־קע אויסשליסלעך אויף צו באַצייכענען די שלושים, אָן שום האָפענונג אויף אַ וועלכן ס׳איז מאַטעריעלן דערפאָלג.

פּלוצים איז געשען אַ נס. איינער פון די זעלטענע ניסים אין טעאַ־טער. די פּוילישע פּרעסע האָט ענטוזיאַסטיש אויפגענומען דאָס שטיק, און די אויפפירונג — אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּויליש־ייִדישע פאַרהעלטענישן — האָט אימפּאָנירט און געשמייכלט. דאָס האָט במילא אַרויסגערופן אינטערעס, וואָס האָט זיך אין גיכן פאַרוואַנדלט אין פּסיכאָז. די בילעטן זענען געוואָרן אויספאַרקויפט מיט וואָכן פריִער און אין די אָוונט־שעהען זענען די טראַמווייען, וואָס האָבן געפירט אין דער ריכטונג פון „עליזעום״, געווען איבערגעפולט, ממש געפּאַקט. די קאָנדוקטאָרן האָבן שוין געוווסט וווהין דער ייִדישער עולם פאָרט און, אַרויסגעבנדיק די בילעטן, צוגעגעבן:

— „נאַ דיבוקאַ, צאָ?״...

הגם מ׳האָט מיר, פאַרן אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד, פאַרגעלייגט אָנצו־קומען צו די „ווילנער״ האָב איך פאַרשטאַנען אַז זייער איצטיקער דער־

פאַלג שטעלט נישט פאַר מיט זיך קיין פאַסיקע קאָניוקטור אויף צוצונע־מען נייע מיטגלידער. אַזוי איז עס טאַקע געווען.

דאַקעגן דאָס „צענטראַל"־טעאַטער האָט אונדז יאָ געמאַכט אַ פאַר־שלאַג עפּעס „אויפצוטון", האָבן מיר אים אָבער נישט אָנגענומען. נישט אַזוי, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, וועט אויסזען מיין אַרבעט אין וואַר־שע. ביז מיין אָפּפאָרן מיט אסתר־רחל קיין רוסלאַנד האָט מען מיך אין די פּראָווינצשטעט, ווו מיר האָבן געשפּילט, געהאַלטן פאַר אַ „בחור מיט אַ צוקונפט". פאַר וואַרשע אָבער, וואָס האָט באַדאַרפט געבן די סמיכה אויף מיין „צוקונפט", בין איך געווען אַ פּנים־חדשות. איך האָב אַלזאָ באַ־דאַרפט דערלאַנגען מיין וויזיט־קאַרטע דער עפנטלעכקייט. דאָס „צענט־ראַל"־טעאַטער איז נישט געווען, לויט מיין מיינונג, דאָס פּאַסיקע אָרט דערצו. מ'האָט דאָרט באַדאַרפט דורכפירן אַ קאַרדינאַלע רייניקונג, זיך באַפרייען פונעם ווילדגראַז, וואָס איז אָנגעוואַקסן צוזאַמען מיט די אַזוי־גערופענע „מילחמה־אַקטיאָרן", לאָזן אַ צוויי, דריי פון די פעיִקערע און דערגאַנצן דעם אַנסאַמבל מיט נייע יונגע כוחות.

דעם דאָזיקן קייסערשניט האָבן מיר נישט געוואָלט דורכפירן. פאַר־קערט, מיר האָבן צוגעזאָגט די באַלעבאַטים פון טעאַטער, אַז ווען דער בנין וועט ווערן פריי, קאָנען זיי זיך ווענדן צו אונדז און מיר וועלן זיך באַמיִען צו שאַפן אַ טעאַטער, וואָס זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען פאַר די „ווילנער". גיין אויף קאָמפּראָמיסן האָב איך נישט געוואָלט.

מ'האָט אַפילו דעלעגירט צו אונדז געזעלשאַפטלעכע טוער, פריינד פון טעאַטער, געוועזענע „הזמיר"־מיטגלידער: — ס'טייטש, מיר מוזן דאָך עפּעס טון און אַט בעט זיך ביי אונדז אַ טעאַטער אין סאַמע האַרץ פון יידישן וואַרשע און מיר וואַרפן עס אָפּ... ווו איז דער שכל? פאַרוואָס טויג דען נישט דאָרט? די אַקטיאָרן? דער עולם? דער בנין?

— „אַלץ", — האָב איך זיי געענטפערט, — „מע דאַרף אַלץ שאַפן פון דאָס ניי".

וואַרשע, די מעטראָפּאָליע פון פוילישן טעאַטער, דאַרף אויך זיין די יידישע מעטראָפּאָליע. די „ווילנער" זענען דאָך סוף־כל־סוף געסט. זייער היים איז ווילנע, זייער יידיש — „ווילנעריש". דאַרפן מיר אַרויסקומען

מיט אַן אייגענעם פּרצוף, מיט אַן אייגענער אויסדרוק־פאָרעם, מיט אַ זעלבשטענדיקן נוסח. דאָס אָרט פאַרפליכטעט. ס׳איז דאָך פאָרט וואַרשע.

איך בין געווען אינספּירירט פון דער געוואַגטקייט און נאַוואַטאָריש־קייט פון די מאָדערנע בינע־מייסטערס און זיך אומגעקערט אַהיים, אַן אַנגעלאָדענער מיט קינסטלערישע אַמביציעס און פּלענער וואָס האָבן גע־זוכט אַ תּיקון.

ס׳איז מיר אָבער אין גיכן קלאָר געוואָרן, אַז די אומשטענדן אין וואַרשע זענען נישט גינסטיק פאַר אונדז. דאַרף מען, הייסט עס, צוּוואַרטן. דאַרף מען, הייסט עס, די „גרויסע״ פּלענער לאָזן אויף שפּעטער און קודם־כּל טראַכטן וועגן פּראָזאַישער פּרנסה.

ווו נאָך איז דען געווען אַזאַ קוואַל פון פּרנסה פאַר אַ ייִדישן אַק־טיאָר ווי די פּוילישע פּראָווינץ! האָבן מיר זיך איבערגעגעבן צו איר לייט־זעליקייט און, ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט אונדז אויך דאָס מאָל אַרויסגעהאָלפן די ליבע פּראָווינץ.

2

די קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע

די אַרבעט האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. ווי נאָר מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען „צום האָבן״, האָבן מיר באַקומען אַ ריי פאַרשלאָגן פון פאַרשידענע שטעט און נישט לאַנג געטראַכט, האָבן מיר אויסגעקליבן לאָדזש. צום ערשטן מאָל האָבן זיך טעאַטערס געווענדט צו אונדז אַליין, צו אידאַ קאַמינסקאַ און צו מיר, ד״ה, אַן אסתּר־רחל, מיט וועלכער מיר פלעגן ביז דאַן שפּילן צוזאַמען. דאָס האָט אונדז אימפּאָ־נירט און באַוויזן, אַז מיר האָבן זיך בשעתו קונה־שם געווען אויף דער פּראָווינץ. אגב, אסתּר־רחל האָט צוריקקומענדיק פון קאָוונע שוין געהאַט אַן אייגענע טרופּע און געשפּילט אירע טראַדיציאָנעלע פּיעסן, וואָס האָבן אונדז מער נישט געצויגן. דאָס האָט אונדז טאַקע באַוויגן, נאָך זייענדיק

אין רוסלאַנד, זיך צוצוגרייטן אַ נייעם רעפּערטואַר, וואָס זאָל, לויט אונ־דזערע דעמאָלטיקע באַגריפן, אַריינברענגען אַ נייעם טאָן, אָדער, גענויער, „אייראָפּעיִזירן" דאָס ייִדישע טעאַטער. איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס ייִדי־שע טעאַטער מוז זיך באַפרייען פון דער קאַפּאָטע, אַרויס פונעם ייִדישן געסל, אין וועלכן עס שטעקט נאָך פון גאָלדפאַדנס צייטן און אַרויף אויפן ברייטן שליאַך פונעם „וועלט"־רעפּערטואַר.

ערשט דערזעענדיק דעם „דיבוק" ביי די „ווילנער" האָב איך פאַר־שטאַנען מיין טעות. ס'איז אָבער נישט געווען קיין צייט אויף לאַנגע טראַכטענישן. די צייט האָט געפאָדערט באַלדיקע האַנדלונג, ד"ה, אויס־נוצן די דיסקרעדיטירטע „אייראָפּעיִשקייט" און זיך שטעלן אַרבעטן. פון וואָס זשע איז דעמאָלט באַשטאַנען אונדזער „אייראָפּעיִשקייט"?

פון סענסאַציאָנעלע פּיעסן פון דער רוסישער בינע, וואָס זענען נישט געווען פון קיין ספּעציעלן ווערט, אַ חוץ וואָס זיי האָבן געהאַט „פּאָסיקע" ראָלן פאַר אונדז, — טיפּישע פּיעסן פון אַזוי גערופענע „גאַסטראָלאָרן". און אָט האָבן מיר זיך פאַרוואַנדלט אין ענלעכע גאַסטראָלאָרן אין אַ ייִדי־שער אויפלאַגע. דער רעפּערטואַר אונדזערער איז באַשטאַנען פון די דורך אונדז איבערגעזעצטע פּיעסן: אַנדרייעוועס „געדאַנק", יושקעוויטשעס „סאָנ־קין", אורוואַנצאָווס „וויערא מירצעוואַ", קאַסאַראַטאָווס „דער חלום פון ליבע", סורגוטשאָווס „האַרבסטפידלען", פּאָלאַקאָווס „לאַבירינט", סאָפּיאַ ביעלאַס „ווען דער טייוול לאַכט" און פון נאָך אייניקע פּיעסן פונעם זעלבן שניט.

אונדזער אימפּרעסאַריאָ איז געווען אַ יונגער אַקטיאָר יצחק לובעל־טשיק, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרלאָזן די בינע און זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער אַדמיניסטראַציע אין טעאַטער. די צוויי פּיעסן וואָס מיר האָבן ביי אים דאַן געשפּילט זענען נישט געלונגען פינאַנציעל. סי־בות? — מיר האָבן געשפּילט אין אַ נישט־פּאָפּולערן זאַל נישט־פּאָפּולע־רע פּיעסן מיט אַ נישט־פּאָפּולערן אַנסאַמבל... אגב, אין מיין לאַנגיאָרי־קער פּראַקטיק האָב איך נישט אָנגעטראָפן אויף אַן אַקטיאָר, וואָס זאָל אייך נישט צושטעלן די „וואָגיקסטע" סיבה פון זיין מאַטעריעלן מיסדער־פאָלג. אין אונדזער פאַל אָבער איז די וויכטיקסטע סיבה געווען, וואָס מיר

אַליין זענען נישט געווען פּאָפּולער. דער עולם האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אונדז און זיך ווי פאַרעקשנט נישט צו באַזוכן אונדזערע פאָרשטעלונגען. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די גוטע רעצענזיעס, די פּאַרזי־כערונגען פון פאַרערער און פריינד. נאָך דער צווייטער וואָך שפּילן בין איך מיך צעגאַנגען מיט לובעלטשיקן, כדי זיך מיט אים ווידער צו טרעפן אין יאָרן אַרום אין בראַזיל. אידאָ איז געפאָרן קיין וואַרשע צום קינד און איך בין פאַרבליבן אין לאָדזש, ווו ס׳האָט שוין געוואַרט אויף מיר אַ צווייטע איינלאַדונג, דאָס מאָל פון דירעקטאָר דוד צעלמייסטער.

נאָך דעם ווי זאַנדבערגס גרויסער טעאַטער איז געוואָרן אָפּגעברענט, האָט זיין שטערן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסצולעשן. זאַנדבערגס אָרט האָט פאַרנומען דער דינאַמישער אונטערנעמער צעלמייסטער, וואָס האָט אַ טעאַטער־זאַל אויף ציגלגאַס. אַזוי אַרום איז מיר אויסגעקומען זיך נענטער צו באַקענען מיט דער האַרציקער פאַמיליע קאָמפּאַניעיעץ, וועלכע איך האָב ביז דאַן זייער ווייניק געקענט.

דאָס יידישע טעאַטער איז פון זיין וויגעלע געווען אַ פאַמיליע־טעאַ־טער. לכתחילה איז דאָס געטון געוואָרן באַוווסטזיניק פון די אונטערנע־מער־דירעקטאָרן. כדי צו פועלן ביי עלטערן צו לאָזן זייערע קינדער „אַנ־קומען" אין טעאַטער, האָט מען זיי באַדאַרפט חתונה־מאַכן מיט איינעם פון די אַקטיאָרן, אָדער דירעקטאָרן. דאָס איז געווען אַ סגולה אויף נישט „אַראָפּצוגיין פון גלייכן וועג". אַזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן פאַמי־ליע־טרופּעס, וואָס פלעגן זיך צעוואַקסן און אָפּט מאָל זיך מער נישט נייטיקן אין קיין „פרעמדן", דאָס הייסט, אין נישט קיין מישפּחה־מיט־גליד. סיידן מ׳האָט זיך באַזעצט אויף אַ לענגערער צייט אין אַ גרויסער שטאָט, איז מען שוין געווען געצווונגען צו קאָמפּלעטירן די „פאַמיליע" מיט „פרעמדע" כוחות. איבעריקנס, אַזאַ דערשיינונג איז אויך געווען כאַ־ראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן, רוסישן און מאַלאָרוסישן טעאַטער, פון וועלכע דאָס יידישע איז אין אַלע הינזיכטן געווען שטאַרק באַאיינפלוסט. זענען טאַקע אינעם נאָך־גאָלדפאַדן־פעריאָד געווען שטאַרק פּאָפּולער אין רוסלאַנד די מישפּחה־טרופּעס פון פישזאָן, גענפער, ציפּקוס־ראַפעל, קאַ־מינסקי און קאָמפּאַניעיעץ.

לאָדזש האָט געהאַט אייניקע „געשוווירענע" היימישע אַקטיאָרן וואָס פלעגן געווײַנטלעך ווערן צוגעצויגן צו אַ פרעמדער טרופּע וואָס האָט דאָרט אָנגעהויבן שפּילן.

אין דער קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע האָט זיך צו יענער צייט געפֿינען בע־ני אַבעלמאַן, וועלכן מע פלעגט אָנאָנסירן „דער באַרימטער העלדנטענאָר און אייגנציקער אוריאל אַקאָסטאַ". ער איז געווען אינעם נאָך־גאָלדפאַדן־פּעריאָד שטאַרק באַליבט ביי די פאָלקסמאַסן; זיין רייסן די קייטן אין „חורבן־ירושלים" און דאָס „אָוועקלייגן" די כאָריסטן אין די רוימישע קאָסטיומען פון „בר־כוכבא", איז געווען אַ שם־דבר. ווי דאָס רוב גאָלד־פאַדן־אַקטיאָרן האָט ער זיך באַצויגן מיטן גרעסטן פּיעטעט צו זיין אַק־טיאָרישן באַרוף און באַטראַכט די בינע ווי אַ מקום־קדוש און זיך — ווי דער כהן־גדול. ער איז געווען דער ערשטער אויף די רעפּעטיציעס און פאַר־שטעלונגען און דער לעצטער צום פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. מיט דער צייט אָבער האָט זיין שטערן אָנגעהויבן צו פאַרגיין, די אותיות אויפן אַפיש זענען געוואָרן אַלץ קלענער, ביז זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די איבע־ריקע נעמען. ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רופן אָנשטאָט „בעני", ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, — פאָלקסטימלעך „ברוך". — דער העלדן־רעפּערטואַר האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט אַנדערע, „מאָדער־נע" פּיעסן, וואָס האָבן געשאַפן נייע זשאַנערס אינעם אַקטיאָרן־פאַך, ווי: „בוף־קאָמיקער", „טאַנצנדיקע און פּייפנדיקע פאַטן", „קוועקזילבערדיקע, קאַסקאַדנע סוברעטקעס". אד"גל.

ווען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַבעלמאַנען אין יענער צייט אין לאָדזש, האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מיר אויף דער „ירידה" אינעם יידישן טעאַטער און אויף די „ייִנגלעך", וואָס פאַרנעמען די פּלעצער פון די באַרופענע. ענלעכע רייד פלעגט מיר שפּעטער אויסקומען צו הערן פון נאָך אייניקע פון די „געוועזענע". די צייט אָבער איז געווען טויב צו די דאָזיקע טענות און האָט זיי אומברחמנותדיק דעגראַדירט, דערוויטערט און באַזייטיקט. אַ טרויעריקער סוף פון אַ רומפולער תקופה אינעם יידישן טעאַטער.

צווישן די „פרעמדע" אין דער קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע האָט זיך אויך

געפינען אַ יונגער, אַלזייטיק־באַגאַבטער אַקטיאָר, יוסף סטרוגאַטש, וועמען דער גורל האָט פאַרוואָרפן קיין לאָדזש פון ווייטן בעסאַראַביע. ער האָט זיך מיט דער צייט איינגעבירגערט אין לאָדזש און געוואָרן כמעט אַ באַשטאַנדטייל פון איר קינסטלער־מישפחה. ווי ס׳רוב בעסאַראַבער, איז ער געווען אַ גוטער מנגן און האָט מיט דער צייט זיך קונה־שם געווען ווי אַן אינטערפּרעטאַטאָר פון פאָלקלאָר און גלייכצייטיק ווי אַ גוטער אַקטיאָר — סיי פאַרן ערנסטן, סיי פאַרן פאַרווייליונג־טעאַטער. ער האָט באַוויזן באַצייטנס זיך אַריבערצוקלייבן קיין אַמעריקע און אויסצומיידן דעם גורל פון די היטלער־קרבנות.

דער קרן פון דער קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע איז באַשטאַנען פונעם דירעקטאָר אבא קאָמפּאַניִיעץ און זיין פרוי לאה, זייערע טעכטער: בעטי, אַניעלאַ און נינאַ מיט זייערע מענער, ראַבינאָוויטש, פּאָלאַקאָוו און סאַקאָלאָוו; מיט דער צייט האָט זיך די טרופּע פאַרגרעסערט מיט קאָמפּאַניִיעצעס אונטערגעוואַקסענע זין, ישראל און מרדכי מיט זייערע פרויען.

קאָמפּאַניִיעץ אַליין, וואָס פלעגט אין זיינע יונגע יאָרן זיך אויסצייכענען ווי אַ גאָלדפאַדן־קאָמיקער, באַזונדערס אין דער „באָבע יאַכנע״, האָט שוין אין לאָדזש כמעט נישט געשפּילט און זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט דער אַדמיניסטראַטיווער זייט פון זיין טעאַטער. אַקטיאָרן האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכקייט, גוטמוטיקייט און פריינטלעכער באַציִונג, אָן אונטערשיד פון פּאָזיציע, וואָס דער אָדער יענער האָט פאַרנומען אין דער טרופּע. האָבן זיך טאַקע אינעם קאָמפּאַניִיעץ־„פּאַטריאַרכאַט״ אַפילו די „פרעמדע״ אַקטיאָרן געפילט ווי מישפחה־מיטגלידער און געטיילט מיט דער טרופּע אירע וואַנדערונגען אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

איין טאָכטער, נינאַ, פלעגט זעלטן שפּילן צוזאַמען מיט די עלטערן, ווייל איר פלעגט אויסקומען אַרומצופאָרן מיט איר מאַן לעאָניד סאָקאָלאָוו, איינעם פון די פּאָפּולערסטע אַקטיאָרן, וואָס האָט זיך מיט זיינע גאַסטראָלן שטאַרק באַליבט געמאַכט איבער די יידישע ישובים פון דער רוסישער אימפּעריע. סאָקאָלאָוו האָט זיך קונה־שם געווען ווי אַ טעמפּעראַמענטפולער טראַגיקער אין „אָטעלאָ״, פראַנץ מאָאָר אין שילערס „רוי־

בער", ד"ר קערזענצאָוו אין אַנדרייעווס „געדאַנק" און אין ענלעכע פּיעסן פונעם רעפּערטואַר פון די גרויסע טראַגיקער פון יענער צייט. אייניקע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך סאָקאָלאָוו אַריבערגעטראָגן מיט זיין פאַמיליע קיין בוענאָס־איירעס, געווען טעטיק אינעם אָרגעניזירטער יידישן טעאַטער און געפינען דאָרט זיין אייביקע רו.

אַ צווייטע טאָכטער, בעטי באָריסאָווא און איר מאַן, דער לאַדזשער ראַבינאָוויטש, האָבן געהערט צו די זייַלן פון דער קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע. מיט יאָרן שפּעטער זענען זיי געפאָרן קיין מעקסיקע און פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. איינע פון זייערע צוויי טעכטער, פאַני ראַבעל, איז דאָרט אַ באַטייטיקע מאָלערין.

די דריטע טאָכטער אַניעלאַ האָט חתונה געהאַט מיט איר לערער, דעם סטודענט אַהרן פּאַלאַקאָוו, וואָס איז מיטן אָנקומען אין דער מישפּחה אויך אַריין אינעם אַקטיאָרישן באַרוף. פּאַלאַקאָוו האָט גאָר גיך געווונען די סימפּאַטיע פונעם עולם און געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע כאַראַקטער־קאָמיקער אין יידישן טעאַטער. נאָך דער קורצער צייט, וואָס איך האָב דאָן פאַרבראַכט אין דער סביבה פון דער גאַסטפּריינטלעכער קאָמפּאַניִיעץ־מישפּחה, איז מיר זיך אויסגעקומען נאָך אייניקע מאָל צו באַגעגענען מיט איר אין פּאַריז, וווּהין זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן. אייניקע פון זיי האָבן אין פראַנקרייך איבערגעלעבט די היטלער־אָקופּאַציע און אהרן פּאַלאַקאָוו איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון פּעריאָדישן זשורנאַל אין יידיש „טעאַטער־שפּיגל", וואָס דערשיינט אין פּאַריז. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו שפּילן מער קיין יידיש טעאַטער, האָט זיך פּאַלאַקאָוו אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַן אילוזיע פון אַ טעאַטער־אַטמאָספער... אַ ווירדיקער סיום פון אַ פאַרביק קאַפּיטל טעאַטער־געשיכטע, וואָס זיין נאָמען איז: קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע.

3

אין „צענטראַל"־טעאַטער

ביז ס'האָט זיך געשאַפן די מעגלעכקייט אָנצוהייבן שפּילן אין וואַרשע, איז אונדז אויסגעקומען אַ געוויסע צייט זיך אַרומצושלעפּן איבער דער פּראָווינץ. מיר האָבן באַקומען פונעם פּאַראיין צוגעטיילט אייניקע אַקטיאָרן, מיט וועלכע ס'איז ממש אוממעגלעך געווען צו שטיין אויף דער בינע. פון די דאָזיקע אַקטיאָרן איז קיינער דערנאָך נישט פאַרבליבן ביים טעאַטער, אַ חוץ איינער, אַ שטאַמלער, וואָס פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אונטערשטרייכן, אַז אַן אַקטיאָר דאַרף האָבן „אַ ג... גוטע ד... דיקציע"... דאָס האָט ער געמיינט זיך.

מיר האָבן זיך גיך באַפרייט פון דער דאָזיקער פּיינלעכער סיטואַציע און זיך פאַראייניקט מיט אסתּר־רחלס טרופּע. כדי צו גאַראַנטירן דעם מאַטעריעלן דערפאָלג פונעם נייעם טורנעי, האָבן מיר אויף גיך אויפגעפירט דעם „דיבוק", וואָס איז אַדאַנק די „ווילנער" געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין לאַנד. אין פּשעמישל, למשל, האָט דער דאָרטיקער דראַמקרייז „יובל" אויפגעפירט דעם „דיבוק" נאָך פאַר די „ווילנער" און דעם מיראָפּאָלער צדיק האָט געשפּילט דער באַרימטער אַדוואָקאַט לייב לאַנדוי, דער שפּעטערדיקער העלד פונעם שטייגער־פּראָצעס. איבער אַנדערע שטעט פון דער פּראָווינץ איז דער „דיבוק" געוואָרן אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר אַ גאַנצער ריי אַרבעטלאָזע אַקטיאָרן. זיי פלעגן אַנאָנסירן דעם „דיבוק": „גענוי ווי ביי די ווילנער" און האָבן זיך אַפילו באַמיט צו רעדן אַ „ריינעם ליטוויש". דער דאָזיקער ליטוויש פלעגט נישט איין מאָל אַרויסרופן געלעכטער ביים עולם און אַקטיאָרן פלעגן דערציילן אַנעקדאָטן און קוריאָזן וועגן דער פאַרקריפּלונג פון די ווערטער.

מיר האָבן אַנאָנסירט דעם „דיבוק" לויט הערמאַנס רעזשי, אָבער גערעדט האָבן מיר אונדזער בינע־שפּראַך, דעם קולטיווירטן ווילנער יידיש, מיט וועלכן ס'האָט זיך באַנוצט דאָס אסתּר־רחל־טעאַטער. דער דאָזיקער

יידיש, וואָס מיר האָבן באַפרייט פון די דייטשמעריזמען, וואָס זענען אָנ־געוואַקסן בעת דער אָקופּאַציע, איז טאַקע געווען מיין בינע־שפּראַך אַלע יאָרן פון מיין אַרבעט אינעם יידישן טעאַטער.

אונדזער טרופּע איז באַשטאַנען פון אסתר־רחלס משפחה־מיטגלי־דער, אייניקע פרעמדע פון די „מלחמה־אַקטיאָרן" און מיטן צוריקגעקו־מענעם פון רוסלאַנד וולאַדעק גאָדיק. מיט גאָדיקן האָבן מיר זיך באַקענט נאָך אין מינסק. ער האָט דאַן גערעדט רוסיש און אונדז שטאַרק באַדויערט וואָס מיר פאָרן צוריק אינעם בורזשואַזן פּוילן. צוריקקומענדיק קיין פּוילן האָט ער שוין גערעדט פּויליש און זיך געפרייט וואָס ענדלעך איז ער צו־ריק אינעם פרייען פּוילן. ווען איך האָב אים ס'לעצטע מאָל געזען, אַ קור־צע צייט פאַר זיין טויט, ווי דעם ערשטן אַקטיאָר פונעם פּוילישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע, האָט ער מיט מיר דעמאָנסטראַטיוו גערעדט יידיש... מיר האָבן זיך מיט אים דערנאָך אייניקע מאָל צונויפגעטראָפן ביי דער אַרבעט ביי צופעליקע טורנייען און אין „וויקט".

נאָכן דאָזיקן טורניי איז אונדז ענדלעך געווען באַשערט צו מאַכן דעם ערשטן פּרווו אין וואַרשע. הגם די באַלעבאַטים פון „צענטראַל"־טעאַטער פלעגן זיך פון צייט צו צייט ווענדן צו אונדז מיט פאַרשידענע פאָרשלאָגן און פּלענער, איז פון דעסטוועגן אונדזער ערשטער פּרווו געמאַכט געוואָרן כאַאָטיש, אָן צוגרייטונג און אָן אַ באַשטימטער רעפּערטואַר־ליניע. אין טעאַטער האָבן זיך געפונען צוויי גלענצנדיקע אַקטיאָרן: סאַמבערג און לאַנדע, אָבער דער גאַנצער צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע האָט נישט גע־האַט קיין איינהייטלעכן פּרצוף און איז געווען אַ געמיש פון אַלטן און נייעם טעאַטער. במילא איז מען אויך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט אַלטע באַגריפן פון „סעזאָן, שלאַגערס, ערשטע ראָלן, מאַרקעס, גרעסערע און קלענערע" אאַז"וו.

די טרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף חברישע יסודות, ווי אַ קאָ־לעקטיוו, אָדער „מאַרקן־טרופּע", ווי מע פלעגט עס רופן אין דער פּראָפע־סיע. די „מאַרקעס" פלעגט אויסשטעלן דער ראַט פון דער טרופּע, וואָס איז געוויילט געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אָדער דורך אַ ספּעציעלער מאַרקן־קאָמיסיע, און אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך געמוזט אונ־

טערוואָרפן זייער באַשלוס. די „מאַרקעס״ האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט נישט נאָר די גרויס פון יעדן איינעמס באַטייליקונג אין די הכנסות, נאָר זיי זענען אויך געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ פּועל־יוצא פון דער פּאָזי־ציע אין דער טרופּע, אַ מין קוואַליפיקאַציע־באַשטעטיקונג, וואָס האָט אויך להבא דעצידירט אינעם פאַרטיילן פון די ראָלן. פאַרשטייט זיך, אַז די רע־זולטאַטן פון אַזאַ באַשטימונג פלעגן פון יעדן איינעם, בעיקר פון די נייע, דערוואַרט ווערן מיט גרויס שפּאַנונג און פלעגן זיך אָפט ענדיקן מיט פּראָטעסטן, סקאַנדאַלן און אַפילו מיט פאַרלאָזן אַ טרופּע. דער אַקטיאָר איז, ווי באַקאַנט, שטאַרק עמפּינדלעך אין זיין עגאָצענטרישקייט; אַ האַל־בע מאַרקע ווייניקער, למשל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אין מאַטעריעלן זין אַ מינימאַלן אונטערשיד, באַטייט אָבער פאַר אים אַ דעגראַדאַציע אין פּרעסטיזש, אין פּאָזיציע. אַזאַ דעגראַדאַציע איז נישט ווייניקער ווייטיק־דיק פאַר אים ווי דאָס אָפּדרוקן זיין נאָמען נאָך עמעצן, וועלכן ער האַלט פאַר אַ קלענערן פון זיך. אויך דערפון איז אין אַ חברים־טרופּע געוויינט־לעך אָפּהענגיק די ראָלן־פאַרטיילונג און, ווי באַקאַנט, זענען פאַר אַן אַק־טיאָר די ראָלן, וויכטיקער פון ברויט.

געוויינטלעך פלעגן געווילט ווערן אין ראַט ערשטע אַקטיאָרן „אױ־טאָריטעטן״ מיט עמעצן פון „פּאָלק״, פון די קלענערע אַקטיאָרן, דעם סו־פלאָר, אָדער אינספּיציענט, וואָס האָט זיך נאָך דאַן אין יידישן טעאַטער גערופן „רעזשיסאָר״. דער ראַט פלעגט קאָנטראָלירן די אַדמיניסטראַטיווע זייט פון טעאַטער און אויך דעצידירן אינעם אויסוואַל פון רעפּערטואַר און אינעם ראָלן־פאַרטייל. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער פון ראַט איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַ פּיעסע, אין וועלכער ער האָט פאַרויסגע־זען פאַר זיך אַן אַנטשפּרעכנדיקע ראָלע, נישט נעמענדיק אין אַכט די אַס־פּיראַציעס און אינטערעסן פון די איבעריקע חברים. דאָס פלעגט שאַפן אַ נישט־געזונטע שטימונג אין טעאַטער מיט דער גוטבאַקאַנטער אַקטיאָרי־שער קינאה־שינאה.

דעביוטירט האָבן מיר על־פּי טראַדיציע אין „מירעלע עפראָס״ און אין אַ פּיעסע פון אונדזער „אייראָפּעיִשן״ רעפּערטואַר, אין אַנרי בערנשטיינס „שמשון״, אין וועלכער סאַמבערג און לאַנדע האָבן נישט געשפּילט. אונ־

דזער דעביוט איז נישט געווען קיין געלונגענער, ווייל קיינער פון אונדז איז נישט געווען פאַסיק פאַר זיין ראָל און די פּיעסע איז בכלל געווען פרעמד סיי פאַר אונדזער טעאַטער, סיי פאַרן עולם. מיר האָבן אויף גיך צוגעגרייט נאָך אייניקע פּיעסן און פאַר דער צייט געזוכט עפּעס אַ ווערט־פולע זאַך וואָס זאָל באַרעכטיקן אונדזער אָנקומען אין „צענטראַל“.

איך האָב אַזוי אַרום באַקענט דעם פּרימיטיוון אופן פון רעפּערטואַר־אויסוואַל און די ראַפינירטע מאַכינאַציעס פון דער הינטערקוליסן־פּאָליטיק אין טעאַטער. די טאָנגעבער זענען געווען דער סופלאָר, דער אינספּיציענט און די צוויי דערפאַרענע אַקטיאָרן סאַמבערג און לאַנדע. דער ערשטער מער פונעם צווייטן.

אייזיק סאַמבערג און שמואל לאַנדע זענען געווען די צוויי טאַלענטירטסטע און פּאָפּולערסטע אַקטיאָרן אין פּוילן אין דער צווישנצייט פון ביידע וועלט־מילחמות.

סאַמבערג איז יונגער געווען פון לאַנדען. איז עס אָבער נישט געווען צו דערקענען צוליב זיין אויסזען: אַ גלאַטער, ברייטער שאַרבן, אַ שוואַרץ געשניצט לענגלעך פּנים, פאַרענדיקט מיט אַ שטאַרק אַרויסגערוקטן אונטערשטן געביס. לאַנדע, דאַקעגן, האָט געהאַט אַ קאָפּ פעכשוואַרצע האָר, ברענענדיקע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען און אַ רונדיק, אויסגעפילט פּנים. פלעגן זיי זיך טאַקע ביי יעדער געלעגנהייט קיביצן און צוגעבן איינער דעם צווייטן אייניקע צענדליגג יאָר. לאַנדע פלעגט רופן סאַמבערגן „יונגערמאַנטשיק מיטן פּליך“ און סאַמבערג — לאַנדען: „בויטשיק מיטן געפאַרבטן קאָפּ“.

לאַנדע איז געווען אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און אויסגעמיטן גוט־ברודערשאַפט מיט אַקטיאָרן, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן „אינטעליגענט“ וואָס בלאָזט פון זיך. סאַמבערג איז אָנגעגאַנגען פאַר אַן עמך־מענטש, אַ „נאַש־בראַט“, מיט וועמען מע קאָן זיך דערלויבן אַ שפּאַס, אַ וויץ און טאַקע אַ געפּעפערטן.

לאַנדע איז געווען עלעגאַנט געקליידט; סאַמבערג האָט קאָקעטירט מיט באַהעמישקייט און נישט באַהערשטער פאַלקסטימלעכקייט. לאַנדע פלעגט רעדן געלאַסן, צוריקגעהאַלטן. דער אימפּולסיווער סאַמבערג פלעגט

זיך היצן, זיך באַמיִען איבערצושרייען זיין מיטשמועסער, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט שאַרפער זשעסטיקולאַציע.

ביידע האָבן אָנגעהויבן זייער אַרטיסטישע קאַריערע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה; לאַנדע פריִער, ווי אַ פוילישער אַקטיאָר, אונטערן פסעוודאָנים סטאַלסקי. סאַמבערג — מיט אייניקע יאָר שפּעטער, אין דער טרופּע פון אברהם־יצחק קאַמינסקי, זיינס אַ וויטער קרוב. קאַמינסקי האָט, ווי זיין שטייגער, אים געביטן דעם נאָמען פון סאַמבאַרעק אויף סאַמבערג און אים געגעבן אַ צונאָמען „דאָס יִנגל מיטן באָס“.

הגם לאַנדע האָט באַזעסן אַ וואַרעמע באַריטאָן־שטימע און געשפּילט אויף אייניקע אינסטרומענטן, האָט ער פון דעסטוועגן די ערשטע יאָרן מיט מער חשק געשפּילט אין דראַמאַטישע טרופּעס און אין אַן ערנסטן רעפּערטואַר. להיפוך צו סאַמבערגן, וואָס איז אין דעם פּרט געווען נישט איבערקלייבעריש און געשפּילט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, אַבי די ראָל זאָל „קאָנען געפעלן“.

ווען איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל מיט די ראַפּעלס אין „צענטראַל“־טעאַטער האָט ער געשפּילט אַלע קאָמישע ראָלן, אין וועלכע ער האָט זיך ספּעציאַליזירט נאָך אין רוסלאַנד, אין קלאַראַ יאַנגס אָפּע־רעטע.

סאַמבערג, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע אָריענטאַציע־פעִיקייט, האָט נאָכן דערפאָלג פון „דיבוק“, דער ערשטער אַרויסגעפילט די פאָסיקע קאָניוקטור פאַר ערנסטע פּיעסן און פון אים איז געקומען די איניציאַטיוו צו פאַרוואַנדלען דעם „צענטראַל“ אין אַ דראַמאַטיש טעאַטער. די דאָזיקע איניציאַטיוו האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר מיין צוזאַמענאַרבעט מיט די דאָזיקע צוויי זייער טאַלאַנטירטע און פּאָפּולערע אַקטיאָרן. מיר איז אייניקע יאָר אויך אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען ביי טעאַטער־ און פילם־אַרבעט מיט זייביידן און דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיי נענטער צו באַקענען און אָפּצושאַצן.

סאַמבערג איז געווען פּאָפּולער ביים ברייטן עולם. לאַנדע, דאַקעגן, איז געווען פאַוואָריזירט פונעם פיינשמעקער, וואָס האָט געזען אין אים „איידאָפּעִשקייט“ און טעאַטער־קולטור. לאַנדעס שפּילן האָט געטראָגן

אין זיך שפורן פון אַ סך דערפאַרונג און קולטור, וואָס ער האָט מיטגע־בראַכט פון פוילישן טעאַטער, סובטעלקייט, שפּאָרזאַמקייט אין באַוועגונ־גען, אין אויסערלעכע מיטלען; דאַקעגן סאַמבערג איז געווען נישט גע־צוימט, אימפּולסיוו, פאַרשווענדעריש אין באַוועגונגען, אין עקספּלואַטאַ־ציע פון זיין מעכטיקן קול. לאַנדע איז געווען געמיטלעך; סאַמבערג — באַמבאַסטיש. לאַנדע פלעגט באַווירקן, סאַמבערג ממש טעראָריזירן, פאַרשרייען.

ביידע האָבן זיי געקאָנט שפּילן די זעלבע ראָלן, פלעגן אָבער די מער פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן איבערגעגעבן ווערן סאַמבערגן, וואָס האָט גע־פינען אַ טיפערן אָפּקלאַנג ביי די ברייטע מאַסן. נישט בחינם האָט זיך סאַמבערג אין די שפּעטערדיקע יאָרן רעקלאַמירט פאַר אַ „פאָלקס־אַק־טיאָר". די מאַסן האָבן אים אויפריכטיק ליב געהאַט און געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם מענטשן, להיפוך צו לאַנדען, פון וועלכע ס'האָט געבלאָזן אַ געוויסע קאַלטקייט און צוריקגעהאַלטנקייט.

סאַמבערג האָט אויך געהאַט מער חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט. אַ סך צייט פלעגט ער אָפּגעבן דעם אַרטיסטן־פאַראיין און זיין אָפּט זיין פאָרזיצער. דער צוריקגעהאַלטענער לאַנדע פלעגט אויסמיידן אָנפּי־רנדיקע פּאָזיציעס אין די טעאַטער־ראַטן אָדער אין פאַראיין־אינסטאַנצן; דאַקעגן סאַמבערג האָט זיי געזוכט און ממש נישט געקאָנט אויסקומען אָן זיי. עס פלעגט אים פאַרשאַפן פאַרגעניגן צו פילן זיך, ווי אַ ראָש, אַ דעה־זאָגער. ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן צו רופן, כלומרשט אין שפּאַס, „קייסער". מיט דער צייט האָט זיך דער דאָזיקער צונאָמען איינגעביר־גערט אין דער טעאַטער־וועלט און סאַמבערג האָט זיך ערנסט באַטראַכט פאַרן „קייסער פון ייִדישע אַקטיאָרן".

הגם לאַנדע פלעגט אָפט שפּילן די זעלבע ראָלן וואָס סאַמבערג און אפילו געווען קינסטלעריש אויסגעהאַלטענער און רייפער, פלעגט ער אָבער קיין מאָל נישט ווערן אַנגאַזשירט קיין אויסלאַנד ווי אַ גאַסט־שפּילער; דאַקעגן סאַמבערג האָט, אַ חוץ פוילן, באַרייזט אַ סך ייִדישע ישובים אין דער אַלטער און נייער וועלט און געהאַט גרויס דערפאָלג. נאָך אַזעלכע אויסלענדישע טורנייען פלעגט זיך סאַמבערג אומקערן אַהיים

אַן אויפגעפרישטער, אַ דערמוטיקטער און מיט אַ פרישן רעזערוו פון זיין אומאויסשעפּלעכער ענערגיע· באַגייען זיין געזעלשעפטלעך־קינסטלערישע טעטיקייט.

ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט אויסקומען, איז דער עגאָצענטרישער סאָמבערג געווען ביי דער אַרבעט איבער אַ נייער ראָל ביז גאָר דיסציפּלינירט און צוגלייך מיט לאַנדען געהערט צו די אויפנעמפעיִקסטע און געוויסנהאַפטסטע אַקטיאָרן, מיט וועלכע רעזשיסערן האָבן מיט פאַרגעניגן געאַרבעט. פלעגט טאַקע די פּרעמיערע און די ערשטע פאָרשטעלונגען, וואָס האָבן זיך נאָך געפינען אונטער דער השגחה פון רעזשיסער, זיין ביי סאָמבערגן די געלונגענסטע, אין זין פון אויסגעהאַלטנקייט אין קינסטלערישער מאָס. ווי נאָר אָבער די פאָרשטעלונגען זענען אַרויס פון אונטערן רעזשיסערס השגחה, האָט סאָמבערגס ראָלע אָנגעהויבן צו באַקומען אַן אַנדערע צורה און מיט דער צייט זיך אַזוי דערוויִיטערט פון איר פּרימיטיוון אויסזען, אַז ס׳איז זי פּשוט שווער געווען צו דערקענען. ס׳האָבן זיך דערהערט סאָמבערגס טראַדיציאָנעלע, דונערדיקע קולות, באַגלייט פון נישט־געצוימטע באַוועגונגען; זיין סצענישע געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער האַרמאָנישער גאַנצקייט און אָנגעהויבן צו לעבן אַ זעלבשטענדיק, אומאָפּהענגיק און אייגנאַרטיק לעבן, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ „קייסער״, וואָס האָט קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט די איבעריקע „שטערבלעכע״. ס׳איז געוואָרן אַ ספּעציפישע סאָמבערג־געשטאַלט.

לאַנדע, דאַקעגן, פלעגט טריי בלייבן דער פעסטגעשטעלטער און פאַרפיקסירטער ליניע; ער פלעגט זי מיט יעדער פאָרשטעלונג מער פאַרטיפן און סוף־כל־סוף דערפירן צו אַזעלכע פּערפעקטע קרעאַציעס, מיט וועלכע ס׳האָט געקאָנט שטאָלצירן די בעסטע אייראָפּעיִשע בינע. ער איז געווען אַ מוסטער פון אַן אַנסאַמבל־אַקטיאָר און דער קרעפטיקסטער, פולבלוטיקסטער קינסטלער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין יִידישן טעאַטער.

אויב מיט סאָמבערגן פלעגט, צוליב די דערמאָנטע סיבות, זיין שווער צו שפּילן, האָט אָבער דאָס צוזאַמענשפּילן מיט לאַנדען פאַרשאַפט אַן אמתן נחת־רוח. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך נישט פאַרגע־

שטעלט קיין ערנסט, קינסטלעריש טעאַטער אָנעם אַנטייל פון לאַנדױ. תמיד פאַרן אָרגאַניזירן אַ נייעם סעזאָן פלעג איך מיך קודם־כל ווענדן צו אים. הגם ער איז אין פריוואַטן לעבן אויך נישט געווען פריי פון קאַפּריזן און שטימונגען, וואָס זענען אָפט געווען פאַרדראָסיק, פלעג איך אָבער פאַרגעסן אין דעם, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין לאַנדױ דעם קינסטלער. און אַ קינסטלער איז ער געווען איינער פון די בעסטע וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט פאַרמאָגט.

4

דאָס אייז ווערט געבראָכן

ס׳האָט גענומען אַ צייט ביז דער וואַרשעווער עולם האָט דערפילט די נויטווענדיקייט אין אַן אייגענעם דראַמאַטישן טעאַטער און איינגע־זען, אַז די גרופּע אַקטיאָרן פון „צענטראַל״־טעאַטער איז באַרעכטיקט אים צו שאַפן. אין אַ געוויסער מאָס האָט אויך גורם געווען דערצו דער קריזיס ביי די „ווילנער״, וועלכע זענען נאָכן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג פונעם „דיבוק״ געוואָרן דעזאָריענטירט און נישט געוווסט ווי אַזוי און מיט וואָס אָנצוגיין ווייטער. ס׳איז נישט דער ערשטער פאַל אין טעאַטער, וואָס נאָך אַ גרויסן דערפאָלג, קומט אַ קריזיס, אַ מין אַנטשפּאַנונג אין ענטוזיאַזם, אין אינטערעס, אַפילו אינעם פאַרלאַנג צו באַזוכן אַן אַנדערע פאַרשטע־לונג, גלייך מיט דער פאַריקער וואָלט געזאָגט געוואָרן דאָס לעצטע וואָרט. די אָנפירערשאַפט פון טעאַטער ווערט אין אַזאַ פאַל אָפּהענטיק און באַגייט אָפט מאָל טעותים, פאַר וועלכע זי צאָלט אַ טייערן פּרייז. אין אַן ענלע־כער סיטואַציע האָבן זיך געפינען די „ווילנער״. די פאַרשידענע פּרוּוון האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. די „ווילנער״ האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פּראָווינץ, כדי צו דעקן די דעפיציטן. אַזוי אַרום זענען מיר פאַר־בליבן די איינציקע אין וואַרשע. גראָד איז אונטערגעקומען אַשס „פאַר אונדזער גלויבן״ און מיט דער דאָזיקער פאַרשטעלונג ווערט דאָס אייז גע־

בראַכן. דער עולם הייבט אָן מאַסנווייז צו קומען אין „צענטראַל“, וואָס ווערט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין דער היים פון דראַמאַטישן טעאַטער אין וואַרשע.

דעם דערפאָלג פון אַשס פאָלקסשטיק „פאַר אונדזער גלויבן“ איז צו־צושרייבן דריי פאַקטאָרן: זיין אינהאַלט, וואָס איז געווען אַ רמז אויפן ראַסן־אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט זיך אין יענער צייט פאַרשטאַרקט אין פוילן; סאַמבערגן — אין זיין נייער ראָל און — דעם נייעם אַנסאַמבל פון „צענ־טראַל“־טעאַטער.

די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך דאַן שטאַרק געניי טיקט אין דער־מוטיקונג, אין אַ פּראָטעסט־אַקט, אין אַ צייכן פון ווידערשטאַנד. פון איין זייט האָבן עס געטון פון דער סיים־טריבונע די ייִדישע דעפּוטאַטן, און אַט האָט זיך דערהערט דער זעלבער ווידערשטאַנד־רמז פון די ברעטער פון „צענטראַל“ אין שלום אַשס „פאַר אונדזער גלויבן“. די טעמע האָט אַנטשפּראָכן דער צייט און דאָס איז, ווי באַקאַנט, איינער פון די וויכ־טיקסטע מאָטיוון פאַר אַ דערפאָלג פון אַ פּיעסע.

דער צווייטער פאַקטאָר: סאַמבערג אין דער ראָל פונעם ייִדישן ישוב־ניק, וועלכן מע וויל פאַרטרייבן פון זיין באָדן. אַ נייער סאַמבערג האָט זיך דאָ באַוויזן, אַן אַקטיאָר, וואָס פאַרשטייט, פילט און רייסט מיט דעם צו־שויער. די געשטאַלט פונעם שטאָלצן ייִדישן ישובניק איז געוואָרן די ערשטע פון אַ רייכער גאַלעריע געשטאַלטן, וואָס ער האָט דערנאָך גע־שאַפן און וואָס האָט אים פאַרשאַפט רום אין וואַרשע.

דער דריטער פאַקטאָר: דער אַקטיאָרן־צוזאַמענשטעל פון „צענטראַל“, וואָס האָט נישט געשלאָסן זיינע טירן פאַר נייע, פעיִקע כוחות. מיט דער צייט איז אויך צוגעקומען דער קרעפטיקער אַקטיאָר משה ליפּמאַן, וואָס האָט זיך, קורץ נאָך אונדז, אומגעקערט מיט זיין מישפּחה פון רוסלאַנד, דער רוטיניִרטער און געוויסנהאַפטער בן־ציון פאַלעפּאַדע און וו. גאָדיק, וואָס האָט ביז דאַן אַרומגעוואַנדערט איבער דער פּראָווינץ. גאָדיקס לע־בנסוועג, זיין טעאַטער־קאַריערע שטעלט מיט זיך פאַר אַן אינטערעסאַנטן מוסטער פון אַ שטורמיש לעבן, וואָס איז ביים העכסטן שטאַפּל פון דער־פאָלג פּריצייטיק געוואָרן פאַרשניטן.

מ׳האָט אים גערופן פאַרצויגן „דאָס גאָדיקל״, נישט צוליב זײַן ני־דעריקן װוקס, אָדער אומשולדיקן אויסזען, נאָר מחמת זײַן לײַכטזיניקייט. נישט געװוען די זאַך װאָס גאָדיק זאָל האָבן גענומען ערנסט: נישט זײַנע נאָענטסטע חברים, נישט זײַן שפּילן טעאַטער, נישט דעם עולם, נישט אַפילו זײַן װײַב, מיט װעלכער ער האָט חתונה־געהאַט, װי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צוליב אַ קאַפּריז און אין גיכן זי געלאָזן אַלײן מיט אַ קלײן קינד. צופּעליק, צוליב אַ ראָמאַן מיט אַ חברטע פון װאַרשעװער „הזמיר״ האָט ער זיך דערנענטערט צו די יידישע קרײַזן און צופּעליק איז ער גע־װאָרן אַ יידישער אַקטיאָר.

אָנצוקומען אין רוסישן טעאַטער האָט אים געשטערט זײַן פּױלישער אַקצענט, צום פּױלישן טעאַטער — זײַן יידישע אָפּשטאַמונג; איז ער, באין־ברירה, געבליבן בײַם יידישן, אויסטײַלנדיק זיך פון די איבעריקע מיטשפּילער מיט זײַן פּױלישן אַקצענט, מיט װעלכן אַ סך פּױליש־רעדנדיקע יידישע אַקטיאָרן האָבן ליב געהאַט צו קאָקעטירן.

ער האָט, אײגנטלעך, באַזעסן אַלע מעלות פאַר אַן אָפּערעטן־אַקטיאָר: אַן אינטערעסאַנט באַװעגלעך פּנים מיט גרױסע, אױסדרוקפֿולע, העלע אױגן, אַן אָנגענעמע שטימע, לײַכטקײט, עלעגאַנט און אַ ספּעציעלע פּעי־קײט אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיטן עולם, — פּלעגט ער זיך אָבער זעלטן אָנגאַזשירן אין אַן אָפּערעטן־טעאַטער. אײניקע יאָר האָט ער מיטגעשפּילט מיט מיר, געװען פון די ערשטע „װיקט״־אַרטיסטן און מיט דער גרינדונג פון קינסטלערישן רעװי־טעאַטער „אַזאַזעל״, איז ער געװאָרן זײַן קאָנ־פעראַנסיע און ערשטער אַקטיאָר. דער „אַזאַזעל״ האָט אים אין אַ קורצער צײַט געשאַפן גרויס פּאָפּולערקײט, װאָס דאָס דראַמאַטישע טעאַטער האָט אים במשך פון יאָרן נישט געקאָנט געבן.

אין גיכן לאָזט ער זיך איבער דער װעלט צוזאַמען מיטן נײַעם שטערן אַלאַ ליליט, באַזוכט אַמעריקע און קערט זיך אום קײן װאַרשע װי אַן אמתער זיגער... אַלאַ ליליט האָט אָבער מער מיט אים נישט צוזאַמענגעאַרבעט און איז שנעל צוריק אַװעק קײן אַמעריקע, אַלײן, אָן אים. דער העל־אויפ־געגאַנגענער שטערן פון גאָדיקן האָט אָנגעהויבן צו צאַנקען און די צװײטע װעלט־מילחמה האָט אים שוין געטראָפן אַ יורד.

וואָלט איך מיך איבער זיין פּערזאָן ספּעציעל נישט אָפּגעשטעלט, ווען נישט די מערקווירדיקע מעטאַמאָרפאָזע וואָס איז געשען מיט גאָדיקן נאָך דער מילחמה און די קאָפּשווינדלערישע עליה וואָס ער האָט מיטגע־מאַכט אינעם נאָכמילחמהדיקן פּוילישן טעאַטער. גאָדיק איז, ווי אַ גרוי־סער טייל יידישע אַקטיאָרן, ביים אָנהייב מילחמה אַריבער קיין רוסלאַנד, דאָרט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים אין יידיש, רוסיש און פּויליש און צום סוף זיך אומגעקערט מיט דער פּוילישער אַרמיי קיין לובלין, ווי אַ מיליטערישער אַקטיאָר.

און אָט, גאָר אומגעריכט פאַר אים אַליין, הייבט זיך אָן זיין אויפ־שטייג, וואָס האָט אים דערפירט צום אויבנאָן פון פּוילישן טעאַטער אין וואַרשע. ווען איך האָב לכתחילה געהערט, אַז מע פאַרגלייכט אים צום גרויסן מייסטער, דעם נעסטאָר פון דער פּוילישער בינע, לודוויק סאָלסקי, און מע האַלט אים פאַר זיין ממלא־מקום, האָב איך מיט אַ שמייכל אויפ־גענומען די דאָזיקע ידיעה. כ׳האָב געדענקט, ווי גאָדיק פלעגט זיך קאָטע־גאָריש אָפּזאָגן צו שפּילן כאַראַקטער־ראָלן מיטן אויסרייד, אַז ער פילט זיי נישט, אַז ער איז מסוגל צו שפּילן נאָר זיך און ער, פלעגט ער זיך ווינצלען, האָט דאָך קיין כאַראַקטער נישט... פלוצים ווערט ער געקרוינט פאַרן בעסטן כאַראַקטער־אַקטיאָר אינעם נייעם פּוילן, ווו טעאַטער־קונסט, כידוע, ווערט גענומען זייער ערנסט... איך האָב מיך פון דעסטוועגן סקעפּ־טיש באַצויגן צו די אַלע קלאַנגען, ווי צו די באַגייסטערטע פרעסע־אָפּ־רופן, ביז איך האָב נישט געזען די געלעגנהייט, ביי מיין באַזוך אינעם נאָכמילחמהדיקן פּוילן, זיך פּערזענלעך איבערצוצייגן אין דער ריכטיקייט פון די דאָזיקע קלאַנגען.

איך האָב אים געזען, אַרומגערינגלט מיט די בעסטע פּוילישע אַק־טיאָרן, שפּילן די הויפּטראָל אין גאָרקיס „שונאים״ און ס׳האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נייער גאָדיק, נישט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין פּרי־וואַטן לעבן. דער באַנייטער גאָדיק האָט זיך פאַרוואַנדלט פאַר מיר אין אַ רעטעניש, וואָס ס׳איז מיר עד־היום נישט געלונגען אויפצוקלערן. קלאָר, אַז דער טאַלענט איז אים נישט פלוצים אַראָפּגעפאַלן פון הימל און אַז ער האָט אים תמיד באַזעסן. פאַרוואָס־זשע איז ער די גאַנצע צייט נישט גע־

קומען צום אויסדרוק? טאַלענט איז דאָך נישט קיין סטאַטישער באַגריף, וואָס קאָן קאָנסערווירט ווערן אין אַ פאַרפרוירענעם צושטאַנד און נישט מאָנען ביי זיין באַזיצער אים צו געבן אַ תיקון. אמת, אָפט נייטיקט זיך טאַלענט אין סביבה, געלעגנהייט, שטויסקראַפט, האָט דאָך דאָס גאַדיקן במשך פון אַ סך יאָרן פון זיין טעאַטער־אַרבעט נישט געפעלט. פאַרקערט, די געלעגנהייט פלעגט אים אָפט מאָל אָנגעוואָרפן ווערן און ער פלעגט זיך פון דעסטוועגן עקשנותדיק אַרויסדרייען פון איר. נישט אַנדערש, אַז די דאָזיקע אַנטפּלעקונג איז געקומען צום אויסדרוק גלייכצייטיק מיט דער ענדערונג אין זיין כאַראַקטער, אין זיין וועלטבאַנעם. נישט אַנדערש, ווי דער חורבן פונעם פּוילישן יידנטום האָט משפּיע געווען אויף אָט דער דאָזיקער ענדערונג און אַרויסגערופן דעם שאָק, וואָס האָט אים פּסיכיש איבערגעפורעמט און באַנייט. ער איז עס דאָך אויך, ווי געזאָגט, געוואָרן אין זיין פּריוואַטן לעבן. הגם די ווייסע האָר האָבן ווייניק געעלטערט זיין אַמאָליקן יוגנטלעכן אויסזען, איז אָבער דער בליק פון די תמיד־שעלמישע אויגן פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שלייער פון מעלאַנכאָליע און רעזיגנאַציע. צי האָט זיך עס געטומען פון זיין קראַנקייט, אויף וועלכער ער האָט זיך באַקלאָגט, צי פונעם איבערלעכן אומרו און מורא פאַרן מאָרגן, וואָס האָט זיך אַרויסגעפּילט פון זיינע רייד, — איינס איז געווען קלאָר: דאָס אַמאָ־ליקע „גאָדיקל" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן ערנסט־דענקענדיקן און פילנ־דיקן מענטש, וואָס באַדויערט זיין לייכטזיניק־פאַרשווענדעטע יוגנט.

ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך קלייב זיך צו פאָרן קיין ישראל, האָט ער ממש אויפגעלעבט, מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אויס־געריפן:

— „פאָר, אָרגאַניזיר דאָרט אַ טעאַטער און נעם מיך אַראָפּ קיין ישראל. איך האָב דאָך דאָרט אַ זון"...

אויף מיין פראַגע, צי ער וואָלט אויף אַן אמת געוואָלט פאַרביטן אַזאַ גוטע פּאָזיציע און פּאָפּולערקייט אין פּוילן, כדי אָנצוהייבן אין ישראל פון דאָס ניי, האָט ער מיר געענטפערט:

— „איך האָב נישט קיין סיבה צו לייקענען פאַר דיר. איך האָב דאָ טאַקע אַלץ און נאָך מער, ווי אַן אַקטיאָר קאָן זיך עס ווינטשן; איך פיל

מיך אָבער פרעמד, פאַרשטייסט? עס פעלט מיר דאָס, אויף וואָס איך בין פאַר דער מילחמה נישט געווען קיין מבין און אַפילו אָפּגעחוזקט דערפון. איצט, ווען ס׳איז פאַרשוווּנדן, האָב איך דערפילט, אַז עס פעלט מיר. אין ישראל, בין איך זיכער, וואָלט איך עס צוריקגעפונען״...

גאָדיקן איז אָבער שוין נישט באַשערט, געווען צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן באַגער. אַ קורצע צייט נאָך מיין אָפּפאָרן פון פוילן איז ביי אים פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ קאַנסער, וואָס האָט אים שוין נישט אַראָפּ־געלאָזט פון בעט. פאַר זיין טויט האָט ער געבעטן די ייִדישע חברים אים צו ברענגען צו קבורה בשכנות פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. ליידער איז דער דאָזיקער לעצטער פאַרלאַנג זיינער נישט דערפילט געוואָרן. גאָדיק האָט געפינען זיין אייביקע רו אויפן מיליטערישן בית־עולם פונעם נייעם פוילן, ווו ער איז באַערדיקט געוואָרן מיט אַלע מיליטערישע כיבודים...

**
*

דער „צענטראַל״־טעאַטער האָט זיך בהדרגהדיק פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרביקן אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו פון אַלטע און יונגע כוחות, פון וועלכע עס האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום אויסקריסטאַליזירט דער האַרמאָנישער אַנסאַמבל פונעם ערשטן „וויקט״.

ווי אַ מיטגליד פונעם קינסטלערישן ראַט פון „צענטראַל״־קאָלעקטיוו, האָב איך מיך באַמיט איינצופירן געוויסע רעפאָרמען סיי אינעם אויסוואַל פונעם רעפּערטואַר, סיי אינעם אופן אַרבעט איבער אים. די דערפאַרונג וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון רוסישן טעאַטער, איז מיר אין דעם פאַל שטאַרק צונוץ געקומען. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער, האָט מען פאַרן צוטרעטן צו פּראַקטישע רעפּעטיציעס, זיך באַמיט אַרומצורעדן די פּיעסע און די פּער־סאָנאַזשן, וואָס האָט זיך מיט דער צייט, מיטן אָנקומען פון די מאָדערנע רעזשיסערן, פאַרוואַנדלט אין די אַזוי־גערופענע אַנאַליטישע טיששמועסן.

אויך אַ נייעס אינעם ייִדישן טעאַטער איז געווען דאָס רעזשי־בוך, מיט וועלכן איך פלעג קומען צו די רעפּעטיציעס. ביז דאַן איז די אַרבעט פונעם רעזשיסער, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פונעם ערשטן אַקטיאָר, באַ־

שטאַנען אינעם אַנווייזן ווו צו שטיין און ווו צו גיין, לאַזנדיק דעם צענ־טער פון דער בינע פאַר זיך. וועגן אַן אויסטייטשונג פון אַ ראָל, וועגן שייכות פון איין פּערסאָנאַזש צום צווייטן, וועגן אַ האַרמאָנישן צוזאַמענ־שפּיל, וואָס זאָל אַרויסברענגען די הויפּט־אידייע פון דער פּיעסע, וועגן דעם עולם, — איז קיין רייד נישט געווען.

דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפּירט מאָדערנע רעזשי אינעם ייִדישן טעאַטער, איז געווען, ווי געזאָגט, דוד הערמאַן. די מעטאָדן אָבער פון זיין אַרבעט זענען געווען מער צוגעפּאַסט פאַר אַ סטודיע, אָדער דראַמקרייז. הערמאַן איז אין זיינע רעפּעטיציעס געווען אַ טרוימער, אַ זוכער, אַ פאַר־שעו, אַן אימפּראָוויזאַטאָר, פלעגט זיך דאָס געשאַפענע דורך אים היינט, סותר זיין מיטן געשאַפענעם נעכטן. דאָס האָט דעזאָריענטירט דעם פּראָ־פעסיאָנעלן אַקטיאָר, וואָס האָט, ביי זיין גאַנצער אַכטונג צו הערמאַנען, נישט גערן געאַרבעט מיט אים.

מיט מיין איינפירן אַ רעזשי־בוך אינעם ייִדישן טעאַטער, פלעגט די אַרבעט פונעם אַקטיאָר אויף די רעפּעטיציעס זיין לייכטער און במילא פּראָ־דוקטיווער. ס׳האָט אויך אַרויסגערופן צו מיר — דעם ייִנגסטן אין יענער צייט פון קאָלעקטיוו — צוטרוי מצד די חברים און אויך די געהעריקע באַציִונג, וואָס איז די נשמה אין דער צוזאַמענאַרבעט פון אַ רעזשיסער מיט זיין קאָלעקטיוו.

אינעם כאַאָס וואָס האָט ביז דאַן געהערשט אינעם ייִדישן טעאַטער פלעגן זיך טרעפן קוריאָזן, אַז מיטגלידער פון איין מישפּחה, וואָס זענען געווען די פּערסאָנאַזשן פון אַ באַשטימטער פּיעסע, פלעגן רעדן אויף פאַר־שידענע דיאַלעקטן: איר האָט געקאָנט טרעפן טאַטע־מאַמע, לאָמיר זאָגן, רעדנדיק אַ פּוילישן ייִדיש, זייערע קינדער — אַ ליטווישן, צי גאַליציאַנער און וואָלינער ייִדיש. אַ ווילדער מישמאַש פון רעגיאָנאַלן רעדנס־אַרט און פאָנעטיק. איך האָב געלייגט זייער אַ סך אַכט אויף דער איינהייטלעכקייט פון שפּראַך, האַלבנדיק פאַר זיך אַזאַ באַלערנדיקן מוסטער ווי די „וויל־נער“.

די בינע דאַרף זיין דער אוניווערסיטעט אויף צו דערלערנען אַ שפּראַך און אויף צו אַנטפּלעקן איר רייכקייט און שיינקייט. דער ייִדישער אַק־

טיאַר, וואָס איז געווען אין די קינדעריאָרן פונעם יידישן טעאַטער אַ האַל־בער אַנאַלפאַבעט, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט דינען פאַר קיין מוסטער אין דעם פרט. ס׳איז אים אויסגעקומען אויפצוקלערן, לערנען, אין ערגסטן פאַל — אַרויפצווינגען מיט כוח.

געווען אַ ווילנער אַקטיאָר, לייב שריפטזעצער, איינער פון די ערשטע און גלענצנדיקסטע שלום־עליכם־רעציטאַטאָרס. זיין רעדן אויף דער בינע איז געווען אַ מוסטער פון קולטיווירטער שפּראַכשיינקייט, אָבער אויס־שליסלעך פונעם ספּעציפישן ווילנער יידיש. ווען ער פלעגט אַנטיילנעמען אין אַ פרעמדן, נישט־ווילנער אַנסאַמבל, פלעגט ער אָבער זיין אַ גרילצנ־דיקער דיסאָנאַנס און בפירוש שאָקירן. צופּאַסן זיך צו דער שפּראַך פון די מיטשפּילער האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט. דעריבער פלעגט ער זעלטן שפּילן מחוץ ווילנע. איך האָב אים נישט איין מאָל געוואָלט האָבן אין „וויקט״, אָבער ער פלעגט נישט איינגיין צוצופּאַסן זיך צו אונ־דזער בינע־שפּראַך. נישט איין סעזאָן איז ער אַרומגעגאַנגען אָן טעאַטער־אַרבעט, באַגנוגנדיק זיך בלויז מיט רעציטאַציע־אויפטריטן. דאָס לעצטע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער „וויקט״ איז אַרויס מיט זיינע גאָלדפאַדן־אויפפירונגען, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון שריפטזע־צערן פון ווילנע. אינעם דאָזיקן בריוו האָט ער אויסגעדריקט זיין ווונטש מיטצואַרבעטן מיט אונדז און באַטאָנט זיין גרייטקייט צוצופּאַסן זיך צו אונדזער בינע־שפּראַך. איך וואָלט מיך זיכער געפרייט פון דער דאָזיקער צוזאַמענאַרבעט, האָט אָבער דער אויסברוך פון דער מלחמה צוגענומען ביי אונדז יעדע פרייד צוגלייך מיטן רעכט אויף לעבן. לייב שריפטזעצער איז מער פון ווילנע נישט אַרויס.

***

נאָך איין רעפאָרעם איז אַדורכגעפירט געוואָרן אינעם דעמאָלטיקן „צענטראַל״־טעאַטער. אַ מין רעוואָלוציע אין דער ראָלן־באַזעצונג. אויך אויף דעם געביט האָבן געגעבן אַ ביישפּיל די „ווילנער״, ביי וועלכע די קלענסטע ראָל, אָדער עפּיזאָד איז געווען נישט ווייניקער וויכטיק פון דער הויפּטראָלע. דאָס האָט זיי שוין ביי זייער ערשטן אויפטריט אין וואַרשע

אין קאַברינס „דאָרפסיונג“ געשאַפן פרעסטיזש און אַכטונג. ס׳איז געווען אַן אַרויספאָדערונג צום אַלטן יידישן טעאַטער, ווו אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום דער צענטראַלער פיגור, דעם „סטאַר“ און געהיט זיך, חלילה, אים נישט צו שטערן...

מיטן באַפרייען זיך פונעם דאָזיקן נישט־געזונטן סיסטעם, האָבן מיר זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסגעשפּראָכן האַרמאָנישן אַנסאַמבל־טעאַטער, ווו אויף דער קלענסטער ראָלע, אָדער עפּיזאָד ווערט געלייגט נישט ווייניקער אַכט, ווי אויף דער הויפּטראָל. די ערשטע לעקציע פונעם דאָזיקן כלל האָב איך בשעתו באַקומען ביי גלאַגאָלינען, אין כאַרקאָווער רוסישן מלוכה־טעאַטער, שפּילנדיק דעם עפּיזאָד פונעם פוילישן פּריץ אין טשיריקאָווס „יידן“, וועלכער געפינט זיך אויף דער בינע קוים 15 מינוט. זעענדיק די רעאַקציע פונעם עולם איז מיר קלאָר געוואָרן די וויכטיקייט פונעם „עפּיזאָד“ אינעם טעאַטער און דער דאָזיקער „אַמפּלואַ“ איז מיר געוואָרן נאָענט צום האַרצן. איך האָב געחלומט וועגן אַ טעאַטער, אין וועלכן איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו טון די פּרעציזע אַרבעט פון אַן עפּיזאָדן־אַקטיאָר. האָט דאָך אין דייטשלאַנד, אין ריינהאַרדס צייטן עקזיסטירט דער בכבודיקער זשאַנער פונעם עפּיזאָדן־אַקטיאָר, וועלכן ס׳האָבן רעפּרעזענטירט די גדולים פון דער דייטשער בינע.

אין יידישן טעאַטער, ביזן אָנקומען אין „צענטראַל“, איז עס מיר געווען אוממעגלעך צו דערגרייכן; די טרופּע פלעגט באַשטיין פון אַ באַגרענעצטער צאָל אַקטיאָרן, וואָס זאָל קאָנען אויסטראָגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל. פלעגן די קלענערע נישט גענומען ווערן אין אַכט. ערשט מיטן שאַפן פון אַ פאַרגרעסערטן אַנסאַמבל־קאָלעקטיוו אין „צענטראַל“, האָב איך די דאָזיקע מעגלעכקייט געפונען און זי טאַקע אויסגענוצט מיט פאַרגעניגן ביי יעדער געלעגנהייט. אַזוי איז געווען „פאַר אונדזער גלויבן“, אַזוי אין „מאָטקע גנב“, אין „סערקעלע“, אַזוי האָב איך מיך אין די שפּעטערע יאָרן נוהג געווען אינעם בראַזיליאַנער טעאַטער און אַזוי בין איך מיך נוהג ביז היינטיקן טאָג.

5

וואַרשע — דער גרויסער קולטור־צענטער

אַז איך וואַרף אַ בליק אויף יענער תקופה, אויפן אָנהייב פון די צוואַנ־ציקער יאָרן, ווען איך בין צוגעטראָטן צו זעלבשטענדיקער טעאַטער־אַרבעט, קאָן איך מיך נישט באַפרייען פונעם געפיל פון באַוווּנדערונג פאַר דעם דינאַמישן אימפּעט, מיט וועלכן דאָס יידישע וואַרשע האָט אָנ־געהויבן בויען און פונאַנדערבויען איר קולטור, דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן.

אין זכרון קומען אויף געשטאַלטן, פּערזענלעכקייטן, גוט־באַקאַנטע און אַזעלכע, וואָס איך האָב ביז דאַן נישט געקענט; אָט שאַפן זיך אינס־טיטוציעס; אָט צעמענטירן זיך פּאַרטייען; ס'דערהערן זיך דרייסטע לאָ־זונגען, וואָס רופן צו אַקטיוויקייט, צו אָרגאַניזירטקייט, צו שעפערישקייט. גלייך וואַרשע וואָלט מאָביליזירט די ווערטפולסטע עלעמענטן פון פּוילישן יידנטום, צונויפגעזאַמלט זיי פון אַלע געביטן פון לאַנד און אויסגעפורעמט אַ גייסטיקן כוח, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער שוואַרצער פּעסט פון דער פּוילישער רעאַקציע. ס'איז געווען ווי אַן אַרויספאָדערונג קעגן שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם, אַ זעלבסטשוץ און קאָנסאָלידירונג פון די נאַ־ציאָנאַלע כוחות, אַ דעמאָנסטראַציע פון זייער וויטאַליטעט און אייגנאַר־טיקייט.

ווילנער ליטע, מזרח־און מערב־גאַליציע, וואָלין, פּאָלעסיע, — אַלע טיילן פונעם נייעם פּוילן האָבן צוגעשטעלט די ווירדיקסטע קעמפער פאַר זייערע לאָקאַלע און אַלגעמיין־יידישע אינטערעסן. זייערע מוטיקע שטי־מען האָבן זיך דערהערט פון דער סיים־טריבונע, דורך דער פּרעסע און דורך געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס, נישט געקוקט אויף אידעאָלאָגישע און פּאַרטייאישע מיינונג־פאַרשידנקייטן און אַנטאַגאָניז־מען, האָבן זיך די נייע באַוועגונגען אין גיכן פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּאָ־נירנדיקער, אייגנאַרטיקער קראַפט, וואָס האָט ווירדיק רעפּרעזענטירט דאָס פּוילישע יידנטום.

די טעגלעכע צייטונגען, וואָכנשריפטן, חודשלעכע און פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון אַלע ריכטונגען אינעם יונגן פּאָליטישן לעבן; ליטעראַרישע זשורנאַלן, אַ חוץ די גלענצנדיק־רעדאַקטירטע ספּעציעלע זייטן פאַר ליטעראַטור און קונסט, מיט וועלכע די טעגלעכע צייטונגען פלעגן איין מאָל אין וואָך מהנה זיין זייערע לייענער; ספּאָרט־אויסגאַבעס און פּאַרטייאישע ביולעטינען.

ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ נעץ פון שולן פון אַלע ריכטונגען, אָוונט־קורסן, פּאַכשולן, כאָרן, קונסט־אויסשטעלונגען, דראַמקרייזן, וואָס האָבן געגרייט צוקונפטיקע אַקטיאָרן און טאַקע אַ נייע אוידיטאָריע פאַר אַן ערנסטן טעאַטער.

אַ נעץ פון ביבליאָטעקן, געזעלשאַפטלעכע, פּאַרטייאישע און פּריוואַטע; רעפעראַטן, דיסקוסיע־אָוונטן פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און קינסטלעריש־דערציִערישן כאַראַקטער.

ס׳האָט זיך געגרינדעט די „קולטור־ליגע״ מיט ד״ר משה זילבערפאַרב בראָש, וואָס האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער־מאַסן און האַלב־אַסימילירטער אינטעליגענץ; קולטור און פאַכפאַראייגען, בראָש מיטן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, און אַרטיסטן־פאַראיין, אויף לעשנע 2, וואָס האָבן געדינט ווי אַ זאַמל־פּונקט פאַר די מיטגלידער און געסט, וואָס פלעגן תמיד שטראָמען פון אַלע עקן וועלט אין דער מעטראָפּאָליע פון ייִדישן לעבן אין פּוילן.

נו, און טלאָמאַצקע 13 איז דאָך געווען אַ שם־דבר אין דער ייִדישער קולטורוועלט. אַ דינאַמישע, פרייִלעכע, גייסטרייכע סביבה. אַן אַדרעס, וואָס האָט רעפּרעזענטירט, קאָנטראָלירט און באַווירקט אַ שטיק ייִדיש לעבן אין פּוילן און אין ייִדישע ישובים מחוץ פּוילנס גרענעצן. אין דער דאָזיקער סביבה איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָנצופירן מיט אַן ערנסטן טעאַטער געווען פילפאַך שווערער און במילא געשאַפן אַמביציע און חשק צו פאַרמעסט.

איז טאַקע דאָס אחריות־געפיל געווען נאָך שטאַרקער ווען מיר זענען, נאָכן דערפאָלג פון „פאַר אונדזער גלויבן״, צוגעטראָטן צו דער אַרבעט איבער מאָליערס „קאַרגן״. אַן ערשטער טריט צו „אייראָפּעיִשקייט״. —

מיין אַמאַליקער חלום, וואָס האָט אויך באַדאַרפט דינען ווי מיין רעזשיסע־רישע וויזיט־קאַרטע.

אהרן איינהאָרנס איבערזעצונג פון „קאָרגן" האָט זיך שוין פון לאַנג געפינען ביי דער דירעקציע פון „צענטראַל"־טעאַטער. ס'האָט זיך אָבער קיינער נישט געוואָלט צורירן צו איר, אַפילו נישט דער דרייסטער סאַמ־בערג, וואָס האָט אין האַרפּאַגאָן געזען אַ „שלאַגערראָל" פאַר זיך. די סביבה איז געווען פאַר אים צו גוייִש, צו אַריסטאָקראַטיש; די מענטשן — ווייטע, פרעמדע. און בכלל — גיין קאָנקורירן מיטן פּוילישן טעאַטער, מיט סאָלסקין, וועלכן פּוילן פלעגט באַוווּנדערן אין האַרפּאַגאָן...

און אָט נעם איך מיך אונטער אויפצופירן די קאָמעדיע און שטרייך אונטער די וויכטיקייט פון אַריינפירן די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטע־ראַטור אין אונדזער רעפּערטואַר. לכתחילה האָט מען זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צום דאָזיקן פּלאַן, קאַלקולירט וויפל ס'דאַרפן קאָסטן די קאָס־טיומען, די אויסשטאַטונג און בפירוש אויסגערעכנט דעם דעפיציט וואָס שטייט פאַר דעם טעאַטער. אונדזערע חסידים אָבער פון טלאָמאַצקע 13 מיט שלמה מענדעלסאָנען בראָש און בעיקר דער איבערזעצער אהרן איינ־האָרן, האָבן שטאַרק צוגערעדט די דירעקציע צום דאָזיקן שריט און מ'איז סוף־כל־סוף איינגעגאַנגען דערויף, אָבער מיט אַ שווער האַרץ. אַקטיאָרן האָבן זיך אין האַרצן געבייזערט אויפן חוצפּהדיקן „יינגל" און פאַרויס־געזען אַ דורכפאַל, וואָס וועט אָפּקילן זיינע „ליטעראַרישע פאַנטאַזיעס".

און ס'איז געווען אַ געוואַגטקייט פון מיין זייט איינצושפּאַנען אַק־טיאָרן אין אַ נישט־געוויינטלעכער אַרבעט; צווינגען זיי זיך אָפּצוזאָגן פון זייער שאַבלאָנעם אופן רעדן, פון נישט־קאָנטראָלירטע און צופעליקע באַוועגונגען, אַרויסצוברענגען אַן איינהייטלעכן און נייעם סטיל, וואָס ווייזט זיך זיי אויס צו זיין געקינצלט, אַפעקטירט, „נישט־נאַטירלעך"... די זיכערקייט אָבער מיט וועלכער איך בין צוגעטראָטן צו די רעפּעטיציעס און טאַקע דער שוין־דערמאָנטער רעזשי־בוך האָט ביסלעכווייז געבראַכן דאָס אייז און אַקטיאָרן זענען, קעגן זייער ווילן, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר און ס'האָט זיך געשאַפן דער

קעגנזייטיקער צוטרוי צווישן אַקטיאָר און רעזשיסער, וואָס איז דער דאָ־מינירנדיקער פֿאַקטאָר אין דער טעאַטער־שאַפֿונג.

איצט האָט זיך געהאַנדלט וועגן צופּאַסן די קאָמעדיע צום געשמאַק און אויפֿנעמפֿעיִקייט פֿון אונדזער עולם; צו באַווייזן נישט בלויז אַ בילד פֿון אַ באַשטימטן יחיד, אַ קמצן, נאָר אַרויסברענגען די עצם קאָרגשאַפֿט אין איר גאַנצער לעכערלעכקייט און שעדלעכקייט. איך האָב קיין רגע נישט פֿאַרגעסן אָן מיין אודיטאָריע און זיך באַמיט אויסצוגעפֿינען אָן אינערלעכע און אויסערלעכע אויסדרוק־פֿאָרעם, וואָס זאָל זיך גרינגער לאָזן „פֿאַרדייען".

איך האָב מיך באַמיט צו געפֿינען אַ סינטעז פֿון מאָליערן און מאָ־דערנע אויסדרוק־מיטלען. די פֿיגורן, וואָס מאָליער האָט גענומען פֿון לעבן און טעאַטראַליזירט, האָב איך איבערגעפֿלאַנצט אויף אונדזער בינע און צוגעגעבן זיי אַ באַשיידענע, נייטראַלע ראַם, וואָס זאָל נאָך בולטער מאַכן זייער טעאַטראַלישקייט. אויסנוצנדיק מעגלעכע סצעניש מיטלען, האָב איך מיך באַמיט אַרויסצוברענגען כאַראַקטער דורך קאָמישע סיטואַציעס און לצוואָטע שמד־שטיק. פֿונעם שלל בונטקייט, פֿאַרביקייט און שפּי־לעווודיקן גראָטעסק, האָט זיך באַדאַרפֿט נאָך בולטער אַרויסשיילן די גראָע, טרוקענע, איינגעקאָרטשעטע געשטאַלט פֿונעם קאָרגן האַרפּאַגאָנען, פֿון דער קראַנקייט וואָס רופֿט זיך קמצנות. אין מיינע פּראָיעקטן צו דער דע־קאָראַציע און מעבל האָב איך זיך אַפֿילו באַמיט צו שאַפֿן אַן אויסערלעכע פֿאָרעם פֿאַר דער דאָזיקער קמצנות: אַ פּוריטאַנישער אינטעריאָר, אַן אַ באַשטימטן סטיל, גראָ, גלאַט, סכעמאַטיש, איינטאָניק, וואָס זאָל מיט דער קאָרגשאַפֿט אין ליניעס שאַפֿן אַן אַנטשפּרעכיקע אַטמאָספֿער פֿאַר קמצנות פֿונעם באַלעבאָס און אַ שרייענדיקן קאָנטראַסט צו די אַספּיראַציעס פֿון זיינע קינדער.

די פּרעמיערע אין „צענטראַל" איז פֿאָרגעקומען אין אויגוסט 1921 און דער דערפֿאָלג האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. דער ענטו־זיאַזם פֿון זאַל האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער בינע. מ'האָט זיך גראַ־טולירט, געקושט און געשפּרונגען פֿאַר פֿרייד. מיין גרעסטע באַלוינונג האָב איך דעם אָוונט באַקומען פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקי, וואָס האָט אין אַ

זייטיקער לאָזשע זיך צוגעקוקט צו דער פאָרשטעלונג. זי איז אַרויף צו מיר און אָן ווערטער זיך צעקושט. אין דעם קוש איז געווען ליבע פון אַ מאַמע, אָנערקענונג פון אַ חברטע, סמיכה פון אַ קינסטלערין און דערמוטיקונג מצד אַזאַ פאַרדינסטפולער טעאַטער־פּערזענלעכקייט.

דעם דערפאָלג פונעם אָוונט האָט אויך געטיילט ש. לאַנדע. אין דער ראָל פונעם קוטשער־קוכער זשאַק האָט ער געגעבן אַ פולבלוטיקע, פאַר־ביקע מאָליערישע געשטאַלט, וואָס האָט קיין גלייכן צו זיך אין יידישן טעאַטער נישט געהאַט. ער וואָלט אויך מיט דער דאָזיקער קרעאַציע זיך נישט פאַרשעמט אויף קיין שום גרויסער בינע.

פון דעמאָלט אָן געהערט „דער קאַרגער" צו די רעפּרעזענטאַטיווע פּיעסן אין מיין רעפּערטואַר און איך שפּיל אים אומעטום, ווו די וועגן פונעם יידישן טעאַטער פאַרפירן מיך. די זעלבע אויפפירונג איז בשעתו באַנייט געוואָרן דורך מיר אין „וויקט", ווו זי איז געוואָרן אַ צירונג אין זיין קינסטלערישן אַקטיוו.

איך בין נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט געשפּילט האַרפּאַ־גאָן אין יידישן טעאַטער. נאָך זיין פאַרלאָזן דעם „צענטראַל", האָט אויך סאַמבערג אָנגעהויבן צו שפּילן דעם „קאַרגן" ביי זיינע גאַסטראָלן אויף דער פּראָווינץ און אין אויסלאַנד.

ביי מיין טורניי איבער די לאַטיינאַמעריקאַנער לענדער, פלעג איך געבן פראַגמענטן פון „קאַרגן" מיט אסתר פּערעלמאַן אין דער ראָל פון פראַזינע. אין די לעצטע יאָרן האָט אין די זעלבע פראַגמענטן געשפּילט פראַזינא מיין פרוי, ראָזאַ טורקאָוו.

6

צווישן די „ווילנער" און „צענטראַל"

נישט געקוקט אויפן גרויסן דערפאָלג פון „קאַרגן", איז פון דעסט־וועגן די צאָל פאָרשטעלונגען זיינע געווען קלענער פונעם פאָלקסטימלעכן „פאַר אונדזער גלויבן". דאָס טעאַטער האָט זיך געגייטיקט אין אַ נייער

אויפפירונג, וואָס זאָל, אויב נישט אַריבערשטייגן דעם „קאַרגן", איז לכל-הפחות נישט בלייבן הינטערשטעליק פון אים. און אָט האָט זיך געשאַפן דער טראַדיציאָנעלער קריזיס, ווען אַ טעאַטער טרעט צו צו דער אַרבעט אָן אַ פּאָרויס־באַשטימטן, צוגעגרייטן אַרבעטפּלאַן. כאַאָס איז דאָך דער געפערלעכסטער שונא פון יעדער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, בפרט פון טעאַטער. פאַרלירסט די איבערקלייבערישקייט, כאַפּסט וואָס ס'קומט אונטער דער האַנט, אַבי ס'טעאַטער זאָל נישט בלייבן שטיין, אַבי ס'געשעפט זאָל אָנגיין. ווערסט פאַטאַליסטיש: אפשר וועט עס פון דעסטוועגן געפעלן, דער עולם האָט דאָך זיינע קאַפּריזן, אָפט מאָל אומפאַרשטענדלעכע, איז — אפשר...

האָבן מיר טאַקע געשפּילט וואָס ס'האָט זיך „אונטערגערוקט" און ס'האָט נישט באַוויזן זיך אָנצוװאַרעמען אינעם ליכט פון דער ראַמפּע, ווי מ'האָט עס שוין געמוזט פאַרבייטן מיט עפּעס אַנדערש. מ'האָט זיך אַפילו געפרוווט ראַטעווען אַ צווייט מאָל מיט מאָליערן, דאָס מאָל מיט „די ליבע אַלס דאָקטאָר", וואָס איך האָב איבערגעזעצט מיט אידאַ קאַמינסקאַ; ס'האָט זיך באַקומען אַ קאָמישע באַלעט־אָפּערע, מיט מוזיק, צוגעפּאַסט פון יוסף קאַמינסקי, מיט אַ גאַלעריע קאָמישע פיגורן, פריילעכע סיטואַציעס, בונטע דעקאָראַציעס און — ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפן.

נאָך אַ קורצער צייט שפּילן האָט מען די „ליבע אַלס דאָקטאָר" פייערלעך געבראַכט צו קבורה. איך האָב דאָן צום ערשטן מאָל בייגעוווינט די טראַגיש־קאָמישע פּראָצעדור פון „ברענגען צו קבורה" אַ דורכגעפאַלענע פּיעסע, וואָס פלעגט זיך פּראַקטיצירן אין טעאַטער. די פּראָצעסיע איז געווען צוגעגרייט פון אונדזער אינספּיציענט, וועלכער האָט עס אגב גע-טון מיט אַ געוויסער שאָדנפרייד: „זאָל ער נישט מיינען, דאָס יינגל, אַז ס'קאָן צוויי מאָל אָנגיין אַ בלאָף מיט מאָליערן"...

דער אַפּיש פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך געפינען אין אַ קליינער טרומנע, וואָס ער אַליין טאַקע האָט געטראָגן. פאַר אים איז געגאַנגען אַ צווייטער לץ, קלאַפּנדיק מיט אַ פּושקע און שרייענדיק: „צדקה תציל ממוות"... עס זענען אים נאָכגעגאַנגען אייניקע בינע־אַרבעטער, אָנגעטון אין שוואַרצע טאָגעס פון מאָליערס דאָקטוירים, מיט אָנגעצונדענע ליכט

אין די הענט, נאָך זיי — אײניקע אַקטיאָרן און קיביצער. די פּראָצעסיע איז פאַרביי די בינע, אַרויס אויפן הויף, וווּ מ׳האָט באַגראָבן די טרומנע אין אַ צוגעגרייטן גרוב. אויפן „פּרישן" קבר איז געשטעלט געוואָרן אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט: „פּ. נ. די „ליבע אַלס דאָקטאָר", בת מאַליער ז״ל, שהלכה לעולמה. — טעאַטער צענטראַל."

דער דורכפאַל פון איין פּיעסע נאָך דער אַנדערער האָט, פאַרשטייט זיך, משפּיע געווען אויף דער פינאַנציעלער לאַגע פון טעאַטער. ביי די אַקטיאָרן האָבן זיך אויסגעשעפּט די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס און יעדער איינער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פונעם שווערן מצב. אונדזער בקשה זיך צו באַפרייען פון קאָלעקטיוו האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום שוועריקייטן און איידער מיר האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, זענען מיר, — אידאַ קאַמינסקאַ און איך — אַנגאַזשירט געוואָרן דורך דער ווילנער טרופּע. אסתר־רחל איז געפאָרן אויף גאַסטראָלן אין דער פּראָווינץ.

די „ווילנער", וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון אַ דערפאָלגרייכן טורנײ מיטן „דיבוק", האָבן זיך באַזעצט אין קאַמינסקי־טעאַטער, מיט דער האָפענונג זיך צו פאַרשאַפן אַ נייעם רעפּערטואַר. אויך זיי איז אַוועק שלימזלדיק, גלייך דער עולם וואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן אין זייער עקזיסטענץ. אויך זיי האָט באַהערשט די גוט־באַקאַנטע דעזאָריענטאַציע ווי אַ פּועל־יוצא פון טעאַטער־קריזיס. אמת, ס׳איז געווען פּלאַנירט די פּרעמיערע פון אַנסקיס „טאָג און נאַכט" אין קאַציזנעס באַאַרבעטונג און ד״ר שיפּערס אַ נייע סצענישע קאָנצעפּציע פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". שיפּער האָט אונדז פאַרגעלייענט זיין ווערסיע, וואָס האָט נאָך מער פאַרנעפּלט און קאָמפּליצירט פּרצעס „ אַ טרוים אין אַ פיבערנאַכט"...

די „ווילנער" האָבן געזוכט אַ רעטונג אין דער באַנײַונג פונעם אַלטן רעפּערטואַר פון זייער ערשטן פּעריאָד. אונדז איז אויסגעקומען אויפצוטרעטן אין „אייפערזוכט" און אין „גאָט פון נקמה", פּיעסן, אין וועלכע מיר האָבן ביידע אַ סך מאָל געשפּילט. גראָד ווי מיר האָבן זיך געשטעלט רעפּעטירן „אייפערזוכט", איז אונדזער צוויי־יאָריק טעכטערל קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערן טיפוס, וואָס האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער קאָמפּליצירט.

די רעפּעטיציעס האָבן זיך פֿאַר אונדז פֿאַרוואַנדלט אין דער גרעסטער פּיין. מיר האָבן געלעבט ווי אין אַ קאָשמאַר, אַ וויסטן חלום. יעדע פֿרייע רגע האָבן מיר פֿון טעאַטער אַהיימטעלעפֿאָנירט זיך עפּעס צו דערוויסן. ליידער זענען די ידיעות נישט געווען קיין פֿריילעכע און מיר האָבן דעם טעקסט פֿון די ראָלן פֿאַרשלונגען מיט טרערן. אַלע אין טעאַטער האָבן אונדז מיטגעפֿילט, אָבער די פּרעמיערע איז געווען באַשטימט און... די פֿאָרשטעלונג מוז גיין! פֿאַר די וואַרשעווער טעאַטראַלן איז עס געווען אַ סענסאַציע: אידאַ קאַמינסקאַ און איך ביי די „ווילנער", פֿאַר אונדז — אַ יום־הדין אין פּולן זין פֿון וואָרט. אינעם טאָג פֿון אונדזער פּרעמיערע איז געווען דער קריזיס אינעם קינדס קראַנקייט. דער פּראָפֿעסאָר, וועלכן מיר האָבן יענעם טאָג אַרויסגערופֿן, האָט דערקלערט, אַז די מעדיצין קאָן דאָ גאָר נישט אויפֿטון, נאָר „איין גאָט דאַרף אונדז העלפֿן"... מיר האָבן געוואָרפֿן אַן איבעריקן בליק אויפֿן לעבעדיקן סקעלעטל, וואָס האָט קוים געזשיפּעט און, צעבראָכענע זענען מיר אַראָפּ אין טעאַטער...

די פֿאָרשטעלונג איז געוואָרן אויפֿגענומען קאַלט. קיינער האָט דאָך נישט געוווּסט די סיבה פֿון אונדזער „נישט דערגיין" צום עולם. אויך די קריטיק האָט אונדזער שפּילן אויפֿגענומען מיט צוריקגעהאַלטנקייט, נישט וועלנדיק אונדז לגמרי אַראָפּרייסן. אָבער וועמען איז דאַן אָנגעגאַנגען דער עולם, די קריטיק. מיר זענען מיט אַלע אונדזערע חושים געווען ביים קינדס בעטל און געזען פֿאַר זיך דעם צאַנקענדיקן בליק פֿון אירע ווי פֿאַר־גלאָצטע אייגעלעך.

יענע נאַכט איז טאַקע געווען דעצידירנדיק און איר געבראַכט אַ באַ־רויִקנדיקן שלאָף און אַ ירידה אין דער טעמפּעראַטור. איר לעבן איז גע־ווען געראַטעוועט. ס'איז אַלזאָ פֿאַר אונדז געווען אַ גליקלעכע פּרעמיערע!

פֿאַר דער קורצער צייט, וואָס מיר זענען געווען ביי די „ווילנער", האָב איך באַוויזן צו דערקענען פֿון דער נאָענט די דאָזיקע אינטערעסאַנטע טעאַטער־אינסטיטוציע, וואָס האָט שוין באַוויזן דורכצומאַכן אייניקע קרי־זיסן און גילגולים. מיר האָט אימפּאָנירט זייער ערנסטער צוגאַנג צום טעאַטער, דער אינטערעס צו זיינע פֿאַרשידענע אָפּצווייגן, זייער באַהאַ־וונטקייט אין דער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, די צילבאַוווּסט־

קייט אינעם אויספירן די דערהויבענע מיסיע פון אַקטיאָר, פונעם קאָלעקטיוו אין טעאַטער. אייגנשאַפטן, וואָס ס׳איז מיר ביז דאַן זעלטן אויסגעקומען צו אָבסערווירן אינעם יידישן טעאַטער. דאַקעגן האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אַ ריי נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, וואָס זענען מיר אַפילו אינעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער געווען פרעמד. איך האָב דערזען אַ קאָמופּלירטן און ראַפינירטן הינטערקוליסן־אַפּאַראַט, וואָס האָט קאָנטראָלירט די צווישנבאַציִונג ביי די מיטגלידער פון דער טרופּע, זייער באַציִונג צו דער אָנפירערשאַפט און זייער מיינונג וועגן איר.

פון די פאַרוואַלטונג־זיצונגען, צו וועלכע איך בין געוואָרן צו קאָאָפּטירט, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַנגאַזשירן אונדז צו די „ווילנער" האָט באַדאַרפט דינען פאַר אַ „בייטש" קעגן די צוויי „אַלטע" ווילנער, וואָס האָבן אָנגעהויבן, ווי ס׳האָט געהייסן, צו „פאַררייסן די נאָז". נאָך בולטער איז מיר די זאַך געוואָרן, ווען מ׳איז צוגעטראָטן רעפּעטירן „טאָג און נאַכט". די רעזשי האָט באַדאַרפט דורכפירן אַ קאָמיסיע פון דריי: קאַדישזאָן, אַלעקס שטיין און איך. די הויפּטראָל האָב איך באַדאַרפט דובלירן מיט שטיינען. איך האָב עס באַדאַרפט זיין די „בייטש" קעגן שטיינען. זענען מיר גראָד געווען זייער גוטע חברים. ער האָט עס אונדז בשעתו אויסגעבאָרגט דעם געשריבענעם טעקסט פון „דיבוק", אַדאַנק וואָס מיר האָבן געקאָנט אַרויספאָרן מיט דער פּיעסע אויף דער פּראָווינץ. ס׳איז געווען פון זיין זייט אַ זשעסט, וואָס איך האָב אַן ענלעכן מער נישט באַגעגנט אין מיין פּראַקטיק. איך האָב אָבער נישט געוואָלט זיין קיין „בייטש" קעגן שטיינען און בכלל האָט מיר נישט אימפּאָנירט די ראָל פון אַ „בייטש". די דאָזיקע טאַקטיק איז פאַר מיר געווען פרעמד און אָפּשטויסנדיק, בפרט ווען כ׳האָב זי דערזען ביי אַ יונגן דור אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשמט ווי אידעאַליסטן. אידאָ און איך האָבן פאַרלאָזט דאָס טעאַטער פון די „ווילנער". ס׳איז מיר ליבער געווען דאָס פּרימיטיווע „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג" פונעם אַלטן יידישן אַקטיאָר, ווי די ראַפינירטע הינטערקוליסן־־פּאָליטיק אין ווייסע הענטשקעס.

דערוויסנדיק זיך וועגן אונדזער פאַרלאָזן די „ווילנער", האָט זיך אויף ס׳ניי געווענדט צו אונדז דאָס „צענטראַל"־טעאַטער, ווו מ׳האָט גראָד

אָנגעהויבן צו רעפּעטירן גאָגאָלס „רעוויזאָר". מ'האָט מיר פאַרגעלייגט איבערצונעמען די רעזשי און צו שפּילן כלעסטאַקאָוון.

איך האָב געמוזט אָנהייבן די רעפּעטיציעס פון ס'ניי און דער עיקר ווידמען אַ סך צייט און אַרבעט דעם טעקסט. אין דער הקדמה צו זיין אי־בערזעצונג שטרייכט ז. סעגאַלאָוויטש אונטער די שוועריקייטן אויף וועל־כע ער האָט זיך אָנגעשטויסןביים איבערטראָגן די רוסישע שפּראַכווערט־לעך אין יידיש. ער האָט געמוזט גיין — פאַרענטפערט ער זיך — אויף אַ סך קאָמפּראָמיסן, כדי „ס'זאָל כאָטש עפּעס בלייבן פון גאָגאָלס סביבה". איז ער אָבער געגאַנגען אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד און פּשוט געלאָזן אַ סך רוסישע אויסדרוקן נישט איבערגעזעצט און געבויט פראַזן לויטן מוסטער פון אָריגינאַל, וואָס איז געווען פרעמד דעם יידישן אויער און אין סתירה צו דער יידישער סטיליסטיק. די רייניקונג פון דער אי־בערזעצונג האָט ביי מיר צוגענומען אַ געוויסע צייט. אָן דעם איז מיר אוממעגלעך געווען צוצוטרעטן צו רעפּעטירן.

אין דער פאַרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע כוחות פונעם „צענטראַל"־טעאַטער, ווי: אייזיק סאַמבערג, שמואל לאַנדע, משה ליפּמאַן, בן־ציון פּאַלעפּאַדע, דוד לעדערמאַן, וו. גאַדיק, העלענאַ גאָטליב און אַ פּנים־חדשות: קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

גאָר אומגעריכט האָט זיך די דאָזיקע אַקטריסע באַוויזן אין אונדזער קרייז. קיינער האָט זי ביז יענער צייט נישט געקענט און נישט געהערט פון איר.

אָן אַקטריסע איז זי געוואָרן פּלוצים, אַזוי ווי זי איז פּלוצים געוואָרן סעגאַלאָוויטשס ווייב. די דאָזיקע ידיעה, וואָס אַרנאָלד האָט געבראַכט אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע סענסאַציע און פאַרשידענע קאָמענטאַרן. סעגאַלאָוויטש, דער „כראָנישער" בחור, איז געווען באַקאַנט ווי אַן איינזאַמער, פאַרביטערטער מענטש, וואָס איז נישט פעיק זיך צוצובינדן צו עמעצן, בפרט זיך צו פאַרליבן און אַט באַווייזט זיך סעגאַלאָוויטש אין ליטעראַטן־פאַראיין מיט אַ רייצנדיקע, יונגע דאַמע, וואָס איז מיט אַ צייט שפּעטער געוואָרן זיין פרוי. זי איז מיט אַ מאָל געוואָרן די סענסאַציע פון טלאָמאַצקע 13.

אין דער קורצער צייט, וואָס מיר זענען געווען ביי די „ווילנער״, האָט סאָמבערג אַנגאַזשירט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אין „צענטראַל״־טעאַ־טער. ביז דאַן איז זי קיין אַקטריסע נישט געווען. דאָס האָט זיך טאַקע געפילט אין איר שפילן די איינציקע פרויענראָל אין בערגערס „מבול״. ס׳האָבן זיך אָבער געוואָרפן אין די אויגן אירע גרויסע מעלות פאַר דער בינע: די זעלטנשיינע אויסערלעכקייט, רייכער שטים־מאַטעריאַל, טעמ־פעראַמענט און — קודם־כל — יוגנט, מיט וועלכע זי האָט אָפּגעפרישט די בינע.

קלאַראַ האָט פונעם ערשטן דערשיינען אויף די ברעטער געצויגן צו זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. מ׳האָט איר פאַרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט ביים טעאַטער. זי וואָלט עס בלי־ספק דערגרייכט, ווען — זי וואָלט באמת ליב געהאַט ס׳טעאַטער און געזוכט זיך קינסטלעריש אויסצולעבן אין אים. זי האָט אָבער ליב געהאַט אויסשליסלעך זיך אין טעאַטער און געזען אין אים אַ מיטל צום ציל: צו ווערן באַרימט און צו האָבן דערפאָלג ביי מענער. שווער צו זאָגן, צי דאָס איז געווען בלויז אַ פוסטער ווייבערישער קאַפּריז. דאָס האָט איר אָבער אומבאַדינגט גע־שטערט אָנצוגיין מיט נאָרמאַלער טעאַטער־אַרבעט און צו אַנטוויקלען אירע נישט־דורכשניטלעכע פעיקייטן.

קלאַראַ איז אויך געוואָרן באַליבט ביי די חברים. זי האָט באמת גע־האָט אַ גוט האַרץ. זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך שטענדיק אָפּ־גערופן אויף עמעצנס נויט אָדער בקשה. ס׳האָט זיך אַרום איר געשאַפן אַ גרופּע פרויען און מענער, כלומרשט איבערגעגעבענע פריינד, וואָס האָבן אָבער שטילערהייט גענאָסן פון אירע טובות און זי אויסגענוצט. קלאַראַ האָט זיך דאָס געמאַכט נישט באַמערקן. העלפן אַנדערע איז ביי איר געווען אַ צווייטע נאַטור. אַ נאַטור פון אַ מענטש וואָס פאַרדינט לייכט און גיט אויס נאָך לייכטער.

האָט טאַקע געחידושט: וואָס טוט די דאָזיקע רייצנדיקע און לעבנ־לוסטיקע פרוי אינעם בידנעם יידישן טעאַטער און אין דער עמכדיקער סביבה פון טלאָמאַצקע 13? קלאַראַ האָט זיך זיכער געמיטן מיט איר באַ־רוף: זי איז, דאַכט זיך, ווי געבוירן צו זיין אַ סאַלאָן־דאַמע פון וועלט־

פאַרנעם און נאָר אַ צופאַל האָט זי פאַרוואָרפן אין דער יידישער גאַס, ווו זי האָט זיך געצאַפּלט ווי אַ פליג אין שפּינוועבס. זי איז געווען צו וויניק פּראַקטיש — ביי איר גאַנצער חכמה — אויף אויסצונוצן אירע איינגעבוירענע נייגונגען און איר אייגנטלעכע באַשטימונג און זיי פאַר־ביטן אויף קליינגעלט... ווען זי האָט זיך אין יאָרן אַרום געכאַפּט דערויף, איז שוין געווען צו שפּעט. דער פלאַם האָט זיך שנעל אויסגעברענט. איר צאַרטער אָרגאַניזם האָט זיך איינגעבראָכן און קלאַראַ איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז. (אַ לעבן — אין אַ געוויסער מאָס — ענלעך צו דער פראַנצויזישער ראַשעל).

ביי די רעפּעטיציעס פון „רעוויזאָר" איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער דאָזיקער אָריגינעלער אַקטריסע. מיט דער צייט זענען מיר געוואָרן פריינד און די פריינדשאַפט האָט אָנגע־האַלטן ביז אונדזער לעצטער באַגעגעניש אין דער הילף־אינסטיטוציע אויף לעשנע 13, ווו זי האָט בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע פאַרנומען אַן אַנ־פירנדיקע פּאָזיציע.

**
*

דער „רעוויזאָר" האָט ווידער געצויגן עולם אין „צענטראַל" ווי אין די גוטע צייטן פון „קאַרגן". הגם די אויפפירונג האָט נישט פּרעטענדירט אויף קיין שום נאָוואַטאָרישקייט און דערמאָנט די טראַדיציאָנעלע „רע־וויזאָר"־פאָרשטעלונגען אינעם רוסישן און פּוילישן טעאַטער, האָט זי אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מוסטער פון גוטן אַקטיאָרישן צוזאַמענ־שפּיל. אויך דאָס מאָל האָט לאַנדע געשאַפן אַן אומפאַרגעסלעכע קרעאַציע פונעם דינער אָסיפּ, וואָס איז נישט אָפּגעשטאַנען פון מאָליערישן זשאַק.

הגם דער „רעוויזאָר" איז נישט אַריין אין רעפּערטואַר פון „וויקט", האָב איך אים שפּעטער אויפגעפירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אין פּוילן און אין אויסלאַנד. ער האָט מיר אויך — בעת דער וועלט־מילחמה — געדינט ווי אַ רעזשיסערישער דעביוט אין בראַזיליאַנער טעאַטער „אָס קאָמעדיאַנטעס" אין ריאָ דע זשאַנייראָ.

מיטן „רעוויזאָר" האָט דער „צענטראַל" אַריבערגעטרעטן די שוועל פון 1922סטן יאָר, וואָס האָט אונדז געבראַכט נייע רעפּערטואַר־זאָרגן און

נישט געלונגענע פּרווון; דעם אַמעריקאַנער פּאַרס „פּאַטאַש און פּערלמו־טער״, די ווינער קאָמעדיע „ד״ר שטיגליץ״ און נאָך אייניקע צופעליקע פּרעמיערעס.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ נייער מאַכינאַציע אין דער פּאַראיין־פּאָליטיק, וואָס איז פאַר מיר ביז דאַן געווען אומבאַקאַנט. איך בין גיך אַנטלאָפן, ווי דעמאָלט, פון דער „בייטש״ ביי די ווילנער. איך בין צו יענער צייט געווען פּאַרזיצער פון אַרטיסטן־פּאַראיין און די פּאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען ס׳רוב פון מיטגלידער פון „צענטראַל״־טעאַטער. מיט אַ צייט פריִער האָט זיך צום פּאַראיין געווענדט דער דירעקטאָר צעלמייסטער נאָך אַ דערלויבעניש אַראָפּצוברענגען אין קאַמינסקי־טעאַטער מאָלי פּיקאָן. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער פּאַרוואַלטונג האָט זיך די מערהייט, דאָס הייסט, די „צענטראַל״־מיטגלי־דער, אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן דער מאָלי פּיקאָן, מאָטיווירנדיק עס מיט ריינקינסטלערישע טעמים, מיט דער אויפגאַבע פון פּאַראיין צו שטיין אויף דער וואַך פון רעפּערטואַר־ריינקייט און פון באַקעמפן די „יאַנקעלעך״ אויף דער וואַרשעווער בינע. איך האָב דעם דאָזיקן מאָטיוו געהאַלטן פאַר גענוג וואָגיק און אויך געשטימט קעגן דער דערלויבעניש. ווי איך האָב שפּעטער פּאַרשטאַנען, האָבן די אַקטיאָרן פון „צענטראַל״־טעאַטער פּשוט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ און אויסגענוצט דעם באַ־שלוס פון פּאַראיין צו באַקעמפן שונד, אויף צו פּאַרטיידיקן זייערע איי־גענע אינטערעסן. דער דאָזיקער מאַנעווער איז מיר קלאָר געוואָרן אין אַ צייט אַרום, ווען דעם „צענטראַל״ איז אָוועק שלעכט און מ׳האָט געזוכט מיטלען מיט וואָס זיך צו העלפן. דאַן זענען די זעלבע פּאַרוואַלטונג־מיט־גלידער געקומען מיט אַ פּאָרשלאָג צו אַנגאַזשירן די פּיקאָן אין „צענ־טראַל״. ווען איך האָב זיי דערמאָנט די מאָטיוון, צוליב וועלכע זיי זענען פריִער געווען קעגן איר קומען קיין וואַרשע, האָבן זיי זיך פּאַררופן אויף דער רומענישער פּרעסע, וואָס האָט שטאַרק געלויבט די פּיקאָן און בעיקר אויף די גרויסע „געשעפטן״ וואָס זי מאַכט. האָט טאַקע דער „צענטראַל״ נישט דערלאָזט, אַז עמעצער אַנדערש זאָל זי „אויסכאַפּן״. איך האָב מיך תיכף אָנגעגעבן אין דימיסיע און פון דעמאָלט אָן בין איך פּאַרבליבן אַ

פשוטער סאָלדאַט אינעם אַרטיסטן־פאַראיין, אויסמיידנדיק יעדן אָפיציעלן אמט.

***

נאָך די כסדרדיקע נישט־געלונגענע פרעמיערעס באַשליסט דער קאָלעקטיוו זיך אויפצולייזן. ס׳האָבן זיך אָבער דערנענטערט די יום־טובים. האָבן מיר אויפן פאַרלאַנג פון די באַלעבאַטים פון „צענטראַל" מסכים געווען אויף גיך „עפעס" אויפצופירן, כדי אָפצושפּילן די יום־טוב־טעג און זיך פונאַנדערגיין בשלום.

דער דאָזיקער „עפּעס" איז צופעליק געווען שלום אַשס „מאָטקע גנב"... מיר האָבן טאַקע אָפּגעשפּילט די יום־טובים און צוליבן גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע איז געווען אַ שאָד איבערצורייסן די פאָרשטעלונגען און מיר זענען פאַרבליבן שפּילן „מאָטקע גנב" „ווי לאַנג ס׳וועט זיך לאָזן". אַזוי האָט זיך עס „געלאָזט" שפּילן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר...

ווידער איינער פון די סורפּריזן וואָס האָט בשעתו אויפגערודערט די טעאַטער־וועלט. אַ קוימצוגעגרייטע, אַן אויף גיך „צונויפגעסטריגעוועטע" פאָרשטעלונג, שטייגט כמעט איבער דעם דערפאָלג פון דער טיפפאַרטראַכטער, זאָרגפעליק־איינגעשטודירטער, מיט פיעטעט געשפּילטער „דיבוק"־פאָרשטעלונג ביי די „ווילנער".

די סיבה? פאָלקס־טעמאַטיק. אונטערוועלט. טומאה און קדושה. די ליבע פון אַ גנב צו זיינע „צוויי מאַמעס". ליריזם, שפּאַנונג, סענטימענט און... די באַזעצונג. סאַמבערג אַלס מאָטקע האָט איבערגעשטיגן זיינע ביזאיצטיקע דערפאָלגן, די רייצנדיקע קלאַראַ איז געווען אַן אידעאַלע מערי און, ווי שלום אַש האָט זיך אויסגעדריקט בעת דער הונדערטסטער פאָרשטעלונג פון „מאָטקע": „פון די קליינע עפּיזאָדן זענען געמאַכט געוואָרן סטאַר־ראָלן — ווי זעט מען דאָס אין אַמעריקע!"...

האָט טאַקע אידאַ קאַמינסקאַ געשאַפן אַן אומפאַרגעסלעכע קרעאַציע אין דער „רויטער", לאַנדע איז געווען דער טיפּישסטער קאַטאַריניאַזש פון וואַרשעווער הייף, משה ליפּמאַן — אַ „געבוירענער" קאַנאַרעק, לעדערמאַן — אַן „אמתער" בלינדער לייב, די ווידע (מיין אַמאָליקע מיטשפּילערין פונעם אַרטיסטישן ווינקעלע), אַ צניעותדיקע חנהלע, דער היפּוך

פון דער אויסגעלאָסענער מערי; איך האָב געשפּילט דעם אַלטן פּריץ, לויטן נוסח פון זיין כּאַרקאָווער פּראָטאָטיפּ אין טשיריקאָווס „יידן". ס'איז געווען אַ פאַרמעסט פון אַקטיאָרישע קרעאַציעס, וואָס האָבן פון דעסטוועגן באַוויזן זיך צונויפצוגיסן אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט; אַן אידעאַלער מוסטער פון רעאַליסטישער טעאַטער־שפּיל; פון אויפלעבן מיט טיפער אינטויציע דעם מחברס פאַרביקע געשטאַלטן און אַרויסברענגען זיי מיט סטיכישן טעמפּעראַמענט.

מיר האָבן מיטן „רעוויזאָר" און „מאָטקע" באַזוכט אייניקע גרעסערע שטעט, אָבער אָפּט אַרויספאָרן האָבן מיר נישט געקאָנט צוליבן צוגרייטן אַ נייע פּיעסע. און דאָ איז טאַקע באַגאַנגען געוואָרן אַ פעלער, וואָס האָט דעצידירט אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון קאָלעקטיוו.

צו יענער צייט האָט זיך געפינען אין וואַרשע אַפּאַטאָשו. ער האָט געלייענט פאַר אונדז זיין פּיעסע „הייס בלוט", באַאַרבעט פון זיין ראָמאַן „פערד־גנב". וואָלט די זאַך אפשר געקאָנט האָבן דערפאָלג, ווען זי וואָלט נישט געשפּילט געוואָרן גלייך נאָך „מאָטקע גנב". די פּיעסע האָט פאַר־געשטעלט מיט זיך אַ „מאָטקע גנב" אין אַן אַמעריקאַנער ווערסיע, ענלע־כער קאָנפליקט, ענלעכער טיפּאַזש, ענלעכע סיטואַציעס — נאָר אויף אַ פרעמדן פאָן. דער גרעסטער פעלער איז אָבער געמאַכט געוואָרן מיטן באַזעצן די צוויי הויפּטראָלן דורך סאַמבערגן און קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, וואָס ס'האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די ענלעכקייט פון די צוויי פּיעסן. איך האָב אַפילו באַקעמפט די דאָזיקע ראָלן־פאַרטיילונג, אָבער דער איינ־פלוס פון סאַמבערגן נאָך זיין דערפאָלג אין „מאָטקע" איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיינע פּראָטעסטן זענען נישט גענומען געוואָרן אין אַכט.

אין גיכן האָט זיך די ריכטיקייט פון מיינע אַרגומענטן באַשטעטיקט, אָבער ס'איז שוין געווען צו־שפּעט. דער עולם האָט ווי פאַרגעסן דעם אַדרעס פון „צענטראַל". ס'איז נישט געווען קיין ברירה ווי זיך ווידער צו לאָזן אין וועג אַריין.

די צייט פון אונדזער שפּילן אין וואַרשע האָט אונדז אַ סך געלערנט. דער עיקר: כּדי צו גרינדן אַ טעאַטער אין וואַרשע, דאַרף מען קודם־כּל זיך באַוואָרענען מיט אַ פון פאָרויס־באַשטימטן רעפּערטואַר פאַר אַ סעזאָן

צייט לכל־הפחות און אנהייבן שפילן, האבנדיק נישט ווייניקער פון צוויי צוגעגרייטע פיעסן.

דער צווייטער וויכטיקער מאמענט: א פאסיקער אנסאמבל, וואס זאל באשטיין פון אייניקע פון די בעסערע עלטערע אקטיארן, ארומגע־רינגלט מיט א יונגן, געשולטן, מאדערנעם טעאטער־אנסאמבל.

מיט די צוויי דאגות האבן מיר פארלאזן דאס „צענטראל"־טעאטער, כדי אין א צייט ארום צו לייגן דעם גרונטשטיין פארן „ווארשעווער יידישן קונסט־טעאטער", פארן „וויקט".

7

די בריק צו ווארשע

עס וואלט מיר איצט שטארק צונוץ געקומען מיין גרויסער ארכיוו, וואס איך האב יארנלאנג זארגפעליק געזאמלט. אין דער באמבארדירונג פון ווארשע איז ער פארברענט געווארן, צוזאמען מיטן יידישן לעבן אין פוילן.

קומענדיק קיין בראזיל, האב איך צוגלייך מיטן איבערפלאנצן זיך אויפן נייעם באדן, אנגעהויבן צו זוכן סימנים פונעם איבערגעריסענעם לעבן, נישטערן אין עפנטלעכע און פריוואטע ביבליאטעקן און זאמלען מאטעריאלן, וואס דינען מיר איצט ביים רעקאנסטרויִרן אונדזער אמאל. די מאטעריאלן זענען אבער נישט גענוגנדיק. א סך פרטים, און דווקא זייער וויכטיקע, פעלן. איך באמי מיך זיי צו דערגאנצן פונעם זכרון. ס'איז מיר דעריבער שווער זיך צו האלטן ביי א כראנאלאגישן סדר; קאן געשען, אז איך זאל פארבייגיין געשעענישן, עפיזאדן אדער נעמען.

איך שרייב דעם דריטן באנד פון מיינע זכרונות אין מיין היים, אין ישראל. איך האב דא מיט דריי יאר צוריק געגרינדעט א קאמער־בינע „זוטא", א באוועגלעך טעאטער מיט דריי ביז פינף אנטיילנעמער, וואס באדינט די פארוואָרפנסטע גרענעץ־קיבוצים, דערפער, שטעטלעך און

שטעט. איך האָב מיר אויסגעקליבן די דאָזיקע שווערע, אָבער אומגעהייער־דאַנקבאַרע אַרבעט, איינזעענדיק די נויטווענדיקייט פון אַזאַ טעאַטער אין לאַנד. דאָ געפינט זיך די אינטעליגענץ נישט נאָר אין דער גרויסער שטאָט, נאָר דווקא אינעם קיבוץ, אינעם דאָרף און פאַר זיי איז אַ בוך, אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אַ קאָנצערט נישט ווייניקער נייטיק, ווי דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט.

איידער מיין טעאַטער „זוטא" איז אַנטשטאַנען פלעגן אין די קיבוצים קומען מיט באַזוכן איינצלנע קינסטלער מיט סאָלאָ־אַרויסטריטן, אָדער קלענערע גרופּעס מיט סקעטשן, דיאַלאָגן, איינאַקטערס אד"גל. כדי צו זען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג זענען די קיבוץ־חברים געצוווּנגען צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט, אָדער אין אַ צענטראַלן אַמפיטעאַטער. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין פעלד, איז עס, פאַרשטייט זיך, אַן איבעריקע אָנשטרענגונג, וואָס פאַרמינערט אָפט מאָל די הנאה וואָס אַ פאָרשטעלונג קאָן פאַרשאַפן. מיין טעאַטער פאַרשפּאָרט די דאָזיקע טירחה און ברענגט אַ פאָרשטעלונג מיט אַ פולשטענדיקן טעאַטער־אַפּאַראַט, גלייך אינעם עס־זאַל פון קיבוץ, אָדער אין היימישן קולטורהויז.

דער געדאַנק פון אַזאַ באַוועגלעך קאַמער־טעאַטער איז אָבער נישט ניי ביי מיר. טאַקע בעתן אַרויסטריט פון „צענטראַל" איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון פאַרשאַפן זיך אַ רעפּערטואַר פאַר אייניקע אַנטיילנעמער און אַרויספאָרן דערמיט אויף דער פּראָווינץ.

דער חילוק איז נאָר וואָס דאָ, אין ישראל, האָב איך אין דעם „קליי־נעם" טעאַטער געזען דעם ציל, דעם צוועק, דאַקעגן דאָ, אין פּוילן, האָט עס באַדאַרפט דינען ווי אַן איבערגאַנג־עטאַפּ.

אין יענער צייט האָט געוווינט ביי אונדז דער שרייבער י. מ. ניימאַן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן געדאַנק פון אַ קאַמער־פּיעסע. גע־קומען צו הילף איז אים אַ צופאַל. אין אַ פרימאָרגן איז אַריין אַ פלעדער־מויז אין אונדזער דירה. ביידע פרויען, אסתר־רחל און אידאַ האָבן זיך אַרומגעוויקלט די קעפּ מיט טיכער, די פלעדערמויז זאָל זיך נישט פאַר־פּלאָנטערן אין זייערע האָר. זיי האָבן זיך געלאָזט יאָגן נאָך איר מיט לאַנגע בערשטן אין די הענט. דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד האָט

געדינט גיימאַנען ווי אַ מאָטיוו פאַר זיין פּיעסע „שבת־אויבסט״, וואָס האָט פאַרמאָגט דריי ראָלן: פאַר אסתר־רחלען, אידאַן און פאַר מיר. צום באַ־דויערן האָט זיך די דאָזיקע פּאָעטישע פּיעסע אַרויסגעוויזן פאַר ווייניק סצעניש און מיר האָבן זיך נישט געקאָנט באַנוצן מיט איר. ס׳איז בלויז פאַרבליבן אַ שיינער מוסטער פון אַ רעגיאָנעלן דיאַלעקט, ביים היינטיקן טאָג אַ יקר־המציאות פאַר שפּראַכפאַרשער.

מיר זענען אָבער נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. נישט־אָנטרע־פנדיק, לכתחילה, אויף אַ פּאַסיקער קאַמער־פּיעסע, האָבן מיר דאָך גע־נומען אָרגאַניזירן דעם יסוד פאַרן אַנסאַמבל־טעאַטער, וואָס זאָל אין דער צוקונפט זיך באַזעצן אין וואַרשע. מיר האָבן די פּאַסיקע מענטשן געזוכט מחוץ דעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, — אין די פּוילישע דראַמאַטישע שולן, אין די בעסערע דראַמקרייזן פון דער פּראָווינץ. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן די ערשטע גרופּע פונעם שפּעטערדיקן „וויקט״, אין באַשטאַנד פון: מיין ברודער יאָנאַס, דיאַנאַ בלומענפעלד, אַדאָם דאָמב, סאָניאַ אַלט־בוים, יעקב מאַנדעלבליט און אַלס אַדמיניסטראַטאָר אברהם האַלפּערן.

מיר האָבן זיך געשטעלט רעפּעטירן איבסענס „נאָראַ״, די בעסטע ראָל פון אידאַ קאַמינסקאַס דעמאָלטיקן רעפּערטואַר. דאָס האָט באַדאַרפט דינען ווי אַ וויזיט־קאַרטע פון אונדזער „איירעפּוּשקייט״. ווי די דעביוט־שטאָט פאַר אונדזער טרופּע האָבן מיר געהאַט צו וויילן צווישן ווילנע און קראָקע. מיר האָבן אויסגעקליבן די לעצטע. ווילנע האָבן מיר דאָך שוין געקענט. האָט אונדז געלאָקט קראָקע, די הויפּטשטאָט פון מערב־גאַליציע, וועלכע האָט געשעמט מיט איר טעאַטער־טראַדיציע און גוטן עולם. אונדזער וואַרשטאַט איז געוואָרן טעטיק: מיר, ביי די רעפּעטיציעס און האַלפּערן איז אַוועק קיין קראָקע אָרגאַניזירן די פאַרשטעלונגען, „מאַכן די שטאָט״, — ווי מע פלעגט עס רופן אין דער פּראָפעסיע.

די ערשטע ידיעה, וואָס מיר האָבן פון אים באַקומען, האָט אונדז שטאַרק באַאומרויקט. דער טעאַטער־בנין — האָט ער געשריבן — געפינט זיך אין די הענט פון אַ פּאָרל אַקטיאָרן, וואָס האָבן אים פאַרדינגען מיטן תנאי, אַז זיי וועלן מיטשפּילן מיט אונדז, און ער, האַלפּערן, איז איינגע־גאַנגען דערויף. דאָס האָט מיך געצוווּנגען אַריבערצופאָרן קיין קראָקע,

כדי זיך פערזענלעך באַקענען מיטן אַנגאַזשירטן פּאַרפאַלק און מיטן טעאַ־טער־בנין, ווו מיר דאַרפן שטעלן אונדזערע ערשטע טריט. די טרופּע איז פאַרבליבן אין װאַרשע און געוואַרט אויף מיינס אַ טעלעגראַמע אַרויס־צופאָרן קיין קראָקע.

ווען איך האָב דערזען דעם טעאַטער־זאַל אויף דער באַכענסקע־גאַס און דאָס פּאָרל אַקטיאָרן, וואָס האָבן באַדאַרפט מיטשפּילן מיט אונדז, האָב איך תיכף טעלעגראַפירט אַהיים, אַז מיר רעזיגנירן פון קראָקע און אַז איך קער מיך אום צומאָרגנס קיין װאַרשע. דער זאַל, אין וועלכן מע פלעגט דאָרט שפּילן יידיש טעאַטער איז געוועזן אַ פאַרוואָרלאָזטע, פאַר־נאַכלעסיקטע האַלע מיט אַן אַנטייט אויף אַ בינע, אַן דער פּרימיטיוסטער איינריכטונג. אין פאַרגלייך מיט אים, איז דאָס „צענטראַל״־טעאַטער גע־ווען אַ פּאַלאַץ. דער בנין פון פּוילישן טעאַטער, אין וועלכן ס׳האָבן צום ערשטן מאָל געשפּילט די „ווילנער״ אין קראָקע, איז שוין נישט געווען צו באַקומען פאַר יידישע פאָרשטעלונגען. דעריבער האָט פון יענער צייט קיין בעסער יידיש טעאַטער דאָרט נישט געשפּילט. ס׳פלעגן אויפטרעטן פון צייט צו צייט פאַרשידענע מינדערווערטיקע טרופּעס און די רעפּוטאַציע פונעם דאָזיקן אָרט האָט אַנטשפּראָכן זייער נידעריקן ניוואָ... די צוויי אַקטיאָרן, וואָס האָלפערן האָט „אַנגאַזשירט״, זענען געווען טיפּישע פאַר־שטייער פונעם דאָזיקן טעאַטער און בשום־אופן זיך נישט געפּאַסט פאַר אונדזער רעפּערטואַר און נישט פאַר אונדזער אַנסאַמבל. איז מיר ליבער געווען די קורצע אַנטוישונג ווי דער האַרצווייטיק וואָס איך האָב פאַרויס־געזען.

איך וואָלט מיר דאַן נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין דער זעלבער באַכענסקע־בודע, וועט אונדז להבא אויסקומען צו שפּילן דערפאָלגרייכע סעזאָנען און בעיקר צו געבן די גרויסע גאָלדפּאַדן־פאָרשטעלונגען אייניקע חדשים פאַר דער היטלער־אינוואַזיע. אמת, דער טעאַטער־זאַל איז געוואָרן רעמאָנטירט, די בינע פאַרגרעסערט, — פאַר דעם האָט געזאָרגט דער טעאַטער־קאָמיטעט, די ערשטע יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט אין פּוילן. אָבער דאָס איז געשען מיט אייניקע יאָר שפּעטער, ווען איך האָב זיך שוין באַוויזן צוצוגעווינען צו די בידנע באַדינגונגען פונעם יידישן טעאַטער.

דער קולטורעלער קראַקעווער עולם האָט מיט זיין באַגייסטערונג און דאַנק־באַרקייט געמאַכט פאַרגעסן אַן די פרימיטיווע באַדינגונגען פון אונדזער אַרבעט. אַזוי ווי די ערשטע יידישע אַקטיאָרן האָבן, שפּילנדיק די „גרעפע אונד קעניגע" פאַרגעסן אין זייער אַנאַלפאַבעטיזם און זיך אויף אַן אמת איבערגענומען מיט זייערע „דערהויבענע" פּאָזיציעס, אַזוי האָבן מיר, שפּילנדיק אויף דער באַכענסקע, געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ בינע פון, לכל־הפחות, אַ שטאַטישן טעאַטער...

דעם ערשטן שריט אָבער, האָב איך, ווי געזאָגט, נישט געקאָנט ביי זיך פועלן צו מאַכן דווקא דאָרט. דעם טאָג האָב איך פאַרבראַכט אויף צו באַטראַכטן דעם וואַוועל און די יידישע זעווירדיקייטן, מיט וועלכע קראָקע איז געווען אַזוי רייך און צוריקגעפאָרן מיט אַ רויק געמיט קיין וואַרשע. אין אייניקע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַן איינלאַדונג פון ווילנע, ווו עס האָט זיך אויסגעפּאַרטיקט אַ נייער טעאַטער־זאַל „פּאַלאַס" און אונדז איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד אים צו באַנייען.

אין ווילנע האָט צו יענער צייט געשפּילט אַ גראַדנער פאַמיליע־טרופּע, וואָס איז מיט דער צייט באַקאַנט געוואָרן אין פּוילן ווי די „ווילנער אָפּערעטע". די טרופּע איז באַשטאַנען פון דריי ברידער: קדיש, כאַש און גראַדנער, ביז גאָר טאַלענטירטע אַקטיאָרן־פּאַכלייט. זייער פּרימאַ־דאָנע איז געווען די שוואַרץ־חנעוודיקע נחמה, די פרוי פון קדיש, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט אַ גוטער שטימע. אין דער טרופּע האָט זיך אויך געפונען דער כאַראַקטער־אַקטיאָר יולין און דער זינגער אָרלוק, אַ ברודער פון אַלעקסאַנדער אַזראַ, פון די ערשטע „ווילנער". זייער רע־פּערטואַר איז באַשטאַנען פון לייטער אָפּערעטן. זיי האָבן אונדז דעריבער נישט באַטראַכט ווי קיין קאָנקורענטן. צווישן ביידע טרופּעס זענען איינ־געשטעלט געוואָרן חברישע באַציִונגען, וואָס איז פאַר אונדז געווען ווי אַ דערגאַנצונג צו דער וואַרעמער אַטמאָספער וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אין ווילנע.

מיר האָבן זיך אין ווילנע געפילט ווי אין דער היים און ווילנע האָט אונדז באַטראַכט ווי היימישע. באַלד האָט זיך געשאַפן אַרום אונדז אַ גרופּע פריינד, „פּאַטריאָטן", ווי מע פלעגט דאָס רופן אין אַמעריקע, וואָס

האָבן שוין געזאָרגט, אַז אונדזערע נייע מיטגלידער זאָלן אויפן זעלבן אופן דערפילן די דאָזיקע היימישקייט. שוין אַזאַ טבע האָט געהאַט ווילנע, די שטאָט פון הכנסת־אורחים: פון יעדן גאַסט צו מאַכן אַ היימישן. מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט פאַרטאָפּלטער ענערגיע און ענטו־זיאַזם.

אַנשטאָט „באַראַ״, וואָס איז שוין געווען ביי אונדז פאַרטיק, האָט אונדזער ווילנער אימפּרעסאַריאָ, משה קאַרפּינאָוויטש, געראָטן אָנצוהייבן מיט אַ ייִדישער פּיעסע. דאָס — האָט ער געהאַלטן — פּאַסט זיך בעסער אויף צו עפענען אַ נייעם טעאַטער־זאַל אין ווילנע. מיר זענען געווען איינ־שטימיק מיט אים. ס'איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט אויף צו זוכן און איינשטודירן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פּיעסע. איז געווען מער ווי רעכט אָנ־צוהייבן מיט אַ קלאַסישער פּיעסע פון דער וועלט־ליטעראַטור. וואָס האָט געקאָנט זיין פּאַסיקער פונעם „קאַרגן״? בפרט, אַז דער שם פון זיין דער־פאָלג אין וואַרשע האָט שוין באַוויזן צו דערגיין קיין ווילנע.

צו אונדזער גרופּע אַקטיאָרן האָבן מיר צוגעצויגן די ווילנער: שריפט־זעצער און לעווין, און דעם וואַרשעווער חיים סאַנדלער, אַ גלענצנדיקן עפּיזאָדן־אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך צו יענער צייט געפינען אין ווילנע.

דער דערפאָלג פונעם „קאַרגן״ אין ווילנע איז געווען נישט קלענער פונעם וואַרשעווער. די עפענונג פונעם באַקוועמען און עסטעטישן זאַל „פּאַלאַס״, האָט געשאַפן אַ יום־טובדיקע אַטמאָספער, וואָס האָט אָנגע־האַלטן ביזן סוף פון דער פאָרשטעלונג און זיך פאַרענדיקט מיט אַ פייער־לעכן באַנקעט. אַ חוץ זשורנאַליסטן און שרייבער מיט משה קולבאַק און זלמן רייזען בראש, האָבן באַגייסטערט גערעדט וועגן דער נייער קולטור־פּאָזיציע די באַקאַנטע ווילנער עסקנים ד״ר צמח שאַבאַד, ד״ר יעקב ווי־גאָדסקי, דייכעס, גערשטיין, טורגעל און אַנדערע. די רעדנער האָבן אונ־טערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון קולטור־אויסטויש צווישן ווילנע און וואַרשע. ווילנע האָט בשעתו געגעבן וואַרשע די „ווילנער טרופּע״, גיט איצט וואַרשע אָפּ אַ חוב ווילנע — אונדזער טעאַטער, און דער חוב ווערט אָפּגעגעבן מיט אַ גרויסן פּראָצענט, — אין שפּיץ פון אונדזער טרופּע שטייט אסתר־רחל קאַמינסקאַ! אויך איז דערמאָנט געוואָרן, אַז פון דער

בינע האָט אַראָפּגערעדט פרישקייט, יוגנט, קולטור, אַ נייע דערשיינונג אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. מ׳האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט, וואָס זאָל זאָרגן פאַרן קיום פון אַ בעסערן טעאַטער, אַזוי ווי ס׳ווערט געזאָרגט פאַר כאָרן, מוזייען און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס.

נאָך דער פּרעמיערע האָבן זיך געוואָנדן צו אונדז די יידישע שולן און געמומען אייניקע פאָרשטעלונגען פון „קאַרגן" פאַר דער שוליוגנט. ס׳איז געווען אַ נייעס אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור־טעטיקייט איינצואָרדענען פאָרשטעלונגען פאַר שילער. נאָך דעם איז מיר ענלעכע פאָרשטעלונגען באַשערט געווען צו געבן אין וואַרשע, ריגע, קעשענעוו, טשערנאָוויץ, לעמבערג, קראָקע, לאָדזש. אָט שטייט מיר פאַר די אויגן דער זאַל פון יידישן קלוב אין ריגע, אויסגעפּילט מיט יידישע קינדער, וואָס האַלטן אין די הענט געדרוקטע עקזעמפּלאַרן פון „קאַרגן" און דיסקוטירן בעת די אַנטראַקטן, פאַרגלייכנדיק דעם געדרוקטן טעקסט מיטן נאַר־וואָס אָפּגעשפּילטן אויף דער בינע... ווי מעלאָמאַנען ביי אַן אָפּערע, אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט... דאָס האַרץ איז געוואַקסן פאַר פרייד, ווען איך האָב דאָס אָבסערווירט דורכן לעכל אין דעם פאָרהאַנג... און דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט איצט,ביים דערמאָנען דאָס דאָזיקע בילד... וווּנדערבאַרע ליכטיקע, יידישע קינדער...

**
*

מיר זענען אַריין אין ווילנע מיטן רעכטן פוס. דעריבער איז די אחריות פאַר דער פאָרשטייענדיקער אַרבעט געווען נאָך שטאַרקער. פון תמיד אָן איז עס די שווערסטע אויפגאַבע אין טעאַטער: אָנצוהאַלטן דעם דעראָבערטן דערפאָלג. געוויינטלעך איז שווער אים צו דערגרייכן, אָבער גאָר לייכט צו פאַרלירן. אין ווילנע זענען די מעגלעכקייטן געווען לגמרי אַנדערע ווי אין וואַרשע. אַ פּיעסע האָט נישט געקאָנט לענגער געשפּילט ווערן ווי אַ וואָך צייט, אין אַן אויסנעמפאַל, ווי ס׳איז געשען מיטן „קאַרגן" — צען טעג. צו יעדן פרייטיק מוז מען צוגרייטן אַ פּרעמיערע. קאָן שוין ווידער נישט זיין קיין רייד פון פאַרטיפטער און סיסטעמאַטישער טעאַטער־

אַרבעט, נאָר פון פּשוטן פּראָפעסיאָנאַליזם, פון „באַקן פּיעסן“, ווי ס׳רופט זיך ביי אַקטיאָרן.

מיר האָבן זיך אָבער אָפּגעגעבן חשבון, אַז ווילנע דינט אונדז נישט ביים געגעבענעם מאָמענט ווי אַ ציל, נאָר ווי אַ בריק צו וואַרשע. דאַרפן מיר, הייסט עס, אין ווילנע אויספּרוּוון פּיעסן און צוגרייטן אייניקע אויף אָנצוהייבן אין וואַרשע. דערצו זענען אונדז גייטיק נישט מער ווי אַ צוויי פּאַרטיקע פּיעסן און זיי וועלן אונדז שוין געבן צייט צוצוגרייטן ווי געהעריק אונדזער הויפּט־פּיעסע, וואָס זאָל באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אונדזער טעאַטער.

פאַר אַזאַ פּיעסע האָב איך פאָרויסגעזען „שבתי צבי“, פונעם פּוילישן שרייבער יעזשי זשולאַווסקי, אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. י. זינגער. מיר האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אַ ביז גאָר אינטענסיווער אַרבעט, וואָס איז באַשווערט געוווען דורך דער סצעניִשער אומדערפאַרנקייט פון אייניקע פון אונדזערע נייע אַקטיאָרן. מיר פלעגן אַרבעטן בוכשטעבלעך טאָג און נאַכט. אין שייכות מיט יענער אַרבעט געדענקט זיך אַ טראַגיקאָמישער פאַל: אונדזער נייער אַקטיאָר, אַדאַם דאָמב, איז געוווען אַ פאָטאָגראַף ביי זיך אין שטעטל און אַ באַקאַנטער אַמאַטאָר און רעזשיסער פון דראַמקרייזן אין דער געגנט קוטנע־פּלאָצק. קלאַנגען וועגן זיינע פעיקייטן און געשאַפענע ראָלן זענען דערגאַנגען אַזש קיין וואַרשע. דאָס האָט מיך באַוויגן אים צו אַנגאַזשירן אין אונדזער טרופּע. די קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. מיר האָבן אין אים באַקומען אַ גלענצנדיקן, אינטעליגענטן אַקטיאָר מיט נישט־דורכשניטלעכע סצעניִשע מעלות, ווי: אימפּאָזאַנטע אויסערלעכקייט, מעכטיקע שטים און אַפילו אויסגעצייכנטע טעכניק, אַ זעלטנקייט ביי אַמאַטאָרן. ער האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכן זכרון און אַ ביסל זיך צוגעפוילט. פלעגן די רעפּעטיציעס ליידן צוליב דעם. און אַט דערנענטערט זיך די פּרעמיערע פון „קאַרגן“, אַלע קענען שוין זייערע ראָלן אויף אויסנווייניק און אייך דאָמב וואַרט אויפן סופלאָר און צעציט אומברחמנותדיק דעם ריטעם פון דער פאָרשטעלונג. מיר זענען פּשוט געוווען פאַרצווייפלט און נישט געוווּסט ווי אַזוי צו ווירקן אויף אים זיך אויסצולערנען דעם טעקסט. ער פלעגט אַלץ פאַרזיכערן, אַז מע

מעג זיך אויף אים פֿאַרלאָזן, אַז צוליב אים וועט די פֿאָרשטעלונג נישט ליידן... אַז „אָט די נאַכט" זעצט ער זיך אַוועק און קומט מאָרגן אַ „פֿאַר־טיקער" צו דער רעפּעטיציע... בין איך גראָד „די נאַכט" אין די שפּעטע שעהען אַריין אין אַ נאַכטלאָקאַל און טרעף דאָמבן פֿאַרברענגען אין אַ בגילופֿינדיקער געזעלשאַפֿט... אויסער זיך פֿאַר אויפֿרעגונג, הייס איך אים תיכף־ומיד פֿאַרלאָזן דעם לאָקאַל. ער פּרוווט זיך מיר אַנטקעגנ־שטעלן:

— „איר זענט דאָ נישט קיין רעזשיסער... איך בין אַ דערוואָקסענער מענטש"... איך צווינג אים ממש מיט כּוח צו גיין א היים און וואָרן אים, אַז אויב ער וועט צו דער מאָרגנדיקער רעפּעטיציע נישט קענען די ראָל, האָט ער מער נישט וואָס צו טון ביי אונדז אין טעאַטער... אַ צווייטער וועט שפּילן זיין ראָל... צומאָרגנס איז דאָמב געקומען צו דער רעפּעטיציע מיט אַן אויסגעלערנטער ראָל. אָבער ער אַליין איז געווען נישט צום דער־קענען: ממש געוואָרן אַ העלפֿט פֿון אים. אַזוי האָט ער פֿון טאָג צו טאָג פֿאַרלוירן וואָג — און פֿון וואָס צו פֿאַרלירן האָט ער געהאַט. צום אַרויס־פֿאָרן פֿון ווילנע איז פֿון זיין פּעטן בויך נישט פֿאַרבליבן קיין זכר. ס'איז אים אָבער צוגעקומען די געוווינהייט זיך צו לערנען פֿון אויסנווייניק זיינע ראָלן. אַ דאַנק דעם האָט זיך זיין זכּרון פֿאַרבעסערט. מיט דער צייט איז אַדאָם דאָמב געוואָרן אַ זייל פֿון „ווילנער", אַ הויכטאַלענטירטער, דיסציפּ־לינירטער און קולטורעלער אַקטיאָר און האַרציקער חבר. נישט איין מאָל פֿלעגט ער דערנאָך דערמאָנען, אַז ער האָט מיר צו פֿאַרדאַנקען די „קונסט" פֿון לערנען ראָלן.

***

עס איז אַוועק די געוויינטלעכע פּראָפֿעסיאָנעלע טעאַטער־אַרבעט, וואָס האָט יעדן שבת געדאַרפֿט „אַרויסגעבן" אַ פּרעמיערע. אַ חוץ אסתּר־רחלס גאָרדין־רעפּערטואַר האָבן מיר אויפֿגעפֿירט: „גאָראַ", „שמשון", „די פֿרוי און דער פּאַיאַץ". מיר האָבן אויך אויפֿגעפֿירט אָסטראָווסקיס „אומשולדיק שולדיקע", וואָס האָט באַדאַרפֿט זיין איינע פֿון די צוויי „איבערגאַנג"־פּיעסן אין וואַרשע. הגם אסתּר־רחל האָט זיך נישט געפּאַסט פֿאַר דער ראָל פֿון דער רוסישער אַקטריסע, האָבן מיר אָבער געהאַלטן פֿאַר

וויכטיק צו באַקענען דעם יידישן עולם מיט אָסטראָווסקין, וואָס מ׳האָט ביז דאַן נישט געשפּילט אין יידישן טעאַטער.

אין אַ טאָג װענדט זיך צו מיר אונדזער סופלאָר קראַנץ מיטן אַקטיאָר דאַשעווסקי, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען פון רוסלאַנד, צי ס׳וואָלט געווען כדאַי אויפצופירן „די זיבן געהאָנגענע״, לויט אַנדרייעווס דערציי־לונג. זיי האָבן געזען די דראַמאַטיזירונג אין אָדעסער רוסישן טעאַטער, וווּ זי איז געשפּילט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג. זיי געדענקען גוט דעם סדר און אינהאַלט פון די בילדער. אויב איך וויל, קאָ־נען זיי במשך אייניקע טעג אָנשרייבן דעם טעקסט.

איך האָב צו „די זיבן געהאָנגענע״ געהאַט אַ טיפן סענטימענט נאָך פון דער שולבאַנק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעג איך די דערציילונג פאַרלייענען אויף די אינטימע באַגעגענישן פון אונדזער קרייז און יעדער פון אונדז האָט זיך געפילט ווי אַ מיטפאַראַנטווארטלעכער פון קריגגעריכט און אַ מיטפאַרמישפּטער צו תליה. דער דאָזיקער סענטימענט איז אין רוס־לאַנד נאָך מער פאַרטיפט געוואָרן און דער טעראָר אין פוילן האָט אים נאָך מער פאַרשאַרפט. איך האָב אַרויסגעפילט אין דער טעמע אַקטועלן שטאָף פאַר אַ דראַמע וואָס קאָן ווירקן און וועקן. אין אייניקע טעג אַרום בין איך שוין געווען פאַרטון איבערן מאַנוסקריפּט, וואָס ביידע שותפים האָבן צוגעשטעלט. כ׳האָב אים פאַראָכטן, דערגענצט מיט אַ ריי בילדער און דיאַלאָגן פון דער דערציילונג און ראַדיקאַל געענדערט דעם פּלאַן פון דער באַאַרבעטונג.

אַפילו ווען מיר נעמען אַ פּיעסע, וואָס איז לכתחילה געשריבן פאַר דער בינע, דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן חשבון, אַז פון אַ ליטעראַריש ווערק דאַרף געשאַפן ווערן אַ טעאַטראַליש.

דער לייענער האָט די מעגלעכקייט צו לייענען דאָס ווערק במשך פון לאַנגע שעהען, טעג, מיט פיל הפסקות, דאַקעגן אין טעאַטער מוזן מיר דאָס זעלבע ווערק צופּאַסן צו דער באַגרענעצטער אויפנעם־מעגלעכקייט פון אַ צוויי שעה צייט. אַ פּשיטא שוין אַ פּיעסע, וואָס ווערט דראַמאַטיזירט פון אַ בעלעטריסטיש ווערק. ליטעראַטור איז נישט טעאַטער און דעריבער דאַרף זי פאַר דער בינע, אַפילו ווען זי ווערט געשאַפן אין אַ דראַמאַטישער

פאָרעם, אין דער פאָרעם פון דיאַלאָגן, ווערן טעאַטראַליזירט. צעצויגענע, עפּישע דיאַלאָגן, וואָס פאַרכאַפּן ביים לייענען, ווערן פון דער בינע לאַנג־ווייליק און פיינלעך. די צייט אויף דער בינע שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטאַרק־קאָנדענסירטע פונעם ווירקלעכן לעבן. במשך פון אַ צוויי שעה שפּילן זיך אָפּ אויף דער בינע געשעענישן פון דורות; יאָרהונדערטער ווערן פאַרוואַנדלט אין מינוטן, יאָרן אין סעקונדעס. דאָס איבערטראָגן געשעע־נישן פון איין אָרט צום צווייטן דאַרף פאָרקומען מיט דער שנעלקייט פון אַ בליק.

דער הויפּט־עלעמענט פון טעאַטער, להיפּוך צו ליטעראַטור, איז אַק־ציע. זי פאַרוואַנדלט די סטאַטיק אין דינאַמיק; זי איז דאָס פּולסירנדיקע בלוט, וואָס הויכט אַריין לעבן אינעם טויטן וואָרט; זי טיילט אויס די גרונט־אידייע פונעם איבעריקן באַלאַסט, פון אָפט מאָל אומפאַרשטענד־לעכער מליצה, סימבאָליק און נישטדערזאָגטקייט.

טעאַטער טאָר, קודם־כל, נישט זיין לאַנגווייליק, ס׳מוז זיין קאָנקרעט, זאַכלעך, עמאָציאָנירנדיק, צוועקמעסיק און אַנטשפּרעכן דעם ריטעם פונעם לעבן, פון דער תקופה.

מיטן פאָרענדיקן און אָפּדרוקן זיין ווערק שטעלט עס דער מחבר אין רשות פון כלל. ס׳ווערט קריטיקירט, קאָמענטירט, פאַראורטיילט אָדער אָנערקענט. דאָס טעאַטער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער רעזשיסער וואָס באַקומט אויפצופירן אַ דראַמאַטיש ווערק, דאַרף דער ליטעראַרישער אידייע פון דער פּיעסע געבן אַ סצענישע נשמה און סצענישע געשטאַלט. דער רעזשיסער ווערט אַזוי אַרום דער פאַרמיטלער צווישן מחברס ווערק און זיין סצענישער פאַרווירקלעכונג. ער דאַרף „פון וואָרט מאַכן גוף״, באַלעבן די שטומע אותיות און אַריינהויכן אין זיי נשמה, פאַרוואַנדלען ליטעראַרישע צעצויגנקייט אין סצענישער קאָנצענטרירטקייט און זאַכלעכקייט.

דעריבער האָב איך אין פאַל פון די „זיבן געהאָנגענע״ באַאַרבעט די „באַאַרבעטונג״ אין הסכם מיט די דאָזיקע פּרינציפּן און זי איז אַרויס לגמרי אַנדערש, ווי אירע מחברים האָבן זי מיר אונטערגעטראָגן. זיי האָבן עס גענומען פאַר ליב און בכלל נישט דיסקוטירט וועגן דער מעטאַמאָר־פאָזע וואָס איז פאָרגעקומען אין איר. אין אַ צייט אַרום האָבן זיי דעם

עקזעמפּלאַר, וואָס איך האָב באַאַרבעט, געלאָזן אָפּדרוקן און אַפילו נישט דערמאָנט אַז איך האָב אַ וועלכן ס'איז שייכות צו דער באַאַרבעטונג... אויך איך האָב עס אָנגענומען פֿאַר ליב.

די רעפּעטיציעס האָבן שטאַרק פֿאַרכאַפּט אונדזערע אַקטיאָרן. במשך פֿון אַ פֿאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט האָבן אויפֿגעלעבט אַנדרייעווס געשטאַלטן. דאָס רוב פֿון זיי האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט מוסטערן פֿון אַקטיאָרישע פֿאַרקערפּערונג און איבערלעבונג. אייניקע פֿון די דעמאָלט־געשאַפֿענע געשטאַלטן זענען פֿון די זעלבע אַקטיאָרן געשפּילט געוואָרן אין שפּעטערדיקן „וויקט" אין וואַרשע און אויף זיין ערשטן טורניי איבער פּוילן.

אַזוי אַרום האָבן מיר, ווי אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, באַקומען די צווייטע פּיעסע אויף אויסצופּילן אין דער צייט, וואָס ס'דאַרף נעמען דאָס צוגרייטן „שבתי צבי".

נישט געקוקט אויפֿן דורכשניטלעך־גוטן באַזוך און פּרעמיערעס אַלע וואָך איז אונדזער מאַטעריעלע לאַגע געווען אַ גאַנץ שווערע. כדי עפּעס אָפּצושפּאָרן נאָכן סעזאָן אַרבעט, האָבן מיר געמוזט מאַכן אַ טורניי איבער אַ ריי שטעט פֿון גראָדנער און ביאַליסטאָקער קרייזן.

פֿון ווילנע דאַקעגן האָבן מיר אָפּגעשפּאַרט די צוויי פּיעסן אָנצוהייבן אין וואַרשע, און צוויי חתונות: פֿון מיין ברודער יאַנאָס מיט דיאַנאַ בלומענפֿעלד און פֿון אַדאַם דאָמב מיט סאָניאַ אַלטבוים.

8

אַ טעאַטער ווערט געבוירן

מיר זענען געקומען קיין וואַרשע צום גרייטן, דאָס הייסט, גלייך צום שפּילן. אַלע צוגרייטונגען, ווי דאָס אויסאַרבעטן די באַדינגונגען, דאָס צו־אַנגאַזשירן נייע אַקטיאָרן, זענען געמאַכט געוואָרן אין ביאַליסטאָק מיט איינעם פֿון די „צענטראַל"־באַלעבאַטים, וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען אַהין.

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט דער טראַדיציאָנעלער „מירעלע עפראָס" און באַלד צומאָרגנס אַרויס מיט דער ערשטער איבערגאַנג־פּרעמיערע „אומשולדיק שולדיקע", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אָנעם אָנטייל פון נייע אַקטיאָרן. גלייכצייטיק האָבן מיר זיך געשטעלט רעפּעטירן די „זיבן געהאָנגענע". דאָ האָבן שוין אָנטיילגענומען אונדזערע נייע מיטגלידער: ש. לאַנדע (מיניסטער), משה ליפּמאַן (אַלטער גאַלאָוויז), לעדערמאַן (יאָנ־סאָן), גאָדיק (מיניסטערס זון), קערמאַן (זשאַנדאַרם) און פיינשטיין (תפיסה־וועכטער). אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די צוגרייט־אַרבעט איבער זשולאַווסקיס „שבתי צבי", מיט דער ניי־אָנגאַזשירטער קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

„אומשולדיק שולדיקע" איז, ווי ס'איז געווען פאָרויסגעזען, אָפּגע־גאַנגען צוויי וואָכן און נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום געשעעניש. אַלע האָבן געוואַרט אויף „שבתי צבי", ווייל צו די „זיבן געהאָנגענע", ווי צו אַ באַאַרבעטונג פון צוויפּלהאַפּטע שרייבער, האָט מען קיין צוטרוי נישט געהאַט. אָבער שוין בעת די רעפּעטיציעס (צוליב די נייע אָנטייל־נעמער) האָט זיך די שטימונג אָנגעהויבן צו בייטן און צו דער פּרעמיערע איז שוין אַפילו געווען אַ באַטייטיקער אינטערעס. דעם דאָזיקן אינטערעס האָבן געשאַפן טאַקע די באַלעבאַטים פון „צענטראַל" און, פאַרשטייט זיך, אַרנאָלד. נאָך דעם ווי זיי האָבן בייגעוווינט אַ רעפּעטיציע, האָט אַרנאָלד פייערלעך דערקלערט, אַז „ס'וואַקסט אַ שלאַגער". די באַלעבאַטים האָבן זיך געוועט וויפל חדשים די פאַרשטעלונג וועט גיין.

— „ס'וועט איינגעמען וואַרשע" — האָט זיך אַרנאָלד געקאָכט, גלע־טנדיק זיין טשופּרינע.

— „בלויז וואַרשע? — גאַנץ פּוילן!" — האָבן אים די באַלעבאַטים איבערגעשריגן.

דאָס, וואָס מיר, אַרטיסטן, האָבן נישט פאָרויסגעזען, האָבן זיי די „געשעפטסלייט", אַרויסגעפילט און טאַקע זיך נישט גענאַרט. אַנשטאָט דער איבערגאַנגצייט, די צוויי וואָכן, ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, זענען די „זיבן געהאָנגענע" געשפּילט געוואָרן אין „צענטראַל"־טעאַטער אַ גאַנץ יאָר. מיר האָבן אַפילו מיט דער צייט געשאַפן אַ צווייטן אַנסאַמבל

און געשפּילט די פאָרשטעלונג גלייכצייטיק אין וואַרשע, אין לאָדזש, און אַנדערע ערטער.

דער גורל פון „די זיבן געהאַנגענע" איז געוואָרן באַשטימט שוין באַלד אין אָוונט פון דער פּרעמיערע. דאָס האָט זיך געפּילט אין דער באַגייס־טערונג פונעם עולם, וואָס האָט צענדלינגער מאָל געצוווּנגען צו הייבן דעם פאָרהאַנג. דאָס האָט אויך דערגאַנצט די קריטיק, וואָס האָט באַצייכנט די אויפפירונג ווי אַ גרויסע געשעעניש אינעם יידישן טעאַטער. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן דעם נייעם, האַרמאָנישן אַנסאַמבל־שפּיל, וואָס האָט באַוויזן מיט האַלבע טענער, מיט פּויזעס, מיט סוגעסטיווע בליקן צו ווירקן שטאַרקער פון באָמבאַסטישע אויסערלעכע מיטלען. עמעצער האָט מיר אַפילו פאָרגעוואָרפן, אַז מיט מיין מישקאַ ציגאַניאַק האָב איך אַריינגעבראַכט אַ דיסאָנאַנס אינעם אַלגעמיינעם טאָן און זיך געוויצלט, אַז צום שווערסטן איז צו רעזשיסירן זיך אַליין... אָבער דער דאָזיקער פאָרוווּרף האָט זיך גענומען פונעם אויבערפלאַכלעכן צוגאַנג פון קריטיקער צום טעקסט פון דער פּיעסע. וואָלט ער זיך באַמיט איבערצוליינען דעם אָריגינאַל, אַנדרייעווס „דערציילונג וועגן די זיבן געהאַנגענע", וואָלט ער איינגעזען, אַז איך האָב מיך דווקא געהאַלטן געטריי ביי אַנדרייעווס אָנווייזונגען. שטרייכט ער דאָך טאַקע אונטער, אַז מישקאַ ציגאַניאַק האָט מיט זיין דערשיינען צווישן דער אינטעליגענטער גרופּע פאַרמישפּטע אַריינגעבראַכט אַ דיסאָנאַנס מיט זיין הפקרדיקער ווילדקייט פון די ברייטע סטעפּעס, מיט זיין גרילצנדיקן קוויטש, וואָס פלעגט מאַכן אויפציטערן די רייזנדער אין די אוראַלער וועלדער. דער דיסאָנאַנס טאַקע האָט נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן דעם צוזאַמענברוך פונעם פּרימיטיוון וואַלדגזלן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. להיפּוך צו דער רויִקייט מיט וועלכער ס'האָבן באַגעגנט דעם טויט אידעאַליסטן, וואָס זענען באַוווּסטזיניק אים געגאַנגען אַנטקעגן.

די דאָזיקע מיינונג האָט זיך אָבער נישט אָנגעזען אינעם כאָר פון פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען, מיט וועלכע די וואַרשעווער פּרעסע האָט אויפגענומען די דעמאָלטיקע אינסצעניזירונג און אויפפירונג פון „די זיבן געהאַנגענע". דאָס זעלבע מזל האָט באַגלייט די פאָרשטעלונג אומעטום, ווו

איך האָב זי געשפּילט. אַזוי ווי בשעתו ביים „דיבוק" פון די „ווילנער", האָט זיך דאָס מאָל אויך די פּוילישע פּרעסע אָפּגערופן ענטוזיאַסטיש וועגן דער פאָרשטעלונג. דאָס האָט אַרויסגערופן אינטערעס אויך אין די פּוילישע קינסטלערקרייזן און אינעם אָרעמען „צענטראַל" האָבן אָנגעהויבן עולה־רגל זיין פּוילישע אינטעלעקטואַלן און טעאַטער־לייט. דער באַרימטער קריטיקער באָי־זשעלענסקי האָט באַוויזן אַראָפּצונידערן אין יידישן טעאַטער דעם דירעקטאָר פון „טעאַטער פּאָלסקי", ד"ר אַרנאָלד שיפּמאַן, אַ געשמדטער קראָקעווער ייד, וואָס פלעגט דאַן אויסמיידן יעדן מגע־ומשא מיט יידישע קולטור־דערשיינונגען. איז טאַקע געווען פאַר אונדז אַלעמען אַן איבערראַשונג, ווען שיפּמאַן איז נאָך דער פאָרשטעלונג אַריין הינטער די קוליסן און באַדאַנקט אונדזער אַנסאַמבל פאַרן פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן אים פאַרשאַפט. דערביי האָט ער געפינען פאַר נייטיק צוצוגעבן, אַז די אַקטיאָרן דאַרפן געדענקען, אַז זייער שפּילן און צוזאַמענשפּיל האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דעם רעזשיסער. די דאָזיקע באַמערקונג האָט מיר, וואָס אַן אמת, פאַרשאַפט פאַרגעניגן, כאָטש כ'האָב זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן אויף דער באַציונג פון די אַקטיאָרן צו מיר. אויסער דעם, וואָס מיר זענען אַלע געווען גוטע און נאָענטע חברים, האָב איך אויך געפילט זייער צוטרוי און אַכטונג צו מיר, הגם איך בין געווען פון די יינגסטע אין דער טרופּע, צו יענער צייט, קוים 27 יאָר אַלט.

איך האָב באַקומען אַ פאָרשלאָג אויפצופירן „די זיבן געהאָנגענע" אין אַ פּוילישן טעאַטער אין פּראַגע און, אין אַ צייט אַרום, אויפצוטרעטן אַפילו אין „מישקאַ ציגאַניאַק" מיט אַ פּוילישער טרופּע. איך האָב אָבער געלעבט און געחלומט מיט מיין יידישן טעאַטער, וואָס איז אַריין אינעם גייעם עטאַפּ פון זיין עקזיסטענץ. קיין שום פאָרשלאָג, ווי אימפּאָנירנדיק ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט מיך נישט געקאָנט אינטערעסירן.

נאָך אַ געשעעניש האָבן מיר געהאַט צו פאַרצייכענען יענעם סעזאָן: נאָך דעם ווי דער באַקאַנטער פּוילישער בינע־מייסטער אַלעקסאַנדער זעלווערענוויטש האָט באַזוכט אונדזער פאָרשטעלונג, איז ער געקומען אַ צווייט מאָל מיט זיינע שילער פון דער מלוכהשער דראַמאַטישער שול, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער צוזאַמען מיט זיינע

שילער זיין אַן אָפּטער באַזוכער פון אונדזערע פאָרשטעלונגען. אַ דאַנק דעם זעלבן זעלוועראָוויטש האָבן מיר אין אייניקע יאָר אַרום באַקומען בחינמדיקע אויסלענדישע פּעסער צום טורניי פון „וויקט״ קיין רומעניע און ער האָט אויך צוגעהאָלפן צו באַשטימען מע זאָל אונדז פאַרקלענערן דעם מלוכה־שטייער צוגלייך מיט די פּוילישע טעאַטערס פון הויכער קינסט־לערישער מדרגה.

פון יענער צייט געדענקט זיך אַן אינטערעסאַנטע פּאָלעמיק אַרום אונדז צווישן דער יידיש־פּוילישער טעגלעכער צייטונג „נאַש פּשעגלאָנד״ און דעם פּוילישן ליטעראַטור־און קונסט־זשורנאַל „ביאַלי פּאַוו״. דער רע־דאַקטאָר פונעם לעצטן, צעזאַרי יעלענטא, אַ באַרימטער ליטעראַטור־און קונסט־קריטיקער, האָט אין אַן אַרטיקל וועגן אונדזער טעאַטער זיך אַרויס־געזאָגט, אַז היות ווי דער גרעסטער טייל פון אונדז באַזיצט אַ גוטן פּויליש און סצענישער אויסבילדונג, וואָלטן מיר באַדאַרפט זיך אָפּזאָגן פון דער שפּראַך, וואָס איז פרעמד פאַרן פּוילישן אויער און טאַקע אָנהייבן שפּילן אין פּויליש.

יעקב אַפּענשלאַק, דער רעדאַקטאָר פון דער יידיש־פּוילישער צייטונג, האָט אויף אַ שאַרפן אופן אָנגעגריפן דעם משומד צעזאַרי יעלענטאַ און דווקא אונטערגעשטראָכן די פּאָזיטיווע דערשיינונג, וואָס יונגע אַקטיאָרן, אַנשטאָט צו „מאַכן קאַריערע״ אויף דער פּוילישער בינע, האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם שווערן, אָבער אייגענעם וועג און נישט געגאַנגען אין די אימפּאָנירנדיקע, אָבער צווייפלהאַפטע וועגן פון געוויסע מאַשקעס־משומדים... די דאָזיקע פּאָלעמיק איז געוואָרן קאָמענטירט אין אַנדערע צייטונגען. דאָס אַלץ האָט צוגעהאָלפן צו דער פּאָפּולערקייט פון דער „צענטראַל״־טרופּע און די 150סטע פאָרשטעלונג פון די „געהאַנגענע״ איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ יום־טוב פון יידישן טעאַטער. צו דער דאָ־זיקער פאָרשטעלונג איז געקומען פון ווילנע א. ליטוואַק, איינער פון די באַטייטיקסטע בונדישע טוער, אַ גלענצנדיקער קונסט־קריטיקער און עס־טעט. נאָך דער פאָרשטעלונג קומט אַריין הינטער די קוליסן שלמה מענ־דעלסאָן און זאָגט מיר אויף זיין ספּעציפיש־וואַרשעווער יידיש:

— „דו ווייסט, זיגמונט, וואָס ליטוואַק האָט געזאָגט? — אַ טעאַטער ווערט געבוירן! ס׳קומט אייך אַ מזל־טוב״.

ארנאלד, וואס איז געשטאנען הינטער מענדעלסאנען, האט זיך נישט געקאנט באהערשן:

— „זאל ער זיך פארדרייען זיין קאפ, דער ליטוואק! וואס הייסט, ווערט געבוירן? ער איז שוין געבוירן! וואס מיר „רעדוטא", וואס מיר „ווילנער", — אזא שלאגער האט נאך ווארשע נישט געהאט!". ער האט געטון א שפיי אויף די פינגער, א גלעט די טשופרינע און די לאנגע פיס האבן ארנאלדן אוועקגעטראגן אין פאיע, צו הערן וואס „מענטשן" זאגן...

***

אן אפטער איינגייער אין „צענטראל" איז געווען ז. סעגאלאוויטש. בייזע צינגער פלעגן טרייבן רכילות, אז דאס קומט ער פארהיטן קלארען פון א „בייז אויג". ארנאלד, דאקעגן, האט געהאלטן, אז ס׳קאן אים שוין גארנישט פארהיטן... אז עפעס ווייסט ער, — נאר שא, ארנאלד קאן האלטן א סוד... איז טאקע סעגאלאוויטש ארומגעגאנגען א זויערער און געמאכט דעם איינדרוק פון א לעבעדיקן גאל־זאק. א מאל נאך א רעפע־טיציע פון „שבתי צבי", אין וועלכער קלארא האט רעפעטירט אן עפיזאד, פירט ער מיך אפ א היים און צווישן אונדז פארפירט זיך א שמועס, אין וועלכן ער נעגירט אלץ און אלעמען און, דער עיקר, דאס יידישע טעאטער און זיין רעפערטואר.

— „ס׳טייטש — האט ער זיך געהיצט — מאליער, גאגאל, אנדרייעוו, זשולאווסקי! וואס, צו אלדע רוחות, מיר האבן שוין נישט קיין יידישע שרייבער? ס׳גאנצע לעבן וועלן מיר זיין קעסטקינדער ביי פרעמדע טישן?! האבן מיר נישט קיין אייגענע שרייבער, דארפן מיר נישט קיין יידיש טעאטער? אנשטאט צו זיין א פרעמדער טעאטער אויף יידיש, איז גלייכער צו זיין א פורים־שפילער און גיין איבער יידישע הייזער מיט אן אייגענעם נוסח! א ליגן, אז ס׳איז נישטא קיין יידישע דראמאטורגיע! זוכט, מאנט, אינטערעסירט זיך! איז נישטא פון היינט, זוכט פונעם נעכטן, אבי זוכט, נעמט נישט דאס פרעמדע נאר דערפאר, ווייל עס ליגט פאר אייך גרייט! זוכט אייגנס, צו אלדע רוחות!"...

איך האב נישט איין מאל געהערט סעגאלאוויטשן זיך בייזערן און

בין שוין געווינט געוועז דערצו. דאָס מאָל אָבער האָט עס מיך געמאַכט פאַרטראַכטן און אַפילו באַאומרויִקן. ס׳האָט צום סוף דערפירט צו אַ נייער רעוויזיע פון מיין „אייראָפּעיִשקייט״, בפרט פון מיין נאָענטסטן רעפּער־טואַר. אָט שפילן מיר דעם רוס אַנדרייעוו און אָט גרייטן מיר דעם פּאָלאַק זשולאַווסקי... אָט שפילן מיר איין שווערע, דעפּרימירנדיקע דראַמע און אָט רעפּעטירן מיר אַ צווייטע, אַן ענלעכע, איז דען די אויפגאַבע פון טעאַ־טער און בפרט פונעם יִידישן, נאָך מער צו באַשווערן דאָס געמיט פון אונ־דזער עולם, וואָס האָט געגנוג דעפּרעסיע אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן? דאַרף אים דען דאָס טעאַטער נישט ברענגען קיין פאַרלייכטערונג, דערמוטיקונג, אַן אָטעם־פּויזע אין זיין שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, קעגן דיסקרימי־נאַציע אין זיין עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַלן לעבן?!

באַאומרויִקט האָט מיך אויך דער געדאַנק, וואָס אסתר־רחל, דער פאָרדינסטפולער מיטגליד פון אונדזער טעאַטער, ווערט פאַרנאַכלעסיקט אין ראָלן. אָט שפּילט זי אַן עפּיזאָד אין די „געהאַנגענע״ — אמת, זי שפּילט אים מייסטערהאַפט — און אָט האָט זי בכלל נישט קיין ראָל אין „שבתי צבי״. איז עס יושרדיק פון אַ טעאַטער אין וועלכן ס׳געפינט זיך אסתר־רחל קאַמינסקאַ, נישט צו זאָרגן וועגן אַ ווירדיקער ראָל פאַר איר גרויסן טאַלענט? אמת, אסתר־רחל האָט קיין מאָל נישט געמאָנט, נישט פּראָטעסטירט. דאַרפן מיר אויסנוצן איר איידלקייט און באַשיידנקייט און זי פאַרנאַכלעסיקן, זוכנדיק קודם ראָלן פאַר זיך?

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן מיר צוגענומען דעם חשק אָנצוגיין מיט דער אַרבעט איבער „שבתי צבי״. פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן די „געהאַנגענע״ און „שבתי צבי״ דאַרף און מוז געשטעלט ווערן אַ יִידישע פּיעסע און דווקא נישט קיין שווערע, נישט קיין דראַמע.

צום גליק, האָט דער דערפאָלג פון די „זיבן געהאַנגענע״ געגעבן צייט אַרומצוקוקן און צו זוכן. צו הילף איז מיר געקומען שלמה מענדעלסאָן. אין אַ געוויסן טאָג ווענדט ער זיך צו מיר:

— איך האָב פאַר דיר אַ גוטע זאַך. דו קענסט עטינגערס „סערקעלע״?

מיר איז די זאַך געווען אומבאַקאַנט. האָט ער מיך אַרויפגעפירט צו נח פּרילוצקי, גענומען ביי אים דעם מאַנוסקריפּט, איינעם פון דער גרוי־

סער צאָל קאַפּיעס, וואָס עטינגער פלעגט אייגנהענטיק איבערשרייבן און פאַרשפּרייטן צווישן זיינע באַקאַנטע.

אויפן שער־בלאַט פונעם מאַנוסקריפּט איז געווען אויסגעדריקט מיט עטינגערס האַנט: „סערקעלע, אָדער די יאָהרצייט נאָך אַ ברודער, גאָר אַ נײַ טעאַטער־שטיק אין פינף אויפציהען פון שלמה עטינגער". פון לינקס איז ווי אַ מאָטאָ געווען אויפגעשריבן מיט גאָטישע אותיות אַ ציטאַט פון „קויפמאַן פון ווענעדיק". דער עקזעמפּלאַר איז, ווייזט אויס, שוין דורכגע־גאַנגען די צענזור אין עטינגערס צייט, ווייל ס'האָט זיך דאָרט אויך גע־פינען דער אונטערשריפט פונעם פוילישן צענזאָר מיטן שטעמפּל.

נאָכן איבערלייענען די קאָמעדיע, איז ביי מיר מער קיין צווייפל נישט געווען, אַז מיר האָבן געפינען אַן אוצר פאַר זיך, פאַר אסתר־רחל קאַ־מינסקאַ און פאַרן יידישן טעאַטער בכלל. אָט איז אַ מייסטערווערק, גע־שריבן אַרום 1830 יאָר, דאָס הייסט אין דער פאַר־מענדעלע־תקופה, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אין אונדזער דראַמאַטישער ליטעראַטור. פאַרמאָגט אַ געזונטן, נישט געקינצלטן הומאָר, אַ נאַטירלעכע פאָלקסטימ־לעכע שפּראַך, אַ גלענצנדיקע סצענישע קאָמפּאָזיציע, אין וועלכער עס זענען אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן לעבעדיקע געשטאַלטן מיט אַ שטיק שטיי־גער פון אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. אָט איז אַן אוצר פון יידיש לעבן, טראַכטן, אויסלעבן זיך, וואָס קאָן דינען ווי אַ מאָנומענט פון אונ־דזער פאָלקלאָר און שטייגער פון דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָר־הונדערט און קיינער האָט זיך ביז איצט נישט צוגערירט דערצו. אמת, „סערקעלע" איז אַ מאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך די תלמידים פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול און נישט קיין אַנדערער, ווי אברהם גאָלדפאַדן אליין האָט געשפּילט די פרויענראָל סערקעלע, אָבער פון דעמאָלט אָן האָט עס מער נישט אָנגעזען די שיין פון דער ראַמפּע.

איך שטעל מיר פאָר, אַז דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער פלעגט באַ־וווסטזיניק אויסמיידן אויפצופירן די דאָזיקע „ליטעראַרישע" קאָמעדיע, ווו די אַנטיילנעמער רעדן אַ מענטשלעכע שפּראַך, די געשעענישן זענען „פון לעבן" און די אַקציע איז נישט „געשמאַלצן" מיט פּעטע קופּלעטן, „געזאַנגען און טענצע" און, דער עיקר, די הויפּטהעלדין איז אַן אשת־חיל

וואָס שעלט נישט און שיט נישט מיט קיין ניבול־פּה, ווי מ׳איז געוווינט צו זען די „קאָמישע אַלטע״ אין יידישן טעאַטער; אויך נישט קיין זינגענ־דיקע און טאַנצנדיקע „פּייער־פלאַמיקע סוברעטקע״, וואָס קאָן „צ׳ען סבאָרן״. האָט מען עס געהאַלטן פאַר אַ „נידעכץ״, וואָס וועט „פאַרטרייבן דעם עולם פון טעאַטער״.

„סערקעלע״ האָט אַלזאָ געוואַרט קנאַפּע הונדערט יאָר ביז זי האָט זוכה געווען אויפגעפירט צו ווערן אין יידישן טעאַטער און מיר איז צו־געטיילט געוואָרן דער כבוד אַרויפצוברענגען זי אויף די ברעטער פון „צענטראַל״.

האָבן מיר טאַקע דעפיניטיוו באַשלאָסן אָפּצולייגן „שבתי צבי״ אויף נאָך „סערקעלע״. אָבער „סערקעלען״ איז אַ לאַנגע צייט אויסגעקומען צו וואַרטן אויף איר ריי, ווייל וואָס ווייטער איז דער דערפאָלג פון די „גע־האַנגענע״ געשטיגן. דאָס טעאַטער, פאַרשטייט זיך, האָט געמוזט דעם דאָ־זיקן דערפאָלג אויסנוצן אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט זיך געלאָזט.

**
*

פאַר דער צייט האָב איך באַוויזן מיטצומאַכן אַ חודש מיליטערישע איבונגען אין וואַרשעווער ציטאַדעל. לכתחילה פלעג איך שפּילן אין די אָוונטן, נעכטיקן אין דער היים און פיר פאַרטאָג צופאָרן צום איבונג־פּלאַץ. דאָס האָט מיך שטאַרק אויסגעמאַטערט. האָט ש. לאַנדע איבער־גענומען מיין ראָל פון „מישקאַ ציגאַניאַק״ און איך פלעג בלייבן נעכטיקן אין דער קאַזאַרמע פון ציטאַדעל. די רעזערוו־אָפּטיילונג, אין וועלכער איך האָב מיך געפינען, איז באַשטאַנען פון אינטעליגענץ, צווישן זיי אייניקע יידן, מיינע שול־חברים, און מיר האָבן די צייט פאַרבראַכט גאָר אָנגענעם. אייניקע פון מיינע נייע קריסטלעכע חברים פלעגן קומען צו מיינע פאַר־שטעלונגען אין „צענטראַל״ און כסדר איבערחזרן „חזירישע מאָרדע״ — דאָס וואָרטל, וואָס איך פלעג אָפּט באַנוצן אין מיין ראָל פון מישקאַ. אגב, דאָס זעלבע ווערטל פלעגן מיר יענע צייט נאָכשרייען יינגלעך אין די יידישע גאַסן. צווישן מיינע נייע חברים־רעזערוויסטן האָט זיך אויך גע־פינען אַ פוילישער בחור פון פויערישן אָפּשטאַם, וואָס איז איצט דער באַ־

פולמעכטיקטער מיניסטער פון דער פוילישער פאלקסדעמאקראטישער רעפובליק אויף ישראל. ער, צו יענער צייט, א זשורנאליסט, איך — אן אקטיאר, ביידע זענען מיר געווען פול מיט פראטעסט קעגן דעם זשאנדאר־מען־רעזשים אין פוילן; ביידע האבן מיר געחלומט וועגן א ראדיקאלע ענ־דערונג אין דער הערשנדיקער ארדענונג.

ווען מען האט דאן געקאנט איינפאלן, אז אין א קנאפע פערציק יאר ארום וועלן מיר זיך באגעגענען אין ישראל. איך ביי מיין זעלבן אקטיארישן בארוף, ער — ביי א פאראנטווארטלעכער דיפלאמאטישער מיסיע. אונ־דזער באגעגעניש אויפן פייערלעכן קבלת־פנים פאר אים אין תל־אביב איז געווען ביז גאר אנגענעם. א באקאנטשאפט, וואס מיר האבן געהאט צו פארדאנקען דעם װארשעווער ציטאדעל...

***

אין דער צייט פון „די זיבן געהאנגענע", איז דעם יידישן ווארשע צוגעקומען נאך איין קולטור־אינסטיטוציע: א יידישע דראמאטישע שול, געגרינדעט ביי דער „קולטור־ליגע" און אנגעפירט פון ד"ר וויכערט.

אייניקע צענדליגנ יוגנטלעכע פון ווארשע און פון פראווינצשטעט, וואס האבן זיך פארשריבן אין דער שול, האבן עדות־געזאגט אויף דער פאפולערקייט וואס דאס יידישע טעאטער האט זיך פאר די לעצטע יארן פארשאפן. ס'איז געווען א ביז גאר פאזיטיווער אויפטו פון דער קולטור־ליגע צו פארגרעסערן די קאדרען פון יידישן טעאטער מיט יונגע, געשולטע כוחות.

די דאזיקע שול האט, א חוץ טעארעטישע לימודים, זיך באמיט צו געבן אירע שילער אויך א פראקטישע אויסבילדונג. זי האט איינגעלאדן דערצו דוד הערמאנען, מיך און די ספעציאליסטין פאר ריטמיק און פלאסטיק, טאטיאנא וויסאצקא. נאך א געוויסער צייט ארבעט האב איך מיך אפגע־זאגט און מיין ארט האט פארנומען אלעקס שטיין. פאר די טעארעטישע לימודים זענען צוגעצויגן געווארן ד"ר שיפער, קאזשדאן און מענדעלסאן.

אין די פאראיין־קרייזן איז די ידיעה וועגן אנטשטיין פון א דראמשול נישט אויפגענומען געווארן מיט קיין איבעריקער התפעלות. דאס האט דאך

באַטייט אַ צופֿלוס פֿון נייע אַקטיאָרן אין דער צייט ווען די אַלטע לעבן איבער אַן עקאָנאָמישן קריזיס. האָט מען זיך געטרייסט, אַז פֿאַר די צוויי יאָר וואָס די לימודים דאַרפֿן דויערן, וועלן די יוגנטלעכע חרטה האָבן און זיך אויסזוכן מער לויבבאַרע פּרנסות. די יוגנטלעכע זענען אָבער, ווייזט אויס, געווען עקשנים און נישט נאָר נישט חרטה געהאַט, נאָר, פֿאַרקערט, גאָכן פֿאַרענדיקן די שול, זיך פֿאַראייניקט, געשאַפֿן אַ סטודיע אונטער דוד הערמאַנס אָנפֿירונג. די נייע טעאַטער־גרופּע האָט אַ געוויסע צייט געשפּילט איבער פֿאַרשידענע שטעט אויף דער פּוילישער פּראָווינץ מיט אַ באַטייטיקן דערפֿאָלג.

פֿון דער דאָזיקער סטודיע זענען אַרויס אייניקע טאַלענטירטע פּראָ־פֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט דער צייט זיך איינגעגלידערט אין אַנדערע טעאַטערס, אָדער געשאַפֿן זעלבשטענדיקע קולטור־פּאָזיציעס. צו זיי געהערן זלמן הירשפעלד און אסתר ראַפּעל, יעקב מאַנסדאָרף, מעלניק, פּאַטאַשינסקי, וואָלפּשטאַט, בירנבוים, בערענזאָן און מיין ברודער יצחק, וואָס איז דער לעצטער אַריין אין דער סטודיע.

די דוד הערמאַן־סטודיע האָט באַנייט דעם „דיבוק", אויפֿגעפֿירט די „גרינע פֿעלדער", הערמאַנס ערשטע קאָנצעפּציע פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" און אייניקע איינאַקטערס. סוף 1925 איז דער גרעסטער טייל פֿון דער דאָזיקער גרופּע איינגעגלידערט געוואָרן אינעם ניי־געשאַפֿענעם, ערשטן ייִדישן קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל".

***

אין איינעם פֿון די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען האָב איך דערמאָנט דעם הינטערקוליסן־קאַמף אַרום די גאַסטראָלן פֿון מאַלי פּיקאָן. מיט דער צייט איז דער דאָזיקער קאַמף אַרויס פֿון הינטער די קוליסן און מיר זענען גע־שטעלט געוואָרן פֿאַר אים פּנים־אל־פּנים. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ קאַמף, וועלכן ס'האָבן אומדירעקט אָנגעהויבן די „ווילנער" און מיט אונ־דזער פֿאַרנעמען אַן אַקטיווע פּאָזיציע אינעם ייִדישן טעאַטער אין פּוילן, האָבן מיר אים ממשיך געווען קאָנסעקווענט, צילבאַוווסט און קאָמפּראָ־מיסלאָז.

אין דער צייט, ווען מיר האָבן געשפּילט אין „צענטראַל", איז אין קאַמינסקי־טעאַטער אויפגעטראָטן אַן אַמעריקאַנער יונגער כאַראַקטער־קאָמיקער, היימי דזשייקאָבסאָן. הגם אַן אַ שטימע איז ער אָבער געווען זייער מוזיקאַליש, עלעגאַנט און געשפּילט מיט געשמאַק און שכל. אויף וויפל ער האָט זיך באַצויגן ערנסט צו זיין אַרבעט קאָן דינען דער פאַקט, וואָס ער האָט מיטגעפּירט מיט זיך אַן אייגענעם דיריזשאָר — שלום סעקונדע. ער האָט אָבער געהאַט אַ חסרון, היימי דזשייקאָבסאָן: ער איז גישט געווען ווולגאַר און זיך נישט אימפּאָנירט מיט קיין גראָבע וויצן. האָט ער נישט געמאַכט קיין געשעפטן און די אימפּרעסאַריאָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „ליטעראַרישן" קאָמיקער.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די אימפּרעסאַריאָס אַ „ליציטאַציע" אויף „סטאַרס". האָט איינער גענומען אַ „היימישן", האָט אים דער צווייטער איבערגעיאָגט מיט אַן „אויסלענדישן". די היימישע זענען געווען פאַררעכנט צו אַ צווייטער קאַטעגאָריע. זענען אויך זייערע באַדינגונגען געווען נישט קיין געהויבענע, צוגעפּאַסט צו די מאַטעריעלע רעזולטאַטן פון זייערע אויפטריטן. דער רעפּערטואַר פון די „היימישע" איז געווען אימפּאָרטירט דורך פאַרשידענע וועגן פון אַמעריקע און אַפילו באַשמאָלצן מיט אַן אַ צאָל ענגלישע ווערטער און פראַזן, מיט וועלכע אונדזערע „שטערן" האָבן זיך באַמיט נישט אָפּצושטיין פון די אַמעריקאַנער „סטאַרס". זייער איינפלוס אויפן גאַנג און אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער איז געווען אַ מינימאַלער און איז דעריבער נישט געווען אַזוי שעדלעך ווי די „פּראָדוקשנס" פון זייערע אַמעריקאַנער מוסטערן.

די שעדלעכקייט פון די אַמעריקאַנער „סטאַרס" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ טייל פון זיי זענען, להיפוך די פּוילישע, געווען ערשטקלאַסיקע קינסטלער, ממש פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אימפּאָנירט און איבערגעראַשט מיט זייערע איינגעבוירענע אַקטיאָרישע אייגנשאַפטן, מיטן סוגעסטיוון כוח פון זייער טאַלענט און טעכניק. אָט די אַלע נאַטור־אוצרות, מיט וועלכע זיי זענען געווען באַשאָנקען, האָבן זיי פאַרביטן אויף קליינגעלט דורך די געשמאַקלאָזע, אַבסורדאַלע אינהאַלטן פון זייערע פּיעסן; מיט די געקינצלטע, לאַקריצזיסע, ליידנדיקע און ליבנדיקע גע־

שטאַלטן פון אומגליקלעכע טאַטעס, אָפּגענאַרטע מענער, פאַרשטויסענע מאַמעס און אומדאַנקבאַרע קינדער. ס'איז געווען בלויז איבערצולייענען די נעמען פון די פּיעסן, אין וועלכע די „סטאַרס" פלעגן אויפטרעטן, כדי צו באַקומען אַ בולטן באַגריף וועגן דער ביליקייט און געשמאַקלאָזיקייט פון זייער רעפּערטואַר.

שוין אָפּגערעדט, וואָס די דאָזיקע גאַסטראָליאָרן פלעגן פאַרקריפּלען די יידישע שפּראַך מיטן ענגלישן זשאַרגאָן, וועלכן זיי האָבן אַריינגעפירט אין איר. איך ווייס פון אַ פאַל, ווען אַן אָנפירערין פון אַ יידישן טעאַטער אין וואַרשע, האָט געמוזט איבערזעצן אויף יידיש די „יידישע" פּיעסע וואָס אַן אַמעריקאַנער „סטאַר" האָט מיטגעבראַכט פאַר איר טעאַטער... נאָך אַ פאַל, ווען אַ פּוילישער צענזאָר, אַ קריסט, האָט אָפּגעוואָרפן אַן עקזעמפּלאַר און זיך געבייזערט, אַז ער איז נישט מחויב צו קענען קיין ענגליש... „גיט מיר אַ פּיעסע געשריבן אין יידיש, וועל איך זי צענזורירן"...

ווי לודוויק זאָגט, האָט זיך געמוזט מאַטערן אין די געקינצלטע געשטאַלטן פון „גזלנים" אָדער „טאַטעס אָן קינדער". דער זעלבער זאָגט האָט געגעבן קאָנצערטן אין דער לייכטער קאָמעדיע „דער ליידיקגייער", אין וועלכער ער וואָלט געקאָנט טריומפירן אויף די גרעסטע וועלטבינעס. אויך אַזאַ קינסטלערין ווי צילי אַדלער, וואָס האָט אַפילו געוואַגט זיך צו באַווייזן אין דער „סקאַלאַ"־בודע אין איר גלאַנצראָלע פון די „גרינע פעלדער", אָבער תיכף זי געמוזט פאַרבייטן אויף אַ היסטאַרישער, האַרצרייסנדיקער מעלאָדראַמע. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַ בערטאַ גערסטען, מיט אַ סעמועל גאָלדענבורג און מיט אַנדערע באַטייטיקע אַקטיאָרן פון אַמעריקע. איך דערמאָן דאָ נישט מאָריס שוואַרצס אויפטריטן אין פּוילן, ווייל זיין רעפּערטואַר האָט נישט געהערט צו דער דערמאָנטער קאַטעגאָריע. וועגן אים וועט מיר אויסקומען צו רעדן באַזונדער.

די אויסלענדישע „סטאַרס" האָט מען געקאָנט איינטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס: דער חוצפּהדיקער עם־האָרץ, דער טאַלענטירטער ציניקער און דער וואָס רעדט מיט גאָט און איז זיך מקריב פאַרן כלל ישראל... די סטאַרס פון אַלע דריי קאַטעגאָריעס זענען געווען גוטע ביזנעסלייט. זיי האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו „נעמען" דעם עולם, זיך פאַרשאַפן סימפּאַטיע

און במילא מיטהילף ביי פאַרשידענע טעאַטער־פריינד און פרעסע־לייט. האָט טאַקע שטאַרק געחידושט און אויפגעבראַכט, וואָס אַ טייל פון אונדזער פרעסע האָט געקוקט אויף די פאַרשידענע שונד־פּראָדוקציעס צווישן די פינגער. אַפילו הלל צייטלין, וואָס האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלן אינטערעס פאַר טעאַטער, האָט געפינען פאַר נייטיק אָנצושרייבן אַ גרויסן פעליעטאָן, אין וועלכן ער באַזינגט דאָס „פאַרכישופטע שניידערל" פון זאַצן. אַזעלכע אַרויסטריטן פון אונדזערע קריטיקער און שרייבער פלעגן מיט דעם פּראָטעזשירן די געשמאַקלאָזיקייט און במילא שטאַרקן איר השפעה אין דער יידישער גאַס. אין דעם פּרט זענען זיי געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די אימפּרעסאַריאָס, וואָס זענען געווען די הויפּטשולדיקע אין אַראָפּברענגען די „אויסלענדישע געסט". דער אימפּרעסאַריאָ פלעגט אַנגאַזשירן אַ טרופּע פון עמך־אַקטיאָרן, וואָס „קאָסטן ביליק" און הגם דער גאַסט פלעגט נעמען זייער גרויסע פּראָצענטער, נישט איין מאָל ביז אַ פערציק פּראָצענט פון ברוטאָ, פלעגט ער שוין זאָרגן, אַז אויך אים זאָל פאַרבלייבן אַ שפּאַרער פּראָפיט. געווען באַקאַנט אַ פאַל, וואָס אַן אימפּרעסאַריאָ האָט אויסגעשטעלט אַ בודזשעט אויף... 110 פּראָצענט און ס'געשעפט האָט אים געלוינט! אין זיינע אינטערעסן איז געווען, אַז דער גאַסט זאָל ברענגען „סחורה" וואָס זאָל „ציִען" און וואָס קאָן בעסער ציִען פון געשמאַקלאָזיקייט?

די ווירקונג פון די דאָזיקע גאַסטראָליאָרן אויף זייערע מיטשפּילער, אונדזערע אַנסאַמבל־אַקטיאָרן, איז געווען אַ ביז גאָר טרויעריקע. אַפילו די פעיִקערע האָבן „באַדינענדיק" אַ לענגערע צייט די „סטאַרס", פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע לשון, אָנגעהויבן צו רעדן פּאַטעטיש, פאַרסירן די שטימע, גיין ווי אויף שטאָלצן און אויף גיך אַראָפּשלינגען זייער טעקסט, כדי אונטערצושטרייכן די „נאַטירלעכקייט" פון דער צענטראַלער פיגור, דעם „סטאַר". דער „סטאַר" האַלט זיך געוויינטלעך פאַרן ברויטגעבער פון דער טרופּע און דעריבער מוזן זיי זיך אונטערוואַרפן זיין ווילן און אָנווייזונגען. ער, דער „סטאַר", ווייסט אַלץ און פאַרשטייט אַלץ. אויף די רעפּעטיציעס איז ער פול מיט סודות, ער שווייגט (שוינט די שטימע...) און הייסט אַנדערע רעדן. אַקטיאָרן ווייסן נישט ביז דער פאַרשטעלונג ווי

די פּיעסע וועט אויסזען, וואָס פאַראַ סורפּריזן עס גרייט פאַר זיי דער „סטאַר". אין געוויסע אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיטגעשפּילט מיט „סטאַרס", האָט מען פון זייערע הוועיות און אופן רעדן, גלייך געקאָנט דערקענען מיט וועלכן „סטאַר" זיי האָבן געשפּילט. אַזוי דעמאָראַליזירנדיק האָט אויף זיי געווירקט דער סטאַרישער שטאַמפּ.

דער דעוויז פונעם „סטאַר" איז „אַלץ פאַר מיר און צוליב מיר!". אים קומט מען זען, דאַרף ער זיין דער צענטער, דאַרף אַלץ אַרום נאָר אים דינען אין זיין דערפאָלג. אַן אַמעריקאַנער „סטאַר", וואָס איז אויפגעטרעטן אין אַ ייִדישער טרופּע אין ישראל, האָט געגעבן זיינע מיטשפּילער אַזעלכע אינסטרוקציעס:

— „איר דאַרפט נישט שפּילן, איר דאַרפט נאָר רעדן הויך און שנעל. שפּילן וועל איך שוין"...

מיר האָבן אַלע יאָרן פון אונדזער טעטיקייט אין פּוילן געפירט אַ קאַמף קעגן סטאַריזם, קעגן פּראָפאַנירן די ייִדישע שפּראַך, קעגן פאַרוואַנדלען דאָס טעאַטער אין אַ משונהדיק פאַרזעעניש, וואָס זיין נאָמען איז שונד. אונדז האָבן מיטגעהאָלפן אין דעם געוויסע זשורנאַליסטן, שרייבער און קולטור־טוער, אָבער אונדזערע כוחות זענען נישט געווען גענוג שטאַרק זיך אַנטקעגנצושטעלן די אַנאָנסן, וואָס די אימפּרעסאַריאָס פלעגן געבן אויף גאַנצע זייטן אין די פּאָפּולערע צייטונגען. אין דאָזיקן אַנאָנס־געיעג, אין וועלכן איין אימפּרעסאַריאָ האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן זיין קאָנקורענט, האָבן, ליידער, צוגעהאָלפן אייניקע זשורנאַליסטן און ס'פלעגן אָפט אויסברעכן צוליב דעם עפנטלעכע סקאַנדאַלן. אין זייער פאַרטיידיקונג פלעגן זיך די דאָזיקע „טעאַטער־פריינד" פאַררופן אויף טעאַטערס ביי די אומות־העולם, אַז אויך דאָרט זענען פאַראַן גאַסטראָליאָרן; אַז עס ווערן דאָרט אַפילו טאָלערירט פּרעמדשפּראַכיקע „סטאַרן" און ענלעכע תירוצים. זיי האָבן אָבער פאַרזען, אַז אַזעלכע „סטאַרן" זענען יחידי־סגולה, גאונים, וואָס שאַפן טעאַטער־געשיכטע; מייסטער, וואָס האַלטן נישט בסוד זייער קונסט, נאָר פאַרטיילן זי מיט דער ברייטער האַנט צווישן זייערע מיטשפּילער, אַזוי ווי אַ רבי לערנט תורה מיט זיינע תלמידים. דאָס

זענען קינסטלער, וואָס שאַפן שולע, סטיל, וואָס דערציִען זייערע אַקטיאָרן און במילא אויך דעם עולם.

אונדזער קאַמף קעגן שונד אין זיינע פֿאַרשידנסטע מאַניפעסטאַציעס איז געווען אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. נישט איין מאָל פלעגט זיך דאַכטן, אַז מיר פאַרלירן אים, אַז מיר ווערן אָפּגעשווענקט דורך דער שונד־איני־וואַזיע. דער זעלבסטשוץ־אינסטינקט איז אָבער געווען שטאַרקער פון דער סכנה. ער האָט דערוואַכט נישט בלויז ביי אונדז, יונגע יידישע אַקטיאָרן, נאָר אויך ביים בעסערן טייל פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, ביי דער באַוווסטזיניקער אַרבעטערשאַפט, ביי דער שטודירנדיקער יוגנט.

אונדזער יונגע קולטור איז געוואָרן אויסגעטראָגן אויף די שוואַכע פּלייצעס פון אירע בויער. די כלי־קודש און אַסימילאַציע זענען געווען איר פאַרביטערטסטער שונא. קולטור טאָר נישט זיין קיין ענין פון פילאַנטראָ־פּיע, וואָס מאַכט זי פאַר אַ נעבעכל, פאַר אַ „טעג־עסערין"; זי קאָן אויך נישט זיין קיין ענין פון יחידים, פון קרייזן, אָדער פאַרטייען. זי מוז זיין דאָס אייגנטום און דער אויסדרוק פון גאַנצן פאָלק.

האָבן זיך געגרינדעט טעאַטער־קאָמיטעטן, וואָס דער ערשטער פּונקט פון זייער פּראָגראַם איז געווען דאָס באַקעמפן שונד און קולטיווירן בעסער יידיש טעאַטער. ס'איז געוואָרן אַ בשותפותדיקער קאַמף פון דער יידישער געזעלשאַפט און איר קולטור־אַקטיוו.

מיר, טעאַטער־טוער, האָבן געזוכט וועגן און מיטלען ווי אַזוי אָפּצו־ווענדן די מאַסן פון שונד, ווי אַזוי זיי צו פאַראינטערעסירן מיט אַ טע־מאַטיק און פאָרעם וואָס זאָל זיין צוגענגלעך פאַר זיי: פאַרוויילנדיק און גלייכצייטיק דערציִעריש.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז „סערקעלע" איז איינע פון די דאָזיקע וועגן.

9

„מע קאָן נישט זיין קיין חכם ביי טעאַטער"

נאָכן איבערלייענען „סערקעלע" פאַר אונדזער טרופּע און פאַר די באַלעבאַטים פון „צענטראַל", האָב איך אַרויסגעפילט אַ גאַר קליינעם ענטוזיאַזם ביי די צוהערער. די לעצטע האָבן פאַרגליכן די קאָמעדיע צו די „מעשה־ביכלעך פאַר אַלטע ייִדן און ייִדענעס"... „און בכלל — האָבן זיי געטענהט — פּאַסט נישט פאַר אַזאַ ערנסטן טעאַטער זיך נאַריש צו מאַכן מיט באָבע־מעשות"... דאָס רוב אַקטיאָרן, זעענדיק מיין באַגייסטערונג פאַר דער זאַך, האָט געשוויגן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך נעם די גאַנצע אחריות פאַר דער אויפפירונג אויף זיך. ערשט במשך די רעפּעטיציעס האָט זיך זייער באַציִונג געביטן. ס'האָט זיך געשאַפן אַן אַלץ שטייגנדיקער אינטערעס וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון דער אַרבעט.

די באַלעבאַטיש־גבירישע סביבה פון „סערקעלע", די אָפּגעשטאַנענקייט און צביעות פון די כלומרשטע גאַטפּאַרכטיקע, שיינע ייִדן, וואָס ווערן אין איר געשילדערט, שטעלט נישט פאַר מיט זיך קיין פאַרביסענע קעמפערישקייט, קיין ביטול און חוזק, ווי דאָס איז פאַר עטינגערן געווען ביי אַקסנפעלדן, אָדער נאָך אים — ביי גאָלדפאַדענען. פאַרקערט, עטינגער שטעלט עס פאַר מיט גוטמוטיקן הומאָר, מיט אַ געמיטלעכן, פאָטערלעכן שמייכל, אָן כעס און אָן שטראָפּרייד, ווי אַ גוטער דערציִער. אַ חוץ די דאָזיקע דידאַקטישע ווערטן פאַרמאָגט „סערקעלע" אַ הויכקינסטלערישן זאַצבוי, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט נאַטירלעכער פאָלקסטימלעכקייט און פאַרביקער שטייגערישקייט. ס'איז אַ קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס דאַרף מיט אַ באַזונדער פאַרזיכטיקייט אַרויסגעבראַכט ווערן אויף דער בינע, כדי דער חן פונעם פאָלקלאָרישן וואָרט, פון זיין ניואַנס און פאַרב, זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין שאַרזש, אין קאַריקאַטור.

פון דער שולבאַנק אָן פלעגט מיך שטאַרק אינטערעסירן פאָלקסשאַפונג. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט פאָלקלאָר ביי אַנדערע פעלקער. מיט

מיין דערנענטערן זיך צו „יידישקייט", האָט זיך מיין אינטערעס אַריבער־געטראָגן אויף אייגענער פאָלקסקונסט.

די פינלענדישע „קאַיאַוואַלאַ", למשל, אָדער די ליטווישע קינדער־מעשהלעך פלעגן ווירקן אויף מיר שטאַרקער ווי אויילדס ראַפינירטע וואָרט־עלעגאַנץ. דאָכיוואַל קאָימיס בראַזיליאַנער ים־מאָטיוון, אָדער איב־קאָישע בענקשאַפט־לידער, געפינען אין מיר אַ טיפן אָפּקלאַנג, בעת די לאַקריצדיקע מאַנירלעכע סאַלאָן־מוזיק לאָזט מיך קאַלט.

די פאָלקסמאָטיוון ביי פעלקער אַנטפּלעקן זייער נשמה און מענטאַ־ליטעט, זייער שטייגער און טעמפּעראַמענט, זייערע באַגערן און האָפענונ־גען. דאָס איז אַן אוצר, וואָס קאָן און דאַרף דינען דעם קינסטלער פאַר אַ מקור פון אינספּיראַציע און באַגייסטערונג. זיי שאַפן סטיל פון געגע־בענעם פאָלק, וואָס מאַכט זיין שאַפן אומשטערבלעך. זענען טאַקע פאַר־בליבן אַ סך מוסטערן פון הויכע קולטורן ביי אַזעלכע פעלקער וואָס האָבן שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן. איך האָב, ווי געזאָגט, תמיד געפילט אַ שוואַכקייט צו די דאָזיקע ליטעראַרישע מוסטערן און „סערקעלע" איז גע־ווען מיין ערשטער פּרווו צו מאַניפעסטירן די דאָזיקע שוואַכקייט. אין מיין שפּעטערדיקער רעזשיסעריש־אינסצעניזאַטארישער טעטיקייט פלעג איך אָפט זוכן אַזעלכע געלעגנהייטן.

צוטרעטנדיק צו דער אַרבעט איבער „סערקעלע", האָב איך זיך גע־שטעלט צוויי אויפגאַבעס: צופּאַסן דעם טעקסט צו די פאָדערונגען פון מאָדערנעם טעאַטער און שאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע ראַם און אַטמאָספער פאַר דער האַנדלונג און אירע פּערסאָנאַזשן.

דער גרעסטער שונא פונעם טעאַטער איז לאַנגווייליקייט. בפרט ביי אַ קאָמעדיע. האָב איך מיך באַמיט צו קאָנדענסירן די דיאַלאָגן, באַפרייען זיי פון איבעריקן באַלאַסט, איבערלאָזנדיק דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר די באַטייליקטע און דאָס נייטיקסטע פאַר דער שטייגערונג פון דער אַק־ציע. דעם זעלבן מעטאָד האָב איך בשעתו אָנגעווענדט ביי דער אינסצעני־זירונג פון „קאַרגן", דאָ אָבער בין איך געגאַנגען נאָך ווייטער און די פינף אַקטן פון עטינגערס „גאַר ניי טעאַטערשטיק", דערפירט צו דריי, דורכ־געפלאָכטן דעם טעקסט מיט אַנטשפּרעכיקע גלייכווערטלעך, שפּריכווער־

טער און פאָלקס־חכמה. אין דעם פּרט האָט מיר געדינט פאַר אַ מוסטער מיין מומע גאָלדע, אַן אָפּגעקומענע „סערקעלע״, וואָס פלעגט דורכפלעכטן אירע רייד מיט משלים, פאַרגלייכן, מיט פאָלקסהומאָר און פילאָזאָפיע. דאָס האָט צוגעגעבן קלאָריט און לייכטקייט דעם אָפט מאָל האַמעטנעם טעקסט.

מיר איז אויך געגאַנגען אין אַ געטרייען אויפלעבן דעם אַרכאַיִשן לעמבערגער דיאַלעקט מיט זיין פּאָנעטיק, ווייל די שטייגערישקייט פון שפּראַך האָט אין דעם פאַל באַדאַרפט דינען ווי אַ הויפּט־עלעמענט פון אַטמאָספער און סטיל פון דער פאָרשטעלונג. ווי אַ שפּראַך־עקספּערט האָב איך פאַרבעטן דאָקטער יצחק שיפּער. די אַרבעט האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט אַן אייגנאַרטיקע און ביז גאָר אינטערעסאַנטע לאַבאָראַטאָריע פון שפּראַכפאָרשונג. אויך אין דעם פּרט האָבן מיר איינגעפירט אַ נייעס אין יידישן טעאַטער.

די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען־פּראָיעקטן האָט געשאַפן דער קינסטלער משה אַפּעלבוים, וואָס איז יענע יאָרן געווען אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון אונדזער טעאַטער. אַפּעלבוים האָט זיך ספּעציאַליזירט אין רעסטאַווּרירן אַלטע שולמאָלעריי, אין וואַנט־דעקאָראַציע און בוך־אי־לוסטראַציע, באַזירט אויף קופּערשטיכן און האָלצשניטן פון אַלטע הגדות און אחשורוש־שפּילן פון זיבעצטן און אַכצנטן יאָרהונדערט. ער איז געווען דער אַנטשפּרעכיקער קינסטלער פאַר אַ נאַיִווער און הומאָרפּולער סצעני־שער ראַם, אין וועלכער די פאָרשטעלונג האָט זיך געניייטיקט. מיר האָבן צוזאַמען באַטראַכט די פאַרשידנסטע אָריגינאַלן און קאָפּיעס פון יידישער פאָלקסמאָלעריי, וואָס האָבן זיך געפינען אין בערגסאָן־מוזיי ביי דער וואַר־שעווער קהילה, אין דעם אַרכיוו פון קאָסטיומאָלאָגיע וואָס פּראָפ׳ באַלאַ־באַן האָט געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע. די בינע האָט דערמאָנט די פּרימיטיווע, געשטריקטע וואָלענע בילדער וואָס פלעגן גוטמוטיק אַראָפּ־שמייכלען צו אונדז פון די ווענט אין די היימען פון אונדזערע זיידעס.

מיין מיטאַרבעט מיט משה אַפּעלבוים איז נישט פריי געווען פון קור־ריאָזן. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, פלעגט מען מוזן די דעקאָראַציעס מאָלן אויף דער בינע. פלעגן אָבער במשך פונעם טאָג דאָרט פאַרקומען רעפּע־

טיציעס און אין די אָוונטן פאַרשטעלונגען — איז נישט געבליבן קיין אַנ־דערע ברירה, ווי צו מאָלן זיי ביינאַכט, ווען די בינע איז פריי. אונדזער אַפּעלבוים האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן. נישט איין מאָל קומענדיק אינדערפרי צו דער רעפּעטיציע, פלעגן מיר אים טרעפן שלאָפן אויף אַ באַרג לייוונטן, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דער דעקאָראַציע... ס׳האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע גוטע און בייזע רייד, אונ־דזערע אַפּעלן צו זיין „קינסטלעריש געווויסן״, — אַפּעלבוים פלעגט צו־זאָגן מער נישט צו טרינקען ביי דער אַרבעט און צומאָרגנס פלעגן מיר ווידער טרעפן דאָס זעלביקע בילד. איך בין דעריבער געווען געצוווּנגען צו נעמען אויף זיך נאַכטדיזשורן און וואַכן איבער זיין ניכטערקייט ביז די אַרבעט וועט ווערן פאַרענדיקט. איין מאָל האָט אַרנאָלד רחמנות באַקו־מען אויף מיר און פרייוויליק זיך אונטערגענומען מיך צו פאַרבייטן אַ נאַכט. צומאָרגנס האָבן מיר זיי ביידע געפונען פאַרזונקען אין שווערן שלאָף. אַרנאָלד האָט פייערלעך דערקלערט, אַז ער איז, ווייזט אויס, נישט געבוירן צו זיין קיין דעקאָראַטאָר...

מיר האָבן באַקומען אייניקע אַלטגאַליציאַנער מוזיקאַלישע מאָטיוון, וועלכע דער דיריזשאָר יצחק שלאָסבערג האָט באַאַרבעט און צוגעפּאַסט צו דער אַקציע. האָבן טאַקע געגלעט דאָס אויער די סענטימענטאַלע חתונה־„מאַראַלן״, מיט וועלכע ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַקטן, און די מצווה־טענץ און די ריקודלעך פלעגן „הייבן פון די ערטער״ ביים סוף פון די אַקטן. מיין פריינד שיעלע באַקסענבוים, דער באַליבטער וואַרשעווער בדחן, האָט אויסגעזוכט אַ „כלה־באַזינגעכץ״ פון אַלטן לעמבערגער חתונה־צערעמאָניאַל, מיט וועלכן דער משרת חיים האָט אויף אַ קאַטאָוועס באַ־זונגען די דינסטמויד חווה.

דאָס „סערקעלע״־שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַט דעם אופן: אין טעאַטער־זאַל ווערט פינצטער, ס׳צינדן זיך אָן הענגענדיקע קאַנדעלאַבּרעס אין צוויי אויבערשטע לאָזשעס פון ביידע זייטן בינע, אין די דאָזיקע לאָ־זשעס זיצן קלעזמער אין אַלטגאַליציאַנער יידישע טראַכטן. ווען דער פּויר־האַנג גייט לאַנגזאַם אויף, ווייטיקן די קלעזמער אויס אַן אַלטן „מאַראַ־לישן״ ניגון. די גאַנצע ברייט און הייך פון דער בינע פאַרנעמט אַ גרויסע

קאַפּיע פונעם צענזורירטן „סערקעלע"־עקזעמפּלאַר. איין העלפט שטעלט מיט זיך פאַר דאָס שער־בלאַט פון מאַנוסקריפּט מיטן ציטאַט פון „קויפמאַן פון ווענעדיק", די צווייטע — די צענזור־דערלויבעניש אין דער פּוילישער שפּראַך מיטן שטעמפּל. ביידע זייטן טראָגן אויף זיך דעם סימן פון צייט און שימל. ווי נאָר דער צושויער באַווייזט איבערצולייענען דעם טעקסט, דערשיינט פאַרן בוך שלמה עטינגער אַליין. ער טוט אויס דעם צילינדער, פאַרנייגט זיך טיף פאַרן עולם און זאָגט זיין „וואָרט פריער", מיט וועלכן ס'הייבט זיך אָן דער מאַנוסקריפּט. נאָכן אָפּזאָגן דעם „פּראָלאָג", פאַר־נייגט ער זיך ווידער און גייט אָפּ. די קלעזמער צעשפּילן זיך פריילעך. אונ־טער די קלאַנגען פונעם „פריילעכס", שפּרינגען אַרויס פון ביידע זייטן בי־נע צוויי צעשמייכלטע בחורימלעך מיט צעפּלאָמטע בעקעלעך. די צעשוי־בערטע פּיאהלעך פון אונטער די יאַרמלקעס און די צעבלאָזענע טלית־קטנס וויגן זיך אינעם פריילעכן ריקוד פון די בחורימלעך. אַט טאַנצן זיי צו צו עטינגערס מאַנוסקריפּט, קלאַפּן אָפּ פון אים מיט זייערע רויטע פאַ־טשיילעס דעם שטויב פון דער צייט און אינעם זעלבן ריטעם פון ריקוד, עפענען זיי, טאַנצנדיק, זיינע ביידע זייטן. אַזוי הייבט זיך אָן די אַקציע פון „סערקעלע".

די אויפפירונג איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע גע־שעעניש אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. דער באַרימטער פּוילי־שער קינסטלער אַלעקסאַנדער זעלווערָאָוויטש, וואָס איז געוואָרן אונדזער שטאַמגאַסט, האָט פאַרהילכט דאָס טעאַטער מיט זיין ברייטן געלעכטער, אַנשטעקנדיק מיט אים זיינע פּוילישע טעאַטער־תלמידים, וואָס האָבן קיין יידיש נישט פאַרשטאַנען. לויט זיינע ווערטער, האָט עטינגער מיט זיין קאָמעדיע ווייט אַריבערגעשטיגן פרעדראָ, דעם קלאַסיקער פון די פּוילישע קאָמעדיע־שרייבער. ער האָט באַצייכנט די „סערקעלע"־פאַרשטעלונג ווי אַ יידישער וואַריאַנט פון „קאָמעדיאַ דעל אַרטע".

אין „סערקעלע" האָבן זיך באַטייליקט די „וויקט"־אַרטיסטן: אַדאָם דאָמב (ר' משה דאַנציקער), אסתר־רחל קאַמינסקאַ (סערקעלע), סאָ־ניאַ אַלטבוים (פריידע־אַלטעלע), דיאַנאַ בלומענפעלד (הינדע, אַ יתומה), דוד לעדערמאַן (ר' גבריאל הענדלער, אַ שפּעקולאַנט), יאַנאַס טורקאָוו

(מארקוס רעדלעך, אַ סטודענט), שמואל לאַנדע (ר׳ יוחנן, אַ שדכן), משה ליפּמאַן (אַ פּרעמדער), הערמאַן פּיינשטיין (אַ דאָקטאָר), זיגמונט טורקאָוו (ר׳ שמעלקע טרויניקס, אַ ליטוואַק), פּסח קערמאַן (בערל, זיין הויזיונג), אידאַ קאַמינסקאַ (חווה, אַ דינסטמויד), וו. גאַדיק (חיים, אַ משרת), יעקב מאַנדעלבליט (ירחמיאל, אַ משרת, זאַהיקעט זיך).

„סערקעלע״ האָט געהערט צו די פּערל פונעם שפּעטערדיקן „וויקט״ און מיר האָבן זי אַ לענגערע צייט געשפּילט אין וואַרשע און אין אונדזער ערשטן טורנײ איבער פּוילישער פּראָווינץ, באַזוכנדיק אין אַ צייט אַרום זאַמאָשטש, האָבן מיר קוים אויפגעזוכט דאָרט אויפן בית־עולם עטינגערס קבר. דעם וועג צו אים האָבן פאַרשטעלט שטעכיקע דערנער און הויכע גראָזן. דער שטיין איז געווען פאַרוואַקסן מיט קראָפּעווע און באַדעקט מיט מאָך, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אויפשריפט: ד״ר שלמה עטינגער...

דער בעסטער יידישער קאָמעדיע־שרייבער איז אַוועק פון דער וועלט אַ פאַרגעסענער. מיר האָבן אים אויף אַ צייט אויפגעלעבט.

***

ווען פון די ברעטער פון צענטראַל־טעאַטער האָבן זיך געטראָגן די פריילעכע קלאַנגען פון „שערן״, מצווה־טענץ און פריילעכע „אויפשפּילן״, האָט זיך הינטער זיינע קוליסן אָפּגעשפּילט אַ „לעבנסשפּיל״, וואָס האָט זיך אין דער צוקונפט פאַרוואַנדלט אין אַ טראַגעדיע. ס׳האָבן אָנטיילגענו־מען אין איר קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, איר מאַן, דער דיכטער ז. סעגאַלאָ־וויטש און שלמה מענדעלסאָן.

נישט בחינם פלעגט אַרנאָלד זיך סודען, אַז ער ווייסט עפּעס „נאָר שאַ, אַרנאָלד קאָן האַלטן אַ סוד״... ווען מ׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו שושקען אין טעאַטער און אין ליטעראַטן־פאַראיין און מענדעלסאָנס נאָ־מען איז אַלץ אָפטער דערמאָנט געוואָרן אין שייכות מיטן „סוד״, האָב איך מיר אַלץ נישט געקאָנט צו גלייבן צו די אַלע קלאַנגען און זיי געהאַלטן פאַר בייזוויליקע רכילות. איך געדענק דאָך מענדעלסאָנען פון דער שול־באַנק, פון דער געמיינזאַם־פאַרבראַכטער צייט מחוץ דער שול... ער איז געווען דער ערנסטער צווישן אונדזערע חברים. מע פלעגט אים זייער

זעלטן זען אין געזעלשאַפט פון פרויען. אַפילו אויף די שולאָוונטן, ווען יעדער האָט זיך געהאַט זיין דולצינעאַ, פלעגט ער ביים דערנענטערן זיך פון אַ מיידל ווערן רויט און זיך אַפּרוקן אין אַ זייט: — „פאַראַן וויכטי־קערס אויף דער וועלט", — פלעגט ער לאַקאַניש ענטפערן, בעת מ׳האָט געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן דעם.

אויך די ערשטע צייטן פון „צענטראַל", ווען ער איז דאָרט געווען אַן אַפּטער איינגייער, האָבן מיר אים קיין מאָל נישט געזען אין קיין פרויען־געזעלשאַפט. אויב מענדעלסאָן האָט אַ מאָל פאַרפירט אַ שמועס מיט אַן אַקטריסע, איז עס געווען וועגן אַ ראָל, וועגן דער פּיעסע אד"גל. איז דע־ריבער פאַרשטענדלעך די סענסאַציע, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן דער קלאַנג, אַז מענדעלסאָן איז פאַרליבט אין קלאַרען... ווען די דאָזיקע קלאַנ־גען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן, האָט קלאַרע גאָר געשאָנקען אויפ־מערקזאַמקייט אונדזערס אַ חבר פון טעאַטער. דאָס איז פאַר קיינעם נישט געווען קיין סוד, פאַרקערט, דעם חברס פרוי פלעגט איר אַפּט מאַכן עפנט־לעכע סקאַנדאַלן אין טעאַטער און סעגאַלאָוויטש האָט נישט איין מאָל זי געהאַלטן פאַרשפאַרט אין דער היים.

און אָט ברענגט אַרנאָלד איין סענסאַציע נאָך דער אַנדערער: „סעגאַ־לאָוויטש גט זיך מיט קלאַרען... קלאַרע האָט חתונה מיט מענדעלסאָנען... איין שלאָגער גרעסער פונעם אַנדערן"...

די דאָזיקע ידיעה האָט מיך שטאַרק באַאומרויִקט. איך האָב געוווּסט, אַז אויב מענדעלסאָן וועט באַגיין דעם דאָזיקן שריט, צעברעכט ער דער־מיט זיין לעבן. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב אים צו וואָרענען און צו ראַטעווען פון אַ פאַלשן שריט. אין אַ געוויסן אָוונט, ווען מענדעלסאָן איז געקומען אָפּוואַרטן קלאַרען, בין איך אַרויס מיט אים אויפן גאַס און אָן הקדמות צוגעטרעטן צום ענין. ס׳איז שווער איבערצוגעבן, וואָס איך האָב דאָן גערעדט צו אים. ווען מיר וואָלט עמעצער געזאָגט אַזוינס וועגן מיינס אַ געליבטער פרוי, מעג עס זיין דער אינטימסטער חבר, וואָלט איך גאָר שאַרף רעאַגירט אויף דעם. מענדעלסאָן אָבער, האָט אויסהערנדיק מיינע רייד זיך צעשמייכלט אויף זיין שטייגער און געזאָגט:

— „גיי שוין, נאַר, וועד טראַכט וועגן חתונה! אַט אַזוי זיך אַ ביסל נאַריש געמאַכט... מיינסט, אַז אַלץ וואָס אַרנאָלד זאָגט איז אמת?"...

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט און זיך צעגאַנגען: איך — אַ באַרויִקטער און ער? — אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער חתונה־געהאַט מיט קלאַרען...

זי איז לכתחילה אַוועק פון טעאַטער, דערנאָך זיך אומגעקערט און מיר האָבן סוף־כל־סוף געשלאָסן שלום מיט דער געשאָפּענער לאַגע. די מענדעלסאָן־קלאַרא־אידיליע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מענדעלסאָן איז געוואָרן וואָס אַ טאָג בלאַסער און מאָגערער, האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן זיין אַרבעט, זעלטענער זיך געוויזן אין געזעלשאַפט און אין איינעם יאָר אַרום זיך צעגאַנגען מיט קלאַרען. מענדעלסאָן האָט זי אָבער נישט אויפגעהערט צו ליבן, אַזוי ווי סעגאַלאָוויטש, אַזוי ווי אפשר אַ סך אַנדערע. סעגאַלאָוויטש האָט זי אָבער אין זיין ליבע געהאַסט. מענדעלסאָן, דאַקעגן, האָט זיין ליבע איינגעהילט אין אַ טיפן ווייטיק און געליטן, ווי נאָר ער אַליין האָט עס געקאָנט: מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

ווען איך האָב אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן געשפּילט מיט קלאַרען אין לאָדזש, פלעגט ער יעדע פּאָר טעג טעלעפאָנירן צו מיר, זיך נאָכפרעגן אויף איר געזונט און פון צייט צו צייט שיקן פאַר איר געלט. זי פלעגט דאַן באַקומען אָפטע בלוטשטורצן. די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט קלאַרא זיך באַפריינדט מיט אַן אָנגעשטעלטן פון אַן אַמעריקאַנער הילף־אינסטיטוציע. מענדעלסאָן האָט צוזאַמען מיט אים אָרגאַניזירט פאַר איר דאָס „יוגנט־און פאָלקס־טעאַטער", הגם זי האָט נישט באַזעסן די קוואַליפיקאַציעס און קאָמפּעטענץ אויף אָנצופירן מיט אַ טעאַטער. איר פריינד האָט גענומען אויף זיך די פינאַנציעלע זייט פון דער אונטערנעמונג און מענדעלסאָן איז געווען איר פאַקטישער קינסטלערישער אָנפירער. ער האָט איר אַפילו פאַרגעלייגט אויפצופירן דעם „קעניג ליר".

די וועלט־מלחמה האָט קלאַרען מיט איר פריינד פאַרשפאַרט אין געטאָ, ווו זיי האָבן חתונה־געהאַט און געפונען זייער טראַגישן סוף. סעגאַלאָוויטש איז אַוועק קיין תל־אביב, מענדעלסאָן קיין ניו־יאָרק. ביידע האָבן געטראָגן אין הארצן אַ טיפן ווייטיק און בענקשאַפט נאָך קלאַרען און דורך

בריוו געשלאָסן שלום איבער איר אומבאַקאַנטן קבר. מענדעלסאָן האָט אין אַמעריקע זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער האָט זיך געפילט מוראַדיק איינזאַם. אין 1946 שרייבט ער צו מיר קיין בראַזיל:

„...אין די הייַנטיקע ביטערע, פּאַריתומטע צייטן איז געפינען צוריק אַן אַלטן, האַרציקן פריינד — אַן אוצר... אויך איך האָב אַן אויפהער — נישט געקוקט אויף מיין גרויסער פּאַרנומענקייט — דאָס געפיל, אַז איך דריי זיך אַרום אין אַן אילוזאָרישער וועלט. אונדזער דור וועט שוין אין דער פולער מאָס נישט באַגרייפן דאָס. וואָס ס'איז פאָרגעקומען... אין די יאָרן 1942־44 האָב איך בעיקר מיין פעדער געווידמעט דעם אַלאַרם — מע זאָל ראַטעווען. עס האָט נישט געהאָלפן... מיין גאַנצע מישפּחה איז אומגעקומען אין מיידאַנעק. מיט מיר אין אַמעריקע געפינט זיך מיין ברודער מאיר, דער כעמיקער.“

וועגן קלאַרען קיין וואָרט נישט דערמאָנט. דעם ווייטיק האָט ער געטראָגן טיף אין האַרצן און אים געשטילט נאָר מיט סעגאַלאָוויטשן. אויך ער האָט דאָך, אויף זיין שטייגער, נישט ווייניקער פון מענדעלסאָנען, ליב געהאַט קלאַרען און באַקלאָגט איר מאַרטירער־טויט. אויף אַ מיטינג אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן מענדעלסאָנס האַרץ. אין אַ יאָר אַרום איז אים נאָכגעגאַנגען סעגאַלאָוויטש. אויב זיי האָבן עפּעס געטראַכט בעת יציאת־נשמה, איז עס געווען: קלאַראַ...

***

נאָך „סערקעלע“ האָבן מיר אויפגעפירט אַ כינעזישע פּיעסע „דער זינדיקער הער טשו“ פון יוליוס בערסטל, וואָס איז צו יענער צייט געשפּילט געוואָרן אין בערלין דורך אַלעקסאַנדער גראַנאַך. די דאָזיקע סאַטירע אויף רעליגיעזן־און קלאַסן־פּאַראורטייל איז געווען אַ באַטייטיקע דערגרייכונג פון אונדזער טעאַטער אַדאַנק דער נייקייט פון דער טעמאַטיק, סביבה און אָריגינעלקייט פון דער פאָרעם. די סצענישע ראַם איז באַשטאַנען פון באַמבוסענע באַוועגלעכע ווענטלעך מיט געמאָלענע געטער, שדים און גריפן פון דער כינעזישער מיטאָלאָגיע. די דאָזיקע ווענטלעך פלעגן ווערן איבערגעשטעלט פאַר די אויגן פונעם צושויער און בייטן

זייער צורה, לויט די אומשטענדן פון דער געגעבענער אַקציע. צוגלייך דער־מיט פלעגט זיך אויך בייטן די באַלייכטונג, וואָס איז געקומען פון פאַר־שידנפאַרביקע לאַמפּיאָנען, מיט וועלכע די בינע איז געווען באַהאַנגען. די דעטאַלן פאַרן אַנטון, שטייגער־איינצלהייטן, באַוועגונגען און פּאַנטאָמימיק האָב איך באַקומען פון כינעזישן קאָנסול אין וואַרשע, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער פאָרשטעלונג און אָפט באַזוכט די רעפּעטי־ציעס. פון אים האָבן מיר אויך באַקומען מאַטעריאַל און אָנווייזונגען פאַר דער מוזיק־באַגלייטונג. אידאַ קאַמינסקאַ האָט זיך ספּעציעל אויסגעלערנט שפּילן באַנדזשאָ און אַליין זיך אַקאָמפּאַנירט ביים זינגען די כינעזישע בענקשאַפט־לידער.

ענדלעך, נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר וואַרטן, האָט „שבתי צבי" דערלעבט די פּרעמיערע און מיר — אַ גרויסע אַנטוישונג.

דער עולם איז געבליבן קאַלט צו זשולאַווסקיס פּוילישער אינטער־פּרעטאַציע פון דער שבתי צבי־באַוועגונג. דער יידישער טעאַטער־עולם האָט פון תמיד אָן אַרויסגעוויזן אַ סך סענטימענט פאַר זיינע נאַציאָנאַלע העלדן, אויף וואָס ס'האָבן עדות געזאָגט גאָלדפאַדנס און אַנדערע „היס־טאָרישע" אָפּערעטעס. עס האָט אים געמוטיקט דעם העלדס גבורה, ס'האָט אים געטרייסט זיין נאַציאָנאַלער שטאָלץ און זעלבסטאָפּפערונג. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרליידן זיין שוואַכקייט, אָדער מפּלה. משיחישע אידייען פלעגן אים אָנפילן מיט גלויבן און האָפענונג אויף נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג און באַפרייונג פונעם שווערן יאָך, אונטער וועלכן ס'פלעגט אים אויסקומען צו לעבן.

איז טאַקע די אַנטוישונג, וואָס פאַלשע משיחים האָבן פאַרשוועכט דעם גאולה־געדאַנק, געווען ווייטיקדיק און אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל ביים וואַרשעווער עולם. אויב די ערשטע טייל פון דער פאָרשטעלונג, וואָס איז פול מיט בענקשאַפט און רוף צו באַפרייונג, האָט אים מיטגעריסן, האָט די צווייטע טייל, דער צוזאַמענברוך פונעם העלד און זיין שפּלדיקע קאַפּיטולאַציע, געלאָזן קאַלט און אַנטוישט דעם עולם. דער העלד, אַנשטאָט צו זיין פון אים געליבט און גלאָריפיצירט, איז ער געוואָרן דיסקרעדיטירט און פאַרהאַסט. די דאָזיקע „קלייניקייט" האָבן מיר, אַריינגעמענדיק

„שבתי צבי" אין אונדזער רעפּערטואַר, פאַרזען... דעם זעלבן גורל האָבן אויך אין אַנדערע טעאַטערס געהאַט די אויפפירונגען פון אַשס און ביס־טריצקיס פּיעסן מיטן זעלבן נאָמען. ס'איז אַפילו געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו „צונויפשמעלצן"ביידע פּיעסן, זשולאַווסקיס און אַשס, וואָס האָט אויך נישט אָפּגעגליקט. דער דאָזיקער טרויעריקער עפּיזאָד אין אונדזער גלות־געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי העראָיש און געענדיקט פאַטאַל און ווייטיקדיק, קאָן נישט אַרויסרופן קיין אינטערעס ביי די יידישע מאַסן.

מיר פאַרזענלעך האָט פון דעסטוועגן „שבתי צבי" געגעבן איינע פון די שטאַרקסטע סצענעס פאַר מיינע אינדיווידועלע אויפטריטן: דעם גרויסן מאָנאָלאָג, ווען שבתי צבי איז זיך מתוודה און בעט ביי גאָט כוח פאַר זיין שליחות. דער דאָזיקער מאָנאָלאָג, אין דער מייסטערהאַפטער איבערזעצונג פון י. י. זינגער, באַקומט זיך פיל שטאַרקער, פאַרטיפטער און פּאָע־טישער ווי אין זיין פּוילישן אָריגינאַל.

ער איז אַ צירונג אין מיין פּראָגראַם, מיט וועלכן איך באַווייז מיך אין יעדן נייעם לאַנד און טרעט שוין אויף אין אים אַ קנאַפּע פערציק יאָר. די פּיעסע גופא האָבן מיר אין אַנדערע ערטער געשפּילט מיטן „וויקט" און דווקא מיט אַ גאָר באַטייטיקן דערפאָלג...

10

דער ערשטער יידישער פילם

די ערשטע יידישע פילמען זענען, אייגנטלעך, געמאַכט געוואָרן נאָך אין די צאַרישע צייטן אין וואַרשע. אין איינעם פון זיי, אין „מירעלע עפּ־ראָס", האָט אַפילו אָנטיילגענומען אסתר־רחל קאַמינסקאַ און דער רעזשי־סער איז געווען מאַרק אַרנשטיין. די אַלגעמיינע פילם־פּראָדוקציע צו יענער צייט אין רוסלאַנד און איר השפעה איז געווען מינימאַל. אויך דער דאָזיקער פילם מיט דער פּאָפּולערסטער יידישער אַקטריסע איז אַדורך אומ־באַמערקט. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס די פּראָדוצענטן פון „תקיעת־כף" האָבן אים באַצייכנט פאַרן „ערשטן יידישן פילם".

די געשיכטע פון דאָזיקן פילם, וואָס איז בשעתו אָנערקענט געוואָרן ווי דער בעסטער פון דער פוילישער פּראָדוקציע פאַרן יאָר 1923 און האָט זוכה געווען צו אַ טריומף־רייזע איבער אַלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט, איז פאָלגנדיקע.

אין דער צייט פון „זינדיקן טשו" האָט אונדז באַזוכט אַ באַקאַנטער פּרעסע־פאָטאָגראַף, ח. בוים, צוזאַמען מיטן אייגנטימער פון אַן עלעגאַנטן פאָטאָגראַפישן אַטעליע לעאָ פאָרבערט און אונדז, דאָס הייסט אסתּר־רחלען, אידאַ און מיר, פאָרגעלייגט צו שפּילן די הויפּטראָלן אין אַ יידישן פילם, וואָס זיי האָבן בדעה צו פּראָדוצירן.

דער סצענאַר, פאַרפאַסט פון זעלבן ח. בוים, איז געבויט אויף אַ נאַיווער „מעשה־שהיה", מיט אַ יידישער מאָראַל, שטייגער, גוט אַנטוויקל־טער אַקציע און שטייגערונג, וואָס קאָן פאַראינטערעסירן און פאַרכאַפּן. די צוויי פרויענראָלן זענען געשריבן מיט „אַן אויג" אויף אסתּר־רחל און אידאַ, וואָס דאַרפן טאַקע שפּילן אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. פאַר מיר איז אָנגעצייכנט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע ראָל פון לעגענדאַרן אליהו־הנביא, וואָס נידערט אַראָפּ אויף דער ערד און פאַרוואַנדלט זיך במשך פון דער האַנדלונג אין אַכט פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן: פון אַ ישיבה־בחור, אַלטן בעטלער, משולח ביז אַ פוילישן האָלצהעקער און וואַלד־שומר. דער סצע־נאַר פאַרמאָגט אַ קאָלירפולע גאַלעריע פון טיפּן פון שטאָטישן און דאָר־פישן לעבן, פון כלי־קודש און „שיינע באַלעבאַטים", פון נגידים און בעט־לער, פון צוגעהעריקע צו פאַרשידענע שטאַנדן און פּרנסות.

ער נעמט אַריין אייניקע יידישע יום־טובים און מינהגים, לעגענדעס און אָבערגלויבן, שטייגער־לעבן און פאָלקלאָר, מיט איין וואָרט: אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר אַ שפּאַנענדיקן, דורכויס יידישן פילם פון דערציִע־רישן כאַראַקטער און פּאָזיטיוער ווירקונג. דער פילם שאַפט אויך די מעג־לעכקייט פאַר אַ „זייטיקן צושפּרונג" און טאַקע קינסטלערישער אויסצייִ־כענונג פאַר אַ גאַנצער ריי יידישע אַקטיאָרן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך גראָד געפונען אַ שפּאַר ביסל אַרבעטלאָזע.

מיר זענען אייַנגעגאַנגען אַנטיילצונעמען אינעם דאָזיקן פילם מיט איין באַדינג: די געזעלשאַפט דאַרף אַראָפּברענגען אַ געניטן רעזשיסער פון

אויסלאַנד, וואָס זאָל גאַראַנטירן די קוואַליטעט פונעם פילם און טאַקע קאָנטראָלירן אונדזער שפּיל, וואָס דאַרף זיין, ווי באַקאַנט, אַנדערש ווי אין טעאַטער. דער דאַזיקער באַדינג איז אָנגענומען געוואָרן און מ'איז צוגע־טרעטן צו דער צוגרייט־אַרבעט. די טעכנישע זייט האָט זיך געפינען אין די געניטע הענט פונעם יונגן סעווערין שטייננווורצעל, וועמענס אויפנאַ־מעס ביי פּוילישע פילמען האָבן אים געשאַפן אַ שם פון אַן ערשטקלאַסיקן קאַמעראַ־מאַן.

גרויסע אָנאָנסן אין דער פּרעסע האָבן מודיע געווען וועגן בייעם פילם, אונטערשטרייכנדיק אונדזער אָנטייל אין אים. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, האָבן די פּראָדוצענטן אויפן סמך פון די דאָזיקע אָנאָנסן באַקו־מען האַנטגעלט פון פאַרשידענע קינאָ־באַלעבאַטים פון וואַרשע און פון דער פּוילישער פּראָווינץ. דאָס האָט זיי געשאַפן דעם נייטיקן קאַפּי־טאַל אויף צוצוטרעטן צו דער אַרבעט. אַנשטאָט דעם גרויסן אַטעליע, מיט וועלכן ס'האָבן זיך באַנוצט די פּוילישע פילם־פּראָדוצענטן, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט, וואָס איז געווען גענוג גרויס פאַר אַ פאָטאָגראַף, אָבער צו קליין פאַר פילם־אַרבעט. די דעקאָראַ־ציע־פראַגמענטן אין וועלכע ס'האָבן באַדאַרפט געדרייט ווערן די ערשטע סצענעס, זענען געווען פאַרטראַכט און אויסגעפירט מיט געשמאַק און פאַכמענישער דערפאַרונג און דאָס טאַקע האָט ביי אונדז אַרויסגערופן צו־טרוי און ערנסטע באַציִונג.

די ערשטע סצענעס זענען געווען קאַמעראַלע. זיי האָבן נישט גע־פאָדערט קיין ספּעציעלע אינוועסטיציע און די ראָלן זענען געוואָרן אויסגעפירט פון אַזעלכע געניטע אַרטיסטן, ווי משה ליפּמאַן און אַדאָם דאָמב. ביידע האָבן זיי געשפּילט צוויי חברים פון דער ישיבה, וואָס קלייבן זיך אַהיים חתונה צו האָבן און גיבן זיך ביים געזעגענען תקיעת־כף, אַז אויב ביי איי־נעם וועט געבוירן ווערן אַ זון און ביים צווייטן אַ טאָכטער, וועלן זיי זיך משדך זיין. אַן ענלעכער קאָנפליקט ווי אין אַנסקיס „דיבוק“. ביידע אַר־טיסטן הייבן אָן זייערע ראָלן ווי יונגעלייט און במשך פון יאָרן ענדערט זיך זייער לעבנס־שטייגער, זייער האַלטונג און במילא אויך זייער אויס־זען. די דאָזיקע אויסערלעכע ענדערונגען זענען אויף אַ מייסטערהאַפטן

אופן געשאַפן געוואָרן דורך אַ פּוילישן גרימירער. ווען משה ליפּמאַן האָט זיך מיט זיין קינסטלעכער, לאַנגער באָרד באַוויזן אויף דער תבואה־בער־זע, זענען צוגעשטאַנען צו אים מעקלערס און סוחרים, אָננעמענדיק אים פאַר אַ רייכן תבואה־סוחר.

איך האָב מיך באַלד די ערשטע טעג אָריענטירט, אַז טעכניש גייט די אַרבעט אָן ווי געהעריק, קינסטלעריש אָבער קאָן זי ווייטער נישט אָנגיין אָן אַ רעזשיסער. די „ספּעציאַליסטן" — דער פּראָדוצענט און דער סצע־נאַר־שרייבער — האָבן קיין אָנונג נישט פון די עלעמענטאַרסטע רעזשי־כּללים, דער קאַמעראַ־מאַן, דאַקעגן, האָט יאָ עפּעס געכאַפּט פון זיין מיט־אַרבעט ביי פּוילישע פילמען. ער זאָרגט אָבער מער פאַר אינטערעסאַנטע אויפנאַמעס ווי פאַר שפּיל, באַוועגונג און מיזאַנסצען. אויף מיינע כּסדר־דיקע אינטערווענצן וועגן דעם צוגעזאָגטן רעזשיסער, האָב איך סוף־כּל־סוף באַקומען אַן ענטפער, אַז דער פּאָרויסגעזעענער אויסלענדישער קאַנ־דידאַט קאָן כלומרשט נישט קומען און מע מוז אָנגיין מיט אייגענע כּו־חות... צוריקציִען זיך פון פילם איז שוין געווען צו שפּעט, מיר האָבן דאָך שוין אַריינגעלייגט אַ שפּאָר ביסל אַרבעט און אונדזער אָנטייל אין אים איז געווען צו שטאַרק פונאַנדערגעפּויקט. איז נישט געווען קיין ברירה, ווי אַליין צו נעמען די איניציאַטיוו אין די הענט. פון די באַמערקונגען און אָנווייזונגען, מיט וועלכע איך פלעג כּסדר אַרויסהעלפן די ערשטע פּאָר טעג, זענען די „פּאַכלייט" געווען ביז גאָר צופרידן, איז מיר קלאָר גע־וואָרן, אַז איך וועל די דאָזיקע אַרבעט מאַכן בעסער פון זיי. די פירמע האָט אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן געדאַנק און תּיכּף מיך אָנגעהויבן צו רע־קלאַמירן ווי דער רעזשיסער, וואָס ס'האָט מיך שוין במילא פּאַרפּליכטעט.

מיט אַ צוויי יאָר פריִער, אין דער צייט פון „רעוויזאָר", האָט זיך צו מיר געווענדט אַ געוויסער רוסאָטאָ, אַ שותּף צו דער גרויסער פּאַפּיראָסן־פאַבריק פון שערעשעווסקי אין גראָדנע, מיט אַן ענלעכן פאָרשלאָג. ווען די פּוילישע רעגירונג האָט מאָנאָפּאָליזירט די פאַבריק און אויסגעצאָלט די באַלעבאַטים אַ גרויסן סכום שאָדן־ערזאַץ, האָט איינער פון זיי, דער דער־מאָנטער רוסאָטאָ, געוואָלט אינוועסטירן דאָס געלט אין פילם־פּראָדוקציע. ער האָט זיך געווענדט צו מיר, איך זאָל איבערנעמען די רעזשי. איך האָב

מיך געהאַלטן פאַר נישט קאָמפּעטענט אין דער פילם־אַרבעט און האָב מיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. מיין נישט אָננעמען דעם פאָרשלאָג האָט נאָך מער געשטאַרקט זיין צוטרוי צו מיר און ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו פאָרן אויף זיין חשבון אויף אייניקע חדשים קיין בערלין אויף אויסבילדונג. איך האָב אָבער צוליב דער לויפנדיקער טעאַטער־אַרבעט נישט געקאָנט פאַר־לאָזן וואַרשע. ווען איך וואָלט צו יענער צייט געהאַט די דרייסטקייט וואָס ביי „תקיעת־כף" און אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, וואָלט עס אפשר אָפּגע־ראַטעוועט דאָס לעבן פון דאָזיקן מענטשן. ווי איך האָב מיך אין אַ צייט אַרום דערוווּסט, איז רוסאָטאַ אַוועק קיין דאַנציק, ווו ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַן אַפעריסט, אַ כלומרשטן פילם־רעזשיסער, און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דאָס מאָל האָט מיר מיין דרייסטקייט צוגעדינט און דער ערשטער פראַגמענטן־דורכקוק, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר פּאַבליקום און קינאָ־אייגנטימער, האָט ביז גאָר געהויבן מיין פּרעסטיזש ווי אַ פילם־רעזשיסער. איך האָב אָנגעהויבן פון מיינע באַלעבאַטים צו פאָדערן ווי עס פּאַסט פאַר אַ „ספּעציאַליסט" און אַלע פאָדערונגען, אָפּט מאָל קאַפּריזן, זענען מיר געוואָרן נאָכגעגעבן. ס'איז געוואָרן פּאָפּולער און ביי יעדער געלעגנהייט איבערגעחזרט זייער ווערטל וועגן מיר: „ער האָט שוין ווידער רעכט"... האָבן מיר, אַ דאַנק דעם, געמאַכט אַן אויספלוג מיטן גאַנצן טעכנישן שטאַב און אייניקע הויפּטראַליסטן קיין ווילנע, ווו ס'זענען אויפן אַלטן בית־עולם פאַרפילמט געוואָרן אייניקע עמאָציאָנירנדיקע סצענעס. איך האָב אַפילו איין סצענע מיינע אויסגעפירט אינעם אוהל פון ווילנער גאון, אַ צווייטע ביים אויסטערליש־איינגעהויקערטן בוים פון גר־צדק. דער ראַבינאַט האָט באַשולדיקט די פּראָדוצענטן אין חילול־הקודש און זיך באַמיט ביי דער מאַכט צו פּסלענען דעם פילם, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. זענען טאַקע פאַרבליבן פון „תקיעת כף" אויפנאַמעס פון גרויסן קולטור־היסטאָ־רישן ווערט. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויך געמאַכט דער אָרעם־מאַלצייט, צו וועלכן איך האָב מאָביליזירט אַלע ווילנער בעטלער אויפן הויף פון „פּאַלאַס"־טעאַטער, וועלכן מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק דערעפנט... איי־ניקע אויסערן־אויפנאַמעס זענען געמאַכט געוואָרן אין די וועלדער אַרום

וואַרשע און אין כאַראַקטעריסטישע וואַרשעווער הייף און אויך אויפן בית־
עולם, ווו די מאַמע און טאָכטער — אסתר־רחל און אידאַ — קומען פאַר־
בעטן דעם טויטן טאַטן צו דער חתונה...

דער פילם, ווי געזאָגט, האָט, אַ חוץ די הויפּט־אַקטיאָרן, באַשעפטיקט אַ גאַנצן שטאַב עלטערע און יונגערע אַקטיאָרן און אַ גרויסע צאָל סטאַ־טיסטן, קלעזמאָרים און סתם „טיפּן" פון גאַס. צווישן די טיפּן האָט זיך אויסגעצייכנט דער אַלטער אָסקאַר, וואָס האָט אין זיין קליינער ראָלע פון אונטערקוקן זיך צו חתן־כלה אין חדר־מיוחד, אַרויסגערופן שטאַרקע היי־טערקייט. אַ באַזונדער דערפאָלג האָט געהאַט מיין ברודער יאָנאַס אין דער ראָל פון אַ ישיבה־בחור. ער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין דער ראָל, אַז ער איז אין גיכן אַנגאַזשירט געוואָרן דורך דער זעלבער געזעלשאַפט צו שפּילן די טיטלראָל אינעם צווייטן יידישן פילם „דער ל"ווניק". „תקיעת כף" איז אַלזאָ געווען זיינס אַ גליקלעכער דעביוט אין דער פילם־פּראָדוק־ציע און ער פלעגט דערנאָך אַנגאַזשירט ווערן אויך צו פּוילישע פילמען. ער האָט אויך רעזשיסירט אָפּאָטאַשוס „פּוילישע וועלדער", אין וועלכן ס'האָט אָנטיילגענומען אַ גאַנצע ריי אָנגעזעענע אַקטיאָרן.

די פּרעמיערע פון „תקיעת־כף" איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די עלעגאַנטסטע וואַרשעווער קינאָ־זאַלן אין דער פּוילישער געגנט און אויפ־גענומען געוואָרן מיט שטורמישע אָוואַציעס. צומאָרגנס איז די גאַנצע פּרעסע אַרויס מיט שבחים פאַרן רעזשיסער און פאַר די אָנטיילנעמער.

מיין אַרבעט ביים דאָזיקן פילם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רע־קאָרד פון ענערגיע, אויסדויער און אַרבעט־אימפּעט. פון פאַרטאָג ביז אָוונט פלעג איך פאַרברענגען אין אַטעליע, פון דאָרט, אָפט מאָל אומגע־געסן, צופאָרן צום „צענטראַל" שפּילן אַזאַ אָנשטרענגענדיקע ראָל ווי „שבתי צבי" און נאָך דער פאָרשטעלונג פאַרברענגען אייניקע שעה מיטן טעכנישן שטאַב ביים אויסאַרבעטן דעם אַרבעטפּלאַן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. אין דער זעלבער צייט האָב איך געגרייט מיין נייע ראָל — טוביה דעם מילכיקן...

נאָך דער פּרעמיערע האָבן זיך אייניקע פּראָדוצענטן געווענדט צו מיר מיט נייע פאָרשלאָגן, אָבער אַ צווייט מאָל מיטצומאַכן אַזאַ האָרעוואַ־

ניע וואָלט שוין געווען איבער מיינע כוחות. אָפּזאָגן זיך ווידער פון טעאַ־טער האָב איך נישט געהאַט בדעה. הגם דאָס טעאַטער האָט מיר קיין מאָל נישט געקאָנט געבן די מאַטעריעלע פּראָפיטן וואָס דער פילם. די טעאַטער־אַרבעט איז מיר שטענדיק געווען נענטער און ליבער.

„תקיעת־כף" איז געווען דער דערפאָלגרייכסטער פילם פון פוילישער פּראָדוקציע פאַר יענע יאָרן און איז, אַפילו שוין נאָכן דערשיינען פונעם קלאַנגפילם, אייניקע מאָל געוויזן געוואָרן אויף די עקראַנען פון אַלע פינף קאָנטינענטן. איך פלעג זיך נישט איין מאָל באַגעגענען מיט מיין „תקיעת־כף", אַ מאָל אין פּאַריז, אַ מאָל אין בוענאָס־איירעס, אַ מאָל אין האַוואַ־נאַ... ס'איז געווען אַ מאָדנע געפיל צו זיצן ערגעץ הינטער די הרי־חושך און צו זען זיך, מיינע נאָענטסטע, אַפילו מיין קליין טעכטערל אַראָפּקוקן צו מיר פון לייוונט...

„תקיעת־כף" איז במשך דער צווישנצייט פוןביידע וועלט־מילחמות דורכגעגאַנגען פאַרשידענע גילגולים, צענזורן, מאָנטאַזשן, מוזיק־אילוס־טראַציעס און צולעצט, שוין נאָך דער צווייטער וועלט־מילחמה, ווען פון זיינע אָנטיילנעמער זענען פאַרבליבן יחידים, באַקומען אַן אומגעריכטע און משונהדיקע „באַנייונג". אין 1950 יאָר איז צו מיר קיין בראַזיל דערגאַנגען אַ רעקלאַמע־בלעטל פון ניו־יאָרק מיטן דאָזיקן אינהאַלט:

„זעט! זעט! די גרויסע ייִדישע טאָקי. שפּאַנענד ווי „יאָשע קאַלב", טראַגיש ווי „דער דיבוק". באַרימטער ייִדישער סטאַר־שוישפּילער יוסף בולאָוו אין „דעם רבינס כוח". אידען! אידען! גרויס און קליין, אַלט און יונג, אָרים און רייך, אַלע גליידך!! אויב איר ווילט האָבן אַ טאָג פון פאַר־געניגן, אויב איר ווילט זיך אַמוזירן, דאַן טאָרט איר נישט פאַרפעהלען צו זעהן דאָס ערשטע בילד וועלכעס האָט פאַראינטערעסירט און איבער־ראַשט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק!! באַוואונדערט די סצענעס: אַ מעשה אין אַ ווילנער קרעטשמע. דאָס באַווייזן זיך פון אליהו־הנביא ביים רבינס טיש. דער תקיעת־כף. אַ קעסטעלע צירונג. די ליבע פון אַ ישיבה־בחור. ביים קבר פון ווילנער גאון. צעבראָכענע תנאים. אַ פאַלשע חתונה. אַן אָרים־מאַלצייט. אויפן ווילנער בית־עולם. דער וואַלד ברענט. דעם רבס כוח. גאָטס וווּנדער".

דיביידע מיטעלע זייטן פון דעם בלעטל פאַרנעמען פיר בילדער פון אונדזער „תקיעת־כף‟: 1) איך אין אייניקע געשטאַלטן; 2) איך מיט טאַר־לאַ, דעם חתן־בחור; 3) די חתונה־צערעמאָניע מיט אסתר־רחל און אידאַ קאַמינסקאַ, משה ליפּמאַן, טאַרלאַ, אַדאָלף בערמאַן און איך און 4) אסתר־רחל און אידאַ קאַמינסקאַביים טאַטנס מצבה (די סצענע איז געפילמט געוואָרן אויפן וואַרשעווער בית־עולם — ז. ט.). צווישן די דאָזיקע ביל־דער, אין דער מיט פון ביידע זייטן געפינט זיך אַ גרויס בילד פון בולאָוון, מיט דער אויפשריפט:

„דער באַרימטער אידישער סטאַר־שוישפילער אין דער גרויסער אי־דישער טאָקי „דעם רבים כוח‟. רעכטס פונעם דאָזיקן בילד אַן אויפשריפט: „טעקסט — יעקב מעסטעל. פילם־דירעקטאָר — דזשאָרדזש ראָלאַנד‟.

לינקס, מיט קליינע אותיותלעד, אַ צווייטער אויפשריפט:

„אַן אויסדערווײלטער קעסט: אידאַ קאַמינסקאַ, זיגמונט טורקאָוו, יעקב מעסטעל, ל. קאַדיסאַן, ב. פישביין, באַסענקא‟.

די לעצטע פיר נעמען זענען פון אַמעריקאַנער אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך, ווייזט אויס, באַטייליקט אינעם „באַנייען‟ דעם פילם. דער נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ איז אין גאַנצן נישט דערמאָנט... אויף דער לינקער זייט פונעם בלעטל זעט זיך אַ בילד פון בולאָוון, פאַרגרימירט פאַר אַ ייִד מיט אַ באָרד, ביים דערציילן אין אַ ווילנער קרעטשמע די מעשה וועגן „רבינס כוח‟...

די „גרויסע אידישע טאָקי‟ האָט אַלזאָ פאַרגעשטעלט אונדזער אָרע־מען „תקיעת־כף‟, וואָס איז מגילגול געוואָרן אין אַ קלאַנגפילם. יעקב מעסטעל האָט פאַרפאַסט די טעקסטן, יוסף בולאָוו האָט דערציילט פאַר די יידן אין קרעטשמע די אויסטערלישע פאַסירונג אין דער „אַלטער היים‟ און מיר אַלע, מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ בראָש, דינען אים ווי אַן אילוס־טראַציע צו דער דאָזיקער דערציילונג...

אינטערעסאַנט, אַז סיי בולאָוו, סיי מעסטעל האָבן געוווסט, אַז איך, דער רעזשיסער פונעם פילם, בין צופעליק געבליבן לעבן און געפין זיך אין בראַזיל. מעסטעל איז אַפילו געווען מיט מיר אין כסדרדיקער קאָרעס־

פאַנדענץ און נישט געפינען פאַר נייטיק צו דערמאָנען וועגן דעם דאָזיקן גילגול פון „תקיעת־כף״...

***

במשך פונעם „צענטראַל״־פּעריאָד האָבן מיר אויפגעפירט פיר ערנ־סטע פּיעסן: „די זיבן געהאָנגענע״, „שבתי צבי״, „זינדיקער טשו״ און „טוביה דער מילכיקער״, וואָס איז, אגב, געווען די אור־פּרעמיערע אין אייראָפּע, ווי אויך די קאָמעדיעס: „סערקעלע״, מענדעלעס „פּריזיוו״ און „די צוויי קוני־לעמל״.

פונעם דאָזיקן רעפּערטואַר האָט דעם גרעסטן מאַטעריעלן דערפאָלג געהאַט „די זיבן געהאָנגענע״, דעם גרעסטן קינסטלערישן — „סערקעלע״. אַ באַטייטיקן דערפאָלג נאָכן „זינדיקן טשו״ האָט אויך געהאַט „טוביה״, וואָס געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג אין מיין רעפּערטואַר. די „ביידע קוני־לעמל״ זענען געשפּילט געוואָרן אָפּערעטנמעסיק און האָבן מיט זייער לייכטקייט, פאַרביקייט און צעזונגענקייט אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן אין אונדזער רעפּערטואַר. מענדעלעס „פּריזיוו״ איז געווען אונדזער שוואַכ־סטע פאָרשטעלונג, הגם ס׳האָבן זיך אין דער פאָרשטעלונג אויסגעצייכנט שמואל לאַנדע און יאַנאַס טורקאָוו.

באַזיצנדיק דעם געשאַפענעם רעפּערטואַר, האָבן מיר פאַרטראַכט אַ גרויסן טורניי איבער דער פּראָווינץ און זיך ענערגיש גענומען גרייטן אין וועג. בערך אין יענער צייט האָבן מיר דריי, אסתּר־רחל, אידאַ און איך, באַ־קומען אַן איינלאַדונג קיין אַרגענטינע; כמעט גלייכצייטיק איז אָנגעקומען פאַר מיר אַן איינלאַדונג אַלס רעזשיסער און אַקטיאָר פונעם מלוכהשן טעאַטער אין קיִעוו. צוליבן פאַרשטייענדיקן טורניי האָבן מיר אָבער קיין איינע פון ביידע איינלאַדונגען נישט אָנגענומען.

11

ערשטער טורניי פון „וויקט"

ערב אונדזער אַרויספאָר פון וואַרשע זענען אויפגעשווימען צוויי אומפאָרויסגעזעענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געדאַרפט אויף גיך געלייזט ווערן: אַ נאָמען פאַר אונדזער טעאַטער און אַ קאָנצעסיע.

די ביז־איצטיקע ספּאָראַדישע אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ זענען געגאַנגען אויפן נאָמען פון „צענטראַל"־טעאַטער. געווען איז עס, אייגנט־לעך, דער נאָמען פונעם בנין, אין וועלכן מיר האָבן געשפּילט, נישט פון אונדזער טעאַטער. אונדזער נאָמען האָט באַדאַרפט אַנטשפּרעכן דער רע־פּערטואַר־ליניע און דעם כאַראַקטער פון אונדזער טעאַטער. אין גיכן האָט דעם „צענטראַל" באַדאַרפט איבערנעמען דער אַקטיאָר משה ליפּמאַן. האָבן מיר זיך אויף להבא נישט געקאָנט באַנוצן מיטן נאָמען „צענטראַל". נאָך באַראַטונגען מיט אונדזערע חברים און נאָענטסטע פריינד, האָבן מיר באַ־שלאָסן זיך צו רופן: „וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער" (וו.י.ק.ט.).

דער צווייטער פּראָבלעם, די קאָנצעסיע־פראַגע, איז געווען מער קאָמ־פּליצירט. קאָנצעסיעס בכלל פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן אין פּוילן פאַר מילחמה־אינוואַלידן, אָדער אויפן סמך פון אַנטשפּרעכיקע קוואַליפיקאַ־ציעס. די געציילטע יידישע טעאַטער־קאָנצעסיעס ביז דאַן זענען טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר געוועזענע פרייוויליקע פון פּילסודסקיס לעגיאָ־נען, אָדער אינוואַלידן. אַלע טרופּעס פלעגן, אַרויספאָרנדיק אויף אַ טורניי, זיך באַנוצן מיט אַזאַ קאָנצעסיע. אַדאַנק דעם פלעגט דער אַזוי־גערופענער, קאָנצעסיאָנער אַנגאַזשירט ווערן אין דער טרופּע, אָדער באַקומען אַ גע־וויסן פּראָצענט, צי געהאַלט. עס זענען אויך געווען לאָקאַלע קאָנצעסיאָ־נערן, אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן פאַר אַ באַגרענעצטן שטח, אָדער איינצלנע שטעט. מיר פלעגן זיך ביז איצט באַ־נוצן מיט איינע פון די אויסגערעכנטע טיפּן קאָנצעסיעס. איצט אָבער, אַרויסצופאָרן אויף אַ לענגערן טורניי, האָבן מיר אויך אין דעם פּרט גע־וואָלט זיין זעלבשטענדיק.

איז מיר דאָן צונויפֿגעקומען מיין אַטעסטאַט פון דער דראַמאַטישער שול, וואָס איך האָב געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג און כ׳בין געוואָרן דער ערשטער טעאַטער־אַנפירער אין פוילן, וואָס האָט באַקומען אַ קאָנצעסיע אויפן סמך פון קוואַליפיקאַציעס, גילטיק פאַרן גאַנצן לאַנד, אַ חוצן פוזנער קרייז, אין וועלכן מיר האָבן זיך סיי ווי נישט געניטיקט. די דאָזיקע קאָנצעסיע פלעגט ווערן יעדעס יאָר באַנייט, נאָר מיטן וווקס פון דער רעאַקציע אין פוילן, איז דער שטח פון איר גילטיקייט געוואָרן אַלץ מער איינגעשרומפן און צום אָנהייב 1939 איז זי געוואָרן באַגרענעצט ביז אייניקע קרייזן.

דאָס ערשטע אָרט פון אונדזער טורניי איז געווען לאָדזש, די נאָענטסטע שטאָט פון וואַרשע, וואָס איז געווען זייער וויכטיק פאַר אונדז צוליבן בודזשעט. מיט אַ וואָך פריִער בין איך אַהינגעפאָרן, כדי צוצוגרייטן די אויסשטאַטונג פון „סערקעלע״, מיט וועלכער מיר האָבן דעביוטירט. די בינע פון לאָדזשער „סקאַלאַ״־טעאַטער איז געווען צו־גרויס פאַר אונדזערע דעקאָראַציעס פון „צענטראַל״־טעאַטער און מ׳האָט געמוזט צוגרייטן נייע. די לאָדזשער ייִדישע געזעלשאַפט האָט מיט שפּאַנונג דערוואַרט אונדזער דעביוט. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלער קבלת־פּנים־קאָמיטעט און די פּרעסע האָט געווידמעט אַ סך אָרט אונדזער טעאַטער. די פּרעמיערע פון „סערקעלע״ איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן דורכן אינטעלעקטועלן עולם, אָבער עמך איז געבליבן קאַלט צו איר און קאָמענטירט די פאָרשטעלונג אויפן זעלבן אופן ווי ס׳האָבן עס געטון די „צענטראַל״־באַלעבאַטים נאָכן ערשטן לייענען פון דער פּיעסע. מ׳האָט אונדז פאַרגעוואָרפן וואָס אסתר־רחל האָט זיך נישט באַוויזן אין אַ „שטאַרקער״ ראָל, נאָר זיך „נאַריש געמאַכט אין אַ מאַכעריקע״... אויך די צווייטע פּיעסע, „טוביה דער מילכיקער״ האָט נישט באַוויזן אַריינצוציִען דעם עולם, וואָס איז גאָר געלאָפן אויף דער קאָנקורענץ וואָס מיר האָבן זיך אַליין געשאַפן, — דעם פילם „תקיעת־כף״... אַ פּיפיקער קינאָ־אייגנטימער האָט אויסגענוצט די רעקלאַמע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אונדזערע פאָרשטעלונגען און, גלייכצייטיק מיט אונדזער ערשטן אויפטריט אין טעאַטער, אָנגעהויבן געבן אונדזער פילם ביי זיך אין קינאָ. דעם עולם האָט, ווייזט אויס,

מער אינטערעסירט אונדז צו זען אויפן לייוונט, ווי לעבעדיקערהייט... אַן ענלעכן פאַל האָב איך געהאַט אין אַ יאָר אַרום מיטן „גלאַקנצ:ער פון נאָטרדאַם" אין ווילנע, אָבער דאַן האָבן מיר געמאַכט קאָנקורענץ דעם פילם...

נאָכן אָפּשפּילן „טוביה דער מילכיקער", האָט אסתר־רחל נישט געהאַט מער קיין פּאַסיקע ראָלן אינעם ווייטערדיקן רעפּערטואַר און האָט זיך, אַ חוץ דעם, אָנגעהויבן צו באַקלאָגן אויפן געזונט. זי איז אָפּגעפאָרן אויף אַן אָפּרואָרט נעבן וואַרשע. די „זיבן געהאַנגענע" און „דער קאַרגער" האָבן מיר שוין געהאַט אָפּגעשפּילט אין לאָדזש בעת די ספּאָראַדישע אויספלוגן פון „צענטראַל", מיר האָבן צוגעגרייט „דאָס גרויסע געווינס" מיט לאַנדוען אין דער הויפּטראָל און איינגעגלידערט עס אין „וויקט"־רעפּערטואַר. מיר האָבן אָפּגעשפּילט אַ חודש צייט מיט אַ גאָר שוואַכן מאַטעריעלן דערפאָלג און צום געזעגענונג־אָוונט, נישט האָבנדיק שוין וואָס צו פאָרלירן, געגעבן „שבתי צבי".

ווידער איז געשען איינער פון די סורפּריזן, מיט וועלכע די טעאַטערכראָניק איז אַזוי רייך. „שבתי צבי", וואָס האָט אין וואַרשע געהאַט אין אַלגעמיין אַ שוואַכן אָפּקלאַנג, איז אין לאָדזש אויפגענומען געוואָרן ענטוזיאַסטיש. די פאָרשטעלונג האָט רעהאַביליטירט דעם ביז־איצט געשפּילטן רעפּערטואַר און אַנדערע פריינד האָבן באַדויערט וואָס מיר האָבן מיט איר נישט אָנגעהויבן אונדזערע גאַסטשפּילן... ס'איז גוט באַקאַנט צווישן אַקטיאָרן דער פּרווו צו פאַרענטפערן אַ מאַטעריעלן דורכפאַל: „יאָ, ווען איר וואָלט אָנגעהויבן מיט דעם"...

***

די צווייטע שטאָט פון אונדזער טורנע איז געווען טשענסטאָכאָוו. הגם מיר האָבן דאָרט געשפּילט אונדזערע „קאַסע"־פּיעסן מיט די „געהאָנגענע" און „קאַרגן" בראָש, איז דער מאַטעריעלער דערפאָלג אויך נישט געווען קיין געהויבענער. דער תירוץ — צו־הויכע פּרייזן... מיר האָבן זיך געטרייסט דערמיט, וואָס... ס'איז דאָ אַ תירוץ! אין די טעאַטער־קרייזן האָט מען דערציילט אַ וויץ וועגן רודאָלף שילדקרויט אין אַמעריקע:

עמעצער דערזעט אים אַ מאָל אַרויסגעבויגן פון פענצטער, ווי ער קוקט זיך איין אויפמערקזאַם אין הימל. אויף דער פראַגע וואָס ער זוכט דאָרט ביים רבונו־של־עולם, ענטפערט שילדקרויט: „איך זוך דעם תירוץ, אפשר וועט רעגענען"...

דער תירוץ האָט אונדז אָבער ווייניק געהאָלפן און די פראַגע וווהין מע פאָרט ווייטער און ווו נעמט מען אויף רייזע־הוצאות פאַר אונדזער גרויסער טרופע. האָט נישט געלאָזט איינרוען. די ידיעה וועגן אונדזערע שוואַכע געשעפטן איז, פאַרשטייט זיך, באַלד דערגאַנגען קיין וואַרשע און אָט באַווייזט זיך אין אַ געוויסן טאָג אַ ישועה... אַ פּראָווינצער יונגערמאַן, אַ פרוכטן־סוחר, וואָס פלעגט זיך „רייבן" אַרום אַקטיאָרן און מאַכן מיט זיי אַ כוסה, האָט מיט זיין סוחרישער „סמיקאַלקע" פאַרויסגעזען פאַר אונדז גרויסע געשעפטן אין גאַליציע, ווו מיר האָבן נאָך קיין מאָל נישט געשפּילט און ווו מ'איז געשפּאַנט אונדז צו זען. זיין שטאַרקסטער „אַרגומענט" איז אָבער געווען אַ געוויסע סומע געלט, מיט וועלכער מיר וואָלטן זיך גע־קאָנט רירן פון אָרט און מאַכן די רייזע. מיר האָבן דעם נייגעבאַקענעם אימפּרעסאַריאָ באַטראַכט ווי אַ שליח פון הימל; זיין ווייט־נישט־הימלי־שער אויסזען איז אונדז געוואָרן סימפּאַטיש. באין־ברירה האָבן מיר אָפּגע־מאַכט מיט אים דאָס „געשעפט". ער איז אָפּגעפאָרן צוגרייטן דעם טורניי און מיר זענען געבליבן וואַרטן אויף זיינס אַ ידיעה.

פאַר דער צייט איז אינעם געזונט־צושטאַנד פון אסתר־רחל נישט פאָרגעקומען קיין בעסערונג. מיר האָבן באַשטימט, אַז זי זאָל אָפּפאָרן צו איר זון יוסף, וואָס האָט שטודירט מוזיק אין ווין, און ביי דער געלעגנהייט דורכמאַכן אַ קוראַציע אין באַדען. געהייסן האָט עס, אַז ווען מיר וועלן האָבן אָפּגעשפּילט אין גאַליציע דעם „וויקט"־רעפּערטואַר, וועלן מיר באַ־נייען דאָרט דעם טורניי מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ אין איר רעפּערטואַר.

פון אונדזער נייעם אימפּרעסאַריאָ איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מיר הייבן אָן אין קראָקע. דערמוטיקטע פאָרן מיר אָפּ אין דער הויפּטשטאָט פון מערב־גאַליציע.

12

אין קראָקע

אין דער געשיכטע פון מיין טעאַטער־טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַי, אינטערעסאַנט בלאַט, וואָס זיין נאָמען איז: גאַליציע. דער דאָזיקער ערשטער אַרויספאָר איז געווען אַן אָנהייב פון אַ לאַנגער ריי אויפטריטן מיט גרויסע און קאָמעראַלע פאָרשטעלונגען, וואָס איך האָב דאָרט געגעבן במשך פון פופצן יאָר. דאָס שיינע בלעטל האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אינטערעסאַנטן פעריאָד פון מיין סצענישער טעטיקייט, — מיט די גאָלד־פאַדן־אויפפירונגען, פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילחמה.

קראָקע, ווי גאַנץ גאַליציע, וואָס האָט ביז דער ערשטער וועלט־מילחמה געהערט צו דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפעריע, איז געווען פאַר אונדז, אין אַ געוויסן זין אַ מין אויסלאַנד. אַלץ איז דאָרט געווען אַנדערש ווי אין קאָנגרעס־פוילן, דער אַמאָליקער געביט פון דער רוסישער אימפעריע. דאָס אייראָפּעיִשע אויסזען פון די גאַליציאַנער שטעט און שטעטלעך איז געווען אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט צו די צוריקגעשטאַנענע, פאַרוואָרלאָזטע רוסישע פּראָווינצשטעט מיט זייערע קאַזאַרמע־וואָקזאַלן און תפיסה־בנינים, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן דעם צאַרישן רעזשים. דאָ האָט זיך געפילט קולטור נישט נאָר אינעם אויסערלעכן אויסזען פון די גאַליציאַנער שטעט, נאָר אויך פון זייערע איינוווינער, פון זייער לעבן־שטייגער, באַנעמונג און קליידונג.

אמת, דאָס לעבן אין קאָנגרעס־פוילן איז געווען טיפער, ערנסטער, אינהאַלטרייכער, אָבער אונדז האָט אימפּאָנירט די מאַנירלעכקייט, די העפלעכקייט, די ווינער לייכטקייט, מיט וועלכער ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די גאַליציאַנער ייִדן.

ווען איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט קראָקע, וואָס איז אַרומגענומען ווי מיט אַ גרינעם גאַרטל פון די פּלאַנטן־אַלייען, וואָס איז ערנסט און גלייכצייטיק געמיטלעך, שטיל און פול מיט לעבן, נישט גרויס אין

שטח און דאָך אַזוי גרויסשטעטיש, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די איינ־טערעסאַנטע און אייגנאַרטיקע צווייִקייט פון דער דאָזיקער שטאָט: די פּויליִשע און ייִדישע קראָקע, די אַלטע פּוילישע הויפּטשטאָט מיט די קעניגלעכע קברים אין וואַוועל, וואָס ביי זייער זייט רוען די קעניגן פון גייסט: מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי; קראָקע, מיט איר באַרימטן יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט און מוזייען; מיט די קאַטעדראַלן און מיטלאַלטערלעכע אַרקאַדן אַרום די הייף, וווּ ס׳פּלעגן פּאַרקומען ריטערלעכע טורנירן און, אין אונדזער צייט, פעסטיוואַל־פאַרשטעלונגען אונטערן פרייען הימל; מיט די פעסטונג־מויערן און טורעמס; מיט די האַלעס און טויערן־אַרכיטעקטאַנישע עדות פון איר רייכער קולטור און געשיכטע; קראָקע, די שטאָט פון מאַטייקאָ און וויספּיאַנסקי, פון טעטמייער, רידעל און סטאַף; פון וויט־סטוואָש, גראָטגער און שעמיראַדזקי, מיט זיין באַרימטן פאָרהאַנג אין סלאָוואַצקי־טעאַטער; קראָקע, פון וועלכער ס׳זענען אַרויס די גרעסטע מייסטער פון דער פּוילישער בינע מיט מאָדזשעיעווסקאַ, די פּויליש־אַמעריקאַנער סאַראַ בערנאַרד; מיטן גרינדער פון וואַרשעווער „טעאַטר פּאָלסקי״, ד״ר אַרנאָלד שיפּמאַן און זיין גרויסן רעזשיסער, לעאָן שילער.

פון דער צווייטער זייט: אַ ייִדישע קראָקע מיט איר רומפולער געשיכטע און טראַדיציאָנעלער שעפערישקייט פון יאָרהונדערטער, מיט איר אַלטער קאַזשימיעזש־שול פון 14טן יאָרהונדערט, — אַ קלאַסישער מוסטער פון די אַמאָליקע פעסטונג־שולן; מיטן רמ״א־בית־עולם, מיט דער „איינגעזונקענער חופה״, אַרום וועלכער ס׳וועבן זיך לעגענדעס; קראָקע, מיט אירע רבנישע און וועלטלעכע פערזענלעכקייטן און פאָלקס־מדריכים; קראָקע, מיט איר קאַמף צווישן ייִדישקייט און אַסימילאַציע; מיט אירע מנהיגים, וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק נישט נאָר איבער גאַליציע, נאָר אויך איבער גאַנץ פּוילן און נישט איין מאָל געדינט פאַר אַן אָרט פון קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן. אין דעם פּרט איז זי געווען ענלעך צו דער פּוילישער קראָקע, וווהין ס׳פּלעגן זיך צונויפפאָרן רוסישע רעוואָלוציאָנערן און אויסאַרבעטן פּלענער אַראָפּצוואַרפן דעם צאַריזם. פּלעגט מען טאַקע אָנווייזן אויף אַן אָרט אין אַ קאַפע, וווּ ס׳זענען געזעסן לענין, טראָצקי און אַנדערע גדולים פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

הגם אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי קראָקע איז נישט דערשינען קיין ייִדישע צייטונג, האָט אין אַלגעמיין די גאַס גערעדט ייִדיש און זיך איב־טערעסירט מיט פּראָבלעמען פון ייִדישער קולטור און טעאַטער. להיפּוך צו קאָנגרעס־פּוילן, וווּ דער „בונד" האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די מאַסן, האָט אין גאַליציע דאָמינירט די ציוניסטישע באַוועגונג מיט אַלע אירע ריכטונגען און שאַטירונגען. אין שפּיץ פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע איז יאָרנלאַנג געשטאַנען ד"ר יהושע טאָן, איינער פון די דינאַמישסטע און פּאָרדינסטפולסטע פּערזענלעכקייטן פון פּוילישן ייִדנטום. זיינע אָרויסטריטן אין וואַרשעווער סיים האָבן נישט ווייניקער געווירקט אויף די פירער פון דער פּוילישער פּאָליטיק, ווי זיינע דרשות אין קראָקעווער „טעמפּל" אויף די אַסימילירטע און האַלב־אַסימי־לירטע מתפּללים. די דאָזיקע דרשות פלעגן שטאַרק קאָמענטירט ווערן אויך צווישן סתם־ייִדן און, ווי אייניקע האָבן זיך געוויצלט, איז ער דער שטאַרקסטער קאָנקורענט פאַר אונדזער טעאַטער... ד"ר טאָן האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ווי אַ גלענצנדיקער זשורנאַליסט אין עטלעכע שפּראַכן. ער האָט מיטגעאַרבעט אין וואַרשעווער „הייגט" און אין קראָקעווער „נאָווי דזשעניק", די ערשטע ייִדישע צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך אינעם נאָכמילחמהדיקן פּוילן. דאָרט האָט אויך געווירקט ד"ר יצחק שוואַרצ־באַרט, אַ צווייטער פירער פונעם קראָקעווער ייִדנטום.ביידע זענען זיי גע־ווען אייגגייער אין ייִדישן טעאַטער און, ווען ס'איז געווען נייטיק, האָבן זיי אינטערווענירט לטובת אים ביי די העכערע מאַכט־אינסטאַנצן.

אינעם „נאָווי דזשעניק", רעדאַקטירט דורך ד"ר מ. בערקעלהאַמער, איז געווען אַן אָפּטיילונג פאַר קולטור און קונסט, וואָס האָט שטאַרק אונ־טערגעשטיצט דאָס ייִדישע טעאַטער און געשאַפן אַ בריק צווישן זיינע פּויליש־רעדנדיקע לייענער און די פאַרשידנסטע קולטור־דערשיינונגען אין דער ייִדישער וועלט. דער רעדאַקטאָר פון דאָזיקן אָפּטייל איז געווען ד"ר משה קאַנפער, וועלכן איך האָב באַקענט נאָך בעת דער עסטרייכי־שער אָקופּאַציע אין כעלעם, וווּ ער האָט געדינט ווי אַן אָפּיציר. אין דער זעלבער צייטונג האָט אויך אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע קאַריערע, און איז מיט דער צייט געוואָרן איר הויפּט־רעדאַקטאָר, ד"ר דוד לאַזער,

דער איצטיקער מיטרעדאַקטאָר פון תּל־אביבער „מעריב". אויך ד"ר לאַנג־נאַס, דער מיטרעדאַקטאָר פון דער תּל־אביבער פּוילישער צייטונג, האָט אָנגעהויבן אין „נאָווי דזשעניק".

דער „נאָווי דזשעניק" האָט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן אַסימילאַציע, נישט נאָר מיט די אידישע אַסימילאַטאָרן, נאָר אויך מיט די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן גערעדט מיט זייערע בני־בית פּויליש. מיר פלעגן שטוינען הערנדיק אין גאַס אַ ייִד מיט באָרד און פּיאות, מיט אַ שטריימל און ווייסע זאָקן, רעדן מיט זיין ווייב און טאָכטער פּויליש. ער — אַ פאַרגרייזטן, זיי אָבער — אַ פּערפעקטן און אָן דעם ספּעציפיש־ייִדישן אַקצענט. דער „נאָווי דזשעניק", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דרייסטקייט און קעמפערישקייט, איז געווען ווי אַ ביין אין האַלדז פאַר די קראָקעווער אַנטיסעמיטן. איז טאַקע מיט אַ צוויי יאָר פאַר אונדזער קומען קיין קראָקע געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע אויפן לאָקאַל פון דער רעדאַקציע. צומאָרגנס איז אָבער די צייטונג ווידער דערשינען...

אין דער צייט פון אונדזערע גאַסטשפּילן אין קראָקע איז דאָרט אויך דערשינען אַ חודש־זשורנאַל אין דער פּוילישער שפּראַך, „וואַלקאַ", אַרויסגעגעבן פון דער בונדישער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען אין קראָקע פון אַ קליינער גרופּע. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אייניקע אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן, ווי דעם דינאַמישן מאַסן־רעדנער יונה בלום, ד"ר לעאָ פייגער און ד"ר שולדנפריי. זיי זענען געווען איבערגעגעבענע פריינד פון ייִדישן טעאַטער און צוזאַמען מיטן סוחר יצחק האַלפּערן, מיט ד"ר קאַנפּער און דעם פּועלי־ציון־טוער שלמה וועלנער, איצט גל (גאַל), געלייגט דעם גרונדשטיין פון דער ערשטער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט אין פּוילן. ד"ר פייגער האָט זיך אין די יאָרן פון אומקום אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט אינעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, אונטערן נאָמען „מיקאַלצי".

וועלט־באַקאַנט איז דער קראָקעווער פאָלקסדיכטער מרדכי געבירטיק. זיין געשריי: „עס ברענט!" איז, ליידער, געווען אַ קול־קורא במדבר. ער אַליין איז אויך געפאַלן אַ קרבן פון דער דאָזיקער שריפה.

אין קראָקע זענען געווען פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געשטאַנען אין

שאָטן פון דער אָפיציעלער געזעלשאַפט און זיך אויסגעלעבט שטילער־דייט, מיט אַ מערקווירדיקער באַשיידנקייט און צניעות.

קראָקע איז געווען באַקאַנט מיט איר גאַסטפריינטלעכקייט נישט ווייניקער פון ווילנע. מיר האָבן טאַקע די דאָזיקע גאַסטפריינטלעכקייט דערפילט תיכף ביי אונדזער אָנקומען אַהין. ביים ערשטן באַזוך אויף באָכענסקע־גאַס האָט אונדז אָפגעוואַרט אַ מיטלוווקסיקער, ברייטבייניקער יונגערמאַן מיט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן ברייטן פנים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: אברהם זיינפעלד. באַלד האָט ער אונדז פאַרבעטן אויף מיטאָג צו דער פאַמיליע פונעם דיכטער שמואל־יעקב אימבער, זיין שוואָגער, מיט וועלכן ער האָט געוווינט צוזאַמען. דאָס איז געווען אַ גרויסע מישפּחה פון זלאָטשעווער ייִדישע אינטעליגענטן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון אירע רייען דעם מחבר פון אונדזער נאַציאָנאַלן הימן, נפתלי־הערץ אימבער. זייער צייטווייליקע דירה, אין איינעם פון די בעסערע קראָקעווער האָטעלן, איז געווען אַ טרעפפּונקט פאַר ייִדישע שרייבער און קינסטלער. דאָרט פלעגט זיין אַן אָפטער איינגייער בער האָראָוויץ, דער אימפּולסיווער, טעמפּעראַמענטפולער מיזרח־גאַליציאַנער דיכטער און צייכענער, דער באַזינגער פונעם אוקראַיִנישן דאָרף און זיינע פויערים, — די זעלבע, וואָס האָבן אין די נאַציסטישע יאָרן בעסטיאַליש פאַרשניטן זיין יונג לעבן.

דער אינטערעסאַנטסטער אין דער דאָזיקער היים איז פאַר מיר געווען דער דערמאָנטער אברהם זיינפעלד. אַ רייכער לעדער־סוחר, פלעגט ער פאַרנאַכלעסיקן זיינע געשעפטן און זיך אָפּגעבן מיט קולטור־ענינים, בעיקר מיט פאַרלאַג־וועזן. זיין היים איז געווען דער קראָקעווער אַדרעס פאַר ייִדישע שרייבער און דיכטער פון פוילן און אויסלאַנד. און ער, אַ שטילער מעצענאַט, פלעגט פרייוויליק נעמען אויף זיך אַרויסצוגעבן ביכער, פעריאָדישע אויסגאַבעס און זשורנאַלן. אַ מכניס־אורח, ביי וועמען עס פלעגן זיך אויפהאַלטן און געניסן פון אונטערשטיצונג דורכרייזנדיקע שרייבער און קינסטלער. אַ מאָדערנער ל״וּוניק, וואָס איז אָן זעלבסט־רעקלאַמע, מיט דער גרעסטער עניוות און דיסקרעציע אָנגעגאַנגען מיט זיין טיפהומאַניטאַרער און קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט. מיר האָבן תיכף

פֿון דער ערשטער באַגעגעניש ליב באַקומען דעם דאָזיקן מערקווירדיק־צאַרטן, קינדיש־נאַיִוון מענטש, פֿון וועמענס אויגן ס'האָט אַרויסגעבליקט אַ ים מיט גוטסקייט און מענטשנליבע.

מיר פֿלעגן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַגעגענען אין וואַרשע און ווילנע, ווּהין ער פֿלעגט קומען נישט אַזוי צוליב זיינע געשעפֿטן, ווי צוליב אַ „ייִוואָ"־קאָנפֿערענץ, אַ שרייבער־צוזאַמענפֿאָר, אָדער צו אַ פֿאַר־לעגער אַרויסצוגעבן עמעצנס אַ מאַנוסקריפּט. אים האָבן מיר אויך געהאָט צו פֿאַרדאַנקען די מעגלעכקייט אַרויסצורירן זיך פֿון קראָקע, ווען מיר זענען געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אונדזער נייעם אימפּרעסאַריאָס „אונטערנע־מערישקייט".

די ערשטע וואָכן אין קראָקע זענען אין אַלע הינזיכטן אַדורך גלענ־צנדיק. נאָכן גרויסן דערפֿאָלג פֿון די „ווילנער" מיט זייער ייִדישן רעפּער־טואַר, האָט דווקא אונדזער „אייראָפּעיִשקייט" אימפּאָנירט די קראָקעווער ייִדן, וואָס זענען געווען דערצויגן אויפֿן ווינער „בורג" און אויף זייער אייגענעם „סלאָוואַצקי"־טעאַטער. דער קאָנפֿליקט, טיפּאָזש און אַטמאָס־פֿער פֿון די „זיבן געהאָנגענע" איז געווען ביי דעם גאַליציאַנער טעאַטער־באַזוכער, אַ מין עקזאָטיק, פֿון וועלכער ער האָט אין דער נישט ווייטער עסטרייכישער פֿאַרגאַנגענהייט געהערט פֿון די פּאָליטישע אַנטלאָפֿענע, וואָס פֿלעגן באַזוכן קראָקע. די אַנדערע פּיעסן, ווי דער „קאַרגער", „שבתי צבי" זענען געווען באַקאַנט פֿונעם פּוילישן טעאַטער, איז עס געווען פֿאַר זיי אַן אַנגענעמע איבערראַשונג צו זען די זעלבע פּיעסן אין ייִדיש און נישט צו ווערן אַנטוישט. דאָס האָט געשאַפֿן גרויס אַנזען אונדזער טעאַ־טער און מיר וואָלטן זיכער אַוועק פֿון קראָקע אויך מיט גרויסע מאַטעריעלע רעזולטאַטן, ווען נישט — און דאָ קומט ווידער דער תירוץ — ווען נישט די שטאַרקע היצן, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט איינצוזיצן אינעם נישט־ווענטילירטן טעאַטער־זאַל. מיר האָבן אַפֿילו געפּרוּווט געבן צוויי פֿאַר־שטעלונגען אין אַ גרויסן קינאָ־זאַל, אין דער ייִדישער געגנט, אָבער אויך אָן רעזולטאַטן.

מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז געקומען די צייט צו פֿאַרלאָזן קראָ־קע און וואָס פֿריִער, אַלץ געזונטער. איז אָבער אונדזער נייער אימפּרע־

סאַריאַ נאָך אַ צייט פריִער אַוועק „מאַכן שטעט״ און גיט נישט קיין לעבד־צייכן פון זיך... ס׳פאַרגייט אַ וואָך נאָך אַ וואָך און — הילד איננו... וואָלט דאָס נאָך געווען אַ קליינע צרה, האָט ער אָבער געהאַט שכל מיט־צונעמען מיט זיך דאָס גאַנצע געלט פון די ערשטע „זיבן גוטע יאָר״ אין קראָקע און מיר האָבן פשוט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן די האָ־טעלן. מיר האָבן זיך אַפילו אויסגעזוכט אַ ביליק אָרט צו עסן, דאַכט זיך אין דער „מכבי״־קיך, נאָר אין גיכן האָט שוין אויף דעם אויך נישט גע־קלעקט... די גאַנצע צייט איז אברהם זיינפעלד נישט אָפּגעטראָטן פון אונדז און טאַקע זיין אָנוועזנהייט האָט אונדז באַרויִקט און געמוטיקט. ער האָט אייניקע מאָל געפּרוּווט פאַרפירן אַ שמועס וועגן אונדזער לאַגע, נאָר ס׳האָט אים פשוט פאַרפעלט מוט צו רעדן קלאָרע דיבורים. דאָס זעל־בע איז געווען מיט אונדז. פאָרט אַ רעפּרעזענטאַטיווער יידישער טעאַטער פון וואַרשע, דאַרף מען האַלטן פאַסאָן... נאָר אָט נעמט ער זיך אַמאָל אָן מיט מוט, דער ליבער זיינפעלד, און זאָגט צו מיר בזה הלשון:

— „איך זע דאָך, אַז איר זענט געוואָרן באַשווינדלט פון אייער אימ־פּרעסאַריאָ. דעם אמת געזאָגט, איז מיר דער פאַרשוין באַלד נישט גע־פעלן... שוין דאָס פּנים אַליין זיינס זאָגט עדות דערויף... אָבער ס׳איז נישט קיין אומגליק, ווי נאָר איר וועט זיך אַרויסרירן פון דאַנען, וועט איר זיך אָפּנעמען דעם היזק מיט פּראָצענט. אין גאַליציע ליגט פאַר אייך אַ סך געלט... האַנדלט זיך נאָר אין אַרויסקריכן פון קראָקע, דאַרפט איר זיך וועגן דעם נישט זאָרגן... ס׳וועט אַלץ דערליידיקט ווערן ווי איר ווינטשט זיך אַליין״...

דעם זעלבן טאָג איז טאַקע אָפּגעפאָרן קיין טאַרנאָוו דער אַרטיסט גאָדיק און צומאָרגנס האָבן מיר שוין געהאַט אַ ידיעה: „אַלץ דערליידיקט, טאַרנאָוו וואַרט. פאָרט אַרויס״. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אַרויספאָרן, מיט דער גרויסער סומע, וואָס איז געקומען פאַר האָטעלן, רייזע־הוצאות און טאַקע „עפּעס אין טאַש״ האָט געגעבן אברהם זיינפעלד. ער האָט אונדז אויך פאַרן אָפּפאָרן צוגעגרייט אַן אימ־פּאָזאַנטן געזעגענונג־באַנקעט און מיר זענען אָפּגעפאָרן ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ „דערפאָלגרייך טעאַטער״.

טאַרנאָוו, אָדער טאַרנע, ווי מע פלעגט עס רופן פאַלקסטימלעך, איז געווען אונדזער ערשטע גאַליציאַנער פּראָווינצשטאָט און נאָך איר, האָבן מיר, אויפן וועג קיין לעמבערג, באַזוכט יאַראָסלאַוו, פּשעמישל, סטרי. די גאַליציאַנער פּראָווינץ איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אירע הויפּט־שטעט, סיי אינעם שטייגער פון לעבן, סיי אינעם אופן פון רעדן, — די מערב־שטעט — ענלעך צו קראָקע און די מיזרחדיקע — צו לעמבערג. די מאַסיווע הייזער, שטאָטישע פּאַרקן, קאָפּע־הייזער מיטן ספּעציפישן קאָפּע־לעבן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין „קליינקראָקע" אָדער קליינ־לעמבערג, וואָס זענען ווידער באַטראַכט געוואָרן ווי קליינווין און קליינ־פּאַריז. אַנשטאָט די פייערלעשער־שאָפּעס, אין וועלכע ס'פלעגט אונדז אָפט אויסקומען צו שפּילן אין די שטעט פון קאָנגרעס־פּוילן, האָבן מיר אין די גאַליציאַנער שטעט געהאַט צו דער דיספּאָזיציע די פּוילישע „סאָקאָלן", אוקראַינישע זאַלן און אין געוויסע שטעט יידישע, יד־חרוצים־זאַלן. להיפּוך צו דער קאָנגרעס־פּוילישער פּראָווינץ, האָט זיך אין גאַליציאַנער טייל נישט געפילט אַזוי דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען אַן איבערבלייב פון דער באַלאַנסירטער „פּעלקער־פּאָליטיק" וואָס די קייסער־און קעניגלעכע עסטרייכישע רעגירונג האָט געפירט לגבי דער גרויסער צאָל נאַציאָנאַלי־טעטן פון איר מאָנאַרכיע. מיט דער צייט אָבער, ווען פּוילנס „זעלבשטענדי־קע" פּאָליטיק האָט אָנגעהויבן צו געבן פרוכטן, האָבן מיר שוין אויך אין גאַליציע געפילט אירע רעזולטאַטן. ס'האָט אַפילו פּאַסירט, אַז מ'האָט אין אַ זאַל, ווו אידאַ קאַמינסקאַ האָט באַדאַרפט אויפטרעטן, אונטערגע־לייגט אַ באָמבע... אָבער דאָך, אין די האָניקיאָרן פון פּוילנס זעלבשטענ־דיקייט, האָט זיך די אַנטיסעמיטישע הידרע באַגנוגנט „בלויז" מיטן בלוי־טיקן פּאָגראָם אין לעמבערג און אויף אַ געוויסער צייט זיך איינגעשטילט, ביז זי איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויף ס'ניי געוואָרן אויפגעוועקט.

יעדע שטאָט און יעדעס שטעטל פון דער גאַליציאַנער פּראָווינץ איז געווען באַקאַנט מיט איר געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט, מיט אַ זענוויר־דיקייט, אָדער מיט אַן אָנגעזעענער פּערזענלעכקייט וואָס איז פון איר אַרויס און פאַרשאַפן רום אין דער גרויסער וועלט. פון טאַרנאָוו, למשל, האָט דאָס פּוילישע טעאַטער באַקומען דעם גרויסן אַקטיאָר סטעפאַן יאַ־

ראַטש; די רוסישע רעוואָלוציע — קאַרל ראַדעק און די ייִדישע געשיכטע־פאָרשונג דעם ד״ר יצחק שיפּער און פּראָפ. בינענשטאָק.

מיט דער ידיעה וואָס מיר האָבן אין קראָקע באַקומען פון גאַדיקן, אַז „טאַרנאָוו וואַרט״, האָט ער בפירוש נישט איבערגעטריבן. די אָפּרופן און אָפּשאַצונגען וואָס מיר האָבן באַקומען אין קראָקעווער „נאָווי דזשענניק״, האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז דעם באָדן אין מערב־גאַליציע און די בילעטן פאַר אַלע פאָרשטעלונגען זענען געוואָרן „אויסגעכאַפּט״ נאָך פאַר אונדזער קומען. דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן געטון, איז געווען צוריקצושיקן זייבּ־פעלדן דאָס געבאָרגטע געלט. ער האָט אונדז אָפּילו אָנגעזאָגט נישט צו איילן זיך מיטן צוריקשיקן דאָס געלט, איז אונדז אָבער אַזוי אַרום געווען לייכטער צו געניסן פון דער וואַרעמקייט, וואָס די גאַליציאַנער ייִדן האָבן אונדז אַרויסגעוויזן. פון דעמאָלט אָן האָט זיך פאַרקניפּט צווישן אונדז אַ פריינדשאַפט וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט ביי אונדזערע אָפטע טורנייען אין יענע מקומות. שפּורן פון דער דאָזיקער פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 25 יאָר צוריק, פיל איך נאָך היינט אין ישראל אין אַ סך קיבוצים, וווּ ס׳געפינען זיך חברים וואָס געדענקען יענע צייט.

דאָס זעלבע מיט מיינע בעסאַראַבער פריינד, וועלכע איך האָב באַ־קענט אין 27סטן און 28סטן יאָר בעת אונדזער טורניי איבער רומעניע. ווען מיר כאַפּן, נאָך אַ פאַרשטעלונג אין אַ קיבוץ, אַ שמועס וועגן יענע צייטן און ס׳ווערט דערמאָנט די השפעה וואָס אונדזערע פאָרשטעלונגען האָבן געהאַט אויף דער יוגנט, שטאָלציר איך מיטן זכות וואָס ס׳איז מיר צוגע־טיילט געוואָרן צו זיין אַ ייִדישער אַקטיאָר. פון דער צווייטער זייט טוט וויי דאָס האַרץ, וואָס דער דאָזיקער עבר איז געוואָרן אַזוי אומברחמנות־דיק פאַרשניטן... דערפאַר איז גרויס די טרייסט, וואָס מיר קאָנען אים דערמאָנען און ממשיך זיין אין אונדזער אייגענעם לאַנד.

13

מיזרח-גאַליציע

ביי אונדזער ערשטן וויקט-טורניי איבער גאַליציע זענען מיר געווען געצווונגען אַדורכצולאָזן אַ ריי שטעט, ווייל די גאַסטשפּילן אין לעמבערג האָבן באַדאַרפט פאַרקומען אין אַ גאַרטן און מ'האָט זיך געמוזט צואיילן, כל-זמן די וועטערן זענען גינסטיק. האָבן מיר אָפּגעלייגט איינציקע איינלאַדונגען אויף נאָך לעמבערג און באַוויזן צו באַזוכן נאָר איין פּשעמישל.

בעת דער צווייטער וועלט-מילחמה איז די שטאָט פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן פּוילן און אוקראַינע, איז מיר שווער זיך פאָרצושטעלן ווי די שטאָט זעט אויס נאָכן דאָזיקן פאַרטייל. איינס איז קלאָר, דער פּשעמישלער איינגעפונדעוועטער ישוב מיט זיין טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט און דינאַמישן קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן — איז פאַרשוווּנדן פון אונדזער נאַציאָנאַלער מאַפּע. זאָל דער טייל פון מיינע דערינערונגען דערמאָנען דעם אָנדענק פון דער שיינער, אינהאַלטרייכער און רומפולער קהילה.

הגם ניט וויט פון לעמבערג האָט פּשעמישל געלעבט אַן אייגנאַרטיקן לעבן, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען ענלעכער צו קראָקע, ווי צום נענטערן שכן. דאָ איז אַלץ געווען ערנסטער, רויִקער, געמיטלעכער, גלייך דער סאַן, וואָס טיילט פונאַנדער די שטאָט אויף צוויי חלקים, וואָלט בכיוון פאַרלאַנגזאַמט זיין שטראָם און געשטילט די געמיטער. דער פּרעכטיקער פּשעמישלער פּאַרק, איינער פון די גרעסטע און עלטסטע אין פּוילן, איז מיט זיין שטילקייט און פאָעטישער פאַרחלומטקייט געווען אַן אידעאַל אָרט פאַר דיכטער, פאַר פאַרליבטע פּאָרלעך, און פאַר זאַטע אין יאָרן אויף צו מאַכן זייער חשבון-הנפש. הגם פּשעמישל האָט קיין אוניווערסיטעט ניט געהאַט, האָט עס פון דעסטוועגן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אוניווערסיטעט-שטאָט, בפרט אין די טעג ווען די שטודירנדיקע יוגנט פלעגט זיך אומקערן פון לעמבערג און, ניט איילנדיק, זיך פונאַנדערשפּרייטן איבער די גאַסן.

די אַלטע פעסטונגס־מויערן און דער שלאָסבאַרג האָבן דערמאָנט אָן דער סטראַטעגישער פּאָזיציע, וואָס די שטאָט האָט אַ מאָל פאַרנומען און וואָס האָט אינעם נייעם פּוילן פאַרלוירן איר באַטייט. די אַלטע גאָטישע קאַטעדראַלן פון די גריכיש־און רוימיש־קאַטוילישע קירכן מיט די עפּיס־קאָפּאַטן און העברעע סעמינאַרן פאַר גייסטלעכע, האָבן עדות געזאָגט אויף דער קריסטלעכער טראַדיציע פון דער שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ אַטמאָספער איז די זיכערקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט איין מאָל געווען אין אַ סכנה, הגם צו קיין פּאָגראָמען, ווי אין אַ לעמבערג, אָדער סטאַניסלאַוו, איז דאָרט נישט דערגאַנגען.

דאָס רעליגיעזע לעבן ביי יידן האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער אַל־טער שיל, וואָס שטאַמט נאָך פון פופצנטן יאָרהונדערט און אינעם אַלטן קלויז, באַרימט מיט זיינע תלמוד־פאָרשער און לערנער. אַ חוץ דעם האָבן די פשעמישלער יידן אויסגעהאַלטן דריי גרויסע סינאַגאָגעס, צווישן זיי אַ מאָדערנעם „טעמפּלום״. פון דער דאָזיקער סביבה זענען אַרויס: דער פּראָפ׳ משה שאָר, אַ באַרימטער אַסיריאָלאָג פון לעמבערגער, דערנאָך פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אין וואַרשע האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון אויבעררעבינער אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע; אויך די ברידער מיזעס — איינער אַ היסטאָריקער און דער צווייטער הויפּט־ראַבינער פון דער פּוילישער אַרמיי — האָבן באַקומען זייער גייסטיקע צידה־לדרך אין דער דאָזיקער סביבה.

אַ חוץ דעם רעליגיעזן אויסלעבן זיך איז פשעמישל געווען באַקאַנט מיט די יידיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס, קולטור־אַנשטאַלטן, געזעל־שאַפטלעכע קלובן און לייענזאַלן. אַ שם האָט געהאַט דער פשעמישלער פאַראיין צו פאַרשפּרייטן דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע קונסט „יובל״. בראָש פון פאַראיין זענען געשטאַנען ד״ר לייב לאַנדוי, ד״ר יוסף אַקסער און דער סטודענט יוסף סאַק. מיטן אָרקעסטער און כאָר האָט אָנגעפירט נעגער.

קיין סטאַביל פּראָפעסיאָנעל טעאַטער האָט פשעמישל בכלל נישט גע־האַט. דאַקעגן האָט עקזיסטירט אַ פּויליש אַמאַטאָרן־טעאַטער, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין הויכן קינסטלערישן ניוואָ. דאָס דאָזיקע טעאַ־

טער האָט, להיפוך צו אַנדערע פונעם זעלבן מין, זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע צו קולטיווירן אויסשליסלעך דעם קלאַסישן רעפּערטואַר פון דער פּוילישער דראַמאַטורגיע און זיך טאַקע באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע פּרע־דראַ־אויפפירונגען. געווען אויך אַן אוקראַאיניש אַמאַטאָרן־טעאַטער און אַן אַפּטער גאַסט — דאָס וואַנדערנדיקע טעאַטער פון סטאַדניק.

דער „יובל" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ריי אויפפירונגען פון אָריגינעלע יידישע פּיעסן, ווי „די גאָלדענע קייט", „די פּוסטע קרעטש־מע", „יאַנקל דער שמיד", „דער דאָרפסיונג" און האָט אויך פון די ערשטע אויפגעפירט דעם „דיבוק" אין אַן אייגענער, נישט־„ווילנער" קאָנצעפּציע. דעם „מיראָפּאָלער" האָט געשפּילט דער אַדוואָקאַט לייב לאַנדוי, וואָס איז געוואָרן באַרימט אַדאַנק זיין מוטיקער פאַרטיידיקונג אינעם שטייגער־פּראָצעס *). נישט געקוקט אויף דער גרויסער קאַריערע וואָס לייב לאַנדוי האָט אַדאַנק דעם געמאַכט ווי אַ יוריסט, איז ער פאַרבליבן אַן אויפריכטיקער דעמאָקראַט און יידישער פאָלקסמענטש, אַן איבערגעגעבענער פריינד פון דער יידישער קולטור. ווען ער האָט אַריבערגעפירט זיין קאַנצעלאַריע קיין לעמ־בערג, האָט ער אויך דאָרט נישט אויפגעהערט אָנצוגיין מיט זיין יידישער קולטור־טעטיקייט. בעת מיר זענען דאָרט געווען צום לעצטן מאָל פאַרן מיל־חמה־אויסברוך, איז לייב לאַנדוי געווען דער פאַרזיצער פונעם טעאַטער־קאָ־מיטעט און דער מאַרשאַלישער אַנשפאַר פונעם לעמבערגער יידנטום. בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז ער געווען דער ראָש פון יידנראַט און אומגעקומען מיט אַ העלדישן מאַרטירער־טויט, נישט וועלנדיק אונטערשרייבן אַ באַפעל אַרויסצוגעבן יידן.

דער צווייטער „יובל"־אָנפירער, ד״ר יוסף אַקסער, אַ געוועזענער פּ.פּ.ס.־טוער, איז אַריבער צום ציוניזם און זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם יידישן לעבן פון פּשעמישל. ער און ד״ר לייב לאַנדוי זענען געווען די הויפּט־מחותנים

---

*) עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם פּראָצעס פון לעמבערגער יידישן סטודענט סטאַ־ניסלאַוו שטייגער קעגן וועלכן די אַנטיסעמיטן האָבן געמאַכט אַ בילבול, אַז ער האָט געוואָרפן אַ באָמבע אויפן פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט סטאַניסלאַוו וויטשעכאָווסקי. נאָך אַ לאַנגדויערנדיקן פּראָצעס פאַרן געריכט פון געשוווירענע איז שטייגער באַפרייט געוואָרן.

ביי אונדזערע אויפטריטן אין פשעמישל און דאָס האָט במילא אונדז צוגע־געבן פּרעסטיזש און געשאַפן אַ יום־טובדיקע שטימונג. אַן אָפּטע באַזוכערין ביי אונדז איז געווען די דיכטערין רחל קאָרן, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן צו ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט ביי ליבהאָבער פון שיינער ליטעראַטור. ווי ווייט די פשעמישלער אינטעליגענץ האָט זיך דערנענטערט צו דער ייִדי־שער קולטור און אַרויסגעוויזן באַציִונג צו אירע טוער, זאָל דינען פאַר אַ ביי־שפּיל אָט דער כאַראַקטעריסטישער פאַל:

אין 1938 האָב איך נישט ווייט פון פשעמישל געליטן אַן אויטאָ־קאַ־טאַסטראָפע און די גיכע הילף האָט מיך געבראַכט אין אָרטיקן ייִדישן שפּיטאָל, ווו איך בין אָפּגעלעגן צוועלף טעג. אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל ווענד איך זיך אין קאַנצעלאַריע נאָך אַ רעכענונג. אויף דעם ענטפערט מיר דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל, ד״ר שטיינהאַרדט:

— ווען דאָס זעלבע וואָלט פּאַסירט מיט אַ יאַראָטש, וואָלט דער פּוי־לישער שפּיטאָל גענומען ביי אים באַצאָלט? פאַרוואָס־זשע קומט אונדזערס אַן אַרטיסט אַ קלענערע פּריווילעגיע, ווי אַ פּוילישן ביי פּאַלאַקן?

אָט די דאָזיקע באַציִונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די אָנפי־רער פון גאַליציאַנער ייִדנטום נישט ווייניקער ווי פאַר די ברייטע מאַסן און שטודירנדיקער יוגנט. געדענקט זיך טאָקע, ווי פאַר דער פאַרשטעלונג פון „שבתי צבי״ האָט דער דריטער „יובל״־טוער, יוסף סאַק — דעמאָלט סטודענט פון לעמבערגער אוניווערסיטעט — אָרגאַניזירט זיינע חברים אָנטיילצונעמען אין די מאַסן־סצענעס און זיך אַליין באַטייליקט אין זיי. אַגב, איינער פון די באַטייליקטע אין די דאָזיקע סצענעס, יוסף אָרנשטיין, איז אין אַ צייט אַרום געוואָרן דורך אונדז אַנגאַזשירט אויף אַ סעזאָן אין וואַרשע. דער זעלבער יוסף סאַק האָט מיך בשעת מיין פּופּצניאַריקן יובל באַגריסט אין נאָמען פון דער טשענסטאָכאָווער גימנאַזיע און אין יאָרן אַרום האָב איך אים מקבל־פּנים געווען אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, ווען ער איז, ווי אַ פּוילישער סיים־דעפּוטאַט, געקומען מיט אַן אַקציע פאַרן געטאָ־דענקמאָל אין וואַרשע. איצט איז ער אַן אַקטיווער קולטור־טוער אין תל־אביבער הסתדרות־צענטראַלע און מיר דערמאָנען נישט איין מאָל די שיי־נע צייט פונעם ערשטן וויקט־גאַסטשפּיל אין פשעמישל.

זיגמונט טורקאָו

****

אַראָפּגעבראַכט האָט אונדז קיין פּשעמישל דער דאָרטיקער קאָנצע־סיאָנער קלמן־משה עבעל. ביז דאַן האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַ־קענען אין קראָקע דאָס פּאָרל ליבגאָלד און דעם „געזאַנג־ליבהאָבער" מעל־צער — טיפּישע פאַרשטייער פונעם אַקטיאָרישן באַרוף, וואָס האָבן זיך כמעט נישט אונטערגעשיידט פון זייערע קאָלעגן אין קאָנגרעס־פּוילן און רוסלאַנד, אָדער ווי מע פלעגט זיי רופן אין גאַליציע: „די רוסישע".

קלמן־משה עבעל איז געווען אַ יוצא־מן־הכלל. ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מין אַקטיאָרישן „באַ־ראָן" פון גאָרקיס „אָפּגרונט", אַן אַריסטאָקראַט, וועמען דער גורל האָט אָפּגעטון אַ בייז שפּיצל און פאַרוואָרפן אין דער מינדערווערטיקער סביבה פון דער אַקטיאָרישער הפקר־פּראָפעסיע. אַ פּעדאַנט און פיינשמעקער וואָס דאַרף זיך אויסלעבן אין אַ סביבה וואָס איז אים דערווידער און, וואָס שטאַרקער ער וויל זיך באַפרייען פון דער סביבה, אַלץ מער ווערט ער פאַר־פּלאָנטערט אין אירע נעצן, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס. צוליב דעם איז ער פאַרביטערט, פאַרשלאָסן אין זיך און באַציט זיך צו די אַרומיקע מיט צי־נישן ביטול און סאַרקאַזם. די דאָזיקע פאַרביטערטקייט האָט מיט דער צייט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין אויסערלעכן אויסזען: אויסגעמאָגערט, אַ ביסל איינגעבויגן, אַן אַסקעטיש פּנים מיט דינע, איינגעצויגענע ליפּן, וואָס דערמאָנען אַ יעזויט; ציילט די ווערטער ביים רעדן און די געציילטע ווערטער זענען צעצויגן; אויפן וואָג פון גאָלד. יעדעס וואָרט ווערט באַ־גלייט פון אַ קאָפּ־באַוועגונג, אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס.

זעלטן וועמען ער פלעגט שענקען אויפמערקזאַמקייט, סיידן די „גור־טע" געסט, וואָס פלעגן קויפן די טייערסטע בילעטן אין טעאַטער. זיינע קליענטן פלעגט ער באַגעגענען מיט אַ פריינטלעכן „גריס גאָט, הער ד"ר", אָדער „האָבע די ערע, הער רעכטסאַנוואַלט" און דערלאַנגען יענעם די צו־געגרייטע בילעטן מיט אַן אָפיציעלער ערנסטקייט.

עבעל האָט מיט יאָרן צוריק פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער מישפּחה פון גאַליציאַנער־רומענישע אַקטיאָרן. אַ גוטער כאַראַקטער־אַקטיאָר, באַקאַנט אין דער פּראָפעסיע ווי אַ „מענטש מיט בילדונג" האָט

ער זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין אונטערנעמונג־פעיִקייט. ער איז געװען פון די ערשטע װאָס האָט זיך באַמיט אַראָפּצובריינגען אַ גאַנצע טרופּע קיין אַרגענטינע און דאָס איז אפשר געװען דער אָנהייב פון זיין צוזאַמענברוך, װאָס האָט אים מיט דער צייט דערװייטערט פון אַקטיװער טעאַטער־טעטיקייט. אין דער צייט װען ער איז מיט זיין טרופּע געקומען קיין בוענאָס־איירעס האָט זיך דאָס יִדישע טעאַטער געפינען אונטערן אַפּוט־רופּסוס פון די „טמאים", װי מע פלעגט רופן די הענדלער פון „לעבעדי־קער סחורה". האָט אויך זיין טעאַטער זיך געמוזט פאַרבינדן מיט דער דאָזיקער טרויעריק־באַרימטער גרופּע, אָן װעלכער קיין שום יִדיש טעאַטער האָט נישט געקאָנט רעכענען אויף דערפאָלג. הגם די אַרגענטינער נסיעה האָט אים אַריינגעבראַכט אַ היפּשע סומע, האָט ער פון דעסטװעגן געליטן צוליב די פאָרװורפן װאָס זענען אים צוליב דעם געמאַכט געװאָרן פון פאַר־שידענע זייטן. ער איז אַװעק פון טעאַטער צוזאַמען מיט זיין פרוי, די פרי־מאַדאָנע עלאַ, זיך געקויפט אַ קאַפעהויז, זיך פאַרנעמענדיק גלייכצייטיק מיט אויסבאָרגן קאָסטיומען פון זיין רייכן טעאַטער־גאַרדעראָב. הגם ער האָט מאַטעריעל געהאַט אַ פאַרזיכערטע עלטער, האָט ער דאָך נישט געקאָנט אין גאַנצן זיך אָפּזאָגן פון דעם „זינדיקן ברויט", פונעם טעאַטער, און פלעגט זיך פאַרנעמען מיט לאָקאַלע אימפּרעזעס און בילעטן־פאַרקויף. ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין פשעמישל האָט זיך פאַרבינדן צווישן אונדז אַ פריינדשאַפט, װאָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרנלאַנג, ביז זיין טראַגישן טויט. קורץ פאַר דער צווייטער װעלט־מילחמה איז ער באַשװינדלט געװאָרן און ער האָט פאַרלירן זיין פאַרמעגן. די מורא פאַר אַן עלנטער עלטער, פאַר דאַרפן „אָנקומען צו מענטשן", האָט אים דערפירט צו דעפּרע־סיע און ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אויך דאָס האָט ער געטון אויף אַן אייגנאַרטיקן „עבעלישן" אופן: מ'האָט אים געפונען זיצנדיק צווישן זיינע טעאַטער־קאָסטיומען מיט אַ רעװאָלװער אין האַנט... אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט זיין געטרייער הונט, דאָס איינציקע באַשעפעניש פאַר װעלכן ער פלעגט זיך פאַרטרויען און עפענען זיין האַרץ...

***

ביי אונדזערע גאַסטשפּילן האָט עבעל נישט געהאַט קיין סך וואָס צו טון. די בילעטן צו אַלע פאָרשטעלונגען זענען געוואָרן אין אַ קורצער צייט אויספאַרקויפט. ער האָט מיר דעריבער געקאָנט ווידמען זיין פרייע צייט. פון אונדזערע געשפּרעכן האָב איך מיר געשאַפן אַ באַגריף וועגן יידיש טעאַטער אין געוועזענעם עסטרייך־אונגאַרן און רומעניע, וואָס איז פאַר מיר ביז דאַן געווען לגמרי פרעמד. איך האָב מיך, פאַרשטייט זיך, געמוזט אָריענטירן צווישן אָביעקטיוון און סוביעקטיוון וואָס האָט דאָמינירט אין זיינע רייד, הגם ער פלעגט, צוליב זיין ערלעכקייט, נישט ווייט אַוועקגיין פון עם אמת.

להיפוך צו רוסיש־פוילן, האָבן אין גאַליציע נישט עקזיסטירט קיין טראַדיציאָנעלע משפּחה־טרופּעס. די איינציקע פאַמיליע־טרופּע פון די שטראַמערס פלעגט מערסטנס אַרומפאָרן מחוץ גאַליציע, איבער פאַרשידענע אייראָפּעיִשע לענדער און זיך געשאַפן אַ שם פון עלעגאַנטע און אחריותפולע אָפּערעטן־און מעלאָדראַמע־אַקטיאָרן וואָס שפּילן אויך גערן אַן ערנסטן רעפּערטואַר. יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַרגענטינע און געוואָרן שותפים צום גרויסן „סאָלייל״־טעאַטער.

אַ חוץ דער דינאַסטיע גימפּעל אין לעמבערג, וועגן וועלכער ס'וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, האָט אין גאַליציע עקזיסטירט די טרופּע פון בערל האַרט, וואָס האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבן ווי אַ סופלאָר אין דער באַרימטער טאַנענצאַפּ־טרופּע און מיט דער צייט דאָרט געוואָרן געשעפט־פירער און שותף. נאָכן מיליטער־דינסט האָט בערל האַרט באַקומען פון דער עסטרייכישער רעגירונג אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן איבער די גאַליציאַנער שטעט און שטעטלעך ביז דער היטלער־אינוואַזיע. בערל האַרט האָט, ווי ס'רוב טעאַטער־דירעקטאָרן פון זיין צייט, אַליין געשריבן פּיעסן, אָדער באַאַרבעט און צוגעפּאַסט פאַר די באַדינגונגען פון זיין טעאַטער. צווישן אַנדערע, האָט ער באַאַרבעט פּרצס „די דריי מתנות״, צו וועלכע ס'האָט קאָמפּאָנירט מוזיק דער באַקאַנטער לעמבערגער קאָמפּאָזיטאָר וואָלפסטאַל.

בערלס ברודער, הערש האַרט, האָט די ערשטע צייט מיטגעאַרבעט

מיט פוילישע טרופּעס, אויפפירנדיק מיט זיי „טאָג און נאַכט" און דעם „דיבוק". ער האָט זיך אויך באַטייליקט ווי אַן אַקטיאָר אין „וויקט" בעת אונדזער טורנײ איבער רומעניע און געפינט זיך איצט אין ישראל, ווו ער איז פאַרזיצער פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין. אויך דער זון פון בערל האַרט, דוד, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין מיין וואַרשעווער סעזאָן פון 1936 אין טעאַטער „נאָוואָשטשי", געפינט זיך איצט אין ישראל און שפּילט אין יידיש און העברעיש.

צו די באַליבטע אַקטיאָרן פון העלדן־רעפּערטואַר האָט געהערט איזשאַ שיינבערג. ער איז געווען באַשאָנקען מיט אַ מעכטיקער פיגור און שטאַרקער באַריטאָן־שטימע. זיינע גאָלדפאַדן־געשטאַלטן האָבן אים געשאַפן רום ביים יידישן און אונגאַרישן עולם. ס'איז געווען באַליבט דער כאַראַקטער־אַקטיאָר, באַקאַנט ווי דער „טויבער ראָזענבערג", וועמענס גראַטעטענע טאָכטער בערטאַ איז געוואָרן אַנגאַזשירט קיין אַמעריקע און געשטאָרבן אין טאָג פון איר דעביוט־אויפטריט.

אַ חשוב אָרט אין דער געשיכטע פון גאַליציאַנער טעאַטער פאַרנעמט דער נאָמען פריזאַמענט. משה פריזאַמענט, אָדער, ווי מע פלעגט אים רופן, משה מאַרשעליק, איז געווען פאַררעכנט פאַר „קעניג" פון די גאַליציאַנער בדחנים. זיינע אויפטריטן אויף חתונות און אַנדערע פאַרוויילונגען האָבן אָפט קאָנקורירט מיט די פאָרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער. איין זון זיינער, יעקב, איז געווען סופלאָר און פּיעסן־שרייבער און דער צווייטער, שלמה, איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אין דער גאַליציאַנער קינסטלערישער וועלט. אַ מענטש, וואָס האָט פאַראײניקט אין זיך אייניקע טאַלענטן, וואָס יעדער באַזונדער וואָלט אים גענוגנט אויף צו פאַרנעמען אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין לעבן. אַן אַקטיאָר, אַ פאַר־פאַסער, אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ דיריזשאָר, אַ מומחה אויף ליטורגישער מו־זיק, מיט איין וואָרט אַן אַלזייטיק־באַגאַבטער מענטש, וואָס וואָלט ביי די אומות־העולם פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט, איז ביי אונדזערע אָרעמע און אומנאָרמאַלע אַרבעט־באַדינגונגען געווען באַשרענקט אין זיין טעטיקייט און אַנטוויקלונג־מעגלעכקייט. ביי מיין לעצטן „וויקט"־סעזאָן אין לעמ־בערג איז ער געווען דער מיטשאַפער פון מיינע גאָלדפאַדן־אויפפירונגען,

צו וועלכע ער האָט באַארבעט די מוזיק, קאָמפּאָנירט אייגענע אויף גאָלד־פֿאַדעניש מאָטיוון און זי איינשטודירט מיט די סאָליסטן און כאָריסטן. איך דערמאָן תמיד מיט באַוווּנדערונג זיין אויסערגעוויינטלעכע ענערגיע, אַרבעטלוסט און דיסציפּלינירטע פּאַכמענישקייט, וואָס האָט מיר פֿאַרגרינגערט און אָנגענעם געמאַכט די אַרבעט. שלמה פּריזאַמענט שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ סינטעז פֿון בראָדער זינגער, בדחן און מאָדערנעם מוזיקער, וואָס פֿאַרשטייט די קונסט פֿון צונויפֿשמעלצן אונדזער פֿאָלקלאָר מיטן מאָדערנעם ריטעם און במילא אויפֿצוהאַלטן און צו דערנענטערן די פֿאָלקס־אוצרות וואָס די צייט וואָלט פֿאַרווישט. נאָך דער מלחמה איז פּריזאַמענט געקומען מיט זיין פֿרוי, די אַקטריסע גיזי היידען, קיין אַרגענטינע, ווו ער איז טעטיק אין די ראַמען פֿון די אַרטיקע מעגלעכקייטן *).

גאַליציע, און בפֿרט לעמבערג, האָט ביז דער איינגלידערונג אין דער פּוילישער רעפּובליק, געליטן פֿונעם אַמעריקאַנער דאָלער, וואָס האָט גערייצט און געצויגן די ייִדישע אַקטיאָרן. ווי נאָר ס׳פֿלעגט זיך דאָרט באַווייזן אַ טאַלאַנט, פֿלעגט אים באַלד אַן אַמעריקאַנער אימפּרעסאַריאָ אויסכאַפּן. די אַרטיקע טרופּעס זענען דעריבער באַשטאַנען פֿון דורכשניטלעכע פּראָפֿעסיאָנאַלן, וואָס זענען נישט געווען אימשטאַנד אַ הייב צו טון דאָס טעאַטער. במשך פֿון יאָרן זענען פֿון גאַליציע אַוועק קיין אַמעריקע אַזעלכע אַקטיאָרן, ווי בערטאַ קאַליש, לודוויק זאַץ, קלאַראַ יאַנג, קלמן אווירלער, די פּרימאַדאָנע צוקערבערג און די פֿאַמיליע וויינזנפֿריינד מיט זייער זון, דעם איצטיקן פּאָול מוני. צו דער דייטשער בינע איז אַוועק דער האָראָדאָקער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס איז געוואָרן „דיסקוואַליפֿיצירט" פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין לעמבערג. די דאָזיקע „אויסכאַפּעניש" האָט זיך געפֿילט נישט נאָר אין די אַקטיאָרישע רייען. אַ סך פֿון אונדזערע שענסטע דיכטער און שרייבער האָבן פֿאַרלאָזט גאַליציע. גענוג אויסצורעכענען אַזעלכע נעמען ווי: משה נאַדיר, משה לייב האַלפּערן, אורי־צבי גרינבערג, שמשון מעלצער (ביידע אַוועק קיין ארץ־ישראל), בנימין רעס־

*) זיין וויכטיק בוך „בראָדער זינגער" איז לעצטנס דערשינען אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום".

לער, חנא גאָטעספעלד, ד״ר יוסף טענענבוים, ד״ר שלמה ביקל, יעקב מעס־טעל, אַנשל שאָר, ד״ר אברהם שוואַדראָן (וואָס האָט אָוועקגעשאָנקען דעם ירושלימער אוניווערסיטעט זיין רייכע קאָלעקציע אויטאָגראַפן), בערל לאָקער, דער שפּעטערדיקער פּאָרזיצער פון סוכנות און דוב סדן, פּראָפ׳ פאַר יידישער ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערסיטעט, א״אַנד. ביי דער געלעגנהייט איז אפשר אויך כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך געפונען אין מדינת־ישראל שטאָט־פּרעזידענטן, גאַליציאַ־נער געבוירענע, פון אָט די שטעט: תל־אביב, חיפה, באר־שבע, כפר־סבא, חדרה, נס־ציונה... דער דאָזיקער זוייט נישט פולער צעטל פון נעמען, אַ חוץ דער גרויסער צאָל וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין קאָנגרעס־פּוילן, ווי מלך ראַוויטש, רחל אויערבאַך, באַלאַבאַן, שיפּער, ווייכערט, רחל האָלצער און אַ סך אַנדערע, וואָלט, על־פּי־שכל, באַדאַרפט „אויסליי־דיקן״ גאַליציע פון איר גייסטיקן אַקטיוו. איר וויטאַליטעט־קוואַל האָט אָבער כסדר פאַרפולט זיינע רייען מיט נייע, קאָנסטרוקטיווע כוחות. ביי אונדזער ערשטן באַזוך האָבן מיר, ווי געזאָגט, געטראָפן אַ שפּרודלדיק, אינהאַלטרייך און ווערטפול יידיש לעבן.

ווי אין מערב־גאַליציע האָט אויך דאָ דאָמינירט אינעם יידישן לעבן דער ציוניזם. אין פשעמישל, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פעסטונג פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט, האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה די פּוילישע אַר־בעטער־פּאַרטיי פּ. פּ. ס.,וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון אירע רייען דעם באַ־קאַנטן אַרבעטער־פירער אַדוואָקאַט הערמאַן ליבערמאַן, וואָס איז נאָך גע־ווען דעפּוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט און ממשיך געווען די דאָזיקע טעטיקייט אינעם פּוילישן סיים. זיין געוועזענער פּאַרטיי־חבר פּילסודסקי האָט אים פאַרשפּאַרט אין דער בריסקער פעסטונג און נאָך דער באַפרייונג איז ליבערמאַן אַוועק אַפּריכטן גלות קיין אויסלאַנד. די פּ. פּ. ס. האָט אויך געהאַט אין אירע רייען אַ סך יידישע אַרבעטער און דאָס האָט משפּיע גע־ווען אויף זייער קליינעם אַנטייל אין יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. פון דעסטוועגן האָט עס לייב לאַנדען נישט געשטערט צו זיין אַ מיטגליד אין „בונד״ און גלייכצייטיק צו האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום ציוניזם, צו וועלכן ס׳האָט געהערט זיין פרוי. צווישן די אומלעגאַלע פּוילישע און אוק־

ראַזנישע פּאַרטייען האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר דינאַמישקייט די קאָמפּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך די פּוילישע, אוקראַיִנישע און ייִדישע גאַס. פּשעמישל האָט אַפילו געהאַט אירס אַ גרופּע אַנאַרכיסטן, אָנגעפירט פונעם ייִד גאָלבערג.

אונדזערע פאָרשטעלונגען אין פּשעמישל פלעגן פאָרקומען אינעם באַקוועמען טעאַטער־זאַל פונעם „אַרבעטער־הויז", וואָס איז געווען באַקאַנט ווי דאָס „טעאַטער פון יענער זייט סאַן". פאַרנאַכט פלעגן מיר זיך מחייה זיין ביי די שטילע וואַסערן פון סאַן און פון דאָרט גלייך אַריבערגיין אין „אַרבעטער־הויז", וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פונעם ברעג. דאָ האָט אונדז דערוואַרט אַ ביי פאַרגעניגן, דאָס צונויפטרעפן זיך מיטן וואַרעמען, קולטורעלן פּשעמישלער עולם, וואָס פלעגט אונדז ממש באַרוישן מיט זיין התלהבות. אויך דאָ, אַזוי ווי אין גאַנץ גאַליציע און אין לאָדזש, איז „שבתי צבי" געווען אונדזער גרעסטער דערפאָלג. די צייט אין פּשעמישל איז אומבאַמערקט אַוועק און ס'איז אונדז שווער אָנגעקומען דאָס שיידן זיך מיט אונדזערע נייע פריינד און פאַרערער. מיר פלעגן זיך אָבער במשך פון יאָרן זייער אָפט באַגעגענען און, פאַרשטייט זיך, דער ערשטער מחותן ביי די דאָזיקע באַגעגענישן איז געווען קלמן־משה עבעל.

אויסנוצנדיק אַ פרייען טאָג אין פּשעמישל, בין איך מיט אונדזער אַדמיניסטראַטאָר אברהם האַלפּערין אַריינגעפאָרן קיין לעמבערג צוצוגרייטן די אויסשטאַטונג צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „די זיבן געהאַנגענע". דאָס אויספירן די דאָזיקע אַרבעט האָבן מיר איבערגעגעבן דעם דעקאָראַטאָר פון שטאַטישן טעאַטער, דעם קינסטלער באַלק. ווען מיר זענען אָנגעקומען מיט דער טרופּע איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט צו אונדזער פּרעמיערע.

מיר האָבן געשפּילט אינעם „גימפּל־טעאַטער" אויף דער יאַגעלאָנער גאַס. דער בנין איז באַשטאַנען פון צוויי בינעס: איינע אין אַ קליינער, ענגער, נישט־באַקוועמער ווינטער־געביידע, די צווייטע אין אַ גרויסן, לופטיקן גאָרטן־פּאַוויליאָן, ווו ס'זענען טאַקע פאָרגעקומען אונדזערע פאָרשטעלונגען. הגם דער דאָזיקער זומער־טעאַטער איז נישט געווען פּאָפּולער ביי די ייִדישע באַזוכער פון די באַקוועמע פּוילישע טעאַטערס, האָט

פון דעסטוועגן די גרויסע צאָל פאָרשטעלונגען, וואָס מיר האָבן דאַן געגעבן, געשלאָגן דעם רעקאָרד פון באַזוך. מיר זענען געווען דאָס ערשטע „איירא־פעיִש־ייִדישע" טעאַטער וואָס לעמבערג האָט געזען נאָך די „ווילנער". די פאַראײנטערעסירונג איז געווען די זעלבע וואָס אין קראָקע. דאָ אָבער האָט אונדז צוגעשפּילט דער לופטיקער טעאַטער־זאַל, וואָס האָט, להיפוך צו קראָקע, דערמעגלעכט אויך גרויסע מאַטעריעלע רעזולטאַטן.

***

דער צונאָמען „קליין־פּאַריז", וואָס לעמבערג האָט געהאַט, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער דאָזיקער לעבעדיקער, צעשמייכלטער, זוניקער שטאָט. די ברייטקייט פון די העלבאַלויכטענע גאַסן, די רייכקייט פון די ברייטע שויפענצטער, די דינאַמישע באַוועגונג וואָס האָט אין געוויסע שעהען איבערגעשטיגן וואַרשע, דאָס צעזונגענע נאַכטלעבן, האָט געשאַפן די אילוזיע פון אַן אייראָפּעיִשער מעטראָפּאָליע. מיר האָבן ממש אויפגעלעבט נאָך דעם ביז־איצטיקן סאָלידן, באַלעבאַטישן לעבן־שטייגער. אַפילו די מאַסיווקייט און ערנסטקייט פון דער מעטראָפּאָליטישער קאַטעדראַלע פון „הייליקן יור", דער באַרגשלאָס מיט די העטמאַנישע שוץ־באַפעסטיקונגען און אַנדערע אַרכיטעקטאָנישע איבערבלייבענישן פון מי־טלאַלטער, האָבן נישט געהאַט קיין שליטה אויף דער לייכטקייט און עלע־גאַנץ פון דער דאָזיקער שטאָט.

געווען, פאַרשטייט זיך, ערטער, ווו די זון איז נישט דערגאַנגען, ווו די פריילעכקייט פלעגט פאַרביטן ווערן מיט אַ טיפן זיפץ פון עלנט, פון דאגות־פרנסה, פון דער שווערער לאַסט פון שטייערן און אַרבעטלאָזיקייט. איינער פון אַזעלכע מקומות איז געווען דווקא אין צענטער פון שטאָט, ווו ס'האָט געוווינט די ייִדישע אָרעמקייט, קליינהענדלער און נישט אָר־גאַניזירטע באַלמעלאָכעס. די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז נישט קיין אַנדערע, ווי די דאָזיקע גאַס, זאָל זיך רופן דווקא „סלאָנעטשנאַ", זו־ניקע... אינעם גרויסן קינאָ „קאָליסעום", וואָס האָט זיך געפינען אויף יע־נער גאַס, זענען אין 1939 פאָרגעקומען אונדזערע גאָלדפאָדן־פאָרשטעלונ־גען. די לעצטע פאַרן אויסברוך פון דער היטלער־מילחמה. די מאַסן, וואָס

האָבן באַזוכט די פאָרשטעלונגען האָבן באַלעבט יענע געגנט. ס׳איז שוין אָבער געווען דער לעצטער צאַפּל פאַרן אונטערגאַנג פונעם לעמבערגער ייִדנטום.

לעמבערג האָט פאַרמאָגט פּרעכטיקע סקווערן, גערטנער, פּאַרקן. מיט באַזונדערער שיינקייט האָט זיך אויסגעצייכנט דער סטריִער פּאַרק. ס׳איז געווען באַרימט די מאָנומענטאַלע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם היסטאָרישן קאַמף הינטער ראַצלאַוויץ. דאָס איז געווען אַ מייסטערווערק פון וואַנטמאַלעריי, צונויפגעשטעלט מיט רעליעף־געפּו־רעמטע פראַגמענטן און אויטענטישע מילחמה־מכשירים, וואָס האָבן גע־שאַפן די אילוזיע פון אַ שלאַכטפעלד. איבער דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע האָבן אין די עסטרייכישע צייטן געאַרבעט, במשך אַ צען יאָר צייט, צוויי גרויסע פּוילישע קינסטלער: יאַן סטיקאַ און וואָיטשעך קאָסאַק. איבער דער שטאָט האָט דאָמינירט אַ הויכער באַרג, וואָס פון זיין שפּיץ האָט זיך דערהויבן אַ צווייטער, אַ קינסטלעך־אָנגעשאָטענער, צום אָנדענק פון דער „לובלינער אוניע״. פון דאָזיקן באַרג האָט מען געזען די גאַנצע שטאָט מיט די אַרומיקע פאָרשטעט. דאָס איז געווען אַ צוציִונג־אָרט פאַר טו־ריסטן און פאַר די לעמבערגער תושבים גופא.

איין מאָל אין יאָר פלעגן אין לעמבערג געעפנט ווערן די אַזוי־גערו־פענע מיזרח־ירידים — אַ באַליבטע אַטראַקציע וואָס האָט צוגעצויגן סוחרים פון לאַנד און אויסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע זענווירדיקייטן און דער שם „קליין פּאַריז״, האָט משפּיע געווען אויף אַ כסדרדיקן אַריין־און אַרויספאָר און אויף פּראָספּעריטעט אין די האָטעלן, רעסטאָראַנען, טעאַטערס און פאַרווײַלונג־לאָקאַלן. במילא האָט זיך לעמבערג גערעכנט פאַר אַ גוטסיטויִרטער שטאָט. פאַר ייִדן איז זי געווען נישט נאָר אַן ערשטקלאַסיקער האַנדל־צענטער, נאָר אויך אַ צענטער פון רעליגיעזער און וועלטלעכער ייִדישקייט, מיט אַ רומפולער טראַדיציע פון דורות. אי־נעם זעלבשטענדיקן פּוילן האָט לעמבערג פאַרנומען דאָס דריטע אָרט צווישן די ייִדישע קהילות.

נאָך פאַרן צוזאַמענברוך פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע האָבן זיך אין גאַליציע געשאַפן צוויי וואָגיקע נאַציאָנאַלע ריכטונגען: די

פוילישע אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג אין די „סאַמאָסטיינע" ריכטונג פון די אוקראַיִנער אָדער „רוטענער", ווי מע פלעגט זיי רופן. די דאָזיקע ריכטונגען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט צוויי אַנטאַגאָניסטישע צדדים מיט אויסגעשפּראָכן־קעגנגעזעצטע פּראָגראַמען פון מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט. אין איין פּרט זענען זיך די דאָזיקע פּראָגראַמען צונויפגעקומען: אין דער באַדערפעניש „אָפּצוטרייסלען זיך פון דער שעדלעכער ייִדישער השפּעה"... די דאָזיקע „באַדערפעניש" האָט במילא פאַרטיפט די איזאָלאַציע פון דער ייִדישער גאַס און געשטאַרקט איר נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

די אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך פאַרן ערשטן וועלטקריג געשפּייזט מיט דער דייטשער קולטור, האָט מיט פוילנס זעלבשטענדיקייט זיך אַ קער־געטון צו דער פוילישער. די ייִדישע פאָלקסמאַסן אָבער, וואָס האָבן קיין פויליש נישט געקענט, האָבן זיך אויסגעלעבט אין ייִדיש. צו ייִדיש האָט זיך אויך דערנענטערט אַ גרויסער טייל פון דער נאַציאָנאַל־געשטימטער אינטעליגענץ, וואָס האָט אים ביז דאַן, צוגלייך מיט די אַסימילאַטאָרן, באַטראַכט ווי אַ דייטשן „זשאַרגאָן". די פאַראייניקונג פון גאַליציע מיט קאָנגרעס־פוילן האָט שטאַרק משפּיע געווען אויפן ייִדישן קולטור־לעבן דאָרט און במילא אויך אויף דער באַציִונג צו ייִדיש. ס'האָט זיך געשאַפן אַ מין ספּאָנטאַנער קולטור־אויסטויש צווישן די צוויי געביטן: גאַליציע האָט געגעבן קאָנגרעס־פוילן אַ ריי אינטעלעקטואַלן און נאַציאָנאַלע מנהיגים און באַקומען פון דאָרט באַציִונג צו ייִדישער קולטור און אַנזען פאַר דער ייִדישער שפּראַך. דעם ערשטן גרוס פון אַ ייִדיש טעאַטער פון אַ הויכקינסטלערישן ניוואָ האָט געבראַכט קיין גאַליציע די „ווילנער טרופּע". פון וואַרשע און ווילנע האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין גאַליציע ייִדישע צייטונגען, ביכער און פּרעלעגענטן.

אמת, שוין אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אין גאַליציע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ייִדיש, ס'רוב פּאַרטייִשע אָרגאַנען פון „פּועלי־ציון" און „בונד". ס'פלעגן אויך דערשיינען ליטעראַרישע אַלמאַנאַכן און אַפילו הומאָריסטישע אויסגאַבעס. בעת אונדזער אָנקומען קיין לעמבערג האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפן צוויי ערנסטע, פאַכמעניש־רעדאַקטירטע טעגלעכע צייטונגען אין ייִדיש און אין

פויליש מיט אַ גאַנצער ריי געניטע זשורנאַליסטן, פון וועלכע אייניקע זענען געווען אויך מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער און אויסלענדישער פּרעסע.

די צייטונג אין ייִדיש, „דער לעמבערגער טאָגבלאַט", געגרינדעט פון גרשם באַדער, איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך משה פראַסטיק, מיט דער באַטייליקונג פון גרשון ציפּער, אַדאָלף שטאַנד, שפּיגעל און וויטקאָווער. זי איז געווען אַ לעבעדיקע צייטונג, וואָס האָט נישט נאָר אָפּגעשפּיגלט די לאָקאַלע אינטערעסן, נאָר זי איז אויך געווען אַ בריק צווישן ייִדישן לעבן אין לעמבערג מיט די איבעריקע ישובים פון פוילן און פון אויסלאַנד.

די פּוילישע „כווילאַ" איז געווען רעדאַקטירט פון הענריק העשעלעס, מיטן אָנטייל פון ד"ר לעאָן רייך, וויינשטאָק, איגעל, צאַנגען און דרייקורס, וואָס איז שפּעטער אַריבער קיין וואַרשע. די „כווילאַ" האָט געהערט צו די חשובסטע טעגלעכע צייטונגען אין פוילן. סיי אין „לעמבערגער טאָגבלאַט", סיי אין „כווילאַ" פלעגן זיך פון צייט צו צייט דרוקן אַרטיקלען און רעדעס פון ייִדישע סענאַטאָרן און דעפּוטאַטן פון יענער געגנט, ווי ד"ר עמיל זאָמערשטיין, ד"ר לעאָן רייך, ד"ר מיכאַל רינגעל, ד"ר ראָזמאַרין, ד"ר משה פראַסטיק און אפילו פונעם אָנפירער פון די מיזרח־גאַליציאַנער אַסי־מילאַטאָרן, ד"ר לעווענשטיין, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט ביים פּאַר־טיידיקן שטייגערן, צוזאַמען מיט לייב לאַנדוי. אַפילו דער אָנפירער פון דער לעמבערגער פּ. פּ. ס., דער סיים־דעפּוטאַט הערמאַן דיאַמאַנט, פלעגט זיך נישט אָפּזאָגן פון אַ געשפּרעך מיט מיטאַרבעטער פון דער פראָ־ציוניסטישער „כווילאַ". אַן אויסנאַם איז געווען דער ברודער פונעם רעדאַקטאָר, מאַריאַן העשעלעס, וואָס איז מיט דער צייט באַקאַנט געוואָרן ווי אַן ערשטקלאַסיקער סאַטיריקער און קאָמעדיע־שרייבער א"נ מאַריאַן הע־מאַר. פון דער דאָזיקער גרופּע האָט ער איינער זיך באַוויזן אָפּצוראַטעווען און פירט איצט אָן אין לאָנדאָן מיט אַ פּויליש רעוויו־טעאַטער. ביידע צייטונגען האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום ערשטן ייִדישן טעאַטער און אַרויסגעוויזן גרויס פאַראינטערעסירונג און מאָראַלישע מיטהילף ביי די גאַסטשפּילן פון די „ווילנער" און פונעם „וויקט".

הגם דער פּראָפעסיאָנעלער לעמבערגער טעאַטער האָט, צוגלייך מיט

די טעאַטערס פון קאָנגרעס־פוילן, דורכגעמאַכט די גאָלדפאַדן־גאָרדין און נאָך־גאָרדין־תקופות, האָט ער פון דעסטוועגן נישט געהאַט צו פאַרצייכע־נען קיין ווייכטיקע אויפטוען, אָדער געשעענישן. ער האָט באַדינט אויס־שליסלעך דעם נישט־איבערקלייבערישן עולם און נישט באַוויזן צו פאַר־אינטערעסירן די באַוווסטזיניקע אַרבעטערשאַפט און די אינטעליגענץ. דאָקעגן זענען געווען אין אַ ריי גאַליציאַנער שטעט, מיט לעמבערג בראָש, ליבהאָבער־קרייזן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אינטעליגענטע, באַוווסט־זיניקע כוחות, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פלעגן און צו פאַרשפּרייטן אַ ווערטפולן רעפּערטואַר און אַפילו צו זוכן נייע וועגן אין טעאַטער. אַזוי, למשל, איז אין טאַרנאָוו אַ צייט געווען טעטיק אַ דראַמאַטישער קרייז מיט אַן אייגענעם זאַל א״נ „שפה ברורה״, אין פּשע־מישל — דער שוין־דערמאָנטער „יובל״, אין סטאַניסלאַוואָוו — דער „גאָלדפאַדן־פאַראיין״, וועגן וועלכן ס׳וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן, און אין לעמבערג — דער „גאָרדין־פאַראיין״.

דער דאָזיקער אַמאַטאָרן־טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין דער ערשטער העלפט פון די צוואָנציקער יאָרן און האָט זיך באַקאַנט גע־מאַכט מיטן ערנסטן אויסוואַל פון רעפּערטואַר, וואָס איז באַשטאַנען פון גוטע פּיעסן פון יידישער און פרעמדער דראַמאַטורגיע. דער דאָזיקער פאַר־איין פלעגט אַפילו אַרומפאָרן איבער די שכנותדיקע שטעט און זיך געשאַפן אַ שם פון אַ פאַרגעשריטן, אַמביציעז טעאַטער. פון צווישן די אָנפירער פונעם דאָזיקן „גאָרדין־פאַראיין״ האָבן זיך אויסגעצייכנט דער רעזשיסער ראַהאַטין, זאַק און אַנשל מאַרגנשטערן — דער יינגסטער פון זיי, מיט וועלכן איך האָב מיך אין דער צוקונפט באַגעגנט און צוזאַמענגעאַרבעט מיט אים אין בראַזיל. ווען מיר זענען אין 1940 געלאָפן פון איירָאָפּע און פאַרבייגעפאָרן רעסיפע, איז אַנשל מאַרגענשטערן געווען דער ערשטער אויפן נייעם קאָנטינענט, וואָס האָט מיך געפרעגט צי איך נייטיק זיך אין הילף?.. דער צווייטער איז געווען „דאָס שניידערל״, ווי איך פלעג אים רופן, אין סאַנטאָס. די צוויי גוטע מענטשן האָבן מיר געגלייבט ערשט דאַן, ווען איך האָב זיי געוויזן אַ באַנקנאָט, וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט נאָכן פאַרלאָזן איטאַליע. זיי האָבן נישט געוואָלט איך זאָל דורכמאַכן דעם

וועג קיין אַרגענטינע מיט ליידיקע הענט... דער דאָזיקער אויסדרוק פון מענטשלעכקייט האָט זיך מיר טיף איינגעקריצט אין האַרצן און געלאָזן אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר זיי.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן „גאַרדין־פאַראיין”, ווי בכלל פאַרן לעמבער־קער אַקטיאָרנטום, איז דער צופאַל, וואָס דאָס רוב פון זיינע בעסערע כוחות איז אַרויס פונעם צעך פון שילדן, און שטובנמאָלער. ווי באַקאַנט, איז אויך לייב קאַדישזאָן, פון די ערשטע גרינדער פון דער „ווילנער טרופּע”, אַרויס פון אַן ענלעכער סביבה אין קאָוונע.

אונטער דער השפּעה פון די אויפטריטן פון די „ווילנער” און „וויקט” איז אַנטשטאַנען אין לעמבערג אַ פאַרגעשריטענע יוגנט־גרופּע מיט גע־שולטע כוחות, וואָס האָט געצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט אין דער קינסטלערוועלט, דאָס עקספּערימענטאַלע טעאַטער „מאַסקע”. די גרינדער און אָנפירער פונעם דאָזיקן טעאַטער זענען געווען פרענקעל, אַ געוועזע־נער אַקטיאָר פון די „ווילנער” און הענריק לופּט, איצט רעזשיסער אין אַ פּוילישן טעאַטער. אין דער „מאַסקע” האָט אויך געשפּילט און רעזשיסירט דוד ליכט, דער איצט־באַקאַנטער און פאַרדינסטפולער רעזשיסער אין די אַמעריקאַנער לענדער און אין דער „הבימה”. פון דער דאָזיקער גרופּע זע־נען אַרויס אייניקע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, ווי אסתר גרובער פון יאָנאָס טורקאָוו — דיאַנאַ בלומענפעלד־טעאַטער, בלאַנקאַ אַלטשולער פון „וויקט” און נתן מייזלער — פון אידאַ קאַמינסקאַ־טעאַטער, איצט אין תל־אביבער „אוהל”. דער רעפּערטואַר פון דער „מאַסקע” איז באַשטאַנען פון „שווייק”, „די וועבער”, „דער שאָטן” (לויט אַנדערסענס מעשהלע), „די קליאַטשע”, „באַנטשע שווייג” און אַנדערע ווערטפולע פּיעסן. די דאָזיקע גרופּע, וואָס האָט געשמט אַלס „רויטע”, איז געווען ווי אַ ביין אין האַלדז ביי דער פּוילישער פּאָליציי און איז זייער אָפט געוואָרן שיקאַנירט און גערודפט.

אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז צו דער גרויסער צאָל סימפּאַ־טיקער פונעם דאָזיקן דרייסטן טעאַטער־קרייז, האָט אויך געהערט לייב לאַנדוי, וועמענס האַרץ איז געווען אָפן פאַר יעדער פּאָזיטיווער דערשיי־

נונג אינעם יידישן לעבן, אָן אונטערשיד פון פּאָליטישער באַפאַרבונג און פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט.

**
*

דער גרינדער פונעם גימפּל־טעאַטער, אין וועלכן מיר האָבן געשפּילט, איז געווען יעקב־בער גימפּל, דער ערשטער וואָס האָט באַקומען פון דער עסטרייכישער רעגירונג אַ קאָנצעסיע צו שפּילן סטאַביל יידיש טעאַטער. אויך ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ שילדנמאָלער, אָבער גלייכ־צייטיק האָט ער אויך געזונגען ווי אַ כאָריסט אינעם פּוילישן טעאַטער. נאָכן אָפּאַרבעטן פּערציק יאָר, האָט ער, אין אויסצייכענונג, באַקומען די ערשטע קאָנצעסיע און אָנגערופן זיין יידיש טעאַטער לויטן מוסטער פון זיינע רוסישע קאָלעגן־דירעקטאָרן „זשידאָווסקאַ־פּאָלסקי טעאַטר"; די רו־סישע דירעקטאָרן, האָבן, ווי באַקאַנט, אַנאָנסירט זייער טעאַטער „יעווּ־רייסקאַ־ניעמיעצקי טעאַטר". מיט דער צייט זענען אין די ביידע נעמען פאַר־געקומען ענדערונגען: דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד האָט זיך גע־מוזט אָפּזאָגן פון זיין „יידישקייט" און איז פאַרבליבן בלויז „דייטשער טעאַטער", דאַקעגן דער לעמבערגער האָט, אָפּזאָגנדיק זיך פונעם פּוילישן צונאָמען, געהאַט די פּריווילעגיע אָנצוגיין פאַר אַן אויסשליסלעך „יידיש טעאַטער", אַגב, צום „אַנולירן די פּוילישקייט" פונעם לעמבערגער יידיש־דייטשן טעאַטער, האָבן גורם געווען געוויסע פּוילישע קרייזן, וואָס האָבן געזען אין דעם יידישע חוצפּה און פּראָפּאַגאַציע פון זייער נאַציאָנאַ־לער קולטור. זיי האָבן דאָס טאַקע אויסגעפּועלט ביי דער עסטרייכישער מאַכט מבטל צו מאַכן דעם ביינאָמען „פּאָלסקי".

אין דער טרופּע פון יעקב־בער גימפּל איז געווען דער ליבלינג פונעם לעמבערגער עולם אַ געוויסער טאַבאַטשניקאָוו, וואָס האָט צוזאַמען מיטן פּאַרפאַלק טאַנצמאַן זיך איינגעקריצט אין זכרון ביי די אַלטע לעמבערגער טעאַטער־גייער. אַ חוץ גאָלדפאַדנס היסטאָרישע אָפּערעטעס (אין וועלכע ס'האָט זיך אַנטפּלעקט בערטאַ קאַליש), זענען אויך געשאַפן געוואָרן נייע אָפּערעטעס פון אַ היימישן קאָמפּאָזיטאָר ברוך שאָר, דעם דעמאָלטיקן שטאָ־טישן חזן. ער איז אַזוי באַאיינפלוסט געוואָרן פון גאָלדפאַדנס טעאַטער, אַז ער האָט אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן אָפּערעטעס, פון וועלכע אייניקע,

ווי „שימשון־הגבור" זענען בשעתו געוואָרן זייער פּאָפּולער. שפּעטער זענען צום גימפּל־רעפּערטואַר צוגעקומען די אָפּערעטעס פון משה ריכטער, לאַ־טיינער, פּראָפ׳ הורוויץ, שייקעוויטש, — פּיעסן־צושטעלערס פאַר די אַמע־ריקאַנער יידישע טעאַטערס.

נאָך יעקב־בער גימפּל איז דאָס טעאַטער אַריבער צו זיינע צוויי זין, עמיל און אַדאָלף. דעם ערשטנס עלטסטער זון, דער אַדוואָקאַט מישאַ גימפּל האָט ממשיך געווען די טראַדיציע און אָנגעפירט מיטן יידישן טעאַטער אויף יאַגעלאָנער־גאַס ביז זיין אומקום בעת דער מילחמה. זיין פרוי, מאַל־ווינאַ יאַלעס, אַ פיינע זינגערין און אַקטריסע, האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָנפירונג פון טעאַטער. מישעס ביידע ברידער — איינער אַ באַקאַנטער כירורג אינעם יידישן שפּיטאָל, דער צווייטער — אַ דענטיסט — האָט זיך געהאַלטן ווייט פון טעאַטער. יעקב־בערס צווייטער זון, אַדאָלף גימפּל, אַ מוזיקער, איז, ווי ער פלעגט זיך באַקלאָגן, באַעוולהט געוואָרן פון זיין ברודער, וואָס האָט אים באַזייטיקט פון דער אָנפירערשאַפט. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ בלאַז־אָרקעסטער, וואָס פלעגט, על־פּי טראַדיציע, באַגלייטן די אָפּערעטעס אינעם גימפּל־טעאַטער. אַדאָלף גימפּל האָט דאָס גאַנצע לעבן געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף זיין ברודער עמיל, וואָס האָט זיך נישט געטיילט מיט אים מיט דער ירושה. אַדאָלף גימפּלס דריי זין זע־נען געוואָרן באַרימטע מוזיקער. איינער פון זיי, קאַראָל, איז אומגעקומען און די צוויי, בראָניסלאַוו און יעקב געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַקטיאָרן פלעגן זיך אָפט בייטן אין לעמבערגער טעאַטער. דאָך איז געווען אַ גרופּע „געשווירענע" גימפּל־אַקטיאָרן, פון וועלכע אייניקע גע־דענקען נאָך די ערשטע שריט פון יידישן טעאַטער אין גאַליציע, ווען ס׳האָבן געקיניגט די בראָדער־זינגער מיט בערל בראָדער און וועלוול זבאַראַזשער בראָש. דעם אויסערגעוויינטלעכן כאַראַקטער־אַקטיאָר סעם שילינג האָב איך נאָך געדענקט פון זיינע אויפטריטן מיט זיין פרוי, ראָזאַ ברין, אין די צאַרישע צייטן אין וואַרשע. ער איז ביי אונדזער דעמאָלטיקן באַזוך גע־ווען אַ יורד. ער פלעגט פאַרברענגען זיינע לעצטע יאָרן אין קאַפעהויז און ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנען זיינע רומפולע צייטן וואָס זענען אויף

אַזאַ שענדלעכן אופן פֿאַרשוועכט געוואָרן דורך די „נייע". ביי איינעם אַזאַ באַזוך אין זיין שטאַמקאַפּע האָט ער פֿאַרענדיקט זיין לעבן. אויך דעם גלענצנדיקן קאָמיקער שנעק האָב איך געקענט פֿון זיינע אויפֿטריטן אין לובלין בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע. איך האָב איצט דערקענט אַ גאַנצע ריי, נייע פּאַר מיר, אַקטיאָרן, פּאַכלייט, וואָס אויף יעדן פֿון זיי זענען געווען אויסגעקריצט שפּורן פֿונעם שווערן וועג פֿון די „בלאָנדזשענדיקע שטערן". צו די דאָזיקע אַקטיאָרן האָבן געהערט: שטרענג, קאַליש, רעלעס און אוריך מיט זיין פֿרוי. זייער שיין טעכטערל פּעפּי אוריך, איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גוטע אַקטריסע און זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט איר מאַן יעקב מאַנדעלבליט, אינעם לעצטן „וויקט"-סעזאָן. כ׳האָב אויך באַקענט זייער אַ פֿעיִקע דראַמאַטישע אַקטריסע לאה ווייַנטרויב. שפּעטער זי באַגעגנט אין בערל האַרטס דראַהאַביטשער טעאַטער און אין אַ צייט אַרום אינעם ווינער „סטעפאַני"-זאַל.

צום יונגן דור האָבן געהערט דער אינטעליגענטער אַקטיאָר ראָט און זיין פֿרוי ראָזאַ פֿוקס, די מוטער פֿונעם באַקאַנטן אַמעריקאַנער קאָמיקער לעאָ פֿוקס, וואָס האָט שוין דאַן, נאָך אַ קינד, געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט„ דער חוט-השדרה פֿונעם גימפּל-טעאַטער, זיין רעזשיסער און פֿירנדיקער אַקטיאָר איז לאַנגע יאָרן געווען יודל גוטמאַן, אַ מענטש מיט אַלגעמיינער און יידישער בילדונג, וואָס האָט מיט זיין דיסטינגירטער האַלטונג און טאַקט אַרויסגערופֿן צו זיך דרך-ארץ און במילא געהויבן דעם אַנזען פֿון יידישן טעאַטער אין לעמבערג. אין אַ געוויסער מאָס האָט אים אויך צוגעהאָלפֿן דער פֿאַקט, וואָס זיין ברודער איז געווען ראַבינער אין לעמבערגער טעמפּל. דאָס האָט ביי אַ טייל סנאָבן רעהאַביליטירט דעם גוטן שם פֿון דער דיסקרעדיטירטער אַקטיאָרישער פּראָפֿעסיע, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט, ווי זיי האָבן עס גערופֿן, „מענטשן פֿון דער גאַס".

14

פלעקן אויף דער זון

די אַנגעגנעמסטע צייט אינעם לעבן פון אַקטיאָר איז דער אַרויספאָר אויף אַ טורנײ אין אַ נייער שטאָט, אַ ביי לאַנד מיט אַן איינגעשפּילטן רעפּערטואַר. ס׳פאַלן אַוועק די אַנשטרענגנדיקע רעפּעטיציעס, דער עול פון לערנען ראָלן, פון זיין געבונדן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט און דיסציפּלין. מע קאָן ווידמען די פרייע צייט אויף צו באַטראַכטן זעענווירדיקייטן, אויף צו באַקענען נייע מענטשן און אויף אויסלעבן זיך געזעלשאַפטלעך.

גאַליציע איז געווען פאַר אונדז אַט דאָס אויסגעבענקטע לאַנד, אין וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק געניייטיקט נאָך דער אינטענסיווער, אָפט מאָל איבער די כוחות אַנגעשטרענגטער אַרבעט אין וואַרשע. לעמבערג איז געווען דער הויכפּונקט אינעם דאַזיקן „דאָלטשע פאַר ניענטע" פון די פרייע שעהען, אין דער מעגלעכקייט זיך צו אַמוזירן און צו פאַרברענגען אין אַ נאָענטער קינסטלער־אַטמאָספער.

מיר זענען געווען אָפטע איינגייער ביי דער פאַמיליע פונעם באַוואוסטן יורש פון יעקב־בער גימפּל, דעם קאַפּעלמייסטער אַדאָלף גימפּל. זיין ליבע פרוי האָט פאַרשטאַנען צו שאַפן אַן אַטמאָספער, פון וועלכער ס׳האָבן גערן געניאָסן צופעליק צוגערייזטע קינסטלער, ווי אויך אייגענע, לעמבערגער אַרטיסטן. אָנפאַנגער, אַוואַנסירטע און אָנערקענטע קינסטלער פלעגן שעהענווייז זיצן אין דער באַשיידענער דירה און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן דעם דאָן נאָך יונגן פּיאַניסט יעקב (קובאַ) גימפּל, וואָס פלעגט מיטרייסן מיט זיין רייפער טעכניק און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. און אָט ווענדט זיך די מוטער צום יינגסטן, דעם שפּעטער־באַרימטן פידלער בראָניסלאַוו גימפּל, ער זאָל מהנה זיין די געסט. דאָס אָרט פון קובאַ ביי דער פּיאַנאָ פאַרנעמט דער עלטסטער, קאַראָל. דער טאַטע טראָגט אונטער בראָניסלאַוון דעם פידל און ס׳הייבט זיך אָן אַ נייער קאָנצערט. דאָס יונגע

צעשמייכלטע פנימל פון „בראַנעק" ווערט ערנסט, די גרויסע, אויסדרוק־פולע אויגן — האַלב־פאַרזשמורעט. מע פאַרגעסט, אַז ס'שטייט פאַר אונדז אַ יונג בחורל אין קורצע הייזלעך. דער ביך־השמשות הייבט אָן צו ווירקן אויף דער פאַנטאַזיע, נישט ווייניקער ווי די טענער פונעם ווירטואָזס פידל אויף דיין געהער. טראָגסט זיך אַריבער ערגעץ אין אַ געגנט און שטעלסט זיך פאָר אַז אַזוי פלעגט געוויס דער קליינער פּאַגאַניני אויסצויבערן זיינע טענער און פאַרכישופן די צוהערער... מיר האָבן דאָך אַליין אויך געהאַט אַן אייגן וווּנדערקינד אין דער מישפּחה. אסתר־רחלס זון, יוסף, דעם איצ־טיקן קאָמפּאָזיטאָר און קאָנצערט־מייסטער פון דער תל־אביבער פילהאַר־מאָניע, און מיר פלעגן דאָך באַוווּנדערן די קליינע אידאַ הענדעל, די איצ־טיקע באַרימטע פידל־ווירטואָזין, וואָס מיר פלעגן הערן בעת אונדזערע באַזוכן אין איר געבוירנשטאָט כעלעם. אָבער איןביידע פאַלן האָט גע־פעלט די אַטמאָספער, אין וועלכער מיר האָבן געהערט דעם קליינעם גימפּל. ס'האָט זיך מיר אַן איבעריק מאָל באַשטעטיקט די וויכטיקייט פון אַנט־שפּרעכיקער אַטמאָספער פאַרן קינסטלער און פאַר זיין אַנטוויקלונג־וועג. אַלץ, דאַכט זיך, איז געווען אין דער דאָזיקער היים אויסגעטון פון וואָ־כעדיקייט און האָט עדות־געזאָגט אויף אַ שטרעבונג צו „אויב נישט נאָך העכער"... אַ מין יום־טוב, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער גראָער ווירק־לעכקייט, אַ מין גייסטיקער האַשיש, וואָס דערקוויקט, באַרוישט און וועקט די אונטערבאַוווּסטזיניקע בענקשאַפט נאָך שבת־יום־טובדיקייט...

ביי אונדזערע שפּעטערדיקע באַזוכן אין לעמבערג האָט זיך שוין, ליי־דער, די דאָזיקע יום־טובדיקייט אָפּגעטון פונעם גימפּל־הויז. די זין זענען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט. די מאַמע פלעגט לאָזן אַ טרער פון בענק־שאַפט און דער טאַטע פלעגט זיך מיט ווייטיק טרייסטן, אַז ער וועט זיינע זין פאַרשפּאָרן אַזאַ נישט־ערלעכע ירושה־פאַרטיילונג ווי ס'איז אים צו־געפאַלן. אַ חוץ דער פּיאַנאָ און טראָמפּייט האָט ער זיי גאָרנישט וואָס צו לאָזן...

אַ צווייט אָרט פון דער קינסטלער־אַטמאָספער האָבן מיר געפונען אי־נעם אַטעליע פון פריץ קליינמאַן, וועלכן ער האָט געטיילט מיט זיגמונט מענקעס. מיר פלעגן דאָרט אָפט פאַרברענגען, הנאה האָבן פון קליינמאַנס

„קאַלטע" וויצן, וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגן מיט אַ באַזונדערן, אים כאַ־ראַקטעריסטישן חן. פון זיין קאָפּירן זיין שטאַמלדיקן חבר, וואָס האָט עס אויפגענומען מיט פילאָזאָפישער גוטמוטיקייט. ווען ס'וואָלט צו יענער צייט עקזיסטירט אַן אַפּאַראַט וואָס וואָלט געקאָנט אויפנעמען איינעם פון אַזעלכע דיאַלאָגן, וואָלט פאַרבליבן אַ זעלטענער מוסטער פון וואָרט־זשאָנגלעריי, פון חכמהדיקן קיבעץ אין אַ זאַפטיקן, ספּעציפיש רעגיאָנעלן, לעמבערגער צעזונגענעם לשון. מעגלעך, אַז די צוויי שפּעטער־באַרימטע לעמבערגער קאָמיקער שטשעפּקאָ און טאָנקאָ האָבן געשעפּט אינספּיראַציע פון יענע קליינמאַן־מענקעס־דיאַלאָגן.

מיט די דאָזיקע צוויי קינסטלער האָט מיך געבונדן אַ טיפע פריינד־שאַפט, וואָס איז, ליידער, מיט קליינמאַנען איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער מילחמה. מיט מענקעסן איז זי מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קרובהשאַפט: מיין פרוי איז מענקעסעס שוועסטערן־טאָכטער. זיגמונט מענקעס איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָך אונדזער ערשטער באַגעגעניש אָפּ־געפאָרן קיין פּאַריז, ווו מיר האָבן זיך געטראָפן ביי מיין ערשטן גאַסט־שפּיל דאָרט. בעת דער מילחמה איז ער אָפּגעפאָרן מיט זיין קלוגער פרוי סטאַשיע קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז היינט פאַררעכנט צווישן די בעסטע אַמעריקאַנער קינסטלער. זיין בילד „שאַכשפּילער", וואָס איך האָב גע־קויפט ביים דעמאָלטיקן באַזוך אין לעמבערג, איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער באָמבאַרדירונג אין וואַרשע. איך ווייס נישט, צי ס'איז פאַראַן ערגעץ אַ רעפּראָדוקציע פון דער פּרעכטיקער גרופּע, וואָס שטעלט פאָר צוויי יונגע ישיבה־בחורים, זיצנדיק ביי אַ שאַכברעט און אַרום זיי אייניקע עלטערע ייִדן, וואָס נעמען אָנטייל ווי קיבעצער אין דער דאָזיקער שפּיל. ס'האָט זיך ממש געהערט דער גמרא־ניגון, מיט וועלכן די צוויי שפּילער האָבן „אויסגעפּשטלט" אַ שאַכצוג און דער פאַרכאַפּטער אָטעם פון די קי־בעצער, וואָס האָבן געוואָלט פאַרויסזען דעם גאַנג... איצט הענגט ביי מיר אַ צוויי בילד פון מענקעסן, שוין לגמרי אַן אַנדערס, סיי אין דער טעמאַ־טיק, סיי אין דער פאָרעם... די שאַכשפּילער זענען געווען אינספּירירט פו־נעם לעמבערגער אַלטן קלויז און דאָס איצטיקע — פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט...

פריץ קליינמאַן האָט כמעט קיין מאָל נישט פאַרלאָזן לעמבערג און איז געוואָרן אַ כאַראַקטעריסטישער באַשטאַנדטייל פון דער לעמבערגער באַהעמיע. אין אונדזער לעצטן „וויקט"־סעזאָן איז ער געווען דער פּראָיעקט־געבער און אויספירער פון די דעקאָראַציעס צו אונדזער גאַנצן רעפּערטואַר. ער פלעגט אויך מיטאַרבעטן מיט אַנדערע טעאַטערס פון פאַרשידענע זשאַנערס און ביי אַלעמען, אָן אויסנאַם, געווען נישט נאָר דער געניטער און געשמאַקפולער דעקאָראַציע־קינסטלער, נאָר אויך אַ האַרציקער חבר און צאַרטער, געפילפולער מענטש. אויך ער איז געפאַלן אויפן מיזבח פון דער דייטשער אכזריות.

***

אַ געוויסן טאָג, שפּאַצירנדיק מיט שמואל לאַנדען איבער דער באַלעבטער לעגיאָנען־גאַס, דערהער איך פּלוצים לאַנדעס אויסגעשריי: „דער גנבו!"... און איידער איך באַוויז מיך צו אָריענטירן, זע איך לאַנדען נאָכלויפן נאָך אַ בידעריקן פאַרשוין מיט אַ פּליך, אין וועלכן ס'איז נישט שווער געווען צו דערקענען אונדזער פאַרשווונדענעם „אימפּרעסאַריאָ". מיר האָבן שוין פאַר דער צייט באַוויזן אַזוי צו פאַרבעסערן אונדזער מאַטעריעלער לאַגע, אַז דער גאַנצער אינצידענט, צוזאַמען מיט זיין העלד, איז אונדז פּשוט אַרויס פון זכרון. און גאָר אומגעריכט — ער איז דאָ! אָט שטייט שוין לאַנדע אַנטקעגן אים,ביידע בלאַס ווי די וואַנט, צו וועלכער דער „אימפּרעסאַריאָ" איז געוואָרן צוגעדריקט און אַרום זיי אַ גרופּע ניי־געריקע, וואָס האָבן געשטערט דעם בעל־דבר זיך צו רירן פון אָרט. פּלוצים צעשטופּט דעם עולם אַן אַטלעטיש־געבויטער חברה־מאַן, אַ לעמבערגער „יונגל", וועלכן מיר האָבן געקענט פונעם וואַרשעווער רינגקאַמף אַלס ווילדמאַן. ער איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער אויף אונדזערע פאַרשטעלונגען. דערהערנדיק, אַז לאַנדע האָט געכאַפּט אַ גנב, האָט ער אים קודם געגעבן אַ „גלעט" איבערן קאָפּ, וואָס האָט אָפּגעקלינגען ווי אַ קלאַפּ פון אַ האַמער. איך וויל באַרויקן אונדזער אומגעריכטן פּראָטעקטאָר און נעם אים־אָן פאַר דער האַנט:

— פּאַניע ווילדמאַן, איר פאַרשטייט...

אָבער ער איז, ווייזט אויס, אַריין אין טראַנס און מיך נישט געוואָלט פאַרשטיין... פאַרקערט, פון גרויס עמאָציע האָט ער מיך בכלל נישט דער־קענט און מיך געגעבן אַ שטופּ־אָפּ:

— גיי אַוועק, דו...

דעם ענין האָט ליקווידירט אַ קרוב פון אונדזער אימפּרעסאַריאָ, אַ פּרוכט־סוחר, וואָס האָט זיך אויך צו יענער צייט געפינען אין לעמבערג און מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זיין יושר. ס׳איז אונדז געוואָרן צוגע־פּסקנט נאָר אַ טייל פון דער פאַרשווינדענער סומע און מיט דער דאָזיקער „דין־תורה״ און אַ לחיים נאָך איר, האָט זיך פאַרענדיקט די „מיספּאַר־שטייעניש״... פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר זיך אָפט טרעפן מיטן „אימ־פּרעסאַריאָ״, וואָס איז געוואָרן אַ „פּריוואַטער״ מענטש און זיך מער מיט טעאַטער נישט באַשעפטיקט. ווען כ׳האָב אים געטראָפן נאָך דער מילחמה, האָט זיך ווידער אין אים דערוועקט די „ליבע צו טעאַטער״. ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט ער מיר אָנפּלעקט אַ וויכטיקע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין לעבן: ער טרינקט שוין נישט מער עטלעכע גלעזלעך שנאַפּס ווי אַ מאָל, נאָר איין גלעזל, אָבער אַ גרויס... איך האָב די דאָזיקע אַנטפּלעקונג אויפגענומען מיט אַ סטאָאישער רויקייט...

ענלעכע פאַלן זענען געווען אָן אָפטע דערשיינונג אין יידישן טעאַ־טער. דעריבער זענען זיי מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויצן. בעת־מעשה אָבער פלעגן די „וויצן״ זיין זייער ווייטיקדיק און גורם זיין דעם „בלאַנדזשענדיקן שטערן״ נישט איין שווערן הונגערטאָג. אין געוויסע האָטעלן פלעגן אונדז די באַלעבאַטים ווייזן קאַסטנס מיט אַקטיאָריש האָב און גוטס, וואָס זענען פאַרמשכנט געוואָרן און זיך נישט דערוואָרט אויס־געלייזט צו ווערן. אַ ביז גאָר שווערן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס פאַר־וואָרלאָזטע פאַרמעגן פון די „ווילנער״ מיטן צעוואָרפענעם אַרכיוו, וואָס האָט מחיה געווען די שטשאָרעס אין קעלער פונעם בוקאַרעשטער „צענ־טראַל״־טעאַטער, — אַ פּועל־יוצא פון אַן אימפּרעסאַריאָס אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט. אָבער וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן אין קאַפּיטל „רומעניע״.

***

די צייט אין לעמבערג וואָלט געקאָנט פאַרשריבן ווערן ווי איינס פון די שענסטע בלעטלעך אין מיין טעאַטער־לעבן, ווען נישט די פלעקן וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף אונדזער זון...

אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט אויסקומען, פון צו־פיל... דערפאָלג. דאַכט זיך, וואָס קאָן מען זיך ווינטשן מער: אויסערגע־וויינטלעכער אָפּקלאַנג ביים עולם, זעלטענע מאַטעריעלע רעזולטאַטן. לאַ־קנדיקע פּערספּעקטיוון אויף להבא, מיט איין וואָרט — אַלץ, וואָס אַ טעאַטער־מענטש קאָן זיך ווינטשן ביי זיין אָפּט מאָל אומדאַנקבאַרער פּראָ־פעסיע; האָט זיך אָבער פאַרנאַדעט אין אונדזערע רייען אַ פערמענט פון קנאה, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרסמען דאָס לעבן.

געקאָנט האָט זיך אויסדאַכטן, אַז דאָס זענען קליניקייטן — אָבער די קלייניקייטן שפּילן אַמאָל זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דער טעאַטער־אַרבעט, וואָס מאַכט אוממעגלעך אַ ווייטערדיקע צוזאַמענאַרבעט.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם וואָס מע באַקומט אַ צו־שטאַרקן אַפּלויז פון פּובליקום, ווען מע דערשיינט אויף דער בינע און די חברים־אַקטיאָרן באַטראַכטן עס ווי אַ צוגעגרייטע זאַך; צי ווען דער נאָמען פונעם אָנפירער פון טעאַטער ווערט דורך אַן אימפּרעסאַריאָ אויסגעטיילט אויפן אַפיש מיט גרעסערע אותיות ווי די נעמען פון אַנדערע מיטשפּילער.

די דאָזיקע, דאַכט זיך, נישט־וויכטיקע דעטאַלן, האָבן אָבער דערפירט צו אַזאַ געמיט־צושטאַנד, אַז איך האָב באַשלאָסן, נאָכן ענדיקן דעם קאָנ־טראַקט פון אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו, אים אויפצולייזן, נישט גע־קוקט אויפן גרויסן קינסטלערישן און מאַטעריעלן דערפאָלג פון אונדזער טורנעי.

ווען איך האָב דאָס געמאָלדן די מיטגלידער פון אונדזער קאָלעקטיוו, האָבן זיי עס נישט גענומען ערנסט. אָבער מיין באַשלוס איז געווען אַ קאַ־טעגאָרישער: מיר וועלן פאַרענדיקן אונדזערע איצטיקע גאַסטראָלן אין דראָהאָביטש, באָריסלאַוו, סטאַניסלאַוואָוו, מע וועט פאָרן אויף יום־טוב קיין גראָדנע, וווּ מ׳האָט שוין געהאַט פריערדיקע פאַרפליכטונגען און מיר שליסן־אָפּ דאָס שיינע קאַפּיטל פון אונדזער טעאַטער־טעטיקייט.

***

דער „וויקט" איז במשך זיינע גאַסטשפּילן אין לעמבערג געוואָרן אַ שם־דבר איבער גאַנץ מיזרח־גאַליציע, הגם דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָבן געהאַט „דער קאָרגער" און „שבתי צבי", איז אָבער „די זיבן געהאָנגענע" געווען די פּאָפּולערסטע פֿאָרשטעלונג, צוליב דער נאָענטקייט פֿון רוסישן שכן, וואָס איז דאַן געווען הערמעטיש איזאָלירט פֿון דער אַרומיקער וועלט. ס'איז געווען אַ מין ווייט־נאָענטע עקזאָטיק וואָס האָט גערייצט די געמיטער, אַ נייגעריקייט צו אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו „יענער וועלט". פֿון פֿאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פֿלעגט מען עולה־רגל זיין צו זען ביי אונדז די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג. צווישן אַנדערע האָט זי אויך געזען דער רעזשיסער פֿון בערל האַרטס טעאַטער אין דראָהאָביטש, איציק דייטש. ווען מיר זענען אָנגעקומען שפּילן אין די דאָזיקע צוויי נאַפּטשטעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַרטס טרופּע האָט שוין באַוויזן אויפֿצוסטריגעווען די פֿאָרשטעלונג און אונדז אויסצוכאַפּן די בכורה.

אין דראָהאָביטש, ווו ס'האָבן געוווינט די נאַפּטמאַגנאַטן און אָנגעשטעלטע פֿון די שכנותדיקע באָריסלאַווער נאַפּטגרובן, האָט אונדז די האַרט־פֿאָרשטעלונג לחלוטין נישט געשטערט. די בילעטן זענען געוואָרן פֿון פֿאָרויס אויספֿאַרקויפֿט און דער מאָראַלישער דערפֿאָלג איז געווען נישט קלענער. דאַקעגן אין באָריסלאַוו, די שטאָט פֿון פּראָלעטאַריער און מיטלשטאַנד, איז דער מאַטעריעלער דערפֿאָלג געווען שוואַכער און דער מאָראַלישער — נאָך שוואַכער. דער עולם האָט מיט שאָדנפֿרייד פֿון לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם זיך באַרימט, אַז „אונדזערע שפּילן בעסער פֿון די רוסישע"...

מיר האָבן ביי דער געלעגנהייט בייגעוווינט אין דראָהאָביטש אַ פֿאָרשטעלונג פֿון „שולמית" אינעם האַרט־טעאַטער. אבשלומען האָט געשפּילט דער רעזשיסער יצחק דייטש, וואָס האָט באַזעסן אַ וואַרעמע טענאָר־שטימע און געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער מנגן. איך האָב אים ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט געהערט זינגען פֿאָלקסלידער, איז דאָס געווען אַן איבערלעבעניש גאָר פֿון אַ הויכער מדרגה. דער זעלבער יצחק דייטש איז געווען אַ ביז גאָר פֿריינדלעכער חבר און, להיפּוך צום אָנגענומענעם שם פֿון טענאָרן, זייער אַ קלוגער און אינטערעסאַנטער מיטשמועסער. ער האָט

אין אַ צייט אַרום געגרינדעט אין ווין די „פאַלקסבינע" און אַריינגעפירט אין יידישן טעאַטער דעם רוסישן גאַסטראָליאָר ד"ר פּאָול באַראַטאָוו (בן־צבי). דייטש איז מיט יאָרן שפּעטער טראַגיש אומגעקומען אין בראַזיל פון אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

צו די ערשטע אַקטיאָרן אינעם האַרט־טעאַטער האָט אויך געהערט דער קאָמיקער נתן קלינגער, וואָס האָט מיט אונדז דערנאָך געשפּילט אַ געוויסע צייט. ער האָט עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו ער איז געווען טעטיק אין אָרטיקן יידישן טעאַטער.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע צוויי יונגע אַקטיאָרן, האָט די גאַנצע פאָרשטעלונג געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּאַרוואָרפענעם פּראָווינץ־טעאַטער מיט די פּרימיטיווסטע באַדינגונגען און באַגריפן. ווען שולמית, למשל, חלשט אַוועק און בעט איר פאָטער ער זאָל איר ברענגען אַ גלאָז וואַסער, ענטפערט איר בערל האַרט, וואָס האָט געשפּילט מנוח, גאַנץ פאָלקסטימלעך גאַליציאַנעריש: — „עך ברענג טאַיקעף־זאַראַז אַראַן"...
אַזוי, האָב איך מיר פאַרגעשטעלט, האָט באַדאַרפט אויסזען „שולמית" אין דער באַרימטער „טאַנענצאַפּ־טרופּע"...

סטאַניסלאַוואָו איז געווען די לעצטע שטאָט פון אונדזער גאַליציאַנער טורנעי.

אַראָפּגעבראַכט קיין סטאַניסלאַוו האָט אונדז נישט קיין פּריוואַטער אימפּרעסאַריאָ, נאָר דער „גאָלדפאַדן־פאַראיין", וואָס האָט געהערט צו די חשובסטע קולטור־אינסטיטוציעס אין מיזרח־גאַליציע בכלל. זיין אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן און אונטערשטיצן אַ בעסער דראַמאַטיש טעאַטער. ער האָט אויך באַזעסן אַ באַזונדערן אָפּטייל פאַר מוזיק און געזאַנג, אָנגעפירט פון דוד דעמערער. מיטן דראַמאַטישן קרייז פלעגן אָנפירן באַקאַנטע רעזשיסערן, אַנגאַזשירט צו ספּעציאַלע אויפפירונגען און אַפילו צו גאַנצע סעזאָנען. אַזוי האָבן צווישן אַנדערע אייניקע פּיעסן דאָרט געשטעלט דוד הערמאַן, סאַמבערג, ווייסליץ, באַזשיק, אַלעקס שטיין און שלמה קאַן. אויך איך האָב געהאַט אַן אָפּמאַך מיטן גאָלדפאַדן־פאַראיין אויף אַ גרויסער אויפפירונג פון „גלאָקנציער פון נאָטרדאַם", וואָס מיר האָבן געפּלאַנט צו רעאַליזירן אינעם אָרטיקן צירק־בנין. צוליב נישט פאַר־

אויסגעזונגענע סיבות האָב איך אָבער נישט געקאָנט אַרויספאָרן אַהין. דער פאַראיין, וואָס האָט דיספּאָנירט מיט אַ גרויסן אָרקעסטער און כאָר, האָט זיך אַפילו פאַרמאָסטן אויפצופירן און טאַקע מצליח געווען מיט דער אָפּערע „אַידאַ" און אייניקע קלאַסישע אָפּערעטעס אין יידיש. ער פלעגט אויך אַרויספאָרן גאַסטראָלירן קיין לעמבערג און אַנדערע שטעט.

צו די טיכטיקסטע אָנפירער פונעם גאָלדפאַדן־פאַראיין האָבן געהערט: בוניא היבנער, גאָלדפאַרב, לאָסט, מאַקס קאַץ, לודוויק בריק, הערץ סאַפרין, מנשה לעבצעלטער, — אידעאַליסטן, וואָס האָבן זייער פרייע צייט געווידמעט דעם פאַראיין און פאַרשאַפן כבוד דעם ישוב. פון זייערע רייען זענען אַרויס אייניקע פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן: מוסיא קורץ־סמאַרגאָנסקאַ, וואָס איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ, דער מוזיקער דעמערער און דער אַקטיאָר קאַסווינער, וואָס געפינט זיך איצט אין ישראל, ווו ער איז אַ מיטגליד אין קאַמער־טעאַטער. אויך דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער אַטלעט קראַוזע איז אַרויס פונעם גאָלדפאַדן־פאַראיין.

געוויינטלעך פלעגט יידיש טעאַטער אַראָפּגעבראַכט ווערן קיין סטאַניסלאַוואָו דורכן אַרטיקן אַקטיאָר־אימפּרעסאַר גלימער, ווען ס'האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין אַ וויכטיקער קולטור־אונטערנעמונג, פלעגט עס אַדורכפירן דער „גאָלדפאַדן־פאַראיין" און דאָס האָט במילא עדות־געזאָגט אויף דער וויכטיקייט פון דער פאַרשטייענדיקער אונטערנעמונג.

מיין שלעכט פאַרגעפיל, וואָס איך האָב געהאַט, האָט מיך נישט גענאַרט. די פאַרשטעלונגען אין סטאַניסלאַוואָו, וואָס זענען פון די „גאָלד־פאַדעניסטן" און פונעם גאַנצן עולם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב, זענען מיר, ליידער, נישט באַקומען. די צייט האָט זיך מיר געצויגן לאַנג ווי דער גלות. איך האָב שוין געציילט די טעג פון אונדזער אומקערן זיך קיין וואַרשע. אָבער אויך דאָרט איז אונדז נישט באַשערט געווען צו געפינען קיין רו, — ד"ר ביעלענקי, אַ מיטגליד פון דער קאַמינסקי־מישפחה, האָט פעסט־געשטעלט ביי אסתר־רחל אַ קאַנסער און פאַראָרדנט זי דרינגענדיק צו אָפּערירן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן תיכף זי צו שיקן אויף אַן אָפּעראַציע קיין ווין.

מיר זענען אַוועק אויף סוכות קיין גראָדנע, אָפּצושפּילן די לעצטע פאָרשטעלונגען פון „וויקט״.

אונדזער דערפאָלג ביים גראָדנער עולם און ביי דער פּוילישער טרופּע, וואָס האָט דאָרט געשפּילט אינעם „עליזאַ אָזשעשקי״־טעאַטער איז געווען איבער אַלע דערוואַרטונגען. די פאָרשטעלונגען, בעיקר „שבתי צבי״, האָבן אויך צוגעצויגן אַ געוויסן טייל פון דער קריסטלעכער אינ־טעליגענץ. דער ברודער פונעם מחבר, אַ באַקאַנטער לידער פון פּ. פּ. ס., וואָס האָט בייגעוווינט די דאָזיקע פאָרשטעלונג, האָט באַדויערט, וואָס זיין ברודער האָט נישט דערלעבט צו זען ביי אונדז אויפגעפירט זיין דראַמע.

אַלץ איז געווען פאַר דער עקזיסטענץ און המשך פון אונדזער טעאַ־טער. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך זיך זיכער פאַרטראַכט, צי ס'איז כדאַי צעשטערן אַזאַ ווערטפולע טעאַטער־אינסטיטוציע צוליב קליינלעכע טעאַ־טער־קאָנפליקטן און אינטריגעס. די טעאַטער־כראָניק ווייסט פון ערנסטע־רע פאַלן, וואָס זענען ביי אַ גוטן ווילן ליקווידירט געוואָרן. וואָלט אויך אין דעם פאַל פאָרגעקומען אין לעצטן מאָמענט אַן ענדערונג צום גוטן. האָט זיך אָבער אַריינגעמישט די קראַנקייט פון אסתר־רחל, וואָס האָט אונדז אין גאַנצן דעזאָריענטירט און פאַרצווייפלט. אונדזערע געדאַנקען זענען שוין געווען ווייט פון טעאַטער, פול מיט איין איינציקן פאַרלאַנג: אסתר־רחל זאָל אָפּגעראַטעוועט ווערן.

15

דאָס לעצטע יאָר פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ

די ידיעה פון ווין, אַז די אָפּעראַציע האָט זיך איינגעגעבן, האָט אונדז אין אַ געוויסער מאָס באַרויִקט. איך האָב מיך אָנגעהויבן צו באַמיִען וועגן אַן אויסלענדישן פּאַס, כדי צו באַזוכן אסתר־רחלען. גלייכצייטיק האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן וועגן ווייטערדיקער אַרבעט. אונדזערע אָפּשפּאָרונגען האָבן זיך געענדיקט: די אָפּעראַציע אין דער ווינער סאַנאַ־

טאַריע האָט אַריינגעטריבן אין אויסערגעוויינטלעכע הוצאות. אַ חוץ דעם האָבן מיר נאָך געמוזט זאָרגן פאַרן אויסהאַלטן אַ גרויסע דירה אין וואַר־שע און באַזאָרגן די מישפחה. דאָס אַלץ איז געווען איבער די מעגלעכ־קייטן פון צוויי ייִדישע אַקטיאָרן. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרווו מיט קאַמעראַלע פּיעסן פאַר דריי־פיר אַנטיילנעמער. ס'איז געווען אַ ריזי־קאַלישע אונטערנעמונג, ווייל דער עולם איז נישט געווען געוווינט צו אַזאַ מין פאַרשטעלונג. און מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר צו ווייניק פּאָפּולער אויף צו קאָנען אים פאַראינטערעסירן. ווען איך האָב פאַרגעלייגט אונדזער אַדמיניסטראַטאָר, אברהם האַלפּערין, צו אָרגאַניזירן מיט אונדז אַזאַ טור־ניי, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דערפון, ווי פון אַ פאַרויס־פאַר־מישפּטן דורכפאַל. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז היות ווי ס'איז קיין אַנ־דערע ברירה נישטאָ ביז אסתר־רחל וועט נישט אין גאַנצן געזונט ווערן — דאַרפן מיר דערווייל פּרוּוון אַזוי. איין פּיעסע פאַר פיר מענטשן „ווען דער טייוול לאַכט" פון סאָפּיאַ ביעלאָס האָבן מיר געהאַט. מיין ייִנגסטן ברודער, יצחק, האָב איך געגעבן איבערצוזעצן אַ צווייטע, „מאָרפיום" פון ד"ר לודוויק הערצער. יצחק האָט דאָן אַנגעהויבן אַרויסצווייזן אַ נייגונג צום טעאַטער און מיר האָבן באַשלאָסן אויסצופּרוּוון זיינע כוחות ביי דער געלעגנהייט. פאַר אַ צווייטן מיטשפּילער אינעם געפּלאַנטן טורניי האָבן מיר אויסגעוויילט יעקב מאַנדעלבליט, וואָס האָט זיך אינעם „וויקט" אויס־געצייכנט אין אייניקע עפּיזאָדן און האָט זיך אויך אָריענטירט אין בינע־פאַרזאָרגונג. וועגן זיצן אויף אַן אָרט, אין וואָס מיר האָבן זיך צו יענער צייט שטאַרק געניייטיקט, איז קיין רייד נישט געווען.

דערוויסנדיק זיך, אַז מיר האָבן אַ פאַרטיקע פּיעסע, האָט דער באַ־לעבאָס פון קאַלישער טעאַטער באַשלאָסן צו ריזיקירן און צו געבן אונדז אַ „שאַנס". צו אונדזער איבערראַשונג איז „ווען דער טייוול לאַכט" אויפ־גענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג און דער אונטערנעמער האָט אונדז פאַרגעלייגט צו געבן אין אייניקע טעג אַרום אַ צווייטע פאַרשטעלונג, גאַ־ראַנטירנדיק אונדז אַ באַטייטיקע סומע. מיין ברודער יצחק האָט, אַרבעטנ־דיק טאָג און נאַכט, פאַרענדיקט די איבערזעצונג פון „מאָרפיום". במשך פון צוויי טעג האָבן מיר אויסגעלערנט די ראָלן און „צוגעגרייט" די פאַר־

שטעלונג... דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער ווי נאָך דער ערשטער. דערוויסנדיק זיך וועגן דאָזיקן דערפאָלג, האָט שוין האַלפערן זיך געווענדט צו אונדז און פאַרגעלייגט, ביז מיין אָפּפאָרן קיין ווין, צו מאַכן אַ טורניי מיט די צוויי פּיעסן. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן דאָס קאַמעראַלע טעאַטער אונטערן נאָמען: „גאַסטשפּילן פון אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו", מיט וועלכן מיר פלעגן זייער אָפט, אין צווישנצייט פון גרויסע טעאַטער־אויפפירונגען, מאַכן לאַנגדויערנדיקע טורנייען איבער דער פּראָווינץ.

אין וואַרשע האָט צו יענער צייט געשפּילט אין קאַמינסקי־טעאַטער קלאַראַ יאָנג און אין „צענטראַל" — די טרופּע פון משה ליפּמאַן. זיין ערשטן סעזאָן האָט ליפּמאַן גענומען אָנהייבן מיט שלום אַשס „שנירל פּערל", אָבער אין לעצטן מאָמענט איז די אויפפירונג פאַרווערט געוואָרן דורך דער צענזור. ער האָט געמוזט אויף גיך צוגרייטן דעם „קעניג" פון יושקעוויטש. זיין טעאַטער האָט עקזיסטירט ביז דער פּוילישער מלוכה־מאָנאָפּאָל האָט אין 1925 אָפּגעקויפט דעם בנין. ס'ייִדישע טעאַטער אין וואַרשע האָט דערמיט פאַרלוירן אַ חשובֿע פּאָזיציע אין צענטער פון שטאָט. ליפּמאַן האָט געהאַט אַן אַנסאַמבל פון גוטע רוטינירטע אַקטיאָרן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפינען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, די סאַנדלערס, קרעל־מאַן, קייזעראָוויטש, וויינטרויב און דער יונגער טאַרלאָ. פון די אויפגע־פירטע פּיעסן האָבן זיך אויסגעצייכנט: „דער גיבור אין קייטן", „פּישקע דער קרומער" און גאָר אַ גרויסן דערפאָלג האָבן געהאַט גאָלדפאַדנס „די כישופמאַכערין" און „גוואַלד, ווען שטאַרבט ער" פון חנא גאָטעספעלד. ליפּמאַן האָט אויך צום ערשטן מאָל אין פּוילן אויפגעפירט בערקאָוויטשס „מאָשקע חזיר", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דאָרט אַ דערפאָלגרייכע פּיעסע. מיטן פאַרס „דער שוואַרצער פלעק" האָט זיך פאַרענדיקט די עקזיסטענץ פון „צענטראַל"־טעאַטער.

ליפּמאַן האָט אויך צוגעצויגן אויף אַ געוויסער צייט אַברהם מאָרעווסקין, וואָס איז אויפגעטראָטן אין א. דיומאַס „קין" און אַרויסגערופן גרויס אינטערעס ביי די ליבהאָבער פון בעסערן טעאַטער. מאָרעווסקי האָט זיך אויף ס'נייַ באַוויזן פאַרן וואַרשעווער עולם אין זיין באַרימטער ראָל

פון מיראַפּאָלער צדיק, אָבער דאָס מאָל נישט אין הערמאַנס קאָנצעפּציע, נאָר אין אַ נענטערער צו אַנסקיס אָריגינאַל, אין פיר אַקטן. מאָרעווסקי האָט אויך באַרייכערט דעם רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער מיט קאַציזנעס „דוכוס", אויסצייכענענדיק זיך אין דער ראָל פונעם אַלטן פּוילישן גראַף. נאָך זיין אָפּפאָרן האָט די דאָזיקע ראָל מיט דערפאָלג געשפּילט משה ליפּמאַן. פון צווישן אָט די אַנטיילנעמער אין די איבעריקע פּיעסן האָט גרויס אויפמערקזאַמקייט געצויגן אויף זיך סאַנדלער אין דער ראָל פון יאַנטל שנאָרער. אין סאַנדלערן, וועלכער האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנומען מיט טעאַטער־געשעפטן איז פאַרלוירן געגאַנגען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אַקטיאָרישע טאַלענטן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אינעם יידישן טעאַטער שטעלט מיט זיך פאָר אברהם מאָרעווסקי. אַ חוץ די אַמעריקאַנער „סטאַרן", וועלכע פלעגן אַראָפּקומען קיין פּוילן אויף אַ געוויסער צייט, פלעגן אויך פאַרבייפאָרן גאַסטראָליאָרן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך אין פּוילן געגרייט סיי מיט דער שפּראַך, סיי מיטן רעפּערטואַר פאַר אַ ווייטערדיקן עטאַפּ — אַמעריקע. אַזוי האָבן געהאַנדלט לעאָניד סניעגאָוו און אָרזשעווסקאַיאַ, אַזוי פּאָול באַראַטאָוו און לידיאַ פּאָטאָצקאַיאַ. אויך די צוויי דייטשע אַקטיאָרן, אַלעקסאַנדער גראַנאַך און קורט קאַטש האָבן אין דער דעזאָריענטאַציע, וואָס די היטלער־מאַכט האָט אַריינגעבראַכט אין זייער לעבן, געזען זייער צילוועג אין אַמעריקע. דער איינציקער פון די אַלע גאַסטראָליאָרן פון פרעמדע בינעס, וואָס האָט באַשטימט צו פאַרלייגן זיין טעאַטער־וואַרשטאַט אין פּוילן איז געווען מאָרעווסקי. ער איז אויך געווען דער איינציקער פון די אויסגערעכנטע קינסטלער, אַ חוץ אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס האָט זיך געפילט צוגעהעריק צו יידישער קולטור און געזוכט וועגן אויסצולעבן זיך אין איר. וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן דעם אומרויקן גראַנאַך, וועלכער האָט זיך סוף־כל־סוף דערשלאָגן צו אַ האָליווּד און בראָדוויי־קאַריערע און זיך דערווייטערט פון יידישן טעאַטער, האָט זיך איינגעגעבן מאָרעווסקין און איז גיך געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל נישט נאָר פונעם יידישן טעאַטער, נאָר בכלל פון דער יידישער קולטור אין פּוילן.

אויסערלעך — צוויי קעגנגעזעצטע טיפּן. גראַנאַך — נידעריק, ריי־

רעוודיק, ברייטביייניק, ברייטברוסטיק; פון יעדער באַוועגונג פון זיינע שטאַלענע מוסקולן, פון קאַרק, פון די פינגער האָט זיך געפילט אַ נישט־דורכשניטלעכע פיזישע קראַפט. דער געדיכט־געקרויזטער, שוואַרצער קאָפּ, די ברייטע באַקנביינער, די שעלמיש־בליצנדיקע, אָפט מאָל ציניש־שמייכלענדיקע, טאַטערישע אויגן, האָבן דערמאָנט אַ ציגיינער פון די וואַנדערנדיקע טאַבאָרן. אַ סינטעז פון סטעפּוואַנדערער, קאַפע־באַהעם און קאַבינעט־געלערנטן.

מאַרעוווסקי, דאַקעגן, אַ הויכער, אַ קאָרפּאַלענטער, אַן אויסגעפּילטער, גלייך ווי אויסגעפּאַשעט פון אַ מאַמעס צאַרטער האַנט. פּעטע, זינלעכע ליפּן פון אַ מענטשן, וואָס האָט נישט פיינט צו געניסן פון עולם־הזה, האָט טאַקע מאַרעוווסקי אויך ליב געהאַט דעם „עס", להיפוך צו גראַנאַכן, וואָס האָט ליב געהאַט דעם „טרינק". מאַרעוווסקי — אַ בוך, גראַנאַך — אַ מויד. גראַנאַך — דער באַסיאַק, מאַרעוווסקי — דער „סטאַטעק". האָבן זיך די דאָזיקע אייגנשאַפטן געוואָרפן אין די אויגן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט די ביידע קינסטלער. להיפוך צו גראַנאַכס „שעלמישקייט", האָט מאַרעוווסקי געהאַט אַ קלוגן, אָפּענעם בליק און קינדיש־נאַיווע, אָפט מאָל פאַרחלומטע אויגן, וואָס רופן אַרויס צו זיך דרך־ארץ. אַ טיפּישער פאָרשטייער פון האַלב־באַלעבאַטישן, האַלב־באָהעמישן רוסישן אינטעליגענט. געווען עפּעס ענלעכס אין דער אומרויקייט פון גייסט, אינעם מאַנגל פון איינגעזעסנקייט ביי מאַרעוווסקי און גראַנאַך, גלייך ווי אַן אינערלעכער שטורעם וואָלט זיי נישט געלאָזט איינרוען. גלייך ס'וואָלט זיי געווען ענג אין די באַגרענעצטע טעאַטער־ראַמען, האָבן זיי זיך געזוכט אויסצולעבן גלייכצייטיק אין דער ליטעראַטור, זשורנאַליסטיק, פילם.

ביידע גייסטרייכע מענטשן. מאַרעוווסקי פיל טיפער און באַוווסטזיניקער; גראַנאַך כאַאָטיש־הפקרדיק. מאַרעוווסקי מיט אַ רייכן באַגאַזש פון סיסטעמאַטישער ערודיציע; גראַנאַך — אַ זעלטענער אויטאָדידאַקט, וואָס איז פון אַ בעקער־געזעלן דערגאַנגען צו זיין אייגנאַרטיקן אויטאָביאָגראַפישן בוך „אַט גייט אַ מענטש"... מאַרעוווסקי מיט זיינע באַלערנדיקע עסייען איבער טעאַטער־קונסט, דער גלענצנדיקער שעקספּיראָלאָג און איבערזעצער פון אַ גאַנצער ריי ווערטפולע טעאַטער־ווערק, איז אין זיין כאַאָ־

טישקייט געווען ערנסטער, אָרגאַניזירטער, צוועקמעסיקער פון גראַנאַכן. גראַנאַך דער עקספּראָמט־רעדנער, מאַסן־מיטרייסער, פלעגט ווי אַ ווולקאַן פונאַנדערשפּייען בליצן פון זיין גייסטיקער לאַווע, וואָס פלעגן נישט תמיד פאַלן אויפן געהעריקן באָדן און בלייבן פאַרגליווערט, נישט באַקומענדיק קיין תיקון. מאָרעווסקי האָט זיך באַציוגן מיטן גרעסטן יראת־הכבוד צו זיין טעאַטער־אַרבעט, וואָס איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קולט. גראַנאַך פלעגט זיך אָפט באַציִען ציניש צו איר, נישט ווייניקער ווי צו אַלץ און צו אַלעמען. מאָרעווסקין קאָן מען באַצייכענען ווי אַ קנאי אי־נעם טעאַטער, ווי אַ חסיד, פאַרגלייבט אין זיין רבין. גראַנאַכן, דאַקעגן, פאַר אַן אַטעיִסט, וואָס טוט זיין מלאכה ווי אַ נויטווענדיקייט, אָן אַ באַ־שטימטן גלויבן.

גראַנאַך פלעגט „פּאַקן" זיינע ראָלן אינטויִטיוו און באַלד אויף דער ערשטער רעפּעטיציע דערפילן דעם פּערסאָנאַזש אין זיך. מאָרעווסקי — פלעגט אים זוכן, אויסחלומען און אויסצערטלען במשך פון לאַנגע רעפּע־טיציעס, — פלעגן דעריבער זיינע געשטאַלטן לעבן אַ לענגער סצעניש לעבן. ביי גראַנאַכן דאַקעגן פלעגן זיי זיך ענדערן, אָפּהענגיק פון שטימונג און באַדינגונגען. דעריבער איז זיין שפּילן נישט געווען גלייך אין אַלע פאַרשטעלונגען און פלעגט אָפט מאָל דעזאָריענטירן זיינע מיטשפּילער. גראַנאַך פלעגט טעראָריזירן, פאַרשרייען מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער שטימע. דאַקעגן מאָרעווסקי, האָט פאַרמאָגט שטאַרק־באַגרענעצטע שטים־מיטלען און פלעגט ווירקן מער מיטן אויסדרוק, פּויזע און לאָגישער אויס־טייטשונג פון טעקסט.

ס'האָט זיך מיר טיף איינגעקריצט אין זיכרון גראַנאַכס וואָרט־רעצי־טאַל אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, אינעם בנין וואָס איז געווען צו־געגנגלעך נאָר פאַר יחידי־סגולה. גראַנאַך האָט דאָן, צווישן אַנדערן, רע־ציטירט פרצעס „מאַניש" און אָפּגעשפּילט אין דייטש סצענעס פון געטעס „פאַוסט". דאָס איז געווען נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט דער דאָזיקער דייטש־ייִדישער אָוונט געמאַכט אַ טיפן רושם נישט נאָר אויפן פּולגעפּאַקטן זאַל פון ייִדישן עמך און אינטעליגענץ, נאָר אויך אויף די פּוילישע קינסטלער, וואָס זענען אין אַ גרויסער צאָל געקומען צו דעם

אָוונט. ס׳איז געווען ווי אַ דעמאָנסטראַציע פון דער שפּראַך פון פּאַרפאַלג־טע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פאַר די פאַרפאָלגער אַ מייסטער פון געטע־אינטערפּרעטאַציע, אַ מוסטער פאַר אַרישע קינסטלער פון קולטיווירטער דייטשער בינעשפּראַך.

נאָך די שטורמישע אָוואַציעס, מיט וועלכע דער עולם האָט באַדאַנקט גראַנאַכן פאַרן אומפאַרגעסלעכן אָוונט, האָט ער געענטפערט אין אַ פאָלקס־טימלעך קולטיווירטן יִדיש, וואָס האָט שוין געקלאָנגט דינען ווי אַ מוסטער פאַר אונדזערע, יִדיש־שפּילנדיקע אַקטיאָרן. ער האָט פאַרענדיקט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז דער דאָזיקער אָוונט שטעלט מיט זיך פאַר די גרעס־טע זכיה, צו וועלכער ס׳האָט דערלעבט אַ פּשוט פאָלקסקינד פון אַ קליין גאַליציאַנער שטעטל.

פון דעסטוועגן האָט זיך דאָס פאָלקסקינד געריסן אין דער גרויסער וועלט, וואָס האָט אים אויסגעשפּיגן, בעת דער אינטעליגענט מאַרעוווסקי האָט אַראָפּגענידערט צו די פאָלקסמאַסן און זיך איינגעבירגערט צווישן זיי. דאָס יִדישע וואַרשע האָט אָפּגעגעבן גראַנאַכן דעם גרעסטן כבוד ווי אַ חשובן אַנגעלייגטן גאַסט; מאַרעוווסקין, דאַקעגן, אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, אַ נאָענטן און אַ ליבן, מיט אַלע זיינע קאַפּריזן און מיט זיין אָפּט מאָל שווערן געמיט.

***

לויט דער איניציאַטיוו פון אַרטיסטן און ליטעראַטן־פאַראיין איז פאָרגעקומען אין קאַמינסקי־טעאַטער אַן אָוונט לטובת דער קראַנקער אסתר־רחל קאַמינסקאַ. צום שבת זאָל דערמאַנט ווערן נאָך אַ מאָל דער ליבטי־קער אָנדענק פון יִדישן וואַרשע. ס׳איז געווען אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פון פאַרערונג צו דער פּאָפּולערסטער פאָלקסקינסטלערין, אַ רירנדיקער אויסדרוק פון ליבע צו איר פּערזאָן און דאַנקבאַרקייט פאַר אירע פאַר־דינסטן פאַרן יִדישן טעאַטער.

עס זענען געקומען יִדישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, די וויכטיקסטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער, אָן אונטערשייד פון ריכטונג און אידעאָלאָגיע, אַלע יִדישע שרייבער מיט שלום אַש און נאָמבערגן בראָש. אַלע יִדישע צייטונגען האָבן געגעבן זייערע אַנאָנסן אָן געלט. אַלע יִדי־

שע טעאַטערס פון וואַרשע האָבן געשיקט זייערע בעסטע אַקטיאָרן אַנטייל־צונעמען אינעם קינסטלערישן פּראָגראַם. מ׳האָט טעלעגראַפירט קיין ווין און אין נאָמען פון אַלע פאַרזאַמלטע און פון אַלע פּוילישע ייִדן געווונטשן דער באַליבטער קינסטלערין אַ רפואה־שלימה. מיר האָבן זיך אָן איבעריק מאָל איבערגעצייגט אינעם אָפּקלאַנג וואָס די אַרבעט פון אַ ייִדישן קינסט־לער געפינט אין די טיפענישן פון פאָלק. ס׳איז אַ פאַרבינדונג וואָס ווערט נישט פאַרענדיקט מיטן פאַלן פון פורהאַנג. מיטן קלאַנג פון די אַפּלאָ־דיסמענטן. פון די פילע קאָסטבאַרע מתנות, וואָס האָבן זיך געפונען אין אסתר־רחלס וווינונג, האָבן מיר געוווּסט פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג.
— איצט האָבן מיר זי דערזען אויף דער וואָר, דערפילט איר וואַרעמקייט און זאָרג. מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעגירונג, וואָס זאָל זאָרגן פאַר אונדזערע קינסטלער, האָבן מיר דערפאַר געהאַט אונדזערע פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן זי פאַרטראָטן.

דער אָפּקלאַנג פונעם דאָזיקן אָוונט האָט געדינט ווי אַ קוואַל פון פרישער ענערגיע פאַר אסתר־רחלען. ווען איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל אין דער ווינער סאַנאַטאָריע, האָט זי אויסגעזען ווי פאַריונגערט, אויפגעפרישט, אָן „אויף ס׳ניי־געבוירענע״, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיר דערציילט, ווי די באַגריסונג־טעלע־גראַמע פון יענעם אָוונט האָט זי גערירט און געשטאַרקט. — הייסט עס, אַז אַ חוץ אונדז, אירע נאָענטסטע, האָט זי אַזוי פיל פריינד וואָס ווילן זי זען אַ געזונטע... געוויס וועט זי געזונט ווערן... ס׳איז דאָך פאַראַן פאַר וועמען... און טאָקע דאָס טעאַטער! ווער וועט זיך נאָך אַזוי מיט איר דער־פרייען ווי דאָס טעאַטער! אמת, „כאַשע די יתומה״, „אסתרקע״ — שוין נישט פאַר איר. האָט זי דאָך פאַר זיי צוגעגרייט אַ ווירדיקע פאַרטרעטע־רין, איר טאָכטער אידאַ! אָבער „מירעלע״, „די מוטער״ און טאָקע עפּעס אַ נייע מאַמע... קאַרג ליידנדיקע מאַמעס פאַראַן אויף דער וועלט...

מיר פלעגן אירע אַלע פרייע שעהען אָפּזיצן צוזאַמען אינעם האָל פון דער סאַנאַטאָריע לעוו און דערמאָנען די פאַרשידענע שטעט, די רוסישע, פּוילישע; די פאַרשידענע פריינד, וואָס זי האָט זיך פאַר דער צייט פאַר־שאַפן; די באַקאַנטע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן געהערט צו אירע פאַר־

ערער: מענדעלע, שלום־עליכם, ביאַליק, פרוג, פרץ, אַש, נאָמבערג, זשאַ־באָטינסקי, מעדעם; דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער, די גרויסע אַקטיאָרן פון דער רוסישער און פוילישער בינע און נאָך און נאָך... און מיט יעדן האָט געבונדן אַ דערינערונג, אַן אָנדענק, אַ סענטימענט... אמת, אַמעריקע האָט נישט געהערט צו אירע בעסערע דערינערונגען, הגם אייב קאַהאַן האָט זי אויפגענומען מיט פאַרערונג, אָבער — די הינטערקוליסן... און זי פלעגט אויסמיידן צו רעדן וועגן דער „פּאָליטיק", וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן איר, דערפאַר אָבער וואָרט אויף איר גאַליציע... זי האָט געהערט וועגן אונדזער דערפאָלג דאָרט, ס'וועט פאַר איר זיין אַ ביי פעלד פאַר אַרבעט... מיר וועלן זיי באַווייזן, די גאַליציאַנער, וואָס מיר קענען, אמת, מיין קינד?..

די סובטעלע און אינטעליגענטע אסתר־רחל האָט מיך נאָך די ערשטע טעג אָנגעהויבן טרייבן פון זיך:

— דו דאַרפסט דאָ מער נישט זיצן קיין גאַנצע טעג; זעסט דאָך, ווי איך ווער פון טאָג צו טאָג „מער מענטש"... גיי און באַטראַכט דאָס שיינע ווין, ביסט דאָך דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ וועלטשטאָט... און דו האָסט דאָך ליב צו זען „אַנטיטשנע זאַכן"... אָט איז דאָ געוועזן מאַריס שוואַרץ מיט דער טרופּע... ווו זענען זיי דען אַלץ נישט אויסגעווען... גיי, מיין קינד, ס'וועט מיך פרייען, אַז דו וועסט האָבן הנאה...

איך האָב אָנגעהויבן צו באַזוכן ווין. געהאָלפן מיר אין דעם האָבן די ברידער גימפּל פון לעמבערג, וואָס האָבן צו יענער צייט שטודירט ביי ווינער פּראָפעסאָרן. איז מיר דאָס באַקענען זיך מיט דער שטאָט און אירע אינטערעסאַנטע פּלעצער אָנגעקומען אַ סך לייכטער, ווי ווען איך וואָלט עס געמאַכט אַליין.

דעם ערשטן אָוונט האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט אויף צו באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער אין האָטעל סטעפאַני אויף דער טאַבאָר־שטראַסע. צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען עפּעס אַזעלכעס וואָס איז נישט קיין טעאַטער, נישט קיין קאַבאַרעט, נישט קיין בירהאַלע אָדער וויינקעלער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט די פרימיטיווע לאָקאַלן פון די בראָדער זינגער. פרימיטיוו פאַרמאָגט אין זיך חן, רייץ, נאַיווע, קינדערישע אומבאַהאָלפנקייט, דעם אורשפּרונג פון כאַראַקטער, וואָס דאַרף

מיט דער צייט אויסגעפּורעמט ווערן... ווען ס׳הייבט אָבער אָן צו ווערן פּרעטענסיאָנעל און באַמיט זיך נאָכצוקרומען רייפע דערשיינונגען, פּרוכטן פון נאַטירלעכער עוואָלוציע, פון סיסטעמאַטישער אַנטוויקלונג, ווערט עס געשמאַקלאָז און במילא לעכערלעך. די גרינדער פון דעם דאָזיקן „טעאַטער" האָבן נאָך מיט איין פוס געשטעקט אין די אונגאַריש־גאַליציאַנער ווינקעלער און מיטן צווייטן געוואָלט אַריינשפּרינגען אין אַ טעאַטער „מיט לייטן גלייך". האָט זיך באַקומען אַ מאָדנע פּאַרזעעניש, וואָס האָט געמאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק און אַרויסגערופן רחמנות און באַדויערונג. אַרויסגייענדיק פונעם סטעפּאַני־טעאַטער האָט זיך נישט ווילנדיק געמוזט אַרויסרייסן אַ זיפץ מיט אַ „נעבאַך"!, ס׳איז געווען אַן אָפּחוזקן פון זיך אַליין, אַן אַרויסשטעלן זיך אַן אַטעסטאַט פון צוריקגעשטאַנענקייט און קולטורלאָזיקייט.

אפשר ווען איך וואָלט דאָס זעלבע באַגעגנט ערגעצוו אין אונדזערע „אַלטע היימען", וואָלט די ווירקונג נישט געווען אַזוי נעגאַטיוו. אָבער דווקא אין ווין, ביי דער זייט פון „בורג" מיט „יאָזעפשטאַטטעאַטער", מיט די אומצייליקע קאַבאַרעטן מיט זייערע הויכקינסטלערישע פּראָגראַמען איז נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער גייסטיקער דלות פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג. איינער פון זיינע אָנפירער איז געווען אַן אַלטער אַקטיאָר, אַ געוועזענער „בראָדער" מיטן נאָמען פּאָדזאַמטשע. שוין בלויז דער נאָמען, וואָס באַטייט אין פּויליש „אונטערן שלאָס" (אַ גאַס אין לעמבערג) האָט ווי געדינט פאַר אַ סימבאָל פאַרן דאָזיקן לאָקאַל מיט זיין אינהאַלט: אַ מיטלאַלטערלעכער שלאָס, פאַרוואָרלאָזט, פאַרוואַקסן מיט מאָך און שימל. אַזוי איז אויך געווען דער פּראָגראַם, וואָס איז באַשטאַנען פון איינאַקטערס, מאָנאָלאָגן און „געזעגנגע".

דער עולם איז געזעסן ביי טישלעך מיט שמוציקע טישטעכער און בעת־מעשה דערליידיקט געשעפטן, געמאַכט חשבונות, געשפּילט אין קאָרטן, אָדער געפּירט אַן אינטימען שמועס מיט אַ „דאַמע", נישט צו־הערנדיק זיך אַפילו צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אויף דער „בינע". קעלנער פלעגן מיט ווייט נישט קיין ווינער עלעגאַנץ באַדינען די געסט. צו איינ־קע פלעגן זיי זיך באַציִען גוטברודעריש, מעשה פאַנבראַט, צו אַנדערע,

וואָס זענען געווים באַקאַנט מיט זייער קליינעם טרינקגעלט, — מיט גלייכגילטיקייט און אַפילו מיט פאַראַכטונג. ביידע צדדים — סיי די געסט, סיי די קעלנער — האָט ווייניק אינטערעסירט וואָס ס׳קומט פאָר אויף דער בינע און זייער געלעכטער און קלאַפּן מיט די כלים פלעגן אַפּט מאָל פאַרהילכן די קולות פון די שפּילער.

פלוצים האָט זיך, ווי אונטער אַ צייכן פון אַ מאַגיש שטעקעלע, איינגעשטעלט אַ שטילקייט, די קעלנער האָבן זיך אָוועקגערוקט אין אַ זייט, די געסט האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו דער בינע און אַ שטאַרקער בראַוואָ־אויסגעשריי, באַגלייט פון אַפּלאָדיסמענטן, האָט זיך דערהערט אין לאָקאַל. אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן יונה רויזמאַן. אויפן ערשטן בליק איז שווער פעסטצושטעלן זיין עלטער: אַ מענטש אין די פופציקער, וואָס איז פאַרעלטערט געוואָרן פאַר דער צייט, אָדער פון אַ יאָר זיבעציק, וואָס איז זעלטן גוט קאָנסערווירט. מיטעלער וווקס, דאַר, טרוקן; די לאַנגע אָדלערנאָז האָט צוגעגעבן ערנסטקייט דעם אומעטיקן פּנים, אָבער די קלוגע, שעלמיש־לוסטיקע אויגן זענען געווען אין סתירה צו דער דאָזיקער ערנסטקייט. פאַר מיר — אַ טיפּיש פּנים פון אַ יידישן אַקטיאָר, פונעם קלמן־משה־עבל־טיפּ, פאַר די באַזוכער פון סטעפּאַני־טעאַטער — אַן אָפּגאָט, וואָס פאַרווילט און רופט גלייכצייטיק אַרויס צו זיך דרך־ארץ. און אָט פאַרזשמורעט ער די קלוגע אויגן און הייבט אָן צו רעדן עפּעס פון גאָלדפאַדנס „יאַנקל שנאַרער״, גאָר אַנדערש ווי מ׳איז עס געוווינט צו הערן אין יידישן טעאַטער. פּשוט, פאָלקסטימלעך, אינטים, גלייך ווי גישט דיך מיינט מען, אָן דעם שאַבלאָנעם אונטערשטרייכן אַ וויץ, אָן דער קלענסטער אָנשטרענגונג צו „ווירקן״, צו „נעמען״. עפּעס אַ מין: האָב איך יאָ געזאָגט, האָב איך נישט געזאָגט... און דאָך איז עס געווען געזאָגט! שאַרפער פון באָמבאַסטישע מאָנאָלאָגן, ווירקעוודיקער פון די צוגעטראַכט־געקינצלטע „פּוענטעס״, מיט וועלכע מאָדערנע קאָמיקער זענען געוווינט „אַריינצושיסן״... מיט זיין ערשטער פראַזע האָט ער דערלאַנגט זיין וויזיט־קאַרטע: אַ גרויסער אַקטיאָר! אַ ברילאַנט, וואָס דער נעונד פון יידישן טעאַטער האָט פאַרוואָרפן אין אַ קאַסטן פון אַלטן אָפּפאַל, פאַרקלאַפּט איבער אים די דעק און פאַרשפּאַרט אַזוי אַרום דעם וועג צום

אמתן אָרט פון זיין באַשטימונג, צו אַ קינסטלעריש טעאַטער. איך האָב שוין נישט באַדויערט מיין קומען אַהער. פאַרקערט, איך האָב מיר פאַרגע־נומען צו זיין דאָ אַן אַפטער גאַסט און לערנען ביי רויזמאַנען ווי אַזוי מיט די מיני־מאַלסטע מיטלען אַרויסצוברענגען די מאַקסימאַלסטע ווירקונג. ווי אַזוי מיט אַ בליק צו פאַרטרעטן אַ וואָרט, מיט אַ שמייכל אַרויסצורופן אַ זיפץ און מיט אַ זיפץ — געלעכטער. איך האָב מיך געקליבן פאָרן אַהיימ־גיין אים צו באַזוכן הינטער דער בינע און דערקענען אים נענטער. אָבער — דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך ממש פאַרטריבן פון דאָרט. איך האָב דערזען די אָנטיילנעמער אינעם פּראָגראַם אַרומגיין מיט טעצע־לעך אין די הענט, זיך אָפּשטעלן ביי יעדן טישל און נעמען ביי די געסט פאַר דער „טרחה״. דאָס קלאַפּן פון די מטבעות איבער די טעצעלעך האָט מיר דערמאָנט אָן די נדבות וואָס מ׳ע וואַרפט אַראָפּ פאַר בעטלער, אָדער אָן דעם מעמענטאָ פון „צדקה תציל ממוות״.

איך בין אַן אַ וואָרט אַרויס פון דאָרט, אַ פאַרשעמטער. אָרעמער יונה רויזמאַן!

***

אין די דייטשע טעאַטערס פון ווין האָב איך, נאָך די נאָוואַטאָרישע עקספּערימענטן פון רוסלאַנד און אַפילו פון פּוילן, קיין אינטערעסאַנטע נייעס נישט געזען. אַ רייכע גאַלעריע פון ערשטקלאַסיקע אַקטיאָרן סיי פאַר דער קלאַסישער טראַגעדיע, סיי פאַר דער עלעגאַנטער קאָמעדיע. זייער שפּילן איז אָבער נישט אַרויס פון די ראַמען פונעם גוטבאַקאַנטן נאַטוראַ־ליסטישן טעאַטער, וואָס האָט נאָך געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון דער פראַנץ־יאָזעף־טראַדיציע פון „דערהויבענער איידלקייט״ און פון דער בירגערלעכער קאָנצעלאַריע־רוטין.

אין ריינהאַרדס יאָזעפשטאַט־טעאַטער האָב איך געזען קאָנצערטן פון מייסטערהאַפטן אַקטיאָרישן שפּיל. פון מערקווירדיקן, עלעגאַנט־געפירטן דיאַלאָג און מוסטער פון טעאַטער־קולטור אין דער אויספירונג פון דער אַקטיאָרן־מישפּחה טימיג. צווישן אַנדערע האָב איך געזען אַ מין סימבאָ־לישע פּיעסע א״נ „איבערפאַרט״. די אַקציע קומט פאָר אויף אַ שיף און די פערסאָנאַזשן זענען מענטשן, וואָס פאָרן פון לעבן אַריין אין טויט, אָדער

גאַר טויטע, וואָס זענען ממשיך אַלע פונקציעס פון זייער נישט דערלעבט לעבן.

די זעלבע פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אינעם פּוילישן אַוואַנגאַרד־טעאַטער „רעדוטאַ״, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געוואַגטקייט ביים זוכן אַ נייע שיטה אין טעאַטער. דער גרינדער פונעם דאָזיקן טעאַטער, יוליוש אָסטערוואַ, האָט די אַקציע פון דער פּיעסע באַפרייט פון די ענגע טעאַטער־ראַמען און זי אַריבערגעטראָגן אויפן דעק פון אַן אמתער שיף, וואָס פלעגט קורסירן איבער דעם ווייסל פון וואַרשע קיין פּלאָצק. די צושויער האָבן געדאַרפט מיטמאַכן דעם דאָזיקן אויספלוג אויף דער משונהדיקער שיף און זיין עדות פון דער מאַקאַברישער נסיעה, ווי גלייכע אָנטיילנעמער אין איר. פאַרשטייט זיך, אַז די אויספירער, יונגע אַקטיאָרן־אידעאַליסטן, האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו דער מייסטערשאַפט פון די יאָזעפשטאַט־קינסטלער מיט די טימיגס בראָש, אָבער די רעזשיסערישע קאָנצעפּציע אין וואַרשע איז געווען אַן אַ פאַרגלייך אינטערעסאַנטער און האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געוואַגטן שטאַפּל אין די זוכענישן פון נייע טעאַטער־פאָרמען.

מיט גרויס אינטערעס בין איך געגאַנגען זען מיין ליבלינג פון פילם, פּאַול וועגענער, וועלכן איך פלעג באַוווּנדערן אין „גולם״, אין „יאַגאָ״ און אין אַנדערע מאָנומענטאַלע פילמען פונעם בליפּעריאָד פון דייטשן שטומען פילם. דער אָוונט האָט מיך אינטערעסירט טאָפּלט: צוליב פּאַול וועגענער, דעם באַרימטן אַקטיאָר, ווי אויך צוליב דער פּיעסע „דער געדאַנק״ פון אַנדרייעוו, וואָס איך האָב שוין אייניקע מאָל אַליין געשפּילט. די אַנטוישונג יענעם אָוונט איז טאַקע געווען אַ טאָפּלטע. דער אינטערעסאַנטער פילם־קינסטלער וועגענער האָט זיך אין דער ראָל פון ד״ר קערזשענצעוו אַנטפּלעקט ווי אַ מעלאָדראַמאַטישער „קוליסן־רייסער״, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ פּראָווינציעלער בינע, און באַנוצט זיך מיט די ביליקסטע מיטלען צו פאַרטשמעלן דעם עולם. זיין מעכטיקע פיגור, זיין עקזאָטיש־מאָנגאָליש אויסדרוקפול פּנים, וואָס האָט אַזוי אימפּאָנירט אין פילם, זענען דאָ ממש פאַרטונקלט געוואָרן פון די גרילצן פון זיין איבערגעריסענער שטימע. ס׳האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דער זעלבער אַקטיאָר האָט געקאָנט

שאַפֿן באַרימטע קרעאַציעס אין ריינהאַרד־טעאַטער און אויף אַנדערע גרויסע דייטשע בינעס. אפשר האָט אים געפֿעלט אין דער דאָזיקער פֿאָרשטעלונג די קאָנטראָל פֿונעם רעזשיסער און ער האָט זיך, ווי אַ גאַסטראָליאָר דערפֿילט פֿריי און טאַקע זיך „געלאָזן ווילגיין". אגב איז ער בעתן היטלער־רעזשים געווען פֿאָרזיצער פֿון נאַציש־דייטשן אַקטיאָרן־פֿאַרבאַנד.

גרויס הנאה האָב איך אָבער געהאַט פֿון די קינסטלערישע קאַבאַרעטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שאַרפֿזיניקייט און חוש פֿאַר פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן הומאָר. אין די דאָזיקע פּראָגראַמען האָבן אָנטיילגענומען די בעסטע סצעניש כּוחות וואָס פֿלעגן גלייך נאָך זייערע פֿאָרשטעלונגען, אָפֿט מאָל נאָך אין גרים און קאָסטיום, צופֿאָרן צו די נאַכט־אויפֿטריטן. צווישן די עסטראַדע־אַרטיסטן האָבן זיך אויסגעצייכנט אייניקע ייִדן, ווי דער „קעניג פֿון געלעכטער", פֿריץ גרינבוים, וועלכן די דייטשן האָבן שפּעטער אומגעבראַכט, און יאַרנאָ, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין אַמעריקע.

אין ווין איז דאַן אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו פֿון אַ ייִדישן קינסטלערישן מיניאַטור־טעאַטער לויטן מוסטער פֿון רוסישן „בלאָען פֿויגל". איך האָב מיך געטראָפֿן דאָרט מיט בולאָוון און לובאַ קאַדיסאָן, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט די „ווילנער" און צוזאַמען מיט לעאָ האַלפּערן, דעם שפּעטערדיקן ציוניסטישן טוער אין אַרגענטינע, אָנטיילגענומען אינעם דאָזיקן טעאַטער. ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, איז עס געווען אַ געלונגענער פּרוּוו, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אריכת־ימים.

איך האָב אויך בייגעוווינט אַ מערקווירדיקן חזנים־קאָנקורס, אין וועלכן ס'האָט זיך באַטייליקט אונדזער גוטבאַקאַנטער אָפּערעטן־זינגער יעקב לערמאַן. לערמאַן האָט מיך באַדויערט, וואָס איך בין נישט קיין זינגער און קאָן נישט ווערן קיין חזן, ווייל חזנות — האָט ער מיר פֿאַרזיכערט — איז „ברויט מיט פּוטער" און ייִדיש טעאַטער — „אַ פֿאַרשימלטע סוכאַרקע"... איך האָב יענעם אָוונט געהערט אַ ריי חזנים פֿון פֿאַרשידענע לענדער און נוסחאות, געזען זייערע באַמיִונגען אַריבערצושטייגן איינער דעם צווייטן מיט אַ געגאַרגלטער קאָלאָראַטור ביים אויסבעטן רחמים פֿאַרן פֿאָלק ישראל... נאָכן קאָנצערט האָב איך געהערט זייערע רכילותן און אָפּ־

חוזקן איינער פונעם צווייטן און דערקענט אַ נייע וועלט: — אַ סטעפּאַני־טעאַטער מיט פאַרגלאָצטע אויגן; אַ צילינדער מיט ווייסע הענטשקעס און מיט ווייט נישט קיין אויפריכטיקע כוונות. ס'איז מיר שוין ליבער געווען פּאַדזאַמטשעס ווײַנהאַלע.

דאָס ווינער טעאַטער האָט מיר קיין ספּעציעלע באַפרידיקונג נישט געגעבן, דאָס יידישע טעאַטער — פאַרדראָס. די בעסערונג אָבער אין אסתר־רחלס געזונט־צושטאַנד האָט מיר פאַרטראָטן די אַלע אַנטוישונגען און איך האָב מיך אומגעקערט אַהיים אַ צופרידענער, מיט נייע איינדרוקן און נייעם זאַפּאַס ענערגיע.

***

כ'האָב נישט באַוויזן צו קומען קיין וואַרשע ווי ס'האָט אונדז באַזוכט אונדזער אַלטער פריינד, דער ווילנער אימפּרעסאַריאָ משה קאַרפּינאָוויטש. זיין קומען איז געווייינטלעך געווען אַן אָנזאָג פון אַ נייער אונטערנעמונג. וכך הוה. סאַמבערג האָלט ביים פאַרענדיקן זיינע גאַסטשפּילן אין אַ קליין ווילנער טעאַטער, וויל ער אים פאַרהאַלטן און צוזאַמען מיט אונדז אָרגאַניזירן אַ פּאָפּולער פאָלקס־טעאַטער אינעם גרויסן בנין פון שטאָטזאַל. הגם מיר האָבן זיך געגרייט צו אַ טורנע מיט אונדזער קאַמער־ראַלן רעפּערטואַר, האָבן מיר אָבער געמוזט קאַפּיטולירן פאַר קאַרפּינאָוויטשעס פּלאַן און איינגיין דערויף. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, דער ווילנער טעאַטער־ביסמאַרק: האָט ער עפּעס באַשלאָסן, איז נישט געווען דער כוח, וואָס זאָל זיך אים אַנטקעגנשטעלן. וויפל איר זאָלט אים נישט וועלן איבערצייגן, איבערשפּאַרן, באַווירקן, — פּלעגט ער אייך רויק אויסהערן און ווען איר זענט שוין מיד געוואָרן רעדנדיק, פּלעגט ער קאַלטבלוטיק פאַרענדיקן די דיסקוסיע:

— איז גוט, בלייבט עס, הייסט עס, ווי איך האָב געזאָגט, איר הייבט אָן אין ווילנע...

מיר זענען טאַקע געפאָרן קיין ווילנע, וווּ איך האָב מיטגעמאַכט איינעם פון די רייכסטע סעזאָנען אין מיין טעאַטער־טעטיקייט. יעדע וואָך, העכסטנס יעדע צען טעג, האָט געמוזט געגעבן ווערן אַ פּרעמיערע און דאָס האָט געפאָדערט פון מיר, דעם איינציקן רעזשיסער פון יענעם סעזאָן,

דורכשניטלעך אַן אַכצן שעה אַרבעט אין מעת־לעת: פון אין דער פרי ביז מיטאָג — רעפּעטיציעס, נאָך מיטאָג — אַרבעט איבער דער ראָל, אין אָוונט — די פאָרשטעלונג און נאָך דער פאָרשטעלונג — דאָס צוגרייטן דעם רעזשי־בוך פאַר דער קומעדיקער פּרעמיערע. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ גלענצנדיקן אַנסאַמבל, וואָס האָט פאַרלייכטערט די אַרבעט און במילא נישט געמאַכט פילן די אָנשטרענגונג. אונדזער טרופּע איז באַשטאַנען פון אידאַ קאַמינסקאַ, סאַמבערג מיט זיין פרוי העלענאַ גאָטליב, קוטנער, מיין ברודער יאָנאַס מיט דיאַנאַ בלומענפעלד, אַדאַם דאָמב מיט סאָניאַ אַלט־בוים, חבל בוזגאַן, אברהם קורץ מיט זיין פרוי שייעוויטש, מאַנדעלבליט און אייניקע פעיִקע פון די יונגע ווילנער אַקטיאָרן.

ביז דאַן האָט זיך געפירט, אַז אין קאָלעקטיוו־טרופּעס ווערט די אַר־בעט פונעם רעזשיסער באַטראַכט ווי אַ כבוד־זאַך און דער אַקטיאָר, וואָס האָט אויך רעזשיסירט, האָט דערפאַר נישט באַקומען קיין באַזונדערע באַ־לוינונג. אינעם ווילנער סעזאָן איז צום ערשטן מאָל מיר געוואָרן באַשטימט אַן ערשטע מאַרקע פאַר רעזשי, דאָס הייסט, אַזוי פיל וויפל איך האָב באַ־קומען ווי אַן אַקטיאָר. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אויסדרוק פון אָנער־קענונג מצד דעם קאָלעקטיוו און ס׳האָט מיך, פאַרשטייט זיך, נאָך מער פאַרפליכטעט. איך בין אויך, אַגב, געווען דער פּראָיעקטירער פון אַלע דעקאָראַציעס צו יענעם סעזאָן. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דער באַשלוס — צו באַשטימען מיר די ספּעציעלע באַלוינונג פאַר מיין רעזשי־אַרבעט — אָנגענומען געוואָרן אַדאַנק דעם אַקטיאָר שלמה קוט־נער, מיט וועלכן איך האָב מיך דאַן צום ערשטן מאָל באַגעגנט ביי דער אַרבעט.

קוטנער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינעם פון די מערקווירדיקסטע מענטשן און אינטערעסאַנטע אַקטיאָרן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אין יִדישן טעאַטער. צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען בעת דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע, ווען ער איז געווען דער קאָמיקער אין יוליוס אַדלערס לאָדזשער טרופּע. הגם אַלע „קאָמיקער" אין דער יִדישער אָפּערעטע האָבן געהאַט איין פּנים און געשפּילט לויטן זעלבן שאַבלאָן, פלעגן אָבער אַרטיסטישע פּערזענלעכקייטן, ווי שילינג, פישע־

לעוויטש, זשעלאַזאָ באַפרייען די דאָזיקע ראָלן פון זייער קלאָונישן לבוש און פּאַרמענטשלעכן זיי, אויף וויפל דאָס איז נאָר געווען מעגלעך. זעלטן ווער פון אַזעלכע אַקטיאָרן האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון אין דעם „ויתרוצצו" וואָס איז פאָרגעקומען אין אים צווישן דעם קינסטלער און פּאַכמאַן. זעלטן ווער פון די דאָזיקע אַקטיאָרן האָט בכלל אונטערגעשיידט צווישן קינסט־לערישן אמת און דערפאָלגרייכער אַנטי־קינסטלערישקייט. די קינסטלער־אינטואיציע האָט אים אָבער פּאַרטראַטן דעם באַוווסטזיניקן קריטעריום און געדינט ווי אַ געטרייער וועגווייזער פונעם טאַלענטירטן אַקטיאָר. אַזאַ אַק־יאָר מיט אומאויסשעפּלעכע אוצרות פון אינטואיציע איז געווען שלמה קוטנער.

די נאַטור האָט אָפּגעטון אַ פאַרדריסלעכן שפּיצל דעם דאָזיקן אַר־טיסט. פון איין זייט האָט זי אים באַשאָנקען מיט אויסערגעוויינטלעכע מעלות און גלייכצייטיק מיט נישט קלענערע חסרונות. זיין טיפּע לייבנ־שטימע איז געווען אין אויסגעשפּראָכענער סתירה צו זיין קליינער פיגור. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז דער עולם פלעגט, דערהערנדיק קוט־נערס קול הינטער די קוליסן, דערוואַרטן מיט שפּאַנונג דאָס דערשיינען פון אַ ריז און ווען ס'האָט זיך באַוויזן זיין נידעריקע, שמאָלפּלייציקע געשטאַלט מיטן אומפּראָפּאָרציאָנעל־גרויסן קאָפּ, האָט עס אַרויסגערופן געלעכטער. עס פלעגט דויערן אַ צייט ביז דער עולם האָט זיך צוגעוווינט צו דער דאָזיקער דיספּראָפּאָרציע און זיך פאַראינטערעסירט מיט קוטנערס שפּילן, וואָס האָט פאַררוקט אין שאָטן זיין פיזישן דעפעקט.

קוטנערס קאָפּ איז געווען ווי אויסגעהאַקט מיט אומגעלומפּערטע קלעפּ אין האַרטן גראַניט, פון וואָס ס'זענען פאַרבליבן נישט פאַררעטער־שירטע גולעס און ביילן. די ברייטע, פלאַטשיקע נאָז איז ווי אַריינגעהאַקט געוואָרן אין שאַרבן און כמעט פאַרלוירן געגאַנגען אין אים. זיינע דורכ־דרינגלעכע, גרינע אויגן זענען געווען טיף פאַרזעצט צווישן נידעריקן, גלאַט־אויסראַזירטן קאָפּ און די אַרויסגעהויבענע קינבאַקן האָבן אים צו־געגעבן אַ מאָנגאָלישן אויסזען. להיפּוך צום נידעריקן שטערן, איז די אונ־טערשטע טייל פון פּנים געווען לאַנג און ברייט, מיט שאַרפגעצייכנטע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעדריקט עקשנות און פאַרשלאָסנקייט. אַ שמייכל

איז געווען אַ זעלטענער גאַסט אויפֿן דאָזיקן אַסקעטישן פּנים. ווען קוט־נער פֿלעגט וואַרפֿן אויף עמעצן אַן אומחן, האָט אַן אומהיימלעך פֿייערל זיך אָנגעצונדן אין זיינע קעציש‌ע אויגן. אין אַזעלכע מאָמענטן איז גלייכער געווען זיך צו האַלטן וואָס ווייטער פֿון אים. קוטנער פֿלעגט יאָרנלאַנג טראָגן האַס אויף מענטשן, ער פֿלעגט זיך אָבער קאָנען אויף אַ רירנדיקן אופֿן צובינדן צו עמעצן און זיך אים איבערגעבן מיט אַלע רמ״ח אברים.

קוטנער האָט מיר אַ מאָל געוויזן אַ העפֿט מיט אַ מערקווירדיקער סטאַטיסטיק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון זיינע ערשטע טריט ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר. מיט אַ פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים, פֿלעגט ער פֿאַרנאָטירן אַלע פֿאָרשטעלונגען און ראָלן וואָס ער האָט געשפּילט, די דאַטעס, שטעט, טעאַטער־בנינים און... די הכנסות וואָס יעדע פֿאָרשטעלונג האָט געבראַכט. די דאָזיקע סטאַטיסטיק כאַראַקטעריזירט צום בולטסטן קוטנערן דעם מענטש און אַקטיאָר: דיסציפּלינירטקייט, סיסטעמאַטישקייט און סוחרישע פּראַקטישקייט. ס׳איז שווער געווען פֿעסטצושטעלן ווו ס׳ענדיקט זיך אין אים דער קינסטלער און ווו ס׳הייבט זיך אָן דער סוחר. אַט אַ פּנים די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפֿטן זענען געווען אין אים אין דער זעלבער מאָס.

קוטנער איז געווען דער איינציקער צווישן מיינע חברים אַקטיאָרן, וואָס האָט זיך נישט געדינגען צוליב דער גרויס, אָדער וויכטיקייט פֿון אַ ראָל. ער האָט זיך מיט דער זעלבער ערנסטקייט באַצויגן צו דער קלענער, ווי צו דער גרויסער און פֿלעגט די קלענסטע ראָל דערהייבן צו אַ סצענישן שעדעווער. דאַקעגן איז ביי אים געווען אַ פֿראַגע פֿון ערשטער וויכטיקייט די גרויס פֿונעם געהאַלט, וואָס ער באַקומט. ער פֿלעגט נישט איין מאָל אַרומגיין ליידיק אַ סעזאָן, ווען מ׳האָט אים נישט נאָכגעגעבן די פֿאַרלאַנגטע סומע. אַזוי ווי ער איז געווען זייער מוזיקאַליש און אַ נישט־דורכשניטלעכער טענצער, אַן איינציקער אין „פּירועטן״ ווי מבינים האָבן פֿאַרזיכערט, — פֿלעגט ער זיך אָפֿט אַנגאַזשירן אין אָפּערעטן־טרופּעס, וואָס פֿלעגן אים צאָלן אַ העכערן געהאַלט. זיין אַרבעט אין דער אָפּערעטע, אָדער אין ביליקע מאַכערייקעס, פֿלעגט ער טון מיט דער זעלבער ערנסטקייט ווי ער האָט עס בשעתו געטון אין פּרץ הירשביינס טרופּע, ווו ער האָט אָנגעהויבן צוזאַמען מיט יעקב בן־עמי, וואָלף זילבערבערג און נאָעמי.

כאַראַקטעריסטיש פאַר קוטנערן איז אַט דער פאַל: ווען איך האָב אים אין 1926 געוואָלט אַנגאַזשירן צום „וויקט"־סעזאָן אין קאַמינסקי־טעאַטער און פון פאַרויס אַקצעפּטירט אַלע זיינע באַדינגונגען, האָט ער מיין פאַרשלאָג נישט אָנגענומען.

— ס׳איז מיר צו טייער אונדזער פריינדשאַפט, — האָט ער מיר גע־ענטפערט — און אויב איר וועט מיר נישט באַצאָלן צו דער צייט, וועלן מיר זיך צעקריגן, ווייל איך נישט ריזיקירן מיט אונדזער פריינדשאַפט — און ער האָט זיך טאַקע נישט אַנגאַזשירט און אַ געוויסע צייט זיך אַרומ־געדרייט אָן באַשעפטיקונג.

שווער געווען צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט קוטנערן, אָבער נאָך שווערער איז געווען דאָס צוזאַמענשפּילן מיט אים. ער האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן אופן פון רעדן און האָט עס אויך מיטגעבראַכט אין זיינע ראָלן אויף דער בינע. יעדער אות איז ביי אים געווען אויסגעציקלט, גע־וויגן און געמאָסטן און ביי אַ ספּעציעלער וויכטיקייט פלעגט ער אומענד־לעך צעציִען דאָס וואָרט און אַזוי אַרום עס אונטערשטרייכן. ווען ער פלעגט מיט עפּעס נישט מסכים זיין, זענען זיינע צוויי ווערטער: „איך — נישט" געווען איבערצייגנדיקער און ענדגילטיקער פון צענדלינגער אַרגומענטן און סברות. דער „איך" פלעגט דאָ ווערן שטאַרק צעצויגן, כמעט אויסגע־זינגען, דאַן פלעגט קומען אַ לאַנגע פּויזע, באַגלייט פון שאָקלען מיט אַ פינגער אויף רעכטס און אויף לינקס און ערשט נאָך דעם — אַ קורצער, שאַרפער „נישט"! נאָכן דאָזיקן „נישט", פלעגט שוין קיינער נישט פּרווון מער מיט אים צו דיסקוטירן.

אויף אַן ענלעכן אופן פלעגט ער אויך פונאַנדערציִען זיינע רייד אויף דער בינע, אַריינברענגענדיק אַ דיסאַנאַנס אינעם אַלגעמיינעם טאָן פון דער פאָרשטעלונג. נישט געווען דער אַרגומענט אָדער אויפקלערונג פון רע־זשיסער וואָס זאָל אים קאָנען באַוועגן צו פאַרשנעלערן דעם ריטעם פון זיינע רייד. אויב אַזעלכע קאַפּריזן האָבן נאָך געקאָנט טאָלערירט ווערן ביי אַן עפּיזאָד, וואָס קאָן מיט זיך פאָרשטעלן אַ געוויסע אָפּגעשלאָסנקייט, איז עס אָבער געווען שווער אויפצונעמען ביי אַ גרעסערער ראָל. דעריבער פלעגן זיך רעזשיסערן רעכענען מיט קוטנערס דאָזיקן פעלער, אָדער קאַפּריז

און באַזעצן אים מערסטנס אין זייטיקע, עפּיזאָדישע ראָלן. פון אַזעלכע ראָלן פלעגט ער אָבער שאַפן סצענישע מייסטערשטיק, וואָס האָבן אים באַקאַנט געמאַכט ווי אַ גרויסן עפּיזאָדן־שפּילער.

קוטנער איז געווען פאַרליבט אין זיינע ראָלן נישט ווייניקער, ווי ער איז געווען פאַרליבט אין זיין באַרוף. מיר איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו הערן פון אים קיין ניבול־פּה, פאַרקערט, ווען עמעצער פלעגט זיך אויף דעם דערלויבן אין זיין קעגנוואַרט, פלעגט זיך תיכף דערהערן קוטנערס באַסשטימע:

— יונגערמאַן, אויף צו זיין אַן אַקטיאָר דאַרף מען קאָנען שפּילן טעאַטער, נישט רעדן אַזאַ לשון.

האָט שוין דער שולדיקער אָנגעזאָגט אַ צענטן זיך צו רעכענען מיט די ווערטער אין קוטנערס קעגנוואַרט.

קוטנער איז, ווי געזאָגט, געווען אַן אַקטיאָר פון אינטויציע און פלעגט זיין ראָל „אָנטאַפּן" באַלד ביי דער ערשטער רעפּעטיציע. די ראָל, וואָס האָט זיך אים תיכף נישט איינגעגעבן, איז שוין פאַרבליבן ביי אים אַ „נישט דערשפּילטע" און קיין שום אויפקלערונג פון רעזשיסער איז אים נישט געווען אימשטאַנד אַרויסצוהעלפן. דאַקעגן „זיינס" אַ ראָל האָט תיכף ומיד אָנגעהויבן צו „לעבן". די רעפּעטיציעס פלעגן אים נאָר דינען אויף אויסצוגעפינען און „אויסצואַרבעטן סצענקעס", דאָס הייסט, טעכנישע המצאות און קונצעלעך, אויף וועלכע קוטנער איז געווען אַ מייסטער. להיפּוך צו אַנדערע אינטויציע־אַקטיאָרן פלעגט דער שאַפונג־פּעריאָד פון זיינס אַ ראָל זיך אָפּשליסן מיט דער גענעראַל־רעפּעטיציע און ער פלעגט זי שפּילן אָן וועלכער ס׳איז ענדערונג אָדער אימפּראָוויזאַציע, אומאָפּהענגיק פון דער צאָל געשפּילטע פאָרשטעלונגען. ער האָט תמיד מיטגעבראַכט מיט זיך ערנסטע באַציִונג און פּיעטעט פאַרן טעקסט פון דער פּיעסע, פון וואָס פאַר אַ קוואַליטעט זי זאָל נישט זיין:

— „ענטוועדער אָדער — פלעגט ער טענהן — געפעלט עס מיר נישט, דאַרף איך עס נישט שפּילן, שפּיל איך עס יאָ — מוז עס מיר געפעלן! — ער פלעגט אונטערשטרייכן די ווערטער מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שאָקלען מיטן פינגער און פאַרענדיקן — האָט איר מיך פאַרשטאַנען, יונגערמאַן?"...

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, האָבן די פאָרשטעלונגען געדאַרפט זיין צוגעגלעך פאַרן ברייטן עולם און אימפּאָנירן מיט זייער פאַרנעם. איך האָב דעריבער, אַ חוץ אייניקע געשפּילטע פאָרשטעלונגען, ווי „רעוויזאָר״ (מיט קוטנערן אַלס „אָסיפּ״), „שבתי צבי״, „קאַרגער״ (קוטנער אַלס „זשאַק״) און די „געהאַנגענע״ — געמוזט באַאַרבעטן און צוגרייטן אייניקע נייע פּיעסן. אין אַ געוויסער מאָס האָט „שבתי צבי״ מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַנייונג אין אַ פאַרברייטערטער אויסערלעכער פאָרעם. האָבנדיק צו דער דיספּאָזיציע אַ גרויסע בינע, האָב איך דעם הויף פון סולטאַן צוגעגעבן אַן אָריענטאַלישן פּראַכט און פאַרשווענדערישקייט, אַ באַלעט פון יונגע אַדאַליסקן, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער קאָנטראַסט צום קראַנקן, היסטערישן און בלוטדאָרשטיקן טערקישן דעספּאָט, האָט באַלעבט די סטאַטישע סצענעס און די צוויי אַקטן ביים סולטאַן. דאָס מאָל האָט דעם סולטאַן געשפּילט סאַמבערג און דעם פּוילישן ייִד — קוטנער. די איבעריקע ראָלן האָבן געהאַט כמעט זייער פּרעמיערע־באַזעצונג פון וואַרשע.

פון דער באַלעטשול, וואָס האָט זיך דאַן באַטייליקט אין דער פאָרשטעלונג, זענען מיט דער צייט אַרויס פּראָפעסיאָנעלע טענצערינס, די שוועסטער רייזער, ליזאַ כאַנעס און די פּרימאַדאָנע פון מיינע שפּעטערדיקע גאָלדפאַדן־אויפפירונגען אין „וויקט״, לובאַ לעוויצקאַ.

פון די נייע פּיעסן האָב איך יענעם סעזאָן אויפגעפירט: „גלאָקנצי׳ער פון נאָטרדאַם״, „יזכור״, „דער גיבור אין קייטן״ און „שולדיק״ פון רישאַרד פאָס, אין יאָנאַס טורקאָווס איבערזעצונג. פאַרן גלאָקנצי׳ער האָב איך מיך באַמיט צו שאַפן אַ מאָנומענטאַלע סצענישע ראַם וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם פאַרנעם פון הוגאָס ראָמאַן און גלייכצייטיק דערמעגלעכן מאַסן־באַוועגונגען אויף פאַרשידענע בינע־פּלאַנען, אויסטיילנדיק קאָנצענטרירטע פּונקטן פאַר סצענעס פון קאַמעראַלן כאַראַקטער. איך האָב קאָנסטרוי׳רט אַ סימולטאַן־בינע אין שטרענגע אַרכיטעקטאָנישע ליניעס, גישט אונטערשטרייכנדיק דערביי דעם סטיל פון דער עפּאָכע. די דאָזיקע דעקאָראַציע האָט אַ פאַרגעשיכטע פון אייניקע יאָר, נאָך איידער איך האָב ווען ס׳איז געטראַכט אויפצופירן דעם „גלאָקנצי׳ער״.

תמיד ביי מיינע באַזוכן אינעם ווילנער שטאָטזאָל, פלעג איך באַ־

וווּנדערן די אינטערעסאַנטע קאָנסטרוקציע פון זיין וועסטיבול פאַרן אַריינ־גאַנג אין צושויער־זאַל, וואָס האָט אימפּאָנירט מיט זיין פאַרנעם און אָרי־גינעלער פּלאַנירונג. די ברייטע טרעפּ אין דער מיט האָבן געפירט צו אַ העכערער גאַלעריע און פון אירע ביידע זייטן האָבן שמעלערע טרעפּ גע־פירט נאָך העכער, צו דער „גאַלאַרקע״. פלעג איך מיר געווינטלעך טראַכ־טן: סאַראַ אינטערעסאַנטע מיזאַנסצענען און גרופּירונגען קאָן מען קאָמפּאָ־נירן אויף אַזאַ קאָנסטרוקציע; סאַראַ אָריגינעלע שפּילפּלאַכן פאַר מיזאַנ־סצען און פעסטיוואַל־שפּילן!... איבערלייענענדיק דעם „גלאָקנציִער״ האָב איך מיך דערמאָנט אָן דעם ווילנער שטאָטזאַל. און אָט האָט זיך ענדלעך אונטערגערוקט די פּאַסיקע געלעגנהייט: דער „גלאָקנציִער״ אין מיין באַ־ליבטן וועסטיבול. האָב איך אים טאַקע אין אַ געניִער קאָפּיע און כמעט אין זעלבן פאַרנעם אַריבערגעטראָגן אויף דער בינע. די געשאַפענע ניי־טראַלע קאָנסטרוקציע האָט געקאָנט דינען פאַר אַ שעקספּיר־פאַרשטע־לונג, נישט ווייניקער ווי פאַר אַ מאָדערנער פּיעסע, וואָס נייטיקט זיך אין אייניקע שפּילפּלאַכן. די קאָסטיומען, להיפּוך, זענען געווען טריי דער תקופה פון דער האַנדלונג, אונטערשטרייכנדיק די קלאַסן־דיפערענץ און סאָ־ציאַלער צוגעהעריקייט פון די פּערסאָנאַזשן. אין דער דאָזיקער פאַרשטע־לונג האָט קוטנער, אויפן פאָן פון פאַרביקע מאַסן־סצענעס, געשאַפן אַ כאַ־ראַקטעריסטישע געשטאַלט פונעם „קעניג פון די בעטלער״ און יאָנאַס טורקאָוו — פונעם „זינדיקן גלח״. עסמעראַלדאַ האָט געשפּילט אידאַ קאַ־מינסקאַ, איך — קוואַזימאָדאָ. ביים צוגרייטן דעם גרים פון דער דאָזיקער ראָל, האָב איך מיך באַזירט אויף דער באַקאַנטער מאַסקע פון ליאָ שאַניי, אינעם שטומען פילם פון „גלאָקנציִער״.

„יזכור״ איז ביז דאַן געווען געשפּילט אין קאַמינסקי־טעאַטער פון אַן אָפּערעטן־טרופּע, רעזשיסירט פון מאַרק אַרנשטיין. אונדזער ווילנער אויפ־פירונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גלענצנדיק־צוגעפּאַסטן אַנסאַמבל, פון וועלכן ס'האָבן זיך אויסגעטיילט: דיאַנאַ בלומענפעלד אין דער ראָל פונעם אַרענדאַרס טאָכטער, אַדאַם דאָמב אין דער ראָל פון פריץ, סאָניאַ אַלטבוים — זיין טאָכטער און שלמה קוטנער ווי דער הויפּמייסטער. איך האָב געשפּילט לייבקען. אינעם „גיבור אין קייטן״ האָט די ראָל פון זשאַן־

וואַלזשאַן געשפּילט סאַמבערג און אין דעם „קאָמיסאַר זשאַווער" האָט יאַנאַס טורקאָוו געשאַפן אַ ביז גאַר פאַרביקע געשטאַלט.

די ידיעה וועגן דעם דערפאָלג פונעם דאַזיקן סעזאָן האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער די טעאַטער־קרייזן פון פּוילן און אַפילו מחוץ אירע גרענעצן. מיר האָבן באַקומען אַן איינלאַדונג פון דער ראָלאַנד־בינע אין ווין, אַראָפּצוקומען מיטן גאַנצן טעאַטער. די צייט איז אָבער געווען צו קורץ אויף צוצוגרייטן אַזאַ נסיעה און מיר האָבן דערפון רעזיגנירט. אַ קור־צע צייט נאָך דעם איז אַראָפּגעקומען פון רומעניע דער קעשענעוועער אימ־פּרעסאַריאָ ביסקער, וועלכן מיר האָבן געקענט נאָך פון אָדעס ווי אַ סאָ־לידן אונטערנעמער. ער האָט אונדז געגעבן גענוג צייט צוצוגרייטן אַ טורנעי איבער רומעניע. מיר זענען איינגעגאַנגען זיך צו פאַרבינדן מיט אים. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער אויסלענדישער אונטערנעמער איז נישט ווייניקער קבצן פון די אינלענדישע. מיר האָבן נישט נאָר באַ־דאַרפט באַצאָלן דעם חשבון פון נאָטאַר ביים חתמענען דעם קאָנטראַקט, נאָר אַפילו פאַרן האָטעל ווו ער איז איינגעשטאַנען... ווען ער האָט, לויטן אָפּמאַך, באַדאַרפט אונדז אַרויסשיקן האַנטגעלט אויף די רייזע־הוצאות, האָט ער אונדז געגעבן אָנצוזעהערן, אַז ער וועט אונדז די דאָזיקע סומע אומקערן ווען מיר וועלן זיין אויפן אָרט... מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אי־בערגעריסן מיט אים און ערשט אין צוויי יאָר אַרום רעאַליזירט דעם רומע־נישן טורנעי מיט אַן אַנדערן אימפּרעסאַריאָ.

**
*

ווען אסתר־רחל האָט זיך אומגעקערט פון ווין קיין וואַרשע, איז אידאָ אָפּגעפאָרן זי באַגעגענען און אַראָפּברענגען קיין ווילנע. דער ווילנער עולם, צוגלייך מיט אונדזער טעאַטער, האָט זיך געגרייט צו אַ פייערלעכן קבלת־פּנים ביי איר ערשטן אויפטריט נאָך דער אָפּעראַציע. צו דער דאָזיקער פייערלעכקייט איז, פאַרשטייט זיך, צוגעגרייט געוואָרן די אויפפירונג „מירעלע עפראָס".

אין ווילנע פלעגן דאַן פאָרקומען באַראַטונגען אין שייכות צו דער געפּלאַנטער גרינדונג פון יִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז

דערנאָך באַרימט געוואָרן אין דער יידישער וועלט ווי דער „יזוואָ". ביי איינער פון די דאָזיקע באַראַטונגען אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט זלמן קאַלמאַנאָוויטש, זלמן רייזען, משה קולבאַק, מאַקס עריק און אַנדערע וויסנשאַפט־לייט און קולטור־טוער, איז אויך אַרומגערעדט געוואָרן דער קבלת־פּנים לכבוד אסתּר־רחלען. דער דאָזיקער אָוונט האָט באַדאַרפט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ פאָלקס־יום־טוב, אין אַן אויסדרוק פון ליבע צו דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער", פון פרייד צוליב איר געזונט ווערן און אין אַ דערמוטיקונג פאַר איר ווייטערדיקער שעפערישער טעטיקייט. אַזוי איז עס טאַקע געווען.

דער ערשטער אויפטריט פון אסתּר־רחלען נאָך איר אומקערן זיך פון ווין איז געווען נישט נאָר אונדזער מישפחה־יום־טוב, נייערט פונעם גאַנצן יידישן ווילנע. דער ריזיקער שטאָטזאַל האָט נישט געקאָנט אַריינגעמען אַלע, וואָס זענען געקומען באַגריסן זייער באַליבטע פאָלקס־קינסטלערין. די טירן צום וועסטיבול זענען בעת דער פאָרשטעלונג געווען אָפן, כדי דער עולם וואָס איז פאַרבליבן אין דרויסן, זאָל זיך אויך קאָנען באַטייליקן אין דער שימחה. ווען אסתּר־רחל האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, איז דער גאַנצער עולם אויפגעשפּרינגען פון די ערטער און זי באַגריסט מיט לאַנגדויערנדיקע אָוואַציעס. ס'איז שווער געווען צו קומען צום וואָרט. אסתּר־רחל האָט געוויינט, אָנגעשפּאַרט אָן דער גאָטליב, וואָס האָט גע־שפּילט מאַכלען. מיר אויף דער בינע האָבן מיטגעוויינט מיט איר און פון זאַל האָבן זיך געהערט שלאָכצן און אויסרופן: — „זאָל לעבן אסתּר־רחל"! „אונדזער אסתּר־רחל"! „אַ געזונט אויף אייך, אסתּר־רחל!"... ווילנע האָט יאָרנלאַנג דערמאָנט דעם דאָזיקן אָוונט וואָס האָט זיך טיף איינגע־קריצט אין האַרצן ביי די לעבנגעבליבענע אָנטיילנעמער.ליידער איז בלויז גאָר אַ קליינע צאָל פאַרבליבן פון אונדזערע האַרציקע ווילנער פריינד. איך טרעף זיי פון צייט צו צייט איבער דער גאָרער וועלט, ווי צעוואָרפענע שפּליטערלעך פונעם אַמאָליקן רומפולן ווילנער יידנטום; איך טרעף זיי אין געוויסע קיבוצים, דאָ, אין ישראל. ווען מע הייבט זיך אָן צו דערמאָנען אַמאָליקע ווילנער צייטן, פעלט אויך נישט די פראַזע: „איר געדענקט יע־נעם אָוונט, ווען אסתּר־רחל"...

***

דעם „גלאַקנצי̇ער" איז אונדז נאָך אויסגעקומען צו שפּילן אין קאַ־מינסקיס טעאַטער און טאַקע מיט אסתר־רחלען אין דער ראָל פון זשער־וויען. דאָס איז געווען איר לעצטע ראָל. די פאָרשטעלונג האָט אַריינגע־טריבן אין גרויסע הוצאות צוליבן אַנטייל פון 120 סטאַטיסטן. פאַר זיי און פאַר די אַנטיילנעמער־אַקטיאָרן האָט דאָס טעאַטער באַשטעלט 140 סטיל־קאָסטיומען, וואָס בלויז דאָס נוצגעלט פלעגט איבערשטייגן די איינ־געפלאָסענע געלטער פונעם בילעטן־פאַרקויף. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער רעקלאַמע און אסתר־רחלס אַנטייל זענען מיר געווען געצוווּנגען נאָך צוויי וואָכן אַראָפּצונעמען די פּיעסע פון רעפּערטואַר. ווייזט אויס, דעם עולם איז נישט אינטערעסאַנט געווען צו זען אסתר־רחלען אין אַ „פרעמדער" ראָל און אונדז אַלעמען אין אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אַ גרויסער דערפאָלג אין פילם. אין ווילנע, להיפוך, איז דער פילם געגאַנגען גלייכצייטיק מיט אונדזער פאָרשטעלונג און מיר האָבן צוליב דעם נישט געליטן. פאַרקערט, דער קינאָ־אייגנטימער האָט זיך באַקלאָגט, אַז מיר מאַכן גאָר אים קאָנקורענץ...

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד האָט זיך אָפּגעשפּילט נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג פון „גלאַקנצי̇ער". דאָס געהאַלט פאַר די 120 סטאַטיסטן פלעגט דער געשעפט־פירער איבערגעבן אונדזער בינע־פאַרזאָרגער, וואָס האָט עס באַדאַרפט פונאַנדערטיילן צווישן זיי. דאָס געלט איז אים אויס־געצאָלט געוואָרן איינמאָליק נאָך אַלע רעפּעטיציעס און דערנאָך נאָך יע־דער פאָרשטעלונג. און אָט זיץ איך אין גאַרדעראָב און גרימיר זיך אויס פון דער קאָמפּליצירטער קוואַזימאָדאָ־מאַסקע. ביי מיין זייט זיצט, אַ פאַר־זאָרגער, מיין פאָטער. ס׳איז געווען שווער אויפן האַרצן צוליב אונדזער אַנטוישונג און דעם גרויסן געלטפאַרלוסט. ביידע שווייגן מיר. פּלוצים דערהערן זיך פון דרויסן קולות, זיי הייבן זיך אָן צו דערנענטערן צו מיין גאַרדעראָב, שטייגן אין קראַפט ווי אַן אָנקומענדיקע לאַווינע און אַ שטאַר־קער קלאַפּ אין טיר רייסט איבער אונדזער שטילשווייגן. דער פאָטער עפנט די טיר און אין איין רגע ווערט מיין גאַרדעראָב פול מיט סטאַטיסטן. אַר־נאָלד, וואָס האָט זיי געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג צו מיר, איז געוואָרן צעמזיקט. מ׳האָט אים אָנגערופן „פּראָוואָקאַטאָר", „פאַרקויפטע נשמה"...

שווער צו פאַרשטיין אַ וואָרט... סוף־כל־סוף באַרויִקן זיך די געמיטער. עס רוקט זיך אַרויס אַ „דעלעגאַט" און מיר דערוויסן זיך, אַז קיין איינער פון די סטאַטיסטן האָט ביז היינט נישט באַקומען קיין פּרוטה נישט פאַר די רעפּעטיציעס און נישט פאַר די פאָרשטעלונגען. דער בינע־פאַרזאָרגער האָט זיי דערקלערט, אַז מ'האָט אים פאַר זיי גאָרנישט געגעבן און אַז זיי דאַרפן אַליין אויפמאָנען דאָס געלט ביי דער דירעקציע. נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג האָט ער זיך אויף גיך אָפּגעטראָגן פון טעאַטער.

איך האָב זיי רויִק אויסגעהערט און געהייסן דעם דעלעגאַט קומען צומאָרגנס אין פאַראיין, ווו דער ענין וועט ווערן דערליידיקט. דער דאָזיקער צוזאָג האָט זיי באַרויִקט. זיי האָבן געבעטן אַנטשולדיקונג און שטילערהייט פאַרלאָזן מיין גאַרדעראָב. דער פאָטער האָט זיך אַ בלאָסער צוגעהערט צום דאָזיקן אינצידענט און מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן. ערשט ווען די „מאַסן־סצענעס" האָבן זיך איינגעשטילט, איז דער פאָטער געקומען צו זיך און מיר אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג, וואָס איך האָב זיך געקאָנט אַזוי קאַלטבלוטיק פאַרהאַלטן און נישט אַרויסווייזן דעם קלענסטן סימן פון אויפרעגונג. איך אַליין האָב זיך אויך באַוואונדערט... אָט אַ פּנים, אַז דער פּולווערפאַס, וואָס איז געווען גרייט ביים קלענסטן שטויס, האָט געשאַפן אין מיר דאָס קאַלטע בלוט און זעלבסטבאַהערשונג. שפּעטער אָבער האָט זיך עס אָפּגערופן אויף מיין געזונט.

מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן וועגן אַ נסיעה קיין אויסלאַנד. די גרעסטע שוועריקייט איז באַשטאַנען אינעם צוקלייבן אַ פּאַסיקע טרופּע. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז פאַר אַזאַ אונטערנעמונג זענען נייטיק נישט בלויז גוטע אַקטיאָרן, נאָר אויך אַנטשפּרעכיקע מענטשן, כדי מיר זאָלן פאָרשטעלן מיט זיך אַ האַרמאָניש־צעמענטירטע גאַנצקייט, סיי אויף דער בינע, סיי אין פּריוואַטן לעבן. פון דער פּראַקטיק האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז אַזאַ סיטועז ביים טעאַטער געהער צו די זעלטנקייטן, דאָך האָבן מיר געהאָפט, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך אונדז איינגעבן אויסצוגעפינען די פּאַסיקע קאַנדידאַטן. איידער וואָס־ווען, האָבן מיר צוגעגרייט אַ טורנײ מיט אסתר־רחלס געשווירענעם ייִדישן און איבערגעזעצטן רעפּערטואַר. דער דאָזיקער טורנײ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין

וואַלין, האָט קיין באַזונדערן אינטערעס נישט אַרויסגערופן ביים עולם. מיר האָבן אים געמוזט אין גיכן איבעררייסן צוליב דער באַגייטער קראַנקייט פון אסתר־רחל. פון וואַלקאָוויסק האָט זיך אסתר־רחל געקליבן צו באַזוכן איר געבוירנשטאָט פּאַראַזאָווע. זי האָט עס שוין אָבער נישט באַוויזן. אין באַראַנאָוויטש איז זי פאַרבליבן אין בעט. אין זעלבן בעט — האָט אונדז פאַרזיכערט דער באַלעבאָס פון האָטעל — איז אויך געלעגן דער קראַנקער שלום־עליכם. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האָבן מיר זי אַרויסגענומען פון האָטעל און אַריבערגעפירט קיין וואַרשע. ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ רעצידיוו פון איר קראַנקייט. דאָס מאָל איז שוין אוממעגלעך געווען צו אָפּערירן. דער קאַנסער האָט זיך פאַרשפּרייט אין די לונגען. מ׳האָט זי אַרויסגעפירט אויף אַ דאַטשע־אָרט, נאָענט צו וואַרשע, מע זאָל זי קאָנען כסדר באַזוכן.

אין באַראַנאָוויטש האָט זיך, אַלזאָ, אסתר־רחל געזעגנט מיט איר נעווגדן טעאַטער־לעבן. זי האָט אין אַ צייט אַרום נאָך איין מאָל געשפּילט „מירעלע עפראָס״ אויף אַ בענעפיס פאַר אַן אַקטיאָר. דאָס איז געווען אין מעזריטש. „מירעלע עפראָס״ איז געווען דאָס שוואַנעגליד פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ, איר געזעגענונג מיטן טעאַטער, מיטן עולם. איצט האָט געוואַרט אויף איר אַ שווערע און לאַנגדויערנדיקע געזעגענונג — מיטן לעבן.

***

מיר האָבן זיך ווידער אַרויסגעלאָזט אויף דער פּראָווינץ מיט 3 קאַמעראַלע פּיעסן: „דער טייוול לאַכט״, „מאָרפיום״, און „די ראָמאַנטישע נאַכט״ פון האַנס באַרוויץ, איבערגעזעצט פון יצחק טורקאָוו. אונדזערע מיטשפּילער זענען געווען דוד לוי און יעקב מאַנדעלבליט. דער טורנײ מיט די דאָזיקע פּיעסן האָט אין אַלע הינזיכטן געהערט צו די דערפאָלגרייכסטע, וואָס מיר איז אויסגעקומען מיטצומאַכן מיט אידאַ קאַמינסקאַ. מיר האָבן באַזוכט גאַנץ גאַליציע, סיי די גרעסערע שטעט ווו מיר זענען געווען מיטן „וויקט״, סיי די קלענסטע און פאַרוואָרפנסטע גרענעצשטעטלעך, ווי פאָדוואָלאָטשיסק, זאַלעשטשיקי, א״אַנד. אין באָריסלאָוו, למשל, ווו מיר האָבן מיטן גרויסן „וויקט״־רעפּערטואַר נישט מצליח געווען, האָבן

אונדזערע קאַמער־פּיעסן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. אויפן באַנהויף, וואָס האָט געפירט צו דער שכנותדיקער שטאָט דראָהאָביטש, האָבן מיר גע־הערט ווי אַפּפּאַרנדיקע פרעגן אויף גיך די אָנגעקומענע:

— איר זענט שוין געווען?

— ניין, מיר פאָרן איצט זען!

— וואָס זאָגט איר צו זיי?

— ס׳איז ווינער שולע!...

בעיקר האָט אימפּאָנירט דעם גאַליציאַנער עולם די ווינער קאָמעדיע „די ראָמאַנטישע נאַכט״, וואָס מיר האָבן נאָך אין ווילנע צוגעגרייט און געשפּילט. ס׳איז געווען פאַר זיי אַ נייעס צו הערן אַ לייכטן, עלעגאַנטן דיאַלאָג, געפירט אין יידיש, צו זען יידישע אַקטיאָרן טראָגן אויף אַ נישט־שאַקירנדיקן אופן אַ פראַק און אַ באַלקלייד. מיט איין פוס האָבן זיי נאָך געשטעקט אין דער עסטרייכישער קולטור און מיטן צווייטן נאָך נישט געפינען דעם פּאַסיקן באָדן אין דער פּוילישער.

עס איז אונדז אָבער נישט באַשערט געווען צו געניסן אין דער פּו־לער מאָס פון די דאָזיקע דערפאָלגן. די באַאומרויקונג וועגן אסתּר־רחלס געזונט־צושטאַנד, די כסדרדיקע טעלעפאָנען אַהיים, די שלעכטע ידיעות פון דאָרט, האָבן אונדז געהאַלטן אין כסדרדיקער שפּאַנונג. זיצן אין וואַרשע האָבן מיר נישט געקאָנט, — אונדזער טורניי האָט געגעבן די ברייטסטע מעגלעכקייטן אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון אסתּר־רחל אין אַ סאַנאַטאָריע און גלייכצייטיק צו פאַרזאָרגן די היים מיטן קינד.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר באַקומען אַן אַרויספאָדערונג תּיכּף זיך אומצוקערן קיין וואַרשע. אסתּר־רחל איז שוין געווען אין דער היים. דאָס זענען געווען די לעצטע צוויי וואָכן פון איר לעבן. מ׳האָט זי אויפגעהאַלטן מיט קינסטלעכן אָטעם און איינשפּריצונגען. זי האָט געמוזט אירע לעצטע טעג פאַרברענגען זיצנדיק, ווייל פונעם צורירן דעם רוקן צום געלעגער פלעגט זי זיך נעמען שטיקן. פונעם כסדרדיקן אָנשפּאַרן דעם גוף אויף די הענט, זענען זיי געוואָרן געשוואָלן און מיר האָבן געזוכט פאַרשידענע המצאות צו פאַרלייכטערן איר דאָס זיצן. אָפט מאָל פלעג איך שעהען־לאַנג זיצן אויף איר בעט און זי פלעגט שלאָפן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ

אויף מיין אַקסל. ווען זי פּלעגט זיך אויפכאַפּן, נאָך דער ווירקונג פון די איינשפּריצונגען, פּלעגט איר נעמען שטיקן דער הוסט. איין מאָל איז זי בעת אַזאַ אָנפאַל פון הוסט אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער. מ׳האָט זי ביים סאַמע ראַנד פאַרהאַלטן און צוריקגע־פירט צום בעט. אַן אַנדערש מאָל איז זי אויף אַ רגע געקומען צו זיך, גע־קוקט אויף אונדז מיט פאַרגלאָצטע אויגן און אַ זאָג געטון:

— איר האָט דאָס גוט געמאַכט...

און ווידער איז זי איינגעשלאָפן. וואָס זי האָט געמיינט דערמיט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען.

די לעצטע נאַכט פון איר לעבן האָט מען מיך געצוווּנגען אַריינצו־גיין אין אַ צווייטן צימער זיך צוליגן. ס׳איז געווען פאַרטאָג. איך בין איינגעשלאָפן אין די מלבושים. מיר האָבן זיך בכלל די לעצטע וואָך כמעט נישט אויסגעטון. פּלוצים דערהער איך אַ געשריי. מיט איין שפּרונג בין איך געווען ביי איר אין צימער. זי איז געלעגן אויפן קישן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: ענדלעך קאָן זי ליגן אָן ווייטיקן... איך האָב געהערט איר לעצטן זיפץ... אידאַ איז געלעגן אויף דער ערד און שטיל געיאָמערט... ס׳ערשטע מאָל האָב איך געהערט אַזוי האַרצרייסנדיק יאָמערן... ווי אַ קליין קינד וואָס קאָן נישט רעדן און באַקלאָגט זיך אויף ווייטיקן... אַ געוויין אָן טרערן, אַ סקאָמלען פון אַ פאַרווּנדיקט באַשעפעניש... אַ לאַנגע צייט האָט דאָס מיך פאַרפאָלגט.

די לוויה האָט איינגעאָרדנט דער אַרטיסטן־פאַראיין. זינט פּרצעס לוויה האָט וואַרשע אַזאַ מאַסן־טרויערצוג נישט געזען. די ייִדישע גע־שעפטן, פאַר וועלכע די לוויה איז פאַרבייגעגאַנגען, זענען געווען פאַרמאַכט. דאָס ייִדישע וואַרשע איז געווען איינגעהילט אין טרויער. ס׳איז גע־שטאָרבן די מאַמע אסתר־רחל.

16

צו אַ נייעם פּאַרמעסט

די שלושים פון אסתר־רחל זענען געוואָרן באַצייכנט מיט דער אַנט־הילונג פון אַ מצבה אויף איר קבר און מיט דער עפענונג פונעם טעאַטער־מוזיי אויף איר נאָמען.

דעם פּראָיעקט צו דער מצבה האָט געצייכנט אונדזער חבר פעליקס רובינליכט, וואָס האָט אויך אויסגעקריצט דעם באַרעליעף אין מאַרמאָר פאַר איר אויבערשטער טייל. ווען די מצבה איז שוין געווען פאַרטיק און די דאַטע פאַר איר אַנטהילונג האָט זיך דערנענטערט, איז אומגעריכט אויפגעשווומען אַ שטערונג מצד אונדזערע כלי־קודש. אויפן גענשער בית־עולם איז געווען אַרויפגעצווונגען אַ ספּעציעלער באַאַמטער פון ראַבינאַט אויף צו קוואַליפיצירן די „כשרות" פון די מצבות. דער דאָזיקער „ספּעץ" האָט אַנטדעקט אין קאָפּ פונעם לייב, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פונעם שטיין, אַן ענלעכקייט צו אַ מענטשלעכן קאָפּ און פאַרווערט צו שטעלן די מצבה... ס'האָבן נישט געהאָלפן די טענות, אַז אויך אַ לייב האָט אויגן, אַ נאָז, אַ מויל און די גריווע, וואָס נעמט אַרום זיין קאָפּ איז נישט קיין מענטשלעכע באָרד... נאָך לאַנגע אינטערווענצן און אַ גע־וויסן רעטוש אינעם מאַרמאָר, וואָס זאָל באַזייטיקן די „מענטשנענלעכ־קייט" פונעם לייב, איז די מצבה אַנטהילט געוואָרן צו דער צייט.

דער אויפשריפט אויף דער מצבה איז געווען: „מאַמע אסתר־רחל — די קינדער", און זי געפינט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג אויפן וואַרשעווער בית־עולם, אין דער הויפּט־אַלייע, וואָס פירט צום אוהל־פּרץ.

דער טעאַטער־מוזיי, וואָס איז געווען אַן ערשטער אין זיין מין, האָט מיט זיך, אייגנטלעך, פאַרגעשטעלט אַן ערשטן עטאַפּ פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער אינסטיטוציע, וואָס אידאַ קאַמינסקאַ און איך האָבן מיט דער צייט פאַרברייטערט און פאַרגעזעלשאַפטלעכט. ווען דער מוזיי איז גע־גרינדעט געוואָרן איז ער באַשטאַנען פון צוויי טיילן: איינער — ענג פאַר־בונדן מיט אסתר־רחלען, און דער צווייטער — אַן אַלגעמיינער.

אינעם ערשטן טייל זענען געווען צונויפגעזאַמלט אסתּר־רחלס בריוו, וואָס זענען אין 1927 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, (מיט דערקלערונגען און אַן אַריינפיר פון מאַרק טורקאָוו), מאַנוסקריפּטן פון אַ טייל מעמואַרן, וואָס זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין „מאָמענט”, אונטער יאָנאַס טורקאָווס רעדאַקציע, רעצענזיעס, אַפישן, פּראָגראַמען, אַדרעסן, מתנות, בילדער אאַז״וו. אין אַ ספּעציעלער שאַנק האָבן זיך געפונען די קליידער און פּאַרוקן פון אסתּר־רחלס וויכטיקסטע ראָלן.

דער אַלגעמיינער טייל איז באַשטאַנען פון אַפישן אין פאַרשידענע שפּראַכן, אַפילו אין טערקיש, פון גאָלדפאַדענס ביז צו די פאַרשטעלונגען פון מאָדערנעם יידישן טעאַטער; בילדער פון אויפפירונגען און פון באַזונדערע אַקטיאָרן, אין פּריוואַטן לעבן און אין ראָלן; מאַנוסקריפּטן פון פּיעסן, „אָריגינעלע” און באַאַרבעטע; צענזורקעס אין פאַרשידענע שפּראַכן, „פּריקאַזן” פון גובערנאַטאָרן און לאָקאַלע נאַטשאַלסטווע. בריוו פון י. ל. פּרץ, מענדעלע, פרוג און אַנדערע שרייבער, אַקטיאָרן און פאַרערער. אַ טייל פון די מאַטעריאַלן זענען געווען כּאַטיש פונאַנדערגעוואָרפן איבער די שופלאָדן און קאַסטנס פון אסתּר־רחלס דירה און האָבן זיך על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועט; אַ טייל האָב איך באַקומען ביי אַקטיאָרן: פרוי ווײַמאַן, פישער, אַבעלמאַן, שטראָספאָגעל, בערמאַן, לוי, שוואַרצבאַרד, ק. מ. עבל און אַנדערע.

פאַר געוויסע מאַטעריאַלן האָבן איך געצאָלט, די מערסטע אָבער זענען אונדז געוואָרן איבערגעגעבן במתנה פאַרן מוזיי. אַלע אַפישן, באַגריסונגען און ענלעכע עקספּאָנאַטן זענען געוואָרן געבונדן אין אויסגעשטעלט אין ספּעציעל־באַשטעלטע גלעזערנע שטענדערס און שאַפעס. זיי זענען געוואָרן סעגרעגירט און קאַטאַלאָגירט לויט פאַרשידענע אַנטוויקלונג־עטאַפּן פונעם יידישן טעאַטער.

צו די שלושים איז דער טעאַטער־מוזיי געעפנט געוואָרן אינעם גרויסן זאַל פון דער דירה, וווּ אסתּר־רחל האָט פאַרענדיקט איר לעבן. דאָרט האָט זיך אויך געפינען די בראָנדזענע טויטן־מאַסקע פון אסתּר־רחלען, אָראָפּגענומען פון פּ. רובינליכט. דעם טאָג פון דער עפענונג זענען פאַרבייגעגאַנגען אונדזער דירה הונדערטער מענטשן.

דער מוזיי איז געוואָרן באַצייכנט ווי אַ וויכטיקער ביישטייער פאַר דער געשיכטע־פאַרשונג פון יידישן טעאַטער, אַן אַרבעט פון יאָרן איז גע־מאַכט געוואָרן במשך פון דרייסיק טעג. צו דער יאָרצייט פון אסתּר־רחל האָבן מיר דעם מוזיי איבערגעגעבן דעם „ייוואָ" אין ווילנע, ווו ער האָט באַקומען אַ פּאַסיקן זאַל און פערסאָנאַל. ביי מיינע באַזוכן אין ווילנע פלעג איך שטענדיק באַזוכן דעם מוזיי און נאָכפאָלגן זיין אַנטוויקלונג. נאָך דוד הערמאַנס טויט איז דאָרט צוגעקומען אַן אינטערעסאַנטער הערמאַן־ווינקל. פון אַלע מיינע טורנייען פלעג איך צושיקן אַהין מאַטעריאַלן; נאָך מיין רייזע איבער די דרום־ און צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, איז דער מוזיי באַרייכערט געוואָרן מיט אַן אינטערעסאַנטער טעאַטער־דאָקומענטאַציע פון דער נייער וועלט.

די מצבה און דער מוזיי האָבן פאַרשלונגען גרויסע געלטער. מיר זע־נען געוואָרן פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. אסתּר־רחלס צירונג איז שוין פון לאַנג געווען פאַרזעצט און איך האָב מיט אידאַ קאַמינסקאַ גענומען שרייבן וועקסלען. פון דאַן אָן האָבן מיר במשך פון יאָרן נישט אויפגעהערט צו שרייבן און צו צאָלן וועקסלען. אַ וואָך, אין וועלכער מיר האָבן נישט גע־האַט קיין צאָלונגען, האָט זיך אונדז אויסגעוויזן פאַר אומנאָרמאַל... מיר זענען געוואָרן פאַרעכנט פאַר די בעסטע קליענטן ביי פאַרשידענע וווכערער. דאָס האָט נישט געשטערט אונדז צו שמען פאַר די רייכסטע יידישע אַק־טיאָרן... ווען מיר פלעגן זיך אַ מאָל ווענדן צו אַ פריינד נאָך אַ גמילת־חסד, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ וויץ. מיר האָבן זיך נישט באַמיט אַרויסצופירן די מענטשן פון טעות און טאַקע געאַנגען צום פּראַצענטניק.

אין יענער שווערער צייט איז אונדזער פריינד קלמן־משה עבעל, „דער בייזער עבעל", ווי מ'האָט אים גערופן, געווען דער איינציקער וואָס האָט אונדז פאַרגעלייגט אַ גמילת־חסד. ער איז ספּעציעל געקומען פון פשעמישל צו דער לוויה פון אסתּר־רחל.

די שלושים האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ ספּעציעלער פאַרשטעלונג פון „כאַשע די יתומה" מיט אידאַ קאַמינסקאַ אין דער טיטלראָל. איך האָב נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין איר, ווייל נאָך אויף דער לוויה האָב

איך זיך שטאַרק צוגעקילט. די ראָל פון טראַכטענבערג, וואָס איך האָב געזאָלט שפּילן אין „כאַשע די יתומה", האָט אויסגעפירט קלמן־משה עבעל.

דער דאָקטאָר האָט מיר באַפוילן דרינגענדיק אָפּצופאָרן קיין זאַקאָ־פּאַנע. דער טאַטע האָט אונדז אויסגעבאָרגט די נייטיקע סומע און מיר האָבן זיך אויף גיך פאַרפּאַקט און פאַרלאָזן וואַרשע. מיט אונדז איז מיט־געפאָרן אברהם האַלפּערן, כדי אויף צוריקוועגס איינצואָרדענען אונדזערע גאַסטשפּילן און כאָטש טיילווייז אויסשלאָגן די הוצאות.

פאַרלאָזנדיק וואַרשע האָבן מיר, אַחוץ דער פיזישער צעבראָכנקייט, דערפילט אַן אומבאַהאָלפנקייט, אַ פעלן פון אַן אָנשפּאַר, וואָס מיר האָבן געהאַט, אַפילו אין דער קראַנקער אסתר־רחל; אַ פוסטקייט, וואָס מיר האָבן גישט געוווּסט ווי אַזוי אויסצופילן; אַן אַטראָפּיע פון געדאַנק, פון ווילן, ענערגיע... אַ נס איז געווען פאַר אונדז אברהם האַלפּערן, — ער האָט זיך באַמיט אַריינצוברענגען אַ ביסל הייטערקייט אין די לאַנגע שעהען פון אונדזער רייזע, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין אומענדלעך. דערגאַנצט האָט עס זאַקאָפּאַנע.

גאָר אין גיכן האָב איך דערפילט די היילנדיקע ווירקונג פונעם זאַ־קאָפּאַנער קלימאַט. אין די גרעסטע פּרעסט פלעג איך נעמען זונבעדער, דער קאָליר פון מיין פּנים האָט זיך געביטן צום בעסערן און דער הוסט איז צוביסלעך אַוועק. איך האָב אָפט שפּאַצירט אין די בערג און דאָס האָט במילא געווירקט אויף מיר דערפרישנדיק. אין די דאָזיקע שפּאַצירן האָב איך געהאַט אַ געטרייען באַגלייטער, דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן פון לאָדזש, וואָס האָט פאַרבראַכט זיינע ווינטער־וואַקאַציעס אין זאַקאָפּאַנע.

יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען אַ גרויסער פריינד פון טעאַטער. ער פלעגט שרייבן פּיעסן, איינאַקטערס און אויפפירן זיי מיט די שילער פון זיין גימנאַזיע. ער האָט זיך אַפילו אַליין באַטייליקט אין זיי. אָפט מאָל פלעגט זיך אויסווייזן, אַז קאַצענעלסאָן האָט זיך טועה געווען מיט זיין באַרוף. קודם כל איז ער געווען דיכטער, פול מיט ליד, מיט געזאַנג. זיין נאַיוו־קינדישער שמייכל, זיין צעשטראַלטער, לעבנסלוסטיקער בליק האָבן עדות געזאָגט אויף ליבשאַפט צו נאַטור, צו מענטש און דער עיקר צו קינד. ס׳האָט ממש אַרויסגעשריגן פון אים: „וועלט, דו ביסט שיין, איך

האָב דיך ליב!״. דאָס איז געווען דער לייטמאָטיוו פון זיינע לידער, וואָס ער פלעגט אימפּראָוויזירן בעת אונדזערע שפּאַצירן איבער די פאַרשנייטע סאָטרען־בערג... ער פלעגט דאַן אויסזינגען הימנען צו דער זון, אָדעס צו דער נאַטור, לויבגעזאַנגען צו דער יוגנט, צום קינד, וואָס איז ביי אים געווען פאַרהייליקט.

מעגלעך, אַז צוליב זיין ליבע צו קינדער האָט ער זיך געווידמעט דעם שולוועזן און פאַררוקט אויפן צווייטן פּלאַן דעם דיכטער און אַקטיאָר אין זיך. ער פלעגט דעריבער „אויסשפּילן״ אויפן פאָן פון דער נאַטור, אויסדיכטן זיינע געזאַנגען צו דער זון אין אַנבליק פון אירע פלאַמען... ווייט פלעגט אָפּהילכן אין די זאַקאָפּאַנער בערג דאָס ליד פונעם יידישן פאָלקסדיכטער און דער עכאָ פלעגט איבערחזרן די סטראָפן און זיי פאַרוואַנדלען אין אַ מערקווירדיק־האַרמאָניזירטן כאָר... ווען ער פלעגט זיך צעזינגען „הידה, הידד!״, איז געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך דער ענטפער פון די פּוילישע בערג אויף זיין ליד וועגן אַ גאָרטן אינעם וויטן, און דאָך אַזוי אים נאָענטן, ארץ־ישראל. ס׳איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך צוליב זיין אומענדלעכע ליבע צו וועלט, צו מענטש, צו נאַטור, צו שיינקייט, וואָס ער האָט געזוכט צו פאַרוואַנדלען אין איין גרויסן יום־טוב. אָט דעם יום־טוב האָט קאָצענעלסאָן געזוכט זיין גאַנץ לעבן, אַריינגעבראַכט אים אין זיין שול, אין זיין דיכטונג, אין זיינע באַזוכן ביי אונדז אין טעאַטער.

שרייבנדיק די ווערטער, זע איך אים אין זאַקאָפּאַנע, מיין האַרציקן פריינד איטשעלע — איך פלעג אים רופן ווי מיין ברודער יצחק — אַ צעשטראַלטן, אַ צעזונגענעם, אַ יום־טובדיקן. ס׳איז געווען אָנהייב 1926.

און אָט זע איך אים אין וואַרשע, אין 1940. פאַרשוווּנדן דער שמייכל פון די אויסגעטרוקנטע ליפּן. דאָס פּנים איינגעשרומפּן, דער בליק פאַרלאָשן, דער יום־טוב, פאַרשוועכט... נישט באַוויזן זיך צו דריקן די הענט אויף דער לעשנע־גאַס, ווו מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט, ווי ס׳האָבן זיך דערהערט טריט פון דייטשע שטיוול. אַן אַ וואָרט זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אָן אַ זיי־געזונט, מיט פאַרשטיקטן ספּאַזם אין האַלדז... אויף שטענדיק פאַרשוווּנדן.

און אַט זע איך אים אין מדינת־ישראל... אין די יזכור־טעג נאָכן פּוילישן ייִדנטום, לייען איך זיין „ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״... צום לעצטן מאָל געלייענט עס אינעם „קיבוץ לוחמי גיטאות״ ביי דער עפענונג פונעם מוזיי אויפן נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן.

***

נאָך אַ דיכטער האָב איך דעמאָלט באַגעגנט אין זאַקאָפּאַנע. דאָס מאָל אַ פּוילישן. דעם באַרימטן באַזינגער פון די טאַטרי־בערג, קאַזשימיעזש פּשערוואַ־טעטמייער. ס׳האָט מיך פאַראינטערעסירט די סודותפולע געשטאַלט פונעם מחבר פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „זאַווישאַ טשאַרני״, וואָס איך האָב נאָך אַלס שילער באַוווּנדערט אינעם וואַרשעווער רעגירונג־טעאַטער. פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט. פונעם איידעלן, באַגייסטערטן פּנים, וואָס איך האָב געטראָגן אין זכרון נאָך פון די לערנביכער, איז נישט פאַרבליבן קיין שפּור. עפּעס אַן אומהיימלעכקייט האָט אַרויסגעקוקט פון זיין פאַרלאָשענעם בליק, אַ מעלאַנכאָליע, וואָס איז גלייכגילטיק צום אַרום. אַ רעזיגנאַציע, וואָס באַוועגט דעם פאַרוואָרלאָזטן גוף לויט אינערץ, אָן אַ האָפענונג, אָן אַ ציל... סאַראַ חילוק צווישן דעם פאַרשטומטן באַזינגער פון די פּוילישע טאַטרי־בערג און דעם ליטוויש־ווייס־רוסישן יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס שפּאַנט אַ צעזונגענער לכבוד די דאַזיקע בערג און טאָלן... ווער איז דער „געזעצלעכער״ זון פון דער דאָזיקער ערד און ווער איז איר שטיפקינד? ווו ליגט די סיבה וואָס קאַזשימיעזש איז פאַרשוויגן געוואָרן און יצחק האָט זיך צעזונגען? האָט זיך דער פּוילישער דיכטער אַנטוישט אינעם נייעם פּוילן, אין איר דיקטאַטאָרישער גרויס־קייט־מאַניע און קאָרופּציע, בעת דער ייִדישער דיכטער האָט געזען אין זיין וויזיע די „גינה קטנה״, וואָס ווערט פון חלוצישע הענט געפלאַנצט אין די ווייטע מדבריות פון כנען?...

ווען איך האָב טעטמייערן געזען אין אַ צייט אַרום אין וואַרשע זיך שלייכן ביי די ווענט, אַ באַוואַקסענעם, אַן איינגעשרומפּענעם, פלעגן זיך פאַרבייגייער מיט מורא אָפּרוקן פון אים... ווי מ׳האָט איבערגעגעבן, איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין בן־יחיד, אַ יונגער מאָלער, דער איינציקער נאָענ־

טער מענטש וואָס איז אים פאַרבליבן. טעטמייער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט אים און אייניקע טעג געהאַלטן דעם טויטן קערפּער אין אַ פאַר־שלאָסענעם חדר און נישט אָפּגעטרעטן פון אים... ער האָט גערעדט צו אים ווי צו אַ לעבעדיקן, געלייענט פאַר אים זיינע לידער... אפשר געשאַפן נייע, זייער אינהאַלט איז צו קיינעם נישט דערגאַנגען... ווען מ'איז גע־קומען אַרויסטראָגן דעם טויטן קערפּער, האָט אים דער פאָטער נישט גע־וואָלט אַרויסגעבן:

— ער שלאָפט — האָט ער געשעפּטשעט — וועקט אים נישט... מיין זון שלאָפט אַזוי רויק...

טעטמייער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין משוגעים־הויז, אין זיין באַפרייטן פּוילן; קאַצענעלסאָן — אין אַן אומבאַקאַנטן קבר פון די דייטשע פאַרניכטונג־לאַגערן.

**
*

נאָך אַן עפּיזאָד איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון יענעם קורצן באַזוך אין זאַקאָפּאַנע. דער רעגיאָנאַל־עטנאָגראַפישער מוזיי וואָס האָט זיך אויס־געצייכנט מיט זיין רייכער קאָלעקציע זאַמלונגען, וואָס האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן צוגערייזטן..

**
*

נאָך אַ צוויי וואָכן פאַרברענגען אין זאַקאָפּאַנע, האָבן איך מיך שוין געפילט אַרבעט־פעיק. האַלפערן האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט קראָקע, ווו ס'האָט געווינטערט די קאָמפּאַניעיעץ־מישפּחה. מיר האָבן טאַקע אַ חודש־צייט אָפּגעשפּילט מיט זיי אונדזער קאַמער־רעפּערטואַר. פון דאָרט האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און גענומען אָרגאַניזירן אונדזער ערשטן טורנעי נאָך אסתר־רחלס טויט.

צו יענער צייט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך ווידער צו באַ־געגענען מיט דער „הבימה״, וואָס האָט אָנגעהויבן אירע גאַסטשפּילן אין וואַרשע. זינט אונדזער באַגעגעניש אין מאָסקווע, ווען די הבימה־סטודיאַנטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פּראָפעסיאָנאַליזירן, האָבן זיי שוין באַוויזן זיך צו דערוואָרבן אַ חשובן אָרט אינעם רוסישן טעאַטער און זייער שם איז

זיי פּאַרויסגעגאַנגען איבער די גרעסטע וועלט־מעטראָפּאָליעס. די גאַסט־שפּילן פון דער „הבימה" האָבן, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד ביים פוילישן יידנטום און דרך־ארץ און אָנערקענונג ביי דער פּוילישער אינטעליגענץ. ס׳איז געווען אַ מאָראַלישע פאַרגיטיקונג און דער־מוטיקונג אין דער נידערגעשלאָגנקייט און דעזאָריענטאַציע וואָס דער אַנ־טיסעמיטיזם און די דיסקרימינאַציע האָבן אַריינגעבראַכט אינעם יידישן לעבן. ס׳האָט אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ די הערצער פון די פוילישע יידן און געוועקט די גלייכגילטיקע, געמוטיקט די אַקטיווע. גע־מאָנט ביי זיי מעשים. נישט איינער פון די איצטיקע וותיקים אין לאַנד האָבן צו פאַרדאַנקען זייער עליה די דעמאָלטיקע גאַסטשפּילן פון דער „הבימה" אין אייראָפּע. די הבימאַנער האָבן זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, סאַראַ גרויסע ווירקונג זייער טורנייע האָט געהאַט אין יענער צייט אויף די יידישן מאַסן, כאָטש זיי אַליין זענען דאַן אויך געווען דעז־אָריענטירט און האָבן איבערגעלעבט אַן אינערלעכן קריזיס: אַמעריקע, צי ארץ־ישראל? דער דאָזיקער קריזיס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צמחס פאַרלאָזן די „הבימה", זיין לעבנסווערק, וואָס ער האָט אויסגעהלומט און מיט אַזוי פיל מסירת־נפש געשאַפן. ער האָט די דאָזיקע שפּאַלטונג פאַרויסגעפילט און זיך געשראָקן פאַר איר. איין מאָל, פאַרבייגייענדיק רימאַרסקע 12, ווו ס׳זענען זיינע ערשטע פרוּוון פון „הבימה העברית" ביי די „חובבי־שפת־עבר", האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפן אַריינ־גאַנג און באַדויערט, וואָס יענע שיינע צייטן זענען פאַרשוווּנדן.

— איצט — האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מיר — זענען מיר אַריין אין פּראָפּעסיע... ראָלן, הינטערקוליסן־פּאָליטיק... און דער ציל? — אַמעריקע...
— ער האָט זיך געשראָקן פאַר אַמעריקע און זיין פאָרגעפיל האָט אים נישט גענאַרט...

די אויפטריטן פון „הבימה" האָבן, אַ חוץ דעם טיפן רושם וואָס זיי האָבן געלאָזן, אויך משפיע געווען אויף אַ סך טעאַטערס מיט דער נייקייט און געוואַגטקייט פון אירע דערגרייכונגען און אָנגערעגט געוויסע רעזשי־סערן צו גיין אין אירע דרכים.

**
*

די צוגרייטונגען צו אונדזער נייעם טורניי זענען אָנגעגאַנגען אינ־טענסיוו. ס׳האָט אונדז דערמוטיקט די שטאַרקע פּאַראינטערעסירונג, וואָס ער׳ האָט אַרויסגערופן איבערן לאַנד. האָבן מיר טאַקע געהאַט בדעה אונ־טערצוטראָגן דעם עולם, אַ חוץ דער פּיעסע פון לעאָניד אַנדרייעוו „דער געדאַנק״, צוויי, אַזוי־גערופענע „אויסשטאַטונג״־פּיעסן: „דער ערדגייסט״ פון וועדעקינד און „די גילדענע רויזע״ פון רעסלער. מיר האָבן ענדלעך אויסגענוצט די סקיצן פאַר די דעקאָראַציעס, וואָס פריץ קליימאַן האָט בשעתו צוגעגרייט אין לעמבערג, באַשטעלט מוזיק־באַגלייטונג ביי יצחק שלאָסבערג און געהאָפט מיט די דאָזיקע פּיעסן אויסצופילן דעם גאַנצן סעזאָן. צו אונדזער אַנטוישונג זענען די אויסשטאַטונג־פּיעסן נישט גע־פעלן דעם עולם און מיר האָבן געמוזט אויף גיך זיי פאַרבייטן אויף צוויי אַנדערע: „דער גורל״, באַאַרבעט דורך י. וואַקסמאַן פון אַ רוסישער מע־לאָדראַמע און „דער קרבן״, וועלכן מיין ברודער יצחק האָט באַאַרבעט פון אַסיפּ דימאָוֹוס אַן איינאַקטער. ביידע פּיעסן האָבן נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין גרויסן ווערט. זיי האָבן אָבער פאַרמאָגט „סצענישקייט״, מיט אַנדערע ווערטער: סענסאַציאָנעלן סיפּור־המעשה, שפּאַנענדיקן דיאַ־לאָג און פאַרכאַפּנדיקן ריטעם. אידאָ און איך האָבן, פאַרשטייט זיך, גע־האַט געשיקט־צוגעשניטענע און צוגעפּאַסטע ראָלן, וואָס זענען פון פאַרויס געווען אויסגערעכנט אויף צו „געפעלן״.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך מיין נישט־פאַרהיילטע פאַר־קילונג אָפּגערופן און מיר זענען געווען געצוווּנגען איבערצורייסן דעם טורניי. דאָס מאָל האָט מען מיך אַרויסגעשיקט אין די סאָסנאָווע וועלדער פון דער אָטוואָצקער ליניע. דאָרט בין איך אויך איבערגעקומען פילסוד־סקיס מאַי־איבערקערעניש און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ממשותדיקע אַרבעט אין וואַרשע, וואָס זאָל גלייכצייטיק דינען ווי אַ פּרוזדור צום אויסלאַנד־טורניי.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז אַ סעזאָן אין וואַרשע דאַרף זיין אין אַלע הינ־זיכטן גוט צוגעגרייט, סיי אין זין פון אַנסאַמבל, סיי פון רעפּערטואַר. די צוגרייטונגען האָבן געפאָדערט אַ סך צייט און די דאָזיקע צייט האָט אונדז געקאָנט געבן אַ נייער טורניי איבער דער פּראָווינץ.

***

די פוילישע פראָווינץ איז פון תמיד אָן געווען אונדזער הכנסה־קוואַל אויף צו דעקן דעפיציטן פון דער גרויסער שטאָט. וואַרשע, ווילנע, לעמבערג זענען געווען מיין פאַקטישער אַרבעט־וואַרשטאַט, ווו איך האָב דורכגעמאַכט די פּראָדוקטיוווסטע עטאַפּן פון מיין אַרבעט אין אייראָפּע. די שטאָט האָט געגעבן איר הסכמה, איר סמיכה, — די פּראָווינץ, דאַקעגן, איז געווען דער סאָלידער און דאַנקבאַרער אָפּנעמער. נישט איין מאָל פלעגן מיר אָבער עקספּלאָטירן דעם צוטרוי פון דער פּראָווינץ און איר ברענגען מינדערווערטיקע פּיעסן, וואָס זענען אָבער געווען באַקוועם פאַר אונדז. מיר פלעגן געבן זאַכן, וואָס זענען געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך פאַר אונדזער עולם, פאַר אונדז אָבער — ראָלן צום אויסצייכענען זיך. די פּראָווינץ פלעגט עס געדולדיק טאָלערירן, מיט דער האָפענונג אויף אַ צווייטן, ווערטפולן גאַסטשפּיל.

פלעגן מיר זיי טאַקע געווינטלעך פאַרגיטיקן פאַר די מינדערווערטיקע גאַסטשפּילן מיט אַ „וויקט״־טורנעי, אָדער מיט קאַמעראַלע פאָרשטעלונגען פון אַ ווערטפולן רעפּערטואַר. ווי ס'זאָל אָבער נישט זיין פלעגן אַפילו די מינדערווערטיקע פּיעסן ווערן זאָרגפעליק צוגעגרייט און, אויב זיי האָבן נישט געקאָנט באַפרידיקן דעם פיינשמעקער, האָבן זיי אָבער נישט שאָקירט זיין געשמאַק. מיר פלעגן די וואָקסמאַן־פּיעסן, למשל, אָדער אַ „טייוול לאַכט״ „אַנטשונדעווען״, אַזוי צו זאָגן, רייניקן, פּאָלירן, אויסבעסערן שפּראַך, טעקסט; שאַפן, אויף וויפל ס'איז געווען מעגלעך, אַ לאָגישע פאַרבינדונג און אידעיִשן הינטערגרונט. נישט איין מאָל האָבן די דאָזיקע פּיעסן, אַדאַנק אונדזערע „אָפּעראַציעס״, באַקומען די בעסטע אָפּרופן פון ערנסטע קריטיקער, ליידער האָבן נישט אַלע „גאַסטשפּילער״ געהאָט די זעלבע באַציִונג, אָדער פאַרשטענדעניש און די פּראָווינץ איז מיט דער צייט געוואָרן דאָס כפּרה־הינדל פון פאַרשידענע אַקטיאָרישע „קאַפּריזן״ און חוצפּהדיקן עם־הארצות. דאָס האָט סוף־כל־סוף גורם געווען דאָס שאַפן די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מילחמה אַ פאַרבאַנד פון טעאַטער־קאָמיטעטן אין לאַנד, זייער ציל איז געווען צו באַקעמפן די

הפקרות, אָרגאַניזירן די טעאַטער־באַזוכערס און צו שטעלן אונטער אַ גע־זעלשאַפטלעכער קאָנטראָל די טעטיקייט פון די וואַנדערנדיקע טרופּעס.

אויב אונדזערע טורנייען אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, האָבן מיר עס געהאַט צו פאַר־דאַנקען דעם אָפּקלאַנג פון אונדזערע דערגרייכונגען אין „צענטראַל"־טעאַ־טער. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַן איבערחזרונג פונעם דערגרייכטן. מיך האָט געטריבן צו נייער שאַפונג־אַרבעט, צו אַ נייעם פּאַרמעסט. צו אַזאַ פּאַרמעסט האָבן מיר באַדאַרפט לייזן דריי וויכטיקע פּונקטן: באַשטימען די רעפּערטואַר־ליניע, אַנגאַזשירן דעם פּאַסיקן אַקטיאָרן־אַנסאַמבל און באַקומען דעם אַנטשפּרעכיקן טעאַטער־בנין אין וואַרשע. די פינאַנציעלע פראַגע האָט אין דעם פאַל ווייניקער באַזאָרגט, וואָרן מיר האָבן געהאַט הינטער זיך די פּראָווינץ. זענען מיר ווייטער אַרויס אויף אַ לענגערן טור־ניי, בעת וועלכן מיר האָבן געהאַפט צו געווונען צייט און צו מאַכן די גע־העריקע צוגרייטונגען.

17

חבלי־לידה פון אַ טעאַטער־סעזאָן

ביים אָרגאַניזירן אַ טעאַטער־סעזאָן פלעגן זיך די איניציאַטאָרן נוהג זיין, קודם־כל, צו אַנגאַזשירן די טרופּע און דערנאָך ערשט זאָרגן וועגן רעפּערטואַר. איך האָב דאָס מאָל אָנגעהויבן טראַכטן פריִער וועגן אַ רע־פּערטואַר, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון דער צייט און זיין אַן אויסדרוק פונעם געזעלשאַפטלעכן פּרצוף פון אונדזער טעאַטער.

רעפּערטואַר איז שוין במילא טעאַטער, דאָס האַרץ פונעם לעבעדיקן אָרגאַניזם וואָס טעאַטער שטעלט מיט זיך פאָר. כדי אָבער דאָס האַרץ זאָל זיין אַ געזונטע טרייבקראַפט אין אַ געזונטן גוף, דאַרף דער רעפּערטואַר מיט זיך פאָרשטעלן אַ ריי קאָנסעקווענט־צוגעקליבענע פּיעסן, פאַראיי־ניקט אין אַ געמיינזאַמען אידייען־פּלאַן, וואָס איז מסוגל אויף אַ קינסט־

לערישן אופן אויסצודריקן די פאַרשידנסטע צאַפּלענישן פון מענטשלעכן גייסט.

איך בין נאָך דאַן געווען אונטער דער השפּעה פון מייערכאָלדס לערע, אַז דאָס טעאַטער דאַרף נישט זיין קיין פאַרענדיקט קינסטלעריש ווערק, ווי, למשל, אַ פאַרענדיקט בוך, אָדער בילד, נאָר, פאַרקערט, אָנשטעקן דעם צושויער מיט דער קינסטלערישער שאַפונג וואָס קומט פאַר פאַר זיינע אויגן און אַריינציִען אים אין דער דאָזיקער שאַפונג. קונסט, האָט ער געהאַלטן, דאַרף אַריינגעפּירט ווערן אין לעבן און די בינע — אין צושויער־זאַל. אונטערן איינפלוס פון מייערכאָלדס לערע, האָב איך געמאַכט מיינע ערשטע אויפפירונגען אין „צענטראַל"־טעאַטער.

במשך פון דער צייט האָב איך באַוויזן צו דערנענטערן זיך צו פּיסקאַטאָרס שיטה, צו זוכן אין דער קונסט נישט נאָר די אויסערלעכע ווירקונג, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַן אויסשליסלעך עסטעטישן ווערט און וואָס פאַרשווינדט, סוף־כל־סוף, מיטן פאַלן פון פאַרהאַנג. דאָס טעאַטער דאַרף נישט בלויז פאַרשענערן דאָס לעבן, נאָר אויך פאַרטיפן עס; נישט נאָר זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון דער צייט, נאָר אויך אַ מיטל, אַן אָנרעגונג און וועגווייזער ווי אַזוי די צייט צו פאַרשענערן. איך האָב געזוכט דעם סינטעז צווישן די צוויי שיטות. פאַר אַזאַ סינטעז איז נייטיק געווען אַן אָנטשפּרעכיקער רעפּערטואַר. האָבנדיק פאַר זיך די דאָזיקע אויפגאַבעס, איז מיר שוין לייכטער געווען זיך צו אָריענטירן אינעם אויסוואַל פון די ערשטע צוויי פּיעסן, לכל־הפּחות. נאָכן אויסגעפינען די דאָזיקע פּיעסן, וואָלטן מיר שוין געקאָנט צוטרעטן צום אויסקלייב פונעם אַקטיאָרן־באַשטאַנד און גלייכצייטיק אָנהייבן זוכן אַ פּאַסיקן טעאַטער־בנין.

נאָך דעם ווי איך בין איבערגעקומען די תקופה פון „אייראָפּעיִשקייט", איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז יעדער נייער טעאַטער־פאַרמעסט ביי אונדז דאַרף זיך באַזירן אויף אָריגינעלן, דאָס הייסט, יִדישן רעפּערטואַר. אויב מיר וועלן במשך פון סעזאָן, פאַר וועלכן מיר האָבן פאַרויסגעזען זעקס פּיעסן, שפּילן דריי איבערגעזעצטע, דאַרפן די אַנדערע דריי באַשטיין פון אָריגינעלע יִדישע ווערק. געפינען זיי זיך נישט אונטער דער האַנט, דאַרף מען זיי שאַפן, זוכן אינעם אַלטן, נישט אויסגענוצטן אוצר און אַריינהויכן

אין זיי הייִנטצײַטיקייט. ווי אַ באַלערנדיקער בײַשפּיל האָט דאָך מיר געדינט עטינגערס „סערקעלע". געוואָלט האָט זיך שטאַרק עפּענען דאָס טעאַטער מיט אַ גרויסן גאָלדפּאָדן־ספּעקטאַקל. פאַר אַ צווייטן — אַרויס־קומען מיט אַ מאָדערנער פּיעסע פון אַ מחבר, וואָס איז נאָך אונדזער עולם נישט באַקאַנט. מיר האָבן זיך אָנגעלאָדן מיט אַ היפּשן באַגאַזש לייען־מאַטעריאַל, אָנהייבנדיק פון אַקסנפעלד, עטינגער, גאָטלאָבער און ענדיקנ־דיק מיט ערנסט טאָלער, ראָמען ראָלאַן און אַלעקסיי טאָלסטאָי.

דער ערשטער חודש פון אונדזער טורנעי האָט באַדאַרפט דעצידירן אינעם אויסוואַל פון די ערשטע צוויי פּיעסן, כדי זיי באַצײַטנס צוצוגרייטן און צו לייזן די איבעריקע פראַגן וואָס זענען געווען דערמיט פאַרבונדן.

בעת אונדזער טורנײ איבער שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט פון די פריִערדיקע באַזוכן, האָב איך פאַרבראַכט די פרייע צײַט איבערן לייענען די פּיעסן. אין די נײַע ערטער וואָס מיר האָבן באַ־זוכט, האָב איך אָבער נישט געקאָנט בײַשטיין דעם ניסיון און זיך געלאָזט ווילגיין, שפּאַצירנדיק אויף צו דערקענען זיי. איך האָב טאַקע נישט איין אינטערעסאַנטע זאַך דערלערנט און נישט איין עמאָציאָנירנדיקע איבער־לעבעניש מיטגעמאַכט. אייניקע פון זיי וויל איך דאָ דערמאָנען.

אָט זענען מיר אין טשאָרטקאָוו, גאַליציע, באַרימט צוליבן טשאָרט־קאָווער רבין און זײַן הויף, וואָס האָט געשמט איבער דער אַמאָליקער עסט־רייך־אונגאַרישער אימפּעריע. אַפילו אין די שכנותדיקע לענדער האָבן זיך געפינען טשאָרטקאָווער חסידים, וואָס פלעגן צו די יום־טובים אַריבער די גרענעץ, כדי צו עסן שיריים בײַם רבינס טיש און צו דאַווענען אינעם קלויז בײַ זײַן פּאַלאַץ. ס'זענען אַפילו אַרומגעגאַנגען קלאַנגען צווישן פאָלק, אַז הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן פונעם קייזערלעך־קעניגלעכן הויף פלעגן זיך בשתיקה אַראָפּכאַפּן צום טשאָרטקאָווער רבין נאָך אַן עצה און אַז ער אַליין, דער רבי, הייסט עס, איז געווען אַן איינגייער אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ אין ווין.

בײַ אונדזער באַזוך אינעם פּוילישן טשאָרטקאָוו האָט שוין דער אַמאָ־ליקער גלאַנץ פונעם רבינס הויף געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. דער „טשאָרטקאָווער" אַליין איז געווען אין אויסלאַנד און זעלטן פלעגן זיך

באַוויַיזן זייַנע חסידים פון אַנדערע לענדער. די פּוילישע באַן־קאָנדוקטאָרן פון יענער ליניע האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער „געפּאַלנקייט" פון רעליגיעזע ייִדן, אויף פאַרשידענע „נאַרישע ספּאָרטן", וואָס האָבן פאַרכאַפּט די יוגנט:

— ווי קומען ייִדעלעך צו פוטבאָלמעטשן, — האָבן זיי געסענהט אין אַ גאַליציאַנער פאַרגווייִשטן ייִדיש — ספּאָרטן איז אַ קריסטלעכע פּרנסה. ייִדעלעך דאַרפן אַ רבין! האָבן מיר טאַקע אויך געהאַט פון זיי פּרנסה! אָט איר, פּאַנאָוויע, למשל, פאָרט פון לעמבערג קיין טשאָרטקאָוו. — חי איז דאָס געהערט געוואָרן אַמאָליקע צייטן, אַז ייִדעלעך זאָלן קויפן באַן־בילעטן! וואָס איז? די באַנק פּאָלסקי וועט באַנקראָטירן? ס'וואָלט אייך געקאָסט ביליקער און מיר וואָלטן געהאַט פון וואָס צו לעבן! הייַנטיקע פּאַסאַזשירן, מישטיינס געזאָגט"...

פון די „אַמאָליקע" צייטן איז פאַרבליבן אינעם רבינס הויף אַ „זעווירדיקייט", וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. אַלתר קאַציזנע, וואָס האָט זיך גראָד צו יענער צייט געפינען אין טשאָרטקאָוו, מאַכנדיק אויפנאַמעס פאַרן ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", האָט אונדז דערציילט אַ מערקווירדיקע געשיכטע. געווען אַ מאָל אַ פּשוטער ייִד אין לובלין, אַ טשאָרטקאָווער חסיד, וואָס פלעגט פאָרן צו זיין רבין איבער יענער זייט גרענעץ איין מאָל אין יאָר. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך דער חסיד צעקריגט מיט זיין וויַיב און ווען זי איז אַראָפּ מיט אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ אין קעלער, האָט ער איר נאָכגעשריגן: „ווער פאַרברענט!"... דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז די לאָמפּ זאָל איר אַרויספאַלן פון האַנט און זי איז טאַקע פאַרברענט געוואָרן אין קעלער... אַ פאַרצווייפלטער איז דער חסיד אָפּגעפאָרן צו זיין רבין און אים דערציילט די אויסטערלישע מעשה. נאָכן אויסהערן זיין חסיד, איז דער רבי לאַנג געווען פאַרטון אין זיינע מחשבות און, נישט קוקנדיק אויף אים, האָט ער אָפּגעפּסקנט מיט אַ זיפץ:

— אַז מע האָט אַזאַ בייזע צונג, שווייגט מען"...

פון דעמאָלט אָן האָט דער חסיד אויפגעהערט צו רעדן. ער איז נישט צוריקגעפאָרן אַהיים, פאַרבליבן אין אַ פאַרוואָרלאָזטן חדר אינעם רבינס הויז און זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. איין מאָל פלעגט מען אים

אַוועקשטעלן עסן אויפן פענצטער און ער פלעגט עס צונעמען ווען קיינער איז דערביי נישט געווען. איין מאָל אין נאַכט פלעגט זיך באַוויזן ליכט אין די לאָדנס פון זיין פענצטער. דאָס פלעגט ער זיך זעצן פראַווען חצות. דורך די שפּאַרעס אין די לאָדנס האָט מען דאַן געקאָנט וואַרפן אַ בליק אויף אים, אָבער דאָס האָט געמוזט געטון ווערן אין דער גרעסטער שטיל־קייט, ווייל דערפילנדיק די נאָענטקייט פון מענטשן פלעגט ער גיך פאַר־לעשן די ליכט און פאַרשווינדן. בלויז איין מאָל אין יאָר, צו כל־נדרי, פלעגט דער שותק פאַרלאָזן זיין חדר, זיך שטעלן ביים שטעל פון קלויז און אויך אַזוי שווייגנדיק זיך אומקערן צוריק. אַזוי יאָר־איין, יאָר־אויס, צענדלינגער יאָרן האָט ער זיך נישט געוויזן פאַר קיינעם און מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

ווען קאַציזנע האָט מיר פאַרגעלייגט צו גיין נאָך אונדזער פאַרשטע־לונג זען דעם שותק, האָב איך מיט נאָך אייניקע חברים אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. ווען טשאַרטקאָוו איז געווען פאַרטון אין טיפן שלאָף, האָבן מיר זיך שטילערהייט, דערנענטערט צום זייטיקן שטיבל אינעם רבינס הויף און מיט קלאַפּעדיקע הערצער זיך געשטעלט פאַר די לאָדנס. די פינצ־טערניש פון דער נאַכט, די מיסטעריע אַרום דער לעבעדיקער לעגענדע וועגן „לובלינער שותק”, ווי מ׳האָט אים גערופן, די טויטע שטילקייט אַרום, האָט געשאַפן אַ מאַקבעט־שטימונג ביים דערוואַרטן דאָס דערשיי־נען פון די מכשפות... ממש שעקספּירישע טראַגעדיע... און אָט עפנט זיך אינעווייניק אַ טירל מיט אַ שאַרפן סקריפּ און אויף דער שוועל באַווייזט זיך אַ געשטאַלט, וואָס האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט. גלייך ווי אַ שאָטן פון יענער וועלט וואָלט געעפנט די דעק פון זיין קבר און אַרויס ממשיך זיין זיין נישט דערלעבטע לעבן... ענלעך האָב איך אויסגעזען ביי מיין ערשטן אויפטריט אין שילערס „רויבער”, אין דער ראָל פון אַלטן מאָר, בעת ער ווערט באַפרייט פון קעלער, וווהין זיין זון פראַנץ האָט אים פאַרשפּאַרט...

איבערן איינגעהויקערטן גוף האָט זיך געטרייסלט אַ טויטנקאָפּ, אויסגעפורעמט אין פאַרמעט, אַרומגערינגלט מיט ווייסע, לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שיטערער באָרד, פאַרלאָשענע

אויגן, אַרומגענומען מיט אַ קרענקלעכער רויטקייט, זענען געווען טיף פאַר־שטעקט אין די איינגעפאַלענע אויגנלעכער... דאָס צאַנקעדיקע ליכטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט געוואָרפן אַ געלבלעכן שיין, וואָס האָט נאָך בלאַסער געמאַכט די טויטקייט פון זיין פּנים און אויסגעציטערט אַ משונהדיקן שאָטן הינטער אים אויף דער וואַנט... די לעבעדיקע מומיע האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט דערנענטערט צום פענצטער, שעפּטשענדיק עפּעס מיט די ווייסע ליפּן, זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, אַנגעשפּיצט די אויערן, זיך צו עפּעס צוגעהערט און — די ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן און אַלץ איז פאַרשווונדן. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן צום האָטעל, גלייך ווי הע־קאָטע מיט איר גאַנצן שטאָב מכשפות וואָלטן אונדז נאָכגעריטן אויף זייע־רע בעזעמער...

פון יענעם טורנייִ איז מיר אויך פאַרבליבן אין זכרון אַ פאַל, וואָס האָט זיך פאַר אונדז געקאָנט ענדיקן טרויעריק. מיר זענען געוואָרן פאַרבעטן צו געבן אַ פאָרשטעלונג אין צעשין, אַ שטאָט, וואָס איז געווען געטיילט אין צווייען, צווישן פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי. כדי צו זען יידיש טעאַ־טער, פלעגן טשעכישע יידן אַריבערקומען אין דער פוילישער טייל שטאָט און נאָך דער פאָרשטעלונג זיך אומקערן אַהיים. דעם טעאַטער־בנין, אין וועלכן מיר האָבן געשפּילט, פלעגט מען אַנדערע יידישע טרופּעס נישט פאַרדינגען. פאַר אונדז איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם, צוליב דעם גע־זעלשאַפטלעכן כאַראַקטער וואָס אונדזער אויפטריט האָט געטראָגן. די בינע־אַרבעטער, וואָס זענען באַשטאַנען פון דייטשן, זענען געווען שטאַרק אויפ־געבראַכט אויף דער יידישער חוצפּה צו פאַרשוועכן זייער שטאָטישן טעאַ־טער און האָבן פשוט זיך באַמיט צו סאַבאָטירן אונדזער פאָרשטעלונג. עס איז געווען זייער פיינלעך, אַרויסגייענדיק אויף דער בינע, צו פילן זייערע בליקן פול מיט שנאה און פאַראַכטונג. צום גליק האָבן מיר מיטגעפירט אַן אייגענעם בינע־אַרבעטער און ער האָט שוין געהאַלטן אויג, אַז די פאָר־שטעלונג זאָל אַדורך אָן סורפּריזן. אויף אונדז האָט אָבער געוואַרט אַ פיינלעכער סורפּריז נאָכן ענדיקן די פאָרשטעלונג. ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, האָבן זיך אַ לאָז געטון הינטער דער בינע באַגייסטערטע צו־שויער אונדז צו באַדאַנקען פאַר דער „גייסטיקער שפּייז", ווי זיי האָבן

זיך אויסגעדריקט, וואָס מיר האָבן זיי צוגעטיילט. זיי האָבן זיך באַקלאָגט וואָס אַזוי זעלטן באַזוכט זיי אַ גוטער טעאַטער און געבעטן אונדז צו זיין אָפטע געסט ביי זיי. ספּעציעל האָבן אויסגעדריקט זייער פריייד די ייִדן פון דער טשעכישער זייט, וואָס האָבן בכלל נישט געוווּסט פון אונדזער עקזיס־טענץ און דער דאָזיקער אָוונט איז געווען פאַר זיי ממש אַ רעוואָלאַציע, אַן אַנטפּלעקונג פון אַ קולטור, וואָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין מינ־דערווערטיק, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך ביז דאַן שעמען.

דער דאָזיקער אָוונט וואָלט זיכער פאַרבליבן צווישן די שענסטע דערינערונגען ביי אונדז און ביי די צעשינער ייִדן, ווען נישט אַן אויס־ברוך פון ווילדן אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט צעשטערט די דאָזיקע פרייד.

אין שטאָט האָט זיך געפונען אַ הויכשול פאַר אַגריקולטור און די פּריצישע זינדלעך, די „גאָלדענע יוגנט״ און שטעקן־העלדן, וואָס האָבן דאָרט שטודירט, האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער ייִדישער חוצפּה און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּצושרעקן סיי דעם עולם, סיי די אַקטיאָרן אָנצוגיין אויף להבא מיט ייִדיש טעאַטער. נאָך איידער מיר האָבן זיך באַוויזן צו פאַרפאַקן, האָט זיך באַוויזן הינטער דער בינע דער פאַראַנט־וואָרטלעכער פאַר דער פאָרשטעלונג, אַ טויטבלאַסער, אַ ציטערנדיקער, און אונדז געוואָרנט נישט צו פאַרלאָזן דעם טעאַטער־בנין, ווייל אין שטאָט קומען פאָר אַנטי־ייִדישע עקסצעסן. די סטודענטישע כוליגאַנעס דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן באַוואָפנט מיט שטעקנס און שלאָגן יעדן אַרויס־גייענדיקן פון טעאַטער מכות־רצח. פאַראַן אַ סך צעמזיקטע און פאַרוווּנ־דיקטע אויך צווישן די טשעכישע ייִדן. מיר דאַרפן, לויט זיין עצה, איבער־נעכטיקן אין טעאַטער און ערשט צומאָרגנס פרי אָפּפאָרן פון צעשין. די פּערספּעקטיוו צו פאַרברענגען אַ שלאָפלאָזע נאַכט אינעם אומהיימלעכן בנין האָט אונדז לגמרי נישט געשמעקט. די ציגישע שמייכלען אויף די פּנימער פון די בינע־אַרבעטער און זייערע וויצן אויפן חשבון פון די צע־מזיקטע, האָט אונדז באַוויגן נישט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג און נאָך די זעלבע נאַכט צו פאַרלאָזן די שטאָט. צום באַנהויף איז געווען נישט ווייט צו גיין און ס׳איז געווען נאָך גענוג צייט צו באַווייזן צום לעצטן צוג. מיר זענען צוזאַמען אַרויס אויף דער אויסגעשטאָרבענער גאַס און ס׳האָט

זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז דאָרט קיין לעבעדיקער מענטש נישט פאַראַן. פלוצים באַמערקן מיר צווישן די קאָלומנעס פון אַ גרויסן בנין, פאַר וועלכן מיר דאַרפן פאַרבייגיין, שאָטנס פון מענטשן מיט שטעקנס אין די הענט. ס׳איז קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס וואַרט אַ „דעלעגאַציע״ אויף צו געבן אונדז לעצטגעלט... צוריקצי׳ען זיך איז שוין געווען צו שפּעט, האָבן מיר פאַרשנעלערט אונדזערע טריט און אָנגעהויבן אויפן קול צו רעדן פּויליש און דווקא וועגן זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו די געשעע־נישן. ווייזט אויס, אַז אונדזער גוטער פּויליש, וועלכן זיי האָבן נישט דערוואַרט פון יידישע אַקטיאָרן, אונדזער דרייסטקייט און כלומרשטע גלייכגילטיקייט צו זיי, האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַ צעמישונג און צע־טומלונג. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט שווייגנדיק, ווי וועלנדיק זיך אַן עצה האַלטן מיט אַן אַנדער ווי אַזוי צו האַנדלען און — איידער וואָס־ווען — זענען מיר שוין געווען אויפן באַנהויף און אַריין אין צוג. ס׳איז אונדז באַשערט געווען אויסצומיידן דעם גורל פון אונדזערע אָרעמע באַזוכער.

דער דעמאָלטיקער אויפטריט איז טאַקע געווען אונדזער איינציקער באַזוך אין יענער שטאָט.

דעם דאָזיקן פאַרדריסלעכן פאַל האָבן אונדז פאַרגיטיקט די אויפטריטן אין קרעמעניעץ, וווּ מיר האָבן דווקא געשפּילט אינעם ריין־קאַטוילישן בנין פונעם היסטאָרישן ליציי. פון דאָזיקן ליציי זענען אַרויס אַ סך שיינע גייסטער פון פּוילישן פאָלק, צווישן זיי דער גרויסער יוליוש סלאָוואַצקי. די לעצטע יאָרן האָט זיך דאָרט געפינען אַ גלחים־סעמינאַר און מיר האָבן אויף אונדזערע פאָרשטעלונגען געהאַט אייניקע באַזוכער אין לאַנגע גלחישע מלבושים. דער פאַרוואַלטער פון סעמינאַר האָט זיך אַפילו פאַראינטערע־סירט מיטן מצב פון יידישן טעאַטער אין פּוילן, מיט זיין רעפּערטואַר און עקאָנאָמישער לאַגע. ווען מיר האָבן אים דערציילט וועגן דער באַציִונג פון געווויסע קרייזן, וועגן דיסקרימינאַציע און וועגן דעם צעשינער פאַל, האָט ער אַרויסגעוויזן טיפן פאַרדראָס און ווידערגעפיל:

— פון אונדזער ליציי האָט ער געזאָגט — גייען אַרויס אַנדערע פאַלאַקן. ביי אונדז הערשט דער גייסט פון סלאָוואַצקי...

און אָט שפּילן מיר אין דער שכנותדיקער דובנאָ, וואָס איז אַ סך ריי־

כער און אויפגעלעבטער פונעם פּאַרוואָרפענעם קרעמעניעץ. דאָרט געפי־
נען זיך מילן, ברויערייען, פּלאַנטאַציעס פון האָפּן, לויטן טשעכישן שטיי־
גער. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ שיינע יוגנט, מיט אַ דראַמקרייז, פון וועלכן
מיר זענען געוואָרן ערן־מיטגלידער. פאַראַן אַפילו צוויי „פּראָפעסיאָנעלע״
אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, פירן אָן מיטן דראַמקרייז און
פאָרן אויף „גאַסטראָלן״ אין די שכנותדיקע וואָלינער שטעט. אין דובנאָ
געפינען זיך זעווירדיקייטן וואָס דערמאָנען אָן דער וויכטיקער סטראַטע־
גישער פּאָזיציע, וואָס די דאָזיקע שטאָט האָט פאַרנומען אין די קאַמפן
צווישן די דריי טראַדיציאָנעלע שונאים: רוסלאַנד, אוקראַינע און פּוילן.
אָט איז די פעסטונגשיל, איינע פון אַ סך ענלעכע שילן, וואָס זענען גע־
בויט געוואָרן אין די דאָזיקע ראַנדגעביטן. זיי האָבן געדינט גלייכצייטיק
אי פאַר גאָט, אי פאַר לייט, צו תפילה און צו ראַטעווען דאָס חיות קעגן די
היידאַמאַקישע און אַנדערע אַנגריפן.

אַן ענלעכע שיל האָב איך אויך געזען אין אָסטראָג. זי איז געווען באַ־
קאַנט אונטערן נאָמען: מהרש״א־שיל און האָט געדינט ווי אַ פאַרטיידי־
קונג קעגן כמעלניצקיס באַנדעס. אין איינע פון אירע ווענט האָט זיך אַפילו
געפינען אַ רוסישע האַרמאַטן־קויל, וואָס איז געבליבן דאָרט שטעקן. די
דאָזיקע שיל איז געווען פאַראייניקט דורך אַ טונעל מיט אַן אַלטן שלאָס
וואָס האָט זיך געפינען אין דער צווייטער זייט שטאָט.

אין דובנע האָט מיך בעיקר פאַראינטערעסירט די שטאָטישע פעסטונג
מיט די אונטערערדישע גענג, מיט די טורעמס, מיט די שוצגראַבנס, וואָס
זענען מיר אַזוי באַקאַנט פון גאָגאָלס „טאַראַס בולבאַ״. ס׳איז אַמאָל גע־
ווען מיין באַליבט בוך, געקענט אים כמעט אויסנווייניק. און אָט רע־
קאָנסטרויר איך אויף דער וואָר די ריכטיקייט פון גאָגאָלס שילדערונג.
אַזעלכע שעהען־לאַנגע שפּאַצירן און אין אָוונט די וואַרעמקייט, וואָס
פלעגט זיך טראָגן צו אונדז פונעם דאַנקבאַרן עולם, פלעגן זיין אַ פאַרגי־
טיקונג פאַר די שוועריקייטן און גרילצן, וואָס האָבן נישט געפעלט בעת
אונדזערע רייזעס.

און אָט פאָרן מיר צו דער באַן. איך זיץ לעבן באַלעגאָלע און הער זיך

צו צו זיין לעבנס־פילאָזאָפיע און בין, פאַרשטייט זיך, מסכים מיט אים אין אַלץ וואָס ער זאָגט:

— מיר, באַלעגאָלעס און איר, אַקטיאָרן — גיט ער מיר צו פאַרשטיין — זענען דאָך פון איין פאַך: מיר לעבן פון די רעדער און איר לעבט פון די רעדער... וואָס זשע מיינט איר, ס'מעג אויף אונדזביידן קומען אַ ישועה...

***

אַזוי פאָרנדיק מיט די רעדער פון באַנען, אויטאָבוסן און „בריטשקעס", איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונדזער „וויקט"־סעזאָן, האָט מען צוגעגרייט די ערשטע צוויי פּיעסן, אַנגאַזשירט אַקטיאָרן, ביז מיר זענען אָראָפּגעקומען קיין וואַרשע — באַצייטנס צוצוטרעטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט.

פאַר די ערשטע צוויי פּיעסן האָבן מיר באַשטימט גאָלדפאַדנס „לא תחמוד" און ראָמען ראָלאַנס „די וועלף".

מיט דער גאָלדפאַדן־פאַרשטעלונג האָבן מיר אויך געוואָלט באַצייכענען דעם 50סטן יובל פון פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. מיר האָבן אויסגעקליבן „לא תחמוד" צוליב צוויי טעמים: די דאָזיקע גאָלדפאַדן־אָפּערעטע איז געווען ווייניקער אָפּגעשפּילט און צווייטנס, אַנטהאַלט זי רייכן שטאָף פון פאַרווײַלנדיקער טעאַטראַלישקייט, וואָס קאָן אויסגענוצט ווערן ווי אַ קאָלירפולע קאַנווע פאַר אַ הייַנטצייטיקער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער סאַטירע.

„לא תחמוד" איז געדרוקט געוואָרן אין 1897 אין קראָקע, אונטערן נאָמען: „דער שטן, אָדער דער צענטער געבאָט". דער מאַנוסקריפּט טראָגט דעם נאָמען „דער אשמדאי" און זיין שער־בלאַט, וואָס שטעלט פאָר אַ האַלבן נאַקעטן טייוול, איז געצייכנט פון גאָלדפאַדן גופא. דאָס שטיק ווערט אין דאָזיקן עקזעמפּלאַר באַצייכנט ווי אַ: „קאָמישע אָפּערעטאַ (צויבערמער־כען) אין 5 אַקטן, 10 פאַרוואַנדלונגען און 29 בילדערן, אָריגינאַל פאַר־פאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען (מוזיק, דעקאָראַציאָנען, קאָסטיומע אַראַנ־זשירט פאָם פערפאַססער), צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אויף דער ביהנע אין ניו־יאָרק (אַמעריקא, 1887)".

צום צווייטן מאָל איז „דאָס צענטע געבאָט" אויפגעפירט געוואָרן

אין לעמבערג אין 1891 „אונטער דער פּערזענליכען לייטונג דעס אויטאָרס".

זיין דריטער גילגול איז פאָרגעקומען אין 1907 אין קיִעוו, אינעם טעאַטער פון סעם אַדלער, אונטערן נאָמען „פּריץ אין פּראַק" און אָפּגעהאַלטן דאָרט אַ ביז גאָר גרויסן דערפאָלג.

נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז „לא תחמוד" אויפגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער „יידישן קאַמער־טעאַטער" אין דער באַאַרבעטונג פון דאָברושין און גראַנאָווסקי; אין „יידישן קונסט־טעאַטער" פון מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרק און איצט האָט אים דערוואָרט אַ נייע באַאַרבעטונג אין אונדזער „וויקט".

פאַר דער דאָזיקער באַאַרבעטונג האָב איך געזוכט אַ דיכטער, וואָס זאָל, אַ חוץ דעם אַרויספילן גאָלדפאַדנס פאָלקסטימלעכן סטיל, אויך האָבן חוש פאַר הומאָר און פאַר געזעלשאַפטלעכער סאַטירע. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף משה בראָדערזאָן. אָבער — ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ער איז אין לאָדזש און איך — יעדן טאָג אין אַן אַנדערער שטאָט. איך שרייב אים אַן וועגן דעם, באַקום אַן ענטפער, שיק אים איבער מיין אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער פאָרשטעלונג, איר סצענישע ליניע, איר אידעיִשן רוקנביין, — ער שיקט מיר צוריק זיינע באַמערקונגען, פאָרשלאָגן און גאָר אין גיכן באַקום איך אַן אויספירלעכן סינאָפּסיס, גאַנצע דיאַלאָגן, לידער און עס ווערט געבוירן אַ פּיעסע.

סאַראַ וויטיק, וואָס די דאָזיקע בריוו פון משה בראָדערזאָן האָבן זיך נישט אָפּגעראַטעוועט. וואָסער אינטערעסאַנטער, גייסטרייכער, הומאָרפולער מאַטעריאַל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פאַרן לעבנסלוסטיקן, קלוגן און אינטעליגענטן בראָדערזאָן, איז פאַרלוירן געגאַנגען! סאַראַ רייכקייט פון שפּראַך, משונהדיקע קאַלאַמבורן, ווערטער־עקווילבריסטיק, אַן אוצר פון שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך האָבן אַנטהאַלטן די דאָזיקע בריוו! דער עיקר אָבער — מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען, דערפילט, דערגאַנצט איינער דעם צווייטן און קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן, אַז דער אינסצעניזאַטאָר און באַאַרבעטער האָבן די דאָזיקע געמיינזאַמע אַרבעט געמאַכט דורך קאָרעספּאָנדענץ.

אגב — אין יאָרן שפּעטער, אין בראַזיל, אויפפירנדיק אין ריאָ דע זשאַגייראָ שלום־עליכמס „גרויסע געווינס", האָב איך אַן ענלעכן עקס־פּערימענט געמאַכט מיטן באַרימטן מאָלער לאַזאַר סעגאַל, וואָס האָט גע־וווינט אין סאַן־פּאַולאָ. סעגאַל האָט קיין מאָל נישט פּראַיעקטירט קיין טעאַטער־דעקאָראַציעס און די בינע־טעכניק איז אים געווען לגמרי אומ־באַקאַנט. האָב איך אים דורך בריוו געגעבן ממש לעקציעס וועגן בינע־איינריכטונג, טעכניק און באַלייכטונג, דערנאָך אים אויסגעשריבן דעם אינהאַלט פון שלום־עליכמס ווערק, אויפגעקלערט זיין געזעלשאַפטלעכן הינטערגרונט און מיין צוגאַנג צו אים אין דער סצענישער אינטערפּרע־טאַציע. אַזוי אַרום זענען לויט סעגאַלס סקיצן און פּראַיעקטן געשאַפן גע־וואָרן די פּרעכטיקע דעקאָראַציעס, וואָס האָבן אויף אַ הומאָרפולן אופן געהאָלפן אַרויסברענגען די געווונטשענע אַטמאָספער. אין דעם פאַל איז אונדזער קאָרעספּאָנדענץ געפירט געוואָרן אין רוסיש און זיינע בריוו גע־פינען זיך אין מיין אַרכיוו.

אין דער באַאַרבעטונג פון „לא תחמוד" האָבן מיר זיך באַמיט צו געבן אַן אָנדייט אויף די געשעענישן אין פּוילן נאָך פּילסודסקיס רעוואָ־לוציע. דעם דרוק פונעם „אַשמדאַי", דעם „יצר־הרע", וואָס פירט אַ כסדר־דיקן קאַמף מיטן „יצר־טוב", — אַ רמז אויף דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, אויפן אַנטיסעמיטישן קורס, וואָס באַשרענקט די פרייהייט און עקזיס־טענץ־מעגלעכקייטן פונעם פּוילישן ייִד, טרייבט אים פון אָרט צו אָרט, ברענגט אים אַפילו צום קבר פון ר' שמעון בן יוחאי... ס'ווערט אויך נישט געשוויגט דער אינערלעכער קאַמף אין די ייִדישע רייען, די צעריסנקייט, פּאַרטיי־מאַכינאַציעס און פּאָליטיקעריי... ס'איז אַלזאָ געוואָרן אַן איבע־ריק מאָל באַשטעטיקט די גרויסקייט פון גאָלדפאַדנס טעאַטראַלישקייט, וואָס קאָן צוגעפּאַסט ווערן צו יעדער צייט און פאַרשידענע באַדינגונגען; אַ באַווייז פון זיין אומאויסשעפּלעכן שטאָף פאַר טעאַטער־שאַפונג.

פאַר דער צווייטער אויפפירונג, ווי געזאָגט, האָבן מיר אויסגעקליבן ראָמען ראָלאַנס „וועלף", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן פאַר אונדז דורך מיין ברודער יצחק.

מיר האָבן געוואָלט אַריינברענגען אין ייִדישן טעאַטער אַ פּיעסע וואָס

זאָל אָפּשפּיגלען די תקופה פון מאַסן־באַוועגונג, ווי דער יחיד איז נישט מער קיין פּאַסיוו שרייפל אין דער גרויסער מאַשין פון צייט־געשעענישן, נאָר, פאַרקערט, אַן אַקטיווער מיטבאַטייליקטער און אויספורעמער פון נייע באַגריפן און געזעצן.

„די וועלף" פאַרמאָגן נישט די קאָנווענציאָנעלע טעאַטער־עלעמענטן, ווי: ליבע, אינטריגע, דרייעק־קאָנפליקטן, סענטימענטאַלע משפחה־טראַגעדיע, „העפּי־ענד"; זיי פאַרמאָגן נישט אַפילו קיין איין באַטייליקטע פּריוואַן־געשטאַלט, וואָס, ווי באַקאַנט, איז נישט קיין גרויסע מעלה פאַרן קאַסע־דערפאָלג. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן דעם געוואַגטן שריט אויפצופירן די פּיעסע צוליב די צאַפּלדיקע, נאָענטע טענער פון היינטצייטיקייט, וואָס האָבן אַרויסגעשלאָגן פון איר יעדער פראַזע, צוליב די אום־ברחמנותדיקע, ריקזיכטלאָזע קאַמפן וואָס קומען פאַר אויף אַלע געביטן פון אונדזער לעבן: דעם „האָמאָ האָמיני לופוס עסט", וואָס ראָלאַן שטעלט אַרויס ווי אַ מאָטאָ צום דראַזיקן שטיק. מיר זענען געווען אַריינגעצויגן אין די דראַזיקע קאַמפן, מיטגעדרייט זיך אין זייער ווירוואַר און געווען פון זייערע ערשטע קרבנות. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו עפענען פאַר אונדזער עולם די הינטערקוליסן פונעם שפּיל פון אינסטינקטן און אַמביציעס, וואָס ראָלאַן אַנטפּלעקט אַזוי מייסטערהאַפט אין זיין ווערק.

די פּרעמיערע פון „די וועלף" האָט עדות געזאָגט, אַז דער אויסוואַל פון דער פּיעסע איז געווען אַ געלונגענער.

***

האָבנדיק באַשטימט די ערשטע צוויי פּיעסן, אַ חוץ אייניקע פון אונדזערע געשפּילטע, האָבן מיר שוין געקאָנט צוטרעטן צו די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דער צוגרייטונג: אַנסאַמבל און טעאַטער־זאַל.

אויב מיר האָבן געקאָנט צוזאַמענאַרבעטן מיט בראַדערזאָנען און אַנגאַזשירן אַקטיאָרן שריפטלעך, איז אָבער געווען אוממעגלעך אויפן זעלבן אופן צו באַקומען אַ טעאַטער־זאַל און אונדזער פאַרוואַלטער אברהם האַלפערן האָט געמוזט פון צייט צו צייט „זיך צוכאַפּן" קיין וואַרשע.

הגם מיר האָבן געהאַלטן קאַמינסקיס טעאַטער, צוליבן דעפעקט אין דער אַקוסטיק און צוליב זיין פאַרוואָרלאָזטן צושטאַנד, פאַר נישט פּאַסיק פאַר אַ דראַמאַטיש טעאַטער, האָט ער אָבער געהאַט געוויסע מעלות, ווי: אַ גרויסע בינע מיט אַן אימפּאַזאַנטן פּראָסצעניום און 1200 זיצפּלעצער, — באין־ברירה האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אים. ס׳איז אָבער אַרויסגע־שווומען אַן אומגעריכטע שטערונג, וואָס האָט אונדז געקאָסט אַ סך עגמת־נפש און געלט.

דער בנין פון קאַמינסקי־טעאַטער האָט געהערט אין זיינע צוויי־דריטל צו דער שוועסטער פון אסתר־רחל, פרוי פּולמאַן, און איין דריטל צו אונדז, אסתר־רחלס יורשים. פרוי פּולמאַן האָט געהאַט אַן איידעם, אַ יונגן אַדוואָקאַט, וואָס האָט איינגעזען, אַז טעאַטער־עקספּלואַטאַציע איז אַ מער לוינבאַר געשעפט ווי זיין פּראָפעסיע. לכתחילה האָט ער איבער־גענומען די אַדמיניסטראַציע פון טעאַטער און מיט דער צייט די „דזשער־זשאָווע״, צאָלנדיק די באַלעבאַטים אַ קליינע סומע, וואָס האָט קוים גע־קלעקט אויף צו באַצאָלן שטייערן און אַנדערע מוניציפּאַלע הוצאות. דער־וויסנדיק זיך, אַז מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו באַזעצן מיט אונדזער טעאַטער אין וואַרשע און קיין אַנדער אָרט ווי קאַמינסקיס טעאַטער איז נישטאָ, האָט דער פרישגעבאַקענער קאָמערסיאַנט געפאָדערט פאַרן אָפּטרעטן דעם קאָנטראַקט אַן אומדערהערטע סומע. אים איז געווען גלייכגילטיק, — האָט ער געטענהט — צי אין „זיין״ טעאַטער וועט זיך געפינען אַ קולטור־פּאָ־זיציע, אָדער „ציפּקע פייער״, פאַר אים איז עס — ווי ער האָט זיך אויס־געדריקט — געשעפט און „געשעפט ווייס נישט פון קיין סענטימענטן״... ס׳האָט אַפילו נישט געהאָלפן די אינטערווענץ פון דער פרוי פּולמאַן און פון אַנדערע פאַמיליע־מיטגלידער. מיר האָבן געמוזט איינצאָלן די פאַר־לאַנגטע סומע און נאָך גרויס מאַטערניש באַקומען דעם קאָנטראַקט.

איצט איז פאַר אונדז געשטאַנען אַ צווייטע אויפגאַבע: אויסבעסערן די אַקוסטיק און צוגעבן דעם אומהיימלעכן צירק־בנין אַן עסטעטישן אויס־זען. וועגן דער אַקוסטיק האָבן מיר זיך געוואָנדן צום גרעסטן ספּעציאַליסט אין פּוילן, פּראָפ׳ פּשיבילסקי, וואָס האָט אויפגעבויט דעם שיינעם „טעאַ־טר פּאָלסקי״. צוזאַמען האָבן מיר געקלעטערט איבערן בוידעם פונעם בנין,

אַריינגעקראָכן אינעם ריזיקן קאַנוס, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם באַ־רימטן „סלופּ" אין צענטער פונעם זאַל און אונטערגעהאַלטן די דאַך־קאָנסטרוקציע; מיר האָבן באַטראַכט די גאַלעריע, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם צושויער־זאַל, אויך דעם קעלער מיט די פאַרשידנסטע גענג און קאָ־רידאָרן. צום סוף האָט דער פּראָפעסאָר דערקלערט, אַז כדי אויסצובעסערן די אַקוסטיק, דאַרף מען באַזייטיקן דעם סלופּ מיטן קאַנוס, הייבן דעם דאַך, מיט איין וואָרט, לויטן בודזשעט וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט, האָט זיך בעסער געלוינט אויפצובויען אַ נייעם בנין... אין ערגסטן פאַל, האָט ער רעקאָמענדירט צו פאַרשיטן די אינעווייניקסטע טייל פון קאַנוס מיט זע־געכץ, פאַרהענגען די גאַלעריע מיט שווערע פאָרהאַנגען, וועט עס אפשר העלפן. קיין גאַראַנטיע גיט ער נישט. די קאָנצעפּציע פון פאַרהענגען די גאַלעריע מיט באַוועגלעכע פאָרהאַנגען איז מיר דווקא געפעלן. דאָס וואָלט קודם־כל צוגעגעבן אינטימקייט דעם ריזיקן זאַל און וואָלט אויך געווירקט אויף זיין עסטעטישן אויסזען.

מיר האָבן טאַקע געפאָלגט זיין עצה, פאַרשאָטן דעם קאַנוס, אינוועס־טירט אַ צווייטע גרויסע סומע אויף לייוונט אַרום דער גאַלעריע און אויף טעפּיכער פאַר די דורכגענג אין זאַל. אויב די אַקוסטיק איז דערפון נישט געוואָרן אידעאַל, איז זי אָבער געוואָרן שטאַרק אויסגעבעסערט, בעיקר פאַר גרעסערע פאָרשטעלונגען. דעם ברייטן קאָרידאָר, וואָס האָט אַרומגע־רינגלט דעם זאַל, האָבן מיר אויסגעלייגט מיט לינאָלעום, די ווענט באַ־האָנגען מיט בילדער פון אונדזערע וואַרשעווער פּלאַסטיקער און געשאַפן דערמיט אַ בילדער־אויסשטעלונג, וואָס האָט קאָנקורירט אין די אַנטראַקטן מיט די „פיש מיט קליסקעלעך", מיט וועלכע דאָס טעאַטער פלעגט מהנה־זיין זיינע „קליענטן". אמת, איזאַק גערטנער, דער פּאָפּולערער רעסטאָראַן־און בופעט־אייגנטימער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער „נייער מאָדע", וואָס צִיט אים אָפּ די געסט פון בופעט, אָבער היות ווי אַזאַ פּונקט איז נישט געווען דערמאָנט אין זיין קאָנטראַקט, האָט ער געמוזט דערמיט מסכים זיין.

מיר האָבן אויך געזאָרגט פאַר דער באַקוועמלעכקייט און היגיענישע באַדינגונגען הינטער די קוליסן, רעמאָנטירט די גאַרדעראָבן פאַר די אַק־טיאָרן און טעכנישן פּערסאָנאַל, פאַרשענערט דעם פּראָנט און דעם האָל

פאַרן אַריינגאַנג, מיט איין וואָרט, זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען דעם „צירק" אין אַן עסטעטיש־אויסזעענדיקן טעאַטער־בנין.

גלייכצייטיק מיטן צוגרייטן דעם טעאַטער־זאַל האָבן מיר אויך אונ־טערגעהאַנדלט מיט אַקטיאָרן. ביז איצט האָבן מיר געשפּילט ווי אַ קאָ־לעקטיוו. דאָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ דעמאָקראַטישער אופן פון צוזאַמענאַרבעט. ס'איז אָבער געווען אַ שטערונג פאַר רעפּערטואַר־אויס־וואַל, פאַר „איבעריקע" אינוועסטיציעס ווי אַ סך פון אונדזערע אַקטיאָרן האָבן עס באַטראַכט. דער באַגריף „קאָלעקטיוו" האָט נישט געשטערט יעדן איינעם צו טראַכטן וועגן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, ראָלן, רעק־לאַמע, אויף אַן אופן, וואָס האָט ווייט נישט אַנטשפּראָכן דעם כאַראַקטער און באַשטימונג פון קאָלעקטיוו. ס'איז אונדז נאָך געלעגן אין זכרון דער לעמבערגער אינצידענט, וואָס האָט גורם געווען אָפּצושטעלן די טעטי־קייט פון „וויקט". מיר האָבן נישט געזען קיין אַנדערע מעגלעכקייט אַנצו־גיין מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווי נאָר דורך אַ מאָדוס פון שכירות ווען דער אַקטיאָר האָט נישט קיין דעה איבער די הוצאות פון טעאַטער, איבער זיין רעפּערטואַר־ליניע און אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. היות ווי קיין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס זאָל נעמען אויף זיך אַזאַ עול איז נישט געווען, האָבן מיר, קעגן אונדזערע פּרינציפּן און ווילן, געמוזט נעמען אויף זיך די שווערע לאַסט פון צאָלן געהאַלט דעם גאַנצן קינסט־לערישן און טעכנישן פּערסאָנאַל. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון וועגן דער שווערער אחריות, וואָס מיר — אידאַ און איך און אברהם האַלפּערן — נעמען אויף זיך. קיין אַנדער אופן אויף צו שאַפן אַ קינסטלעריש טעאַ־טער איז אָבער נישט געווען. מיר האָבן זיך אַנגענומען מיטן גלויבן אינעם „געוויסן" פון אונדזער „בעסערן" עולם, וואָס פלעגט ביי יעדע געלעגנ־הייט פאָדערן אַ גוט טעאַטער, צוזאָגנדיק ווייטגייענדיקע אונטערשטיצונג.

***

דאָס אַנגאַזשירן אַקטיאָרן איז צוגעגאַנגען אַ סך שווערער ווי מיר האָבן זיך עס לכתחילה פאָרגעשטעלט. געוויינטלעך, אַז מיר פלעגן זיך צונויפטרעפן מיט אַקטיאָרן, פלעגט יעדער איינער אויסדריקן זיין באַדויע־

רונג, וואָס ס׳קומט אים נישט אויס מיטצואַרבעטן מיט אונדז און כסדר אונטערשטרייכן, אַז „צו אייך וועלן מיר גיין פאַר העלפט געלט״... ווען ס׳האָט זיך אָבער, ווי אין דעם פאַל, געמאַכט די געלעגנהייט, האָט יעדער איינער געשטעלט אַזעלכע „מאָראַלישע״ און מאַטעריעלע באַדינגונגען, אַז די אָרגאַניזירונג פון סעזאָן איז געוואָרן אומגעהייער באַשווערט. עס איז אויך פּראָוואָצירט געוואָרן אַ קעגן־שטימונג אין די פּאַראייַנקרייזן, וואָס האָט אונדז קיין טובה נישט געטון.

מיר זענען געווען דעצידירט אויף די ווייטגייענדיקסטע קאָמפּראָמיסן און קרבנות, אָבי צו דערגרייכן אונדזער ציל. דאָס אָפּטרעטגעלט פאַרן טעאַטער, דער רעמאָנט, די קויציע פאַר צוויי וואָכן גאַזשע, וואָס מיר האָבן געמוזט איינלייגן אין פּאַראיין, ווי אויך די האַלבע גאַזשע פאַר רעפּעטיציעס האָבן פאַרשלונגען אונדזערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער פון דער פּראָווינץ. מיר האָבן געמוזט אויף ס׳ניי בעמען שרייבן וועקסלען... אין דער גרויסער איילעניש און אונטער די שווערקייטן וואָס דער פּאַראיין האָט אונדז געמאַכט, האָבן מיר זיך געאײַלט מיטן אונטערשרייבן די קאָנטראַקטן מיט די אַנגאַזשירטע אַקטיאָרן און טעכנישן פּערסאָנאַל. צום סוף האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר דריי, אידאַ, איך און האַלפּערן, האָבן זיך אַליין פאַרזען און נישט פאַררעכנט אונדזער אַרבעט אין בודזשעט. מיר גייען אַלזאָ פון פּאַרויס אויף נישט צו פאַרדינען...

דעם נייַנצנטן אָקטאָבער 1926 איז נאָך גרויסער מי, נאָך לאַנגע צוגרייטונגען און שווערע חבלי־לידה געעפנט געוואָרן אונדזער נייַער סעזאָן אין וואַרשע. אַ דאַנק אייניקע נומערן „ליטעראַרישע בלעטער״ פון יענער צייט, וואָס מיר האָט זיך אייַנגעגעבן צו באַקומען, קאָן איך איצט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אונדזער ערשטן אַנאָנס אינעם דערמאָנטן זשורנאַל אין שייכות צו דער עפענונג פון „וויקט״:

דינסטיק, דעם 19טן ד. ח., קומט פאָר די פייערלעכע
דערעפענונג פונעם

וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער („וויקט")

אונטער דער לייטונג פון
אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו

צום פופציקיעריקן יובל פון יידישן טעאַטער ווערט אויפגעפירט
אַ גאָלדפאַדן־שפּיל אין 3 אַקטן (7 בילדער) מיט אַ פּראָלאָג

דאָס צענטע געבאָט
„לא תחמוד"

אינסצעניזאַציע און רעזשי: זיגמונט טורקאָוו; אינטערמעדיעס:
משה בראָדערזאָן; מוזיק־אילוסטראַציע: יוסף קאַמינסקי; דער
קאָראַציעס און קאָסטיומען: יוסף שליוואַניאַק; כאָרעאָגראַפישע
אינטערמעדיעס: מ. אַמבראַזשעוויטש.

דער אַרטיסטישער אַנסאַמבל באַשטייט פון (לויטן א"ב):

פרויען: סאָניע אַלטבוים, פרידע לוריע־שפּיגעל, נאַטאַליע ליפּמאַן, קלאַראַ
סעגאַלאָוויטש, אידאַ קאַמינסקאַ, חנה קעלען, אסתר ראַפּעל, רויזע שושנה.
ה"ה: חבל בוזגאַן, יצחק גרודבערג, אַדאַם דאַמב, זלמן הירשפעלד, זיגמונט
טורקאָוו, משה ליפּמאַן, דוד לעדערמאַן, יעקב מאַנדעלבליט, מאיר מעלמאַן,
פסח קערמאַן א"אַ.

באַלעט־לייטערין: מ. אַמבראַזשעוויטש; בינע־אינספּעקטאָר: ב. עפּשטיין.
סופלער: מ. זאַנדבערג; פּאַריקמאַכער: ג. ראָטשיין. קאָסטיומען: מ.
ליכטענבערג. רעקוויזיט: מ. אייזענבערג. ליכט־עפעקטן: סט. סוואָלאָוו.
הויפּט־מאַשיניסט: ל. אַלטשולער.

דירעקטאָר־פאַרוואַלטער: אבר. האַלפּערן; אַדמיניסטראַטאָר: מ. מאַקסימאָוו.
ג. אַדמיניסטראַטאָר: אַרנאָלד גינצבורג; סעקר' פון „וויקט": מ. מעלמאַן.

18

דערפאַרונגען און מסקנות

פון די ערשטע צוויי אויפפירונגען האָט אַ גרעסערן דערפאָלג געהאַט די צווייטע, „וועלף". „לא תחמוד" האָט זיך ביי דער פּרעמיערע אַרויס־געוויזן איבערגעלאָדן. איך האָב צומאַרגנס געשטראָכן טעקסט און גע־מאַכט ענדערונגען אין דער פּלאַנירונג פון געוויסע סצענעס.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אויך אַז געוויסע סאַטיריש־פּאָליטישע רמזים, וואָס האָבן ביי די רעפּעטיציעס אויסגעזען צו זיין דרייסט, קעמפע־ריש, האָבן, ביים צוזאַמענטרעף מיטן עולם, נישט געפונען דעם גע־העריקן אָפּקלאַנג און געווירקט ווי אַן איבעריקער באַלאַסט, וואָס באַ־שווערט דעם ריטעם און אַנטוויקלונג פון דער אַקציע. זענען זיי אויך באַ־זייטיקט געוואָרן. ס'איז געוועזן אַן איבעריקער באַווייז, אַז פּובליציסטיק און סצעניִשקייט זענען אויסגעשפּראָכענע אַנטאַגאָניסטן, און אַז אַקטועלע טעמעס, וואָס זענען לייכט אויפנעמיק, ווי לייען־מאַטעריאַל, פאַרשיכורן זייער ווירקונג ביים איבערפּלאַנצן אויף דער בינע אין זייער זשורנאַליס־טישער פאָרעם. די סצעניִשע רעפּאָרטאַזשן, וואָס ווערן אָפט אַרויסגע־בראַכט אויף דער בינע און צייכענען זיך אויס מיט זייער ווירקונגקראַפט, ווערן טאַקע געמאַכט פון געניטע דראַמאַטיקער, נישט פון זשורנאַליסטן. די דאָזיקע אַקסיאָמע האָב איך פאַרזען ביי דער צוזאַמענאַרבעט מיט בראַ־דערזאָנען איבערן טעקסט פון „לא תחמוד".

אַ צווייטן מאָמענט, וואָס איך האָב פאַרזען ביי דער דאָזיקער אויפ־פירונג איז געוועזן די דעקאָראַטיווע לייזונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מאָנומענטאַלע קאָנסטרוקציע וואָס ס'האָט קאָמפּאָנירט דער קינסטלער שליוואַניאַק, האָט אַנדערש געווירקט אינעם מאָקעט און לגמרי אַנדערש ביים אַריבערטראָגן זי אויף דער בינע. זי איז געוועזן צו מאַסיוו, צו האָ־מעטנע פאַר דער לייכטקייט און שפּילעוודיקייט, אין וועלכע ס'איז געוועזן געפּלאָנט די אַקציע. מ'האָט אויפן זעלבן אופן זי געקאָנט אויסנוצן פאַר

אַ שעקספּיר־פֿאָרשטעלונג, אָדער ווי אַן אַבסטראַקטן פּאַן פֿאַר אַ מאָדער־נער דראַמע, וואָס פֿאָדערט גלייכצייטיק אייניקע שפּילפּלאַצן. ווייזט אויס, אַז מיין אויג איז נאָך נישט געווען גענוג געניט אויף צו אָריענטירן זיך באַצייטנס אין דער ווירקונג פֿון אַן איבערגעטראָגענעם מאַקעט אויף דער בינע. לייכטער איז מיר אָנגעקומען בשעתו דאָס אַריבערטראָגן פֿונעם וועסטיבול פֿונעם ווילנער שטאָטזאַל אויף דער בינע, — דאָרט האָב איך דאָך געהאַט דעם מוסטער אין דער נאַטירלעכער גרויס. אמת, ווען מ׳האָט די דעקאָראַציע פֿון „לא תחמוד״ אָנגעהויבן צו קאָנסטרויִרן אויף דער בינע, האָב איך מיך געכאַפּט אויף דעם טעות, אָבער צוריקציִען זיך איז שוין געווען צו שפּעט.

אַן ענלעכן פֿאַל, אָבער אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, האָב איך געהאַט צוואָנציק יאָר שפּעטער מיט מיין אויפֿפֿירונג פֿון זשאָרזשע אַמאַדאָס „ענד־לאָזע ערד״ מיטן טעאַטער „קאָמעדיאַנטעס״ אין ריאָ דע זשאַניירא. דער מאַקעט פֿאַר דער דעקאָראַציע — צוגעגרייט פֿונעם גלענצנדיקן בראַזיל־יאַנער סצענאָגראַף טאָמאַס סאַנטאַ ראָזאַ — איז געוואָרן געפּלאַנט פֿאַר דער גרויסער בינע פֿון שטאָטישן טעאַטער („מוניציפּאַל״). די אַקציע אויף די פֿאַרשידענע פּלאַכן פֿאַר דער גרויסער צאָל בילדער און מאַסן־סצענעס איז געווען פֿאַרטראַכט און צוגעגרייט בעת די רעפּעטיציעס, בהסכם צו דער אַנטשפּרעכנדיקער פּערספּעקטיוו, וואָס ס׳איז געווען מעגלעך צו שאַפֿן נאָר אויף אַ גרויסער בינע. אַ קורצע צייט אָבער פֿאַר דער פּרעמיערע האָט „קאָמעדיאַנטעס״ פֿאַרלוירן די מעגלעכקייט אַרויסצוקומען מיט דער דאָ־זיקער פֿאָרשטעלונג אין שטאָטישן טעאַטער צוליב דער פּאָליטישער נישט־כשרות פֿון זשאָרזשע אַמאַדאָ אין די אויגן פֿון די דעמאָלטיקע שטאָטישע טאַטעס. מיר זענען געווען געצוווּנגען זי צו געבן אינעם קליינעם „זשימ־נאַסטיקאַ״־זאַל, מיט דער מיניאַטור־בינע. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַזאַ געצוווּנגענער קאָנדענסירטקייט האָט געליטן די גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון דער פֿאָרשטעלונג, ווייל ס׳האָט געפֿעלט די רחבות פֿון „ענדלאָזע ערד״ — דער הויפּט־עלעמענט פֿון אַמאַדאָס ווערק.

נישט געקוקט אויף די דערמאָנטע דעפֿעקטן, וואָס נישט אַלע האָבן, אגב, באַמערקט, האָט „לא תחמוד״ — אַדאַנק דער גלענצנדיקער מוזיק־

באַאַרבעטונג פון יוסף קאַמינסקי און דעם ערשטקלאַסיקן שפּילן פון אַלע אַנטיילנעמער — געהאַט אַ היפּשן דערפאָלג. עס האָבן אויך צוגעשפּילט די יום־טובים, אין וועלכע מיר האָבן גענפּנט אונדזער סעזאָן און דאָס האָט במילא אַריינגעבראַכט אַ פייערלעכע שטימונג און אַ גרויסן עולם אין טעאַטער. אָן אָונט פאַר דער עפענונג פון סעזאָן איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע. ס'האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע יִדישע צייטונגען, יִדישע סיים־דעפּוטאַטן און ראַטמענער. דאָס האָט אונדז במילא אָנגעפילט מיט גלויבן אין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון אונדזערע אָנשטרענגונגען. מיר האָבן אָן איבעריק מאָל דערפילט, אַז אונדזער טעאַטער איז אַ נויטווענדיקייט, אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינעם יִדישן לעבן. דאָס האָבן מיר דערפילט, און דאָס האָבן דערפילט אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער.

צי האָט עס דערפילט אויך אונדזער עולם?

**
*

כּדי אָנצובינדן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט אונדזערע באַזוכער, צו הערן זייערע אַרויסזאָגונגען און סוגעסטיעס, האָבן מיר איינגעפירט אין פאָיע פון טעאַטער אַ בריוו־קאַסטן מיט אַנקעטע־בויגנס, וואָס האָבן אַנטהאַלטן פראַגן וועגן דער פּיעסע, רעזשי, שפּילן, רעפּערטואַר אד"גל. די ערשטע צייט האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אונדזערע באַזוכער אַ שטאַרקן אינטערעס און מיר האָבן געוויסע באַאָבאַכטונגען גענומען אין אַכט און זיך צוגעפּאַסט צו זיי. מיט דער צייט אָבער, מיטן פאַלן פונעם באַזוך, איז אויך געפאַלן דער אינטערעס צו די אַנקעטע־בויגנס...

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דער צווייטער פּרעמיערע, צו די „וועלף". ביים לייענען די פּיעסע פאַרן אַנסאַמבל האָבן מיך אייניקע אַקטיאָרן געוואָרנט נישט צו שטעלן זי, ווייל דאָס איז „אַ זיכערער דורכפאַל"... צום גליק האָבן מיר, ווי געזאָגט, אָרגאַניזירט דאָס טעאַטער נישט אויף „קאָלעקטיווע" יסודות און מיר זענען נישט געווען געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט דער מיינונג פון אונדזערע מיטשפּילער. אמת, אַזעלכע „חברישע" באַמערקונגען האָבן אונדז קיין מוט נישט צוגעגעבן, אָבער

יעדנפאַלס נישט געשטערט אונדז אָנצוגיין מיטן פאָרויסבאַשטימטן אַר־בעטפּלאַן.

איינער פון די הויפּטמאָטיוון קעגן דער פּיעסע איז געווען: „ווי וועט דער עולם אויפנעמען אַ פאָרשטעלונג אָן איין פרוי?"... אַ צווייטער מאָ־טיוו: „די וועלף" זענען נישט־לאַנג געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפּאָלג אין פוילישן טעאַטער, איז ווי קאָנען מיר קאָנקורירן מיט אים?"... די הויפּט־סיבה אָבער איז געווען, ווי ס'געשעט אָפט אין טעאַטער, וואָס די אַקטיאָרן האָבן נישט אַרויסגעפילט, נישט אַרויסגעזען די ראָלן וואָס זענען געווען פאַר זיי באַשטימט, די פרעמדע מיליע אין וועלכער זיי דאַרפן אויפלעבן זייערע סצענישע געשטאַלטן. אָן ענלעכער פאַל האָט בשעתו פּאַ־סירט אין „צענטראַל" מיט מאַליערס „קאַרגן", וואָס איז דאָרט אַ לאַנגע צייט אָפּגעלעגן אין שופלאָד און קיינער האָט נישט געוואָגט זיך צוצורירן צו אים.

דער חילוק צווישן אַקטיאָר און רעזשיסער, די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן אינעם שאַפן פון אַ פאָרשטעלונג, מאַניפעסטירט זיך געוויינטלעך צום בולטסטן אין דער ערשטער פאַזע פון זייער צוזאַמענאַרבעט. דעם אַקטיאָרס שאַפונגקראַפט טרייבט אים קודם־כל צום אויסחלומען ז יי ן געשטאַלט, זיין אינדיווידועלן סצענישן אויסלעבן זיך. דער רעזשיסער, דאַקעגן, חלומט אויס די גאַנצקייט פון דער פאָרשטעלונג, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ האַרמאָנישע צונויפשמעלצונג פון די אינדיווידועלע סצענישע לעבנס. ער פאַראייניקט זיי אין אָן אינערלעכער און אויסערלעכער גאַנצקייט. דער אַקטיאָר זעט קודם־כל זיך, זיין ראָל ווי אַ דאָמינירנדיקן עלעמענט אין דער מאָזאַיק פון דער פאָרשטעלונג. ערשט שפּעטער, אינעם גאַנג פון דער אַרבעט, מיט דער מיטהילף פונעם רעזשיסער, ווערט ער אַרויפגעפירט אויפן שליאַך פון קאָלעקטיווער שאַפונג, דעם, אַזוי־גערופענעם, אַנסאַמבל־שפּיל, וווּ זיין „איך" ווערט אונטערגעוואָרפן דער דיסציפּלינירטער גאַנצ־קייט. נישט בחינם האָט דער געניאַלער רוסישער אַקטיאָר שטשעפּקין גע־זאָגט: „לערן קיין מאָל נישט דיין ראָל, ביז דו האָסט נישט דערלערנט די גאַנצע פּיעסע".

גייט טאַקע דער רעזשיסער דורך אַ קעגנזעצלעכן פּראָצעס פונעם

אַקטיאָר. זיין הויפּטקונסט באַשטייט אין דעם, וואָס זיצנדיק אין זאַל בעת דער רעפּעטיציע, דאַרף ער קוקן מיט די אויגן פון אַ געפּאַקטן צושויער־זאַל און פאַרויספילן זיין רעאַקציע. דער רעזשיסער, להיפּוך צום אַקטיאָר, דאַרף זען די פאַרשטעלונג מיט די אויגן פונעם עולם פאַר וועלכן זי איז באַשטימט. דאַרף זי דעריבער זיין פאַרשטענדלעך און איבערצייגנדיק.

אויב אַ בוך קאָן אינטערפּרעטירט ווערן פון יעדן לייענער לויט זיין שטייגער, שטימונג, אינטעלעקט, דאַרף דער רעזשיסער אויסגעפינען אַ סינטעטישן אופן פון אויסטייטשונג, וואָס זאָל געפינען אַ געמיינזאַמען אָפּקלאַנג ביים דאַזיקן קאָלעקטיוו פון אינדיווידוומס.

דער רעזשיסער דאַרף זיין דער דאָמינירנדיקער כוח אין די ערשטע פאַזן פון טעאַטער־אַרבעט, נישט כדי צו אוזורפּירן די שעפערישע פּאָ־טענצן און רעכט פון אַקטיאָר, נאָר ווייל ער מוז שטיין אויף דער וואַך פון צוועקמעסיקער צונויפשמעלצונג פון די אַלע עלעמענטן וואָס שאַפן דעם ספּעקטאַקל. דער אַקטיאָר איז איינער, אמת דער ערשטער, דער וויכ־טיקסטער פון די דאָזיקע עלעמענטן. ער איז דאָס פּולסירנדיקע בלוט פון טעאַטער; דער רעזשיסער — דאָס האַרץ, וואָס קאָנטראָלירט און טרייבט די פּולסירונג, דער מוח, דאָס אויג און אויער פון דער פאַרשטעלונג.

די ריכטיקייט פון די דאָזיקע אמתן האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן ביי אונדזער אַרבעט איבער די „וועלף". מיטן גאַנג פון די רעפּעטיציעס דער־פילן צו ביסלעך אונדזערע אַקטיאָרן דאָס נישט־דערזאָגטע אין דער פּיע־סע, די גרויליקייט פון דער אַטמאָספער, אין וועלכער עס ראַנגלען זיך אירע פּערסאָנאַזשן; דעם שאָטן פון דער גילאָטינע, וואָס פאַלט אויף זיי ווי אַ וואָרענונג פון דער שטורמישער צייט. דער געראַנגל פון אינסטינקטן איז מיט יעדער רעפּעטיציע געוואָרן פאַר זיי בולטער און נאָענטער. נישט אָפּ־געבנדיק זיך אין דעם קיין חשבון זענען זיי ביסלעכווייז געוואָרן פאַר־כאַפּט פונעם כוח פון ראַלאַנס וויזיע און מענטשן־קענטעניש. דעם רעזשי־סער איז געלונגען מיט סצענישע מיטלען אַריינצוציִען זיינע אַקטיאָרן אין די דאָזיקע קאָנפליקטן.

די אַקטיאָרן האָבן טאַקע גאָר גיך זיך איינגעלעבט אין זייערע העלדן, זיי ליב באַקומען און די דאָזיקע ליבע האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזול־

טאַטן. די „וועלף" זענען באַצייכנט געוואָרן ווי אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער.

***

אין „צענטראַל"־טעאַטער, ווי באַקאַנט, האָט מיטגעאַרבעט דעם גאַנצן סעזאָן דער דעקאָראַציע־קינסטלער, משה אַפּעלבוים. ס'איז דאָן בכלל געווען אַ בייעס די שטענדיקע מיטאַרבעט פון אַ דעקאָראַציע־פּראָיעקטירער אין יידישן טעאַטער. אַזאַ שטענדיקע מיטאַרבעט האָט געהאַט מער נעגאַטיווע ווי פּאָזיטיווע זייטן. זי איז אונדז דיקטירט געוואָרן פּשוט צוליב עקאָנאָמישע טעמים. דאָס מאָל, נישט זייענדיק אָפּהענגיק פון אַ קאָנטראָל פון דער „מערהייט", האָבן מיר באַשלאָסן צו יעדער פּיעסע אַנגאַזשירן אַ באַזונדערן דעקאָראַציע־קינסטלער, וואָס זאָל מיט זיין סטיל זיך פּאַסן, מער אָדער ווייניקער, צום אינהאַלט און פאָרעם פון יעדער פאַרשטעלונג באַזונדער. ווי אַ רעאַליזירער פון די פּראָיעקטן האָבן מיר צוגעצויגן אַ שטענדיקן מיטאַרבעטער, דעם יונגן אריה מערזער, אַ שילער פון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע. ביי שליוואָניאַקן האָט מערזער געמאַכט זיינע ערשטע טריט אין דער קונסט פון מעטאַלאָפּלאַסטיק, וואָס ער האָט מיט דער צייט פּערפעקציאָנירט אין פּאַריז. ער פאַרנעמט ביים היינטיקן טאָג אַ פירנדיקן אָרט אין דער פּלאַסטישער קונסט אין ישראל און זיין אַטעליע אין צפת איז אַ צוציונג־אָרט פאַר אויסלענדישע טוריסטן און פאַר ליבהאָבער פון אונדזער טראַדיציאָנעלער פאָלקסקונסט פון מעטאַל־האַמעריי און שניצעריי.

צו די סטאַבילע טעכנישע מיטאַרבעטער אין „וויקט" האָט אויך געהערט דער פאַריקמאַכער, איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן אין דער בויונג פון אַ פאַרשטעלונג.

פוילן האָט ווייט, מחוץ אירע גרענעצן, געשמט מיט אירע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון פאַריקמאַכעריי און גרימירקונסט. פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה פלעגן זיין פאַלן, וואָס גרויסע אַקטיאָרן פון ווינער „בורג־טעאַטער" פלעגן קומען קיין לעמבערג זיך באַשטעלן ביים דאָרטיקן מייסטער זייערע פּאַרוקן.

זייענדיק אין מאָסקווע האָב איך באַקענט אין דער „הבימה"־סטודיע אַ פוילישן גרימירער, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט און טאַקע אויסגעפּרעמט די נישט־פאַרגעסלעכע מאַסקע פון צמח אין „אייביקן ייִד".

אויך אַנדערע ייִדישע פּאַריקמאַכערס זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע פוילישע קאָלעגן און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קונסט און, דער עיקר, מיט ליבע צו זייער קונסט. פון די ייִדישע פּאַריקמאַכערס האָבן זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט: אין ווילנע — בענדעל; אין לאָדזש — יעלען מיט זיין זון לאָלעק (אַ קינסטלער אין גרים) און דוד לעוואָקאָוויטש. די טאָכטער פון לעוואָקאָוויטש, שושנה זאַק, איז איצט די באַקאַנטע פּאַריק־קינסטלערין פון „קאַמערי"־טעאַטער אין ישראל, וווּ זי אַרבעט צוזאַמען מיט איר מאַן, מאַטוס זאַק, דעם געוועזענעם בינע־ליי־טער פון „וויקט".

אין וואַרשע האָט מיט אונדז מיטגעאַרבעט מיין יוגנט־חבר גרישאַ ראַטשיין, וואָס האָט איבערגענומען די קונסט פון פּאַריקמאַכעריי פון זיין פּאָטער, דעם אַקטיאָר שייעלע ראַטשיין. שייעלען האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם ערשטן גרים אויף מיין פּנים נאָך ווי אַ שילער. גרישאַ האָט נאָך מיטגעאַרבעט מיט מיר אין „צענטראַל"־טעאַטער און געשאַפן די גלענצנדיקע פּאַריקן אין סטיל פון לוויִס דעם פערצנטן צום „קאָרגן" און צו דער „ליבע אַלס דאָקטאָר", ווי אויך צו די „וועלף" — פון דער עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דער דאָזיקער וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון אַ קינסטלעריש־אויס־געהאַלטענער פאָרשטעלונג, אַזוי די דעקאָראַציע, ווי דער קאָסטיום, איז אינעם אַלטן ייִדישן טעאַטער געווען אָפּהענגיק פון צופאַל. פון דעם וואָס האָט די דאָזיקע זאַכן „צוגעשטעלט". דעם צעזאַרס פאַוואָריטין אין „בר־כוכבא", למשל, האָט געקאָנט דערשיינען אין אַ ראָקאָקאָ־פריזור און פאַר די ביבלישע פּאַטריאַרכן איז געווען אַנגענומען אַן אַזוי־גערופענער „פּיי־זאַנסקי", אָדער „היסטאָרישער" פּאַריק, לויטן איינזען און געשמאַק פון די אַקטיאָרן. אינעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער איז אויך אין דעם פּרט געמאַכט געוואָרן אַ וויכטיקער שריט פאָרויס: די פּאַריקן פלעגן אויסגע־

פּאַרטיקט ווערן לויט די צייכענונגען פון אַ קינסטלער און זענען געווען טריי דער תקופה און צוגעפּאַסט צום קאָסטיום און דעקאָראַציע.

די פאַבריקן פון גרישאַ ראַטשיין פלעג איך טראָגן אויך בעת מיינע גאַסטשפּילן אין אויסלאַנד און אומעטום אָפּגענומען שבחים אויף זיין אַדרעס. אויך ער געפינט זיך איצט אין ישראל און באַזאָרגט מיט פאַבריקן די פאָרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער.

צו פּראָיעקטירן די דעקאָראַציע צו די „וועלף" האָב איך צוגעצויגן דעם קינסטלער וו. ווײַנטרויב, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער אָפּערע און באַוויזן אַ געוויסע פּראַקטיק אין סצענאָגראַפיע.

**
*

די פּרעמיערע פון די „וועלף" איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אומגעוויינטלעכן ענטוזיאַזם. די באַגייסטערונג פון עולם און פון די קריטיקער איז געווען אַזוי גרויס, אַז להיפּוך צו די אָנגענומענע מינהגים האָבן די לעצטע געמאַכט פאַר א ו נ ד ז אַ באַנקעט. די קריטיק, די יידישע ווי די פּוילישע, האָט איינשטימיק געלויבט די פאָרשטעלונג, אָנערקענענדיק זי ווי די גרעסטע טעאַטער־געשעעניש פאַר די לעצטע יאָרן...

די שפּיל פון אונדזערע אַקטיאָרן האָט באמת פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מוסטער פון האַרמאָנישן צוזאַמענשפּיל. ספּעציעל האָבן זיך אויסגעצייכנט: משה ליפּמאַן, אַדאַם דאַמב און דוד לעדערמאַן. זיי האָט סעקונדירט די גרופּע יונגע: מעלמאַן, הירשפעלד, גרודבערג, מאַנדעלבליט, בירנבוים, אינוועטאַזש, און די צוויי עמעריטן פון אַרטיסטן־פאַראיין, אַמאַסיע און יוליוס אָסקאַר. אַ חוץ דער רעזשי, האָב איך מיך אויך אַקטיאָריש באַטייליקט אין דער פאָרשטעלונג, שפּילנדיק איינע פון די הויפּטראָלן.

די פּוילישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן באַזוכט די פאָרשטעלונג, האָבן אונדזער אויפפירונג געשטעלט העכער פון דער, וואָס דער „טעאַטער פּאָלסקי" האָט געגעבן.

מיכאַלעוויטש, דער לידער פון „בונד" און איינער פון די ערלעכסטע און קאָמפּעטענטסטע טעאַטער־קריטיקער, האָט ממש אויפגעפּאָדערט זיי־

גע לייענער צו גיין זען די „וועלף". ווי אַ פּועל־יוצא דערפון זענען ס׳רוב פאַרשטעלונגען געוואָרן אָפּגעקויפט דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קולטור־ליגע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

דער ייִדישער אַרבעטער און פאָלקסמענטש איז דאָך פון דער אַנט־שטייונג פון ייִדישן טעאַטער געווען זיין הויפּט־קאָנסומענט און אויפהאַל־טער. דאָס טעאַטער איז אַרויס פון זיינע טיפענישן, פון דער אָרעמקייט און נויט, וואָס האָט געניסטיקט אין דער ייִדישער גאַס. ערשט אין די לעצטע יאָרן, אונטערן איינפלוס פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, פון דער דיסקרימי־נאַציע אויף דער גוייִשער גאַס, האָט זיך אויך דער בירגערלעכער אינטעלי־גענט דערנעענטערט צום ייִדישן טעאַטער. די דאָזיקע דערנענטערונג איז אָבער נישט געווען קיין אָרגאַניש־צונויפגעוואַקסענע, קיין פּועל־יוצא פון אינערלעכער טרייבקראַפט. דאָך האָט זי פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אינ־טערעסאַנטע דערשיינונג, פון וועלכער מיר האָבן דערוואָרט ממשותדיקע מעשים.

פון דער גרויסער צאָל פאַרקויפטע פאַרשטעלונגען פון די „וועלף" האָט זיך איינע געקאָנט פאַרענדיקן פאַר אונדז גאַרנישט פריילעך. צום גליק זענען מיר אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין דעמאָלטיקן פוילן איז געווען אומלעגאַל, דאָך האָט זי געפירט, אַ חוץ איר פּאָליטישער, אויך אַן אינטענסיווע קולטור־טעטיקייט אונטער פאַרשידענע פאַרשטעלטע נעמען.

אויף איינער פון די „וועלף"־פאַרשטעלונגען, וואָס איז געגאַנגען פאַר זייערס אַ צוועק, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ מחנה געהיים־אַגענטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין טעאַטער און, ווייזט אויס, עמעצן גע־זוכט. אין מיטן שפּילן באַווייזט זיך אין מיין גאַרדעראָב יצחק גאָרדאָן, איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָמוניסטישע לידערס, און זוכט אַן אָרט, וווּ זיך צו באַהאַלטן. דורך אַ הינטערטיר, וואָס האָט געפירט צום ספּאָרט־פּלאַץ „דינאַסי", האָב איך אים אַרויסגעלאָזט פון טעאַטער. דער פולגע־פאַקטער זאָל האָט זיך בליץ־שנעל דערוווּסט וועגן די אומגעבעטענע געסט, וואָס האָבן אַרומגעזוכט גאָרדאָנען און עפּעס אַ פּראָוואָקאַטאָר, אָדער סתם

אַן איבערגעטריבענער גוטער־פֿריינד, האָט פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז גאַר־דאַן איז אַרעסטירט. דער עולם הייבט אָן צו טופּען מיט די פֿיס און שרייען:

— „באַפֿרייען גאַרדאַנען!״

איך גיי אַרויס פֿאַרן פֿורהאַנג, וועלנדיק באַרויִקן דעם עולם, לאָזט מען מיך אָבער נישט רעדן. דאָס טעאַטער ווערט פֿאַרהילכט פֿון „באַפֿרייען גאַרדאַנען!״... איך האָב געהייסן אונדזערע בילעטערן אַרומגיין צווישן עולם און באַרויִקן אים, אַז „אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג״. די דאָזיקע אימפּראָוויזירטע אַקציע האָט געווירקט באַרויִקנדיק און מיר האָבן ווי ס׳איז פֿאַרענדיקט די פֿאָרשטעלונג. צו מאָרגנס האָב איך באַקומען אַ קויש רויטע בלומען מיט אַ צעטעלע פֿון „אַ גרופּע פֿריינד פֿון וויקט״ וואָס בעטן אַנט־שולדיקונג פֿאַר דער נעכטיקער מיספֿאַרשטייעניש...

19

גלייכגילטיקייט אָדער באָיקאָט?

אַלץ האָט עדות געזאָגט אַז די צייט פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעך טעאַ־טער איז געקומען. פּוילן איז געווען פֿאַרפֿלייצט פֿון כּל־מיני „לייכטע״ טעאַטערס פֿון היימישער און אויסלענדישער פּראָדוקציע. אַנשטאָט די טאַלענטירטע קאָריפֿייען פֿון דער ייִדישער בינע, ווי קעסלער, מאַשקאָ־וויטש, טאָמאַשעווסקי, קלאַראַ יאַנג, מאַלווינאַ לאָבעל, וואָס פֿלעגן פֿאַר דער מילחמה קומען צו אונדז פֿון אַמעריקע, האָבן אונדזערע אימפּרעסאָ־ריאָס אימפּאָרטירט די ביליקסטע בולוואַר־„סטאַרס״ מיט זייערע מאַכע־רייקעס.

אמת, פֿון צייט צו צייט פֿלעגן זיך באַווייזן זוניקע שטראַלן אויפֿן פֿאַרכמורעטן קולטור־פֿירמאַמענט, ווי די אויפֿטריטן פֿון הערץ גראָסבאַרט, איזאַ קרעמער, שושנה אביבית, חיהלע גראָבער, וויקטאָר כענקין, אַ חוץ די היימישע — דער שניאור־כאָר און פֿאָלקלאָר־קאָנצערטן פֿון די באַליב־טע קיפּנים־זעליגפֿעלד, האָט מען טאַקע זייערע אויפֿטריטן פֿאַרוואַנדלט

אין יום־טובים. די יום־טובים זענען אָבער געווען קורצדויערנדיקע, די מע־טעאָרן זענען געפֿלויגן ווייטער און נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן דעם קלאָגעדיקן מצב און פּוסטקייט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אויף דער יידישער גאַס.

די גאַס האָט געבענקט נאָך פֿאַרווײַלונג. ביי אַ גרופּע באַוווּסטזיניקע קולטור־טוער איז געשאַפֿן געוואָרן די איניציאַטיוו צו פֿאַראינטערעסירן דעם עולם מיט אַ נייעם טיפּ פֿאַרווײַלונג, מיטן אַזוי־גערופֿענעם, קליין־קונסט־טעאַטער. נאָך אין די צאַרישע צייטן איז געווען באַקאַנט אין פּוילן דאָס „מיניאַטור־טעאַטער", וואָס איז באַשטאַנען בעיקר פֿון פּעטע קופּ־לעטן און אומצווײַדייטיקע „סצענעס", לויטן מוסטער פֿון די פֿאַריזער בולוואַר־טעאַטערלעך. ערשט מיט דער זעלבשטענדיקייט פֿון פּוילן האָבן זיך געגרינדעט עטלעכע קליינקונסט־טעאַטערס אין דער פּוילישער שפּראַך לויט דער טראַדיציע פֿון זייער קראָקעווער פּראָטאָטיפּ, וואָס האָט זיך דאָרט קונה־שם געווען פֿאַר דער מילחמה.

דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט אַרויסגעגעבן אייניקע קאַריפֿייען און אָנ־פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿונעם מאָדערנעם פּוילישן טעאַטער, ווי דעם גרויסן רעזשיסער שילער; דעם גרינדער פֿון „טעאַטר פּאָלסקי", אַרנאָלד שיפֿמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געוואַגטקייט בנוגע אינ־האַלט און פֿאָרעם. אין יענער צייט האָבן אויך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם די גאַסטשפּילן פֿון רוסישן קליינקונסט־טעאַטער „דער בלויער פֿויגל" פֿון יוזשני, וואָס האָט אומעטום משפּיע געווען אויף דער אַנטשטייונג פֿון ענ־לעכע טעאַטערס.

די דאָזיקע מוסטערן האָבן זיכער געדינט ווי אַן אָנרעגונג פֿאַר אַן ענלעכן טעאַטער־פּרווו אין יידיש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין וואַרשע. זיין נאָמען איז געווען „אַזאַזעל". געגרינדעט האָט אים טעאַ אַרצישעווסקאַ, די ערשטע געשולטע פּרץ־אינטערפּרעטאַטאָרין, מיט דער מיטהילף פֿון דוד הערמאַן ווי דער רעזשיסער, הענריק בערלעווי — דעקאָראַטאָר און אַ גרופּע אַבסאָלווענטן פֿון דער יידישער טעאַטער־סטודיע, מיט וו. גאָדיק ווי דער קאָנפֿעראַנסיע. ס'האָט אויך דאָן דעביוטירט אָלאַ לילית, וואָס האָט

זיך מיט דער צייט באַרימט געמאַכט מיט איר גלענצנדיקער אינטערפּרע־טאַציע פון פאָלקלאָר און כאַראַקטער־ליד.

אין לאָדזש האָט משה בראָדערזאָן געגרינדעט אַן ענלעכן טעאַטער אונטערן נאָמען „אַררט״, פון וועלכן ס׳זענען אַרויס די פּאָפּולערע פאָלקס־קינסטלער דזשיגאַן־שומאַכער. נאָך זיי קומט דער „סמבטיון״ פון יצחק נאָ־זשיק, די „יידישע באַנדע״ און דער ביאַליסטאָקער „גילה־רינה״. די דאָ־זיקע טעאַטערס האָבן אינספּירירט און פּאָפּולאַריזירט אַ ריי יידישע שריי־בער, ווי בראָדערזאָן, פּסח קאַפּלאַן, י. מ. ניימאַן, דער טונקעלער, נודל־מאַן, פּערלאָוו, אַבאַזשאַנעק, שלמה פּריזאַמענט, עלבוים און אַנדערע. אַ גרופּע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי הענאָך קאָן, ביגלמאַן, יוסף קאַמינסקי, שייע־וויטש, רובין. אַ רייכן מאַטעריאַל האָט אויך צוגעשטעלט אונדזער פאָל־קלאָר און מיניאַטורן פון שלום־עליכם, פּרץ, נאַדיר, לוצקי. די דעקאָראַ־ציעס פלעגן פּראָיעקטירן: וו. ברוינער, ה. בערלעווי, יצחק ליכטנשטיין, ווײַנטרויב, שליוואַיאַק און אַנדערע יונגע קינסטלער. במילא האָבן די דאָ־זיקע קליינע טעאַטערס, אַ דאַנק זייער קינסטלערישן ניוואָ, געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונעם באַוווסטזיניקן אַרבעטמענטש און אויך אַריינגע־בראַכט אַ נייעם קאָנטינגענט עולם, וואָס פלעגט ביז דאַן אויסמיידן דאָס יידישע טעאַטער.

דאַן האָט זיך נאָך בולטער דערפילט די נויטווענדיקייט פון אַן ערנסט דראַמאַטיש טעאַטער. אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דער „וויקט״ איז באַ־רופן אויסצופילן דעם דאַזיקן בלויז. די גאַנצע יידישע פּרעסע אין וואַרשע האָט געשאַנקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיקער פּראַגע. אַלע אָנ־געזעענסטע שרייבער האָבן פאַרעפנטלעכט ספּעציעלע אַרטיקלען. צווישן זיי: א. גאָלדבערג, א. איינהאָרן און י. מ. ניימאַן (אין „היינט״); ה. ד. נאָמבערג, ב. קאַרליניוס, דער טונקעלער, יוסף העפטמאַן און א. גראַפּמאַן („מאָמענט״); ב. מיכאַלעוויטש, ש. מענדעלסאָן און ב. שעפנער („פאָלקס־צייטונג״). אויך אין „אונדזער עקספּרעס״, „אַרבעטער־צייטונג״ און, פאַר־שטייט זיך, די „ליטעראַרישע בלעטער״.

די לאָזונג איז געווען:

פון דרייהונדערט טויזנט יידן מוזן זיך יעדן טאָג געפינען טויזנט טעאַטער־באַזוכער! איינער פון דריי הונדערט.

עס איז אויך געוואָרן אָפּגעדרוקט אַ קופּאָן אויף צוויי בילעטן מיט אַ הנחה פון פּופּציק פּראָצענט פּאַר די לייענער פון די „ליטעראַרישע בלעטער״.

דער „וויקט״, פון זיין זייט, האָט זיך געוואָנדן וועגן סובסידיעס צו דער וואַרשעווער קהילה און צו די אָנפירער פון „דזשאָינט״ אין פּוילן. פּאַ־ראַלעל צו דער דאָזיקער אַקציע האָבן מיר אויך געזאָרגט פאַרן צוקונפטיקן רעפּערטואַר און געזוכט אים צו פאַרשטאַרקן מיט יידישע פּיעסן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ נייער דראַמע פון יעקב פּאַט „אין גאָלדן לאַנד״ און אויף דער קאָמעדיע פון דוד פּינסקי „דער אוצר״.

מיר האָבן פאַרגעלייגט דוד הערמאַנען צו רעזשיסירן פּרעגערס „ניסיון״. ער האָט אָבער געשטעלט אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס אַפילו אַ סובסידירט טעאַטער וואָלט נישט געווען בכוח אָנצונעמען. ענלעכע באַ־דינגונגען האָט אַרויסגעשטעלט רישאַרד בער האַפּמאַן, ווען מיר האָבן זיך געווענדט צו אים קיין ווין נאָך די רעכט אויפצופירן זיין „יעקבס חלום״.

פון בערנאַרד שאָו, צו וועלכן מיר האָבן זיך געווענדט נאָך רעכט פאַר זיינס אַ פּיעסע און געבעטן נעמען אין אַכט אונדזערע ספּעציפישע באַדינגונגען, האָבן מיר באַקומען אָט דעם לאַקאָנישן און בייזן ענטפער:

„אַ טעאַטער, וואָס קאָן נישט אויסהאַלטן זיינע מחברים, מיטאַרבע־טער און קינסטלער, האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג״...

***

צווישן איין גרויסער פאָרשטעלונג און דער צווייטער, פלעגן מיר געבן אייניקע פון אונדזערע קאַמער־פּיעסן, ווי „מאָרפיום״, „געדאַנק״, „דעם אָרעמאַנס מזל״ (סאַנקין). צו די נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונגען פלעגן מיר אי־בערחזרן דעם אַלטן רעפּערטואַר, ווי „אוריאל אַקאָסטאַ״, „די זיבן געהאָנ־גענע״ און גאָרדינס פּיעסן מיט אידאַ קאַמינסקאַ. די דאָזיקע רעפּערטואַר־פאַרטיילונג האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו ווידמען גענוג צייט פאַרן צוגרייטן נייע פּיעסן. נאָך די „וועלף״ האָב איך אויפגעפירט יעקב פּאַטס „אין גאָלדן לאַנד״.

אַ פאַרוואָרפן יידיש שטעטל. דאָס אַלטוואַרג טאָפּטשעט אין שימל,

פּאַרטעמפּט אין האָפענונגלאָזיקייט און רעזיגנאַציע. אַלטע ייִדן קוויקן זיך מיט אַ שמעק טאַבאַק, אַלטע ייִדענעס מיטן פייערטאָפּ. ווען מע צעטאַנצט זיך, איז עס אַ מאַקאַברישער טויטנטאַנץ. ווען מען צעזינגט זיך, איז עס אַ בדחנישער: „ווײַן, כּלהשי, ווײַן"...

די יוגנט שטיקט זיך, רײַסט זיך, פול מיט אינערלעכן פּראָטעסט. זי וויל אַרויס, אַוועק פונעם שטעטל, ערגעץ ווו, אין דער גרויסער וועלט, אָן אַ באַשטימטן אַדרעס, אָבער פול מיט האָפענונג אויף אַ צוקונפט, אָן אויפ־גייענדיקע זון, צו וועלכער זיי האָבן געחלומט אין שטעטל.

אין „גאָלדן לאַנד" איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן צוריקגעשטאַנענ־קייט, קעגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס האָט באַהערשט דאָס שטעטל, קעגן די שיינע באַלעבאַטים, שטאָטישע טאַטעס, וואָס נוצן אויס די טעמפּקייט פון די מאַסן און האַלטן זיי אויף מיט כּוח. ס'איז געווען אַ רוף צו וואַכ־זאַמקייט און צו מעשׂים. אמת, אָן אַ באַשטימטער ריכטליניע, אָן אַ קלאָרן אַדרעס פאַר דער שיף, מיט וועלכער די יוגנט פון שטעטל לאָזט זיך אין וועג אַרײַן. מ'האָט זי געפירט אין אַ „גאָלדן לאַנד", אָבער נישט אָנגעוויזן דעם וועג צו אים און זײַן געטרײַעם אַדרעס. מ'האָט געקאָנט אויף דער שיף אַרויסהענגען די ווייס־בלאָע פאָן, אָדער די רויטע מיטן האַמער און סערפּ. פאַר דער בונדישער אידעאָלאָגיע, פון וועלכער דער מחבר איז געווען איי־נער פון די חשובסטע קעמפער, איז דאָרט יעדנפאַלס קיין אָרט נישט גע־ווען. דאָס האָבן מיר פאַרזען ביים אויסוואַל פון דער פּיעסע. איך האָב מיך גערעכנט ביים אַרײַננעמען זי אין רעפּערטואַר בלויז מיט די מעגלעכקייטן פון קינסטלערישער לייזונג, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס. האָבן טאַקע אַ שטאַרקן רושם געמאַכט די פּרעכטיקע דעקאָראַציעס, וואָס אריה מערזער האָט געשאַפן לויט די סקיצן פון מאַנע קאַץ; האָט פאַרכאַפּט דער האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל פונעם גלענצנדיקן אַנסאַמבל; האָבן אַרײַנגעבראַכט שטימונג און פאַרביקייט דער זקנים־טענץ, וואָס אידאַ קאַ־מינסקאַ האָט אײַנשטודירט און יוסף קאַמינסקי האָט זיי באַגלייט מיט זײַן צוגעפּאַסטער מוזיק: איז עס געווען אַ קינסטלערישע דערגרייכונג פון רע־זשיסער, מאַלער און אַקטיאָר, אָבער אַ מאַטעריעלער דורכפאַל.

דער גרעסטער טייל פון אונדזערע באַזוכער איז באַשטאַנען פון אָנ־

הענגער פון „בונד" און דער בונדישער אָרגאַן „די פאָלקסצייטונג" האָט מיט אירע טענות צו פאַטן פשוט אָפּגעהאַלטן דעם עולם פון גיין אין טעאַטער. ס'האָט נישט געהאָלפן די אָנערקענונג פון דער זעלבער צייטונג פאַר דער קינסטלערישער לייסטונג פון אונדזער טעאַטער, — דער עולם, וואָס האָט קודם־כל געזוכט אין טעאַטער אַ פאַרענטפערונג פאַר זיינע ראַנגלעניש און פּראָבלעמען און זי נישט געפונען אין דער פאָרשטעלונג, האָט בלויז פאַר אירע קינסטלערישע מעלות נישט געהאַט קיין אינטערעס. ס'האָט אונדז געדינט אַן איבעריק מאָל ווי אַ באַווייז, אַז קונסט לשם קונסט, אַן אידעיִשן חוט־השדרה, איז אַן ענין פאַרן אויג. אונדזער עולם האָט קודם־כל געזוכט אַ באַפרידיקונג פאַר דער נשמה.

די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט אָבער פאַר אונדז געהאַט אַ ספּעציעלן ווערט: זי האָט אונדז אַנטפּלעקט אַ נייעם סצענישן טאַלאַנט. דער נאָמען איז: דינה האַלפּערן.

קיין הויפּטראָלן זענען אין „גאָלדן לאַנד" נישט געווען. איך האָב געשפּילט אַ „פרעמדן", וואָס באַווייזט זיך אין שטעטל און שטעקט עס אָן מיטן „רייזע־רויש", ווערט דער וועגווייזער אין דער ווייטער נסיעה. די ראָל איז האַלב־סימבאָליש, האַלב־וויזיאָנעריש, אָן וועלכע ס'איז ביאָגראַפישע איינצלהייטן, אַ ביסל פּאַטעטיש און דעקאָראַטיוו. דער איינציקער פּערסאָנאַזש אין דער פּיעסע, וואָס האָט נישט געהאַט „איבערצולעבן", נישט צו טראַכטן, נישט צו פילן, — אַ מין מיטינג־רעדנער, וואָס באַווירקט מיט צוגעטראַכטע פראַזעאָלאָגיע, עפעקטיווער עלאָקווענץ און אימפּאָנירנדיקער אויסערלעכקייט. די איבעריקע ראָלן האָבן שוין פאַרגעשטעלט מיט זיך לעבעדיקע מענטשן מיט דאגות, ראַנגלענישן, אינערלעכע און קעגנזייטיקע קאָנפליקטן. דער עיקר איז אָבער געווען די מאַסע.

הגם יעדער איינער פון די פּערסאָנאַזשן האָט רעפּרעזענטירט אַן אַנדערן שטאַנד, אַן אַנדערע לעבן־אויפפאַסונג, האָט אָבער די גאַנצקייט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מאָזאַיִק פון געציילטע מינאָרע טענער, וואָס ס'איז מעגלעך אַרויסצובאַקומען פונעם גראָען קאָליר. אַ סימפאָניע פון טונקעלע פאַרבן. די אויפגאַבע פונעם רעזשיסער איז געווען צו ניואַנסירן די דאָזיקע גראָקייט, דורכצופלעכטן זי מיט העלערע פלעקן. צו דער דאָזיקער שפּיל

פון זיידעס, טאַטעס און קינדער איז, אַ חוץ די באַקאַנטע, אויסגעפּרוווטע אַקטיאָרן פון „וויקט״, געווען אויך מאָביליזירט די יוגנט פון אונדזער טעאַטער. אייניקע פון זיי האָבן דאַן געמאַכט זייערע ערשטע טריט אויף אַ פּראָפעסיאָנעלער בינע. צווישן אַנדערע, האָט זיך אויך אין דער דאַזיקער גרופּע געפינען די אָנפאַנגערין דינה, אַ ברודערן־טאָכטער פון אברהם האַל־פּערן און אַ פּלימעניצע פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

אין די ערשטע צוויי אויפפירונגען אין וועלכע ס׳האָט אויך אָנטייל־גענומען אונדזער יוגנט, האָט זי זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, אַ חוץ מיט איר שיינעם שמייכל אויפן בלאַסן פּנים מיט די קינדישע אויגן, וואָס האָבן מיט אַ באַגייסטערטן בליק געקוקט אויף אַלץ און אויף אַלעמען מיט נייגער און אַנטציקונג. זי האָט געהערט צו די באַשיידנסטע יוגנטלעכע אין דער גרופּע. ס׳האָט אָפט מאָל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי שעמט זיך צו וואַרפן אין די אויגן, אַז עפּעס דריקט איר, עפּעס פעלט איר... אַ געוויסן אַוונט איז זי אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטע הינטער דער בינע, די אַרויסגערופענע גיכע־הילף האָט פעסטגעשטעלט אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג פון הונגער... זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אַרבעטער, דער איינציקער אין דער פאַרצווייגטער מישפּחה פון אסתר־רחל, וואָס האָט זיך נישט „גע־ריבן״ אַרום טעאַטער. אויף אירע שוואַכע פּלייצעס איז געלעגן דער חוב צוצוהעלפן אין פּרנסה, וואָס דער נישט־תמיד־געזונטער פאָטער איז נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרשאַפן. דער געהאַלט, וואָס זי האָט ביי אונדז באַקומען, האָט ווייניק געקאָנט העלפן איר גרויסער מישפּחה. איר פאָטער, להיפוך צו אַנדערע אָרעמע מיטגלידער פון דער קאַמינסקי־מישפּחה, האָט נישט געהאַט קיין טבע צו בעטן... האָט די יונגע דינהלע אירע בידנע פּאָר גראָשן אַוועקגעגעבן אין דער היים און אַליין נישט דערעסן.

און אָט, ווי מע לייענט אָפט אין די ביאָגראַפיעס פון אַקטיאָרן, מאַכט זיך אַ צופאַל און טאַקע אין „גאָלדענעם לאַנד״... איצט ווייזט זיך מיר אויס דער דאָזיקער צופאַל אין פאַרבינדונג מיטן נאָמען פון דער פּיעסע צו זיין מער ווי אַ געוויינטלעכע „געלעגנהייט״. די שיף פון „גאָלדענעם לאַנד״, וואָס האָט געפירט אין אומבאַוווסט, האָט אַריינגעפירט דינה האַל־פּערן אין דער וועלט פון טעאַטער. ס׳איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פון אַ

יונגן, שיינעם טאַלענט, וואָס האָט אין גיכן אָנגעהויבן צו באַצירן דאָס יידישע טעאַטער.

געשען איז עס אַזוי. אין אַ געוויסער סצענע דאַרף פאַרבייגיין די בינע אַן איינזאַמע לוויה, באַגלייט פון אַ קלאָגנדיקער פרוי, וואָס חזרט כסדר איבער אין גרויס צער איינע און די זעלבע פראַזע. איך האָב אָנגע־הויבן צו רעפּעטירן דעם דאָזיקן עפּיזאָד מיט אַן אָנגעזעענער אַקטריסע, וואָס האָט אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט שאַפן די געהעריקע אַטמאָספער פאַר דער דאָזיקער סצענע. געפּרוווט מיט אַ צווייטער, אַ דריטער — מיטן זעלבן רעזולטאַט. אָדער ס׳האָט זיך באַקומען אַ קלאָג־יידענע פון מאַרק, אָדער אַ „טראַגישע״ מאַמע פון די גוט־באַקאַנטע מעלאָדראַמעס. ס׳האָט געפעלט די פּאָעזיע פון צער, דער טיף־פאַרשטיקטער ספּאַזם פון אַ צע־וויייטיקטער נשמה. דער אינערלעכער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטי־קייט פון גורל קעגן דער טיפער עוולה וואָס ער האָט איר צוגעטיילט. אַלץ וואָס איז ביי יענער רעפּעטיציע „געמאַכט״ געוואָרן איז געווען דער היפוך פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט „הערן״ אין דער דאָזיקער סצענע. איך בין געווען פאַרצווייפלט. דאָס זעלבע דער מחבר וואָס האָט זיך „פאַרגנ־בעט״ אין זאַל און זיך צוגעהערט צום גאַנג פון די רעפּעטיציעס. ווי יעקב פאַט האָט מיר נאָך דער פּרעמיערע דערקלערט, האָט ער שוין געהאַט בדעה מיר פאַרצולייגן צו שטרייכן די דאָזיקע סצענע. פּלוצים האָט זיך אַרויס־גערוקט דינהלע:

— אפשר וועל איך פּרובירן?...

נישט האָבנדיק וואָס צו פאַרלירן, האָב איך איר געענטפערט:

— ווילסט פּרובירן, פּרוביר...

די דאָזיקע סצענע האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף דער פּרעמיערע... ס׳איז געווען אַ באַקלאָגן נישט סתם פון קיין בשר־ודם, נאָר אַ שטעטל אַ גאַנץ, אַ לעבן אַ גאַנץ, וואָס האָט נישט קיין קיום אין דער פרעמדער וועלט... אַ קדיש נאָך אַ וועלט אַ גאַנצער.

***

אויב די פּיעסע אין „גאָלדן לאַנד״ האָט נישט פאַרמאָגט קיין הויפּט־ראָלן, זענען אָבער געשאַפן געוואָרן הויפּטראָלן פון די עפּיזאָדן. אַזוי האָט

געשאַפן די יונגע דינה האַלפּערן און אַזוי האָט געשאַפן דער עלטסטער, אָסקאַר.

פונעם ערשטן גרים וואָס שייעלע ראַטשיין האָט מיר בשעתו אַרויפ־געלייגט אויף מיין פּנימל צו דער שול־פאָרשטעלונג, האָב איך באַקומען דורך־ארץ פאַרן אַלטן אַקטיאָר. מיט דער צייט איז זיך עס צעוואַקסן אין מיר אין אַ טיפן סענטימענט.

איך האָב געזען אין אים די פאַרקערפּערונג פון אַ שווערן, פּילפּאַרביקן לעבנסוועג, וואָס האָט אויך מיך „פאַרסמט" און געוואָרן דער אינהאַלט פון מיין לעבן. געזען אין אים פּרימיטיוון אידעאַליזם, ליבע צום „פאַרשאָל־טענעם שטיקל ברויט", פון וועלכן ער האָט נישט געוואָלט און נישט גע־קאָנט זיך אָפּזאָגן, ווי אַ נאַרקאָמאַן פון די באַרוישנדיקע און שעדלעכע נאַרקאָטיקן. פאַראַן עפּעס טראַגישס אינעם פּאַטעטישן מאַיעסטעט, אין וועלכן די דאָזיקע דינער פון מעלפּאָמענע האָבן זיך באַמיט אונטערצו־שיידן פון די פּשוטע שטערבלעכע, אינעם אָפּערעטישן אָלימפּ, פון וועלכן זיי האָבן אַראָפּגעקוקט צו זיי.

ס'האָט מיך געצויגן צו זייער סביבה, וואָס איז געווען אַזוי אַנדערש פונעם איינגעפונדעוועטן לעבן־שטייגער פונעם אָרום. וועגן האָבן מיך פון קינדווייז אָן געצויגן, רעדער — געררייצט. זייער לעבן איז דאָך — לויט די ווערטער פונעם דובנער באַלעגאָלע — געבויט אויף רעדער... איך פלעג זוכן געלעגנהייטן מיט זיי צו פאַרברענגען, צוהערן זייער לעבן־פילאָזאָ־פיע און די טרויעריקע דערפאַרונגען, וואָס האָבן זי געשאַפן. פלעגן טאַקע די עטלעכע אַקטיאָרן מיר שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, דער־פילנדיק אין מיר אַ מענטשן, וואָס „כאַטש פון די נייע, איז ער דאָך אַן אונדזעריקער"...

אמת, דער דאָזיקער טעאַטער־סעזאָן פון „וויקט" האָט מיך געקאָסט צוויי גוטע פריינד, און הלמאי זאָל איך לייקענען, דער דאָזיקער פאַרלוסט האָט מיר פאַרשאַפן אַ סך עגמת־נפש, אָבער איך האָב מיר נישט געקאָנט העלפן.

געשען איז עס צוליב „לא תחמוד". מיין אַלטער פריינד, דער באמת

ערנסטער און ליבער אַבעלמאַן, האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן, וואָס מיר האָבן אים נישט אָנגעזשירט אין אונדזער נייעם טעאַטער:

— ס׳טייטש? — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר מיר מיט טרערן אין די אויגן — גאָלדפאַדן, לא תחמוד... ווער קען עס נאָך אַזוי ווי איך?..

פון דעסטוועגן האָט דער איידעלער אַבעלמאַן נישט געטראָגן קיין שנאה צו מיר. ער האָט עס יעדנפאַלס קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן. עס וואָלט געווען אונטער זיין כבוד...

אַנדערש איז געווען מיטן מוזיקער יצחק שלאָסבערג, דעם באַקאַנטן, לאַנגיעריקן אַפּערעטן־דיריזשאָר פון יידישן טעאַטער. ער האָט פאַר מיר בשעתו צוגעגרייט די מוזיקאַלישע שטעלן פון „סערקעלע״, פון „די גיל־דענע רויזע״ און געווען אַן אַלטער פריינד פון דער קאַמינסקי־משפחה. אַ גלענצנדיקער מוזיקער, אַ דערפאַרענער דיריזשאָר. ער האָט אָבער גע־שמט מיט זיינע נישט־געצוימטע נערוון און מיט דער ברוטאַלקייט, מיט וועלכער ער פלעגט זיך באַציִען צו די אָנטיילנעמער פון זיינע אָפּערעטן. בעיקר צו די כאָריסטקעס. פון זיין דיריזשאָר־פולפּיט פלעגן זיך אָפּט הערן אויף זייער אַדרעס נישט קיין צווייידייטיקע עפּיטעטן, וואָס זענען אויך גלייכצייטיק דערגאַנגען צו דער ערשטער ריי, בפרט ווען ער איז געווען באַווירקט פונעם ביטערן טראָפּן וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט.

ווי באַקאַנט, האָבן מיר ווי אַ מוזיקאַלישן אָנפירער צוגעצויגן דעם יונגן יוסף קאַמינסקי, וואָס האָט זיך שוין אין וואַרשע קונה־שם גע־ווען מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס און קאַמעראַלן אָרקעסטער, וואָס ער האָט געגרינדעט. מיר האָבן געוואָלט אינעם אַלטן גאָלדפאַדן אַריינהויכן הייַנט־צייטיקייט. דערצו זענען אונדז נייטיק געווען אַנטשפּרעכיקע, מאָדערנע כוחות, צו וועלכע שלאָסבערג האָט, ביי זיין גאַנצן טאַלענט און דערפאַ־רונג, זיך נישט געקאָנט פאַררעכענען. נישט צוליב זיין עלטער. עלטערע פון אים זענען געווען פאַרגייער אין דער מאָדערנער קונסט. ער איז אָבער נישט געגאַנגען פאָרויס צוליב מאַנגל פון באַציִונג, צוליבן פאַרנאַכלעסיקן זיך אַליין, זיין קונסט, זיין אַרבעט.

אַן ענלעכן פאַל האָב איך אין יאָרן אַרום איבערגעלעבט מיטן לעמ־בערגער מוזיקער אַדאָלף גימפּל, ביי מיין באַנייען גאָלדפאַדנס היסטאָרישע

אפערעטע. דער איידעלער גימפל אָבער האָט שווייגנדיק געטראָגן אין זיך די עוולה, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן. שלאָס־בערג, דאָקעגן, האָט געהאַנדלט, ווי זיין שטייגער, ווייט נישט „דזשענטל־מעניש". אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך מיט וואַקלדיקע טריט דערנענ־טערט צו מיר אין פאַראיין, מיך מכבד געווען מיט אַ בליק פון שנאה און ריח פון שנאַפּס און אַ געשריי געטון אויף זיין גרילצנדיקן פאַלצעט:

— יינגל! אַנשטאָט שלאָסבערגן נעמט מען עפּעס אַ יינגל, אַ גאָר־נישט!

ווען ער האָט נאָך צוגעגעבן אַ רוסישן דרייגאָרנדיקן „אין דער מאַ־מען אַריין", בין איך שנעל אַוועק פון אים און אויף להבא אויסגעמיטן באַגעגענישן מיט אים. שלאָסבערג האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלענט; ער האָט אים געבראַכט פאַר אַ קרבן צוליבן ביטערן טראָפּן.

**

די צוויי אַלטע אַקטיאָרן, וואָס מיר האָבן צוגעצויגן צו אונדזער סעזאָן, זענען געווען עמעריטן פון אַרטיסטן־פאַראיין. איינער פון זיי, אַמאַסיע, אַ צעבראָכענער אַסטמאַטיקער, וואָס האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק אומגעקערט פון רוסלאַנד, האָט זיך אַרומגעדרייט אַן עלנטער אין אַרטיסטן־פאַראיין, זוכנדיק אַ גוט וואָרט ביי אַ פאַרטנער פון שאַך, אַ חברישן שמועס וועגן די „אַלטע, גוטע צייטן". תמיד מיט אַ שולדיקן שמייכל אויפן אָנגעלאָפּענעם פּנים, גלייך ווי ער וואָלט זיך געבעטן אַנט־שולדיקונג, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, וואָס ער שטערט מיט זיין הוסט, מיטן רויך פון זיינע „אַסטמע־פּאַפּיראָסן"...

דער צווייטער איז געווען יוליוס אָסקאַר. אונדזער „וויקט"־סעזאָן איז געווען זיין לעצטער „גאַסטשפּיל" אויף די טעאַטער־ברעטער. די דריי יאָר, וואָס ער האָט געלעבט נאָך דעם, פלעגט ער פאַרברענגען אין אַר־טיסטן־פאַראיין און אין גערטנערס רעסטאָראַן. ביז אַן אויטאָ האָט אים איבערגעפאָרן און פאַרקירצט זיין לעבן. ווען נישט דאָס, ווער ווייסט ווי לאַנג אָסקאַר וואָלט נאָך געווען געלעבט. אַזוי פיל וויטאַליטעט האָט פאַר־מאָגט זיין איינגעשרומפּענער גוף.

אויב אַמאַסיע האָט זיך באַמיט נישט „צו וואַרפן זיך אין די אויגן" אויף דער בינע און תמיד געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו לאָזן פאַרשטעלן דורך אַנדערע, האָט אָסקאַר געזוכט דעם „אויבנאָן" און איך האָב מיך באַמיט אים צוצוהעלפן דעריין. האָט ער טאַקע געצויגן די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט אַלס אַלטער סאַנקילאָט אין די „וועלף", ווו זיין דעקאָראַטיווער קאָפּ האָט אַרויסגעשיינט פון דער גראָער מאַסע. זיין עפּיזאָד פון אַ „זיידעניו" „אין גאָלדענעם לאַנד" האָט אַרויסגערופן מיטגעפיל ביים עולם און זיין טאַנץ מיט דער יינגיטשקער אַנדזשעלע ראַפּעל, וואָס האָט געשפּילט אַ „באָבעניו" — אַנטציקונג און אַפּלאָדיסמענטן.

מיין דערציילונג „עמעריטן", וואָס איך האָב מיט יאָרן שפּעטער אין בראַזיל באַאַרבעט פאַר אַן איינאַקטער, איז געוואָרן איבערגעזעצט און געשפּילט אין פאָרטוגעזיש און, פאַרשטייט זיך, אויך אין יידיש.

אין ישראל האָב איך דעם איינאַקטער אַנטוויקלט אין אַ גאַנצער פּיעסע, וואָס איז אַ קנאַפּ יאָר צייט געשפּילט געוואָרן דורך מיין טעאַטער „זוטא". די פּיעסע האָט טאַקע געהייסן „אָסקאַר".

***

נאָכן „גאָלדן לאַנד" האָבן מיר צוגעגרייט די קאָמעדיע פון דוד פּינסקי „דער אוצר", וואָס איז אונדז רעקאָמענדירט געוואָרן דורך נחמן מייזיל. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די באמת־רירנדיקע באַציִונג צום „וויקט" פון אייניקע טעאַטער־פריינד, וואָס האָבן זיך באַמיט אונדז צו העלפן מיט עצות, מיט זוכן רעפּערטואַר, מיט שאַפן די גינסטיקע שטימונג אַרום אונדזער טעאַטער. די דאָזיקע באַציִונג האָבן אונדז אַרויסגעוויזן טוער פון די פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ריכטונגען, אַפילו פון דער אַסימילאַציע, וואָס איז בדרך־כלל געשטאַנען וויט פון יידישער קולטור.

דוד פּינסקי איז, צוגלייך מיט שלום אַש, אַרויס פון די באַגרענעצטע ראַמען פון יידישן טעאַטער און איז געשפּילט געוואָרן אויך אין אַנדערע שפּראַכן. זיין „אוצר" איז נאָך אין 1910 געשפּילט געוואָרן אין ריינהאַרדטעאַטער און דער גרויסער רודאָלף שילדקרויט איז אין דער ראָל פון „כאַניע דער קברן" באַוואונדערט געוואָרן פונעם בערלינער און ווינער עולם.

אינעם יידישן טעאַטער איז דער „אוצר״ אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1919, דורך מאָריס שוואַרץ און פון דעמאָלט אָן איז ער פאַר־בליבן אין אַרכיוו פון אונדזערע טעאַטערס.

מיר האָבן אַרויסגעפילט אינעם „אוצר״ אַ מאָטיוו וואָס האָט אויך געדינט ווי די טרייבקראַפט פאַר אונדזער טעאַטער. דער פאַרלאַנג אַרויס־צורייסן זיך פונעם „בית־עולם״ פון יידישן טעאַטער, ווו ס׳ווערן טאָג־איין, טאָג־אויס אַנטדעקט נייע „אוצרות״ פון גראַפאָמאַניע און טאַלענט־לאָזיקייט, פון ביליקער פאַרווילונג און פאַרשידענע „פּראָדוקשנס״ דורך די פאַרשידענע אימפּרעסאַריאָס און זייערע „אונטערשפּילער״, אַקטיאָ־רישע קאָבאָטינען און פּרעסע־קאַריעריסטן.

דער קרעטין „יודקע״, וואָס פירט פאַר דער נאָז אַ גאַנצע שטאָט און צווינגט צו גלייבן, אַז אינעם קבר פון זיין געפּגרט הינטל געפינט זיך אַן אוצר, האָט דערמאָנט אָן דער שרייענדיקער רעקלאַמע, וואָס פלעגט גע־מאַכט ווערן די פאַרשידענע היימישע און אויסלענדישע „סטאַרן״.

אַ חוץ דעם דידאַקטישן מאָטיוו, פאַרמאָגט פּינסקיס קאָמעדיע אַ גאַלעריע לעבעדיקע געשטאַלטן, כאַראַקטעריסטישע פאַרן יידישן שטעטל, און אַ שפּאַנענדיקן סיפור־המעשה, מיט אַ פלאָנטער פון קאָמישע סיטואַ־ציעס, וואָס קייקלען זיך מיט אמתער טעאַטראַלישער שנעלקייט ביז צום קולמינאַציע־פּאָקט, דעם טראַגי־קאָמישן פינאַל.

אינטערעסאַנט, וואָס די דאָזיקע פריילעכע קאָמעדיע שפּילט זיך אָפּ אויף אַ ביז גאָר אומהיימלעכן פּאָן, אויפן שטאָטישן בית־עולם, וואָס האָט טאַקע נאָך מער אונטערגעשטראָכן די לעכערלעכקייט פונעם עולם־הזה־דיקן הו־האַ און געיעג נאָכן אוצר.

פון דער פּיעסע האָב איך באַזייטיקט אַ גאַנצע סצענע פון מתים, וואָס שטייען אויף פון זייערע קברים, כדי צו פילאָזאָפירן איבער דער הבל־הבלימ־דיקייט פון דער וועלט און דערקלערן, אַז זיי האָבן „מיטגעלעבט אַ לעבן און עס האָט זיי פאַרן לעבן געשווידערט״...

אין מיין צווייטער אינסצעניזאַטאָרישער ווערסיע אין בראַזיל, האָב איך, אויפפירנדיק דעם „אוצר״, ווי אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע, אין גאַנצן באַזייטיקט דעם לעצטן אַקט פון בית־עולם און די גאַנצע אַקציע אַריינגע־פירט אין קברנס דירה.

די פּיעסע האָט פאַרמאָגט אַ דאַנקבאַרן מאַטעריאַל פון פּערסאָנאַזשן, פון וועלכע אונדזערע אַקטיאָרן האָבן געשאַפן גלענצנדיקע קרעאַציעס. אַזוי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די הויפּטראָלן כאַניע קברן און זיין ווייב — משה און נאַטאַליע ליפּמאַן; זייער טאָכטער טילע — אידאַ קאַמינסקאַ; דער שטאָטנאַר יודקע — אַדאַם דאַמב; דער שדכן — דוד לעדערמאַן; דער ראש־הקהל — זלמן הירשפעלד. פון די איבעריקע ראָלן האָבן געשאַפן פאַרביקע געשטאַלטן: י. מאַנדעלבליט, י. גרודבערג, מ. מעלמאַן, ד. בירנבוים, פ. קערמאַן און אונדזער וועטעראַן, יוליוס אָסקאַר.

אינעם „אוצר״ האָט זיך אָסקאַר דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. אין די ביז־איצטיקע פּיעסן פלעגט זיך אָסקאַר פילן געטראָפן, וואָס איך רעדוציר אים דאָס רעדן אויף דער בינע ביזן מינימום. אַלע זיינע יאָרן ביים יידישן טעאַטער, דאָס הייסט, ווען דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך גערופן „יידיש־דייטשער טעאַטער״ און די אַקטיאָרן האָבן זיך געמוזט ברעכן די ציין אויף צו רעדן „דייטש״, איז אָסקאַר געווען דער „ספּעץ״ אין דער דאַזיקער שפּראַך און האָט אימפּאָנירט מיט זיין אַקצענט. ער פלעגט זיך שטענדיק גרויסן, אַז ער האָט געשפּילט מיט זאָנענטאַלן אַליין... צוליב דעם אפשר האָט ער פאַרנאַכלעסיקט די יידישע אויסשפּראַך, וואָס ער האָט שוין אויף דער עלטער בשום־אופן נישט געקאָנט אויסבעסערן. ער פלעגט אָפט האָבן צו מיר טענות:

— וואָס וואָלן זי פאָן מיר, איך שפּרעכע דאָך איין רייגעס מאַמע־לשון...

ביים „אוצר״, דאַקעגן, האָט דאָך, על־פּי־שכל, זיך געקאָנט געפינען צווישן די שיינע באַלעבאָטים פון שטאָט איינער, וואָס רעדט דייטשמעריש, האָב איך די דאָזיקע מעגלעכקייט געגעבן אָסקאַרן.

— איר קאָנט רעדן אייער ריינעם מאַמע־לשון וויפל איר ווילט, הער אָסקאַר — האָב איך אים געזאָגט. ער האָט ממש אויפגעלעבט:

— ענדליך האָבן זי פערשטאַנדן דאָס איך איין גוטעס יידיש שפּרעכע...

און ער האָט ווידער געשאַפן איינעם פון זיינע פאַרביקע עפּיזאָדן. די לעצטע ראָל אין זיין רייכער, לאַנגיעריקער אַרטיסטישער קאַריערע.

**
*

מיר זענען קינסטלעריש געגאַנגען מיט שנעלע טריט פאָרויס. די מאַ־טעריעלע לאַגע אָבער פונעם טעאַטער איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלאָגע־דיקער. אונדזערע בקשות צו דער וואַרשעווער קהילה און צום „דזשאָינט" וועגן סובווענצן זענען געוואָרן אָפּגעוואָרפן. איך האָב בייגעוווינט די „היסטאָרישע" זיצונג אין דער „גמינע", ווען מ'האָט באַהאַנדלט אונדזער פראַגע. כ'בין אַרויס פון זיצונגזאַל אַ צעבראָכענער. די גוטע כוונות פון די בונדישע און ציוניסטישע ראַטמענער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שאַרפער אָפּאָזיציע מצד דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט אונדזער טעטי־קייט באַצייכנט ווי אַפּיקורסות, חילול־השם און אַפילו געדראָעט מיט חרם און אויסשליסן פון כלל־ישראל...

דער „דזשאָינט" האָט סתם קיין קלאָרע תשובה נישט געגעבן, זיך פאַררופנדיק אויף פאַרשידענע תירוצים, פון וועלכע קיין איינער האָט נישט געהאַט קיין ממשותדיקע באַרעכטיקונג.

מיר האָבן שוין ממש נישט געהאַט וואָס צו פאַרזעצן און ווו צו באַ־קומען הלוואות. אַנטמוטיקטע, נידערגעשלאָגענע האָבן מיר זיך פון דעסט־וועגן גענומען רעפּעטירן אַ נייע פּיעסע: „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", וואָס אידאַ קאַמינסקאַ האָט באַאַרבעט.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פון 28סטן יאַנואַר 1927, איז דער־שינען אַ שאַרף אַרטיקל פון נחמן מייזיל, אונטערן נאָמען „גלייכגילטיקייט אָדער באָיקאָט?". אינעם דאָזיקן אַרטיקל טרעט ער אַרויס קעגן דער וואַר־שעווער געזעלשאַפטלעכקייט, „וואָס קוקט זיך צו פּאַסיוו צו די שווערע ראַנגלענישן פון אונדזער טעאַטער, באַגנוגענדיק זיך מיט אייניקע קאָנ־פערענצן, רעזאָלוציעס, אָן אַ וועלכער עס איז ממשותדיקער הילף פאַרן „וויקט".

נישט דער גוטער ווילן פון אונדזער פריינד נחמן מייזיל און נישט זיינע שטראָפּרייד האָבן שוין געקאָנט ראַטעווען די סיטואַציע. מיר האָבן שוין געפּאַקט די טשעמאָדאַנען אויף צו לאָזן זיך אין וועג, כדי צו דעקן די דעפיציטן. דער נייער טורנעי איז געוואָרן אַזוי צוגעגרייט, אַז מיר זאָלן קאָנען צווישן איין גרויסער שטאָט און דער אַנדערער טיילן אונדזער טרופּע און שפּילן גלייכצייטיק צוויי פאָרשטעלונגען אין אָוונט. איין העלפט מיט אידאַ קאַמינסקאַ בראָש, די צווייטע מיט מיר.

אונטערן צייכן פון די דאָזיקע צוגרייטונגען איז טאַקע אַדורך אונדזער לעצטע פּרעמיערע „די ברידער קאַראַמאַזאָוו". שוין נישט געווען דער „וויקט"־פּאַרנעס, דער פּלייס און געשליפנקייט פון סצענעס און טיפן, ווי מ'איז עס געוווינט געווען צו זען ביי אונדז. ס'איז געווען אַ בחיפזונדיק־צוגעגרייטע פאַרשטעלונג אויף צו פאַרענדיקן דעם קאָנטראַקט מיטן טעאַטער־בנין.

נאָך אונדז האָט פאַרנומען די בינע „זלאַטע די רביצין"...

20

טורניי איבער רומעניע

מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר זיך געראַנגלט אָנצוהאַלטן די פּאָזיציע. „זלאַטע די רביצין" האָט אונדז אָבער גובר געווען...

מיר האָבן דעריבער אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו אונדזער טורניי איבער רומעניע.

מיר האָבן אויף ס'ניי צוגעגרייט אונדזער רעפּערטואַר, וואָס איז באַשטאַנען פון: „די זיבן געהאָנגענע", „שבתי צבי", „דער קאַרגער", „דער אוצר", „טוביה דער מילכיקער", „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", „די וועלף", „נאַראַ", „דער געדאַנק" און „מאָרפיום".

**

מיר פאָרן קיין רומעניע. אַ קליינינקייט, רומעניע און ייִדיש טעאַטער! דאָס לאַנד האָט דאָך געגילט ווי דאָס וויגעלע פון ייִדישן טעאַטער. דאָס ייִדישע פאָלקסליד האָט געטראָגן אין זיך שפּורן פון דער רומענישע דאַינע, פונעם וואַלעכל, וואָס מיר פלעגן נאָכזינגען אויף חתונות און פאָלקס־פאַרווייַלונגען. פונעם יאַסער „פאַמול ווערדע" איז אַרויס אין דער וועלט אברהם גאָלדפאַדן. אין בוקאַרעשט האָבן אויפגעשיינט די שטערן פון מאָלי פּיקאָן און יוסף בולאָוו. די רומענישע קעניגין האָט אַראָפּגענידערט צום

יידישן טעאַטער און באַזוכט איינע פון די גלענצנדיקע אויפפירונגען פונעם מאָדערנעם רעזשיסער יעקב שטערנבערג. דאָרט האָבן אָנגעהויבן זייער קאַריערע אין יידישן טעאַטער די רוסישע אַרטיסטן לידיאַ פּאָטאָצקאַיאַ און פּאַול באַראַטאָוו, וואָס האָבן זיך דאָ צוגעגרייט זייערע ערשטע ראָלן אין יידיש, אין דער שפּראַך וואָס איז נאָך פּאַר זיי פּרעמד. די פּאַרבייפּאָרנדיקע אַמעריקאַנער „סטאַרס" פּלעגן זיך נישט קאָנען אָפּלויבן פונעם יידישן עולם אין רומעניע און פון זיין ליבע צום טעאַטער. איז אַ חידוש וואָס מיר האָבן זיך מיט אַזאַ שפּאַנונג געגרייט צו דער באַגעגעניש מיטן דאָזיקן עולם?

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט גאָלדפאַדן: „דער צופאַל האָט געוואָלט, איך זאָל לייגן דעם גרונדשטיין פון יידישן טעאַטער אין רומעניע, אין אַ לאַנד און פּאַר אַ פּעבל, וואָס האָט נאָך קיין באַגריף נישט געהאַט פון טעאַטער־ליטעראַטור... פּאַר אַן עולם, וואָס זיין גאַנצע פיזישע און גייסטיקע נאַרונג איז באַשטאַנען פון אַ גוט גלעזל אָדאָבעשטער וויין און יידישע לידער — און ווען איך האָב אויפגעפירט מיין ערשטע לעבנס־דראַמע ריין, אַן קאָמיקער, אַן געזאַנגען, זענען מאַנכע פון פובליקום צו מיר אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע און מיך אָפּאָסטראָפירט מיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „מיר קומען נישט אין טעאַטער מע זאָל אונדז אָנוויינען אַ קאָפּ! מיר האָבן אונדזערע אייגענע צרות אין דער היים, פון ווייב און קינדער! מיר קומען אין טעאַטער איר זאָלט אונדז אונטערהאַלטן. און פּאַר אונדזער פּראַנק ווילן מיר איר זאָלט אונדז פרייליך מאַכן און מיר זאָלן זיך גוט אָנלאַכן!"...

***

דעם לעצטן סעזאָן פּאַר אונדזער אָנקומען קיין רומעניע האָבן דאָרט געשפּילט דריי טרופּעס פון פּוילן. די „ווילנער טרופּע", וואָס האָט זיך דאָרט געפינען אַ לענגערע צייט און דורכגעמאַכט אייניקע גילגולים און שפּאַלטונגען. די ערשטע צייט האָט זי געהאַט צו פאַרצייכענען גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען און אָנערקענונג אויך מצד דער רומענישער קינסטלערוועלט. דער באַקאַנטער דיכטער און רעזשיסער יעקב שטערנבערג

איז געווען אירס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער און אים איז אויך געווען צו פאַרדאַנקען דער גרויסער דערפאָלג פון די ווילנער אין דימאָווס „יאַשקע מוזיקאַנט". פון דער דאַזיקער פאַרשטעלונג האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער אויפשטייג פון איינעם פון די בעסטע יידישע אַקטיאָרן פון אונדזער צייט, יוסף בולאָווּ. אין רעזולטאַט פון די אָפטע שפּאַלטונגען ביי די „ווילנער", האָבן זיך באַוויזן אייניקע „ווילנער אויפלאַגעס", ווי מ'האָט זיי גערופן און ס'איז שווער געווען צו געפינען צווישן זיי אַן אמתן ווילנער. אַ טייל פון די אַמאָליקע „ווילנער" איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן און אָנגעהויבן שפּילן אין לעמבערג. אַלעקס שטיין איז אַריבער קיין ריגע און אַנדערע האָבן געמאַכט שבת פאַר זיך.

צוליבן גרויסן שם וואָס די ווילנער טרופּע האָט זיך געשאַפן אין רומעניע, האָט דער דאָרטיקער אימפּרעסאַריאָ אַראָפּגעבראַכט די „ווילנער אָפּערעטקע", וואָס איז באַשטאַנען פון די לאָדזשער קוטנער, זיידערמאַן, לערנער און די גראַדנער פאַמיליע קאַדיש־כּאַש. ווי דער שטייגער, איז זיך די טרופּע אין גיכן צעפאַלן און ס'האָבן זיך געשאַפן אייניקע „ווילנער אָפּערעטקעס"... נאָך דער „ווילנער" איז געקומען די ריי פון דער „לאָדזשער אָפּערעטן־טרופּע" פון דער פאַמיליע קאַמפּאַניעיעץ, וואָס האָט געטיילט דעם גורל פון איר „ווילנער" חברטע. נאָך זיי זענען מיר געקומען מיטן „וויקט".

***

באַלד נאָכן אַריבערפאָרן די פּוילישע גרענעץ, וואַרטנדיק אויף אַ פאַרבינדונג מיט בוקאַרעשט, האָב איך דערפילט די גוטבאַקאַנטע אומרוי־קייט וואָס פלעגט באַגלייטן אונדזערע נסיעות איבער אוקראַינע. ווו דו טוסט זיך אַ ריר און אַ וואַרף אַ בליק, שטויסטו זיך אָן אויף באַוואָפנטע סאָלדאַטן, אין זייערע הויכע פּויערישע היטלען. מע באַטראַכט דיך מיט חשד, מע באַטאַפּט דעם באַגאַזש, עפּעס זוכט מען, עפּעס וויל מען. אונ־דזער באַגלייטער ש. קלערט אונדז אויף, אַז מע מיינט נישט, חלילה, אונדז, נאָר... דעם אַבדיקירטן קעניג קאַראָל, וועלכן ס'איז מיאוס געוואָרן צו פּראָווען גלות אין אויסלאַנד און ער קלייבט זיך קיין רומעניע מאַגען צו־ריק דעם טראָן ביי זיין מינדעריעריקן זונדל מיכאַיל. האָט מען טאַקע זיך

געוואָלט פאַרזיכערן, צי ס׳געפינט זיך נישט אַ מאָל פאַרשטעקט צווישן אונדז אָט דער דאָזיקער פּרעטענדענט אויפן רומענישן טראָן און מיר האָבן געמוזט עפענען אַלע אונדזערע קאַסטנס און וואַליזעס... אַזוי ווי זיי האָבן דאָרט נישט געפינען דעם קעניג קאַראָל, אַזוי האָבן מיר שפּעטער נישט געפינען געוויסע קעגנשטאַנדן, וואָס זענען נאָך דער רעוויזיע פאַרשווינדן פון די וואַליזעס...

אויף דער זעלבער סטאַציע האָט זיך געפונען אַ לאַנגע שורה וואַגאָנען פון אַ דייטשן צירק, וואָס איז אויך, אַזוי ווי מיר, געקומען אויף אַ טורנייִ קיין רומעניע. דער צירק האָט אָבער געהאַט אַן ערגער מזל פון אונדז, ווייל מ׳האָט אים געהייסן וואַרטן אייניקע טעג אויף אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון בוקאַרעשט, וואָס דאַרף פעסטשטעלן די כשרות פון זיין צאָלרייכן פּערסאָנאַל. פאַר דער צייט האָט פאַרפעלט שפּייז פאַר דער גרויסער צאָל חיות, וואָס דער צירק האָט מיטגעפירט, און דאָס רעווען פון די אויסגעהונגערטע בעלי־חי האָט זיך אויסגעמישט מיט די היסטערישע קולות פון צירק־דירעקטאָר, וואָס האָט געשאָלטן אַלע רומענער און געדראָעט אָנצולערנען די „לייזיקע ציגיינער״. צו די קולות פונעם דירעקטאָר און פון זיינע אויסגעהונגערטע חיות זענען גיך צוגעקומען נייע, פון די מיליטער־לייט און באַן־באַאַמטע, וואָס איינס דאָס אַנדערע האָט זיך נישט פאַרשטאַנען.

צוליב דער געשפּאַנטער לאַגע אין לאַנד זענען געשיקט געוואָרן צו די גרענעצן מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען פון רעגאַט, דאָס הייסט, אַלט־רומעניע, וואָס האָבן קיין אַנדער שפּראַך ווי רומעניש נישט פאַרשטאַנען. דאַקעגן, די געוועזענע באַן־באַאַמטע, וואָס רומעניע האָט באַקומען בירושה פון דער צעטיילטער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין אַנדערע שפּראַך ווי דייטש אָדער אוקראַיניש. אַ נס, וואָס ש. האָט זיך אַריינגעמישט און געוואָרן דער פאַרמיטלער צווישן די פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס אויפן באַנהויף און אין רעזולטאַט דערפון האָט מען אונדזער באַן די ערשטע אָפּגעשיקט קיין בוקאַרעשט.

***

נאָך דער ערשטער װעלט־מילחמה זענען, װי באַקאַנט, אײניקע גרויסע לענדער געװאָרן קלײן און אײניקע קלײנע — גרויס. די שטיקער װאָס זע־נען אָפּגעריסן געװאָרן פון דער געװעזענער עסטרײכיש־אונגאַרישער און רוסישע מאָנאַרכיעס זענען געװאָרן צוגעטײלט צו קלײנע, ביז דאַן „באַ־שײדענע" מלוכהלעך, שאַפנדיק אויפן אָרט פון די צעטײלטע — נײַע, אומגעלומפּערטע פעלקער־קאָמבינאַציעס. אַזוי איז טאַקע צום געװעזענעם רומענישן קעניגרײַכל צוגעטײלט געװאָרן די אָפּגעריסענע פון רוסלאַנד בעסאַראַביע, פון עסטרײַך־אונגאַרן — בוקאָװינע און טראַנסילװאַניע, און פון בולגאַריע אַ טײל דאָבּרודזשאַ, מיט אַ טערקישער באַפעלקערונג. אי־בערנאַכט איז אויסגעװאַקסן די „ראָמאַניאַ מאַראַ", גרויס־רומעניע, װאָס די מערהײט פון איר האָט גערעדט פרעמדע שפּראַכן: רוסיש, מאָלדאַװיש, אונגאַריש, דײַטש, אוקראַיִניש און טערקיש.

דאָס ייִדיש אין רומעניע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערן קוריאָז. פון די אַלע „אויסלענדישע" שטעט, װאָס מיר איז ביז דאַן אויס־געקומען צו באַזוכן אין רוסלאַנד און אוקראַיִנע, איז בוקאַרעשט געװען די ערשטע, װוּ די ייִדישע באַפעלקערונג האָט נישט גערעדט קײן ייִדיש, נאָר אויסשליסלעך די לאַנדשפּראַך — רומעניש. ס'איז אויך פאַר מיר געװען אַן איבערראַשונג, װאָס דער ייִדישער פאָלקסמענטש אין רומעניע האָט גערעדט די לאַנדשפּראַך אָנעם ספּעציפיש־ייִדישן אַקצענט, װי מיר זענען געװוינט געװען צו הערן אונדזערע פּוילישע און רוסישע ייִדן רעדן זײערע לאַנד־שפּראַכן. להיפּוך צום גאַליצער, אָדער מאָלדאַװאַנקער ייִד, האָט דער ייִד פון בוקאַרעשט גערעדט אַ רײנעם רומעניש, װאָס האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערגעשײדט פון זײַן גויִשן שכנס שפּראַך. אויב מיט אַן עלטערן בו־קאַרעשטער ייִד האָט מען זיך נאָך געקאָנט פאַרשטענדיקן אין מאַמע־לשון, איז זי פאַרן יונגערן דור געװען גאַנץ פרעמד. די יוגנט האָט, אַ חוץ רומע־ניש, גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש, װאָס איז געװען די צװײטע שפּראַך נאָך רומעניש, אָדער אַ געבראָכענעם דײַטש.

אויף דער פּראָװינץ אָבער, װעלכע מיר האָבן באַזוכט נאָך בוקאַרעשט, האָבן מיר געהערט אַ געשמאַקן ייִדיש און אין אַזעלכע שטעט װי יאַס, באָטאָשאַן, דאָראָהאָי, האָבן מיר געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז מיר געפינען

זיך ערגעץ אין וואָלין אָדער אין פּאָדאָליע. די רומענישע פּראָווינץ האָט טאַקע אַרויסגעגעבן אַ ריי אָנגעזעענע יִדישע שרייבער און קולטור־טוער. און יאַס ווערט אָפיציעל פאַררעכנט פאַרן וויגעלע פונעם יִדישן טעאַטער.

אַ פיינלעכן איינדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט דער ערשטער אָפּיש פון אונדזער דעביוט, ווו מיר האָבן נישט געפינען קיין איין יִדישן אות. מ׳האָט אונדז באַדאַרפט פאַרזיכערן, אַז „שי שאַפּטי שפּענזוראַטי״ באַטייט די „זיבן געהאָנגענע״, מיט וועלכע מיר הייבן אָן אונדזערע גאַסטשפּילן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך קיין טעגלעכע פּרעסע אין יִדיש איז נישט דערשינען אין בוקאַרעשט, אַ חוץ דריי ציוניסטישע וואָכנבלעטער אין רו־מעניש. און אָט שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ נייעם קוריאָז: די דאָזיקע וואָ־כנבלעטער באַציִען זיך צו אונדזער טעאַטער מיט גרויס רעזערוו, להיפּוך צו די אָנגעזעענסטע רומענישע צייטונגען, וואָס ווייזן אונדז אַרויס גרויס אויפמערקזאַמקייט און ווידמען אַ סך פּלאַץ און סימפּאַטיע אונדזערע פאַר־שטעלונגען. דער היפּוך צו דעם, ווי מיר זענען דאָס געוווינט געווען אין פּוילן.

דער ערשטער ערנסטער יִדישער טעאַטער מיט וועלכן די רומענישע עפנטלעכקייט האָט זיך באַקענט איז געווען די „ווילנער טרופּע״. לכתחילה האָבן די ווילנער אַרויסגערופן סענסאַציע ווי אַן עקזאָטיש טעאַטער, גאָר גיך איז אָבער דער מאָמענט פון סענסאַציע פאַרשווונדן און די רומענישע אינטעלעקטועלע קרייזן האָבן דערזען אין אים אַ טעאַטער פון אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, וואָס קאָן זיי אין געוויסע הינזיכטן דינען ווי אַ מוסטער. די „ווילנער״ האָבן אַריינגעצויגן אין יִדישן טעאַטער אַ גרויסן קאָנטינגענט נישט־יִדישן עולם, וואָס איז שוין פאַרבליבן אַ סטאַבילער באַזוכער און פאַרערער אויך פון אונדזער טעאַטער. די רומענער האָבן אַ שם נישט נאָר מיט זייערע וואָלעכלעך און דאַינעס, נאָר אויך ווי ענטוזיאַס־טישע ליבהאָבער פון טעאַטער. דאָס בילדונג־מיניסטעריום האָט קולטי־ווירט און אונטערגעשטיצט די גרויסע צאָל נאַציאָנאַלע טעאַטערס פון דער הויפּטשטאָט און פּראָווינץ. אין בוקאַרעשט, למשל, פלעגן אַפילו אין יענער צייט דערשיינען צוויי טעגלעכע צייטונגען: „ראַמפּאַ״ און „קאָ־מעדיאַ״, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן בעיקר מיט טעאַטער־ענינים פון דער

הויפטשטאָט. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס אַרום יעדער נייער דערשיינונג פון קינסטלערישן ווערט פלעגט זיך שאַפן אַ גרופּע פריינד פון די רומענישע אינטעלעקטואַלן. צו אונדזערע אָפטע באַזוכער האָבן געהערט דער הויפּט־שוישפּילער פון נאַציאָנאַלן טעאַטער וורַאקאַ, דער טעאַטער־דירעקטאָר טאַנאַסע, ווי אויך פּאָפּולערע שרייבער, קינסטלער און זשורנאַליסטן מיטן באַקאַנטן ייִדיש־רומענישן קולטור־טוער באַרבו לאַזאַריאַנו בראָש.

בוקאַרעשט, דער וויכטיקסטער קולטור־צענטער אין באַלקאַן, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בריק צווישן אַזיע און אייראָפּע. יעדע נייעס פון מערב־אייראָפּע איז געווען אַ שטאַרקער צוציִונג־כוח פאַר דער רומענישער אינטעליגענץ. האָט זי זיך געזוכט דורכן ייִדישן טעאַטער, צוערשט דורך די „ווילנער" דערנאָך דורכן „וויקט", צו באַקענען מיט די נייע דערגרייכונגען פון דער אייראָפּעיִשער טעאַטער־קולטור. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער גרויסער פּראָצענט פון נישט־ייִדישע באַזוכער. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל אין דעם פּרט האָבן מיר געהאַט צו פאַרצייכענען בעת אונדזער טורניי איבער דער רומענישער פּראָווינץ. ביי דער פאָרשטעלונג פון פּינסקיס „אוצר" אין דער באַקאַנטער רומענישער נאַפטשטאָט פּאָעשטי, האָבן מיר בשום־אופן נישט געקאָנט אָנבינדן קיין קאָנטאַקט מיטן עולם. אַלע ערטער, ווו מיר זענען געווינט געווען צו הערן געלעכטער, זענען אַדורך ביי אַ טויטער שטילקייט. גלייך מיר וואָלטן נישט געשפּילט קיין פריילעכע קאָמעדיע, נאָר אַ „העדאַ גאַבלער", אָדער „דריי שוועסטער". ווען ס'האָט אונדז באַזוכט נאָך דער פאָרשטעלונג אונדזער אימפּרעסאַריאָ סאַנדו, האָבן מיר פּשוט זיך באַמיט אויסצומיידן אַ געשפּרעך מיט אים. פרעגט ער אונדז, וואָס מיר זענען אַזוי טרויעריק.

— ס'טייטש — ענטפערן מיר אים — ס'איז דאָך געווען אַ פול־שטענדיקער דורכפאַל!

קוקט ער אונדז אָן מיט פאַרוווּנדערונג און זאָגט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער רויִקייט:

— וואָס פעלט אייך איין? דער עולם איז דווקא אַרויס זייער צופרידן פון דער פאָרשטעלונג און מאָרגן וועט זיין אויספאַרקויפט...

— פאַרוואָס זשע האָבן זיי נישט געלאַכט? — פרעגן מיר אים שוין אַ ביסל דערמוטיקטער.

— ווי קאָנען זיי לאַכן — באַקומען מיר ווידער אַ רויקן ענטפער — זיי פאַרשטייען דאָך נישט קיין יידיש. דאָס זענען בלויז גויים...

רומעניע, ווי גאַנץ אייראָפּע, האָט צו יענער צייט איבערגעלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, און דאָס האָט זיך שטאַרק געגעבן צו פילן די אַרטיקע טעאַטערס. אויב די מלוכה־טעאַטערס האָבן דעם קריזיס ווייניקער געפילט, האָט ער אָבער שטאַרק משפיע געווען אויף די פּריוואַטע, בעיקר יונגע טעאַטערס, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויפן אַרבעטער־עולם. אין אונדזער צייט האָט זיך פאַרמאַכט אַן אַוואַנגאַרד־טעאַטער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון באַרימטן דיכטער קאַראַדזשאַלע.

אויך דאָס יידישע טעאַטער איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין יוצא־מן־הכלל. מיר האָבן טאַקע פאַרצייכנט אַ דערשיינונג, וואָס איז געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר דער צייט און פאַרן עקאָנאָמישן מצב פונעם יידישן טעאַטער־באַזוכער. אַ חוץ די ערשטע פאָרשטעלונגען, וואָס זענען געווען פול, איז דאָס טעאַטער געוויינטלעך געווען באַזעצט נאָר טיילווייז און דווקא די טייערע פּלעצער. די ביליקע און די גאַלעריע, וואָס פלעגן ווערן באַזוכט פון דער פּראָגרעסיווער בעסאַראַבער יוגנט, סטודענטן פון די בוקאַרעשטער הויכשולן, האָבן זייער אָפט געפּוסטעוועט. ענלעכע ידיעות זענען צו אונדז דערגאַנגען פון די אַנדערע יידישע טעאַטערס, וואָס האָבן צו יענער צייט געשפּילט אויף דער פּראָווינץ, ווי די טרופּע פון מישאַ פישזאָן, פון ד״ר באַראַטאָוו און פון דער פאַמיליע זיגלער מיט זייער טאַלענטירטער טאָכטער סעווילאַ פּאַסטאָר.

**

דער „טעאַטרול צענטראַל״, וווּ מיר האָבן זיך באַוויזן פאַרן בוקאַרעשטער עולם, איז געווען אַ סך גרעסער און באַקוועמער פונעם „צענטראַל״ אין וואַרשע. אַן אַנטשפּרעכיקע בינע מיט אַ גוט־צוגעקליבענעם טעכנישן פּערסאָנאַל, האָט אַ סך פאַרלייכטערט אונדזער אַרבעט. דער דירעקטאָר סאַנדו האָט נישט געקאַרגט קיין געלט פאַר אויסשטאַטונג און

פּאַכמענישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער בוקאַרעשטער און פּראָווינצער פּרעסע, שאַפנדיק דעם געהעריקן אינטערעס פאַר אונדזערע פאָרשטעלונגען ביי אַלע שיכטן פון דער בוקאַרעשטער באַפעלקערונג. ס׳האָט זיך אַרום אונדז געשאַפן אַ קרייז סימפּאַטיקער און פריינד מיטן אינטערעסאַנטן רעזשיסער און דיכטער יעקב שטערנבערג בראש, און אַלץ האָט עדות-געזאָגט, אַז מיר וועלן האָבן נחת פון אונדזער ערשטן אויסלענדישן אַרויספאָר. אַ חוץ דעם צוגעגרייטן רעפּערטואַר, וועלכן מיר האָבן אָפּגעשפּילט אין בוקאַרעשט, האָבן מיר באַנייט, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אויף ס׳ניי באַאַרבעט: „יזכור״ פון סעקלער און שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער״. מיר האָבן זיך אָבער געטרייסט מיטן תירוץ פון אַלגעמיינעם קריזיס, וואָס דער מאָראַלישער דערפאָלג איז געווען אַ סך גרעסער פונעם מאַטעריעלן, האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אויף די רומענישע טעאַטערס. אונדזער אימפּרעסאַריאָ סאַנדו האָט, להיפוך צו אַנדערע אימפּרעסאַריאָס, אין אַזאַ פאַל, נישט אַרויסגעוויזן לגבי אונדז קיין שום אומצופרידנקייט, פאַרקערט, ער האָט אונדז געטרייסט, אַז די גוטע פּרעסע־אָפּרופן האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אויף דער פּראָווינץ און זי וועט אונדז פאַרגיטיקן פאַר די בוקאַרעשטער שוואַכע געשעפטן. אונדזערע גאַסטשפּילן האָבן אויך געפונען אַ פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג אין אַנדערע באַלקאַנישע לענדער און מ׳האָט אַפילו אָנגעקניפּט קאָנטאַקט מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע, ווו אונדזער פּראָטעקטאָר האָט באַדאַרפט זיין נישט קיין אַנדערער, ווי דער הויפט־ראַבינער אַלקאַליי. צום גרויסן באַדויערן איז פון די דאָזיקע פּלענער גאָרנישט געוואָרן צוליב סוביעקטיווע סיבות און מיר האָבן פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו באַזוכן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע לענדער.

***

אונדזער ערשטע באַגעגעניש מיט דער ענטוזיאַסטישער בוקאַרעשטער גאַליאָרקע האָט דערמאָנט אָן אַ ווילנע, אַ לעמבערג, אַ לאָדזש. שטורמדיקע יוגנט, יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס פלעגן פאַר די לעצטע גראָשנס קויפן זייער בילעט נישט אויס סנאָביזם, נישט אויס נייגעריקייט צו דער עקזאָטיק פון מערב, נישט אויף צו באַווייזן זיך אין די לעצטע מאָדע־

טואַלעטן, נאָר אויס פּשוטער בענקשאַפט נאָך אַן ערנסט וואָרט, נאָך אַ רמז אויף אַ פרייען געדאַנק, וואָס איז געווען אונטערגעדריקט דורכן דיק־טאַטאָרישן רעזשים. אַזעלכע רמזים האָבן אויף אַ דיסקרעטן אופן געקאָנט אַדורכגעשמוגלט ווערן צייטנווייז אויף דער בינע. מיר פלעגן ממש פילן דעם לעבעדיקן אָפּקלאַנג וואָס יעדער רמז אַזאַ פלעגט אַרויסרופן ביי דער דאָזיקער יוגנט. מיר פלעגן עס פילן אין זייער פאַרכאַפּטן אָטעם, אין אַ שושקעריי, וואָס פלעגט ווי אַ שטיל ווינטל זיך פאַרבייטראָגן איבער די רייען, אין די שטורמישע אָוואַציעס, מיט וועלכע זיי פלעגן נאָך דער פאָר־שטעלונג אונדז באַדאַנקען. עס האָט אונדז אימפּאָנירט און דערמוטיקט די ערשטע באַגעגעניש מיט די פאָרשטייער פון דער בוקאַרעשטער אינ־טעליגענץ, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך אונדזער דעביוט אין „טעאַטרול צענטראַל".

מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון וועגן דער אחריות אויפצוטרעטן אויף די זעלבע ברעטער, ווי די „ווילנער טרופּע" האָט פאַרשריבן אַזוי פיל שיינע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רומעניע. אונדז האָט געפרייט צו הערן פון יעקב שטערנבערגן און באַרבו לאַזאַריאַנו אויסדרוקן פון אָנערקענונג און האָפענונג צו זען אין אונדז אַ המשך פון די דאָזיקע שיינע בלעטלעך. זענען מיר אין האַרצן דאַנקבאַר געווען „די ווילנער", וואָס זיי האָבן אויסגעטראָטן פאַר אונדז אַ באַדן דערצו.

ס'איז אַ כלל אין טעאַטער: ווייל איז דעם, וואָס זיין פאָרגייער האָט געלאָזן אַ גוטן איינדרוק און ווי דעם, וואָס דאַרף אָנהייבן נאָך אַ שלעכ־טער טרופּע.

מיר האָבן אויך געהאַט צו פאַרצייכענען אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן באַזוך אויף איינער פון אונדזערע פאָרשטעלונגען. נישט פון קיין פּרינ־צעסין פון קעניגלעכן הויף, נישט אַפילו פון קיין מיניסטער, נאָר פון אַ יידישן גאַסט, וואָס האָט, אַזוי ווי מיר, געטון זיין אַרבעט אויף רעדער...

פאַר מיר איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג, ווען איך האָב פון דער בינע פון בוקאַרעשטער „צענטראַל" געקאָנט באַגריסן דעם פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן, ווי דעם „אומדערמידלעכן קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער אויפלע־בונג". אמת, אונדזער גאַליאַרקע האָט מיר דערנאָך געטאַדלט דערפאַר, —

איז דאָך דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נישט־פּראָגרעסיווע באַוועגונג דורך דער לינק־געשטימטער יוגנט. און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל געשען דווקא בעת דער פאָר־שטעלונג פון ראַלאַנס רעוואָלוציאָנערער פּיעסע „די וועלף"... איצט, נאָך איבער דרייסיק יאָר, באַדויערן געוויס זייער האַנדלונג די יעניקע, וואָס האָבן מיר דאַן געטאַדלט. נישט ווייניקער ווי מיך — פריִיט אַ סך פון זיי די מעגלעכקייט צו געניסן פון די רעזולטאַטן פון חיים ווייצמאַנס דעמאָל־טיקן קאַמף.

*

אונדזער טורנעי איבער דער אַלטרומעניִשער פּראָווינץ איז געווען אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג. להיפּוך צו די אומבאַקוועמלעכקייטן מיט וועלכע עס פלעגן זיין פאַרבינדן אונדזערע נסיעות אין פּוילן, האָט דער אימפּרעסאַריאָ סאַנדו געשאַפן פאַר אונדז מעגלעכקייטן פון באַקוועמען און אָנגענעמען טראַנספּאָרט, וואָס פלעגט אָפט מאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לוסטרייזע. מיר האָבן באַקומען צו אונדזער דיספּאָזיציע צוויי וואַגאָנען, אַ לאַסטוואַגאָן פאַר די דעקאָראַציעס און אַ וואַגאָן פון צווייטן קלאַס פאַר דער טרופּע, וווּ יעדער האָט זיך געהאַט זיין קופּע און געקאָנט, ביים מאַנגל פון באַקוועמע האָטעלן אין שטאָט, נעכטיקן און פאַרברענגען אומגע־שטערט די צייט. געפירט האָט אונדז סאַנדוס אַדמיניסטראַטאָר ש., וואָס פלעגט אונדז אָפט פאַרווילן מיט זיינע שמד־שטיק און גנבישע המצאות.

די ערשטע גרויסע שטאָט נאָך בוקאַרעשט וואָס מיר האָבן באַזוכט אינעם טורנעי איבער אַלטרומעניִע איז געווען יאַס. הלמאי זאָל איך ליי־קענען, איך געדענק נאָך דעם נייגער מיט וועלכן מיר האָבן באַטראַכטן די שטאָט, וווּ גאָלדפאַדן האָט געגרינדעט זיין ייִדיש טעאַטער. האָב איך טאַ־קע דעם ערשטן וויזיט אָפּגעשטאַט דעם אַמאָליקן „פּאַמול ווערדי", וווּ שמעון מאַרק האָט אין 1876 געהאַלטן זיין ווייַנקעלער.

סאַראַ מהלך דאָס ייִדישע טעאַטער האָט דורכגעמאַכט פאַר דער פאַר־העלטעניִשמעסיק קורצער צייט, וואָס טיילט אונדז אָפּ פונעם ערשטן אויפ־טריט פון אברהם גאָלדפאַדן אויפן דאָזיקן אָרט. דאָ האָט ער באַגעגנט זיי־נע צוקונפטיקע ערשטע אַקטיאָרן, ישראל גראָדנער און שכר גאָלדשטיין.

דאַ האָט דער ערשטער ייִדישער טעאַטער־מעצענאַט ליבערעסקאַ אויסגע־פועלט ביי שמעון מאַרק אַן אופטריט פאַר גאָלדפאַדן און דאַ האָט ער גע־ליטן זיין ערשטע מפלה. אין די פרייע שעהען פון מיין פאַרברענגען אין יאַס, פלעגט מיך ציִען צום דאָזיקן אָרט, ווי אַ שיכור צום ביטערן טראָפּן. דאַ טאַקע איז אין מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַרויסצוברענגען אויף דער בינע די באמת טראַגיש־טעאַטראַלע סצענעס פונעם געבורט פון ייִדישן טעאַטער. איך האָב מיך יאָרן לאַנג אַרומגעטראָגן מיטן דאָזיקן געדאַנק. און ערשט אין 1943 אים פאַרווירקלעכט אין דער בראַזיליאַנער שטאָט רעסיפע. דעם צווייטן וואַריאַנט פון דער פיעסע „אַברהם גאָלדפאַדן", וואָס איך האָב דאַן אָנגעשריבן, האָב איך געשפּילט צום מיין 30־יאָריקן יובילײ אין ריאָ דע זשאַניירא. ס'איז אויך געווען די דערפאָלגרייכסטע פּיעסע פון מיין „פאָלקס־טעאַטער" אין ישראל אין 1953 און ביי מיינע גאַסטשפּילן אין אויסטראַליע אין 1955. ס'איז געווען אַן איבעריקער באַווייז פונעם טיפן סענטימענט וואָס אונדזער פאָלק אין דער גאַרער וועלט פילט צו זיין פאָלקס־טרובאַדור, וואָס באַגלייט אים אין זיינע וואַנדערונגען מיט זיין ליד און מיט זיין וואָרט פון דערמוטיקונג.

די ערשטע סצענע פון דער דאָזיקער פּיעסע האָב איך אויסגעחלומט אויפן אָרט פונעם געוועזענעם ווייַנקעלער פון שמעון מאַרק. מיט דער צייט איז זי אין מיר רייף געוואָרן, איך האָב זי דערגאַנצט מיט גאָלדפאַדנס ליד „דאָס פּינטעלע ייִד" און אַזוי אַרום אָנגעהויבן די ביאָגראַפישע פּיעסע וועגן דעם „גרינדער פון ייִדישן טעאַטער".

צווייאונפופציק יאָר נאָך דער גרינדונג פון ייִדישן טעאַטער, שפּילן מיר אין זעלבן יאַס אין גרויסן, שיינעם „עליזאַבעט"־טעאַטער — אַנ־שטאָט די שענקלידער — פיעסן פון שלום־עליכם, ראָמען ראָלאַן, פינסקי, דאָסטאָיעווסקי, סעקלער, אַנדרייעוו...

די בילעטן זענען אויסגעכאַפּט נאָך פאַר אונדזער אָנקומען קיין יאַס... אַן אָפּטיילונג זשאַנדאַרמען היט־אָפּ די אָרדענונג און העלפט די באַזוכער זיך אַדורכצושלאָגן צום טעאַטער דורך דער געדיכטער מאַסע, וואָס פאַר־שטאָפּט די אַרומיקע גאַסן. די קינדער פון שמעון מאַרקס געסט, וואָס האָבן אויסגעפייפט גאָלדפאַדענען, נעמען אויף מיט ענטוזיאַזם דאָס דראַמאַטי־

שע טעאַטער פון וואַרשע און פאַרוואַנדלען אונדזערע פאַרשטעלונגען אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב. באַגעגענישן מיט ייִדישע און רומענישע אינטע־לעקטואַלן, אַקטיאָרן, באַנקעטן, אינטערוויוען... ווען גאָלדפאַדן וואָלט גע־קאָנט אויף דעם וואַרפן אַ בליק און זען, ווי אַזוי מע נעמט־אויף אין יאַס ייִדישע אַקטיאָרן!...

***

נאָכן טורנײַ איבערן רעגאַט האָבן מיר אָנגעהויבן די גאַסטשפּילן אין טשערנאָוויץ, די הויפּטשטאָט פון בוקאָווינע, די קינסטלעך־אײַנגעגלידער־טע פרעמדע פּראָווינץ אין דער „גרויסרומענישער" מאָנאַרכיע. עס האָט אַ ווייע געטון מיט דער היימישער גאַליציע; מיט דער מענטאַליטעט, דער־ציִונג, באַנעמונג, שפּראַך. אַ לייבלעכע שוועסטער־שטאָט פון אַ לעמבערג, פון אַ סטאַניסלאַוואָו, קאָלאָמיי.

אין בוקאָווינע האָט די רומענישע רעגירונג, לויטן מוסטער פון גרויס־מאַכטן, געפירט אַן אַנטשפּרעכיקע מינדערהייט־פּאָליטיק און, ווײַל די „מערהייט", דאָס הייסט די אמתע רומענער זענען אין די שטעט בכלל נישט געווען בנימצא, זענען די ערשטע צײַט די דאָרטיקע ייִדן ווייניקער געווען אונטערגעוואָרפן דעם אַנטיסעמיטישן טעראָר. דאָס לעבן איז דאָרט אָנגע־גאַנגען לויט דער טראַדיציע פון די אַלטע גוטע צײַטן פון פראַנץ־יאָזעפס פּאַטריאַרכאַלישן „ליבעראַליזם".

אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אין דער ייִדישער וועלט מיט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אין 1908, האָבן זיך צו יענער צײַט געפינען אייניקע אָנגעזעענע ייִדישע אינטעלעקטואַלן און קינסטלער, צווישן וועלכע ס'האָט אַרויסגעשײַנט די גרויסע פערזענלעכקייט פון קליינוווּקסיקן משלים־שרייבער, דעם בעסאַראַ־בער אליעזר שטיינבאַרג. ער האָט אונדז באַקענט מיטן אימפּאָזאַנטן בנין „מאַרגנרויט", מיט וועלכן ס'האָט מיט רעכט שטאָלצירט דאָס טשערנאָ־וויצער ייִדנטום. דער „מאַרגנרויט" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגנ־אַרטיקע קולטור־אינסטיטוציע מיט אַלגעמיינע און פאַכשולן, מיט אַ גרוי־סער ביבליאָטעק, לייענזאַל, כאָר, דראַמקרייז און פאַרשידענע אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און דערציִונג־אָפּצווייגן. אַן ענלעכן ייִדישן בנין

איז מיר, אויף וויפל איך געדענק, אויסגעקומען צו זען נאָר אין ריגע און בעת מיינע באַזוכן אין די יידישע ישובים פון לאַטיין־אַמעריקע, ווו די פאַרשידענע „צענטראָ״, אָדער „צירקולאָ איזראַעליטאַ״ האָבן זיך געקאָנט פאַרגלייכן אין פאַרנעם צום טשערנאָוויצער „מאָרגנרויט״.

דאָרט האָבן מיר זיך אויך באַקענט מיט די פירער פון בוקאָווינער יידנטום, ד״ר עבנער, קיסמאַן, פיסטינער, וואָס האָבן געשאַפן אַ גינסטי־קע אַטמאָספער פאַר אונדזער טעאַטער. מיר האָבן באַזוכט אייניקע רעפּע־טיציעס פון אַ שלום־עליכם־פאַרשטעלונג, וואָס אליעזר שטיינבאַרג האָט אַליין רעזשיסירט מיט זיין דראַמקרייז. דער גרויסער משלים־שרייבער האָט געהאַט אַ חוש פאַר רעזשי און טעאַטער־טעכניק. אַ שאָד, וואָס די דאָזיקע מעלות זיינע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען צום אויסדרוק אין דער פולער מאָס.

מיר האָבן אויך דאָרט באַקענט דעם אינטערעסאַנטן יידישן מאָלער, אַרטור קאָלניק, וואָס איז, ווי בשעתו מענקעס אין לעמבערג, געווען אַ שטענדיקער אייגגייער אין אונדזער טעאַטער. דאָס אויג האָט זיך נישט גע־קאָנט אָנזעטיקן פון דער פאָלקסטימלעכקייט, פונעם פּרץ־גייסט, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צו דיר פון די סטאַלוגעס און ווענט פון זיין אַטעליע. גע־דענקט זיך זיין „גילגול פון אַ ניגון״, זיינע שטעטל־מאָטיוון און, בעיקר, זיין מייסטערהאַפט פאַראייביקן די פאַרשידענע געשטאַלטן וואָס הערץ גראָסבאַרד האָט געשאַפן. אַן ענלעך קינסטלערישן סינטעז פון אַ רעזשי־טאַטאָר מיט די אינטערפּרעטירטע דורך אים געשטאַלטן איז מיר ביי קיין אַנדערן קינסטלער נישט אויסגעקומען צו זען.

להיפּוך צו בוקאַרעשט, ווו ס׳האָט בעת אונדזערע גאַסטשפּילן נישט געשפּילט קיין צווייט טעאַטער, האָבן מיר אין טשערנאָוויץ זיך באַגעגנט מיט דער באַקאַנטער זיגלער־טרופּע, אין וועלכער ס׳האָט זיך אויסגעצייכנט די יונגע סעווילאַ, די פּרוי פונעם לאַדזשער אַקטיאָר פאַסטאָר. אַן אינ־טערעסאַנטע דערשיינונג איז פאַר אונדז געווען דער הויכטאַלענטירטער און אייגנאַרטיקער כאַראַקטער־קאָמיקער, שמואל איריס, וועלכן איך האָב דערנאָך באַגעגנט אין אַרגענטינע. די דאָזיקע טרופּע האָט, אַ חוץ זייערע אָפּערעטעס, געהאַט אויך די אַמביציע צו שפּילן ערנסטן רעפּערטואַר און

פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אָראָפּברענגען „געסט", ווי באַראַטאָוו, פּאָ־טאָצקאַיאַ, די פּישזאָן־פאַמיליע און אַנדערע. אונדז האָט געפרייט זיך צו באַגעגענען מיט פּאַכקאָלעגן און צו פאַרברענגען מיט זיי נאָך אַ פאָרשטע־לונג ביי אַ וואַרעם גלעזל „צויקאַ".

אין טשערנאָוויץ זענען דערשינען צייטונגען פון פאַרשידענע ריכטונ־גען אין יידיש, אוקראַאיניש און דייטש. די לעצטע האָט געהאַט די גרעסטע צאָל לייענער. די אַלע צייטונגען האָבן אונדז צוגעגרייט אַ ביז גאָר וואַ־רעמען קבלת־פּנים און פּינקטלעך צוגעשיקט זייערע טעאַטער־קריטיקער צו אונדזערע פאָרשטעלונגען, להיפּוך צו בוקאַרעשט, ווו ס'איז געווען אַ מינהג צו צאָלן די טעאַטער־קריטיקער פאַר דער צייט וואָס זיי פאַרברענ־גען אין טעאַטער (וואָס ס'האָט, אגב, נישט געשטערט דעם קריטיקער צו זיין אָביעקטיוו אין זיין אָפּשאַצונג) פלעגן די טשערנאָוויצער רעצענזענטן באַטראַכטן זייערע טעאַטער־אָפּהאַנדלונגען ווי אַ חלק פון זייער זשורנאַ־ליסטישער אַרבעט און מיר ווידמען גרויס אויפמערקזאַמקייט. גאָר אומגע־ריכט פאַר אונדז האָט זיך די באַציונג פון אייניקע קריטיקער צו אונדזער טעאַטער געביטן צוליב ווייט נישט קיין קינסטלערישע טעמים. דאָס איז געשען נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג „די זיבן געהאַנגענע" וואָס איז פון אַלע קריטיקער, אָן אויסנאַם, געווען שטאַרק געלויבט. ביי „טוביה דער מילכיקער" אָבער האָט זיך דערהערט דער ערשטער גרילץ: דער קריטי־קער פון דער אוקראַאינישער צייטונג האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די אוקראַאינישע פּויערים, וואָס ווערן דאָרט, לויט זיין מיינונג, אויסגעלאַכט און נאָך „די וועלט" האָט דער דייטשער קריטיקער געהאַט טענות צו אונדז, פאַרוואָס מיר שפּילן ראָמען ראָלאַנען, דעם „שונא פון דייטשלאַנד".

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע „אויפּבראויזן" וואָס אונדזער רעפּער־טואַר האָט אַרויסגערופן ביי אייניקע היפּער־עמפּינדלעכע „מינדערהייט"־פאַרשטייער, איז אונדזער באַזוך אין טשערנאָוויץ און אין די אַנדערע שטעט פון דער שיינער בוקאָווינע געווען אין אַלע הינזיכטן אָנגענעם און דערפאַלגרייך.

נאָך בוקאָווינע איז געווען געפּלאַנט אַ טורנעי איבער טראַנסילוואַניע, אָבער צוליבן פּאָגראָם אין גראָסוואַרדיין האָבן מיר געמוזט דערפון רעזיג־

גירן. דער ראַבינאַט האָט דערקלערט אַ טרויער פון זעקס וואָכן נאָך די גע־פאַלענע בעתן פּאָגראָם און מיר זענען געווען געצוווּנגען איבערצורייסן אונדזערע אויפטריטן. מיר זענען אַריין אין לעצטן עטאַפּ פון אונדזער טורנײ אין בעסאַראַביע אין אַ גאַנץ טרויעריקן מאַטערילן מצב.

***

ביז דאַן האָב איך געהאַט גאָר אַ קליינעם באַגריף וועגן בעסאַראַביע און איר ייִדנטום. די בוקאָווינער פּלעגן רעדן וועגן איר מיט גרויס ביטול. די רעגאַטער האָבן זיי סתם באַצייכנט ווי „רוסישע״ און זיי באַטראַכט ווי אַ פרעמדן אַנוווּקס אויפן גוף פון רומעניש ייִדנטום.

נאָכן באַקענען זיך און בוקאַרעשט מיט אייניקע בעסאַראַבער יונגע־לייט, וואָס האָבן שטודירט אין די דאָרטיקע הויכשולן, האָב איך פאַרשטאַ־נען, אַז די דאָזיקע „רוסישע״ זענען באמת פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן און שטעלן מיט זיך פאָר אַ נייעם און ביז גאָר אינטערעסאַנטן טיפּ ייִד.

ביים באַזוך אין די בעסאַראַבער שטעט און דערפער, האָט זיך דער דאָזיקער איינדרוק באַשטעטיקט און פאַרטיפט. ביז דאַן איז מיר געווען באַקאַנט דער ייִדישער פּראָלעטאַריער און קאַפּיטאַליסט, דער האַנטווערקער און סוחר, באַנקקוועטשער און לופטמענטש; דער ייִדישער קאַבצאַנסק און קאַסרילעווקע, די נאַלעווקעס און נאַווגאַראַד. און אָט אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ ייִדישער פּויער, אַן ערדאַרבעטער, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין זיין ערד, באַאַרבעט זי מיט ליבשאַפט און איז צוגעבונדן צו איר. אָט די צוגע־בונדנקייט צו דער ערד, די ברייטקייט פון די סטעפּעס, די אומגעהייערע שטחים פעטע, פרוכטבאַרע ערד האָט משפּיע געווען אויף דער מענ־טאַליטעט און כאַראַקטער פון בעסאַראַבער ייִדן; אַ געמיטלעכקייט, גראַד־ליניקע ערלעכקייט, פּשטות, וואָס האָט פונעם דאָרף זיך אַריבערגעטראָגן אין שטאָט און געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר איר.

שפּעטער האָב איך אין יאָרן אַרום געפינען ביי די ייִדישע קאָלאָ־ניסטן אין אַרגענטינע און די לעצטע יאָרן — ביי אונדזערע קיבוצניקעס אין ישראל.

בעסאַראַביע איז פאַר איר צוטיילונג צו רומעניע געווען אַ שטיפ־

קינד ביי דער צאַרישער רעגירונג און ווי אַזאַ געוואָרן פאַרנאַכלעסיקט און גרינגגעשעצט. אַנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט זי געדינט פאַר אַ פאַר־שיקונג־אָרט פאַר רעוואָלוציאָנערן, אַ מין דרומדיקער סיביר. אין 1825 איז אַפילו געווען פאַרשיקט אַהין פּושקין.

אין איין פּרט איז אָבער בעראַסאַביע נישט געווען פאַרנאַכלעסיקט פון די רוסן, — אין כוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט אָן אויפהער טעראָריזירט די ייִדישע באַפעלקערונג און פלעגט זיך אָפט דעמאָנסטרירן אין בלוטיקע פּאָגראָמען. האָט טאַקע בעסאַראַביע אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע טרויעריק־באַרימטע שונאים פון ייִדישן פאָלק, פירער פון דער שוואַרצער מאה, ווי קרושעוואַן און פּורישקעוויטש, וואָס פלעגן זייער זאָאָ־לאָגישן ייִדנהאַס באַגרינדן „וויסנשאַפטלעך", ווי ס׳האָבן דאָס אין יאָרן אַרום געטון די דײַטשע שטרייכערס און ראָזענבערגס. טרויעריק באַרימט זענען געווען די קעשעניעווער פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן און בעיקר אין 1903—1905, ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשפּילטער מלחמה מיט יאַפּאַן און דער פאַרשטאַרקטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן אייניקע אָנגעזעענע פירער און העלדן וואָס האָבן זיך גרופּירט לכתחילה אַרום „בונד", דערנאָך ביים ספּאָרטקלוב „מכבי", וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ זעלבסטשוץ, — די אַזוי־גערופענע „סאַמאָאָבאָראָנע", קעגן די פּאָגראָמטשיקעס.

מיט דער אײַנגלידערונג אין „גרויסרומעניע" האָט זיך אין בעסאַראַ־ביע אָנגעהויבן אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע טעטיקייט. צו אונדזער אָנקומען אַהין איז די דאָזיקע טעטיקייט געווען שטאַרק קאָנצענטרירט און באַגרע־נעצט פון אַ גובערנאַטאָר, וואָס האָט געהאַט ברייטע פולמאַכטן און זיי אויסגענוצט אין דער פולער מאָס. דער דאָזיקער גובערנאַטאָר איז געווען אַ געוועזענער צאַרישער גענעראַל און זײַן אויפגאַבע איז געווען צו רו־מעניזירן בעסאַראַביע און פאַרהיטן זי פאַר אַ בייז אויג פונעם סאָוויעטישן שכן. דער באַפעלקערונג וואָס האָט גערעדט אויסשליסלעך רוסיש און ייִדיש איז געווען פאַרווערט צו זען טעאַטער אין די דאָזיקע שפּראַכן און מ׳האָט געמוזט ביי יעדן פאַל אָנקומען צום גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, וואָס פלעגט פאַר אַ פּעטן באַקשיש געבן אַ קורצטערמיניקע דערלויבעניש. נישט

קיין קלענערן באַקשיש האָט געמוזט באַקומען דער צענזאָר, וואָס פון אים איז געווען אָפּהענגיק די כשרות פון די געשפּילטע פּיעסן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קעשעניעוו אויפן בוקאַרעשטער אימ־פּרעסאַריאָס קאָנצעסיע, וואָס איז געווען גילטיק פאַר אַלע געביטן פון לאַנד, האָט דער גובערנאַטאָר זיך אָפּגעזאָגט זי צו אָנערקענען.

— דאָ — האָט ער געענטפערט — בין איך דער באַלעבאָס און די בוקאַרעשטער קאָנצעסיעס גייען מיך נישט אָן...

ס׳האָבן נישט געהאָלפן די אינטערווענצן פון די „פּני״, פון פאַרשי־דענע „כשרע״ טוער, אַפילו נישט פון אַ פאַרשטייער פון ראַבינאַט. — דער אַנטיסעמיטישער גובערנאַטאָר האָט קאַטעגאָריש פאַרווערט אַ „פרעמדע״ שפּראַך אינעם רומענישן בעסאַראַביע.

אונדזער לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שווערער. די לעצטע גראָשנס האָבן זיך שוין געענדיקט. דער האָטעל־אייגנטימער איז געוואָרן צודרינגלעך. מיר האָבן אָנגעהויבן אויסצומיידן רעסטאָראַנען און בכלל מענטשן. די הילף איז געקומען איוף גאָר אַ משונהדיקן אופן, וואָס נאָר דעם בוקאַרעשטער אַדמיניסטראַטאָר אונדזערן האָט געקאָנט איינפאַלן. אין אַ געוויסן טאָג באַווייזט ער זיך אַ צעשטראַלטער מיט דער גוטער ידיעה, אַז ער האָט געפינען עמעצן וואָס נעמט זיך אונטער פאַר אַ באַשטימטער סומע אויסצופועלן ביים גובערנאַטאָר אַ דערלויבעניש פאַר אונדזערע פאָרשטעלונגען. מיר וואָלטן דאַן איינגעגאַנגען אויף וואָס פאַראַ סומע ס׳זאָל נישט זיין, אַבי אַרויסצוקריגן זיך פון דער שווערער לאַגע. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געגעבן אונדזער הסכמה. די דערלויבעניש האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן, צו אונדזער און צו דער אַלגעמיינער צופרידנקייט.

ווער איז אַלזאָ געווען דער פאַרמיטלער צווישן יידישן טעאַטער און דעם בעסאַראַבער אַליינהערשער? אַ יידישע פּראָסטיטוטקע, וואָס איז גע־ווען אין נאָענטע באַציִונגען מיטן גובערנאַטאָר און איז אויך געווען אַן אָנהענגערין פון יידישן טעאַטער... ווען זי האָט זיך דערוווסט וועגן דער גזירה, האָט זי זיך אונטערגענומען ווייכער צו מאַכן דעם גובערנאַטאָרס האַרץ און דאָס האָט זיך איר, צו אונדזער גליק, איינגעגעבן.

נאָכן באַקומען די דערלויבעניש פון גובערנאַטאָר, האָבן מיר געמוזט דורכגיין אַ צווייטע קאָמפּליצירטע פּראָצעדור — די צענזור. דער יידישער צענזאָר פון קעשעניעוו איז, נישט ווייניקער פונעם גובערנאַטאָר, געשטאַנען אויף דער וואַך פון רומעניזירונג און פון אָפּהיטן די עפנטלעכקייט פון וואָסער ס׳איז השפּעה פון „יענער זייט". אַזוי האָט ער געפּסלט „די זיבן געהאָנגענע", „טוביה דעם מילכיקן" און „די וועלף". די „ברידער קאַראַמאַזאָוו" האָט ער פון דעסטוועגן דערלויבט, אויסשטרייכנדיק פון דעם טעקסט יעדן אָנטייט אויפן לאַנד ווו די אַקציע שפּילט זיך אָפּ: אַזוי, למשל, ווען ביים אָנהייב פון דער פּיעסע לייענט דער אַלטער קאַראַמאַזאָוו: „אַ רוסישער סאָלדאַט האָט אין מאָסקווע"... האָט ער, לויטן ווילן פון צענזאָר, געמוזט אַדורכלאָזן דאָס וואָרט „רוסישער" און אָנשטאָט „מאָסקווע", לייענען „אין דער הויפּטשטאָט"... פון דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו" איז אַלזאָ אָפּגעטון געוואָרן זייער ספּעציפישקייט און ס׳איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אַ קאָסמאָפּאָליטישע נייטראַלקייט, וואָס האָט באַדאַרפט דינען פאַר אַ מיטל קעגן רוסיפיקאַציע.

ענלעכע אַבסורדאַלע „זיכערקייט־פּאַרהיטונגען" האָב איך געהאַט נישט איין מאָל אויסצושטיין אין פאַרשידענע לענדער. דעם רעקאָרד האָט אָבער געשלאָגן די פּוילישע צענזור ביי מיין אויפפירן שניאורס „נח פּאַנדרע" אין וואַרשע. אָבער וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן.

אויב מיר האָבן זיך אין קעשעניעוו געמוזט צופּאַסן צו די פאַראָרדענונגען פונעם צענזאָר, האָבן מיר אָבער אין אַנדערע ערטער פון בעסאַראַביע געשפּילט אונדזער „געפּערלעכן" רעפּערטואַר און דווקא נישט לויט זיינע אָנווייזונגען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעגאַנגען צום באַקשיש, אָן וועלכן ס׳איז בכלל אוממעגלעך געווען זיך צו רירן אין רומעניע.

ס׳געדענקט זיך אַ פאַל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן אין רומעניע. זיצנדיק אַ מאָל אין אַ האָטעל־רעסטאָראַן פון אַ געוויסער שטאָט, באַמערק איך, ווי אַ יונגער אָפיציר סודעט זיך עפּעס מיטן קעלנער און וואַרפט בליקן אין אונדזער ריכטונג. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך נאָכגעפרעגט אויף אונדז. דער אָפיציר, אין

אַ גאָרסעט און מיט אַ געשמינקטן פּנים, דערנענטערט זיך צו אונדז און ווענדט זיך צו מיר אין דייטש:

— מיין נאָמען איז X. איך וווין דאָ אין זעלבן האָטעל און איר, אַלס מאַן, דאַרפט מיך פאַרשטיין. די נאַכט האָט מיט מיר פּאַסירט אַ פּיינלע־כער פאַל און איך בין געבליבן אָן געלט. ס׳איז אַ פראַגע פון ערע פון אַ רומענישן אָפיציר. אויב איר גלויבט אין דער ערע פון אַ רומענישן אָפיציר, באָרגט מיר די נייטיקע סומע. אויב איר וועט מיר אָפּזאָגן, וועט עס דינען פאַר אַ באַווייז, אַז איר גלייבט נישט אין זיין כבוד. מאָרגן פרי שיק איך צוריק דאָס געלט אין אייער צימער...

אינעם זעלבן רעסטאָראַן האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט קוזיסטן אין די פויערישע העמדער און געטיילט אַנטי־יידישע אויפרופן... איך האָב אים געגעבן אַ העלפט פון דער פאַרלאַנגטער סומע מיטן תירוץ, אַז איך האָב נישט מער און אַזוי אַרום „געראַטעוועט״ די ערע פון אַ רומענישן אָפיציר און זיך — פון אַ מעגלעכער פּראָוואָקאַציע. דאָס געלט, פאַרשטייט זיך, האָב איך צוריק נישט געזען.

אונדזערע גאַסטשפּילן אין בעסאַראַביע האָבן אונדז אין אַלע הינזיכטן נישט אַנטוישט און ווען מיר וואָלטן פון דאָרט גלייך אָפּגעפאָרן צוריק קיין פּוילן, וואָלטן מיר נאָך אַהיימגעבראַכט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. איז אונדז אָבער נישט באַשערט געווען אַזאַ פּריווילעגיע. דער צופאַל האָט געוואָלט דאָס פאַרקערטע.

ווען מיר זענען נאָך געווען אין יאַס און געגאַסן פונעם אויסערגע־וויינטלעכן דערפאָלג, האָט אונדז דער דאָרטיקער אימפּרעסאַריאָ, „דער בלינדער בערקאָוויטש״, ווי מ׳האָט אים גערופן, פאַרגעלייגט נאָך בעסאַ־ראַביע ווידער צו קומען קיין יאַס און „צוצונעמען דאָס גאַנצע געלט״. מיר האָבן אים אָפּגערעדט דערפון, וויסנדיק פון פּראַקטיק, אַז דאָס צוריקפאָרן אין אַ שטאָט אין אַ קורצער צייט אַרום ענדיקט זיך געוויינטלעך מיט אַ דורכפאַל. בערקאָוויטש איז אָבער געווען פאַרעקשנט און נישט רעזיגנירט פונעם „צונעמען דאָס גאַנצע געלט״. ווען מיר האָבן זיך נאָך געפונען אין בעלץ, וואַרטנדיק אויף אַ תשובה פון קעשעניעוו, באַווייזט זיך פּלוצים דער „בלינדער בערקאָוויטש״ און לייגט אַרויס אויפן טיש אַ גרויס פּעקל געלט־

באַנקנאָטן, אַ פּון פּאַרויס־באַצאָלטע סומע פּאַר אייניקע צוגאָב־פּאָרשטע־לונגען אין יאַס. היות ווי אונדזער קאָנטראַקט מיט סאַנדו האָט זיך נאָך בעסאַראַביע געדאַרפט ענדיקן און מיט דער פּאַרגעלייגטער סומע האָבן מיר געזען אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרענדיקן מיט כבוד אונדזער רומעניש טורניי, האָבן מיר אונטערגעשריבן מיט אים אַ קאָנטראַקט און, נאָכן פֿאַר־ענדיקן די גאַסטראָלן אין בעסאַראַביע, צוריקגעפאָרן קיין יאַס.

בערקאָוויטש, גרייטנדיק זיך „צוצונעמען דאָס גאַנצע געלט״ האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן גרויסן „עליזאַבעט״־טעאַטער, וווּ מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל געשפּילט. נאָר געדונגען דעם ריזיקן צירק־אַרטיקן, נישט אַקוסטישן בנין „סידאָלי״. מיר פֿלעגן זיך ממש פֿאַרלירן אויף דער בינע, גישט זען און נישט הערן איינער דעם צווייטן... אויך דער עולם האָט זיך „פֿאַרלוירן״ אינעם גרויסן זאַל און האָט זיך דאָרט ממש נישט אָנגעזען... בעסער געזאָגט, ס׳איז נישט געווען וועך ס׳זאָל זיך אָנזען, ווייל דער עולם איז, ווי מיר האָבן דאָס פֿאַרויסגעזען, בכלל נישט געקומען...

אונדזער בערקאָוויטש האָט, ווי ס׳פּירט זיך אין אַזאַ פֿאַל, נישט דער־צאָלט פֿאַר די איבעריקע פֿאָרשטעלונגען און ביי אונדז האָט זיך אָנגע־הויבן אַ נייער קריזיס.

אויף צו ראַטעווען זיך האָבן מיר באַשלאָסן אויף אייגענעם חשבון צו אָרגאַניזירן אַ טורניי איבער אייניקע פּראָווינצן מיט אונדזער קאַמע־ראַלן רעפּערטואַר און די נישט־באַשעפּטיקטע אַקטיאָרן צוריקשיקן קיין וואַרשע. דער דאָזיקער טורניי האָט באַדאַרפט געמאַכט ווערן אָנעם בו־קאַרעשטער אימפּרעסאַריאָ און, פֿאַרשטייט זיך, אָן זיין אַדמיניסטראַטאָר וואָס איז אונדז שולדיק געבליבן אַ באַטייטיקע סומע. דעם דאָזיקן טורניי האָט זיך אונטערגענומען אַדורכצופֿירן אונדזער פּאַרטרוויונג־מענטש, וואָס האָט באַגלייט אונדזער טרופּע פֿון וואַרשע, דער יונגער דוד העלפּמאַן.

****

איך האָב אים באַקענט אין קאַמינסקיס טעאַטער, וווּ ער איז געווען אַ געהילף פֿון קאַסיר. אַ שטילער, אַ ביסל אַ שעמעוודיקער, אַ העפֿלעכער מיט אַן אָפֿן ערלעך פּנים, מיט גוטע, בלאָע אויגן, אַ צעשמייכלטער, תמיד

גרייט צו טון אַ טובה, האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטאַרקן קאַנטראַסט צו די אַלע וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום טעאַטער. אַדאַנק זיין פערזענלעכן חן, אייגנאַרטיקן הומאָר און נישט געקינצלטער געמיטלעכקייט פלעגט ער געווינען צוטרוי פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט פרעמדע. אייגענע האָבן אים ליב געהאַט און געהאַלטן פאַר אַ נאָענטן מענטש. מיט גאָר אַ קליינעם באַגאַזש פון אַלגעמיינער בילדונג, נישט מער פון עלעמענטאַרער, האָט ער אָבער אַדאַנק זיין אינטעליגענץ און געפיל פון טאַקט, באַוויזן צו פאַרהוילן דעם דאָזיקן בלויז. פאַר אַ פרעמדן איז שווער געווען אַרויסצוטראָגן אַ מיינונג וועגן דעם. דודל האָט געוווּסט ווען און וועגן וואָס צו רעדן. פלעגט ער זיך אָפּרופן געוויינטלעך ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין טעאַטער־ענינים. אין דעם האָט ער זיך דווקא אָריענטירט, ווייל טעאַטער איז געווען זיין וועלט פון קינדווייז אָן, זיין אויסשליסלעכע פאַראינטערעסירונג, דער אינהאַלט פון זיין לעבן. דודל האָט אימפּאָנירט דעם שיינעם מין מיט זיין לעבנסלוסט און עלעגאַנץ. ער פלעגט ממש באַלאַגערט ווערן פון די אומצאָליקע פאַרערערינס; ווען ס'האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין דערליידיקן אַ טעאַטער־ענין, פלעגט ער אָן אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן און טון זיין אַרבעט. ווען ער וואָלט געהאַט בילדונג וואָלט ער זיך געוויס פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּרעסאַריאָ פון גרויסן פאַרנעם און, מעגלעך, אַז ער וואָלט עס אויך אָן דעם מיט דער צייט געוואָרן, ווען נישט זיין פריצייטיקער טויט אין געטאָ.

ווען מיר זענען אַרויס פון קאַמינסקי־טעאַטער מיטן טורניי איבער פוילן, האָט זיך דודל געבעטן, מיר זאָלן אים מיטנעמען פאַר געהילף פון אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט זיך פאַר דער קורצער צייט פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט באַוויזן אַזוי באַליבט צו מאַכן ביי אונדז און אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אָריענטאַציע אין אַדמיניסטראַטיווע ענינים, אַז ער איז שוין פאַרבליבן אונדזער שטענדיקער מיטאַרבעטער. גאָר גיך האָבן מיר אים אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַר אַן אייגענעם מענטש און ער איז געוואָרן אונדזער געשוווירענער אַדמיניסטראַטאָר סיי ביי מיינע, סיי ביי אידאַ קאַמינסקאַס טעאַטער־סעזאָנען. ער האָט אָנגעפירט איר טעאַטער ביז דער דייטשער אינוואַזיע און גלייכצייטיק מיר געהאָלפן אינעם אָרגאַניזירן מיין לעצטן וויקט־סעזאָן מיט די גאָלפאַדן־אויפפירונגען.

ער האָט מיר אויך געהאָלפֿן מיט הלוואות בעת דער דייטשער אָקו־פּאַציע און ווען איך האָב אין 1940 פֿאַרלאָזן וואַרשע, האָב איך אים גע־מוזט צווינגען צו נעמען מיין פּרויס רינג, וואָס האָט באַטראָפֿן אַן ערך די געבאָרגטע סומע. נעמענדיק דעם רינג, האָט ער מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט אים קיין מאָל נישט פֿאַרקויפֿן און אים אָפּהיטן פֿאַר אונדז אויף נאָך דער מילחמה... ליידער האָט ער די מילחמה נישט איבערגעלעבט און געפֿאַלן אין געטאָ פֿון אַ דייטשער קויל ביים ראַטעווען אַ צווייטן.

נישט לאַנג האָט מיר איבערגעגעבן איינער, וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפֿן אין וואַרשעווער געטאָ, אַז דודל האָט אים געוויזן אַ רינג, וואָס געהערט צו די טורקאָווס און ער היט עס אָפּ ביז נאָך דער מילחמה...

דער דאָזיקער דודל העלפֿמאַן האָט גענומען אויף זיך די אָרגאַניזאַ־ציע פֿונעם טורניי מיט די קאַמער־פּיעסן איבער דער רומענישער פּראָווינץ און האָט עס דורכגעפֿירט מיט פֿאַכמענישער אָריענטאַציע און געשיקט־קייט. ער איז געווען דער ערשטער אין אונדזער טרופּע וואָס האָט זיך אויס־געלערנט די רומענישע שפּראַך, וואָס ס'האָט אים, פֿאַרשטייט זיך, אַ סך געהאָלפֿן אין דער אַרבעט.

די ערשטע אויפֿגאַבע אין יאַס איז געווען אָפּצושיקן אַ העלפֿט פֿון דער טרופּע קיין וואַרשע. מיר האָבן אונדזערע אַקטיאָרן אויסגעצאָלט די געהאַלטן ביז דער לעצטער פּרוטה. אמת, מיר האָבן פֿאַרקויפֿט רעשטלעך פֿון צירונג און פֿאַרזעצט אין יאַס אונדזערע פּעלצן, וואָס מיר האָבן זיי שוין קיין מאָל נישט באַוויזן אויסצוקויפֿן. די אַקטיאָרן האָבן זיך אומגע־קערט צופֿרידענע קיין וואַרשע און מיר מיט אַ קליינער גרופּע זענען אָנ־געקומען אַהין מיט אייניקע חדשים שפּעטער.

דער סך־הכל פֿונעם רומענישן טורניי פֿון „וויקט": באַקענט אַ ניי לאַנד, אַן אינטערעסאַנט יידנטום און... פֿאַרגרעסערט אונדזערע חובות.

21

וואָס ווייטער?...

דער „וואָס ווייטער?״ איז געוואָרן אַ מין לייטמאָטיוו אין מיין וועג אינעם יידישן טעאַטער. נאָכן אומקערן זיך פונעם טורנײ איבער רומעניע, האָב איך די דאָזיקע פראַגע דערפילט אין איר גאַנצער שאַרפקייט און זי האָט מיך שוין אַזוי באַאומרויִקט ביזן יאָר 1939. דער טראַגישער אויסברוך פון דער מילחמה האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע פראַגעס און ספקות.

גייענדיק אין שפּאַן, געטריבן פון אינערציע, פון אויסערגעוויינטלעכער ווילנסקראַפט אויסצולאָדן די אָנגעזאַמלטע קינסטלערישע פּאָטענצן, האָב איך זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דער אילוזאָרישער וועלט אין וועלכער מיר לעבן. די דלד־אַמות פון אונדזער געראַנגל, די איינגעשרומפּנקייט פון אונדזערע מעגלעכקייטן, די באָדנלאָזיקייט, דאָס כסדרדיקע הוידען זיך איבער אַ תהום און זיך שאַפן אַ מין גייסטיקע פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, — דאָס אַלץ איז געווען געוועקט און געמוטיקט דורך אויפרופן און שטראָפרייד, דורך אַפּעלן, דעקלאַראַציעס פון כל־מיני פּאַרטייען, אינסטיטוציעס, יחידים, אַרויסגערוקטע צו אָנפירערשאַפט, אָדער זעלבסטגעקרוינטע מנהיגים. זייערע קולות האָבן פאַרשריגן די טרויעריקע ווירקלעכקייט, פאַרהוילן דעם אמת אין נאָמען פון געשאַפענע אידעאַלן, פון אוטאָפּיסטישע חלשות־טראָפּנס. די חשבונות זענען געמאַכט געוואָרן אָנעם הויפּט־בעל־חשבון, אָן דער ווירקלעכקייט.

איצט, רעזומירנדיק די דאָזיקע קאַפּיטלען פון אונדזער פאַרשניטענעם עבר, קאָנען מיר אַרויסציִען מסקנות און באַדויערן, וואָס מיר זענען דערגאַנגען צו זיי ערשט נאָך אַזאַ מוראדיקן קאַטאַקליזם. מיר קאָנען איצט מיט באַוווּנדערונג אָפּשאַצן די וויטאַלע כוחות פון אונדזער פאָלק וואָס האָט — נישט געקוקט אויף אַלע מניעות און רדיפות — געפירט אַזאַ פאַרביסענעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און נאַציאָנאַלן המשך. איצט איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי עס זענען ביי אַזעלכע אויסטערלישע באַדינ־

גונגען געשאַפן געוואָרן ווערטן, פון וועלכע דורות וועלן שעפן יניקה. די דאָזיקע ווערטן זענען נישט געגאַנגען לאיבוד און באַקומען אַ תיקון, אַ דערגאַנצונג און אַ המשך אויפן אייגענעם באָדן.

אַט ליגט פאַר מיר „ליטעראַרישע בלעטער" פון יענע יאָרן. זעסט פאַר זיך אַ ריזיקן בנין וואָס זיין נאָמען איז: יידישע קולטור. אַ בנין, וואָס אימפּאָנירט מיט זיין אינהאַלט, מיט זיין פאַרנעם.

אַט האָט אונדזער קולטור געטראָפן אַ גליק: מ'האָט זי אויפגענומען ווי אַ פולבארעכטיקטן מיטגליד אין אינטערנאַציאָנאַלן פען־קלוב און אין דער זעלבער צייט פאַרמאַכט מען יידישע צייטונגען; אַט קומט אַ גרויסער פּוילישער רעזשיסער שטעלן אַ פּיעסע אין יידישן טעאַטער און אין דער זעלבער צייט פאַרווערט מען צו שפּילן יידיש אין אַ גאַנצער ריי פּראָווינצן; אַט יאָגט מען זיך נאָך אונדזערע שטימען צום פּאַרלאַמענט און אין דער זעלבער צייט מאַכט מען פּאָגראָמען און מע זוכט וועגן ווי אַזוי אונדז אַרויסצופּעקלען קיין מאַדאַגאַסקאַר.

די דאָזיקע אויסטערלישע פאַרהעלטענישן שפּיגלען זיך אָפּ אויך אין יידישן טעאַטער־לעבן. עס ווערן געבויט אימפּאָזאַנטע בנינים. דער באָדן איז אָבער אַ זאַמדיקער, צעפאַלן זיך די בנינים. נישטאָ מיט וואָס זיי צו צעמענטירן. די פּרעסע קומט אַרויס מיט אויפרופן, אינסטיטוציעס מיט דעקלאַראַציעס, פון אַלע זייטן: „ראַטעוועט, ראַטעוועט!" אויף אַ ווײַלע בליצט אויף אַ האָפענונג, אַ פרישער פּרווו, אַ נייע דערגרייכונג און איידער מע קוקט זיך אַרום, זאָגט מען שוין קדיש... דער קדיש איז געוואָרן אַ כסדרדיקער באַגלייטער פון אונדזערע דערגרייכונגען. נישט נאָר אין פּוילן, וווּ אונדזער פיזיש לעבן איז נישט געווען זיכער, נאָר אַפילו אינעם פרייען אַמעריקע איז די לאַגע נישט געווען בעסער. דאָרט זענען געווים אויך שולדיק געווען די אַקטיאָרן אַליין, ווייל די בעסערע פון זיי האָבן פאַרביטן דאָס יידישע טעאַטער אויפן ענגלישן. דער דאָלאַר האָט פאַרטריבן דעם אידעאַל. אפשר איז דער אידעאַל דאָרט קיין מאָל נישט געווען. נישט בחינם האָט דאָרט דאָס טעאַטער־וועזן באַקומען דעם אומצווייטייטיקן צונאָמען: „שאָו־ביזנעס".

אויב אין אַמעריקע זענען די אַקטיאָרן געגאַנגען אויפן וועג פון לייכטן

ווידערשטאַנד, האָבן אונדזערע צילבאַוווסטע אַקטיאָרן געפירט אַן עק־שנותדיקן קאַמף פאַרן אויפהאַלטן די געשאַפענע פּאָזיציעס. ס׳זענען גע־ווען קורצדויערנדיקע עליות און כמעט אומאויפהערלעכע ירידות. צו די ירידות האָבן אַ גרויסן ביישטייער צוגעטראָגן די אַמעריקאַנער „סטאַרס״, וואָס האָבן פאַרוואָרפן דעם טעאַטער־מאַרק מיט די פאַרשידנסטע „אומ־גליקלעכע מאַמעס״, „טאַטעס אָן קינדער״ און „הערצער וואָס בענקען״, אַנשטאָט אונדזער רעפּערטואַר, וואָס איז געווען געבויט אויף געזעלשאַפט־לעך־סאָציאַלע קאָנפליקטן און האָט אַרויסגעבראַכט פּראָבלעמען פון מאָ־ראַל און עטיק. עס איז קולטיווירט געוואָרן געשמאַקלאָזיקייט — דער גרעסטער שונא פונעם יידישן טעאַטער. דער שונא איז געווען פילפאַך־געפערלעכער, ווייל דאָס רוב אַמעריקאַנער אַקטיאָרן זענען געווען גרויסע אַקטיאָרישע פּערזענלעכקייטן. זיי האָבן, מיטן כוח פון זייער טאַלאַנט, געצוווּנגען צו גלייבן אין דער אמתדיקייט פון דער געשמאַקלאָזיקייט. עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַזוי איז עס באמת געווען. אַז נעמען מיר דאָך אָן פאַר אַן אמת אַ גוטגעזאָגטן ליגן, — האַלטן מיר טאַקע דעם ליגן פאַר אַן אמת, אָבער דער ליגן הערט נישט אויף צו זיין ליגן... וואָס מיר האָבן געבויט פלעגן זיי צעשטערן. דער קאַמף איז געוואָרן אַ נישט גליי־כער. מיר זענען געווען צו שוואַך אויסצוהאַלטן דעם פּאַרמעסט.

צו דעם אַלעמען איז אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן צוגעקומען אַ נייע צרה: טענדענץ צו אַסימילאַציע. איך מיין נישט די טראַדיציאָנעל־אַריסטאָקראַטישע אַסימילאַציע. ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט קלינגען, איז זי דווקא געקומען פון קרייזן וואָס האָבן לכתחילה געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר דער יידישער קולטור. אַזוי, למשל, האָט די „קולטור־ליגע״, וואָס פלעגט אָפּקויפן פאַרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער און זיי פּאָפּו־לאַריזירן צווישן די אַרבעטער־מאַסן, אַליין אָפּטער געפירט איר עולם אין פּוילישן טעאַטער. דערמיט האָט זי דערווייטערט דעם פאָלקסמענטש פון דער יידישער קולטור און גלייכצייטיק געשטראָכן אַ וויכטיקע הכנסה־פּאָ־זיציע פונעם נעבעכדיקן בודזשעט פון יידישן טעאַטער. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט ליטעראַרישע אָוונטן, רעפעראַטן, קאָנצערטן. מיר זענען געשלאָגן געוואָרן מיטביידע עקן פונעם שטעקן. דאָס האָט דעזאָריענטירט,

אַנטמוטיקט, באַליידיקט און ווי געטון. מיר האָבן זיך געזוכט אַליין צו ראַטעווען. ווי תמיד איז אונדזער רעטונג געקומען פון דער ליבער פּראָווינץ.

די פּראָווינץ איז געווען ווייניקער דעמאָראַליזירט, מער איבערקליי־בעריש פון דער גרויסער שטאָט. איז טאַקע דאָרט געשטיגן די נאָכפראַגע נאָך לעקטאָרן, האָבן זיך געמערט בילדער־אויסשטעלונגען פון ייִדישע קינסטלער און ס׳איז געשטיגן דער אינטערעס נאָך אַ קינסטלעריש טעאַ־טער. אין אַ סך שטעט איז לגמרי פאַרטריבן געוואָרן דער שונד. ס׳זענען געשאַפן געוואָרן טעאַטער־קאָמיטעטן, ייִווא־אָפּטיילן, דראַמקרייזן, — אַ מין קאָנטעראָפּענסיווע קעגן דעם גייסטיקן קריזיס פון דער הויפּטשטאָט.

אין וואַרשע האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו טון. אַלע טעאַטער־בני־נים זענען געווען פאַרנומען מיט „גאַנגבאַרער סחורה״, מעלאָדראַמאַטישן „קיטש״ און ביליקער אָפּערעטע. אין „עליזעום״, אינעם אַזוי־גערופענעם קעלער, איז דווקא געווען אַ געלונגענער סעזאָן פון דער באַנייטער „וויל־נער טרופּע״, וואָס האָט געצויגן עולם און באַפרידיקט דעם געשמאַק פונעם בעסערן צושויער. אייזיק סאַמבערג האָט דאָרט געפינען אַ תיקון פאַר זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט אין אַשס „קידוש־השם״, דראַמאַטיזירט און אויפגעפירט פון מיכאל ווייכערטן מיט הענעך קאָנס מוזיקאַלישער באַ־גלייטונג. דוד הערמאַן האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אויפגעלעבט פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ מיט יוסף קאַמינסקיס מוזיק. די „ווילנער״ האָבן דאַן געהאַט איינע פון זייערע שענסטע תקופות. דאָך האָבן זיי זיך נישט באַוויזן צו סטאַביליזירן אין וואַרשע און סוף־כל־סוף געווען גע־צווונגען זיך צו לאָזן אין וועג. אין רעזולטאַט דערפון האָט די „ווילנער טרופּע״ זיך ווידער געשפּאָלטן, ווידער פאַראייניקט, ווידער אויפגעבליצט און ווידער פאַרלאָשן. דער סוף פון אַלע טעאַטערס אָן אַ סטאַבילן אַדרעס.

***

אין אַ נאָווינע האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין. ווי געוויינטלעך האָבן מיר אויך דאָס מאָל גענומען גרייטן אַ נייעם רעפּערטואַר און באַ־נייען אייניקע פון די געשפּילטע פּיעסן. צו די נייע האָבן געהערט: אידאַ

קאַמינסקאַס אַ דרייפּערזאָניקע פּיעסע „אַמאָל איז געווען אַ מלך" און „די תאווה" פון אָ'נייל.

„די תאווה אונטער די אולם־ביימער" איז נאָך פאַר אונדזער אָפּפאָרן קיין רומעניע געווען איינגעגלידערט אין אונדזער רעפּערטואַר. ס'האָט געזאָלט זיין די ערשטע פּיעסע אין „וויקט" פונעם גרויסן אַמעריקאַנער שרייבער און גלייכצייטיק די ערשטע מאָדערנע טראַגעדיע אין יידישן טעאַטער, וואָס אַנטפּלעקט דעם סטיכישן געראַנגל פון מענטשלעכע עמאָציעס און ליידנשאַפטן פאַר גליק און פרייד. אָ'נייל האָט געשאַפן זיין „תאווה" ווייל, ווי ער דריקט זיך אויס, „אין טראַגעדיע איז פאַראַן מער פרייד און גליק ווי אין פּיעסן וואָס ענדיקן זיך אָפּטימיסטיש. אינעם באַגריף פונעם מאָדערנעם לייענער און טעאַטער־צושויער איז טראַגעדיע דער אויסדרוק פון אומגליק, דאַקעגן די גריכן האָבן באַנומען די גרויסע דערהויבנקייט און דערלייזונג וואָס עס ברענגט מיט זיך די טראַגעדיע".

אָט די דאָזיקע דערהויבנקייט האָב איך מיך באַמיט אַרויסצוברענגען ביים אינסצעניזירן און רעזשיסירן „די תאווה" מיט אונדזער אַנסאַמבל און עלימינירן דעם מעלאָדראַמאַטישן עלעמענט, וואָס דאָמינירט אינעם סיפּור־המעשה. איך האָב זיך באַמיט דעם דיאַלאָג אָפּצוווענדן פון די וועגן פון אויסערלעכער דינאַמיק, צו געפינען אַן אינערלעכע און אַרויסצוברענגען זי אינעם איינגעהאַלטענעם אָטעם, אין דער נישט־דערזאָגטקייט, אין דער פּויזע. איך האָב זיך עס באַמיט אַרויסצובאַקומען אַן נאַטוראַליסטישע מיטלען צו וועלכע ס'איז געוווינט געווען אונדזער אַקטיאָר, נאָר דורך אַ דיסקרעטן, סטיליזירטן רעאַליזם, וואָס זאָל זיך אויסדריקן סיי אין דער אַקטיאָרישער אינטערפּרעטאַציע, סיי אין דער דעקאָראַטיווער לייזונג. ביידע נייע און דעריבער לאָקנדיקע עלעמענטן אין אונדזער ביז איצטיקער אַרבעט. נעמענדיק אין אַכט דעם וואַנדערנדיקן כאַראַקטער פון אונדזער טעאַטער און די פאַרשידנקייט פון די בינעס אויף וועלכע ס'פלעגט אונדז אויסקומען צו שפּילן, האָב איך די סצענישע קאָנסטרוקציע פון סימולטאַן־בינע, אין וועלכער די „תאווה" איז געוואָרן פאַרטראַכט און געשריבן, געמוזט פאַרטרעטן מיט באַזונדערע, שנעל זיך בייטנדיקע בילדער, וואָס טראָגן איבער ביים פאַרלאָשענעם ליכט איין האַנדלונג־אָרט צום צווייטן.

ביי איינע פון די דאָזיקע פאָרשטעלונגען האָט, אגב, געטראָפן אַ פאַל וואָס האָט זיך צום גליק געענדיקט נישט טראַגיש, נישט לויטן נוסח פון דער טראַגעדיע. בעת אַן איבערבייטן דאָס שפּיל־אָרט אין אַ געוויסער שטאָט מיט אַ הויכער בינע, איז אידאַ קאַמינסקאַ, אָנשטאָט אַפּצוגיין אין דער פינצטער אין די קוליסן, אַראָפּגעפאַלן אין צושויער־זאַל. דער עולם האָט זיך לכתחילה נישט געכאַפּט דערויף און אפשר עס אָנגענומען פאַר אַ „סצעניש איינפאַל", מיר אָבער האָבן איבערגעלעבט מינוטן פון גרויסער שרעק און אידאַ איז אָפּגעקומען מיט טרוקענע קלעפּ, וואָס זי האָט זיי אַ לאַנגע צייט געפילט.

***

אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן מיטצושפּילן מיט אונדז נאָך איין מיטגליד פון אונדזער מישפּחה, אונדזער שוועסטער רחל. זי איז געווען די יינגסטע פון אונדזער מישפּחה, אָבער די עלטערע פון אונדזערע צווילינג־שוועסטער, רחלע און שרהלע.

די מאַמע האָט זיי געבוירן אין שווערעליידן און ס'איז זיי געווען באַשערט אַ שווערער לעבנסוועג און אַ מאַרטירער־טויט פון קדושים. ווי זייערע הייליקע נשמות זענען אויסגעגאַנגען איז אונדז נישט באַוווסט. די לעצטע ידיעה פון זיי האָב איך באַקומען אין בראַזיל. אַ קאַרטל פון וואַרשעווער געטאָ. אַ לאַקאָנישער טעקסט וועגן געזונט מיט אַ געזעגענונג: „מיר ווערן איינגעטרוקנט פון בענקשאַפט נאָך אייך". מיר, די ביים לעבן־פאַרבליבענע ברידער טראָגן זייער ליכטיקן אָנדענק טיף אין האַרצן און, אַזוי ווי מיר ווייסן נישט דעם טאָג פון זייער יאָרצייט, באַקלאָגן מיר זייערע יונגפאַרשניטענע לעבנס מער ווי איין מאָל אין יאָר.

רחלע האָט באַזוכט די זעלבע דראַמאַטישע שול וואָס איך און מיין ברודער מאַרק. מאַרק איז דערנאָך אַריבער אין אַ פילם־שול און סוף־כל־סוף זיך געווידמעט דער זשורנאַליסטיק. ער און די יינגסטע, שרהלע, האָבן אויסגעמיטן דאָס טעאַטער. די איבעריקע, איך, יאַנאַס, יצחק און רחל זענען געגאַנגען אין די וועגן פון אונדזער פעטער „שראַכאַיעם" און געוואָרן אַקטיאָרן. רחלע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן מיט יאַנאַסן, דערנאָך מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ און, נאָך אונדזער אומקערן זיך פון רומעניע, האָט זי מיט־

געשפּילט מיט אונדז. די שווערע באַדינגונגען פון אַ וואַנדער־טעאַטער האָבן נישט געדינט איר צאַרטן אָרגאַניזם. זי פלעגט אָפט קרענקען, וואָס ס'האָט געשטערט איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג און איר פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש.

זי איז אויך געווען מיט אונדז אין טשאַרטקאָוו ווען ס'איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע וועגן אונדזער מאַמעס טויט. אויך יצחק איז דעמאָלט געווען מיט אונדז. יאַנאַס האָט זיך געפונען ערגעץ אַנדערש מיט זיין טעאַטער. מאַרק און שרהלע האָבן בייגעוווינט אירע לעצטע מינוטן. מיר זענען זיך צונויפגעקומען ביי דער מאַמעס לוויה אין אַ טרוקענעם ווינטערטאָג, איינעם פון די שווערסטע ווינטערס, אין פעברואַר 1929.

די טעלעגראַמע, אַז מיר זאָלן תיכף אַהיימקומען, האָב איך דערהאַלטן נאָכן ערשטן אַקט פון גאָרדינס פּיעסע: „אָן אַ היים". איך האָב גראָד געשפּילט אַ שלימזלדיק ייִדל, וואָס רופט אַרויס כסדרדיקן געלעכטער מיט זיין אומבאַהאָלפנקייט און קאָמישע סיטואַציעס אין וועלכע ער ווערט פאַרמישט. הגם די טעלעגראַמע האָט נישט דערמאָנט דער מאַמעס טויט, האָבן מיר, וויסנדיק איר שווערן צושטאַנד ביי אונדזער אָפּפאָרן פון דער היים, פאַרשטאַנען די סיבה פונעם דרינגענדיקן אַרויספאָדערן אונדז קיין וואַרשע. מיר האָבן פאַרענדיקט די איבעריקע אַקטן. איך האָב „געשפּילט" און דער עולם האָט געלאַכט.

נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר גלייך געלאָפן צו דער באַן. די וועגן זענען געווען פאַרלייגט מיט שניי און די באַן־באַוועגונג האַלב־אָפּגעשטעלט. מ'האָט זיך באַדאַרפט דערשלאָגן קיין סטאַניסלאַוו און דאָרטן וואַרטן אויף אַ פאַרבינדונג. קומענדיק ענדלעך קיין סטאַניסלאַוו, דערזעען מיר ווי די באַן, וואָס דאַרפט אונדז פירן קיין וואַרשע, רירט פון אָרט. אונדזער דודל העלפּמאַן שפּרינגט אַראָפּ פון וואַגאָן, לויפט אַריבער אויף די רעלסן פון דער אָפּגייענדיקער באַן און שטעלט זיך פאַרן לאָקאָמאָטיוו מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענט. די באַן שטעלט זיך אָפּ און מיר שפּרינגען אויף גיך אַריין אין די וואַגאָנען. פונעם וואַרשעווער וואָקזאַל זענען מיר גלייך געפאָרן צום בית־עולם אויף דער גענשע־גאַס.

מע האָט געוואַרט אויף אונדז מיט דער לוויה. איך בין אַריין אין

טהרה־שטיבל צו וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף דער מאַמען. איך האָב זי געזעגנט שווייגנדיק. גלייך דער פראָסט וואָלט אין מיר פאַרפרוירן די טרערן. איך בין אַליין אַהיימגעלאָפן און ערשט דאַן האָט דער אייז אין מיר אויפגעטייעט. איך האָב באַוויינט די יאָרן, וואָס האָבן מיך אַרויסגעריסן פון איר היים און מיך דערווייטערט פון איר. אַ ווייטיקדיקע בענקשאַפט האָט מיך אַרומגעכאַפט נאָך איר צאַרטן, מילדן בליק, מיט וועלכן זי פלעגט אונדז תמיד באַגעגענען; נאָך דער ווייכער, ליבער שטימע מיט וועלכער זי פלעגט זיך נאָכפרעגן וועגן אונדזערע דאגות און פריידן און גיבן אַן עצה, אַ טרייסטוואָרט; נאָכן צאַרטן גלעט פון איר בלאַסער האַנט, נאָכן שמייכל פון אירע איינגעפאַלענע אויגן. איך האָב באַוויינט דעם ביטערן גורל פון דער דאָזיקער ערלעכער נשמה, — די שטילע, גוטע טויב, צו וועלכער דאָס לעבן איז געווען אַזוי אומברחמנותדיק, גרויזאַם. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין מיר נאָך איר טויט, עפּעס — וואָס איך בין שולדיק געווען אויסשליס־לעך איר און געטיילט עס מיט אַ צווייטער מאַמען, מיט אסתר־רחלען. איך האָב איר דעם דאָזיקן חוב מיטגעגעבן אין קבר. דאָס אָרט אין מיר איז געוואָרן פּוסט און איך האָב מער נישט געהאַט מיט וואָס עס צו פאַר־טרעטן. אין אַ צייט אַרום האָט עס אויך אין אַ געוויסער מאָס משפּיע געווען אויף צו פאַרלאָזן מיין היים. יאָרנלאַנג האָט מיך געטריבן אַן אומרו איבער ימים און קאָנטינענטן, ערשט אַ יאָר פאַר דער מלחמה האָב איך צוריקגעפינען מיין גלייכגעוויכט. ביי דער זייט פון אַן ענלעכער צאַרטער נשמה, זי האָט מיך באַגלייט אין די שווערסטע יאָרן פון יידישן אומקום און איז מיין לעבנסבאַגלייטערין ביזן היינטיקן טאָג. דאָס דאָזיקע בוך האָב איך טאַקע איר געווידמעט.

22

בערלין

איך האָב מיך דערפילט ווי אַ חיה, וואָס קרייזט אַרום אָן אויפהער אין אַ שטייג, הינטער די קראַטן, זוכט אומזיסט אַן אַרויסגאַנג און קאָן אים נישט געפינען. טייל מאָל ווערט די חיה ווילד פאַר כעס, וואַרפט זיך אויף די קראַטן, קלאַפּט מיטן קאָפּ אינעם קאַלטן אייזן און וויל אים צעגריזשען; טייל מאָל פאַלט זי אַריין אין אַפּאַטיע, ליגט אויף דער ערד אָן באַוועגונגען מיט געשלאָסענע אויגן, וויל גאָרנישט טועם זיין, וויל אַפילו נישט ענטפערן אויף די צערטלעכקייטן פון איר שכן אין שטייג. זי קאָן אַזוי אַפּליגן טעג און נעכט ווי אין אַ לעטאַרגיע, אַ האַפענונגלאָזע, פול מיט בענקשאַפט נאָכן פרייען דזשונגל, צו וועלכן זי איז געוואָרן באַשטימט און צו וועלכן דער וועג איז איר געוואָרן פאַרשפאַרט. זי ווערט מיד, אַפּהענטיק און גלייכגילטיק. פאַר דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט האָב איך מיך צום מיינסטן געשראָקן.

איך האָב געפילט ווי די פּאַסיווקייט הייבט זיך אָן צו פאַרגנבענען אין מיר. כ'האָב געטון מיין אַרבעט מעכאַניש, לויט געוווינהייט, „געגאַנגען אין שפּאַן", ווי מע רופט עס אין דער פּראָפעסיע. כ'האָב אָנגעהויבן ווערן אַ באַלמעלאָכע, דער גוט־באַקאַנטער טיפּ „פּראָפעסיאָנאַל", וואָס באַגנוגנט זיך מיט פּרנסה און מיט גרויסע אותיות אויפן אַפיש. איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ דעצידירטן שריט, כדי זיך צו באַפרייען פון דער אַפּאַטיע, וואָס איז דער גרעסטער שונא פון אַ קינסטלער.

צוויי אויסוועגן האָב איך געזען פאַר זיך: איבעררייסן די אַרבעט און בייטן די סביבה — אויסלאַנד. צו יענער צייט האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער קלאַנגפילם. איך האָב אין אים דערזען אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאַראינטערעסירונג פאַר זיך, בפרט, אַז איך וואָלט דאָס געקאָנט פאַרבינדן מיט אַ נסיעה קיין אויסלאַנד. קיין פּוילן האָבן אָנגעהויבן צו דערגיין די ערשטע קלאַנגפילמען פון דייטשלאַנד. כ'בין דאָך געווען

פּיאָנער פונעם שטומען פילם פון יידישער פּראָדוקציע אין פּוילן, פּאַרוואָס זאָל איך עס אויך נישט ווערן ביים גערעדטן? אויב דער פילם האָט מיך, ווי אַן אַקטיאָר, נישט אינטערעסירט, האָב איך אָבער געזען אין אים לאַ־קנדיקע מעגלעכקייטן ווי אַ רעזשיסער. איך וואָלט עווענטועל רעזיגנירט פונעם שפּילן און זיך אויסגעלעבט אין רעזשי. די פראַגע איז בלויז געווען: מאָסקווע אָדער בערלין?

וועגן דעם אויפשטייג אין דער סאָוויעטישער פילם־פּראָדוקציע פלעגן מיר אָפּנעמען גרוכן פון דער פּרעסע, אָדער פון מענטשן וואָס האָבן געזען סאָוויעטישע פילמען אין אויסלאַנד. אין פּוילן זענען זיי געווען פאַרווערט. רוסלאַנד מיט איר קולטור איז מיר אויך געווען נענטער. איך האָב באַ־שלאָסן צו פאָרן אַהין אויף אַ געוויסער צייט, כדי אַריינצוטרעטן אין אַ פילם־סטודיע און צו דערלערנען די טעכניק פון קלאַנגפילם. ס'האָט מיך דערצו אויך צוגערעדט מיינער אַ פריינד, דער פּרעסע־אַטאַשע פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט אין וואַרשע. איך האָב איינגעגעבן אַ בקשה אויף אַ וויזע, אָנגעגעבן דעם געפאָדערטן קוריקולום־וויטע ווי אויך רעקאָ־מענדאַציעס פון אָנגעזעענע פּוילישע קינסטלער. די וויזע איז מיר נישט געוואָרן צוגעטיילט. דאַקעגן, קיין בערלין האָב איך זי באַקומען אָן שוועריקייטן.

הגם מיך האָט מער געצויגן דאָס שטודירן אין רוסלאַנד, איז מיר אָבער בערלין געווען מער צו דער האַנט, ווייל דאָרט האָט זיך געפינען מיין שוואָגער יוסף קאַמינסקי, וואָס איז אויך געוואָרן מיין וועגווייזער די ערשטע צייט פון מיין פאַרברענגען אין בערלין. מיך האָט אויך אינטערעסירט צו זען אַ דריטע וועלט־מעטראָפּאָליע, ווייל מאָסקווע און ווין האָב איך שוין געהאַט געקענט. אויף רייזע־הוצאות האָט מיר אויסגעבאָרגט ד"ר ביע־לענקי, אַ מיטגליד פון דער קאַמינסקי־מישפחה און אויף צום לעבן האָט מיר יעדן חודש צוגעשיקט אידאַ, וואָס איז אַרויס אויף אַ נייעם טורניי, צום ערשטן מאָל אָן מיר.

*
**

איך בין געפאָרן קיין בערלין מיט רעקאָמענדאַציעס פון פּוילישע פילם־פּראָדוצענטן, וואָס זענען געווען פאַראינטערעסירט צו זען אין מיר

אַ צוקונפטיקן רעזשיסער מיט אייראָפּעיִשער פילם־בילדונג. עס האָט גע־הייסן, אַז איך וועל אָנקומען אין אַ פילם־אַטעליע ווי אַ וואָלונטיר און, ווי זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, וועט עס מיר זייער לייכט אָנקומען, ווייל יעדער פּראָדוצענט וועט גערן אויסנוצן אַ מענטשן, וואָס וויל אַרבעטן און נישט פאַרדינען. ווי ס'האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז די דאָזיקע השערה נישט געווען קיין ריכטיקע.

דעם ערשטן אָוונט אין בערלין האָב איך פאַרבראַכט אין יידישן טעאַ־טער... הגם איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט איבערצורייסן מיטן טעאַטער, האָט מיך פון דעסטוועגן געצויגן אַהין ווי אַ שיכור צום ביטערן טראָפּן. און דווקא צום יידישן טעאַטער, אַנשטאָט צו גיין זען אַ ריינהאַרד־ אָדער פּיסקאַטאָר־פאָרשטעלונג, מיט וועלכע בערלין האָט דעמאָלט געקלינגען, האָב איך מיך אַראָפּגעשלעפּט אויף דער קלאָסטער־שטראָסע צו הערן אַ היימיש וואָרט. איך האָב מיך נישט געוואָלט פאָרשטעלן פאַרן דירעקטאָר, וועגן וועלכן איך האָב קיין מאָל נישט געהערט, און געקויפט אַ בילעט, כדי זיך צו געפינען אין אַ יידישן טעאַטער, נישט ווי אַ „חשובער גאַסט". איך האָב מיך גיך איבערגעצייגט, אַז מיין אינקאָגניטאָ איז געווען אַ גלענ־צנדיקער איינפאַל, ווייל כ'האָב זיך פאַר קיינעם נישט באַדאַרפט פאַרענט־פערן צוליבן פאַרלאָזן דאָס „טעאַטער" נאָכן ערשטן אַקט. איך האָב עס פאַרלאָזן מיט זייער אַ שווער געמיט; דאָס „יידישע וואָרט" איז ממש גע־ווען אַ פּראָפאַנאַציע פון יידיש.

צוזאַמענגנס האָב איך מיך אויפגעכאַפּט מיטן געדאַנק: פילם! מיין נעכטיקער באַזוך אין טעאַטער האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג. אין די נאָענטסטע טעג האָב איך געהאַט פאַר זיך צוויי אויפ־גאַבעס: אויסצוגעפינען אַ צימער און אַ צוטריט אין אַ פילם־אַטעליע.

***

איך האָב מיר אויסגעזוכט אַ צימער נישט ווייט פונעם ראָמאַנישן קאַפע, ווו ס'פלעגן זיך פאַרזאַמלען קינסטלער, זשורנאַליסטן און אַק־טיאָרן. דאָרט האָב איך געקאָנט צו יעדער צייט געפינען אַ באַקאַנט פּנים פון די בערלינער תושבים, אָדער אַ גאַסט פון אויסלאַנד, פאַר וועלכן דער

ראָמאַנישער קאַפע האָט געדינט פאַר אַ טרעפפונקט. מיין צימער איז געווען דאָס ערשטע אין אַ קאָרידאָר פון אַ גרויסער דירה, וואָס האָט געהערט צו אַ דייטש אין די מיטעלע יאָרן. זיין באַשעפטיקונג איז מיר געווען נישט קלאָר, ס׳האָט געהייסן, אַז ער איז אַן אַגענט פון עפּעס אַ פאַרלאַג. יעדן טאָג פלעגן אָנקומען צו אים שטויסן קאָרעספּאָנדענץ און בראָשורן. די בריוו פלעגט דער פאָסטטרעגער אַרונטערדרוקן דורך דער שפּאַרע פון דער אַריינגאַנג־טיר. אָפט מאָל פלעגט נעמען ביי מיר אַ סך צייט אויסצוגעפינען צווישן דער גרויסער קאָרעספּאָנדענץ די בריוו פאַר מיר. אין גיכן איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך געפין מיך אין אַ צענטראַלן פונקט פון דער נאַצישער באַוועגונג. מיינע פריינד האָבן מיך באַרויקט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג נעמט קיינער נישט ערנסט און קיין באַקוועמערע און ביליקערע דירה וועל איך אַזוי גיך נישט געפינען. היות ווי איך בין שוין געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער צווייטער טייל פון מיין אויפגאַבע, מיטן זוכן פראַטעקציע צו אַ פילם־אַטעליע, וואָס האָט ביי מיר צוגענומען גאַנצע טעג, האָב איך אַפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך צו זוכן אַ צווייט צימער. איך האָב עס געטון אין אַ צייט אַרום. איבעריקנס, איך פלעג אַהיימקומען שפּעט ביינאַכט און פלעג זיך וואָכנלאַנג מיט קיינעם נישט באַגעגענען אין דער דירה.

דער צוטריט אין אַ פילם־אַטעליע, האָט, ווי געזאָגט, געהערט נישט צו די לייכטע זאַכן. אין בערלין האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ סך בעלנים, ענלעכע צו מיר, פון אַ סך לענדער און אַפילו קאָנטינענטן. בערלין איז דאַן געווען דער גרעסטער פילם־צענטער אין דער וועלט.. מיינע אַלע רעקאָמענדאַציע־בריוו האָבן נישט געהאַט קיין פּעולה. מ׳האָט באַדאַרפט זוכן אַנדערע וועגן. ס׳האָט זיך פלוצים דערוועקט אין מיר אַ דרייסטקייט, וואָס איז מיר ביז דאַן געווען פרעמד. אָט אַפּנים די נויטווענדיקייט האָט זי געשאַפן אין מיר און איך בין אָנגעגאַנגען מיט איר מיט עקשנות און אומבאַגרענעצטן פאַרלאַנג צו „ווערן אַ מענטש״, ווי אונדזער פאָטער פלעגט זיך אויסדריקן. ס׳איז מיר אויך פיינלעך געווען צו באַקומען חודש־געלט פון דער היים און נישט צו קאָנען אָנזאָגן עפּעס ממשותדיקס וועגן זיך. איך האָב זיך, ווי געזאָגט, אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן צו

קלאַפּן אין טיר און טויער. צוגעהאָלפן דערין האָט מיר דער באַקאַנטער זשורנאַליסט הערמאַן סוועט, בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון דער ייִדישער פּרעסע אין דער גאָרער וועלט. ער האָט מיך צונויפגעפירט מיט אַ מערק־ווירדיקן ייִדן, איינעם פון די רייכסטע מענטשן אין דעמאָלטיקן בערלין, מיטן נאָמען פּאַשיניאַק.

דער דאָזיקער פּאַשיניאַק, אַ פּלאַצקער געבוירענער, איז אין דער צייט פון דער אינפלאַציע אין דייטשלאַנד געקומען קיין בערלין און במשך פון אַ קורצער צייט האָט ער געמאַכט אַ פאַרמעגן. ווי מ׳האָט מיר דערציילט, זענען צענדליגער ריזיקע בנינים, וואָס ער האָט בשעתו געקויפט שפּאָט ביליק ביי די אָפּגעקומענע באַלעבאַטים, גיך געשטיגן אין פּרייז און זיין פאַרמעגן איז געשאַצט געוואָרן אין מיליאָנען. דער נייער גביר האָט זיך אָבער נישט באַגנוגט מיט „מאַכן געלט", נאָר אויך אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאַר פאַרשידענע געביטן פון קונסט און בעיקר פאַר ייִדישע קינסטלער און שרייבער. צי דאָס איז געווען אַ מין סנאָביזם, צי אַן אויס־גערעכנטע טאַקטיק אָפּצושוואַכן דעם רושם פון זיין קאָפּשווינדלערישער עליה אין דער האַנדלוועלט מיט פּראָטעזשירן „גייסטיקע" ענינים, צי טאַקע אַן אויפריכטיקע צוגעבונדנקייט צו ייִדישער קולטור — איז מיר שווער צו זאָגן. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט דער דאָזיקער „פּוילישער מעצענאַט", ווי מ׳האָט אים גערופן, מיר געדאַרפט ברענגען די ישועה.

מיין ערשטער באַזוך ביי אים האָט מיר געבראַכט אַ ריי סורפּריזן, וואָס האָבן מיך איבערגעראַשט און באַאומרויִקט. דער דאָזיקער „פּוילישער מעצענאַט", נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, האָט געוווינט אין אַ פּאַלאַץ פון אויסערגעוויינטלעכן לוקסוס — אַ פאַרמעגן וואָס איז געווים איבערגע־גאַנגען בירושה פון דור צו דור און איז בעת דער אינפלאַציע אַריינגעפאַלן אין ייִדישע הענט. דער פּאַלאַץ איז נאָך אָנגעגאַנגען מיט דער טראַדיציע פון זיינע אַמאָליקע באַלעבאַטים, מיט אַ פּאָרטיער ביים אַריינגאַנג, מיט אַ לאַקיי אין פראַק אויף צו מעלדן די באַזוכער. דער קאַבינעט, וווּ מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט, האָט דערמאָנט די ריזיקע סאַלאָנען, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט פון עם פילם, מיט בילדער פון גרויסע מייסטער אויף די ווענט, מיט אָריגינעלע אַלטגריכישע סקולפּטורן אין די ווינקלען. ווייט

אין דער טיף פונעם זאַל האָט זיך קוים אָנגעזען דער ברייטער שרייבטיש מיטן קאָרפּולענטן באַלעבאָס הינטער אים.

ער האָט גערעדט אַ פיינעם יידיש מיטן כאַראַקטעריסטישן רעגיאָ־נעלן פּלאָצקער אַקצענט און אַרויסגעוויזן פאַראינטערעסירונג פאַר מיין ענין. אַליין, האָט ער מיר דערקלערט, האָט ער נישט קיין באַקאַנטשאַפטן אין דער פילם־בראַנזשע. ער וועט אָבער מיך רעקאָמענדירן צו אַ געוויסן בילדערהענדלער, מיט וועמען ער שטייט אין פאַרבינדונג, און יענער וועט מיך זיכער אַריינפירן אַהין. פון דאָזיקן באַזוך בין איך אַוועק מיט אַ רע־קאָמענדאַציע־בריוו צום דערמאָנטן בילדערהענדלער.

נאָך אַ מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אינעם פּאַלאַץ פון פּאַשי־ניאַקן אויף אַ באַנקעט לכבוד ראובן בריינין, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַ־טייליקט צענדלינגער שרייבער, זשורנאַליסטן און קינסטלער. אויך דאָס מאָל האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק דער לוקסוס וואָס האָט ממש געריסן די אויגן און ס'האָט מיך געוווּנדערט, וואָס זיינע נאָענטע פריינד פון צווישן דער יידישער אינטעליגענץ האָבן נישט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם איבערגעטריבענעם לעבן־שטייגער, וואָס איז געווען אין אַזאַ שרייענדיקן קאָנטראַסט צו דער מיזעריע וואָס האָט דאַן געהערשט אין בערלין. אַ צייט לאַנג האָט מיך פאַרפאָלגט דער שמייכל אויף די דינע ליפּן פונעם אויסגעפּוצטן לאַקיי, וואָס האָט באַדינט די יידישע געסט. זיין בליק האָט ממש גערעדט: „וואָס טוט איר דאָ, פאַרשאָלטענע יידן" — די פּאָפּולערע פראַזע וואָס פלעגט געוויינטלעך באַגלייט ווערן פון אַ האַ־קנקרייץ אויף די ווענט פון די בערלינער הייזער.

דער בילדער־סוחר צו וועמען איך האָב באַקומען דעם רעקאָמענדאַ־ציע־בריוו, האָט גראַד געהאַט אַ פאַרדרייטן קאָפּ מיט אַן אָפּעראַציע פון זיין זון און מיך געהייסן אָנקלינגען אין אַ צוויי וואָכן אַרום... איך דער־פיל דעם טעם פון זוכן אַרבעט. ביז דאַן בין איך געווען געצערטלט פון גורל, די אַרבעט פלעגט געוויינטלעך זוכן מיך. איך פלעג זיין איבערקליי־בעריש און נישט תמיד וועלן זי אָננעמען. איצט וואָלט איך שוין אָנגענומען די ערשטע בעסטע, איז זי אָבער שווער צו דערגרייכן.

אין ראָמאַנישן קאַפע האָב איך מיך דערוווּסט, אַז אין בערלין געפינט

זיך אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, דער גרינדער פונעם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער און ער גרייט זיך צו דרייען אַ פילם. קיין בעסערע גע־לעגנהייט האָב איך מיר נישט געקאָנט ווינטשן: אַ גלענצנדיקער רעזשיסער, וועמען מיין נאָמען איז זיכער נישט אומבאַקאַנט, וועט מיר מיסתמא אַרויס־ווייזן אינטערעס צו מיינע דאגות, פאַרט אַ „חבר פון פאַך". ווי באַליידיקט און גידערגעשלאָגן האָב איך מיך אָבער דערפילט, ווען גראַנאָווסקי האָט מיך אַפילו נישט געהייסן זיצן, אויפגענומען אין קאָרידאָר און ברוטאַל מיר דערקלערט, אַז ער קען קיינעם נישט פון ייִדישן טעאַטער אין פוילן און קאָן מיר מיט גאָרנישט העלפן. מיין „אוידיענץ" ביי גראַנאָווסקין האָט געדויערט אַ פּאָר געציילטע מינוטן.

**
*

די ישועה איז געקומען גאַנץ אומגעריכט. אינעם ראָמאַנישן קאַפע האָב איך באַקענט די ברידער אַלשוואַנגער, צוויי „אָסט־ייִדישע" אינטעלי־גענטן, וואָס האָבן געהאַט באַקאַנטשאַפט אין די קרייזן פון דער רוסישער אימיגראַציע. דערוויסנדיק זיך וועגן צוועק פון מיין קומען קיין בערלין, האָבן זיי מיך באַקענט מיט צוויי מינסקער ייִדן, די ברידער זאַלקינד, וואָס האָבן בשותפות מיט אַ גרוזינער עמיגראַנט אוזוניאַן געדרייט אַ רוסישן פילם אין דער „אופאַ"־אַטעליע.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג, ווען ס'האָבן זיך גע־עפנט פאַר מיר די אייזערנע טויערן פון דער וועלט־באַרימטער „אופאַ", געעפנט זיך, כדי אַ האַלב יאָר צייט, טאָג־איין טאָג־אויס מיך אַריינצולאָזן אין דער פאַרכישופטער וועלט, צו וועלכער ס'האָבן, נישט ווייניקער ווי צו האָליוווד, געקלאַפּט די הערצער פון טויזנטער בעלנים אויף „שטערנס" און רעזשיסערן.

די „אופאַ"־אַטעליע האָט זיך געפינען אין נוי־באַבעלסבערג, אַ שעה רייזע פון בערלין און זי פלעגט פאַרדינגען ווערן פאַרשידענע פילם־אונ־טערנעמער אויף צו מאַכן דאָרט זייערע אויפנאַמעס אין די גרויסע האַלעס און אין דרויסן, אינעם אַזוי־גערופענעם „פלענער". די פירמע, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מענטשלעכע באַציִונג, האָט זיך גערופן „היזא־פילם".

איך האָב דערקענט די הינטערקוליסן פון דער פילם־אַרבעט, וואָס זענען געווען נישט ווייניקער אינטערעסאַנט פון די עמאָציאָנירנדיקע פיל־מען וואָס גייען פון דאָרט אַרויס.

אָט זעט מען אינעם גיגאַנטישן האָל גלייכצייטיק „דרייען" אייניקע פילמען. פאַר יעדן איז אָפּגעטיילט אַ באַזונדערער שטח. פון איין זייט — אַ קאַווקאַזער לאַנדשאַפט מיט הויכע בערג, מיט „אולן", מיט אָפּגרונטן און שמאָלע וואַסערשטראָמען. אָט זעט מען אַריינשפּרינגען אויף אַ ווייס פערד דעם פּאָפּולערן פילם־אַקטיאָר מאָזשוכין ווי אַ קאַווקאַזער אויפ־שטענדלער, געיאָגט פון צאַרישע קאָזאַקן. דעם פילם רעזשיסירט וואָלקאָוו און זיין אַסיסטענט איז דער ייִד אַנאַטאָלי ליטוואַק, דער איצטיקער האָלי־ווּד־רעזשיסער.

אין אַ צווייטער זייט — אַן אַנדער וועלט. אַן עקספּרעסיאָניסטיש־געבויטע שטאָט פון אייזן־בעטאָן מיט משונהדיקע שפּיצן, הענגענדיקע בריקן און אומצייליקע פלאַכן, פאַראייניקט דורך ספּיראַלע, געשלענגלטע אייזערנע טרעפּ. אָט באַווייזט זיך קאָנראַד ווייד אין אַ מאַסקע, ענלעך צו אַ טויטנקאָפּ. אָט לויפט אים אַנטקעגן דער טעמפּעראַמענטפולער גנאַס, דער „רויטער אַקטיאָר", אַן אַקטיוויסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך באַמיט אַריינצוציִען אַהין די פילם־מיטאַרבעטער. איך האָב, אַגב, אין 1937, געזען אין ריגע אַ היטלעריסטישן פילם, אין וועלכן דער זעלבער גנאַס האָט, ביי דער זייט פון עמיל יאַנינגס, אַגיטירט אַרבעטער אַריינצוטרעטן אין דער נאַצי־פּאַרטיי.

צווישן די צוויי דערמאָנטע וועלטן געפינט זיך אַ דריטע, אַ פּרעריע ערגעץ אין אַריזאָנאַ, מיט קאָוובויען, באַצווינגער פון ווילדע מוסטאַנגען; כ'פייפן די לאַסאָס, מע שפּרינגט פון די פערד, וואָלקנס שטויב פאַר־שטעלן דעם האָריזאָנט. די בלאָנדהאָריקע העני פּאָרטען ווערט פאַרפירט פונעם „אומדערשראָקענעם און אומבאַזיגבאַרן קעניג פון די קאָוובויען", געשפּילט פונעם פוילישן אַקטיאָר איגאָ סים. ווען איך האָב אים באַגעגנט אין אַטעליע און דערציילט וועגן צוועק פון מיין קומען קיין בערלין, האָט ער מיר געענטפערט „דאַברי קאָוואַל" (אַ שיינער וויץ). קיין בעסערע דער־מוטיקונג האָט מיין פוילישער חבר נישט געפינען פאַר מיר.

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, זעענדיק מיך שוין ווי אַן אַסיסטענט פון רעזשיסער, איז ער געוואָרן באַרעדעוודיקער און מיך געוואָלט איבער־צייגן, אַז אין דער פּוילישער שפּראַך איז אוממעגלעך צו שאַפן אַ געראָטענעם פילם, ווייל „די פייפנדיקע און גרילצנדיקע" אותיות וועלן זיין אַ שטערונג דערצו. דער זעלבער סים האָט, ווייזט אויס, נישט פאַרטראָגן נישט נאָר די פּוילישע שפּראַך, נאָר אויך פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. בעתן אַריינמאַרש פון די היטלעריסטן קיין וואַרשע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַר־נומען אַן אָנגעזען אָרט אינעם דייטשן שפּיאָנאַזש. איז געוואָרן דער־שאָסן דורך אַ פּוילישן אַקטיאָר, אַ מיטגליד פון דער פרייהייט־באַוועגונג.

אַ חוץ די דאָזיקע „וועלטן" אינעם האָל פון דער „אופּאַ" זענען אויך געווען צעוואָרן אין דרויסן, איבערן ריזיקן שטח, פאַרשידענערליי פּייזאַ־זשן און בנינים. צוליב זייער מאָנומענטאַלן פאַרנעם האָבן זיי געדינט ווי אַ לעבעדיקער מוזיי פון דער דייטשער פילם־פּראָדוקציע און נישט געוואָרן צעשטערט נאָכן אָפּדרייען די אויפנאַמעס. מ'האָט געזען שטעט פון ווי־קינג־צייטן און בשכנות אַ גרויסן בודאַ פאַרן טעמפּל פון „אינדישן קבר". אַן „ענדלאָזן" מדבר, ערגעץ אין סאַהאַראַ און אין אַ זייט אַן אָאַזיס מיט אַ דערקוויקנדיקן קוואַל. אַ מאָנומענטאַלער בנין פון פּאָפּולערן שטומען פילם „קאַליגאַרי". אולטראַ־מאָדערן, משונהדיק, וואָרפט אַן אַ פּחד מיט זיינע דרייסטע ליניעס. אַ פאַרכישופטע וועלט!

***

ווי געזאָגט, האָבן פאַר מיר געעפנט די טויערן פון דער דאָזיקער פאַרכישופטער וועלט די ברידער זאַלקינד. צוויי פייַנפילנדיקע, קולטורעלע ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן, צוזאַמען מיט זייער גרוזינער שותּף, געדרייט אַ „רוסישן" פילם, וואָס ס'איז אין יענער צייט געווען שטאַרק אין דער מאָדע. דער פילם — „שפּילערייען איינער קייזערין" — וואָס האָט פאַר־געשטעלט אַן עפּיזאָד פון יעקאַטערינע דער גרויסערס ליבע־אַוואַנטורעס, האָט באַשעפטיקט אייניקע דייטשע אַרטיסטן און ס'רוב רוסישע. די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט ליל דאַגאָווער, אַ דורכשניטלעכע טעאַטער־אַקטריסע, וואָס האָט אָבער געמאַכט אַ קאַריערע אין פילם. דעם פאַוואָריט פון יע־

קאַטערינע האָט געשפּילט דער יונגער דייטשער אַקטיאָר פּעטער פּאַס און פּיאָטר דעם גרויסן — דער רוסישער אָפּערן־זינגער סמירנאָוו, וואָס האָט געפּראַוועט גלות אין בערלין.

דער רעזשיסער פונעם פילם איז געווען אַ יונגער רוסישער אימיגראַנט, וולאַדימיר פיאָדראָוויטש סטריזשעווסקי, זייער אַ פעיקער און גוטהאַרציקער מענטש, אַ טיפּיש־רוסישע „ברייטע נשמה״, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט און מיטגעפיל. דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין אַן אויסגעשפּראָכענער רעאַקציאָנער און זיך צו באַציִען ברוטאַל, ממש מיט פאַראַכטונג צו די „קליינע״ וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פילם. צווישן די דאָזיקע „קליינע״, בעיקר סטאַטיסטן, רוסישע עמיגראַנטן, האָבן זיך געפינען „געוועזענע מענטשן״, מיטגלידער פון צארישן הויף, אַמאָליקע גענעראַלן, שטאַט־פאַרוואַלטערס, גרויס־אינדוסטריעלע און סתם שוואַרץ־מאַהניקעס. סטריזשעווסקי, ווי געזאָגט, האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט פאַראַכטונג און זיי גערופן „נעבעכדיקע פנימער״, וואָס ער קאָן נישט אָנקוקן. נישט נאָר צו זיי — בכלל צו קלענערע און שוואַכערע, צו דער אַזוי־גערופענער „מאַסע״. די דאָזיקע פאַראַכטונג איז געווען אַן איבערבלייב פון דער אַלטער פּריצישער טראַדיציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, נאָך פון דער צייט פון דער פויערים־פאַרשקלאַפונג. די דאָזיקע טראַדיציע האָבן די רוסישע אַריסטאָקראַטן מיטגענומען מיט זיך אין גלות. און סטריזשעווסקי, וואָס האָט געשטאַמט פון אַדל, איז אויך נישט פריי געווען פון דאָזיקן „בלויען בלוט״. אַ דואַליזם אין דער ברייטקייט פון דער רוסישער נשמה: גוטהאַרציקייט, גוטמוטיקייט, צוגעלאָזנקייט געמישט מיט אכזריות, ברוטאַלקייט און ציניזם.

די סטאַטיסטן פלעגן אויך ווערן געטיילט אין קאַטעגאָריעס ווי להבדיל די „שטערן״. געווען „מאַסע״, אַלע גלייך. און געווען „איידל קאָמפּאַרזערי״ — סטאַטיסטן מיט אַ „בעסערן״ אויסזען, וואָס האָבן זיך געפּאַסט פאַר אַדללייט, מיליטער־לייט און סתם „העכערע געזעלשאַפט״. אַזעלכע פלעגט מען אָפּט מאָל אָנפאַרטרויען אַן עפּיזאָד, אַן „ערשטן פּלאַן״, אַ „קלאָוז־אַפּ״ און זיי פלעגן, פאַרשטייט זיך, ווערן בעסער באַצאָלט און באַהאַנדלט. דאָקעגן די איבעריקע — שמעלץ, כחומר ביד היוצר.

ס'איז מיר אויסגעקומען בייצווווינען אַ מאַסן־סצענע פון פונאַנדער־יאָגן אַ דעמאָנסטראַציע. די סצענע איז געוואָרן צענדליגער מאָל איבער־געחזרט, די „מאַסן" — געיאָגט ממש ווי אַ סטאַדע פערד, ביזן פאַלן פון די כוחות. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אַן עלטערער מענטש, אַן אַסט־מאַטיקער, וואָס האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם פונעם ווילדן לויפן און איז צום סוף אָוועקגעפאַלן. ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, איז עס געווען אַ דייטשער אַקטיאָר אויף עמעריטור, אַ געוועזענע „באַרימטקייט", וואָס האָט דער ערשטער געשפּילט ביסמאַרקן אינעם פּאַרמילחמהדיקן דייטש־לאַנד.

נאָך גרעסערע ברוטאַלקייט האָבן אַרויסגעוויזן די דייטשע טעכניקער פון דער אַטעליע, וואָס האָבן מערסטנטייל געהערט צו פאַרשידענע נאַצי־פאָרמאַציעס. אָט פאַלט אַראָפּ זייער אַ חבר פון אַ הויכער רושטאָוואַניע און מע קוקט זיך אַפילו נישט אום אויף אים. אָט באַקומט אַ סטאַטיסט־„קאָווּבוי" אַ קלאַפּ פון אַ פערד, לאָזט מען אים ליגן אַ פאַרחלשטן, מע רופט די גיכע־הילף און מע באַמיט זיך אַפילו נישט צו דערלאַנגען אים די ערשטע הילף; שמעלץ אינעם קעסל וואָס הייסט פילם־אינדוסטריע.

אין דער צייט, ווען אין דער „אופא" זענען געדרייט געוואָרן די רו־סישע פילמען, האָט די סטודיע געמאַכט דעם איינדרוק פון רוסישער טעריטאָריע, ווו די דייטשע שפּראַך האָט געקלינגען פרעמד... ס'געדענקט זיך אַ פאַל, ווי איינער פון די געהילף־רעזשיסערן, אַ געוויסער ספּיס־וואַג־נער, האָט זיך דערנענטערט צו אַ רוסיש־רעדנדיקער גרופּע און מיט אַ זיסלעכן שמייכל אויף די ליפּן געפרעגט: צי „דאַרף איין מיטגליד דער „דויטשער קאָלאָניע" אין בערלין שפּרעכן דויטש?"... ווען דער פילם האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פלעגט דער זעלבער ספּיס־וואַגנער קומען אין דער אַטעליע אין אַ מונדיר פון ס"ס. דער פרייִערדיקער הכנעהדיקער שמייכל איז געוואָרן פאַרביטן אויף אַ חוצפּהדיקער, ברוטאַלער זעלבסטזיכערקייט.

***

סטריזשעווסקי האָט געהאַט זיינעם אַן אַסיסטענט אַ ייִד, אַ געוועזע־נעם רוסישן אַקטיאָר, דוד מאַנקאַ. דער דאָזיקער מאַנקאַ, אַ קיִעווער גע־

בוירענער, האָט מיך שטאַרק מקרב געווען און געטון אַלץ מעגלעכס, כדי איך זאָל מיך קאָנען ספּעציאַליזירן אין דער פילם־אַרבעט.

— מע קאָן גאָרנישט וויסן, סיגיזמונד ניקאָלייעוויטש, — פלעגט ער מיר זאָגן, אַנווייזנדיק אויף ספּיס־וואַגנערן, — אפשר וועלן מיר זיך נאָך ערגעץ טרעפן אין אייערע מקומות, ווייל דאָ האָב איך מורא פאַר דער דאָזיקער חברה...

מיר האָבן זיך טאַקע געטראָפן אין 1937 אין ריגע, ווו ער איז געווען אַן אַנגעזעענער אַקטיאָר אין רוסישן טעאַטער.

להיפּוך צו מאַנקאָן, האָט זיך דער קאַמעראַ־מאַן, אַ געוויסער מוץ גרינבוים, מיט אַ טיפּיש־ייִדישן אויסזען, אויסגעגעבן פאַר אַן „עכטן דויטש". מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט איז דעם דאָזיקן „דייטש" געלונגען צו אַנטלויפן און מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו זען זיין נאָמען פיגורירן ווי אַ קאַמעראַ־מאַן אין ענגלישע פילמען.

דער אַסיסטענט פונעם קאַמעראַ־מאַן איז געווען אַ יונגער, בלאָנדער בחור, מיטן נאָמען פּאַסטערנאַק, אַ זון פונעם באַרימטן רוסיש־ייִדישן מאָלער לעאָניד פּאַסטערנאַק, וואָס האָט בשעתו געמאָלן די פּאָרטרעטן פון לעוו טאָלסטאָי, ח. נ. ביאַליק, נחום סאָקאָלאָוו, דוד פרישמאַן. ער איז געווען אַ ברודער פונעם רוסישן דיכטער באָריס פּאַסטערנאַק, דער מיט יאָרן שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם מחבר פון „ד"ר זשיוואַגאָ". מיין אַרבעט־חבר פלעגט זייער אָפט רעדן וועגן זיין פאָטער, דעם מאָלער, אָבער איך געדענק נישט, אַז ער זאָל האָבן ווען ס'איז דערמאָנט זיין ברודער, דעם דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז געווען אַ פאַרביסענער אַנטיקאָמוניסט. פּאַסטערנאַק האָט מיך געלערנט ווי זיך אומצוגיין מיטן פילם־אַפּאַראַט און איך האָב אים דערפאַר געצאָלט. ער האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין אַ זייטיקן פאַרדינסט.

מיר האָבן געהאַט נאָך אַ ייִדישן מיטאַרבעטער, דעם פאָטאָגראַף לע־װענטאַל, אַ לעמבערגער בחור, וואָס האָט אַ דאַנק זיין מייסטערשאַפט פאַרנומען אַן ערשט אָרט צווישן די פילם־פאָטאָגראַפן. ער פלעגט שאַפן פּרעכטיקע קאָמפּאָזיציעס, אָריגינעל־גרופּירטע און באַלויכטענע שטייגער־סצענעס. צוליב דעם פלעגט ער טייל מאָל פאַרנאַכלעסיקן די „סטאַרס"

און נישט מאַכן זיי די געוווּנטשענע צאָל אויפֿנאַמעס. איין מאָל האָט אים אַפֿילו ליל דאַגאָווער געמאַכט אַ סקאַנדאַל, וואָס ער האָט נישט פֿאָטאָ־גראַפֿירט איר קעניגלעכן מאַנטל, נאָר זיך אָפּגעגעבן צו די „שטינקעדיקע" טראַקטיר־סצענעס מיט די פּשוטע מוזשיקעס...

לעווענטאַל איז געווען באַפֿריינדט מיט פּעטער פּאַס, וואָס איז געווען זיין שטאַרקער פֿאַרערער און פֿלעגט אים אָפּט פֿאַרבעטן צו זיך און באַ־שענקען מיט מתּנות. אין 1934, ווען איך האָב לעווענטאַלן געטראָפֿן אין פּאַריז, האָט ער מיר דערציילט, אַז מיטן קומען פֿון היטלערן צו דער מאַכט, האָט אים פּאַס אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אַטעליע און געדראָעט מיט דערשיסן, אויב ער וועט נאָך אַ מאָל דערזען זיין „שמוציקן פּרצוף".

ווען איך בין אָנגעקומען צו סטריזשעווסקין איז שוין די „שפּילערייען איינער קייזערין" געווען שטאַרק אַוואַנסירט און ביים סוף האָט מיך סטרי־זשעווסקי צוגעלאָזן אין זיין מאָנטיר־אָפּטייל, כ'זאָל מיך לערנען מאָנטירן פֿילמען. דאָס איז איינע פֿון די קאָמפּליצירטסטע און פֿאַראַנטוואָרטלעכ־סטע אַרבעטן, צו וועלכע מען לאָזט נישט צו קיין שום זייטיקן מענטש. מ'האָט טאַקע געהאַלטן פֿאַר אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע דאָס דערלויבן מיר צו אַסיסטירן ביים „שניידן", ווי מע פֿלעגט עס רופֿן. אינעם היינ־טיקן פֿילם ווערט עס געטון נישט דורכן רעזשיסער, נאָר דורך ספּעציאַ־ליסטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיטן „שניידן", מיטן מאָנטירן די פֿילמען.

ווען דער פֿילם איז געוואָרן אויסגעפּאַרטיקט איז די זעלבע געזעל־שאַפֿט צוגעטראָטן צו אַ נייעם פֿילם „טראַיקאַ". איך בין געוואָרן אָפֿיציעל באַשטימט פֿאַרן צווייטן אַסיסטענט ביי דער זייט פֿון מאַנקאַ. די דאָזיקע אַרבעט איז אויך געווען אַ וואָלונטערע און איך האָב כּסדר געלעבט פֿונעם חודשדיקן „געהאַלט" וואָס ס'פֿלעגט מיר צוגעשיקט ווערן פֿון וואַרשע.

היות די צוגרייטונגען צו „טראַיקאַ" האָבן פֿאַרנומען אַ געוויסע צייט און מיין אָנוועזנהייט אין אַטעליע איז געווען איבעריק, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו טרעפֿן מיט מענטשן, צו באַזוכן מוזייען און טעאַ־טערס. און וואָס צו זען אין בערלין האָט נישט געפֿעלט.

אינעם ראָמאַנישן קאַפֿע בין איך געווען אַ שטאַמגאַסט. דאָ איז גע־

זען דער טרעפפונקט פון דער יידישער קאָלאָניע און פון דער בערלינער קינסטלערוועלט. נישט בחינם האָט מען זי גערופן „רחמנושער קאַפע".

אין יענער צייט האָבן זיך געפינען אין בערלין דוד בערגעלסאָן, ז. שניאור, ראובן ברײנין, דניאל טשאַרני, יעקב לעשטשינסקי, א. ריקליס, גרשון סוועט און אַ סך אַנדערע „בערלינער", אַ חוץ געסט פון אַלע עקן וועלט. מע פלעגט פּאָליטיקירן, קיבעצן און סתם לצוועון אויפן חשבון פון די נאַצי־יונגען, וואָס פלעגן, אוניפאָרמירטע, פאַרביימאַרשירן די טע־ראַסע פונעם „ראָמאַנישן" און אונדז מכבד זיין מיט כוליגאַנישע אויסרופן, אָדער זיך אָוועקשטעלן זינגען „וואָן ס׳יודענבלוט פון מעסער שפריצט"...

אונדזערע קורצזיכטיקע פּאָליטיקער און „קענער" פון די דייטשע פאַרהעלטענישן פלעגן זיך אויסלאַכן פון זיי: „דייטשלאַנד איז אַ דעמאָ־קראַטיש לאַנד, זאָלן זיי זיך שפּילן... ביי אונדז האָבן זיי נישט קיין ווערט... אַט ווייזט מען מיר אַן אויף אַ דעמאָנסטראַציע פון „ראַטפראַנט" ווי אַ קעגנקראַפט. אונדזער ראָמאַנישער קאַפע האָט זיך געטרייסט מיט חלשות־טראָפן. דער גרעסטער אָפּטימיסט איז געווען בערגעלסאָן:

— זעט, וואָס עס טוט זיך אין די סינעמאַס, זעט ווי בערלין נעמט אויף סאָוועטישע פילמען.

די סענסאַציע פון טאָג זענען דאַן געווען די פילמען פון סאָוועטישער פּראָדוקציע: „פּאָטיאָמקין", „שטורעם איבער אַזיע", „טורקסיב". זיי האָבן אימפּאָנירט מיט זייער נייעם אינהאַלט און דרייסטער פאָרעם. די פילמען האָבן באַגייסטערט און מיטגעריסן. ביים סוף פון אַזעלכע פילמען פלעגט דער עולם ספּאָנטאַן אויפשטיין פון די ערטער און זינגען דעם אינטערנאַ־ציאָנאַל. בכלל איז דאַן געווען אַ מאָדע אויף סאָוועטישער קונסט און ליטעראַטור. די מאָדע אויף סאָוועטישער קונסט איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער אַלגעמיינער מיזעריע, וואָס האָט דאַן געהערשט אין דייטשלאַנד. די דעמאָקראַטיע האָט זיך אַרויסגעוויזן מאַכטלאָז צו פאַרבעסערן די לאַ־גע. טייל דייטשן האָבן געזען די ישועה קומען פון דרויסן, פון מיזרח. טייל, און טאָקע דער גרעסטער — אין דער נייער נאַצישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך ווי אַ מגיפה פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. בערלין האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַן איינגעשלאָפענעם ווולקאַן אין וועלכן עס זאַמ־

לען זיך די אונטערערדישע כוחות, כדי אומגעריכט ארויסצושפייען זייער לאווע. פון איין זייט זונות, פערוועדזע אויסגעלאַסנקייט און אונטערבאַ־וווסטזיניקער דראַנג זיך צו פאַרגעסן, צו פאַרטויבן די דעפּרעסיע; פון דער צווייטער זייט — עלנט, הונגער, מיזעריע, בעטלערס אויף די גאַסן, אַן אַ צאָל בלינדע, געפירט פון הינט; קרבנות פון דער ערשטער גאַז־מילחמה; אינוואַלידן אויף וועגעלעך, באַגלייט פון הינט. בכלל האָט זיך געפילט אין בערלין אַ ספּעציעלער קולט פאַר הינט און גלייכגילטיקייט צו מענטשן.

***

פון די ייִדישע שטאַמגעסט אין „ראָמאַנישן" האָב איך מיך נאָענט באַפריינדט מיט דניאל טשאַרנין און מיט דוד בערגעלסאָנען, וועלכן איך פלעג אָפט באַזוכן אין דער הינטערשטאָטישער וווינונג פון זיינע קרובים, וווּ ער האָט זיך אויפגעהאַלטן. בערגעלסאָן איז געווען אַ ביז גאָר אינטע־רעסאַנטער דערציילער און, בעיקר, אַ גלענצנדיקער לייענער. אין בערגעל־סאָנען איז פאַרלוירן געגאַנגען, אַזוי ווי אין שלום־עליכמען, אַ קרעפּטי־קער אַקטיאָר. אויב ער וואָלט זיך געווען אָפּגעגעבן דער בינע, וואָלט ער געוויס געווען אַ נישט־קלענערער אַקטיאָר, ווי ער איז געווען אַ שרייבער. אַ שטאַרקן רושם האָט אויף מיר געמאַכט זיין פאַרלייענען פאַר מיר פראַג־מענטן פון זיין „טויבן". איך בין געווען בכלל דער ערשטער, פאַר וועמען ער האָט געלייענט זיין „ברויטמיל". בערגעלסאָן האָט אויסגעשפּילט ווי אַ ווירטואָז־אַקטיאָר יעדע געשטאַלט פון זיין ווערק מיט אַזוי פיל נישט־געקינצלטער פּשטות, מיט אַזוי פיל חכמה און מענטשן־קענטעניש און, ווי געזאָגט, מיט אַקטיאָרישן טאַלענט, אַז דו האָסט ממש געזען פאַר זיך דעם געראַנגל צווישן דער מיל און מענטש; האָסט געהערט דעם פּייף פון דער בייטש און דעם קרעכץ פונעם „טויבן".

בערגעלסאָן האָט, דאַכט זיך, געהאַט מער הנאה אויפצולעבן זיינע פּערסאָנאַזשן מיט זיין שטים, מימיק און באַוועגונג, ווי אויסצושרייבן זיי מיט דער פּען. ער איז בכלל געווען אַ זעלטענער מיטשמועסער. און וועגן וואָס צו שמועסן האָט דאָן נישט געפעלט.. ביידן האָט אונדז פאַר־אייניקט די אָפּגעריסנקייט פון היימישן באָדן, די נישט־זיכערקייט אין דער

פרעמדער סביבה, די אומרויִקייט צוליבן פאַרכמאַרעטן הימל, וואָס הענגט איבער די קעפּ. בערגעלסאָן, דער אָפּטימיסט, איז געווען אַ שטימונג־מענטש. ער פלעגט שנעל אַריין פון איין עקסטרעם אין צווייטן. אַט פלעגט ער אָפּחוזקן פון די האַרסט־וועסעל־זינגער, אַט פלעגט אים באַפאַלן אַ פּחד ביי זייער פאַרביימאַרשירן דעם „ראָמאַנישן".

— ווי קאָן מען שרייבן — פלעגט ער טענהן — אַז מע זעט די האַקנ־קרייצן אין די גאַסן. ווי קאָנען בכלל דאָ וווינען ייִדן... — אין דער זעל־בער צייט פלעגט ער מיט באַגייסטערונג און אויפריכטיקער בענקשאַפט רעדן וועגן נייעם לעבן, וואָס ווערט געשאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן אויפשטייג פון דער ייִדישער קולטור און וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס ס'האָט דאָרט אַ ייִדישער קולטורמענטש. ווען איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער פאָרט נישט אַהין און וועגעטירט אין בערלין, האָב איך באַ־קומען פון אים אַן ענטפער:

— איך וועל דאָך דאָרט דאַרפן שרייבן וואָס מע וועט מיך הייסן און דאָס האַלט מיך אָפּ צו פאָרן אַהין. דאָ בין איך פון דעסטוועגן באַ־לעבאָס איבער מיין געדאַנק.

ווען איך האָב אים אין אַ צייט אַרום באַגעגנט אין וואַרשע ביי דער פאָרשטעלונג פון זיין „ברויטמיל", האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האָט דעפיניטיוו באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָן איז שוין אין בערלין נישט געווען קיין אָרט פאַר ייִדן און אין ריגע, וואָס האָט אים געדינט ווי אַן איבערגאַנג־פּונקט, האָט ער אויך קיין סביבה פאַר זיך נישט געפינען. ער איז אַלזאָ באַשטאַנען צו שרייבן „וואָס מע וועט אים הייסן" און נישט פאַרגעפילט, וואָס ס'דערוואַרט אים אין ראַטנפאַרבאַנד.

***

אין „ראָמאַנישן" פלעגט זיין אַן אָפּטער איינגייער אַ יונגער זשור־נאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון „בערלינער טאַגעבלאַט", רודאָלף הערנ־שטאַט. דער דאָזיקער ערלעכער, אינטעליגענטער און פיינפילנדיקער מענטש האָט מיך פון אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט צוגעצויגן צו זיך. מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען און שמועסן לאַנגע שעהען. זיינע אַרויסזאָגונגען

חעגן טעאַטראַלן און פּאָליטישן לעבן פון יענער צייט זענען געווען טרעפ־לעך, קלוג און, בעיקר, ערלעך. ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס האָט אים פון דעסטוועגן נישט געשטערט זיך צו באַציִען לאָיאַל, אָן פּאַרטייִישן פאַנאַטיזם צו אַנדערע באַוועגונגען, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, צו דער נאַצישער. זיין פּאַרטיי־אַנגעהעריקייט האָט אים נישט געשטערט מיטצואַרבעטן אין „בערלינער טאַגעבלאַט”. יִידישע קולטור און אירע דערגרייכונגען זענען אים געווען לחלוטין פרעמד. ערשט די באַקאַנטשאַפט מיט מיר האָט אים אַריינגעפירט אין אונדזער יִדישער וועלט און ביי אים אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. ער האָט זיך מיט ברען געמומען צום לייענען די יִדישע שרייבער אין דייטשער איבערזעצונג און אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער מיר פייערלעך דערקלערט:

— איר ווייסט, ווער ס'איז באמת גרויס פון די יִדישע שרייבער לויט מיין מיינונג? אייער שלום־עליכם! ער באַמיט זיך נישט צו זיין „אייראָפּעיִש” און צו געווינען דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביכערמאַרק. ער אַנטלויפט נישט פון זיין סביבה. ער איז אַנדערש, אייגנאַרטיק, איך וואָלט געזאָגט: נאַציאָנאַל־יִדיש.

הערנשטאַט איז, ווי געזאָגט, געווען אַ ביז גאָר סובטעלער און פיינ־פילנדיקער מענטש. אַ מענטשן דערקענט מען צום בעסטן אין אַן עת־צרה. האָט זיך געמאַכט אַ פאַל, אַז צוליב אַ שטרייק אויף דער פּאָסט, האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס געלט פון וואַרשע. איך בין אייניקע טעג ממש אַרומגע־גאַנגען אַ הונגעריקער. איך פלעג מיך אַפילו, ווי יענער מינכענער מאָלער, אָפּשטעלן פאַר די שויפענצטער פון גאַסטראָנאָמישע קלייטן און קוקנדיק אויף די פיקאַנטע שפייזן, זיך פאַרשטעלן די געשמאַקסטע מאָלצייטן, פון וועלכע איך „באַלעק מיך”. איך האָב געוויס אויסגעזען שלעכט, ווייל אין אַ געוויסן טאָג פרעגט ער מיך, צי איך נייטיק מיך נישט אַ מאָל אין געלט. ער האָט אַפילו נישט געוואַרט אויף מיין ענטפער און מיר אַריינגערוקט אַ פעקל באַנקנאָטן:

— ווען איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן. איך האָב איצט גראָד איבעריק געלט...

ער אַליין האָט געלעבט פון זייער אַ באַשיידענעם געהאַלט אין „בער־

לינער טאָגעבלאַט״ און איך בין זיכער, אַז ער האָט מיר דאַן אויסגעבאַרגט זיין חודשלעכן געהאַלט. די באַקאַנטע גבירים און גוטסיטויִרטע שרייבער, מיט וועלכע איך פלעג זיך אָפט טרעפן, האָבן מיך קיין איין מאָל נישט געפרעגט צו איך נייטיק זיך נישט אין עפּעס.

אין אייניקע יאָר אַרום איז הערנשטאַט, אָדער רודי, ווי מע פלעגט אים רופן, געווען אונדזער גאַסט אין וואַרשע, צוזאַמען מיט זיין צאַרטער פרוי קולביאַנסקי. פון דאָרט זענען זיי געפאָרן קיין מאָסקווע. לאַנגע יאָרן האָב איך פון אים קיין ידיעה נישט געהאַט. די מלחמה האָט ער פאַרבראַכט אין רוסלאַנד און צום סוף זיך אומגעקערט קיין מיזרח־בערלין, וווּ ער האָט פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע. מיט אייניקע יאָר צוריק האָב איך באַגעגנט זיין נאָמען אין דער רשימה פון די „באַזייטיקטע״ בעת דער רייניקונג אין די רייען פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון מיזרח־דייטשלאַנד. זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר אומבאַקאַנט.

***

נאָך דער אומגליקלעכער באַקאַנטשאַפט מיט גראַנאָווסקין האָב איך מיך געשראָקן פאַר טעאַטער־מענטשן און זיך נישט באַמיט זיי צו באַזוכן. צופעליק האָב איך מיך באַקענט מיט אַלעקסאַנדער גראַנאַכן, וואָס האָט מיך, להיפוך צו גראַנאָווסקין, פריינדלעך אויפגענומען און מקרב געווען. אונדזער באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אויף אַ מערקווירדיקן אופן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַקטיאָרישן באַרוף.

ווען אידאַ קאַמינסקאַ איז אין 1923 געווען אין בערלין האָט זי מיר, נאָכן אומקערן זיך אַהיים, געשילדערט די פאַרהעלטעניש אינעם דייטשן טעאַטער און צווישן אַנדערע זיך אָפּגעשטעלט אויספירלעך אויף גראַנאַכן. דאָס איז געווען דער שטורעם־און דראַנג־פעריאָד אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט טאַלערן, קייזערן, ברעכטן און צו גלייך מיט זיי די אַקטיאָרן קאָרטנער, גראַנאַך און אַ גאַנצע פּלעיאַדע „ברוייזנדיקע טעמפּעראַמענטן״. גראַנאַכס נאָמען איז דאַן געווען באַקאַנט אין פּוילן צוליב אַ קאָרעספּאָנדענץ פון נאָמבערגן, וואָס איז פול געווען מיט ענטוזיאַזם פאַר דעם אַמאָליקן האָראָדענקער בעקעריונג. די געשיכטע ווי אַזוי ער האָט,

אַדאַנק זיין אויסערגעוויינטלעכער ווילנסקראַפט, אַדורכגעפירט אַ פּלאַס־טישע איבערפאָרמירונג פון זיינע פּיס, באַהערשט די דייטשע שפּראַך און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַזעלכע קריטיקער, ווי אַלפרעד קער, יוליוס באַב, עגאָן ערווין קיש — וואָס ס׳האָט אים שטאַרק פּאָפּולאַרי־זירט. מיך האָט אינטערעסירט צו וויסן וועגן זיי אופן פון שפּילן און וועגן זיין פּריוואַטן לעבן און אידאַ האָט מיר אויספירלעך וועגן אַלץ איבער־געגעבן. צווישן אַנדערן האָט זי מיר אויך קאָפּירט זיין לאַכן, וואָס איז גע־ווען ברייט, סטאַקאַטאָ־מעסיק, מיט אַ הייזעריקלעכער באַפאַרבונג, וואָס האָט צוגעגעבן חן זיין שאַרפער מעכטיקער שטימע.

אַ געוויסן אָוונט, זיצנדיק אין „ראָמאַנישן", דערהער איך אַ לאַכן און, נישט וויסנדיק נאָך פון וועמען דאָס שטאַמט, רייסט זיך ביי מיר אַרויס: — גראַנאַך! מיינע מיטשמועסער האָבן עס באַשטעטיקט: „יאָ, גראַנאַך!"... אויף אַזאַ מערקווירדיקן אַקטיאָרישן אופן האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער באַקאַנטשאַפט.

ער פלעגט מיך פאַרבעטן צו זיינע פאָרשטעלונגען און איך בין אויך אייניקע מאָל געווען ביי אים אין דער היים. דאָרט האָבן געצויגן מיין אויפ־מערקזאַמקייט פאַרשידנסטע גימנאַסטישע מכשירים: ער איז געווען, נישט געקוקט אויף זיין נידעריקן וווקס, אַן עטלעטיש־שטאַרקער מאַן און אָפּט, אָנווייזנדיק אויף די מכשירים, איבערגעחזרט:

— אַז מע וויל קאָן מען זיין אַזוי שטאַרק ווי די גויים! מע דאַרף נאָר וועלן, האָט מען זיי אין דער ערד!

אויף זיין שרייבטיש האָט זיך געפינען אַ קליינער בראָנדזענער ביוסט פון לענינען און פון דער צווייטער זייט — אַ ביוסט פון הערצלען. ווען איך האָב אים געפרעגט ווי ס׳פּאַרט זיך איינס מיטן צווייטן, האָט ער מיר בליצנדיק מיט די אויגן אויף זיין שטייגער, געענטפערט:

— די וועלט דאַרף האָבן אים (לענינען) און מיר, יידן, — אים (הערצלען) זענען מיר דאָך אָבער וועלטמענטשן — דאַרפן מיר ביידע.

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ טאַץ מיט אַ גרויסער צאָל געזאַלצענע הערינגלעך. לעבן אים אויף דער ערד — אַ גרויסער ליימענער קאַן מיט

ביר, פון וועלכן ער פלעגט כסדר אָנפילן זיין קופּעל. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער עסט אַזוי פיל געזאַלצענע הערינג, האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס איסט גוט, דאָס מאַכט דורשט — און האָט ווי אַ באַווייז זיך ווידער אָנגעגאָסן אַ קופּל ביר. ווען גראַנאַך פלעגט זיין בגילופין — און דאָס איז געווען ביי אים אַן אָפטע דערשיינונג — פלעגט ער רעדן דייטש.

גראַנאַך איז געווען מיין יועץ אין די טעאַטער־ענינים. פון אים און רודאָלף הערנשטאַט האָב איך באַקומען אָנווייזונגען, וואָס ס׳איז כדאי צו זען און ווי אַזוי זיך צו באַזאָרגן מיט פרייען אַריינגאַנג.

***

די גרויסע פאַר־מילחמהדיקע טעאַטערס מיט ריינהאַרד בראָש האָבן מיר קיין ספּעציעלע איבעראַשונגען נישט פאַרשאַפן. ענלעכע האָב איך געזען אין רוסלאַנד און דאָס דראַמאַטישע טעאַטער אין פּוילן איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון זיי. די דאָזיקע טעאַטערס האָבן געהאַט גרויסע אַקטיאָרישע פערזענלעכקייטן, פאַרמאָגט אַ מייסטערהאַפטע רעזשי און דרך־ארץ פאַרן מחברס טעקסט; אַן אויסגעצייכנט־אויסגענוצטע דרייבינע אין ריינהאַרדס עלעגאַנטער אויפפירונג פון „פלעדערמאַוז״ מיט אַזעלכע קינסטלער ווי די טימיגס, קורט בואַ און ענלעכע; אַ מאָנומענטאַלע מוזי־קאַלישע אויפפירונג פון אַ צווייטן יידישן רעזשיסער, עריק שאַרעל אינעם „גרויסן שוישפּילהויז״. אַלץ איז דאָרט געווען גרויס: דער צירקמעסיקער בנין מיטן גיגאַנטישן סצענישן רום. שאַרעלס אָריגינעלע אינסצעניזאַציע פון די „דריי מושקעטירן״ האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרביקע מוזיקאַ־לישע רעווי, וואָס האָט פאַרבלענדט דאָס אויג מיט די ליכט־עפעקטן, די־נאַמישער באַוועגונג און אומדערוואַרטע סצענישע המצאות. דער סימפאָ־נישער אָרקעסטער, אָנגעפירט פון אַ מייסטער מיט אַ וועלטנאָמען; באַ־לעטן, כאָרן ספּעציעלער ציגיינער־כאָר בראָש מיטן יידישן זינגער יוסף שמיד, וואָס איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער; די געזאַנג־פּאַרטיעס, אויסגע־פירט פון די באַרימטסטע דייטשע אָפּערן־זינגערס; „געדעדטע״ ראָלן פון אַזעלכע קינסטלער, ווי פּאָול וועגענער, פריץ גרינבוים, זיגפריד אַרנאָ.

כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט די „הבימה״־אַרטיסטן, וואָס פלעגן ספּאָ־ראַדיש אויפטרעטן אין לעסינג־טעאַטער און האָבן גלייכצייטיק צוגעגרייט שעקספּירס „צוועלף ביינאַכט״ אין טשעכאָווס רעזשי, „כתר־דוד״ פון קאַלדעראָן דע לאַ באַרקאַ אין דיקיס רעזשי און דערנאָך „אוריאל אַקאָס־טאַ״ אין גראַנאָווסקיס רעזשי. אינעם „הבימה״־אַנסאַמבל האָט שוין גע־צויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט דער קרעפטיקער אַקטיאָר שמעון פינקעל. איך האָב אים בשעתו געראָטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

פון דער דאָזיקער מאָזאַיִק פון טעאַטער־דערגרייכונגען האָבן מיך בעיקר אינטערעסירט די נייע טעאַטערס, די עקספּערימענטאַלע פאָרשטע־לונגען, וואָס האָבן געזוכט אַרויסצוברענגען דעם ריטעם, אָדער, בעסער גע־זאָגט, פאַרויסלויפן דער נייער צייט. צו אַזעלכע טעאַטערס האָט געהערט „דאָס טעאַטער פון יונגע״, וואָס האָט געשלאָגן אַלע קאָסע־רעקאָרדן דווקא מיט אַ גאַנץ דורכשניטלעכער אויפפירונג פון וואָלפס „ציאַנקאַלי״. דאָס נייע איז געווים באַשטאַנען דערין, וואָס די מיטגלידער פונעם טעאַטער זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געפונען קיין אָרט פאַר זיך אין די עקזיסטירנדיקע טעאַטערס. איינער פון די אָנגעזעענסטע שפּילער אינעם דאָזיקן טעאַטער איז טאַקע געווען דער „רויטער אַקטיאָר״ גנאָס.

געזען פאָרשטעלונגען אין „פּריוואַטע״ סאַלאָנען, אין קלובן. אויפ־געפירט דורך די־אַזוי־גערופענע „אַוואַנגאַרד־טעאַטערס״ — צווישן עולם, אָן אַ בינע, אָן אַ ראַמפּע, אָן אַ באַשטימטן שפּילפּלאַץ. עס האָט אָפט מאָל דעזאָריענטירט דעם עולם, ווייל עמעצער צווישן זיי פלעגט אויפשטיין און זיך באַטייליקן אין דער אַקציע. אָפט מאָל איז שווער געווען לכתחילה זיך צו אָריענטירן, ווער ס׳איז „עולם״ און ווער „שפּילער״. דער דאָזיקער טיפּ אינטימער טעאַטער איז דורך מ. וויכערטן אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע און געהאַט גרויס דערפאָלג אינעם, דורך אים געגרינדטן, „יונג־טעאַטער״. אין בערלין האָט עס שוין אויפגעהערט צו זיין סענסאַ־ציע. מ׳האָט עס באַטראַכט ווי אַ „לינקן״ סנאָביזם, וואָס וויל מיט צוגע־טראַכטער כלומרשטער „נאָוואַטאָרישקייט״ דעקן די אומבאַהאָלפנקייט פון די שפּילער.

בעיקר האָט מיך אָבער אינטערעסירט צו זען די פּיסקאַטאָר־בינע וואָס איז דאַן געווען באַרימט איבער דער גאַרער וועלט. פּיסקאַטאָרס „פּאָליטישער טעאַטער", וואָס האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן־קאָמוניסטישן כאַראַקטער, איז אין יענער צייט געווען שטאַרק אין דער מאָדע און געדינט ווי אַ צוציונג־אָרט פאַר אַלע פּראָגרעסיוו־געשטימטע קינסטלער. מאַסנווייז פלעגן אים באַזוכן אויסלענדישע טוריסטן און אַפילו אַמעריקאַנער מיליאָנערן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו באַטרעטן דעם קאָמוניסטישן באָדן אויפן נאָלענדאָרפער פּלאַץ, וואָרן דער דאָזיקער באָדן איז געווען אומשעדלעך פאַר זיי...

די אומרויקייט פונעם נאָכמילחמהדיקן דייטשלאַנד האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, דראַמאַטורגיע און טעאַטער. צווישן אירע אַוואַנגאַרדיסטן ווי, פריץ פאָן אינרו, קייזער, טאָלער, האַזנקלעווער, ברעכט, יערגען, האָט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט געצויגן אויף זיך מיט זיין נייקייט, געוואַגטקייט און דערפינדערישקייט — ערווין פּיסקאַטאָר.

פּיסקאַטאָר, אַ זון פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח, האָט דורכגעמאַכט די ערשטע וועלט־מילחמה ווי אַ פּשוטער זעלנער, צוגעזען די גרוילן פון דער דאָזיקער מענטשן־שחיטה, וואָס האָבן אין אים דערוועקט אַן ענדלאָזע שנאה, אַ פּראָטעסט און אומענדלעכן פאַרלאַנג צו קעמפן קעגן קריג. די פּאַסיקסטע קאַמף־טריבונע האָט ער דערזען אין טעאַטער. דורך אים טאַקע איז ער דרייסט און שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אָרדענונג וואָס רופט אַרויס די מילחמות; קעגן דעם קאָנוועגציאָנעלן לעבן־שטייגער און פאַר אַ פרייער וועלט וועלכע ער האָט געזען אינעם קאָמוניזם.

פּיסקאַטאָרס געוואַגטקייט און נייע, אויפטרייסלענדיקע אויסדרוק־מיטלען האָבן פאַרכאַפּט, מיטגעריסן און איבערגעראַשט נישט נאָר זיינע פּאַרטיי־גענאָסן, נאָר אַפילו אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער סאָוועטישער אָרדענונג. וועלכע ער האָט פּראָפּאַגירט פון זיין בינע. זיין טעאַטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון פּאָליטישער אַגיטאַציע און אין אַ קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון סצענישער טעכניק. ער האָט פאַרשטאַנען צוצוציען צו זיינע אויפפירונגען די גרעסטע דייטשע בינע־

קינסטלער פון יענער צייט, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפינען אויסגע־שפּראָכענע רעאַקציאָנערן און אַפילו צוגעהעריקע צו דער יונגער נאַצי־פּאַרטיי. ער האָט אויסגענוצט זייערע טאַלענטן, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון זיינע אויפפירונגען, זיך נישט רעכענענדיק מיט זייער אי־דעאָלאָגישער צוגעהעריקייט און זיי ווידער זענען געלאָפן אויף די אויפ־געשרויפטע, אמת־בורזשואַזע געהאַלטן, וואָס זיי האָבן אין אַנדערע טעאַ־טערס נישט געקאָנט באַקומען. צוליב די דאָזיקע אויפגעשרויפטע אַקטיאָרן־לוינען און צוליבן אויסערגעוויינטלעך־קאָמפּליצירטן און קאָסטבאַרן בינע־אַפּאַראַט, איז פּיסקאַטאָר געווען געצוווּנגען צו העכערן די פּרייזן פון די בילעטן. זיין טעאַטער איז צוליב דעם געוואָרן ווייט נישט צוגענגלעך פאַר פּראָלעטאַריער און פאַלקסמענטשן, פאַר וועלכע ער פלעגט געבן פון צייט צו צייט פּאָפּולערע פאַרשטעלונגען. בעיקר איז זיין טעאַטער געוואָרן אַ לוקסוס־ אינסטיטוציע פאַר סאַלאָן־קאָמוניסטן, אויפגעקומענע שפּעקולאַנטן און אויסלענדישע טוריסטן, וואָס האָבן געוואָלט זען לעצינען און טראַצ־קין נישט מער ווי אויף דער בינע... פּיסקאַטאָר האָט עס זיי געגעבן מיט דער פולער האַנט.

ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן שטאַב ראַטגעבערס פון אַלע אָפּצווייגן פון פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין דייטשלאַנד — אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער הערשנדיקער אָרדענונג, וואָס זיי האָבן, צוגלייך מיט אים, געוואָלט אויפרייסן און שטורעמען. צווישן די דאָזיקע מיטאַרבעטער האָט אַן ערשטן אָרט פאַרנומען דער באַ־רימטער צייכענער און קאַריקאַטוריסט געאָרג גראָש, וועמען ער האָט גע־האָט צו פאַרדאַנקען אַ סך דעקאָראַציע־פּראָיעקטן, טיפּן, קאָסטיומען און די פּלאַקאַטן פון זיין טעאַטער.

נאָך זייענדיק אין וואַרשע האָב איך געהערט וועגן זיינע איבערראַשנ־דיקע אויפפירונגען: „האָפּלאַ, מיר לעבן", „געוויטער איבער גאָטלאַנד", „ראַספּוטין", „בראַווער סאָלדאַט שווייק" און פאַרנדיק קיין בערלין גע־חלומט סוף־כל־סוף אַליין בייצוווינען דאָס דאָזיקע עפּאָכע־מאַכנדיקע טעאַטער. איך האָב אָבער אויך דאָ געליטן אַן אַנטוישונג. דער קאָפּשווינד־לערישער אימפּעט, מיט וועלכן פּיסקאַטאָר האָט זיך געלאָזן אין זיין קינסט־

לעריש־פּאָליטישן געיעג, האָט אים, ווייזט אויס, פאַרמאַטערט, אָדער, בעסער געזאָגט, געשטעלט אין אַ טעמפּן ווינקל. ער האָט נישט געהאַט וווהין און ווי אַזוי ווייטער צו גיין. ער איז געווען ענלעך צו אַ רינגקעמפער, וואָס לאָזט זיך אין קאַמף מיטן גאַנצן אימפּעט, נישט שוינענדיק די כּוחות און בלייבט גאָר גיך אַ דערשעפּטער און — פאַרשפּילטער. דער אימפּעט איז פאַרשוווּנדן, דער געשריי האָט אויפגעהערט צו שרעקן, די דערפינדערישקייט האָט זיך אויסגעוועפּט און פאַרבליבן איז אַ געקינצלטע אָנשטרענגונג, אינטעלעקטואַליזירטע קאָפּאַרבעט און אַן איבערחזרונג פונעם געשאַפענעם. דער קינסטלערישער שאַפונגשוווּנג איז געוואָרן אָנעמיש און ס'איז פאַרבליבן שרייענדיקער פּלאַקאַט.

אַריינגעפירט האָט מיך צו פּיסקאַטאָרן דער יידישער שרייבער משה ליפּשיץ, וואָס איז געווען זיין יידישער ספּעץ ביי דער אויפפירונג פון „קויפמאַן פון בערלין", מיט באַראַטאָוון אין דער הויפּטראָל. די טעאַטעראַקציע איז געוואָרן באַגלייט מיט פילם־אויפנאַמעס — איינע פון די באַליבטסטע מיטלען פון פּיסקאַטאָרס סינטעטישן טעאַטער — מיט פאַרשידענע אויפבליצנדיקע דיאַגראַמען, לאָזונגען; די בינע האָט זיך געדרייט, געהויבן, געזונקען; די אָנטיילנעמער פלעגן דערשיינען פון אַלע מעגלעכע ריכטונגען און אויף די משונהדיקסטע אופנים; מע פלעגט אַפילו אויף אַ ספּיראַלן אופן דערשיינען פונעם בינע־קעלער און פאַרשוווּנדן הינטערן דאַך. האַקנקרייצלער האָבן מאַרשירט, זינגענדיק דאָס האָרסט־וועסל־ליד. זיי פלעגן פאַרשריגן ווערן פונעם געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל וואָס האָט זיך דורך מיקראָפאָנען געטראָגן פון אַלע זייטן זאַל.

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער דערפינדערישקייט און גיגאַנטישן אַפּאַראַט, האָט עס געלאָזן קאַלט. פאַרקערט, דער צושויער איז אַרויס מיד, געפילט אַ בייגעשמאַק פון דער אָנשטרענגונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון רעזשיסער מיט גראָבע שטעך כּדי צו „אַגיטירן". דער פאַרלאַנג פון אָנוואָרפן איבערצייגונג האָט געווירקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. האָסט געפילט פּלאַקאַט, פאַראַגראַפן, מעכאַניזם וואָס וויל דיך פאַרשרייען. דער מ ע נ ט ש איז געוואָרן דערוואָרגן אינעם דאָזיקן אַפּאַראַט.

ווען איך האָב פאַרגליכן פּיסקאַטאָרס טעאַטער מיט די אויפטוען פון

זיין פוילישן חבר, דעם רעזשיסער לעאָן שילער, איז מיר דער לעצטער גע־וועזן נענטער, איבערצייגעוודיקער, ווייל ער האָט נישט באַנוצט די מע־טאָדן פון דער דייטשער „טאָטאַלער" ווירקונג.

***

מיר האָבן ענדלעך אָנגעהויבן צו דרייען „טראָיקאַ", אַ פילם וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַמאָליקן רוסלאַנד און שטעלט פאָר אַן אומגליקלעכע ליבע פון אַן אַריסטאָקראַטקע מיט אַ געזונטן רוסישן „יאַמשטשיק" (באַ־לעגאָלע). דער פּשוטער פּויער — געשפּילט פונעם דייטש פאַן שלעטאָוו — פאַרלאָזט צוליב דער פּריצטע — געשפּילט פון אָלגאַ טשעכאָוואַ — זיין שוואַנגערנדיק ווייבל און זיין היים, קומט אין שטאָט, וווּ עס וואַרט אויף אים אַ גרויסע אַנטוישונג. די פּריצטע האָט זיך סתּם געמאַכט אַ שפּאַס מיטן געזונטן און יונגן פּויער, אין וועלכן זי האָט געזען נישט מער ווי אַ קורצן צייטפאַרטרייב און לאַכט זיך פּשוט אויס פון אים. דער פּויער שיכורט זיך אָן, פאַרלאָזט אַלץ און אַלעמען און פאַרענדיקט טראַגיש זיין יונג לעבן. דער דאָזיקער נאַיִווער אינהאַלט האָט אָבער געהאַט אַ געוויסע צוציִונג־קראַפט צוליב דער רוסישער מיליע און טיפּאַזש וואָס איז דאַן גע־ווען אין דער מאָדע. אַ חוץ דעם האָט ער פאַרמאָגט אַ ביז גאָר אינטערע־סאַנטן אָנטיילנעמער, דעם גאָניאַלן אַקטיאָר מיכאַיִל טשעכאָוו, וואָס האָט געשפּילט אַ צווייטראַנגיקע ראָל פון אַ האַלב־משוגענעם דאָרף־בטלן. די נעמען פון מ. טשעכאָוו און זיין געוועזענע פרוי אָלגאַ, האָבן געשאַפן פּאָ־פּולאַריטעט פאַרן פילם אין אויסלאַנד, און דער אַנטייל פון פאַן שלעטאָוו — ביים דייטשן עולם.

אין דער „אופאַ"־אַטעליע איז געוואָרן אויסגעבויט אַ גאַנצער רוסי־שער דאָרף, אַ ווינטער־פּייזאַזש מיט וועגן און כאַטעס, באַדעקטע מיט שניי, מיט פאַרפרוירענע פענצטער, מיט אַ פּאָרע וואָס רייסט זיך אַרויס אין דרויסן ביים עפענען אַ טיר. אַן אמתער רוסישער שליטן, די פּאָפּולערע „טראָיקאַ", געשפּאַנט אין דריי פערד, האָט זיך געגליטשט איבער די וועגן, באַדעקטע מיט שניי. די מוזשיקעס האָבן אויפן רוסישן שטייגער זיך גע־קלאַפּט מיט ביידע הענט איבער די אָרעמס, כדי זיך צו דערוואַרעמען. אַט

איז אַ קרעטשמע מיטן קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, אַרום וועלכן ס׳וואַרעמען זיך די פאַרפרוירענע באַלעגאָלעס; אָט זעט מען די „אַריסטאָקראַטישע" זייט אין דער גרויסער שטאָט. דעם באַרימטן „יאַר"־רעסטאָראַן מיט זיין ציגיינערישער קאַפּעלע. צווישן די זינגערינס האָב איך דערקענט סאָראַ לין, די געוועזענע פּרימאַדאָנע פון גרעקאָווס כאַרקאָווער אָפּערעטע. זי האָט געפּראַוועט גלות אין בערלין און זיך דערנערט פון זינגען ווי אַ פּשוטע כאָריסטן אין ציגיינער־כאָרן, וואָס זענען דאַן געווען אין דער מאָדע אין יעדן נאַכטקלוב. זי האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר, וואָס מע גיט זינגען אַ סאָלאָ עפּעס אַ מיידלטשינע, וואָס לעבט מיטן פּראָדוקציע־לייטער און זי, סאָראַ לין, זינגט צווישן אַלע. זי האָט געליטן פון דער קראַנקייט פון ס׳רוב פאַרעלטערטע טעאַטער־לייט, וואָס זעען זייער פּנים נישט אינעם שפּיגל פון דערווירקלעכקייט, נאָר אין די פאָטאָס פון מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק.

איך האָב דערפילט „היימישקייט" אין דער דאָזיקער רוסישער אַטמאָספער, אינעם האַרץ פון קאַלטן דייטשלאַנד און האָב זיך געפרייט מיט דער אינטערעסאַנטער אַרבעט וואָס ס׳שטייט מיר פאָר. סטריזשעווסקי האָט מיר אָנפאַרטרויט צו פירן די „נאָטיצן", צו פאַרצייכענען אַלע אָפּגעדרייטע סצענעס, זייער אינהאַלט, מעטראַזש, אָנטיילנעמער און אַ באַזונדערער רובריק — ערטער פאַר מוזיקאַלישער אילוסטראַציע, געזאַנגסצענעס און קלאַנג־עפעקטן.

די גערעדטע פילמען זענען נאָך דעמאָלט געווען אין זייער ערשטער סטאַדיע און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער נאַיִווקייט און פּרימיטיווער פאָרעם. דער עיקר איז געלייגט געוואָרן אַכט אויף דער מוזיקאַלישער באַגלייטונג און אויפן געזאַנג. איינער פון די ערשטע גערעדטע פילמען פון דער דייטשער פּראָדוקציע איז געווען געבויט אויף אַ שפּראַכיקן קווי־פּראָ־קוואָ צווישן איטאַליענער און דייטשן; אויף אַזעלכע ווערטשפּילן, למשל, ווי „קאַלדאָ", וואָס באַטייט אין איטאַליעניש: הייס און אין דייטש: קאַלט. דער עולם פלעגט זיך קאַטשען פאַר געלעכטער און מאַכן צווישנרופן אויפן קול, אַזוי ווי אין אַמאָליקן יידישן טעאַטער.

***

מיין צוזאַמענאַרבעט מיט סטריזשעווסקין איז צוגעגאַנגען ביז גאַר האַרמאָניש און פריינדשאַפטלעך.

אין די אופֿאַ־בנינים האָבן זיך געפֿינען עטלעכע קאַנטינעס, איינע פֿאַר דער „אַריסטאָקראַטיע״ פֿון דער פֿילם־בראַנזשע: שטערנס, פּראָדוצירער, רעזשיסערן און קאַמעראַ־לייט, די צווייטע — פֿאַרן „פּעבל״: סטאַטיסטן, טעכנישע אַרבעטער און באַלייכטער.

פֿאַר דער צווייטער קאַטעגאָריע מיטאַרבעטער איז געווען פֿאַרווערט דאָס באַטרעטן די קאַנטינע פֿון די „אויסדערוויילטע״, וואָס האָבן, דאַקעגן, אומגעשטערט געקאָנט באַזוכן די נישט־פּריווילעגירטע. מיך האָט געצויגן אַהין נישט אויס סימפּאַטיע צו די דאָזיקע ווייסגוואַרדייער, נאָר פֿון נייגעריקייט — צו באַקענען פֿון דער נאָענט די פּוסטקייט און זעלבסט־באַרימערײַ פֿון די דאָזיקע געוועזענע זײַלן פֿון דער מעכטיקער צאַרישער אימפּעריע.

די דאָזיקע מענטשן האָבן געלעבט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, מיטן דערמאָנען „יענע גוטע צײַטן״ ווען מ׳האָט מיט אַ הונדערטער פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס; ווען מ׳האָט עפּנטלעך געפּאַטשט אַ גאַראַדאָוואָי, וואָס האָט נישט העפֿלעך סאַלוטירט און אַרײַנגערוקט אים אין האַנט אַ פֿינפֿאָונצוואַנציקער דערפֿאַר; ווי אַזוי מ׳איז געווען אָנגעטון און אין וועלכע רײַ מ׳איז געשטאַנען בײַ דער אויפֿנאַמע אין „צאַרישן דאָרף״. זיי האָבן זיך אַפֿילו טיטולירט ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן: „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ״, „וואַשע סיאַטעלסטוואָ״... אייניקע פּלעגן זיך „אויסצײַען״ פֿאַרן אַנדערן, ווי זיי זענען עס געוווינט געווען צו טון פֿאַר העכערע „טשינען״. דער „העכערער״ האָט קוים געענטפֿערט אויף דער באַגריסונג פֿונעם „קלענערן״, כאָטש זיי זענען געווען אויף די זעלבע צרות. ס׳האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ מאַקאַברישן מאַסקנבאַל אין אַ צײַט פֿון מגפֿה. דערפֿאַר אָבער, ווען ס׳פּלעגט זיך ענדיקן אַ סצענע אין וועלכער מ׳האָט זיך באַנוצט מיט „לעבעדיקן רעקוויזיט״, מיט דער אמתער שפּײַז, פּלעגן זיי פֿאַרגעסן אָן די טשינעס און געוועזענע טיטולן. זיי פּלעגן זיך, ווי די אויסגעהונגערטע וועלף, וואַרפֿן צום טיש מיטן עסן, שטופּנדיק און שטויסנדיק איינער דעם צווייטן און, איידער דער רעקוויזיטאָר האָט זיך באַוויזן אַרומצוקוקן, זע־

נען די טעלער און פלעשער געװאָרן אויסגעליידיקט און אויסגעזשלאָקעט. די דייטשן פלעגן זיך מיט שפּאָט צוקוקן צו די דאָזיקע סצענעס און זיך איבערװינקען: — „רוסישע שװיינע"...

אין אייניקע יאָר אַרום איז מיר אין פּאַריז אויסגעקומען צו זען ענלעכע עמיגראַנטן. זיי האָבן שוין אָבער געהאַט פאַרגעסן אָן זייער „אַמאָל" און געטון פּראָדוקטיװע אַרבעט: געװען שאָפערן, קעלנער, פּאָרטיערן. אין בערלין אָבער האָבן די רוסישע עמיגראַנטן זיך נאָך געמיאוסט מיט „שװאַרצער" אַרבעט און בעסער אָנגענומען פאַר ליב דעם שפּאָט און די פּראַכטונג, מיט װעלכע סטריזשעװסקי האָט זיך באַצויגן צו זיי. ביי מיר האָבן די דאָזיקע פאַרשװינען אַרויסגערופן אַ געמישטן געפיל: פון צער־בעלי־חיים און עקל. ביי סטריזשעװסקין האָט זיך ממש געפילט שינאה און ער איז, װי געזאָגט, געװען אַ גוטער מענטש... אָבער גיי — פאַרשטיי אַ רוסישע נשמה!

***

דאָס רוב פרייע צייט אין אַטעליע פלעג איך פאַרברענגען מיט טשעכאָװן. דער דאָזיקער גרויסער קינסטלער איז אויך געװען אַ גרויסער מענטש. להיפּוך צו זיינע „הויכגעשטעלטע" לאַנדסלייט, האָט זיך טשעכאָװ אויסגעצייכנט מיט זיין באַשיידנקייט און פשטות. אייגנשאַפטן פון אַן אמתן קינסטלער. זיין באַשיידנקייט אין פּריװאַטן לעבן איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די באַשיידענע מיטלען, מיט װעלכע ער האָט זיך באַנוצט אויף דער בינע. אייגנטלעך, איז עס שװער אָנצורופן „מיטלען", — זיין גרויסע קונסט איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס ער האָט זי נישט דעמאָנסטרירט מיט דער הילף פון אָנגענומענע מיטלען. די באַצייכענונג „ער לעבט זיין ראָל" האָט זיך שוין פאַרװאַנדלט אין אַ שאַבלאָן, — אַנדערש קאָן מען אָבער נישט באַצייכענען טשעכאָװס אַקטיאָרישער קונסט. װען מע נעמט נאָך אין אַכט, אַז די נאַטור האָט אים נישט באַשאָנקען מיט די, אַזוי־גערופענע, סצעניש מעלות, װי אַ קלינגעװדיקער שטים, שיינער פיגור, שאַרפע געזיכט־ליניעס, אַקטיאָרישן אויסזען. איז טאַקע נאָך מער צו באַװוּנדערן די אינערלעכע, קינסטלערישע פּאַטענצן, װאָס האָבן געברױזט אין

אים און געמאַכט פאַרגעסן אַנעם מאַנגל פון די אַלע אַטריבוטן פון דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע.

דער סוד פון זיין גרויסער קונסט איז באַשטאַנען אינעם א מ ת, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון יעדער באַוועגונג, פון יעדן בליק, פון יעדן ניואַנס פון זיין מאַטער שטימע. דער דאַזיקער פּשוטער אמת האָט שטאַרקער געווירקט ווי ווירטואָזע טעכניק.

איך האָב אים דערנאָך געזען אין פּאַריז אין בערגערס „מבול״, ער האָט געשפּילט מיט אַ רוסישער טרופּע. אַ צווייט מאָל אין פּוילן אין אַן אומפאַרגעסלעכן אָוונט פון טשעכאָוו־מיניאַטורן און אויך דאַן איז ער געטריי געבליבן זיין שיטה: צו לעבן דאָס לעבן פון זיין סצענישער געשטאַלט אויך אין די הפסקות צווישן איין אַקט און צווייטן. מיטן אַפּשוועגקען דעם גרים פון זיין פּנים, איז אויך פאַרשוווּנדן די אויפגעלעבטע געשטאַלט און ס׳איז דערשינען דער טיפדענקענדיקער, פיינפילנדיקער מענטש מיכאל טשעכאָוו.

ער איז געווען אַ גײַסט־ווייניקער אינטערעסאַנטער מיטשמועסער ווי קינסטלער. אַ טיפער ערודיט און ליטעראַטור־קענער. פאַרליבט אין טעאַטער ביז איבער די אויערן. איז טאַקע טעאַטער געווען זיין באַליבטע טעמע, צו וועלכער ער פלעגט זיך כסדר אומקערן.

ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך רוסלאַנד. ס׳איז אים אַלץ געווען פרעמד אינעם קאַלטן בערלין.

— ביי אונדז — פלעגט ער מיט אַ ציטעריק קול זיך באַקלאָגן — איז דאָך אין ווינטער געווען וואַרעם און דאָ ווערט מען פאַרפרוירן אין דער גרעסטער היץ... וועל איך נאָך אַ מאָל זען די מוטערל רוסלאַנד?... — פלעגט ער פאַרענדיקן מיט אַ טיפן זיפץ.

דער דאָזיקער זיפץ פלעגט קלינגען ווי אַ לייטמאָטיוו ביי זיינע געשפרעכן. די נאָסטאַלגיע האָט אים געפרעסן און ער פלעגט זי פאַרטרינקען מיט אַלקאָהאָל. אָפט פלעגט ער אַרומגיין אַ באַרוישטער און זיך נעמען קושן מיטן ערשטן בעסטן אַנגעטראָפענעם. אַ גראָבבייניקער דייטש פלעגט זיך דערשרעקן פאַר אים און אַנטלויפן ווי פון אַן אַנשטעקנדיקער קרענק. טשעכאָוו פלעגט אים נאָכשרייען:

— גאַלובטשיק, וואָס איז געשען, איך האָב דאָך גאַרנישט געמיינט... ס'איז דאָך פון טיפן האַרצן...

אַזוי האָט ער אַ מאָל פון טיפן האַרצן מיר אָנפאַרטרויט, ווי אַזוי זיין מוטער איז אומגעקומען און ער איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע מאָסקווער טויטן־קעלערס זוכן איר גוף צווישן די שטויסן אָנגעוואָרפענע מתים... מ'האָט אים אָנגענומען פאַר אַ גייסטיק־קראַנקן און פאַרשפאַרט אין אַ משוגעים־הויז.

— און די מאַמע האָב איך נישט געפינען — האָט ער פאַרענדיקט מיט זיין געוויינטלעכן זיפץ.

ער האָט פאַרגעפילט אַז די אָפגעריסנקייט פון זיין ערד וועט זיין פאַטאַל פאַר זיין סצעניִשער טעטיקייט. די צוקונפט האָט באַשטעטיקט זיין פאַרגעפיל. האָליוווד, סטודיעס, ספּאַראַדישע אויפטריטן האָבן אים סוף־כל־סוף צוזאַמענגעבראָכן. דער נאַציאָנאַלער רוסישער קינסטלער האָט פאַרענדיקט אין גלות ווי אַ צווייטער ריז פון דער רוסישער קונסט — שאַליאַפּין. ביידע זענען אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָכן היימלאַנד.

פאַרן אומקערן זיך קיין וואַרשע, נאָכן פאַרענדיקן דעם פילם „טראַיקאַ", האָב איך באַקומען פון דער פילם־געזעלשאַפט במתנה אַ פּרעכטיקן רייזע־טאַש מיט אַן אויפשריפט: „זאָל אייך די „טראַיקאַ" פירן איבער די ברייטע שליאַכן פון קונסט צו גרויסע דערגרייכונגען".

זי האָט מיך טאַקע באַגלייט אין מיינע נסיעות איבער די אַמעריקאַנער לענדער און איך וואָלט מיך ביז היינט נישט געשיידט מיט דעם שיינעם אָנדענק פון מיין בערלינער תקופה, ווען נישט די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע.

23

קאָשמאַרן

נאָך מיין אומקערן זיך קיין וואַרשע, בין איך געוואָרן די „סענסאַציע פון טאָג". פ ו ן ט אָ ג — אין פּוילן זין פון וואָרט! אין אייניקע טעג אַרום האָב איך אויפגעהערט צו זיין אַ סענסאַציע, גלייך ווי איך וואָלט קיין מאָל נישט געווען אָפּגעפאָרן פון וואַרשע.

אינעם טאָג פון מיין אָנקומען אַהיים האָב איך געהאַט באַזוכן און טעלעפאָנען פון פאַרשידענע פילם־פּראָדוצענטן, וואָס האָבן געזען אין מיר אַ „פּאַכמאַן" מיט אַ פּאָפּולערן נאָמען, מיט וועלכן מע קאָן „מאַכן געשעפט". צווישן אַנדערע, האָט מיר געגעבן צו לייענען זיין מאַנוסקריפּט איינער פון די פּאָפּולערסטע סצענאַר־שרייבערס, וועמענס פילמען זענען געווען אַ „גאַנגבאַרע סחורה" אויפן פּוילישן פילממאַרק. ער האָט מיר צוגעזאָגט די באַטייליקונג פון די בעסטע פּוילישע פילם־אַרטיסטן מיטן נייעם „שטערן" נאָראַ ניי, אַ ביאַליסטאָקער ייִדיש מיידל, וואָס האָט אימפּאָנירט מיט אירע שיינע פיס און „עקזאָטישן" פּנים. איך האָב באַדאַרפט דרינגענדיק זיך באַקענען מיטן סצענאַר און זיך נעמען באַאַרבעטן דעם דרייבוך, ווייל אַלץ איז גרייט, — „מ'האָט נאָר געוואַרט אויף מיר"...

אין דער פילם־קאַפע אויף נייע־וועלט־גאַס האָבן פאַרשידענע אַקטיאָרן געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו „ווייזן" פאַר מיר, כ'זאָל געפינען צווישן זיי פּאַסיקע טיפּן פאַרן נייעם פילם. אַקטריסעס און אַקטריסעלעך האָבן זיך געחנדלט צו מיר. יעדער בליק האָט עדות געזאָגט אויף גרייטקייט צו „אַלעם אין דער וועלט", אַבי אַ ראָל, אַבי אַ האָפענונג אויף אַ צוקונפטיקן שטערן.

איך האָב איבערגעלייענט דעם סצענאַר און געבליבן אַנטוישט פון אים. נישט אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט מיין דעביוט אין דער פּוילישער פילמוועלט. איך בין נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון פּודאָווקינס און אייזנשטיינס קינסטלערישע פילמען, וועלכע האָבן מיך מיטגעריסן אין בערלין און איך האָב מיר פאַרגעשטעלט אַז צוריקקומענדיק קיין פּוילן וועל איך גיין אין זייערע וועגן. אַ חוץ דער דרייסטקייט פון פאַרעם, אייגנאַרטיקייט פון מאָנטאַזש, וועל איך אויך אַרויסברענגען געזעלשאַפטלעכע און אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען אַן דעם קיטשיקן דרייעק און בולוואַר־סענסאַציע.

דער פאַרגעלייגטער סצענאַר אָבער איז געווען אַ טיפּישער קרימינעלער ראָמאַן, אַ מין „בלויער מלאך", אין וועלכן מאַרלען דיטריך האָט, ביי דער זייט פון יאַנינגס, געמאַכט איר קאַריערע. ס'האָט אָבער געפעלט די לאָגישקייט פון דער אַנטוויקלטער אַקציע, די „אמתדיקייט" פון די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן און די פּאָעטישע אַטמאָספער, מיט וועלכער דער

דייטשער פילם איז געווען דורכגעוועבט. ווען איך האָב דאָס דערקלערט מיין סצענאַריסט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז כדי צו מאַכן געלט מוז מען אַראָפּנידערן פון די אָלימפּן צום געשמאַק פון ברייטן עולם, ווייל די „ליטעראַרישע" טעמעס זענען גוט פאַר פיינשמעקער און פון זיי קאָן מען קיין פּרנסה נישט האָבן. ער האָט זיך העפלעך מיט מיר געזעגנט און — איך האָב אויפגעהערט צו זיין די „סענסאַציע פון טאָג"...

בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער „בראַנזשע" אַ קלאַנג, אַז איך בין „געכאַפּט אין דער מעשה", פלי אין די הימלען און בין אַ „פּער־סאָנאַ נאָן גראַטאַ" אין דער פילמוועלט. אין קאָפּ האָט מען מיך אויפגע־הערט צו דערקענען, די אַקטריסעס און אַקטריסעלעך האָבן קוים געענט־פערט אויף מיין באַגריסונג און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין פילם־קאַ־ריערע האָט זיך געענדיקט.

מיינע חברים אין אַרטיסטן־פאַראיין — ווויסנדיק, אַז איך בין אַ בוגד, אַן אַפּטרייניקער פונעם טעאַטער, וואָס וויל זיך באַהעפטן מיט דער פילם־מוזע — האָבן בכלל מיר נישט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלן אינטערעס, אַ חוץ אייניקע פון מיינע אַמאָליקע וויקט־חברים, וואָס איך האָב צוגעצויגן צו דער יידישער בינע און אַרויסגערופן ביי זיי קאַמפּלוסט פאַר אַ צילבאַ־ווּסטן טעאַטער.

עס זענען פאַרביי אייניקע וואָכן. זיצן מיט פאַרלייגטע הענט איז געווען אוממעגלעך. איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי זיך איינ־שפּאַנען אין אַ נייעם טורנײ און כסדר נאָכפאָלגן די דאַטעס אין קאַלענ־דאַר צו צאָלן די אויסגעשטעלטע וועקסלען. דאָס אַרומפאָרן מיט אַ גרוי־סער טרופּע האָט פּשוט נישט געלוינט, הגם די פּראָווינץ האָט תמיד גע־געבן דעם מאַקסימום פון אירע מעגלעכקייטן. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ ריזיקאַלישן שריט: אַרויסצופאָרן מיט אַ פּיעסע פאַר צוויי מענטשן.

איך האָב פון בערלין מיטגעבראַכט די פּיעסע „הער לאַמבערטיע", וואָס האָט דאָרט געהאַט גרויס דערפאָלג מיט די באַסערמאַנס. מיר איז די פאַרשטעלונג דאָרט נישט געפעלן טאַקע צוליב די אויספירערס, וואָס זע־נען געווען צו אַלט פאַר זייערע ראָלן און צוליב די מעלאָדראַמאַטישע טע־נער, אָפט מאָל ביליקע עפעקטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט. די דאַ־

זיקע אַרטיסטן זענען געווען שטאַרק באַליבט ביים בערלינער עולם וואָס האָט זיי, ווייזט אויס, מוחל געווען די נישט־צוגעפּאַסטקייט פאַר זייערע ראָלן און דאָס „אַפּעלירן צו דער גאַלעריע".

„הער לאַמבערטיע" איז אויך געגאַנגען אין פּוילישן טעאַטער, אין וועלכן ס'האָט זיך אויסגעצייכנט דער ייִד וועגנערקאָ און זיין שיינע פּאַרטנערין מאַליצקאָ. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געשאַפן קרעדיט פאַר דער דאָזיקער פּיעסע. ווען מיר האָבן זי אָבער אָנגעהויבן צו אַנאָנסירן האָט דאָס פּוילישע טעאַטער נישט געוואָלט מיר זאָלן זי שפּילן גלייכצייטיק, זעענדיק אין דעם קאָנקורענץ פאַר זיך. מיר האָבן אויף אַ דזשענטעלמענישן אופן אָפּגעמאַכט מיטן דירעקטאָר אַרנאָלד שיפּמאַן צו רופן אונדזער פאָרשטעלונג נישט „הער לאַמבערטיע", נאָר „דאָס געשריי פון געוויסן". ס'איז געווען, ווי געזאָגט, אַן ערשטער פּרווו אינעם ייִדישן טעאַטער אַרויסצוקומען מיט אַ צווייפּערזאָניקער פּיעסע. מיר האָבן זיך דעריבער געלאָזן אין וועג אַריין מיט האַרצקלאַפּעניש. בעיקר איז אונדז געגאַנגען, אַז אונדזער פּראָווינצער עולם, וואָס פלעגט אונדז תמיד באַשענקען מיט אומבאַגרענעצטן קרעדיט, זאָל נישט אַנטוישט ווערן. צום גליק האָבן מיר דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

„דאָס געשריי פון געוויסן" איז געוואָרן פאַררעכנט צו אונדזערע בעסטע אַקטיאָרישע דערגרייכונגען. מיר האָבן די פּיעסע געשפּילט אַ לאַנגע צייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. אין טשענסטאָכאָוו, למשל, ווו מיר זענען געקומען אויף איין אויפטריט, האָבן מיר געמוזט פאַרבלייבן אויף צו מאָרגנס און געבן צוויי צוגאָב־פאָרשטעלונגען אין איין אָוונט. מיר האָבן די פּיעסע אויך געשפּילט עטלעכע וואָכן אין וואַרשע, ווו מיר זענען, צוליב מאַנגל אין אַ גרעסערן לאָקאַל, אויפגעטראָטן אינעם זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין. „טלאָמאַצקע 13" איז אַזוי אַרום געווען דער פּראָטאָטיפּ פון מיין ישראלדיקן „זוטאָ"־טעאַטער אין זיינע אויפטריטן אין די זאַלן פון „בית־ליעסין" און „בית־ציוני־אַמעריקה" אין תל־אביב.

שפּעטער איז מיר אויך אויסגעקומען צו שפּילן „דאָס געשריי פון געוויסן" מיט לידיאַ פּאָטאָצקאָ, דינע האַלפּערן, העני לעמאַן, מוסיאַ קורץ און, בעת מיין צוויי־יאָריקן טורגיי איבער די לאַטיינאַמעריקאַנער לענדער — מיט אסתּר פּערעלמאַן.

***

„דאָס געשריי פון געוויסן" האָט אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון אַלע חובות און אַפילו דערמעגלעכט צו עפענען אַ קאָנטע אין באַנק. אמת, די קאָנטע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, אָבער אויף אַ געוויסער צייט גע־שאַפן אַ מאַטעריעלן אָנשפאַר. די דאגות־פרנסה האָט אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר דער דאגות־התכלית, דעם גוטבאַקאַנטן: וואָס ווייטער?

אומגעריכט האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ נייער נסיעה קיין אויסלאַנד, פאַר אַ קורצן גאַסטשפּיל אין ריגע. אַ נייע פאַראינטערע־סירונג, אַ נייע סביבה, נייע ייִדן. דאָס מאָל האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער מעגלעכקייט, ווי אַ טרינקענדיקער אָן אַ שטרוי.

נאָך מיט יאָרן צוריק, אין מיין „צענטראַל"־תקופה, איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון ריגע דער דאָרטיקער קולטור־און געזעלשאַפטלעכער טוער, יאָשע ראָזענבוים, און מיר פאַרגעלייגט איבערצונעמען די אָנפירונג פונעם ייִדישן מיעוטים־טעאַטער, וואָס איז געווען אויסגעהאַלטן פון דער לעטישער רעגירונג. ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אַריבערגעפאָרן קיין ריגע זיך צו באַקענען אויפן אָרט מיט די באַדינגונגען און מעגלעכ־קייטן. הגם דאָס ייִדישע טעאַטער האָט זיך געפינען אינעם פּרעכטיקן בנין פון „ייִדישן קלוב" אויף סקאַלאַס־יעלאַ און געהאַט אַ שיינעם באַקוועמען צושויער־זאַל, האָט מיך אָבער איבערגעשראָקן די קליינע און פּרימיטיווע בינע.

אויב איך האָב מיך געשטיקט אינעם קליינע בינע־קעסטל פון „צענ־טראַל", האָב איך אָבער אין אויסלאַנד זיך נישט געוואָלט „צופּאַסן" און קאָנדענסירן מיינע אויפפירונגען. אַזוי האָב איך בשעתו געהאַנדלט מיטן קראָקעווער „באַכענסקע"־טעאַטער נאָכן פאַרלאָזן דעם „צענטראַל". איך בין אָפּגעפאָרן פון ריגע, צוזאָגנדיק צו שיקן אַן ענטפער פון וואַרשע. דער ענטפער האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. ער איז געווען אַ נע־גאַטיווער.

די ווירקלעכקייט אָבער האָט מיך מיט דער צייט געלערנט צו זיין ווייניקער איבערקלייבעריש און נעמען וואָס ס׳לאָזט זיך, ווייל נישט אַלץ און נישט תמיד „האָט זיך געלאָזן" אין ייִדישן טעאַטער. ווען מיר זענען

נאָך געווען מיטן לעצטן טורניי ערגעץ ווו אין גאַליציע, באַווייזט זיך אין אַ געוויסן אָוונט מיין אַלטער פריינד שלמה קוטנער. ווי גרויס איז געווען מיין איבערראַשונג, ווען איך האָב זיך דערוווסט, אַז ער איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון לעטלאַנד מיך אויפצווזוכן און אַראָפּצוברענגען קיין ריגע. נישט קענענדיק אונדזער שפּילפּלאַן איז ער אונדז נאָכגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער האָט אונדז אויפגעזוכט אין ראַווע־רוסקע. ער האָט צוגעזאָגט דעם טעאַטער־קאָמיטעט „פאַר יעדן פּרייז" מיך אַראָפּצוברענגען, נישט ווויסנדיק אַז דאָס מאָל וויל איך אַליין פאָרן פאַר יעדן פּרייז. איך האָב אָפּגעמאַכט מיט אים אויף אַ קורצן גאַסט־שפּיל און נאָכן פאַרענדיקן אונדזער טורניי, אין מיטן נאָוועמבער 1930, בין איך אָפּגעפאָרן קיין ריגע.

פון די באַלטישע מדינות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָכן ערשטן וועלטקריג, איז לעטלאַנד געווען די פאָרגעשריטנסטע, די אייראָפּעיִשסטע. ריגע איז געווען די צפון־בריק צווישן דער „ציוויליזירטער" וועלט און דעם צוריקגעשטאַנענעם רוסלאַנד. ווי אַ וויכטיקער טראַנזיט־צענטער האָט ריגע טאַקע געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסער שטאָט מיט דער אורבאַ־ניסטיק, רחבותדיקע גאַסן, שטאָטישע פּלעצער און אַנשטאַלטן. אין ריגע פלעגן זיך אָפּשטעלן די גרויסע וועלטקינסטלער אויף זייער וועג קיין רוס־לאַנד און די רוסישע — אויפן וועג צו די מערב־אייראָפּעיִשע שטעט. דער ריגער עולם איז געווען דערצויגן אויף די בעסטע מוסטערן פון מאָ־דערנעם טעאַטער, געווען באַקאַנט מיט די נייעסטע דערגרייכונגען אין דער טעאַטער־קונסט און מיט די קינסטלער. דאָס אויפטרעטן אין ריגע איז פאַר אַן אַרטיסט געווען אין אַ געוויסער מאָס אַן עקזאַמען פון רייפקייט.

אָנקומענדיק קיין ריגע, איז זיך לכתחילה שווער געווען צו אָריענ־טירן ווו דו געפינסט זיך און וועלכע איז אייגנטלעך די לאַנדשפּראַך. הגם די אָפיציעלע אויפשריפטן זענען געווען אין לעטיש, האָט זיך אָבער צום מייסטן געהערט — אַ חוץ יִידיש, פאַרשטענדלעך — רוסיש און דייטש, אַפילו פּויליש. זעלטן פלעגט מען הערן אין גאַס דעם קלאַנג פון דער עק־זאָטישער לעטישער שפּראַך. האָסט דיך אַלזאָ געפילט היימיש: יִידיש — אויפן פאָן פון רוסיש, דייטש און פּויליש.

אמת, דער ריגער ייִדיש איז געװען אַנדערש פֿונעם זאַפּטיקן װילנער ייִדיש, געװען פֿאַרדײַטשמערישט מיטן װײכן „ל", מיט אַ „פּתח" אַנשטאָט אַ „קמץ" און ענלעכע אײַנפֿלוסן פֿון דער דאָמינירנדיקער דײַטשער שפּראַך. נישט געקוקט דערויף ביסטו געװאָרן מיטגעריסן מיטן ייִדישן לעבן און אויסלעבן זיך, מיט דער גרויסער נעץ ייִדישע אינסטיטוציעס און שולן. עס האָט מיר אימפּאָנירט די אינטעליגענץ, װאָס איז — להיפּוך צו אונדזער פּױלישער און גאַליציאַנער — נישט געװען אַסימילירט און געהאַלטן ייִדיש פֿאַר זײער נאַציאָנאַלער שפּראַך. אין דעם פּרט זענען זײ געװען ענלעך צו די װילנער, קאָװנער און קעשעניעװער ייִדן. אמת, דאָס קולטורעלע לעבן פֿון די לעצטע איז געװען טיפֿער און שעפֿערישער. מע קאָן עס אפֿשר אויסטײַטשן מיטן עקשנותדיקן קאַמף, װאָס זײ האָבן גע־מוזט פֿירן מיט די שטאַרקערע קולטורן פֿון די דאָזיקע לענדער און במילא מער פֿאַרפֿונדעװען און צעמענטירן די אײגענע. אין לעטלאַנד אָבער פֿלעגט פֿאָרקומען אַ ויתרוצו פֿון עטלעכע קולטורן און אין דאָזיקן װירװאַר האָט די ייִדישע קולטור זיך געפֿילט װי אַ פֿיש אין װאַסער און נישט אַרויסגע־װיזן צוליב דעם די װידערשטאַנד־קראַפֿט װי ס׳האָבן עס געטון די פּױלי־שע, ליטװישע און רוסישן ייִדן.

די ערשטע רעגירונג פֿון דער נײַ־אַנטשטאַנענער לעטישער רעפּובליק האָט אַרויסגעװיזן די גרעסטע לאָיאַלקײט צו זײערע נאַציאָנאַלע מינדער־הײטן, װאָס האָבן מיט זיך בעצם פֿאַרגעשטעלט די מערהײט פֿון לאַנד, און זײ באַשאָנקען מיט דער ברײטסטער אויטאָנאָמיע. פֿון די דאָזיקע פּריװי־לעגיעס האָט — צוגלײַך מיט די רוסישע, דײַטשע און אַפֿילו פּױלישע „לעטן" — אויך גענאָסן די ייִדישע באַפֿעלקערונג. דעריבער האָבן די רי־גער ייִדן די ערשטע יאָרן פֿון לעטלאַנדס עקזיסטענץ שטאָלצירט מיט זײער „מיעוטים"־טעאַטער, מיט זײערע ביאַליק־און פּרץ־קלובן און מיט זײער פּרעסע אין עטלעכע שפּראַכן.

די ייִדישע אָפּטײלונג בײַם בילדונג־מיניסטעריום האָט מיט אַ ברײטער האַנט אונטערגעשטיצט די דאָזיקע אינסטיטוציעס. די אונטער־שטיצונג פֿון דער קולטור־אָפּטײלונג האָט אַרומגענומען אַלע ריכטונגען אינעם ייִדישן לעבן: אָרטאָדאָקסישע, ייִדישיסטישע און העברעיִשע,

אַ חוץ דער גלענצנדיק־געפירטער צייטונג „פרימאָרגן״, רעדאַקטירט פון יעקב העלמאַן און לאַצקי־בערטאָלדי, מיט דער באַטייליקונג פון אַזעל־כע זשורנאַליסטן, ווי מ. גערץ, קיטאַי, מ. ראַזומני, איז אויך געווען אַ יידישע פּרעסע אין רוסיש און דייטש. אַן אָנגעזעען אָרט אינעם בילדונג־וועזן האָט פאַרנומען די „צישאָ״ מיט ספּעציעלע לערער־קורסן, ווי אויך די שולן אין העברעיש.

בעת מיין פאַרברענגען אין ריגע האָבן זיך אָנגעהויבן רייבונגען אין דער „צישאָ״ צווישן בונדיסטן, פאָלקיסטן און קאָמוניסטן פון איין זייט און אומפּאַרטייאישע — פון דער צווייטער. די דאָזיקע רייבונגען האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין נוצן דעם ישוב נישט געבראַכט און מיט דער ענדע־רונג פונעם רעזשים מיט אייניקע יאָר שפּעטער, מיטן אויפשטייג פון דער רעאַקציע, איז אויך פאַרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אינעם שול־וועזן. די אויבערהאַנט האָט דאַן באַקומען די אָרטאָדאָקסיע, די יידישע שולן זענען געוואָרן ליקווידירט און די קינדער זענען אַריבער אין פרעמד־שפּראַכיקע לערן־אַנשטאַלטן.

אַ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן האָט געשפּילט די חלוצישע באַ־וועגונג. אַ דאַנק וועלכער ס׳האָט באַצייטנס עמיגרירט קיין ארץ־ישראל אַ באַטייטיקע צאָל פון דער יוגנט, און פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם קיבוצישן לעבן. זייער אָפט באַגעגן איך אין פאַרשידענע קיבוצים אַמאָליקע פריינד פון דער צייט פון מיינע אויפטריטן אין ריגע און דאַווגאַפּילס. דער רעליגיעזער מנהיג פון יענער צייט, ראַבינער ד״ר נוראָק, איז לאַנג־יאָריקער דעפּוטאַט אין אונדזער כנסת.

אַ סך חשיבות דער יידישער באַפעלקערונג פון לעטלאַנד האָט צוגע־געבן פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קייזערוואַלד, לעבן ריגע. דער גרויסער היסטאָריקער און דענקער פלעגט נעמען אַ לעבע־דיקן אָנטייל אינעם יידישן לעבן. הגם ער איז, צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, נישט געווען אין אים אַקטיוו באַטייליקט. אין וויכטיקע ענינים פלעגט מען אַריבערפאָרן צו אים זיך שואל־עצה זיין. ער האָט אויך אַמאָל באַזוכט מיינס אַ פאָרשטעלונג, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה. און מיך איינגעלאַדן צו זיך אינעם שיינעם קייזערוואַלד.

זיגמונט טורקאָוו

צו דער דאָזיקער פאַרשטאַט פון ריגע זענען געווען געווענדט די אויגן פון ייִדישע און נישט־ייִדישע געלערנטע פון פאַרשידענע לענדער און דאָס האָט במילא צוגעגעבן חשיבות און פּאָפּולערקייט דעם ייִדישן ישוב אין לעטלאַנד.

**
*

די טרופּע פון „מיעוטים־טעאַטער" איז געווען איינע פון די בעסטע, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אַלס „גאַסטראָלער". הגם זי האָט געהערט צום טיפּ „געמישטע", דאָס הייסט, צו די, וואָס קאָנען זיך צופּאַסן צו יעדן זשאַנער, האָט זי פון דעסטוועגן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ האַרמאָניש־צונויפגעשפּילטן קאָלעקטיוו פון אויסגעפּרווטע אַלטע כוחות און אַ שיינער, אַרבעטלוסטיקער יוגנט. דעם אויבנאָן האָט פאַר־נומען דער פּרעסטיזשפולער, פּילזייטיק־באַגאַבטער שלמה קוטנער. ביי זיין זייט האָבן זיך געפונען דריי אַרטיקע רוטינירטע אַקטיאָרן: איינעס, יולין און סוריץ. דאָרט האָב איך אויך באַקענט דעם יוגנטלעכן שעפּקע זאַק, דעם ברודער פון מיין שפּעטערדיקן „וויקט"־מיטאַרבעטער מאַטוס. שעפּקע זאַק האָט שוין דאַן אַרויסגעוויזן אַקטיאָרישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעי־קייטן און געהערט צו די געציילטע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַפּצוראַטעווען פון אייראָפּעיִשן גיהנום. טריי צו זיין טראַדיציע, באַמיט ער זיך איצט אַנצוגיין מיט ייִדיש טעאַטער אין ניו־יאָרק.

אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען אין יענעם סעזאָן די אַקטריסעס. אַ חוץ עטלעכע גוטע, אַזוי־גערופענע „מאַמעס", ווי די וויטאַלינאַ, ליטווינאַ־וויסהאָף, האָבן זיך אין דער טרופּע געפינען אייניקע יונגע כוחות, מיט וועלכע יעדעס טעאַטער וואָלט געקאָנט שטאָלצירן. צוויי חנעוודיקע אַנ־פאַנגערינס פון ווילנע, — די שוועסטער ראַיע און סאָניע זאַמין און צוויי זעלטענע דערשיינונגען אינעם ייִדישן טעאַטער: געניאַ שליט און פאַני רובינאַ.

געניאַ שליט, אַ לאָדזשער געבוירענע, האָט אירע קינדעריאָרן פאַר־בראַכט אין רוסלאַנד און אַנגעקומען קיין ריגע ווי אַ רייפע, אייגנאַרטיקע שוישפּילערין. אַ דאַנק אירע סצעניש מעלות, איר אימפּאָזאַנטער, שלאַנ־קער פיגור, אויסדרוקפולן, שאַרפגעטאַקטן פּנים, דינאַמישן טעמפּעראַמענט,

קלאַנגפולע, בויגזאַמע ברוסטשטימע, דיסטינגירטער האַלטונג — האָט זי פאַרנומען איינע פון די ערשטע ערטער אין דער גאַלעריע יונגע אַקטריסעס אין דער צווישנצייט פון ביידע מילחמות. ביי די אומות־העולם וואָלט זי געווען אַן אוצר פאַרן גרויסן רעפּערטואַר, פאַר די אַלטע גריכן, שעקספּיר און שילער. אינעם יידישן טעאַטער האָט זי געמוזט קינסטלעריש וועגעטירן און זיין אַ „מעדכען פיר אַלעס" אינעם צופעליקן רעפּערטואַר און מעלאָדראַמאַטישע מאַכערייקעס, צוגעשטעלט פון די גאַסטראָלערן.

אַ חוץ יענעם סעזאָן אין ריגע האָב איך אין אייניקע יאָר אַרום געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו שפּילן מיט איר אַ קורצע צייט אינעם דורך מיר געגרינדעטן „פּאַקט" (פאַראייניקטע אַקטיאָרן). זי איז דערנאָך אַנגאַזשירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרצן קיין אַמעריקע און זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע אויף צו טיילן דעם גורל פונעם אומגעבראַכטן יידנטום.

אַ צווייטע אָנגענעמע דערשיינונג אינעם ריגער טעאַטער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די ביאַליסטאָקערין פאַני רובינאַ. דערצויגן אין אַ מישפחה פון מנגנים — דער טאַטע אַ חזן, דער ברודער, הערץ רובין, אַ טאַלענטירטער קאָמפּאָזיטאָר — האָט זי פון קינדווייז אָן איינגעזאַפּט אין זיך יידישע נגינה און ליבע צום פאָלקלאָר. זי האָט באַזיצט אַ נישט־גרויסע, אָבער שיינע, וואַרעמע שטימע און איינגעבוירענע מוזיקאַלישקייט; אַן עלעגאַנטע פיגור, אַ צאַרט פּנים מיט גרויסע פאַרחלומטע אויגן, אַ פיינקייט אין אויסדרוק און באַוועגונג. פאַני רובינאַ איז געווען נישט נאָר די פרימאַדאָנע פונעם מיעוטים־טעאַטער, נאָר אויך אַ סובטעלע, ליריש־דראַמאַטישע אַקטריסע, וואָס האָט, צוזאַמען מיט געניאַ שליט, באַשיינט די פאָרשטעלונגען, אין וועלכע מיר האָבן דאָן צוזאַמענגעשפּילט. צום גליק איז איר געלונגען זיך באַצייטנס צו ראַטעווען און זי טיילט איצט דעם גורל פונעם הייפל איבערגעבליבענע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע.

מיין דעביוט אינעם „קאַרגן" איז באַצייכנט געוואָרן ווי איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אינעם ריגער טעאַטער־לעבן. עס האָבן אונדז באַגריסט פאָרשטייער פון רוסישן און פון לעטישן קינסטלערישן דיילים־טעאַטער. נאָך דער פאָרשטעלונג — אַ גרויסאַרטיקער גאַלאַ־באַנקעט, מיט

אויפּריכטיקער פרייד, מיט באַגריסונגען. איך בין געווען דער „העלד פון טאָג" און האָב מיך געפילט, ווי אַרנאָלד האָט מיר אין אייניקע טעג אַרום געשריבן, אַז איך האָב „איינגענומען ריגע". יאַשע ראָזענבוים, מיין פּראָ־טעקטאָר און גוטער פריינד, האָט מיך כסדר געפרעגט:

— וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק?... ווו האָסטו אַהינגעטון דיין שמייכל?... זע, וויפל כבוד מע גיט דיר אָפּ!...

איך האָב טאַקע געזען, אָבער גאָרנישט געפילט. פאַרקערט, וואָס גרעסער די באַגייסטערונג פון די אַרומיקע, אַלץ טיפער איז געוואָרן מיין אומרויִקייט: ווידער „וואָס ווייטער?". מאָרגן פרי דאַרף מען זיך שטעלן רעפּעטירן אַ נייע פּיעסע, ווייל יעדע וואָך מוז גיין אַ פּרעמיערע. פאַרן עולם — נייע איינדרוקן, פאַר מיר — אַן איבערקייוונג פונעם אַלטן. נישט קיין שעפערישע אַרבעט, נאָר רוטין, מלאכה.

דאָס איז טאַקע די טראַגעדיע פון אַקטיאָרישן באַרוף, להיפּוך צו אַנ־דערע אָפּצווייגן פון דער קונסט. דער מחבר שאַפט זיין בוך, דער קינסטלער זיין בילד, — זייערע שאַפונגען בלייבן פאַרפיקסירט און פאַראייביקט. מיר, טעאַטער־קינסטלער, דאַרפן כסדר איבערחזרן דאָס געשאַפענע און די טויערן צו דער אייביקייט בלייבן פאַר אונדז פאַרהאַקט אויף זיבן שלע־סער.

ווען איך האָב אָנגעטייט, אַז איך וואָלט וועלן במשך פון מיינע אויפ־טריטן אויפפירן אַ נייע, אַ דורך מיר נאָך־נישט־געשפּילטע פּיעסע, האָט עס איבערגעשראָקן די אָנפירער:

— ס'טייטש, דער עולם וועט נישט קומען... מע וויל אייך זען אין אייערע פּאָפּולערע ראָלן: דער קאָרגער, מישקאַ ציגאַניאָק, מאָרפיום...

און ס'איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן, אַז די צווייטע פּרעמיערע וועט זיין „די זיבן געהאָנגענע". איך האָב מיך געפילט פאַרן אַכטן... האָב איך טאַקע — ווען מ'האָט מיך געפרעגט, וועלכע וועט זיין די נאָענטסטע פּרעמיערע? — געענטפערט:

— „די אַכט געהאָנגענע".

יאַשע האָט נישט אויפגעהערט אַריינצוטענהן אין מיר:

— באַהערש זיך, זיגמונט, פאַרשטערסט די שמחה...

איך האָב זיך געפּרוּווט באַהערשן מיט דער הילף פון ביטערן טראָפּן. געהאָלפן האָט מיר אין דעם מיין נייער ריגער פריינד, דער קינסטלער מיכאַ:ל יאַ, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פונעם „הימלישן נעקטאַר", ווי ס'פלעגט עס רופן דער אַלטער אָסקאַר. דער געזונטער אָרגאַניזם פון מיכאַ:ל יאַ האָט אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן ווידערשטאַנד־כוח דער ווירקונג פון אַלקאָהאָל. איך, להיפּוך, פלעג גיך ווערן באַהערשט פון איר. איך פלעג אָדער לאַכן, אָדער וויינען. דאָס מאָל האָב איך געוויינט.

ווי אַזוי איך בין געקומען אַהיים נאָך דעם פּייערלעכן באַנקעט, איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד. צומאָרגנס האָט אויף דער רעפּעטיציע געהערשט אַ פּיינלעכע שטימונג. עפּעס האָט מען פאַר מיר אויסבאַהאַלטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב עמעצן געמוזט באַליידיקן אויפן פּייערלעכן אָוונט. דער עמעצער איז דווקא געווען איינער פון די גרעסטע גבירים פון שטאָט, אַ פאַבריקאַנט פון קאָנסערוון, אַ פּשוטער מענטש מיט אַ ברייט הארץ, וואָס איז געווען גאָט די נשמה שולדיק... מיר איז, בגילוי־פּינערהייט, נישט געפעלן זיין דייטשמעריש רעדן און איך האָב אים נאָכגעקרומט און פאַרשעמט. אגב, איז דער דאָזיקער פאַבריקאַנט געווען איינער פון די איניציאַטאָרן מיך אַראָפּצובריינגען קיין ריגע. האָב איך פון גרויס עגמת־נפש אויף ס'ניי זיך אָנגעטרונקען...

אין מיין ערשטער לובלינער תקופה ביים יידישן טעאַטער, ווען די „גאָלדענע יוגנט" האָט מיך צוגעצויגן צום ביטערן טראָפּן, האָט זיך ביי מיין זייט געפונען אסתר־רחל קאַמינסקאַ, וואָס איר מוטערלעך אויג האָט מיך פאַרהיט דערפון. דאָ אָבער בין איך געווען אַליין, אין אַ צייט פון דע־פּרעסיע, אַרומגערינגלט מיט אייניקע אויסגעפּרוּווטע טרינקער. האָב איך פאַרלוירן דעם זעלבסטקאָנטראָל און זיך אָנגעהויבן אַראָפּצוקייקלען. גע־ווען פאַלן, וואָס איך פלעג קומען אַ האַלבניכטערער צו די פאַרשטעלונגען. איין מאָל אַפילו האָב איך, אַנשטאָט זיך צו גרימירן, גענומען גרימירן מיינס אַ בילד אויף אַן אַפּיש, וואָס איז געהאָנגען איבער מיין גרימיר־שפּיגל. מיינע מיטשפּילער פלעגן שטיין הינטער די קוליסן און זיך צו־קוקן, צי איך וועל אויסהאַלטן גלייכגעוויכט, צי כ'וועל „דערשפּילן".

דעם דאָזיקן קאָשמאַר האָב איך אויך דורכגעמאַכט מיט לידיאַ פּאַ־

טאָצקאָ, במשך פון אַ טורנײ װאָס איר מאַן האָט אָרגאַניזירט איבער דער פּוילישער פּראָװינץ. די דאָזיקע אונטערנעמונג איז געװען אויסגערעכנט אויף דער סענסאַציע פון מײן אויפטריט אין פּוילן, צוזאַמען מיט דער חשובער אַקטריסע, װאָס האָט זיך שוין קונה־שם געװען בײ אירע פריער־דיקע אויפטריטן.

לידיאַ פּאָטאָצקאָ איז באמת געװען אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע דער־שײנונג אין אונדזער טעאַטער־װעלט; אַן אַקטריסע פּאַר עקסעלאַנס, מיט טראַדיציעס פונעם שײנעם רוסישן פאַרמילחמהדיקן טעאַטער. אַן אַקטריסע מיט בינע־קולטור און גוטן געשמאַק, מיט טיפן ליריזם און באַהערשטער דינאַמישקײט, מיט אַ באַחנטן שמײכל און גוטע, העלע, עכט רוסישע אויגן. פונעם ערשטן אויפטריט פון דער דאָזיקער אײראָפּעיִשער אַקטריסע, האָט זי אַרויסגערופן צו זיך סימפּאַטיע און אָנערקענונג פון אַלע קרײזן טעאַ־טער־באַזוכער אין פּוילן.

ביז דאַן פלעג איך תמיד אויפטרעטן צוזאַמען מיט אידאַ קאַמינסקאַ, איז טאַקע מײן געמײנזאַמער טורנײ מיט דער פּאָטאָצקאָ באַטראַכט גע־װאָרן װי אַ סענסאַציאָנעלע קינסטלער־שותפות, װאָס װעט אין אַלע היב־זיכטן געבן גוטע רעזולטאַטן. צום אומגליק אָבער איז דעם דאָזיקן טורנײ נישט באַשערט געװען צו פאַרענטפערן די האָפענונגען װאָס זענען אויף אים געלײגט געװאָרן.

אין פרילינג 1931 האָט אידאַ קאַמינסקאַ איבערגענומען די דירעק־ציע פון קאַמינסקי־טעאַטער און מיר געשאַפן אַ מעגלעכקײט צו דעביוטירן דאָרט אי װי אַן אַקטיאָר, אי אַלס רעזשיסער. איך האָב באַקומען נײעם אינטערעס צו דער אַרבעט, זעענדיק פאַר זיך אַ מעגלעכקײט פון צװײ נײע אויפפירונגען מיט אַ גוטער באַזעצונג און גענוג צײט אויף צוגרײ־טונג. ס'האָט זיך אין מיר דערװעקט דער אַמאָליקער אימפּעט, בפרט, אַז איך בין פון אַלע קרײזן געװאָרן דערמוטיקט.

און אָט דערזע איך מיך װידער אויף דער בינע פון קאַמינסקי־טעאַ־טער, בײם פאַרלײענען דיצנשמידס „דאָס הויז פון פאַרברעכער". די דאָ־זיקע פּיעסע האָט אידאַ בשעתו מיטגעבראַכט פון דײטשלאַנד און מיר בײדע האָבן זי איבערגעזעצט..

די פיעסע, וואָס האָט געהאַט אין דייטשן „שטאַטס־טעאַטער" גרויס דערפאָלג צוליב גראַנאַכן, וואָס האָט מיטגעריסן אין דער ראָל פון אַ ייִדישן זקן מיט אַן אייגנאַרטיקער לעבן־פילאָזאָפיע און מאָראַל, האָט אָבער אין וואַרשע נישט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג.

ווי די צווייטע פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן „אַנקל מאָזעס", לויט שלום אַשס ראָמאַן. די פאָרשטעלונג איז געוואָרן זייער וואַרעם אויפ־גענומען, סיי פון דער קריטיק, סיי פונעם עולם. די דאָזיקע ראָל איז מיט דער צייט געוואָרן רעפּרעזענטאַטיוו אין מיין רעפּערטואַר. אין פּאַריז האָב איך אַפילו באַקומען אַ וואַרעמע אָנערקענונג פון שלום אַשן פּערזענלעך, וואָס איז, ווי באַקאַנט, זעלטן געווען צופרידן פון זיינע געשטאַלטן וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער בינע.

איך האָב אויך געהאַט ביי מיין זייט אַ גלענצנדיק־צוגעפּאַסטן אַנ־סאַמבל, פון וועלכן ס'האָט זיך אויסגעצייכנט דיאַנאַ בלומענפעלד מיט איר אינטעליגענץ און טאַלענטירטער אינטערפּרעטאַציע פון מאַשאַ. מיין ברודער יצחק האָט זיך אויסגעצייכנט ווי דער רעוואָלוציאָנער טשאַשי, קייזעראָוויטש אין דער ראָל פון ר' משה מעלניק, דוד שאַפּיראָ ווי דער פעטער שלמה. ס'איז געווען אַ פאָרשטעלונג וואָס האָט מיט פּיעטעט און פאַרנעם געגעבן אַ סצעניש תיקון שלום אַשס ראָמאַן און דאָך — אין אַ חודש אַרום לייענען מיר אין די „ליטעראַרישע בלעטער" נומ' 24, אָט די נאָטיץ:

„זיגמונט טורקאָוו פאַרענדיקט זיינע גאַסטשפּילן אין וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער. זיינע ביידע אויפפירונגען „דאָס הויז פון פאַרברע־כער" און „אַנקל מאָזעס" — האָבן באַוויזן, אַז זיגמונט טורקאָוו סיי אַלס אַרטיסט, סיי אַלס רעזשיסער האָט גרויסע מעגלעכקייטן און קאָן זייער פיל נוציק זיין פאַרן ייִדישן טעאַטער אין פּוילן און בעיקר — אין וואַר־שע. ליידער, זענען די באַדינגונגען פאַר דעם קיום און אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן טעאַטער אין פּוילן זייער שוואַכע און זיגמונט טורקאָוו פאַרענדיקט זיינע גאַסטראָלן און פאָרט אָפּ קיין אויסלאַנד, צוערשט קיין בעלגיע. ער וועט געוויס אויפגענומען ווערן דורך דעם בעסערן עולם אויך אין אויס־לאַנד מיט ליבע און פאַרערונג. מיט זיגמונט טורקאָוון פאָרן מיט די יונגע

באַגאַבטע אַרטיסטן דיאַנאַ בלומענפעלד און יצחק גרודבערג — וואָס ס'וועט זיין אין קאַמינסקי־טעאַטער איז נאָך אַלץ נישט קלאָר. פאַרשידענע קלאַנגען און פּראָיעקטן. אָט אַזוי גייט אונדזער טעאַטער אַלץ באַרג אַראָפּ".

24

בעלגיע — פּאַריז

אַ שבת־צונאַכטס. די לעצטע פאָרשטעלונג פון „אַנקל מאָזעס" אין וואַרשע. נאָכן ערשטן אַקט רופט מען מיך דרינגענדיק צום טעלעפאָן. מע רעדט פון אַנטווערפּן. דער אָנפירער פון דאָרטיקן טעאַטער רובין־פרידמאַן, וואָס האָט שריפטלעך פאַרהאַנדלט מיט אונדז, פרעגט זיך אָן צי מיר פאָרן באמת אַרויס צומאָרגנס, ווי ס'איז געווען אָפּגעמאַכט. באַקומענדיק אַ פּאָזיטיווע תשובה, באַווייזט ער מיר נאָך אָנצוזאָגן, אַז ער וועט באַלד אַנאָנסירן פון דער בינע, אַז דעם צווייטן שבת, דאָס הייסט, אין אַ וואָך אַרום, קומט פאַר אונדזער דעביוט פון „אַנקל מאָזעס"... איך באַווייז אים נישט צו ענטפערן, אַז במשך פון אייניקע טעג איז אוממעגלעך אויפצופירן די פּיעסע, ווי דער טעלעפאָן־געשפּרעך ווערט איבערגעריסן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך שפּאַן זיך איין אין אַ נייער צרה, אָבער צוריקציִען זיך איז שוין געווען אוממעגלעך. אַלץ איז שוין גרייט צו דער רייזע, מיין באַגאַזש פאַרפּאַקט, עס בלייבט נאָר צוצולייגן די קליידער פון „אַנקל מאָזעס". איך בין טאַקע צומאָרגנס אָפּגעפאָרן פון וואַרשע.

איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך צו נעמען דעם ענין אַזוי, ווי ס'לאָזט זיך און זוכן פאַרגיטיקונג אין נייע איינדרוקן, וואָס בעלגיע און פּאַריז קאָנען מיר פאַרשאַפן. דער עיקר — פּאַריז. בעלגיע האָט באַדאַרפט בלויז דינען ווי אַ קורצער פּרוזדור צו דער וועלט־מעטראָפּאָליע.

אין די פרייע שעהען האָב איך באַוווּנדערט די בילדער פון די גרויסע פלעמישע מייסטער, באַטראַכט די זעווירדיקייטן פון ביידע הויפּטשטעט:

אַנטווערפּן און בריסל און זיך נישט גענומען צום האַרצן די נעבעכדיקע באַדינגונגען ביי וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן. מיין גערולד האָט זיך ממש פאַרוואַנדלט אין סטאָישער גלייכגילטיקייט און איך פלעג מיר אָפּט אַליין שטעלן די פראַגע: צי בין עס טאַקע איך, אָדער נישט איך... אַזוי, למשל, ווען דער בינע־פאַרזאָרגער האָט מיר אַ שעה פאַר דער פּרעמיערע דערקלערט, אַז ער האָט נישט באַוויזן צו באַקומען אַ ניימאַשין פאַרן אַנקל מאָזעס שאָפּ און ווייס נישט וואָס אַרויפצושטעלן אויף איר אָרט, האָב איך דאָס גאַנץ קאַלטבלוטיק אויסגעהערט.

מיין דעוויז איז געוואָרן: וואָס ס׳זאָל נישט זיין — נישט נעמען זיך צום האַרצן, הגם נישט שטענדיק האָט זיך עס מיר איינגעגעבן.

צום גליק האָב איך געהאַט ביי מיין זייט דיאַנאַ בלומענפעלד און מיין ברודער יצחק און דאָס האָט מיר במילא שטאַרק פאַרגרינגערט די אַרבעט. די טרופּע איז אויך געווען, ווי פאַר אַזעלכע פאַרהעלטעניש, אַיבער אַלע דערוואַרטונגען. זי האָט פאַרמאָגט עטלעכע פאַכלייט, ווי די פאַמיליעס פּעקאַרניק און גאָלדפאַרב, בראָש מיט אַ געניטער טאַלענטירטער אַקטריסע, מינאַ אַקסעלראָד, מיט וועלכער מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו שפּילן אין פּאַריז און אין אַרגענטינע. געווען אַ יונגער, פעיקער אַקטיאָר, מאַקס קלאַס, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן זכרון, ממש אַן אומאָפּשאַצבאַרער אוצר פאַר אַ רעפּערטואַר־טעאַטער. אויך מיט אים איז מיר אין יאָרן אַרום אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מעבר־לים.

בעיקר האָט מיך אָבער דערפרייט די צוזאַמענאַרבעט מיטן פילזייטיק־טאַלאַנטירטן יוסף טשייקאָווסקי, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן פּאָפּולער אינעם אַרגענטינער טעאַטער און פילם אונטערן נאָמען ענריקע טשייקאָ. אויך ער האָט מיט מיר מיטגעווירקט אין אַ ריי פאָרשטעלונגען אין פּאַריז, ציִענדיק אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין רעאַליסטישן, דיסקרעטן און דורכגעטראַכטן שפּילן. ער איז געווען איינער פון מיינע בעסטע מיטשפּילער אין מיין סצענישער קאַריערע.

אין דער טרופּע איז אויך געווען אַקטיוו באַטייליקט יעקב פּאַרנעס, אַ מיטאַרבעטער פון דער אַנטווערפּענער צייטונג, אונדזערע פּאַטערס

זענען נאָך געווען באַפרײַנדט אין וואַרשע און דאָס האָט אונדז במילא דער־נענטערט איינער צום צווייטן. מיר האָבן זיך דערנאָך באַגעגנט אייניקע מאָל בעת מײַנע אויפטריטן אין בראַזיל, ווו ער איז רעדאַקטאָר פון א צײַטונג און דירעקטאָר פון ייִדישע ראַדיאָ־אוידיציעס.

דער צופאַל האָט מיר אויך צוגעשפּילט, וואָס איך האָב אין אַנטווערפּן באַגעגנט עטלעכע שול־חברים, וואָס האָבן זיך שוין דאָרט געפינען אַ סך יאָרן. דער פּאָטער פון איינעם איז אַפילו געווען פּאָרזיצער פון דער ברי־לאַנטן־בערזע. דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז איך זאָל זיך אין די פרייע שעהען נישט לאַנגווייליקן.

מײַנע גאַסטשפּילן אין בעלגיע האָבן אַרויסגערופן ביי די אָרטיקע טעאַטער־באַזוכער — מערסטנס פּוילישע און ביאַליסטאָקער ייִדן — גרויס אינטערעס.

די צייט אין אַנטווערפּן איז אַדורך זאָרגלאָז, אָן ספּעציעלע אָנ־שטרענגונגען. איך בין טריי געווען מיין דעוויז — אַלץ צו נעמען לייכט! אין די ביידע שטעט האָב איך פאַרבראַכט די צייט ווי אין אַ מין קוראָרט וואָס גיט אָנטשפּאַנונג.

דאָס דינאַמישע לעבן אין בריסל האָט מיך ווייניקער אינטערעסירט, וויסנדיק, אַז איך וועל עס האָבן כפל־כפלים אין פּאַריז. דאַקעגן האָט מיר אַנטשפּראָכן די פלעמישע געמיטלעכקייט און צוריקגעהאַלטנקייט פון אַנטווערפּן, ווו מיר האָבן געוווינט און אויך צוגעגרייט אונדזערע פאָר־שטעלונגען. קיין בריסל פלעגן מיר אַריינפאָרן בלויז אין די זונטיקס, די איבעריקע צוויי מאָל אין וואָך האָבן מיר געשפּילט אין אַנטווערפּן. מ׳האָט זיך אַלזאָ נישט געקאָנט איבעראַרבעטן.

מיר פלעגן אין די פרייע אָוונטן זיך באַקענען מיטן האָפן־לעבן און די אַזוי־גערופענע „טאַנצולקעס״, מיט וועלכע עס זענען געווען איבערגע־פולט די שמאָלע הייזער אין די געסלעך לענגויס דעם האָפן. דאָס איז געווען די „לעבעדיקע״ טייל פונעם סטאַטישן אַנטווערפּן און האָט, אַ חוץ מאַטראָסן פון פאַרשידענע לענדער און ראַסן, אויך צוגעצויגן טוריסטן, בעלנים אויף שטאַרקע עמאָציעס, וואָס די געמיטלעכע שטאָט האָט זיי נישט געקאָנט געבן.

אין אַנטוועורפּן האָב איך מיך באַגעגנט מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, דעם שרייבער ד"ר י. ציפּור, אַן אײדעם פונעם וולאָצלאַוועקער רב קאָוואַלסקי. ער האָט דאָרט מיטגעאַרבעט אין דער יידישער צייטונג און געחלומט וועגן אויפפירן זיינע פּיעסן. אייניקע פון זיי זענען אפילו דערשינען אין בוכפאָרעם, אָבער די ראַמפּעליכט האָבן נישט אַלע אָנגעזען. איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט אויפגעפירט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זיינס אַן אַדאַפּטירונג פון מאָליערס אַ קאָמעדיע.

ווען יאָנאָס האָט אָנגעפירט מיטן „וואַנט", האָט דאָרט דוד הערמאַן אויפגעפירט ציפּורס אַן אָריגינעלע פּיעסע „דער אויפשטאַנד". אויך דער סטאַניסלאַווער גאָלדפאַדן־פאַראיין האָט געשפּילט די דאָזיקע פּיעסע.

ציפּור האָט געהאַט חוש פאַר טעאַטער און זיינע פּיעסן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט סצעניִשער אַקציע און פּאַטעטישער אַטמאָספער. אין אַ נאָרמאַל טעאַטער וואָלט אַזאַ שרייבער געוויס באַקומען אַ תיקון.

***

נאָכן אָנקומען קיין בעלגיע האָבן מיר דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פון דער קאָמפּאַניִיעץ־טרופּע אין פּאַריז. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז באַלד נאָכן פאַרענדיקן אין בעלגיע, וועלן מיר קומען אַהין אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, דאָס הייסט, כל־זמן דער עולם וועט אונדז וועלן זען. מיר האָבן זיך אָבער נישט געזעגנט אין גאַנצן מיט בעלגיע. נאָך אונדזער אָפּפאָרן איז אָנגעקומען אַהין אידאַ קאַמינסקאַ מיט אונדזער טעכטערל און אין אַ צייט אַרום זענען מיר צוגעקומען צו איר פון פּאַריז, אָפּגעשפּילט צוזאַמען מיט אידאַן אייניקע פאָרשטעלונגען אין ביידע בעלגישע הויפּטשטעט, ווי אויך אין ליעזש און שאַרלערואַ און דאַן זיך צוזאַמען אומגעקערט קיין פראַנקרייך.

און אָט זענען מיר אין פּאַריז. נאָך תל־אביב, מיין באַליבטסטע שטאָט אין דער וועלט; נאָכן דעמאָלטיקן ערשטן אויפטריט אין „לאַנקרי"־טעאַטער מיט דער ליבער קאָמפּאַניִיעץ־מישפּחה — איז מיר אַ סך מאָל אויסגעקומען דאָרט צו פאַרברענגען ערב דעם גרויסן חורבן און צוויי מאָל נאָך דער מלחמה.

ליידער קאָן מען נישט פאַרגלייכן דעם איצטיקן, נאָכמילחמהדיקן ייִדישן פּאַריז, מיט דער מעטראָפּאָליע וואָס די דאָזיקע וועלטשטאָט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן ייִדישן לעבן פאַר דער מילחמה.

זייענדיק אין בראַזיל, האָב איך אין יאָר 1948 אָנגעהויבן צו מאַכן ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען: „בלעטלעך פון מיין לעבן". די דאָזיקע פאַרצייכענונגען זענען ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן. ס'זענען מיר נאָר פאַרבליבן אייניקע פראַגמענטן וואָס זענען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אָפּגעדרוקט געוואָרן.

אָט איז אַ פראַגמענט:

שפּילנדיק ייִדיש טעאַטער אין פּאַריז...

„...איז דאָך פּאַריז אויך אַ „נייע היים", אַ טראַנזיטפּונקט פאַר די „נייע היימען" מעבר־לים; געפינען זיך דאָך אין פּאַריז אויך „לאַנדסלייט" און „לאַנדסמאַנשאַפטן", שפּליטערלעך פון די איינגעפונדעוועטע „אַלטע היימען"... און דאָך סאַראַ חילוק צווישן פּאַריז און די „נייע היימען" פון די אַמעריקאַנער לענדער!

דאָ, אין די אַמעריקאַנער לענדער, בלאָנדזשעסטו אַרום צווישן ייִדן מיט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון זייערע היימלענדער. אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן, באַגריפן, געוווינהייטן; אַ וואַקלדיקער באָדן, אויף וועלכן דו קאָנסט זיך נישט אָנשפּאַרן, דערפילן אַ זיכערקייט אונטער די פיס און דו בלאָנדזשעסט!

אין פּאַריז פילסטו זיך אין דער היים, די פראַנצויזישע לאַנדשפּראַך באַצווינגט דיך נישט. לעבסט טאַקי אין איר, זי איז אַ זעלבפאַרשטענדלעכע נויטווענדיקייט, אָבער — לעבסט דיך אויס אין ייִדיש.

ביים באַקענען זיך מיטן ייִדישן פּאַריז, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די ייִדישע מאַסן, דערפילסטו די היימישע וואַרעמקייט, דאָס פּולסירנדיקע, פאָלקסטימלעך־ייִדישע לעבן און אויסלעבן זיך. פאַרגעסט תיכף אָן די וויזעס און אַנדערע שוועריקייטן, מיט וועלכע דאָס קומען אַהין איז פאַרבינדן.

ס'איז דאָך די אַלטע היים! אַ געמיינזאַמע שפּראַך, געמיינזאַמע אינטערעסן, חילוקי־דעות, פּאַרטיי־רייסעניש, קולטור־קאָנפערענצן, דערגרייכונגען, ירידות, חלומות, קאַמפן, — אַ פּולבלוטיק, היימיש, ייִדיש לעבן!

איך האָב עס דערפילט תיכף ביים באַטרעטן צום ערשטן מאָל דעם פּלאַץ „רעפּובליק". האָסט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די קאָלאָניאַלע אויסשטעלונג וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין פּאַריז, איז אַראָפּגעקומען צו דיר אַ היים און מיטגעבראַכט צוזאַמען מיט אירע עקזאָטישע עקספּאָנאַטן אויך די ברייטע פּאַריזער בולוואַרן, מיטן „לוווּר", מיטן מאָנפּאַרנאַס, מיטן פרעמדן קלאַנג פון דער פראַנצויזישער שפּראַך, מיט די גאַסנזינגערס, מיטן פּאָליציאַנט מיט דער לאַנגער באָרד און קורצער פּעלערינע ביים טויער סען־מאַרטען, מיטן אומגעהייער־טומלדיקן גאַסנלעבן...

און דאָך — איז דאָס נישט געווען בכוח צו פאַרהילכן דאָס קלאַפּן פונעם פּולס פון אַ ייִדיש לעבן!

האָסט תיכף אויפגעהערט צו זיין אַ „גרינער", ווי מע רופט עס אין די אַמעריקאַנער לענדער. ביסט עס גאָר באַלד נישט געווען? ס'איז אַפילו איבעריק דער „שלום־עליכם", — גענוג געווען בלויז: — „האַ, וואָס הערט זיך נייעס?"...

וויפל מאָל ס'איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין פּאַריז אויפן וועג אַהיים, אָדער פאַרקערט, האָב איך תמיד געהאַט דעם זעלבן איינדרוק. און תמיד פלעג איך פאָרן אַהין מיטן ציטער פון פריידיקער דערוואַרטונג און אָפּפאָרן מיט באַדויערונג און בענקשאַפט.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פּאַריז, 1931. אַלטע און נייע חברים. גוטע און שלעכטע אַקטיאָרן. פּאַכלייט. מע בידעוועט, מע מאַטערט זיך, אָבער מע פאַרלאָזט נישט די פּאָזיציעס, מע שפּילט ייִדיש טעאַטער. אָט איז די גאַנצע פאַמיליע קאָמפּאַניעיץ, די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער גאָלדענער גאָלדפאַדן־תקופה. איך געדענק נאָך קאָמפּאַניעיעצן פונעם באַרימטן מוראַנאָווער טעאַטער אין וואַרשע. האָט ער אין פּאַריז געפינען זיין נייעם מוראַנאָוו.

כ'האָב פּיעטעט פאַר אַלטע אַקטיאָרן; ס'איז מיר גוט באַקאַנט דער דערנערוועג איבער וועלכן זיי האָבן געשפּאַנט. אָט שפּאַנען מיר דאָך ווייטער דעם דאָזיקן וועג, אמת, אויף אַן אַנדערן אופן, אויף אַ צילבאַוווּסטן, אָבער די דערנער זענען די זעלבע און די ליבע צום טעאַטער די זעלבע!

און לאַכטיגער? ווער געדענקט נישט דעם „דירעקטאָר לאַכטיגער"... ער האָט דאָך פאַרקערפּערט שלום־עליכמס מוראַוווּטשיק און שטשופּאַק און האָצמאַך צוזאַמענגענומען: סטאָליער (פון פאַך), דעקאָראַטאָר, קאָסטיומער, פאַריקמאַכער, קאַסיר, רעקלאַמע־מאַכער, אַקטיאָר, דירעקטאָר און מחבר, מיטגליד פון פראַנצויזישן שרייבער־

פאַרבאַנד... איז דען געווען אַ פּיעסע אין דער וועלט, וואָס זאָל נישט זיין פאַרפאַסט פון אים, לאַכטיגערן? פון גאָלדפאַדן איז דאָך אָפּגע־רעדט, אָבער — וואָס מיר שעקספּיר, מאָליער, טאָלסטאָי! אַלע זייערע ווערק זענען דאָך פאַרפאַסט געוואָרן דורך אים, לאַכטיגערן אַליין! און פרוווט אים נישט גלייבן!...

און זיין אינטימקייט מיט דער גאַלאַרקע! זיינע „ספּיטשן".

— „נו וואָס, איך האָב אייך צוגעזאָגט אָראָפּצוברענגען טור־קאָוון, האָב איך געהאַלטן וואָרט?" און די גאַליאַרקע באַשטעטיקט מיט צופרידנקייט: „בראַוואָ, לאַכטיקער!".

אַט אַנאָנסירט ער אַ מאָל, אַז עס ווערט געגרייט „דער גרויסער וועלטשלאָגער „סאַקאָ און ווינצענטי"... עמעצער פון דער גאַליאַרקע, וואָס קען נישט פאַרליידן קיין עוולות, מאַכט אַ צווישנרוף: „נישט ווינצענטי, נאָר וואַנצעטי"! — לערנט אים תיכף אונדזער דירעקטאָר דרך־ארץ: „העי, דו דאָרט, סמאַרק, ליג איינגעלייגט, מע פרעגט דיך נישט"... און דער אַרגומענט ווירקט, קיינער וואַגט נישט מיר איבערצורייסן לאַכטיגערס „ספּיטשן".

אָרעמער לאַכטיגער. קורץ פאַר דער מילחמה האָב איך אים געזען אין וואַרשע, אַ יורד, אָן זיין גאַליאַרקע, אָן זיין „לאַנקרי", אָן זיינע „ספּיטשן". דערפאַר אָבער מיט „זיינער" אַ נייער פּיעסע: „גראַף מאָנטע־קריסטאָ"...

און אַט באַקאַנטע שרייבער, זשורנאַליסטן, קינסטלער — טלאָ־מאַצקע 13 דע פּאַריז! ס'פעלט נאָר אַרנאָלד! אמת, פּאַריז האָט זיי־נע אייגענע אַרנאָלדס, זיי קלאַפּן אויך אין פּלייצע, פּראַווען אויך פּאָליטיק, — אָבער ס'איז אַלץ נישט אונדזער אמתער אַרנאָלד פון טלאָמאַצקע 13 — לעשנע 2. אַזאַ אַרנאָלד האָט געהאַט נאָר איין וואַרשע!

און דער עולם! ווען נישט ער, דער האַרציק־יידישער, באַוווסט־זיניקער אַרבעטזאַמער פּאַריזער עולם, וואָס האָט געקאָנט אַזוי באַ־גייסטערן, אינספּירירן, אַזוי שיין רעאַגירן און אָפּדאַנקען פאַר אַ טעאַטער־לייסטונג, — וואָלט דאָס שפּילן אין פּאַריז געווען אַן אָפּ־קומעניש.

און ס'איז באמת געווען אַ מסירת־נפש צו שפּילן יידיש טעאַ־טער אין פּאַריז. דער מאַנגל אין בנינים, דאָס כסדרדיקע וואַנדערן פון איין טעאַטער־זאָל אין אַ צווייטן; די אַנטי־היגיענישע באַדינגונ־גען; דאָס שפּילן ביי בלעכענע דעקאָראַציעס, אָפט מאָל אין שכנות פון קלאָזעטן; די הונגעריקע מיטשפּילער, ביי וועלכע דו האָסט נישט

געהאַט קיין האַרץ עפּעס צו פאָדערן; די צופעליקע דירעקטאָרן וואָס האָבן זיך פון טעאַטער געמאַכט אַ ביליק קרעמל און פון די אַקטיאָרן — אַן עקספּלואַטירטע, מינדערווערטיקע קאַסטע, — דאָס האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערע מאַסע אויפן געמיט און געמאַכט אומדער־טרעגלעך די אַרבעט.

ווען נישט דער עולם! אַט טאַקע דער פּאַריזער עולם האָט גע־מאַכט פאַרגעסן אין די אַלע שוועריקייטן: — נאַ, זע, ס׳איז דאָך פאַר אונדז, מיר ווייסן ווי דאָס אָפּצושאַצן! אַט האָסטו אונדזער אָנערקענונג, ייִדישער קינסטלער! די ליבע און צוגעבונדנקייט פון דיין עולם!

איז דען פאַראַן אַ גרעסערע באַלוינונג פאַר אַ קינסטלער? די ליבע פון פאָלק — די גרעסטע אויסצייכענונג פאַר אים! האָט טאַקע פּאַריז געצויגן, איז טאַקע פּאַריז געווען אַ היים פאַרן צווייפאַכן אַהאַסווער, דעם ייִדישן אַקטיאָר.

לאָמיר זיך טיילן מיט עטלעכע קוריאָזן פון יענער צייט. בעת די אומצייליקע וואַנדערונגען פון איין טעאַטער־בנין אין צווייטן, האָט אונדז די דירעקציע אַמאָל פאַרפירט אין אַ זאַל, וואָס האָט גע־הערט צו גלחים. צום ערשטן מאָל האָב איך דעמאָלט אויפגעפירט לייוויקס „הירש לעקערט״. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט זיך דער פּול־געפּאַקטער זאַל ספּאָנטאַן אויפגעשטעלט און גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל״.. מיר האָבן שוין מער דעם זאַל נישט באַקומען.

אַט באַווייזט זיך אַ נייער דירעקטאָר, פאַרפירט אונדז ערגעץ אין אַ קעלער, אויף די בולוואַרן, ווו ס׳האָט זיך פריִער געפונען אַ נאַכטלאָקאַל. מיר שפּילן אַנרי בערנשטיינס „שמשון״. אין די אַנאָנסן ווערט דער נאָמען פון דער פּיעסע קוים געזען און דער מחבר — אין גאַנצן נישט דערמאָנט, דאַקעגן ווערן מיט קידוש־לבנה־אותיות אַנאָנסירט — הייסע קליסקעלעך מיט פיש וואָס מ׳וועט קאָנען באַ־קומען אין בופעט פון טעאַטער...

צו דער זעלבער פאָרשטעלונג האָט זיך נישט צוגעשטעלט אַ צופעליקער אַקטיאָר, וועלכן די דירעקציע האָט „אַנטדעקט״ און איך האָב געמוזט אין לעצטן אויגנבליק שטרייכן זיין ראָל. נאָכן ערשטן אַקט באַווייזט ער זיך און בעט אַנטשולדיקונג פאַר דער „פאַרשפּעטי־קונג״: ער האָט נישט געהאַט קיין גאַנצע שיך, איז ער אַרומגעלאָפן „איבער דער שטאָט״ זיי שאַפן און האָט זיי טאַקע נישט געקריגן... נאָך אַ קוריאָז פון דער זעלבער פאָרשטעלונג. אינעם צופעליקן טעאַ־טער איז קיין סופלאָר־קאַסטן נישט געווען, דער סופלאָר האָט באַ־

דאַרפט טוען זיין אַרבעט פון אַ זייטיקער קוליסע. פאַר דער פאַרשטע־לונג דערקלערט מיר אַן עלטערער אַקטיאָר, וואָס האָט געהאַט אַ וויכטיקע סצענע מיט מיר, אַז ער קאָן נישט שפּילן „נישט זעענדיק פאַר זיך דעם סופלער״.. אויב איך וויל נישט ער זאָל שטאַרבן, ווייל ער איז אַ טאַטע פון קינדער, זאָל איך אים באַפרייען פון דער ראָל... נישט וועלנדיק פאַריתומען זיינע קינדער, האָב איך געמוזט אַליין אויספירן דעם דיאַלאָג, נעמענדיק צו־הילף דעם טעלעפאָן...

אַ צווייט מאָל אין פאַריז, אין 1934, אויפן וועג קיין אַרגענטינע. די רעאַקציע בושעוועט. מע כאַפּט אויף די גאַסן מענטשן מיט „אויס־לענדישע פּנימער״. געציילטע יידישע אַקטיאָרן האָבן אַרבעטערעכט. איין דירעקטאָר כאַפּט זיי אויס ביים צווייטן. ס׳ווערט אַ „פּאַסיק״ אויף „לעגאַלע״ אַקטיאָרן. איך נעם אַנטייל אין אַ בענעפיס פון אַ חבר. אין מיטן דער פאַרשטעלונג לויפט מען אַריין אַנזאָגן, אַז ס׳גייען די „כאַפּערס״. ס׳ווערט אַ בהלה אין זאַל, די אַקטיאָרן צעלויפן זיך אין פאַרשידענע באַהעלטענישן. דער עיקר אין קלאָזעט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער „לאַנקרי״־בינע. איך, דער „גאַסט״ בין דער איינציקער מיט אַרבעטרעכט. האָב איך טאַקע אַליין פאַרענדיקט דעם אָוונט...

אין צוויי יאָר אַרום — פאָלקפראָנט. ווער געדענקט נישט דעם 14טן יולי 1936? פאַריז גייט אַרויס אין גאַס מיטן טראַדיציאָנעלן קאַמפּלוסט. מיליאָנען מענטשן מאַרשירן, שרייענדיק: „וויוו בלום!״. אויך דאָס טעאַטער איז געטריי זיין טראַדיציע צו דינען די אינטערעסן פון פאָלק. ס׳ווערט ענג אין די פאַרמאַכטע בנינים. די שפּיל טראָגט זיך אַריבער אין די עפנטלעכע פּלעצער אונטערן פרייען הימל. אַק־טיאָר און צושויער פאַרברידערט איין געמיינזאַמע לאָזונג: קאַמף קעגן פאַשיזם, דאָס טעאַטער דאַרף אים אָנווייזן די דאָזיקע סכנה; דאַרף אים אָריענטירן און דערמוטיקן. מיר פילן די אחריות וואָס די צייט לייגט אויף אונדז אַרויף. מיר טוען אונדזער אַרבעט אינעם ריטעם פון די געשעענישן. זיי רייסן אונדז מיט, מיר לויפן זיי פאָרויס! דאַן האָב איך אויף אַן אמת דערפילט די שפּראַך פון דער צייט.

איצט פיל איך זי ווידער — ווען מיר שטייען אין קאַמף פאַר דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. איצט נייטיקן מיר זיך אין אַן אַנדערער טעמאַטיק, אָבער זי דאַרף ווירקן נישט ווייניקער ווי דאַן אין פאַריז — אונדזער „הירש לעקערט״ און „נפתלי באָטווין״.

פלאַמען האָבן שוין לאַנג פאַרצערט מיינע טעקסטן פון די דאָ־

זיקע פּיעסעס. זייער ווירקונג אָבער איז זיכער נישט פאַרווישט גע־וואָרן ביי די וואָס האָבן זיי געזען און אָנטיילגענומען אין זיי!
די באַגעגעניש מיט די פּאַריזער יידן געהערן צו די שענסטע בלעטלעך פון מיינע טעאַטער־זכרונות.
ווען מע דערמאָנט וואַרשע, ווילנע, לעמבערג — ווי קאָן מען נישט דערמאָנען פּאַריז?...".

(ריאָ דע זשאַניירא, 1948).

***

אין טעאַטער „לאַנקרי" איז פאָרגעקומען אונדזער דעביוט. דער איי־ביק־פאַרוואָרלאָזטער „לאַנקרי", די פּאַריזער סטאַדאָלע, ווו עס צעלייגן זייערע געצעלטן די „בלאָנדזשענדיקע שטערן", די שטשופּאַקס און האָצ־מאַכס. ווער האָט נישט געשפּילט אויפן דאָזיקן בינעלע — גרויס ווי אַ גענעצן מיט די בלעכענע דעקאָראַציעס וואָס אויף איין זייט איז געווען געמאָלן אַ „פּאַוויליאָן" און אויף דער צווייטער — אַ „פּייזאַזש"?... דער „לאַנקרי" מיט זיין באַרימטן בופעט, וואָס האָט געהערט צו מייק מ., זיין שפּעטערדיקן דירעקטאָר, דער תמיד־צעשמייכלטער „מייק פּאַפּערילאַ", ווי אַקטיאָרן פלעגן אים רופן, מיט די כיטרע אויגן, וואָס האָבן דיך תיכף אָפּגעשאַצט, צו דו וועסט „ברענגען סבאָרן", צו ניין. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון ליטעראַטור. זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון דער סאָוועטי־שער פּיעסע „דער מאַן מיטן פּאָרטפעל" און געהאַט טענות צו די „ווערי־זיאַניסטן" וואָס האָבן אויפגעריסן אַ פאַרשטעלונג.

„לאַנקרי" מיט זיינע געשווירענע „פּאַריזער" אַקטיאָרן. משהלע ב., וועגן וועלכן חברה פלעגט דערציילן אויסטערלישע קוריאָזן. משהלע האָט ליב געהאַט, ווי אַלע דירעקטאָרן, צו „ספּיטשן". געוויינטלעך צו אַ ספּיטש פלעגט ער אַרויסגיין פאַרן פאָרהאַנג מיט זיינע דעקלאַראַציעס און אַנט־פּלעקונגען. אַט קומט ער מיט אַ גוטער בשורה, אַז זיין איינציקע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַרן באַקאַנטן יידישן דאָקטער איקס און פאַרענדיקט:
— „גיט מיר אָפּ מזל־טוב, חשובער עולם, ס'איז אַ כבוד פאַרן יידישן פאָלק"... אָדער, פּשוט, היימישלעך: — „נו יידן, ווי געפעלט אייך דאָס ביכל? („ביכל" רופט זיך אין טעאַטער־זשאַרגאָן אַ פּיעסע). דאָס איז נאָך גאָרנישט, קומט מאָרגן, וועלן מיר אייך ווייזן וואָס מיר קענען.

איין מאָל איז ער, קעגן דער אָנגענומענער טראַדיציע, נישט אַרויס ספּיטשן פֿאַרן פֿאָרהאַנג, נאָר פֿאַרבליבן הינטער אים און בלויז אַרויסגע־רוקט דעם קאָפּ דורך דער עפֿענונג. ווען מ׳האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער גייט נישט אַרויס, האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט: „איך קאָן נישט, איך בין נישט ראַזירט"...

אַן אייביקער „לאַנקריסט" איז געווען דער הויכער מ., וואָס פֿלעגט אַריינקוקן אין דער ראָל, האַלטנדיק זי אָפּט מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער פֿלעגט נאָכגיין דעם סופֿלאָר וואָרט ביי וואָרט, און ווען דער לעצטער פֿלעגט פֿאַרשווייגן, פֿלעגט נישט העלפֿן די ראָל, ווען אַפֿילו זי איז געווען גוט געהאַלטן...

„לאַנקרי" האָט אויך געהאַט זיין „ליטעראַרישן אַקטיאָר מיט „אַ דראַמאַטישן" פּנים אונטערן ברייטן הוט. ער האָט געהאַט אַ טבע צו שטאַמלען און די גאַלאָרקע פֿלעגט אים אָפּט מאָל צוהעלפֿן פֿאַרענדיקן אַ וואָרט. זיין הויפּט־חיונה פֿלעגט ער שעפּן נישט פֿון טעאַטער. זיין ווייב האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן טאַלענט צו פֿאַרקלעמען אין מעטראָ אַ פֿינ־גער, אַ האַנט, אַ מאָל אַ גאַנצן פֿוס און פֿלעגט דערפֿאַר אָפּנעמען כסדר־דיקע אַנטשעדיקונג.

אַן אַנדערער „לאַנקריסט" איז געווען באַשאַנקען מיט אַ פֿרוי, וואָס פֿלעגט אים יעדעס יאָר צושטעלן אַ נייעם מיטגליד אין דער מישפּחה. דאָס האָט אויך געהערט צו די גוטע הכנסות, ווייל די פֿראַנצויזישע רעגי־רונג האָט דערמוטיקט דאָס קינדלען מיט פּרעמיעס און אַנדערע אויסצייכענונגען.

דער מערקווירדיקסטער אָבער פֿון די לאַנקרי־אַקטיאָרן איז געווען אַן אַרישער דייטש, וואָס האָט זיך פֿרייוויליק איינגעגלידערט אין ייִדישן פֿאָלק, נישט בייטנדיק דערביי זיין גלויבן. זיין נאָמען איז געווען וואַל־דעמאַר היינצע.

אונדזער באַקאַנטשאַפֿט ציט זיך נאָך פֿונעם יאָר 1915 ווען איך בין געווען מיטן „אַרטיסטישן ווינקעלע" אין לאָדזש. דאָן איז געווען אַן אָפּטער איינגייער הינטער די קוליסן אַ שיינער, שלאַנקער בחור מיט אַ העל־בלאָנדע שעוועלורע, אַן אָנפֿאַנגער אינעם לאָדזשער דייטשן טעאַטער.

ווי מ׳האָט אונדז דערציילט, איז ער אַ קריסט, וואָס ליידט פון אַ מערקוויר־דיק „משוגעת״: ליבע צו יידן. ער האָט טאַקע גערעדט אַ פליסיקן יידיש און דורכויס געוואָלט ווערן אַ יידישער אַקטיאָר. איך האָב עס דאַן גע־האַלטן פאַר אַ פאַרבייגייענדיקער שטימונג, אָדער סתם אַ חנדל פון אַ קריסטלעכן בחור וואָס ווינט צווישן יידן און וויל זיך צופּאַסן צו זיי.

ביי מיין ערשטן באַזוך אין בעלגיע און פּאַריז, האָב איך אינעם אָנ־געגאָסענעם און פאַרנאַכלעסיקטן „ראזאניאָר״ מיט דער טיפער באַסשטימע און פאַרלאָפענע אויגן פון אַן אַלקאָהאָליקער דערקענט דעם אַמאָליקן שלאַנקן און עלעגאַנטן וואָלדעמאַר היינצע. ער איז געווען אַ נוצלעכער און גוטגעזעענער אַקטיאָר, אַ גוטער חבר און האַרציקער מענטש. ווען ער איז געווען ניכטער, איז געווען אָנגענעם צו שמועסן מיט אים. ווען ער פלעגט זיך אָנטרינקען, פלעגט מען פון דער ווייטנס הערן זיין דונערנדיקע שטים, זיינע זידלערייען און באַשולדיקונגען. ווען פלעגט ער באַשול־דיקן? צי די אַמאָליקע לייכטזיניקייט, וואָס האָט אים דערפירט צו זיין אַן אַסטראָווסקיס „שמאַגאַ״, אַ בראַדיאַגע אין יידישן טעאַטער?... צי די גלייכגילטיקייט פון פאָלק, מיט וועלכן ער האָט זיך באַהאָפטן און נישט געוואָרן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט?... אין וואָסער שטימונג ער זאָל אָבער נישט האָבן געווען, ווי שטאַרק דער אַלקאָהאָל זאָל אים נישט האָבן באַ־הערשט, — האָט זיך אָבער פון היינצען קיין מאָל נישט געהערט קיין טענה פון אַ פרעמדן. זיינע באַשולדיקונגען און זידלערייען זענען קיין מאָל נישט אַרויס פון די ראַמען פון מישפּחהדיקייט. פאַרקערט, ווען ער האָט אייך געוואָלט אין עפּעס איבערצייגן, פלעגט ער זיך קלאַפּן מיט זיין מעכ־טיקער פויסט אין ברוסט און שרייען: „ווי איר זעט מיך אַ יידן!״, „איז מיין נאָמען נישט יידי!״...

היינצע איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון יידישן אַקטיאָרנטום אין מערב־אייראָפּע. ער האָט זיך אויך בעת דער נאַציסטער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך נישט אָפּגעקערט פון אים. לעבנגעבליבענע אַקטיאָרן האָבן פיל גוטס צו דערציילן וועגן זיין מענטשלעכער און חברישער אויפפירונג בעת דער אָקופּאַציע. ווען ער איז מיט אייניקע יאָר צוריק געשטאָרבן אין פּאַ־ריז, האָבן אים זיינע חברים אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד ווי אַ פאַרדינסט־

פולן יידישן אַקטיאָר, גוטן חבר און מערקווירדיקער דערשיינונג ווי איי־
נער פון די חסידי־אומות־העולם.

**

פאַר אונדזער אָנקומען קיין פּאַריז, האָבן דאָרט געשפּילט יוליוס אַדלער און רודאָלף זאַסלאַווסקי. דערוויסנדיק זיך וועגן מיינע פאַרשטייענדיקע אויפטריטן אין פּאַריז, האָבן זיי געהאַלטן פאַר רעכט „אָפּצושפּילן" מיין רעפּערטואַר, כדי מיך אַזוי אַרום „אומשעדלעך" צו מאַכן. אַ טיפּישער אַקט פון „עטישער" קאָנקורענץ אינעם יידישן טעאַטער. צוויי קאָנקורענטן פאַראייניקן זיך, כדי אומשעדלעך צו מאַכן דעם דריטן. די „פּאַר־אייניקטע" האָבן נישט געהאַט קיין רעכט אויף „אָנקל מאָזעס", וואָס איז געווען אַנאָנסירט צו מיין דעביוט. האָבן זיי באַשלאָסן „אויסצוכאַפּן" „שבתי צבי", איינע פון מיינע פּאָפּולערסטע ראָלן צו יענער צייט.

ווען ס׳איז אָבער דערגאַנגען צום אויסשטעלן דעם אַפיש, דאָס הייסט, ווער פון די ביידע קאָנקורענטן זאָל זיין אַנאָנסירט דער ערשטער, איז זיך דאָס שותפות צעפאַלן און מיין „שבתי צבי" איז געוואָרן אָפּגעראַטעוועט... די גרויס פון די אותיות און דאָס אָרט אויפן אַפיש, פלעגט אָפּט מאָל גורם זיין אַרבעטלאָזיקייט, הונגער און אַפילו פאַמיליע־טראַגעדיעס. איז טאַקע זאַסלאַווסקי באַלד אָפּגעפאָרן און אַדלער האָט זיך אַ לענגערע צייט אַרומגעדרייט אָן אַ קנעלונג.

מיין טעאַטער־אַרבעט אין פּאַריז האָט מיך ווייניקער אינטערעסירט ווי פּאַריז גופא. ס׳איז געווען אַ סטאַנדאַרט־אַרבעט, אויפגעסטריגעוועט אויפן שפּרונג. יעדע וואָך אַ נייע פּיעסע, וואָס פלעגט געשפּילט ווערן נישט מער ווי אַ צוויי־דריי מאָל. מיר האָבן טאַקע באַוויזן אַריינצוציִען אַ נייעם עולם אין טעאַטער, דער עיקר יוגנט, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט פון אים. דאָך איז געווען שטאַרקער מיין פאַרדראָס, וואָס מיר דאַרפן פאַר זיי דערשיינען אין אַזעלכע טרויעריקע, נעבעכדיקע באַדינגונגען.

אמת, ס׳זענען געווען גוטע אָפּרופן אויך אין דער פראַנצויזישער און רוסישער פּרעסע; אמת, זשאַן לאָנגע, אַן אייניקל פון קאַרל מאַרקס, האָט געראָטן די פראַנצויזישע אַרבעטער־מאַסן צו גיין זען ווי יידן שפּילן הוגאָס „גלאָקנציִער פון נאָטער־דאַם" אין דער שפּראַך פון יידישע מאַסן, — און

געשפּילט האָבן מיר אים דווקא אין גרויסן „מוטואַליטע״־זאַל, נישט ווייט פון דער היסטאָרישער נאָטער־דאַם־קאַטעדראַל; אמת, מיר האָבן צוגעצויגן צו אונדזערע פאָרשטעלונגען אַ גרופּע יונגע קינסטלער, וואָס האָבן געזוכט אַ ביסל „יידישקייט״ אינעם גויִשן פּאַריז און עס כלומרשט געפינען אין אונדזערע פאָרשטעלונגען. זענען טאַקע געוואָרן אונדזערע שטענדיקע באַזוכער און חסידים די פּוילישע מאָלער־גרופּע: מענקעס, קאַנעלבאַ, ליכטענשטיין, בערלעווי, מערזער, וואָס פלעגן מיטברענגען, ווי אויף אַ בייז ווונדער, זייערע פראַנצויזישע חברים פון קופּאָל און דאָם. אמת, דער „היינט״ און „די פּרעסע״ האָבן אונדז נישט געקאַרגט קיין שבחים און מיר האָבן זיך געשאַפן גייע פריינד צווישן די יידישע זשורנאַליסטן אין פּאַריז. מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען מיט א. אַלפּערן, נ. פראַנק, כאַמסקי און הערן זייערע דערמוטיקונג־ווערטער. אַפילו דער תמיד־סודותפולער און פאַרביטערטער עוזר וואַרשאַווסקי פלעגט זיך צעשמייכלען אין אונדזער אַנוועזנהייט, — דאָס אַלץ האָט אָבער שוין ווייניק געווירקט אויף מיר. פאַר מיר איז דאָס יידישע טעאַטער, אַזוי ווי איך פאַרשטיי עס, געווען שוין אַ פאַרשפּילטע פּאָזיציע אין פּאַריז. סיידן קומען מיט אַן אייגענעם אַנסאַמבל, ווי דער „וויקט״ איז געפאָרן קיין רומעניע און אויפטרעטן אין אַ באַשטענדיקן, אַנטשפּרעכיקן טעאַטער. דאָס אָבער האָט מיר דאַן אויסגעוויזן צו זיין אומדערגרייכבאַרע צוקונפט־מוזיק. האָב איך מיך געטרייסט מיט די רייצן און קולטור־אוצרות פון פּאַריז.

ווען אידאַ קאַמינסקאַ האָט געענדיקט אירע גאַסטשפּילן אין בעלגיע, זענען מיר צוגעפאָרן אַהין, נאָך געגעבן צוזאַמען אייניקע פאָרשטעלונגען און זיך אומגעקערט קיין פּאַריז.

מיט אידאַס דעביוט איז אינאַוגורירט געוואָרן דער ריזיקער זאַל פון „מוטואַליטע״, ווו זי איז אויפגעטרעטן אין „דזשאַז־זינגער״. די דאָזיקע אַמעריקאַנער מעלאָדראַמע האָט אידאַ שוין געהאַט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין פּוילן און, צוליב אַל דזשאָנסאָנס פילם, איז עס געוואָרן פאַררעכנט פאַר אַ „קאַסע־פּיעסע״.

האָט טאַקע דער „מוטואַליטע״ מיט זיינע דריי טויזנט זיצפּלעצער אריינגענומען יענעם אָוונט קנאַפּע פיר טויזנט. די „דירעקטאָרן״ האָבן

זיך דערנאָך באַרימט מיט די ברילאַנטענע רינגען און גאָלדענע זייגערס וואָס זיי האָבן יענעם אָוונט אָפּגעשפּאָרט און מיר — האָבן קוים געהאַט אויף צו דעקן די רייזע־הוצאות פון בעלגיע און אויף אָפּצושיקן אונדזער טאָכטער אַהיים.

אַ חוץ פּאַריז האָבן מיר אויך באַזוכט מעץ און נאַנסי, אָבער די דאָזיקע נסיעות זענען לכתחילה נישט געווען אויסגערעכנט אויף גרויסע פאַרדינסטן, נאָר פּשוט — אויף צו געבן אַן אָטעם־פויזע דעם פּאַריזער עולם און אויף אויסצוגעפינען אַ נייעם שפּיל־אָרט... במשך פון אונדזער ווײַלן אין פּאַריז האָבן מיר געשפּילט כמעט יעדע וואָך אין אַן אַנדער זאַל, אַ חוץ די טראַדיציאָנעלע שבתים אין „לאַנקרי”. צום שבת פונעם פּאַריזער עולם זאָל געזאָגט ווערן, אַז זיי פלעגן אונדז נאָכגיין פון אָרט צו אָרט ווי געטרײַע חסידים. ס'איז מיר נאָר אַ חידוש געווען, ווי אַזוי זיי ווערן נישט דעזאָר־יענטירט ביים שטענדיקן בייטן פון שפּיל־אָרט.

**
*

מיר האָבן געוואָלט וואָס לענגער פאַרציִען אונדזערע אויפטריטן אין פּאַריז, ווײַל די ידיעות פון פּוילן זענען געווען אין אַלע הינזיכטן נישט קיין דערפרייענדיקע.

אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און דערפירט צו כוליגאַנישע אָנפאַלן אין וואַרשעווער, ווילנער אין לעמבערגער אוניווערסיטעטן. אין ווילנע איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט ד״ר מאַקס ווײַנרייך ביים אומקערן זיך פון אַ קאָנפערענץ אין דער וואַיעוווּדסטווע. אין פּרושקאָוו איז צעראַבירט געוואָרן אַ ייִדישע ביבליאָטעק, וואָס די רעגירונג־קרייזן האָבן נישט באַוויזן צו שליסן אין זייער קרייצצוג קעגן ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס. איבער דער גאָרער וועלט האָבן זיך געמערט פּראָטעסט־מיטינגען, פייערלעכע דעקלאַראַציעס, אויפרופן און ענלעכע „דעמאָקראַטישע” מיטלען. די פּוילישע רעאַקציע האָט זיך אָבער ווײַניק גענומען צום האַרצן די דאָזיקע ייִדישע „נערוועזיטעט” און ווײַטער געטריי געבליבן איר טראַדיציע פון איר אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק.

צו די דאָזיקע באַאומרויִקנדיקע ידיעות איז נאָך צוגעקומען אַן אומ־

געריכטע זאָרג וואָס האָט זיך ווי אַ שווערע לאַסט געלייגט אויף אונדזער געמיט. מיין יינגסטער ברודער יצחק האָט זיך פאַרקילט, אָנגעהויבן הוסטן און באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. לכתחילה האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, ביז מיר האָבן אים געצוווּנגען צו גיין צו אַ ספּעציאַליסט. אונדזער טעאַטער־דאָקטאָר, האָט פעסטגעשטעלט ביי אים אַן ערנסטע לונגען־קראַנקייט, וואָס אויב מע וועט זי באַצייטנס נישט פאַרכאַפּן קאָן זי זיך שלעכט ענדיקן. די דאָזיקע ידיעה — ווייט פון דער היים, ביי אומ־באַקוועמע האָטעל־באַדינגונגען — האָט אונדז גאָר שטאַרק באַאומרויִקט. אונדזערע פריינד האָבן רעקאָמענדירט פאַר אים אַ ספּעציעלן קוראָרט נישט ווייט פון פּאַריז און מיר פלעגן פון צייט צו צייט צופאָרן אים זען.

צום גליק האָט זיך דעם דאָקטערס דיאַגנאָז אַרויסגעוויזן פאַר איי־בערגעטריבן. יצחק האָט זיך שנעל אומגעקערט פונעם קוראָרט אַ פול־שטענדיק געזונטער.

***

פון די פּאַריזער צייטן ווילט זיך דערמאָנען דעם ווייטערדיקן עפּיזאָד:

בעת מיינעם אַ באַזוך אין אַ געזעלשאַפטלעכער ביליקער קיך פאַר יידישע סטודענטן, ווייזט מען מיר אָן אויף אַ זקן, וואָס איז געזעסן ביי אַ טישל אין אַ ווינקל און געקוקט פאַר זיך מיט אַ האַלבניכטערן, פאַרלאָ־שענעם בליק. זיין מערקווירדיק פּנים האָט געטראָגן סימנים פון טיפן צער, פון פאַרביטערונג. אַ מין „באַראָן" פון גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט", אָבער אָן יענעמס ציניזם. אַנשטאָט דעם — האָפענונגלאָזיקייט, רעזיגנאַציע.

— האָט איר געהערט פון אַ רוסישן שרייבער קופּרין? — פרעגט מיך מיין באַגלייטער — דאָס איז ער...

אַ ציטער איז מיר אַדורך איבערן לייב. איך האָב געוווּסט, אַז קופּרין פּראַוועט גלות אין פּאַריז, אָבער טרעפן אים אין אַזאַ צושטאַנד... איך האָב געדענקט זיין שיינעם קאָפּ פון די בילדער אויף די הילעס פון זיינע ווערק וואָס האָבן זיך געפינען אין מיין ביבליאָטעק; איך האָב אים גע־דענקט פון די אויפנאַמעס פאַר אים, דעם הויכן אָפיציר פון רויטן קרייץ, בעת ער איז אָנהייב מלחמה געקומען קיין וואַרשע און מיך געזוכט אין דער היים. דעמאָלט האָב איך — אַ יינגל — זיך געשעמט צו באַווייזן

פאַר אים ווי זיין איבערזעצער און האָב מיך אויסבאַהאַלטן פאַר אים. איצט אָבער האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט אַ האַרצקלאַפּן זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין טישל.

— איך בין טורקאָוו, אייער איבערזעצער אויף ייִדיש, טורקאָוו פון וואַרשע...

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק און, ווייזט אויס, גאָרנישט פאַרשטאַנען; בלויז אינסטינקטיוו האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ הייזעריקער שטימע: „וואַרשאַווא"...

— איר געדענקט, אַלעקסאַנדער איוואַניטש, געבעטן ביי אייך אַ דערלויבעניש איבערצוזעצן אייער איינאַקטער „קלאָון", איר דערמאָנט זיך: „קלאָון"...

עפּעס האָט אַ בליץ געטון אין זיין פאַרלאָשענעם בליק, אַ פונק פון ניכטערקייט האָט אַ שטראַל געטון פון אים. ער האָט אייניקע מאָל שטיל איבערגעחזרט: „קלאָון... קלאָון"... און גלייך ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין אַ וויכטיקער זאַך, שוין אויפן קול אויסגערופן: „יאַ פּליסאַל, יאַ פּליסאַל"!... דאָס איז געווען דאָס באַליבטע ווערטל פונעם אַלטן קלאָון, דער לייטמאָטיוו אין זיין פערזענלעכער טראַגעדיע; מיטן דאָזיקן פאַרקריפּלטן „יאַ פּרישאַל" (איך בין געקומען) פלעגט ער אַרויסלויפן אויף דער צירק־אַרענע און אַרויסרופן סאַלוון געלעכטער ביי די קינדער. פּלוצים איז דער קרענקלעכער שמייכל פאַרשוווּנדן פון קופּרינס פאַרחושכטן פּנים. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין די פאַרשוואָלענע אויגן. שאָקלענדיק טרויעריק מיטן קאָפּ, האָט ער לאַנג געשוויגן און פּלוצים אויסגעקרעכצט.

— אַ יאַ אושאָל! (און איך בין אַוועק) — און שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן טיש.

איך בין שנעל אַרויס כאַפּן לופט. אַ לאַנגע צייט האָט מיך פאַרפאָלגט זיין „און איך בין אַוועק"... סאַראַ האַרצרייסנדיקער ווײ־געשריי האָט זיך געהערט אין די דאָזיקע דריי ווערטער. סאַראַ חרטה, ווייטיק און בענקשאַפט.

ווען איך האָב אין אַ צייט אַרום געלייענט, אַז קופּרין האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, האָב איך מיך אויפריכטיק געפרייט פאַר אים. איך

האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט באַטראַכטן די רוסישע ערד מיט זיין באַליבטן „יאַ פּליסאַל״...

***

מיר האָבן זיך גראָד געפינען אין מעץ, ווו ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע וועגן אונדזער טאַטעס קראַנקייט. ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז אידאַ זאָל תיכף אָפּפאָרן אַ היים, און איך בין געקומען אַ קורצע צייט שפּעטער, נאָכן פאַרענדיקן דעם טורנײ.

25

קאָוונע — די ייִנגערע שוועסטער פון ווילנע

וואַרשע האָט מיך אַלע יאָרן געצויגן און געשראָקן. פון איין זייט: היים, מישפחה, פריינד, מעגלעכקייטן פאַר קינסטלערישן אויסלעבן זיך, פון דער אַנדערער: וועגעטאַציע, דאגות־פרנסה.

פאַר דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט זענען אין וואַרשע געמאַכט געוואָרן דערפאָלגרייכע טעאַטער־פּרוון: געווען אַ ריי געלונגענע פּרעמיערעס פון די „ווילנער״; מיין ברודער יאָנאָס, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזירער פונעם ערשטן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער אין קראָקע, האָט אויך געשאַפן אַן ענלעכע איניציאַטיוו אין וואַרשע און געגעבן אייניקע אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונגען; אינעם ייִדישן טעאַטער האָט זיך באַוויזן אַ נייער קינסטלערישער כוח, דער יונגער יעקב ראָטבוים, וואָס האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע ערשטע טריט ווי אַ זעלבשטענדיקער רעזשיסער; קינסטלערישע דערגרייכונגען האָט געהאַט צו פאַרצייכענען דאָס „יונג־טעאַטער״. ס'זענען געווען אינטערעסאַנטע רעווי־פּראָגראַמען פון בראָדערזאָן און נאָזשיק; ס'האָבן זיך אויסגעפורעמט אייניקע יונגע אַקטיאָרישע כוחות, ווי אסתר גאָלדנבערג, מאָנסדאָרף, הירשפעלד, קורלענדער, ליכט, מעלניק, בירנבוים, פּאָטאָשינסקי; אין דער רעווי — אַלאַ לילית, ראָזאַ גאָזעל, לאַלאַ פּאָלמאַן, מנשה אָפּפּענ־

היים, — געוועז אַלץ אויף צו שאַפן אַ קינסטלעריש טעאַטער פון אַלע זשאַנערס, נאָר — עפּעס האָט דאָך געפעלט!

אָט דער סודותדיקער „עפּעס" וואָס די קליגסטע קעפּ פון אונדזער געזעלשאַפט האָבן אים נישט געקאָנט דעפינירן.

זאָל עס זיין די גלייכגילטיקייט פון עולם? — פלעגן דאָך זיין סעזאָנען מיט גלענצנדיקע מאַטעריעלע רעזולטאַטן. אויך דער פּרעסע האָט מען אין דעם פּרט נישט געקאָנט מאַכן קיין פאָרווורפן — זי פלעגט שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אַלע פּאָזיטיווע דערשיינונגען אינעם יידישן טעאַטער. אמת, זי האָט אין דער זעלבער צייט געשטערט, שענקענדיק די זעלבע אויפמערקזאַמקייט די פאַרשידנסטע שונד־אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך געמערט ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

ווו־זשע איז דאָך געלעגן די שולד, ווו איז געווען פאַרבאָרגן דער דאָזיקער „עפּעס"?

איך גלייב, אַז טאַקע אין די אַקטיאָרישע רייען גופא און דער עיקר אין דער הינטערקוליסן־פּאָליטיקעריי פונעם אַרטיסטן־פאַראיין, וואָס פלעגט, אַנשטאָט צו צעמענטירן די אַקטיאָרישע רייען, פאַרטיילן זיי אין קליקעס, אַנטאַגאָניסטישע גרופּעס און יחידים.

אויב אין אַמעריקע האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער געקייקלט באַרגאַראָפּ צוליבן פאַראומרייניקן די יידישע שפּראַך מיט אַמעריקאַניזמען, זשאַרגאָניזירנדיק זי און אַרויסרופנדיק במילא גרינגשעצונג צו איר מצד דער יוגנט — האָט אין פּוילן, ווו די שפּראַך איז בדרך־כלל געוואָרן באַוווסטזיניק קולטיווירט, גורם געווען צו דער ירידה די פאַראיין־פּאָליטיק, וואָס האָט פערמענטירט די רייען פון די יידישע אַקטיאָרן.

אָט לייענען מיר אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פון 11טן מערץ 1932 אַזאַ אויפרוף:

„ב אַ ד ע נ ק ט   ז י ך ! (צו דעם ברודער־קאַמף אין דער יידישער אַרטיסטן־מישפּחה אין וואַרשע).

זינט עטלעכע חדשים געדויערט דער העפטיקער קאַמף וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין דער יידישער אַרטיסטן־מישפּחה. — — די לעצטע טעג איז דער קאַמף צווישן די אַרטיסטן אַריבער אין אַ נייער פאַזע: פּעטש, רעוואָלווערן, שווערע דראָונגען, מיטלען וואָס

קאָנען דערפירן דער רוח ווייסט וווהין. די ייִדישע געזעלשאַפט, די ייִדישע פּרעסע האָט דאָס פולע רעכט צו פאָדערן ביי ביידע צדדים: באַדענקט זיך! מאַכט נישט צו־שפּאָט און צו־שאַנד דעם ייִדישן אַר־טיסט און דאָס ייִדישע טעאַטער! מאַכט אַ סוף צום ברודער־קאַמף!".

אַנטרעפנדיק אַזאַ אַטמאָספער איז מען במילא געוואָרן אַפּהענטיק. די דאָזיקע „קאַמפן" און הינטערקוליסן־פּאָליטיק האָבן מיך פון תמיד אָן געעקלט. איך האָב מיך אויך דאָס מאָל געהאַלטן ווייט דערפון און אויף גיך איינרעפּעטירט אַ דרייפּערזאָניקע פּיעסע, „דער איינציקער מענטש", וואָס מיין ברודער יצחק האָט אָנגעשריבן פאַר מיר. יצחק איז געווען דער הויפּטצושטעלער פון קאַמעראַלע פּיעסן מיט אַנטשפּרעכיקע ראָלן פאַר מיינע טורנייען מיט אידאַ קאַמינסקאַ. „דער איינציקער מענטש" איז שוין געווען געשריבן ספּעציעל פאַר מיר מיט אַ פּרויענראָל פאַר דער יונגער אַקטריסע ראָמאַ לערער, די שפּעטערדיקע פרוי פון קורט קאַטש, און פאַר נאָך איין מאַן, וועלכן ער אַליין, מיין ברודער יצחק האָט געשפּילט.

דער דאָזיקער טורניי האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, אַפילו נישט מיטן געוויינטלעכן מאַטעריעלן דערפאָלג, וואָס פלעגט באַגלייטן אונדזערע פּראָווינץ־אויפטריטן. איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אָן אַ נישט־געלונגענעם פּרווו פון אַ ספּאָראַדישער אויפפירונג אין וואַרשעווער „עלי־זעום" פון טאָלסטאָי־שטשעגלאָווס „ראַספּוטין". די טרופּע איז געוואָרן גיך צונויפגעשטעלט פונעם אימפּרעסאַריאָ יאַנקעלע דאַנציקער, וואָס האָט מיר פאַרגעלייגט אויפצוטרעטן מיט איר. אַזוי ווי אַלץ אין דעם דאָזיקן פּרווו איז געווען צופעליק, איז אויך געווען צופעליק דער אויסוואַל פון דער פּיעסע, דער שוואַכקאָנסטרויִרטער, כלומרשט־סענסאַציאָנעלער סצע־נישער רעפּאָרטאַזש.

די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום דערגרייכונג, אַ חוץ אָן אָנגענעמע צוזאַמענאַרבעט מיט אַ יונגער אַקטריסע וואָס האָט אין איר אַנטיילגענומען: רחל האָלצער.

די צווישנצייט פון ביידע וועלט־מילחמות האָט אַרויסגעגעבן אַ שיי־נעם בוקעט פון יונגע טאַלענטירטע אַקטריסעס, וואָס האָבן באַשיינט דאָס ייִדישע טעאַטער און אַריינגעבראַכט אין אים פרישקייט, קולטור און באַצויונג.

במשך פון דער דאָזיקער תקופה איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן מיט די בעסטע פון זיי און איך טראָג אין האַרצן א טיפן סענטימענט צו דער דאָזיקער גענעראַציע פון נייע טאַלענטן, וואָס אייניקע האָבן געקאָנט מאַכן קאַריערע אויף דער פּוילישער בינע און פון דעסטוועגן זיך איינגעשפּאַנט אינעם שווערן וואָגן פון יידישן טעאַטער.

אַזוי איז מיר אויסגעקומען אינעם אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן צו שפּילן מיט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, באַלד דערנאָך מיט דיאַנאַ בלומענפעלד, דינה האַלפּערן, רחל האָלצער, מאַלי פּיקוס און די לעצטע יאָרן, ערב מילחמה־אויסברוך, מיט עני ליטאַן. געווען נאָך אַ טאַלענטירטע אַקטריסע, דאָראַ פאַקעל פון „יונג־טעאַטער״, וואָס האָט זיך געהאַט באַטייליקט ווי אַ סטאַטיסטין אין מיין „גלאָקנציער פון נאָטער־דאַם״. אין דער צייט פון איר אויפבלי איז מיר נישט אויסגעקומען מיט איר צו שפּילן, זי האָט אָבער געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט מיט אייניקע שיינע לייסטונגען אינעם דערמאָנטן טעאַטער.

ווי געזאָגט האָט מיר די אויפפירונג פון „ראַספּוטין״ געגעבן די געלעגנהייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט רחל האָלצער.

אַ טאָכטער פון אַ פּראָלעטאַרישער פאַמיליע, — איר פאָטער, איינער פון די גרינדער פון דער קראָקעווער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, — האָט זי פון קינדערוויַיז אָן איינגעזאַפּט אין זיך די צוגעבונדנקייט צום אַרבעטער־קלאַס און איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע חברטעס פון „בונד״. צוגלייך מיט יעקב ווייסליץ איז זי געוואָרן דאָרט פאַרעכנט פאַר אַן אייגענעם מענטש. זעלטן עס פלעגט פּאַרקומען אַ פייערלעכקייט אָדער עפנטלעכער אַקט פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, אין וועלכער רחל האָלצער זאָל נישט אָנטיילנעמען. באַזיצנדיק אַ גלענצנדיקע דיקציע און אַ זעלטענעם טעמבער פון דער שטים, — האָט זי אויף אַ געשולטן אופן זיך דערמיט באַנוצט. זי איז געווען די געשווירענע רעציטאַטאָרין פון פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע און באַמבאַסטישן מאָנאָלאָג וואָס איז דאַן געווען אין דער מאָדע.

רחל האָלצער האָט באַקומען איר אַלגעמיינע־און טעאַטער־אויסבילדונג אין דער פּוילישער שפּראַך, אין וועלכער זי האָט אויך אָנגעהויבן צו

שפּילן. צום ייִדישן טעאַטער איז זי געוואָרן צוגעצויגן דורך מיין ברודער יאַנאַס. פון דעמאָלט אָן איז זי שוין פאַרבליבן אַ ייִדישע אַקטריסע־רעצי־טאַטאָרין. נאָך יאַנאַסעס סעזאָן מיטן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער אין קראָ־קע, האָט זי מיטגעמאַכט די געוויינטלעכע וואַנדערונגען פון אַ ייִדישן אַק־טיאָר, פון טרופּע צו טרופּע, פון שטאָט צו שטאָט, געשפּילט מיט די „ווילנער", מיט מאַרעוווסקי, פּאַטאַצקאַ, גראַנאַך, קאַטש, באַראַטאַוו און אַנדערע גאַסטראָליאָרן פונעם בעסערן ייִדישן טעאַטער.

און אָט האָט האַלצער אַ בליץ געטון אין דער ראָל פון דער רוסישער זעלבסטהערשערין אין „ראַספּוטין" און — אויב ס'איז געווען עפּעס פּאָזיטיוס אין דער דאָזיקער פאַרשטעלונג — איז עס קודם־כל געווען די געשטאַלט פון דער צאַרין און איר אינטערפּרעטאַציע.

נאָך אונדזער דעמאָלטיקן צוזאַמענשפּיל אין „עליזעום" איז מיר שפּע־טער נאָך אויסגעקומען צו שפּילן אייניקע מאָל מיט איר. איך האָב געהאַט די סאַטיספאַקציע צו זען, ווי די דאָזיקע אינטעליגענטע קינסטלערין איז געוואַקסן פון ראָל צו ראָל, ביז זי האָט געשאַפן איר אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט פון חיה־שרהקע אין מיין אויפפירונג פון ז. שניאורס „נח פּאַנדרע".

די מלחמה האָט צעריסן דעם דאָזיקן שיינעם בוקעט פון אונדזערע אַקטריסעס און פונאַנדערגעוואָרפן די בלומען איבער פאַרשידענע וועלט־טיילן: דיאַנאַ בלומענפעלד און דינה האַלפּערן אין אַמעריקע, רחל האָל־צער אין אויסטראַליע, עני ליטאַן אין אַרגענטינע. אַלע טיילן זיי דעם גורל פון ייִדישן טעאַטער: קינסטלערישע וועגעטאַציע.

***

אין דער צייט וואָס איך האָב געשפּילט „ראַספּוטין" איז אידאַ קאַ־מינסקאַ אויפגעטראָטן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אין אַן אָרי־גינעלער פּיעסע פון דער פּוילישער שרייבערין מאַראַזאָוויטש־שטשעפּקאָוו־סקאַ „מיר פרויען". די פּיעסע איז לכתחילה געשפּילט געוואָרן אינעם פּוילישן אַוואַנגאַרד־טעאַטער „רעדוטאַ" און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען נישט מער ווי דריי פרויען.

הגם אַ גאַנץ באַנאַלער דרייעק־סוזשעט, האָט אָבער די פּיעסע געהאַט אַ גלענצנדיקן דיאַלאָג, „גוטע" ראָלן פאַר דריי אַקטריסעס און געהאַלטן דעם עולם אין שפּאַנונג במשך די דריי אַקטן. מיר האָבן געאַרבעט גלייכ־צייטיק אויף צוויי פּראָנטן און, נישט געקוקט אויף דער גרויסער אָנ־שטרענגונג, געמוזט כסדר שרייבן נייע וועקסלען, כדי אויסצוקויפן די אַלטע.

מיט דער פּיעסע „מיר פרויען" בינדט מיך אַן אינטערעסאַנטער בריוו־אויסטויש מיט איר מחברין, מאַריאַ מאַראַזאָוויטש־שטשעפּקאָווסקאַ.

אָנפירנדיק בעת די מילחמה־יאָרן מיט אַ דראַמקרייז ביי דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק אין בראַזיל, האָב איך באַאַרבעט די דערמאָנטע פּיעסע, צוגעפּאַסט זי צו די לאָקאַלע באַדינגונגען און פאַדערונגען פון דער צייט און זי אויפגעפירט מיט מיין פרוי ראָזאַ, אידאַ שאַפּראַן־גאָמעז און אַידאַ קאַמענעצקי — דריי גלענצנדיקע אַקטריסעס־אַמאַטאָרינס.

ווי תמיד אין מיין טעאַטער־טעטיקייט, האָב איך אויך אין בראַזיל אָפּגעהיט די רעכט פונעם מחבר, אויפגעזוכט דער מאַראַזאָוויטשעס אַד־רעס אין פּוילן און, אָנשטאָט געלט, איר צוגעשיקט פּעקלעך קאַווע. איך האָב פון איר באַקומען אַ ביז גאָר הירנדיקן בריוו, אין וועלכן זי באַקלאָגט זיך אויף דער קריטישער לאַגע פון מחברים, וואָס ווערן אויסגענוצט פון נישט־ערלעכע טעאַטער־דירעקטאָרן און זי באַוווּנדערט, וואָס אין ווייטן בראַזיל האָט זיך געפינען אַ טעאַטער־מענטש מיט באַציונג צום מחבר און צו זיין אַרבעט. די דאָזיקע טאַנטיעמע פון „תוצרת בראַזיל" האָט געהאַט פאַר איר מער ווערט פון יעדער וואַלוטע...

אין דער צייט פון אונדזערע אויפטריטן אין וואַרשע האָט זיך דאָרט געפינען די אַמעריקאַנער אַקטריסע צילי אַדלער. פון איין זייט האָבן מיר באַוווּנדערט איר גרויסן טאַלענט און פון דער צווייטער באַדויערט, וואָס ער געפינט נישט פאַר זיך קיין תיקון צוליבן ביליקן מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר.

ווען זי האָט געגעבן קאָנצערט אין די „גרינע פעלדער" האָט דער זאַל געפּוסטעוועט. דאָס מוסר־זאָגן און פאַרוואַרפן פון דער פּרעסע האָט וויי־ניק געהאָלפן. דאָס קאָמערציעלע טעאַטער האָט שנעל געביטן די סחורה

און די פֿאַרשידענע „מאַמעס" און „הערצער" האָבן אָנגעהויבן צו „צי׳ען".

מיר פּלעגן אָפֿט פֿאַרברענגען מיט דער קלוגער צילי אַדלער און איר מאַן. איך האָב אין איר געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿונעם יידישן טעאַטער און זיינע אַנטוויקלונג־עטאַפּן, אָנהייבנדיק מיט דער טראַדיציע פֿון איר גרויסן טאַטן, יעקב אַדלער, ביז מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער. דער סך־הכל איז געווען אַ טרויעריקער: גלאָריע־רייכע פֿאַרגאַנגענהייט, טרויע־ריקע קעגנוואַרט און האָפֿענונגלאָזע צוקונפֿט.

די באַמבאַסטישע אויפֿרופֿן און פֿייערלעכע דעקלאַראַציעס זענען גע־ווען נישט מער ווי חלשות־טראָפּן פֿאַר באַנקעטן. דער אמת איז ווייט נישט געווען אָפּטימיסטיש. אַזוי ביי אונדז אין אייראָפּע, אַזוי אין אַמע־ריקע.

***

ביי אַ צופֿעליקן געשפּרעך מיט מיין פֿריינד שלמה מענדעלסאָן, וואָס פֿלעגט תמיד נעמען אַ נאָענטן אָנטייל אין מיינע ראַנגלענישן, איז אויפֿ־געשוווּמען דער געדאַנק פֿון אַ יובילײ פֿון מיין פֿופֿצניאָריקער אַרטיסטי־שער טעטיקייט.

מענדעלסאָן האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו און די אָרגאַני־זאַציע פֿון אַזאַ „פֿייערלעכקייט", וואָס וואָלט מיך געקאָנט אַרויסשלעפּן פֿון דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע און צוטראָגן אַ ביסל דערמוטיקונג, אין וועלכער יעדער קינסטלער נייטיקט זיך שטאַרק.

דער ענערגישער מענדעלסאָן האָט באַוויזן אין אַ קורצער צייט צו שאַפֿן אַ רעפּרעזענטאַטיוון יובל־קאָמיטעט, מאַכן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע און צושיקן מודעות איבער דער יידישער וועלט וועגן דער „גרויסער גע־שעעניש".

און אָט קומט פֿאָר אין קאַמינסקיס טעאַטער אַ פֿייערלעכער אַקט מיטן אָנטייל פֿון אַרטיסטן פֿון אַלע וואַרשעווער טעאַטערס. איך באַקום טעלעגראַמעס, באַגריסונגען, בלומען; ס׳ווערן געהאַלטן וואַרעמע רעדעס. — איך ענטפֿער, אַ גערירטער, צעשיק דאַנקבריוו דורך דער פּרעסע און — ס׳איז פֿאַרבליבן קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן.

פֿאַר אונדזערע נאָענטע איז געווען קלאָר, אַז דער דאָזיקער יובילײ

איז געווען „אַרויסגערופן" אויף אַ קינסטלעכן אופן. די דאָטע פופצן יאָר איז דאָך נישט קיין דאַטע אויף צו פּראַווען יובילייען. האָט מען געמוזט קנייפּן די באַק, די פאַרב זאָל שטיין, אָנהאַלטן פּאָסאַן און אַרויספאָרן מיט אַ יובל־טורניי איבער דער פּראָווינץ.

מיין צוואַנציק־יאָריקער טעאַטער־יובילײ, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1936 אין מעקסיקע, איז געווען אַ סך אימפּאָזאַנטער און יום־טובדיקער. ס'איז געווען די ערשטע יובל־פייערונג פון אַ יידישן קינסטלער אינעם לאַנד פון די אַצטעקן, בעת אין וואַרשע פלעגן יעדע פאַר וואָכן פאָרקומען ענ־לעכע יום־טובים. אגב, דעם מעקסיקאַנער יובל האָט אויך אָרגאַניזירט מיינער אַ שול־חבר, סאַלאָמאָן קאַהאַן, אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טוער אינעם ווייטן מעקסיקע.

נאָכן יובילײ־טורניי האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן פון איין טרופּע צו דער אַנדערער ווי אַ גאַסטשפּילער. לכתחילה ביי די „ווילנער" אין לאָדזש מיט מיין אויסגעפּרוּווטן „אָנקל מאָזעס".

זינט דעם יאָר 1921, ווען איך בין צוזאַמען מיט אידאַ קאַמינסקאַ אויפגעטראָטן ביי די ווילנער אין וואַרשע, אין „אייפערזוכט" און „גאָט פון נקמה", איז דאָס געווען מיין צווייטע צוזאַמענאַרבעט מיט מ. מאַזאָ, דעם דירעקטאָר פון דעם טעאַטער. מאַזאָ איז דאַן שוין געווען דער אייב־ציקער ווילנער אין דער „ווילנער טרופּע", איינער פון די מיטגרינדער פון „פאַדאַ", וואָס איז פאַרבליבן געטריי דעם טעאַטער ביזן סוף פון זיין לעבן. די איבעריקע — געוועזענע אַבסאָלווענטן פון דער הערמאַן־סטודיע, מיט ווייסליצן בראָש — זענען נישט געווען קיין ווילנער. דאָ האָבן זיך געפינען אַקטיאָרן נישט נאָר פון פאַרשידענע פּוילישע שטעט, נאָר אַפילו אַ רומענערין, אסתר גאָלדענבערג, וואָס איז נאָכגעפאָרן די „ווילנער" פון קעשענעוו און שוין פאַרבליבן אַ „ווילנערין" ביזן סוף פון איר יונג־פאַרשניטן לעבן אין וואַרשעווער געטאָ.

נאָך די „ווילנער" בין איך אויפגעטראָטן מיטן „גלאַקנציער" אין ביאַ־ליסטאָק מיט אַן אָרטיקער טרופּע, אָנגעפירט פון גרינהויז און ווייסהאָף, אַ חוץ דער דאָזיקער גרויסער אויפפירונג פון מיין געשפּילטן רעפּערטואַר, האָב איך מיך דאָרט אָפּגעפרישט מיט צוויי נייע פּיעסן: „קאַמף און פאַר־

ראַט״ פון אַסיף דימאָוו און „ד״ר לעווי״ פון מאַיקל גאָלד. אגב, די לעצטע האָב איך באַקומען במתנה פונעם אַמעריקאַנער אַקטיאָר דזשוליס נאַטאַנסאָן, וואָס האָט דאַן גאַסטראָלירט אין פּוילן. אַ זעלטענער זשעסט אין דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע!

די דערמאָנטע צוויי פּיעסן זענען פאַרבליבן אַ לענגערע צייט אין מיין רעפּערטואַר און פלעגן מיר דערמאָנען אָן דער יונגער, חנעוודיקער רייזל ליבראַווסקאַ, וואָס האָט אין זיי געשפּילט די הויפּטראָלן. רייזל ליבראַווסקאַ האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ביי דער זייט פון דינה האַלפּערן און רחל האָלצער אינעם גרויסן וואַרשעווער סעזאָן פון יאָר 1936. זי איז שוין דאַן געווען די פרוי פון מאַקס באָזשיק און די מוטער פון דער קליינער זיסעלע, וואָס איך פלעג זי רופן אין נוסח גאַרדין: „זיסל קרוינעס״.

מיט די זעלבע פאָרשטעלונגען האָבן מיר באַזוכט גראָדנע און איך האָב באַדויערט, וואָס איך קאָן נישט פאַרבלייבן קיין לענגערע צייט מיט דער סימפּאַטישער ביאַליסטאָקער טרופּע.

קיין וואַרשע האָבן מיך גערופן, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, וויכטיקע פּלענער, וואָס זענען רייף געוואָרן צו ווערן רעאַליזירט.

**
*

דאָס טעאַטער, וואָס איך האָב נאָך פאַרטראַכט זייענדיק ביי די „ווילנער״, האָט זיך געזאָלט רופן „פּאַקט״, פאַראייניקטע אַקטיאָרן.

די עקזיסטירנדיקע טרופּעס זענען געוויינטלעך באַשטאַנען פון איין „שטערן״, אַרומגערינגלט מיט „אַנסאַמבל־אַקטיאָרן״, שאַפנדיק, אַזוי אַרום, שטאַרקע קאָנטראַסטן אין שפּילן. אָפט מאָל פלעגן דאָס זיין פאָרשטעלונגען, וואָס די „אַנסאַמבלען״ פלעגן שטערן דעם גוטן אַקטיאָר זיך צו אַנטפּלעקן אין זיין גאַנצער גרויס און במילא פאַרמינערן זיין לייסטונג־פעיקייט. פאַרוואָס־זשע זאָלן זיך נישט צונויפנעמען אונדזערע בעסטע אַקטיאָרן און שאַפן אַ באמת רעפּרעזענטאַטיוו טעאַטער, אַ פאַרמעסט פון כוחות: אַ פאַרמעסט, וואָס אינספּירירט און וועקט קינסטלערישע אַמביציע? דער דעוויז „פּאַקט״ האָט באַדאַרפט זיין: נישטאָ קיין קליינע ראָלן, אַלע ראָלן זענען גרויס, ווען זיי ווערן געשפּילט דורך גוטע אַקטיאָרן. דער גאַסט־

ראָלן־סיסטעם איז דער קבֿרן פֿון טעאַטער; לאָמיר אויפֿלעבן דאָס טעאַטער פֿון אַקטיאָר, אַן וועלכן טעאַטער איז נישט קיין טעאַטער. לאָמיר באַפֿרייען דאָס טעאַטער פֿון דער קאָמערציעלער השפּעה און אומקערן אים זיין בכּבֿודיקע שליחות וואָס איז געוואָרן פּראָפֿאַנירט און פֿאַרשוועכט.

איך האָב פֿאַרטראַכט אַ פֿאַראייניקונג פֿון די בעסטע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך דאַן געפֿינען אין לאַנד: אידאַ קאַמינסקאַ, לידיאַ פּאָטאָצקאַ, געניאַ שליט, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש; מענער: מאָרעווסקי, סאַמבערג, קוטנער, זאַסלאַווסקי, אַלעקס שטיין און איך.

דער שדכן אינעם דאָזיקן זיווג האָט באַדאַרפֿט זיין דודל העלפֿמאַן, וועלכן איך האָב צוגעשיקט פֿון וועג אינסטרוקציעס מיט וועמען צו פֿאַרהאַנדלען.

אומקערנדיק זיך פֿון טורניי קיין וואַרשע, זענען מיר שוין צוגעטראָטן צו קאָנקרעטע, פּערזענלעכע פֿאַרהאַנדלונגען. אידאַ קאַמינסקאַ און לידיאַ פּאָטאָצקאַ זענען געווען פֿאַרבינדן מיט זייערע טרופּעס און האָבן דערייבער נישט געקאָנט גענומען ווערן אין אַכט פֿאַר דער נייער איניציאַטיוו.

ס'איז פֿאָרגעקומען די ערשטע באַגעגעניש פֿון די פֿאַראינטערעסירטע אַקטיאָרן: סאַמבערג, מאָרעווסקי, זאַסלאַווסקי, אַלעקס שטיין און איך. די פֿאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זאַסלאַווסקיס אַ קליינעם האָטעל־צימער און האָט זיך פֿאַרצויגן ביז פֿאַרטאָג. מיר זענען זיך צעגאַנגען מיט גאָרנישט.

מיר איז דאַן קלאָר געוואָרן, אַז ווי טאַלענטירט דער אַקטיאָר זאָל נישט זיין, קאָן ער זיך איינגלידערן אין אַ קינסטלערישן קאָלעקטיוו נאָר דאַן, ווען ער באַזיצט די געהעריקע צוגרייטונג, געזעלשאַפֿטלעכע אחריות און דער עיקר — ליבע צום טעאַטער. אונדזערע חבֿרים האָבן קודם־כּל ליב געהאַט ז י ך אין טעאַטער און געווען בלינד אין זייער עגאָצענטרישקייט צו אַלץ און צו אַלעמען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פֿון „און וואָס וועל א י ך דאַרפֿט טאָן? — ווער וועט דאָס מיר באַשטימען ראָלן? — וואָס הייסט, איך גלייך מיט אים? — ווען איך שפּיל אַ הויפּטראָל וויל איך זיין אַנאָנסירט גרויס"... סטערעאָטיפּישע אַקטיאָרישע טענות פֿון אַלטן יידישן טעאַטער.

גאָר אין גיכן האָט זיך אונדזער אסיפה צעטיילט אין צווייען: די ערשטע גרופּע: זאַסלאַווסקי מיט סאַמבערגן און די צווייטע: מאָרעווסקי, שטיין און איך. פון איין זייט — אַקטיאָרן וואָס שטעקן נאָך אינעם אַלטן יידישן טעאַטער, פון דער צווייטער — צילבאַוווסטע וואָס ווילן אים רע־פאָרמירן. צוויי קעגנגעזעצטע פּאָלוסן. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער שידוך איז נישט קיין פּאַסיקער.

דאָס נייע טעאַטער מוז געשאַפן ווערן פון נייע מענטש. יענע אַסיפה האָט אונדז אָן איבעריק מאָל באַשטעטיקט די דאָזיקע אַקסיאָמע. ס'איז געווען פּיינלעך, וואָס אַזעלכע אָנגעזעענע אַקטיאָרן קאָנען זיך נישט פאַר־אייניקן, ווייל צו אַ פּאַראייניקונג איז נייטיק אַ געמיינזאַמע שפּראַך, אָדער, לכל־הפּחות, אַ פאַרלאַנג זי צו געפינען. מיר זענען זיך צעגאַנגען מיט גאָרנישט.

אין גיכן איז אַנטשטאַנען דער „פאַקט". נישט האָבנדיק לכתחילה קיין סטאַבילן בנין האָט דאָס טעאַטער געמוזט טראָגן אַ באַוועגלעכן כאַ־ראַקטער. אין מערץ איז אַרויס דער ערשטער אַנאָנס:

גאַסטשפּילן פון פאַראייניקטע אַקטיאָרן „פ אַ ק ט"

אונטער דער אָנפירונג פון זיגמונט טורקאָוו און אַלעקס שטיין.

אין די הויפּטראָלן: אברהם מאָרעווסקי, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, געניאַ שליט, זיגמונט טורקאָוו און אַלעקס שטיין.

דער נאָענטסטער רעפּערטואַר (נייע אויפפירונגען): א. נירוא — „פאַרקויפטע נשמות"; מ. גאָלד: „ד"ר לעווי"; אַלטער קאַציזנע: „אין קריזיס"; אַלסבערג און האָזע: „אויספאָרשונג".

באַגייונגען: אָסיפּ דימאָוו: „דער זינגער פון זיין טרויער"; ש. אַנ־סקי: „דיבוק"; אַלטער קאַציזנע: „דוכוס".

רעזשיסערן: זיגמונט טורקאָוו, אברהם מאָרעווסקי, מנחם רובין, אַלעקס שטיין; פאָרשטייער פון דער טרופּע: דוד העלפמאַן.

ערשטע אויפפירונג: אין לאָדזשער „סקאַלאַ"־טעאַטער.

ווי ס׳איז צו זען, געפינט זיך צווישן די רעזשיסערן אויך מנחם רו־בין, וואָס האָט, נאָכן אומקערן זיך פון רוסלאַנד, אַרויסגערופן סענסאַציע מיט זיינע אויפפירונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דאָרט. זיין „גרויסער געווינס״, לויט שלום־עליכמען, האָט ממש געגומען וואַרשע מיט שטורעם צוליב דער נייקייט פון פאָרעם, רייכקייט פון אויסשטאַטונג און הערלעכער מוזיק. ווען רובין האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר זוכן אַ פּיעסע אין וועלכער מיר אַלע זאָלן האָבן אַנטשפּרעכיקע ראָלן, האָט ער אונדז פאָרגעלייגט „די פאַרקויפטע נשמות״, אַ שאַרפע געזעלשאַפטלעכע סאַטירע, וואָס איז אין רוסלאַנד געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אַליין איבערגענומען די רעזשי פון דער פאָרשטעלונג.

פאַרן אָפּפאָרן פון וואַרשע איז אין אונדזער דירה געפּראַוועט געוואָרן אַ פייערלעכער באַנקעט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט אַרטיסטן, שרייבער, זשורנאַליסטן. אַלע האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אונדזער פאַראייניקונג, מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט צו זאָרגן וועגן אַ סטאַבילן טעאַטער אין וואַרשע. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. חברה האָי זיך צעזונגען, צעטאַנצט.

אַלטער קאַציזנע האָט זיך דערקלערט אַלעמען אין ליבע, דער עיקר אונדזערע אַקטריסעס. ער האָט באַדויערט, וואָס מיר האָבן נישט קיין גרעסערן פּרויען־אַנסאַמבל, געהאַט טענות צו מחברים וואָס שרייבן פּיעסן מיט אַ סך מענער און פאַרזעען די פרויען. צום סוף האָט ער געטון אַ פייערלעכן נדר אָנצושרייבן אַ פּיעסע פאַר בלויז פרויען, אָן איין מאַן, — און טוט אים עפּעס!

איציק מאַנגער האָט אימפּראָוויזירט גראַמען און געזונגען בעסאַראַבער מאָטיוון און דאַינעס. נאָך יעדן ניגון — אַ כוס: פאַרן דערפאָלג פון „פאַקט״ — אַ כוס, פאַר יעדן פון אונדז באַזונדער — אַ כוס. אַ פאַקט איז געווען אַז ער איז שוין פאַרבליבן נעכטיקן ביי אונדז...

ווייזט אויס, אַז דער „פאַקט״ איז געקומען אויף דער וועלט אין „נישט קיין מזלדיקער״ שעה, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט דער פילאָזאָפירנדיקער דירעקטאָר פון לאָדזשער „סקאַלאַ״־טעאַטער, אָן אייגנטימער פון אַ קאַפעהויז און אייער־סוחר.

— וואָס קומט מיר אַרויס — פאַקט־שמאַקט, אַז דאָס ביסעלע מזל איז נישטאָ...

דער שלימזל האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אינעם טאָג פון אונדזער פייערלעכן דעביוט. דער בר־מזלדיקער דירעקטאָר האָט געזוכט צו מאַכן געשעפט מיטן טעאַטער־בנין, ווי ער פלעגט עס טון מיט די אייער און האָט פאַרדונגען דאָס טעאַטער אינעם טאָג פון אונדזער פרעמיערע — פאַר אַ באַקסמעטש... דער מעטש האָט זיך געענדיקט צען אין אָוונט, לאָזנדיק וואַרטן דעם פאַרזאַמלטן עולם אין פאָיע פון טעאַטער, ביז די „באָקסערס" אויף דער בינע האָבן זיך פאַרענדיקט...

באַליידיקטע, אויפגערעגטע זענען מיר צוגעטראָטן צו דער פאַר־שטעלונג אַן דעם יום־טובדיקן פיבער, פון וועלכן די באָקסער האָבן אונדז באַרויבט. פון דער צווייטער זייט ראַמפּע האָט זיך געפינען אַ נישט־ווײַ־ניקער אויפגערעגטער און באַליידיקטער עולם, וועלכן מ'האָט געצוווּנגען אַזוי לאַנג צו וואַרטן אין דרויסן. קאַלטקייט פון זאַל האָט זיך באַגעגנט מיט קאַלטקייט פון דער בינע. שווער געווען אָנצובינדן קאָנטאַקט. מיר איז געווען קלאָר, אַז דעם „נאָקאַוט" האָט באַקומען נישט דער באַזיגטער באָקסער, נאָר מיר מיט אונדזער טעאַטער. ס'איז געווען אַ טרויעריקער פאַקט, אַן גענדזנפּיסלעך...

די פּאָר חדשים, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין לאָדזש און אין אייני־קע פּראָווינצשטעט, האָבן אונדז גאָרנישט געגעבן, אַ חוץ דער פריינדשאַפט מיט אַלעקס שטיין, איינעם פון די בעסטע חברים, האַרציקסטע מענטשן און טאַלענטירטע אַקטיאָרן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אין ייִדישן טעאַטער.

צוויי אמתע ווילנער זענען זיי געווען, ער, אַלעקס, אָדער אַליאָשאַ, ווי מע פלעגט אים רופן, און זײַן יונגערער ברודער יוסף, אָסקאַר מיטן פּסעוודאָנים קאַמען, וואָס באַטייט אויף רוסיש — שטיין.ביידע גלענצנ־דיקע אַקטיאָרן. קאַמען — קוועקזילבערדיק, דינאַמיש, אַלזייטיק, פלעגט שפּילן יונגע ייִנגלעך נישט ערגער פון מיטליאָריקע, צוגלייך מיט זקנים, אַן ערשטקלאַסיקער פּראָפעסיאָנאַל, וואָס פלעגט אין געוויסע ראָלן דער־גיין צו דער מדרגה פון אַ קינסטלער.

צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין ווילנע אין אַ רוסישער אָפּערעטע, ווו ער האָט געזונגען און געטאַנצט נישט ערגער ווי ער האָט געשפּילט. אַ לעבנסלוסטיקער, גוטברודערישער, האָט ער ליב געהאַט צו לצעווען און צו קיבעצן. ער האָט עס אָבער געטון גוטמוטיק, אָן בייזווי־ליקייט, אָן גאַל. איז ער טאַקע געווען דער פון אַלעמען באַליבטער אָסקאַ.

ליידער איז אים באַשערט געווען אַ גרויס אומגליק — גאַנגרענע פון אַ פוס וואָס האָט דערפירט צו אַמפּוטאַציע. די ידיעה פון זיין אָפּע־ראַציע האָט מיך פאַרכאַפּט אין אַרגענטינע. זי האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע יידישע אַקטיאָרנטום, נישט בלויז פון פוילן, נאָר אויך מעבר־לים, ווו ער איז געווען באַקאַנט פון די גוטע אָפּרופן פון אויסלענדישע אַקטיאָרן. זאָל דאָ צום שבח דערמאָנט ווערן די חברישע באַציִונג פון אונדזערע אַק־טיאָרן, וואָס האָבן נישט געקאַרגט קיין הילף זייער אומגליקלעכן חבר בעת זיין אָפּעראַציע אין ווין, ווי אויך אין דער צייט פון זיין רעקאָנוואַ־לעסצענץ.

דער לעבנסלוסטיקער אָסקאַ האָט זיך אָבער נישט איינגעבראָכן נאָך דער אָפּעראַציע, ווי מ'האָט עס געקאַנט גלייבן. פאַרקערט, ער האָט ווייַ־טער ממשיך געווען זיין אַקטיאָרישע אַרבעט, אויפטרעטנדיק אין ספּע־ציעלע ראָלן, אויף וועלכע ס'האָט אים דערלויבט זיין קינסטלעכער פוס און, דער עיקר, אין רעציטאַציעס. איבעריק צו זאָגן, אַז ער פלעגט באַ־קומען איינלאַדונגען פון אַלע עקן לאַנד און אויסלאַנד און האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין איינעם פון די פּאָפּולערסטע יידישע עסטראַדע־קינסטלער.

זיינע אויפטריטן האָבן נישט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון סטאַטישן לייענען. דערויף איז קאָמען געווען צופיל אַקטיאָר. זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך טעאַטער אין איין פּערזאָן, ווו פּאָעזיע איז געוואָרן אויסגעשפּילט מיט סצענישע מיטלען, אַזוי ווי ער פלעגט עס טון מיט מאָנאָלאָגן און פראַגמענטן פון זיינע ראָלן.

ווען איך האָב אָסקען ס"ערשטע מאָל דערזען אַרויסקומען אויף דער עסטראַדע, נאָכשלעפּנדיק דעם קינסטלעכן פוס, האָבן מיך טרערן אָנגע־הויבן ווערגן. ס'האָט אַזוי וויי־געטון די עוולה, וואָס די נאַטור איז באַ־גאַנגען לגבי דעם ליבן חבר אונדזערן. אָסקאַ האָט אונדז אָבער תיכף

באַצוווּנגען מיט זיין ברייטן, לוסטיקן שמייכל, מיט דער געמיטלעכקייט וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים און אָנגעשטעקט דעם זאַל. ס׳איז געזעסן פאַר אונדז אונדזער אַלטער פריילעכער, שעלמישער ליבלינג און געמאַכט פאַרגעסן אָן זיין מצב: מיר האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער פון זיינע פריילעכע מאָנאָלאָגן און מיטגעפילט די ליידנדיקע העלדן, וואָס ער האָט אינטערפּרעטירט. דער עיקר — דאָס געפיל פון רחמנות איז פאַרשוווּנדן, גלייך אָסקאָ וואָלט אַזוי געבוירן געוואָרן, מיט איין פוס אַ הילצערנעם. אין דעם איז באַשטאַנען דער סוד פון זיין ווילנקראַפט, פון זיין לעבנלוסט און פון זיין טאַלענט.

זיין עלטערער ברודער אַלעקס — מיין מיטשותּף צו דער אָנפירונג פון „פאַקט״ — איז געווען דער היפּוך פון אים.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים בעת די וואַרשעווער טריומפן פון די „ווילנער״ אין „דיבוק״. ער האָט דאַן געשפּילט „חנן״, ביי דער זייט פון מרים אָרלעסקאָס „לאהן״, אין דוד הערמאַנס רעזשיסערישן מייסטערווערק. אַזוי אָפּשפּילן צוויי ערדיש־נישטערדישע געליבטע איז מיר מער נישט אויסגעקומען צו זען אין יידישן טעאַטער. ס׳איז געווען אַ שיר־השירים, וואָס דוד הערמאַן האָט אויסגעחלומט און די צוויי קינסטלער האָבן אויסגעזונגען. אַפילו דאָס אַקטיאָרישע מייסטערווערק פון מאָרעווסקי — זיין „מיראָפּאָלער צדיק״ — האָט נישט אָפּגעשוואַכט דעם איינדרוק פון זייערע סצענעס.

ביי דער געלעגנהייט האָב איך דערקענט אין שטייגען נישט נאָר אָן אָן אייגנאַרטיקן קולטורעלן און סובטעלן קינסטלער, נאָר אויך אַ טיפפילנדיקן מענטש און האַרציקן חבר.

אונדזער טרופּע האָט זיך, נאָכן אומקערן פון רוסלאַנד, געניטיקט אין אַ פּיעסע וואָס זאָל „אויפוועקן״ די פּראָווינץ, וואָס האָט דאַן איבערגעלעבט אַ שטאַרקן עקאָנאָמישן קריזיס. אַפילו אַזאַ נאָמען ווי אסתּר־רחל קאַמינסקאַ האָט פאַרלוירן זיין מאַגנעטישע קראַפט און זיך געניטיקט אין דער הילף פון אַ „שטאַרקע״ פּיעסע. אַזאַ פּיעסע איז אין יענער צייט געווען דער „דיבוק״. מיר האָבן געזוכט דאָס „ביכל״, אַ קאָפּיע פון דער פּיעסע און זי אין ערגעץ נישט געקאָנט באַקומען. די אַפּוטרופּסים איבער

אַנסקיס ירושה האָבן אונדז געגעבן די רעכט צו שפּילן דעם „דיבוק", אָבער קיין קאָפּיע האָט זיך ביי קיינעם פון זיי נישט געפינען. מאַזאָ האָט מיט פאַרשידענע תּירוצים זיך אָפּגעזאָגט אונדז צו געבן די פּיעסע, הגם אונדזערס אַ טורניי וואָלט אים מיט גאָרנישט געקאָנט שטערן, פאַרקערט, נאָך אונדזערס אַ פאַרשטעלונג וואָלט מען ערשט רעכט געוואָלט זען דעם „אָריגינאַל", די „ווילנער". די צוקונפט האָט עס באַשטעטיקט. אַ חוץ דעם, האָט די פּיעסע ביי די „ווילנער" אין וואַרשע ערשט אָנגעהויבן צו גיין און מ'האָט פאַרויסגעזען, אַז זי וועט אָנהאַלטן נישט ווייניקער ווי אַ יאָר. מיר, דאַקעגן, האָבן זיך גענייטיקט אין „דרינגענדיקער" הילף, וואָס אַ באַלדיקער טורניי וואָלט אונדז געקאָנט צושטעלן.

ווען איך האָב עס דערציילט שטיינען, האָט ער מיך נאָך דער פאַר־שטעלונג גענומען צו זיך אַ היים און מיר איבערגעגעבן דעם עקזעמפּלאַר אויף צו מאַכן אַ קאָפּיע. איך געדענק נישט קיין ענלעכן פאַל אין מיין פּראַקטיק. ס'איז געווען אַ האַנדלונג פון טיפפילנדיקן, גוטן מענטש און האַרציקן חבר. האָב איך אַלע יאָרן געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט אים צוזאַמענצוטרעפן ביי געמיינזאַמער אַרבעט און דער „פאַקט" האָט מיר פאַרשאַפן די דאָזיקע געלעגנהייט.

להיפּוך צו זיין דינאַמישן ברודער, איז אַלעקס געווען דיסציפּלינירט, דיסטינגירט און ערנסט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו באַזיצן חוש פאַר הומאָר און צו זיין נישט נאָר אַן אינטעליגענטער געזעלשאַפט־חבר, נאָר אויך אַן אַמוזירנדיקער פאַרווילער און שפּאַסמאַכער. ער האָט עס אָבער געטון אויף אַן אייגנאַרטיקן צוריקגעהאַלטענעם אופן, אָפּט מאָל מיט אַן ערנסט פּנים, וואָס ס'פלעגט נאָך מער אונטערשטרייכן די קאָמיש־קייט פון דער סיטואַציע אָדער געשילדערטער פּערזאָן.

מיט ענלעכע צוריקגעהאַלטענע און סובטעלע מיטלען פלעגט ער ווירקן אויף דער בינע. אַלעקס שטיין איז געווען דער קינסטלער פון דיס־קרעטן טאָן, פון נישט דערזאָגטקייט, פון שאַפן אַטמאָספער מיט די באַ־שיידנסטע, אַנטיקאָנווענציאָנעלע מיטלען. זיין איידל געטאָקט פּנים איז געווען אויסדרוקספול, אָפּט מאָל מעלאַנכאָליש פאַרטראַכט, אָפּט מאָל גוט־מוטיק צעשמייכלט; זיין וואַרעמע שטימע — בויגזאַם און אָנגענעם, זיינע

באַוועגונגען געצוימט, שפּאָרזאַם. ער איז געווען דער אַריסטאָקראַט פון דער יידישער בינע, דער אייראָפּעער: אין דערציִונג, האַלטונג און ווירקונג. זיין „באַראָן" אין גאָרקיס „אָפּגרונט", זיין „אוריאל אַקאָסטאַ", זיין „רבי" אין אַנסקי־קאַציזנעס „טאָג און נאַכט" און אַ רייכע גאַלעריע גלענצנדיק־פּאָרטראַכטע און אויסגעפּירטע געשטאַלטן האָבן געשטעלט שטיינען אין איין ריי מיט די בעסטע אייראָפּעיִשע אַקטיאָרן.

ביידע ברידער — אַלעקס און יוסף שטיין — האָבן זיך מיטן אויס־ברוך פון דער וועלט־מילחמה אַריבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד. ביי דער זייט פון אָסקאַ האָט זיך געפונען די זינגערין נאַדיאַ קאַרעני, ביי דער זייט פון שטיינען, יוליאַ פּלאַום — ביידע גוטע אַקטריסעס פונעם יונגן דור.

יוליאַ פּלאַום — אַ טאָכטער פון אַקטיאָרן — איז געווען דערצויגן הינטער די קוליסן און האָט מיטגעמאַכט אַלע סטעזשקעלעך אויפן דער־נערוועג פון יידישן טעאַטער. איר איז געווען באַשערט צו באַגלייטן די לעצטע יאָרן פון אַלעקס שטיין און בייצוּווינען זיין טראַגישן טויט.

זי איז איצט, יוליאַ פּלאַום, אַ מיטגליד פונעם מלוכה־טעאַטער אין פּוילן. נאַדיאַ קאַרעני — אַ פּאַראַליזירטע — געפינט זיך אין אַן אַנ־שטאַלט פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע אין לוד.

זייערע מענער — אַלעקס און אָסיאַ האָבן נישט אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין רוסלאַנד ווו זיי זענען טראַגיש אומגעקומען.

***

מיט די אויפטריטן פון „פּאַקט" האָבן זיך געענדיקט מיינע וואַנ־דערונגען אין פּוילן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי בלעטל אין מיין טע־טיקייט: אַ טורנֵיי אויף יענער זייט ים.

פאַרן דאַזיקן טורנֵיי האָב איך נאָך באַזוכט ווילנע, קאָוונע, ליטע און פּאַריז. איך בין אָפּגעפאָרן פון וואַרשע מיטן פאַרלאַנג זיך נישט אומצוקערן מער אַהין. מער ווי דריי יאָר האָב איך נישט געהאַט די מעג־לעכקייט אָנצוגיין מיטן דאַזיקן פאַרלאַנג. דאָס לעבן האָט מיך צוריק־געבראַכט אין מיין געבוירנשטאָט, אין יאָר 1936.

אין ווילנער „אונדזער טעאַטער" האָט פון אַ לענגערער צייט גע־

שפּילט אַ געמישטן רעפּערטואַר אַן אַנסאַמבל מיט מינאַ בערן, מאַקסימאָוו, ווידעצקי, אָרלוק, באַמבע־גורוויטש. די גאַסטראָלערן זענען געווען — דינה האַלפּערן און סעם בראַנעצקי.

ווען די טרופּע האָט זיך געניטיקט אין אָפּפרישונג, בין איך פאַר־בעטן געוואָרן אַהין און אויפגעטראָטן אין „ד״ר לעווי״, אין „קאַמף און פאַרראַט״. דער דערפאָלג פון די דאָזיקע צוויי קאַמער־פּיעסן האָט דער־מוטיקט די אָנפירונג פון טעאַטער אַרויסצוקומען מיט אַ גרויסער אויפ־פירונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט נישט־געוויינטלעכע הוצאות פאַר די דעמאָלטיקע באַדינגונגען.

די פאָרשטעלונג האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ נייעם זשאַנער אין יידישן טעאַטער, אַ מוזיקאַלישן ספּעקטאַקל אויפן אַמעריקאַנער שטייגער מיט אַ סענסאַציאָנעלן סיפּור־המעשה, דורכגעפלאָכטן מיט הומאָר, געזאַנג, באַלעט, שפּאַנענדיקער אַקציע אויפן פאָן פון אַ מאָדערנער סצענישער קאָנסטרוקציע. די פּיעסע איז אַדאַפּטירט געוואָרן, דאַכט זיך, פון אַ פילם דורך סעם בראַנעצקי און האָט געטראָגן דעם סענסאַציאָנעלן נאָמען: „אַל קאַפּאָנע״.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַקציע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער אַמע־ריקאַנער אונטערוועלט, מיט גענגסטערס, פּאָליציי־לייט, אַלקאָהאָל־שמוג־לער (ס׳איז געווען די צייט פון „פּראָהיבישן״).

בראַנעצקי, וואָס איז געקומען צום יידישן טעאַטער פון אַ פּוילישער רעווי, האָט געוווסט ווי אַזוי אָנטקעגנצוקומען דעם געשמאַק פונעם עולם און האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי אָפּערעטעס און פאַרסן, וואָס האָבן גע־געבן דינה האַלפּערן אַ מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן די גרויסע מעלות פון איר סצענישער אַלזייטיקייט. זי האָט געשפּילט אין „אַל קאַפּאָנע״ אַן אָרעמע צייטונג־פאַרקויפערין, וואָס איז זוכה צו ווערן אַל קאַפּאָנעס גע־ליבטע, זיין מוזע און שטויסקראַפט פון זיינע „העלדנטאַטן״. אין דער פאָרשטעלונג האָט אויך נישט געפעלט קיין יידל, אַ קאָמיקער, פאַרשטייט זיך, וואָס פאַרט צונויף, צעשיידט, פאַרמיטלט און... כאַפּט אַריין קלעפּ.

אַ ביליקער סצענישער רעפּאַרטאַזש, וואָס האָט אָבער, אַ דאַנק דעם גלענצנדיקן צוזאַמענשפּיל, רייכער אויסשטאַטונג, מעלאָדישער מוזיק און

לעבעדיקער האַנדלונג — געהאַט גרויס דערפֿאָלג ביים עולם און ביי דער פּרעסע. זלמן רייזען האָט אַפֿילו אין זיין רעצענזיע עס באַצייכנט ווי אַ „ריינהאַרד־פֿאָרשטעלונג". אמת, די דאָזיקע באַצייכענונג איז געווען אי־בערגעטריבן פֿון ענטוזיאַסטישן רייזין, וואָס פֿלעגט זיך אויפֿריכטיק פֿרייען מיט יעדן נייעם פּרווו, מיט יעדער דערגרייכונג אינעם יידישן טעאַטער. זי איז אָבער געווען אין איינקלאַנג מיטן שטאַרקן דערפֿאָלג וואָס די פֿאָר־שטעלונג האָט געהאַט סיי ביי עמך, סיי ביי דער אינטעליגענץ.

ווען דינה האַלפּערן מיט בראָנעצקי זענען אָפּגעפֿאָרן קיין קאָוונע, בין איך איבערגעגאַנגען אין אַ גרעסערן טעאַטער־בנין, ווו ס'האָט גע־שפּילט אַ צווייטע טרופּע מיט מאַלי פּיקוס און הערמאַן פֿעניגשטיין בראָש. דאָס איז געווען מיין איינציקע באַגעגעניש אויף דער בינע מיט דער דאָ־זיקער יונגער, אינטעליגענטער, אַלזייטיק־באַגאַבטער אַקטריסע. זי איז געווען די טאָכטער פֿונעם דיריזשאָר יצחק שלאָסבערג און פֿון דער אַק־טריסע סאָניע שלאָסבערג — אַ קינד פֿון דער בינע, וואָס האָט איינגעזאַפּט מיט דער מוטערס מילך דעם טעאַטער־באַציל, די ליבע צום „פֿאַרשאָל־טענעם שטיקל ברויט".

איר פּאַרטנער, הערמאַן פֿעניגשטיין, אַ פֿיינער כאַראַקטער־קאָמיקער, האָט ביי דער זייט פֿון מאַלי פּיקוס צוגעהאָלפֿן מיין „לא תחמוד"־אויפֿ־פֿירונג אָפּצוהאַלטן אַ גרויסן נצחון. פֿון מיין וואָרשעווער אויפֿפֿירונג פֿון דער דאָזיקער גאָלדפֿאַדן־שפּיל האָב איך זי ביז ווילנע אין ערגעץ נישט געזען שפּילן. איז, אַלזאָ, פֿאָרגעקומען די באַנייונג, אין וועלכער איך האָב געשפּילט דעם „יצר־הרע". פֿון דעמאָלט אָן איז די פּיעסע מער נישט גע־שפּילט געוואָרן.

***

אין דער צייט פֿון די דאָזיקע אויפֿטריטן האָב איך באַקומען אַן איינ־לאַדונג פֿונעם יידישן טעאַטער אין קאָוונע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די שותפים לאַן־סטופּעל. איך האָב געזען אין דער דאָזיקער איינלאַדונג אַן ערשטן שטאַפּל צו אַ וועלטרייזע, וואָס זאָל מיך דערווייטערן פֿון פּוילן. שוין אַ לאַנגע צייט פֿריער האָט מען געהאַט געפֿירט מיט מיר אונטערהאַנד־לונגען פֿון אַרגענטינע.

איך האָב געמוזט וואַרטן אַ געוויסע צייט ביז ס'וועלן דערליידיקט ווערן די קאָמפּליצירטע וויזע־פאָרמאַליטעטן מיט וועלכע ס'איז געווען פאַרבונדן די רייזע קיין קאָוונע.

פּוילן האָט נישט געהאַט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט איר ליטווישן שכן. פאַר די ליטווינער איז דער פּוילישער פּאַס געווען ווי רויטער קאָליר פאַר די אויגן פון אַן אָקס. בעת דער קעניגסבערגער קאָנפערענץ, ווען ס'האָבן זיך פאַרמאָסטן די צוויי דיקטאַטאָרן: פּילסודסקי און וואָלדעמאַראַס, איז מיין ברודער מאַרק געווען פון די געציילטע זשורנאַליסטן, פּוילישע בירגער, וואָס האָבן באַקומען פונעם ליטווישן דיקטאַטאָר אַן אַריינפאַר־דערלויבעניש אויף אַ קורצער צייט. מער האָט מען נישט געקאָנט באַטרעטן די ליטווישע מדינה מיט אַ פּוילישן פּאַס.

האָב איך געמוזט פאַרקלאַפּן אויף זיבן שלעסער מיין „פּוילישקייט" און אָפּפאָרן קיין ריגע, כדי דאָרט צו באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף אַריינצוקומען קיין ליטע.

די צייט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויף דער ליטווישער וויזע, האָט אויסגענוצט דער אונטערנעמערישער משה קאַרפּינאָוויטש און געמאַכט מיט מיר אַ טורניי איבער די קליינע שטעטלעך צווישן ווילנע און לידע. די צוגרייטונגען צו דער צוויי־פּערזאָניקער פּיעסע „דאָס געשריי פון געוויסן" זענען נישט געווען קאָמפּליצירט. מיין פּאַרטנערין איז געווען מוסיאַ קורץ, אַ סטאַניסלאַוואָווער געבוירענע, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן ווילנע פאַר איר צווייטער היים. אויך זי האָט געהערט צו דער גרופּע פּויליש־רעדנדיקע, וואָס מיין ברודער יאָנאַס האָט צוגעצויגן צום ייִדישן טעאַטער. מיט דער צייט האָט זי פאַרנומען אַ חשובע פּאָזיציע אינעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פון ווילנע. ביי די דאָזיקע אַרויסטריטן האָט קאַרפּינאָוויטשן צוגעהאָלפן זיין יונגער זון מלכקע, וואָס איז געגאַנגען אין טאַטנס וועגן פון טעאַטער־אַדמיניסטראַציע. אויף אַ געניטן אופן האָט ער דורכגעפירט מיין קאָנצערט־טורניי אין 1949 אינעם נאָכמילחמהדיקן פּוילן. אין ישראל, וווּ ער געפינט זיך איצט, צוזאַמען מיט זיין ברודער אברהם — אַ פּעיִקער ייִדישער שרייבער — איז ער איבערגעגאַנגען צו זשורנאַליסטיק און אַרבעט מיט אין די „לעצטע נייעס".

דער וועג ווילנע־קאָוונע, וואָס קאָן געמאַכט ווערן נאָרמאַל במשך פון אַ צוויי שעה צייט, האָט ביי מיר גענומען אַ גאַנצן מעת־לעת, ווייל אין ריגע האָב איך באַדאַרפט איבערנעכטיקן, וואַרטנדיק אויף אַ באַן־פאַרבינ־דונג. ווען די וויזע־פאָרמאַליטעטן זענען געוואָרן דערליידיקט איז מיר אַלזאָ פאָרגעשטאַנען אַ גענוג־קאָמפּליצירטע רייזע.

***

הגם ליטע איז געווען אַ סך גרעסער פון לעטלאַנד, איז אָבער געווען אַ גרויסן חילוק אינעם אויסערלעכן אויסזען פון דיביידע קרובישע לענ־דער.

לעטלאַנד האָט — צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע און צענטראַלער פּאָזיציע ביים באַלטישן ים — געמאַכט דעם רושם פון אַ שטיק אייראָפּע; דאַקעגן, די פאַרוואָרפענע ליטע — פון אַ גרויסער פּראָווינץ. ריגע — אַ קליין פּאַריז, קאָוונע — אַ טיפּיש־רוסישע גובערנסקע שטאָט, פון וועל־כער ס׳זענען נאָר וואָס געהאַט פאַרשוווּנדן די לעצטע פערדטראַמווייען.

מ׳האָט זיך באַמיט צו שאַפן דעם איינדרוק פון „גרויסשטאָטישקייט״ דורך הויכוווקסיקע פּאָליציאַנטן, וואָס יעדער פון זיי האָט געמוזט זיין אַ מעטער אַכציק די הויך און איז געוואָרן נאָך מער „געהעכערט״ דורכן הויכן הוט אַ לאַ נאַפּאָלעאָנס גראַנאַדירן, פאַרענדיקט מיט אַ בעזעם. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון קאַריסטן, אַרויסגענומען פון לעהאַרס אָן אָפּע־רעטע און האָבן נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן די פּראָווינציעלקייט פון דער ליטווישער הויפּטשטאָט.

אין דער בייאַנטשטאַנענער רעפּובליק איז די קאַטוילישע באַפעלקע־רונג באַשטאַנען ס׳רוב פון אַנאַלפאַבעטן, אָדער פון באַשרענקטע „גראַ־מאָטנע״, געוועזענע צאַרישע באַאַמטע פון פאַרוואָרפענע פּראָווינצן. דער נידעריקער קולטור־ניוואָ פון די ליטווינער און לעטן האָט אַ סך מיטגע־ווירקט אַז די יידישע באַפעלקערונג פון די ביידע לענדער זאָל צעמענ־טירן איר נאַציאָנאַל לעבן און במילא זי פאַרהיטן פון אַסימילאַציע.

קאָוונע איז געווען ווייניקער אייראָפּעיש, אָבער רייכער, טיפער פון ריגע, אַ דאַנק איר טראַדיציאָנעל־משכילישער און פּראָגרעסיווער ייִדיש־

קייט. אין דעם פּרט האָט קאָוונע מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ יינגערע שוועס־טער פון ווילנע.

נאָך דער מילחמה, ווען ווילנע איז געוואָרן אַ שטיפקינד ביי דער פוילישער רעגירונג, איז קאָוונע, דאַקעגן, דערהויבן געוואָרן צו אַ הויפּט־שטאָט. דאָס האָט במילא משפיע געווען אויפן ריטעם פון לעבן און אויף דער אַנטוויקלונג פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטי־טוציעס אויף דער יידישער גאַס.

ליטע, וואָס איז נאָך אין די אַמאָליקע צייטן געווען באַקאַנט מיט איר טעלזשער און סלאָבאָדקער ישיבות וואָס האָבן געהערט צו די עלטסטע אין דער אימפּעריע — האָט נאָך דער מילחמה צוגעצויגן אַ סך אַמערי־קאַנער ישיבה־בחורים און אויך אַרויסגעגעבן אייניקע וויכטיקע פּערזענ־לעכקייטן פאַר דער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור. אַזוי, למשל, איז דער אין ישראל פאַרשטאָרבענער, באַקאַנטער זשורנאַליסט ד״ר עזריאל קאַר־לעבאַך געווען אין די יונגע יאָרן אַ תלמיד פון דער טעלזשער ישיבה.

אינעם זעלבשטענדיקן ליטע איז אַנטשטאַנען אַ נעץ פון יידישע און העברעיִשע שולן מיט ליטווישער אונטערריכט־שפּראַך. אויף אַ הויכער מדרגה איז געשטאַנען די רעאַל־גימנאַזיע, אָנגעפירט פון מיין אַמאָליקן לערער ד״ר צמח פעלדשטיין. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן נאָך אייניקע העברעיִשע גימנאַזיעס און אַ גוטגעפירטער יידישער קאָמערץ־גימנאַזיע.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אינטענסיווע הילף־טעטיקייט פון „אָרט״, „אָזע״, „האַיאַס״ מיטן הויכקולטורעלן אָנפירער ראַזאָווסקי און דאָס יידי־שע שפּיטאָל וואָס האָט געשמט אין די באַלטישע לענדער.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן פון ליטע איז געוואָרן דער־מוטיקט און באַרייכערט, אַ דאַנק דער גלענצנדיק־געפירטער פּרעסע. עס פלעגן דערשיינען אייניקע טעגלעכע צייטונגען, זשורנאַלן, ביילאַגעס און פעריאָדישע אויסגאַבעס.

אַן ערשט אָרט אינעם צייטונג־וועזן האָט פאַרנומען „די יידישע שטי־מע״, מיט אַן אָוונט־אויסגאַבע, רעדאַקטירט פון דעפּוטאַט ראובן רוביני־שטיין, מיט אַזעלכע מיטאַרבעטער ווי זלמן טראַוב, רפאל כאַסמאַן —

אַלע דריי איצט אין ישראל. די צייטונג פון דער פּאָלקספּאַרטיי „פּאָלקס־בלאַט", איז אָנגעפירט געוואָרן פון ד"ר סודאַרסקי און פון יודל מאַרק און „דאָס וואָרט" מיט יעקב גאָטליב, דעם ענטוזיאַסטישן טעאַטער־פּאַר־ערער.

די שטאַרקסטע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס איז געווען די ציו־ניסטישע אין אַלע אירע שאַטירונגען. פּאָפּולער איז אויך געווען די פּאָלקס־פּאַרטיי און די קאָמוניסטישע, וואָס איז געווען אומלעגאַל. די בונדיסטן, דאַקעגן, האָבן קיין זעלבשטענדיקע טעטיקייט נישט געפירט, זייענדיק אָנ־געשלאָסן אין דער אַלגעמיין־ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

פון די ציוניסטישע פּאַרטייען זענען געווען שטאַרק פּאָפּולער די רע־וויזיאָניסטישע, וואָס פלעגט אַ מונדירטע פּאַראַדירן ביי אַלגעמיינע און יידישע פייערלעכקייטן און, דער עיקר, די פועלי־ציון — „השומר־הצעיר", אָנגעפירט פון יעקב עמית און ד"ר יוסף קאַט. דער „השומר־הצעיר" האָט אַרויסגעגעבן די גרעסטע צאָל חלוצים וואָס זענען געוואָרן די בויער פון אַ גאַנצער ריי קיבוצים אין לאַנד. פון זייערע געוועזענע אָנפירער איז איצט יעקב עמית דער רעדאַקטאָר פון „על־המשמר", אָרגאַן פון מפ"ם, און ד"ר יוסף קאַט — פאָרזיצער פון מגן־דוד־אדום.

אַ חשוב אָרט פאַרנעמען אויך אין ישראל אייניקע קאָוונער קינסטלער, וואָס זענען אַרויס פון די דאָרטיקע העברעישע טעאַטער־סטודיעס.

איינער פון די הויפּטזיילן פון „קאַמערי"־טעאַטער איז דער גלענצנ־דיקער אַקטיאָר זלמן ביוש און איינער פון זיינע רעזשיסערן — ש. בונים, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין רעזשיסערישע טעטיקייט ווי אַ חבר פון אַ קיבוץ.

אַ קאָוונער געבוירענע איז אויך די ישראל־דיכטערין און דראַמאַ־טורגין לאה גאָלדבערג, וואָס איז אויך לעקטאָרין פון וועלט־ליטעראַטור אינעם ירושלימער אוניווערסיטעט.

***

דאָס טעאַטער־לעבן אין קאָוונע איז געווען אַ סך אָרעמער ווי אין שכנותדיקן ריגע. ליטוויש, וואָס איז ביז דער מילחמה געווען די שפּראַך פון פּויערים און אָרעמקייט, האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען זיך איינצו־

גלידערן אין דער שפּראַכן־מישפּחה פון די ציוויליזירטע פעלקער. אמת, די ליטווישע שפּראַך האָט פאַרמאָגט זייער אַ רייכן פאָלקלאָר און זייערע קינדער־מעשות זענען געווען נישט ווייניקער באַרימט פונעם פינישן קאַלעוואַלאַ־עפּאָס. ס'איז אָבער געווען תורה שבעל־פּה, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און האָט געוואַרט אויף צו באַקומען אַ תיקון אין אַ ליטעראַרישער פאָרעם.

צוגלייך מיט דער שפּראַך האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דאָס ליטווישע טעאַטער, וואָס האָט ביי מיין ערשטן באַזוך אין קאָוונע שוין אָנגעהויבן צו באַקומען אַ געוויסן פּרצוף. אַ סך צוגעהאָלפן דערצו האָבן אייניקע ליטווישע קינסטלער, וואָס האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אינעם רוסישן, פאַרמילחמהדיקן טעאַטער. די דאָזיקע אידעאַליסטן האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו קומען אינעם פאַרוואָרלאָזטן ליטע און צו ווערן פּיאָנערן פון איר נאַציאָנאַלן טעאַטער. האָט טאַקע אינעם באַשיידענעם טעאַטער־בנין אין צענטער פון שטאָט זיך געגרינדעט אַ מלוכה־טעאַטער פון אָפּערע, דראַמע און באַלעט, אָנגעפירט פונעם אַמאָל־באַרימטן טענאָר ק. פּעטראַוסקאַס. מיט דער דראַמע האָט אָנגעפירט דער גלענצנדיקער רעזשיסער און תלמיד פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אַלעקאַ זשעלינסקי, וואָס האָט אויך גלייכצייטיק געגרינדעט אַ דראַמסטודיע אויף אויסצובילדן דעם ערשטן קאָדער פון ליטווישן אַקטיאָרנטום.

פּעטראַוסקאַס, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין יידן־פריינטשאַפט, האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַ סך יידישע קינסטלער זיך אויסצולעבן אינעם נייעם טעאַטער. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ סך סענטימענט פאַר זיינע אַמאָליקע יידישע אָפּערע־חברים, אַראָפּגעבראַכט און אויסגעהאַלטן אַ געוויסע צייט דעם געוועזענעם גרויסן באַס פון דער צאַרישער אָפּערע, סיביריאַקאָוו. אַ שטענדיקן אָרט אין דער קאָוונער אָפּערע האָט אויך פאַרנומען דער יידישער באַריטאָן שולגין.

פּעטראַוסקאַס האָט בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן אַ צאָל יידישע אַרטיסטן, צוליב וואָס ער איז ווערט דערמאָנט צו ווערן צום שבח אין דער געשיכטע פון דער מאַרטיראָלאָגיע פון ליטווישן יידנטום. ער פאַרנעמט איצט דעם אָנגעזעענעם אַמט פון בירגערמייסטער אין ווילנע.

***

אין קאָוונע זענען געווען צוויי יידישע טעאַטערס — אַן אַלטער און אַ נייער.

דער אַלטער „פאָלקס־טעאַטער", אַנגעפירט פון בוקאַנץ, אַן אײדעם פונעם לאַנגיאָריקן קאָוונער אַנטרעפּרעניאָר נחום ליפּאָווסקי, האָט געשפּילט אָפּערעטע מיט היימי דזשייקאָבסאָן און זיין אומגעוויינטלעך־טאַלענטירטער פּאַרטנערין מרים קרעסין.

דער צווייטער, דער נייער, איז געעפנט געוואָרן מיט די גאַסטשפּילן פון דינה האַלפערן און בראָנעצקי און האָט געהאַט אין דער טרופּע אייניקע באַקאַנטע דראַמאַטיקע אַרטיסטן, ווי סאָפיאַ ערדי, וואָס איז געקומען פון דער רוסישער בינע, לובאַ שוב, ראָזענבלום, שניידער, סעגאַל, סערבסקי, גורעוויטש.

די ערשטע אַקטריסע פון דאָזיקן טעאַטער, — ראַשעל בערגער — איז געווען אַן אינטערעסאַנטע אַרטיסטישע פּערזענלעכקייט. איך האָב זי באַקענט נאָך אין פּאַריז, ווו זי האָט געשפּילט מיט איר פאָטער, דעם באַקאַנטן רומעניש־יידישן אַקטיאָר, בערגער. שוין דאָן האָט זי זיך אויסגעטיילט פון צווישן די אַנדערע אַקטיאָרן מיט איר עלעגאַנץ, אינטעליגענץ און ערנסטער באַציִונג צום טעאַטער. זי איז מיט דער צייט געקומען קיין קאָוונע, חתונה־געהאַט מיט אַן אַנגעזענעם האָלץ־סוחר און שוין פאַרבליבן אַ קאָוונערין. אין גיכן איז זי געוואָרן באַליבט אויך ביים קאָוונער עולם ווי די צענטראַלע פיגור פון יעדן בעסערן טעאַטער־פּרוּוו און שפּעטער איבערגענומען די אָנפירונג פון אַ טעאַטער.

די אימפּרעסאַריאָס וואָס האָבן מיך אַראָפּגעבראַכט קיין קאָוונע — ג. לאָן און זיין אײדעם, דער מוזיקער גרישאַ סטופּעל — האָבן, פאַרשטייט זיך, באַטראַכט דאָס טעאַטער ווי אַ מקור פון „געשעפט". ווען די אָפּערעטע און מעלאָדראַמע האָבן אָנגעהויבן אָנצוווערן זייער „צוציִונגקראַפט", האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אַ געוואַגטן שריט און ריזיקירן מיט אַ „דראַמאַטישן" גאַסטראָלער.

איך האָב געהאַט צו פאַרדאַנקען דער רעקאָמענדאַציע פון דינה האַלפערן און בראָנעצקי דאָס אַראָפּברענגען מיך קיין קאָוונע. היות ווי דער

באַגריף „בעסער טעאַטער" האָט געשראָקן מיינע אונטערנעמער, איז גע־מאַכט געוואָרן מיט מיר אַ פּרווו בלויז אויף איין חודש. דער חודש האָט זיך פאַרצויגן ביז אַ האַלב יאָר.

דאָס דאָזיקע האַלבע יאָר אין קאָוונע געהערט צו די שענסטע צייטן פון מיין טעאַטער־טעטיקייט בכלל.

סיי דער גלענצנדיק צוגעקליבענער און חברישער אַנסאַמבל, סיי דער ענטוזיאַזם פון די דירעקטאָרן צום נייעם טיפּ טעאַטער, וואָס „גיט געלט", סיי דער האַרציקער קאָוונער עולם, וואָס האָט אַזוי דערמאָנט איר על־טערע שוועסטער — ווילנע, האָט מיך פאַרכאַפּט, אינספּירירט און דער־וועקט אַ קוואַל פון ענערגיע, ענלעך צו די גוטע צייטן פון „וויקט".

מיך האָט אויך דערמוטיקט די מעגלעכקייט אַרויסצושיקן יעדן חודש באַטייטיקע סומעס אויפן אַדרעס פון אידאַ קאַמינסקאַ.

אונדזער טעאַטער־סעזאָן האָט געקריגן אַ שם איבער גאַנץ ליטע און מיר פלעגן כסדר באַקומען איינלאַדונגען פון אַלע שטעט און שטעטלעך מיט שאַוועל, פּאַניוועזש, מעמעל בראש. אונדזערע פאָרשטעלונגען זענען געוואָרן אַ צוציִונג־קראַפט פאַר די ליטווישע אַקטיאָרן און פאַר די מיט־גלידער פון דער „פּראַגער גרופּע פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער", וואָס האָט דאַן גאַסטראָלירט אין ליטע.

יעדע פּרעמיערע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב, סיי פאַר אונדז, אַרטיסטן, סיי פאַר די קאָוונער יידן. זיי האָבן אויף אַ רירנדיקן אופן געשאַפן דעם דאָזיקן יום־טוב און פאַרוואַנדלט אונדזער טעאַטער אין אַן אומצעטיילבאַרן באַשטאַנדטייל פון זייער גייסטיקן אויסלעבן זיך.

איך האָב איבערגעחזרט די אינטערעסאַנטסטע פאָרשטעלונגען פון מיין פּוילישער תקופה און געשאַפן צוויי נייע: „קידוש־השם" פון שלום אַש און „איוואַר קרויגער" פון פּוילישן שרייבער יעזשי טעפּאַ.

די דראַמאַטיזירונג פון „קידוש־השם" האָב איך באַקומען פון ד"ר מ. ווייכערט. היות זי איז געווען צו פראַגמענטאַריש צוליב דער גרויסער צאָל בילדער, האָב איך די דראַמאַטיזירונג קאָנדענסירט, קאָנצענטרירט, פאַראייניקנדיק געוויסע עפּיזאָדן אין גרעסערע סצענעס און געוואונען במילא אַ שטאַרקערן ריטעם און שטייגערונג פון דער אַקציע.

אויף צו שאַפן די סצענישע ראַם האָב איך מיך באַנוצט מיט דער זעלבער קאָנצעפּציע ווי בשעתו אין עטינגערס „סערקעלע". סערקעלעס אַקציע האָב איך איינגעפּאַסט אינעם שער־בלאַט פון עטינגערס מאַנו־סקריפּט, וואָס האָט זיך געעפנט איןביידע זייטן און אַנטפּלעקט סער־קעלעס שטוב, אָדער דעם ליטוואַקס קרעטשמע. אין „קידוש־השם" האָב איך מיך באַנוצט מיט דער ערשטער זייט פון נעמיראָווער פּינקס. אַנשטאָט דעם דייטשן מאָטאָ פאַר „סערקעלען", וואָס איז געווען אויסגעציקלט קאַ־ליגראַפיש אויפן שער־בלאַט דורך עטינגערן, האָט אין „קידוש־השם" דעם מאָטאָ אויסגעקרעכצט איינער פון די נעמיראָווער קדושים. אָט רייסט ער אַדורך דעם פּאַפּירענעם שער־בלאַט, דערנענטערט זיך מיט וואַקלדיקע טריט צו דער ראַמפּע און ס׳דערהערט זיך די שרעקלעכע באַשולדיקונג, וואָס אַנטהאַלט אין זיך גלייכצייטיק ייִדישע מחילה און גרויסמוטיקייט.

„מיר ווילן נישט איבערגעבן אַלץ, וואָס די קאָזאַקן און טאָטאַרן האָבן געטון צו אונדז, ייִדן, כדי נישט צו פאַרשעמען דעם נאָמען מענטש!"...

דער דאָזיקער מאָטאָ, וועלכן אַש גיט ביים אָנהייב פון זיין בוך, האָט תיכף געשאַפן די פּאַסיקע אַטמאָספער, וואָס האָט באַגלייט די אַקציע פון בילד צו בילד, אויפן פאָן פונעם „פּינקס נעמיראָוו".

דעם דאָזיקן מאָטאָ האָט, אגב, אויפגעלעבט מיט שטאַרקן דראַמאַ־טישן כוח אַ יונגער קאָונער אַקטיאָר קוניגיס, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט זעלטענע סצענישע מעלות. ווען איך בין געווען אין 1937 צום צווייטן מאָל אין קאָונע, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז קוניגיס איז אָפּגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן און שפּילט אין דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער. מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

בנוגע דער מוזיק־באַגלייטונג האָב איך מיך באַנוצט מיט יצחק שלאָס־בערגס קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט בשעתו געשאַפן פאַר מיין אויפפי־רונג פון רעסלערס „גילדענע רויזע". היות, אויך דאָרט דאָמינירט דער קידוש־השם־מאָטיוו און די אַקציע קומט פאָר בערך אין דער זעלבער תקופה, האָט זי זיך גלענצנדיק געפּאַסט פאַר אונדזער פאָרשטעלונג. די מוזיק האָט אַ סך בייגעהאָלפן אַרויסצוברענגען די נייטיקע אַטמאָספער און אונטערצושטרייכן די גרויליקייט פון דער צייט און דערהויבנקייט פון ייִדי־

שער מאַרטיראָלאָגיע. צוגעפּאַסט די דאָזיקע מוזיק פאַר דער נייער אויפֿ־פירונג האָט דער דיריזשער פון אונדזער טעאַטער, דער ערשטקלאַסיקער מוזיקער גרישאַ סטופּעל, אַ מיטגליד פון אַ טראַדיציאָנעלער קאָוונער־ווילנער מוזיקער־מישפּחה.

אַ צווייט מאָל איז מיר אויסגעקומען אויפצופירן „קידוש־השם" אין מעקסיקע, אין 1936. ס'איז געווען אַ צייט פון טרויער אין פּוילן און די טרויעריקע גרוסן, וואָס זענען אָנגעקומען וועגן דעם פּשיטיקער פּאָגראָם, האָבן אויפגערודערט די מעקסיקאַנער ייִדן.

„קידוש־השם", ווי באַקאַנט, ענדיקט זיך מיט דער אויפפאָדערונג פון „הייליקן שניידערל" צו פּאַסיוון ווידערשטאַנד, צום איבערגעבן זיך בלינ־דערהייט אין די הענט פונעם אל מלא רחמים, וואָס זיין ווילן איז, אַז מיר זאָלן אומקומען אין זיין נאָמען.

שפּילנדיק דאָס „שניידערל", האָב איך נישט געקאָנט ביי זיך פּועלן, אין אַ צייט פון פּאָגראָמען, אויפצופאָדערן די באַדראָעטע קהילה זיך צו לאָזן קוילען און נישט צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד. איך האָב דעריבער פאַרענדיקט די פאָרשטעלונג, נישט, ווי ביי אַשן און זיין וואַרשעווער דראַמאַטיזירער, מיטן שניידערלס רוף צו אונטערטעניקייט, נאָר מיט דער אויפפאָדערונג פונעם פאָלקסמענטש דעם פּשוטן אַרענדאַר מענדל, צו נע־מען געווער אין האַנט און שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא.

איך האָב, אייגנטלעך, גאָרנישט געביטן און נישט צוגעגעבן צו אַשס טעקסט, איך האָב נאָר געשטראָכן דעם פינאַל און פאַרענדיקט די פאָר־שטעלונג מיט די ווערטער, וואָס אַש האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון מענדל דעם אַרענדאַר מיט אַ סצענע פריִער. דאָס האָט געווירקט און מיט־געריסן דעם עולם מער פון די אַלע פּראָטעסט־מיטינגען און שפּייז־זאַמלונ־גען, וואָס זענען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן פאַר די געליטענע פון פּשיטיק.

יעקב זרובבל, וואָס האָט זיך דאַן געפינען אויף באַזוך אין מעקסיקע און בייגעווויינט די פאָרשטעלונג, האָט מיר פאָרגעוואָרפן, וואָס איך האָב מיר דערלויבט צו געבן אַן אַנדער אינטערפּרעטאַציע צו אַשס קידוש־השם־געדאַנק. זרובבל, דער באַקאַנטער פּועלי־ציון־מנהיג, איז אויך געווען אַ נאָענטער מענטש צום טעאַטער. ראשית־כל האָט ער אים ליב געהאַט,

צווייטנס — האָט ער אים פאַרשטאַנען, דריטנס — ער האָט געשריבן וועגן אים. זיינע עסייען און קריטיק וועגן טעאַטער האָבן טאַקע פאַרמאָגט די אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן און מיר פלעגן זיך דעריבער מיט זיין מיי־נונג רעכענען און גענישן פון זיינע ערלעכע און זאַכלעכע אָנווייזונגען. מיר זענען אויך געווען גאָענטע פריינד און אַזעלכע זענען מיר פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג אין ישראל.

אינעם פאַל פון מיין מעקסיקאַנער אויפפירונג פון „קידוש־השם" האָב איך אָבער נישט געקאָנט מסכים זיין מיט אים און איך האָב ווייטער גע־שפּילט דעם פינאַל אינעם זעלבן נוסח.

ווען איך האָב אין דער צייט פון דער דייטשער ייִדן־אויסראָטונג געשפּילט „קידוש־השם" אין בראַזיל, האָב איך מיך שוין לגמרי נישט באַ־נוצט מיט ווייכערטס דראַמאַטיזירונג, — זי איז פאַרברענט געוואָרן בעתן חורבן פון וואַרשע. איך האָב מיך דאַן באַנוצט מיט דער דראַמאַטיזירונג פון אַרטיקן ייִדישן לערער צ. יוכט און פאַרטיילט די אַקציע אין געציילטע פיר שפּילפּלעצער, פאַרענדיקנדיק זי, ווי אין מעקסיקע, מיטן אַרויסהייבן דעם געדאַנק פון העראָישן ווידערשטאַנד.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דאַך דער דאָזיקער ווידערשטאַנד־געדאַנק באַפליגלט די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ...

***

מיין צווייטע, נייע פאַר מיר, פּרעמיערע, מיט וועלכער איך האָב מיך געזעגנט מיט קאָוונע איז געווען „איוואַר קרויגער". דער מחבר פון דער דאָזיקער פּיעסע, טעפּאַ — אַ וויכטיקער צושטעלער פון ראַדיאָ־פּראָגראַ־מען — האָט דעביוטירט מיט אַ פּיעסע „פריילן דאָקטער", אַ מין מאַטאַ־האַרי־שפּיאָנאַזש־סענסאַציע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דער־פאָלג פון אַלע פּוילישע טעאַטערס און פון אידאַ קאַמינסקאַ אין ייִדיש. דער דאָזיקער דערפאָלג האָט אים דערמוטיקט צו שרייבן אַ צווייטע פּיעסע, דאָס מאָל מיט אַ הויפּטראָל פאַר אַ מאַן, וואָס איז אים אָבער ווייניקער געלונגען.

איוואַר קרויגער, דער באַרימטער שוועדישער „שוועבעלעך־קעניג" —

די הויפּטגעשטאַלט פון דער פּיעסע — איז געוואָרן אויפגעלעבט דורך טעפּאַן אַלס פּאַטאַלאָגישער טיפּ, וואָס פאַרענדיקט טראַגיש זיין לעבן. און אַ פּרעמדער, אַ שטאַרק־ענלעכער צום אמתן קרויגער, פירט ווייטער די גרויסע געשעפטן אין זיין נאָמען. אַ צוגעטראַכטער סיפּור־המעשה, פּרעטענזיעס אויף פּסיכאָלאָגיע און פּאָעזיע, אַ געקינצלטע געשטאַלט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר פּאַטעטישער אַקטיאָרישער שפּיל און במילא „סחורה" פאַר אַ גאַסטראָלער. זוכנדיק „גאַסטראָלנעם" רעפּערטואַר פאַרן אָפּפאָרן פון פּוילן, האָב איך זיך פאַרשאַפט די דאָזיקע פּיעסע און באַשלאָסן זי אויסצופּרוּוון צו מיין געזעגענונג־פאָרשטעלונג אין קאָוונע.

די שטימונג אויפן דאָזיקן אָוונט איז געווען אַזאַ יום־טובדיק־געהויבענע, דער עולם האָט אַזוי נ י ש ט געוואָלט זיך געזעגענען מיט מיר, אַז וואָס איך זאָל נישט האָבן געשפּילט יענעם אָוונט, וואָלט אָנגענומען געוואָרן פאַר ליב. איך האָב אָבער קריטיש אויפגענומען דעם פּרוּוו און פאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווי די פּיעסע איז געשריבן, טאָר איך זי ווייטער נישט שפּילן. ס׳מוז פאַרקומען אַ ראַדיקאַלע „איבערשרייבונג" פון איר, ס׳מוז איר צוגעגעבן ווערן „מענטשלעכקייט", וואַרשיינלעכקייט און, דער עיקר, אַ סאָציאַלן הינטערגרונט, וואָס זאָל דיסקרעדיטירן די הינטערקוליסן־מאַניפּולאַציעס פון די גרויסמאַגנאַטן.

די דאָזיקע אָפּעראַציע האָב איך אָנפאַרטרויט אין פּאַריז משה ליפּשיצן, דעם געוועזענעם ראַטגעבער פון פּיסקאַטאָרן. ס׳האָט זיך אָבער אויך נישט איינגעגעבן. די פּיעסע איז, נאָך מיין דעביוט אין אַרגענטינע, פאַרשוווּנדן פון מיין רעפּערטואַר.

***

אינעם קאָוונער סעזאָן האָב איך געהאַט צו פאַרצייכענען אַן אייגנאַרטיקע איבערלעבונג. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן און (הלוואי ווייטער!) ס׳איינציקע מאָל, געהאַט די געלעגנהייט איבערצונעכטיקן אין אַן אַרעסטהויז.

נאָכן צווייטן מאָל שפּילן לייוויקס „הירש לעקערט", באַזוכט מיך

אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר מיט אַ מונדירטער שמירה, מאַכט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין מיינע זאַכן, נעמט מיינע פּיעסן, נאָטיצן, בריוו און פאַרבעט מיך העפלעך אין דער פּאָליטישער פּאָליציי.

ווייט איז מיר נישט אויסגעקומען צו גיין. לעבן טעאַטער האָט זיך געפינען אַ גייער, מאָדערנער בנין פון אינערן־מיניסטעריום, צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער פּאָליציי און פּרעווענטיוון אַרעסט. מערקווירדיק, ווי יעדן טאָג, ביים גיין צו רעפּעטיציעס אין „אַטייטיניקן״־זאַל, ווו מיר האָבן געשפּילט, פלעגט ציִען מיין אויפמערקזאַמקייט דער שיינער בנין, וואָס האָט צוגעגעבן גרויסשטאָטישקייט דעם דאָזיקן אָפּשניט פון דער לייסווע־גאַס און — אָט בין איך אַן אומגעריכטער גאַסט אין אים.

איך האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון מיין אַרעסט, געוואָלט עס אויסטייטשן מיט אַן עווענטועלער ענדערונג צום שלעכטן אין די ליטוויש־פּוילישע באַציִונגען, אָדער סתם אַ מיספאַרשטייעניש. אויף דער ערשטער אויספאָרשונג אָבער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך ווער באַשולדיקט אין קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע; אַז איך ווער באַטראַכט נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ סאָוויעטישער אַגענט, וואָס איז אונטער דער דעקונג פון פּוילישער בירגערשאַפט, אַראָפּגעשיקט געוואָרן קיין ליטע אונטערצוגראָבן דעם רעזשים.

די ערשטע אויספאָרשונג איז געפירט געוואָרן מיט אַן איבערגעטריבענער העפלעכקייט. מ'האָט ביי מיר צוגענומען די שלייקעס, זאָקנהאָלטערס און קראַוואַט און מיך אַראָפּגעפירט נעכטיקן אין אַ גרויס, פאַרקראַטנט צימער, וואָס האָט זיך געפינען אינעם קעלער פון מיין „באַליבטן״ בנין. צוויי אייזערנע בעטן זענען געווען באַדעקט מיט ציכטיקן בעטציִיג און דער וועכטער — אַן אַלטער רוסישער באַאַמטער — האָט מיך באַרויִקט, אַז איך קאָן שלאָפן רויִק אויף מיין געלעגער, ווייל ס'איז ריין, ספּעציעל פאַר אינטעליגענץ...

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין די נאַכט נישט געשלאָפן, בפרט, אַז נאָך האַלבער נאַכט האָב איך באַקומען אַ ביישלעפער, עפּעס אַ ייִדישן בחור מיט אַ פאַרבונדענער באַק, וואָס איז אַריינגעשטופּט געוואָרן בכוח אין צימער. דער בחור האָט באַגלייט מיט קולות דעם וועכטער, עפּעס אים נאָכ־

געשריגן אויף ליטוויש און באַמערקנדיק מיך — זיך דערנענטערט צו מיין בעט.

ווי איך האָב פאַרשטאַנען, וויל ער זיך אַריינלאָזן מיט מיר איז אַ שמועס. באַלד פון זיינע ערשטע ווערטער איז מיר דער בחור געוואָרן פאַר־דעכטיק: סיי דאָס זידלען די ליטווישע רעגירונג, וואָס „דערשטיקט דעם פרייען געדאַנק״, סיי דאָס נאָכפרעגן זיך ביי מיר צי איך בין „אויך אַ פּאָליטישער״, — האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז איך האָב צו טון מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס טוט זיין אַרבעט אויף אַ זייער נישט־געשיקטן אופן, ווייזט אויס — ניי אין דער פּראָפעסיע.

ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, נישט אויסרעדנ־דיק קיין וואָרט, האָט דער פאַרשוין, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אומזיסט זיין טירחה. ער האָט אָנגעקלאַפּט נאָכן וועכטער, אַז ער דאַרף כלומרשט אַרויס צום בית־הכסא און האָט זיך שוין מער נישט אומגע־קערט.

איך האָב די נאַכט נישט פאַרמאַכט קיין אויג און מיטן זון־אויפגאַנג בין איך גערופן געוואָרן צו אַ צווייטער אויספאָרשונג. דאָס מאָל האָט מיך אויסגעפאָרשט אַ העכערער באַאַמטער. דער באַשולדיקונג־אַקט האָט שוין געטראָגן אַ קאָנקרעטן כאַראַקטער און זיך געדרייט אַרום מיין אויפפירונג פון לייוויקס „הירש לעקערט״.

דער דיאַלאָג צווישן אויספאָרשער און מיר איז פאָרגעקומען מער אָדער ווייניקער אַזוי:

ע ר: וואָס האָט אייך — אַ בירגער פון אַ פיינטלעך לאַנד — אַראָפּ־געבראַכט אַהער?

א י ך: ס׳האָט מיך אַראָפּגעבראַכט דער לאַנגיאָריקער קאָנצעסיאָ־נער פון קאָוונער טעאַטער ג. לאַן, וואָס האָט אַ דערלויבעניש צו אַנגאַ־זשירן אויסלענדישע אַרטיסטן.

ע ר: איר זענט, אַ חוץ אַרטיסט, אַ פאַרמאַסקירטער אַגענט פון די קאָמוניסטן און נוצט אויס דאָס טעאַטער פאַר אַגיטאַציע־צוועקן.

א י ך: אויב לאַן, אַ געניטער טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס איז באַ־קאַנט מיט אַרטיסטישע כוחות פון יידישן טעאַטער אין דער גאַרער וועלט

וואָלט געוווּסט, אַז איך בין אַ קאָמוניסטישער אַגענט, וואָלט ער מיך נישט אַראָפּגעבראַכט און איינגעשטעלט דערמיט זיין קאַנצעסיע און במילא זיין עקזיסטענץ. אויב ער האָט עס געטון, איז אַ באַווייז, אַז ער איז זיכער אין מיין כשרות.

ער: פאַרוואָס־זשע האָט ער פון צווישן אַזוי פיל אַרטיסטן אַראָפּגעבראַכט דווקא אייך?

איך: איך האָב לעצטנס געשפּילט מיט דערפאָלג אין די שכנות־דיקע ריגע און ווילנע. האָט ער, וועלנדיק ראַטעווען די שווערע מאַטער־יעלע סיטואַציע אין זיין טעאַטער, געזען אין מיר דעם אַרטיסט, וואָס קאָן זי פאַרבעסערן.

ער: האָט איר זי געוואָלט פאַרבעסערן מיט רעוואָלוציאָנערע פּיעסן, וואָס טרעטן אַרויס קעגן אונדזער רעזשים? מיט „גירש לעקערט"?

איך: די האַנדלונג קומט פאָר אין ווילנע, זי שילדערט דעם קאַמף קעגן צאַרישן רעזשים, וועלכן ס'האָבן צוגלייך באַקעמפט די יידישע, רו־סישע און ליטווישע רעוואָלוציאָנערן. זי איז אַלזאָ נישט געווענדט קעגן ליטע און איר רעזשים. איבעריקנס, דער געדרוקטער עקזעמפּלאַר פון דער דראַמאַטישער פּיעסע געפינט זיך אין יעדער יידישער ביבליאָטעק פון ליטע און אויב זי וואָלט געווען נישט לעגאַל, וואָלט זי די צענזור קאָנפיסקירט.

ער: פאַרוואָס־זשע האָט איר געלאָזן ביים סוף פון צווייטן אַקט אַ רויטן רעפלעקטאָר אויף דער גרופּע רעוואָלוציאָנערן וואָס גרייטן אַ פאַר־שווערונג קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג?

איך: דער רויטער רעפלעקטאָר איז אַ סצענישער עפעקט, וואָס ווערט באַנוצט אויף צו שאַפן אַטמאָספער פון גרויל. דער זעלבער עפעקט ווערט באַנוצט אין ליטווישן מלוכהשן טעאַטער...

ער רייסט מיר איבער: לאָזט אָפּ דעם ליטווישן טעאַטער! פאַרוואָס האָט מען אַזוי שטאַרק אַפּלאָדירט ביים סוף פון דאָזיקן אַקט?

איך: ווען מע זאָל אונדז נישט אַפּלאָדירן, וואָלט עס געווען אַ באַ־ווייז, אַז מיר זענען שלעכטע אַרטיסטן, — באַמיען מיר זיך טאַקע אַנצו־ווענדן אַלע מיטלען, אינערלעכע און אויסערלעכע, אויף אַרויסצורופן אַפּ־

לאַדיסמענטן. דער אַקטיאָר וואָס ווערט נישט אַפּלאָדירט פילט זיך צוליב דעם אומגליקלעך...

די אויספאָרשונג איז זייער אָפּט איבערגעריסן געוואָרן פון טעלעפאָ־נישע געשפּרעכן. פון די בליקן, וואָס דער אויספאָרשער פלעגט וואַרפן אויף מיר און אויפן פּראָטאָקאָל, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס'האַנדלט זיך אין מיר. שוין נאָך האַלבן טאָג האָט ער מיר געגעבן אונטערצושרייבן איי־ניקע פּאַפּירן און איך בין געוואָרן באַפרייט.

ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, איז „גאַנץ קאָוונע" געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. די ידיעה פון מיין אַרעסט האָט זיך בליץ־שנעל פאַר־שפּרייט איבער דער שטאָט. די פּני, בראָש מיטן פּראָפעסאָר ביעלאַצקין, דעם ראַטגעבער פון אויסערן־מיניסטעריום, האָבן אינטערוועניִרט אין מיין ענין און גאַראַנטירט, אַז מיין קומען קיין ליטע טראָגט אַ ריינקינסטלע־רישן כאַראַקטער.

***

אַ דאַנק מיינע פאַרשטעלונגען זענען מיינע דירעקטאָרן געוואָרן גאָר שטאַרקע אַנהענגער פון אַ דראַמאַטישן טעאַטער און זיך באַראַטן מיט מיר וועמען אַראָפּצוברענגען נאָך מיין אַוועקפאָרן.

איך האָב זיי רעקאָמענדירט אַלעקס שטיינען, וואָס האָט זיך גראָד צו יענער צייט געפינען אין ווילנע. אַזוי־אַרום האָב איך געהאַט די געלעגנ־הייט ווידער צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט מיט מיין ליבן חבר און פאַר־צושטעלן אים פאַרן קאָוונער עולם, בעת דער פייערלעכער טייל פון מיין געזעגענונג־אָוונט.

אין גיכן איז מיר אויך אויסגעקומען בייצוּווינען דעם גרויסן דערפאָלג פון זיין דעביוט אין „יאַשקע מוזיקאַנט", לויט דער בוקאַרעשטער אויפ־פירונג פון יעקב שטערנבערג.

צו מיין אָפּפאָרן איז דער וואָקזאַל געווען פול געפּאַקט פון די ליבע קאָוונער ייִדן, פריינד און חברים, מיט וועלכע מיר האָבן זיך האַרציק גע־זעגנט, כדי אין דריי יאָר אַרום זיך נאָך אַ מאָל צו טרעפן.

ווידער בין איך געווען שטאָלץ צו זיין אַ קינסטלער ביי ייִדן. ווידער

האט באקומען אן אינהאלט מיין נע־ונד־לעבן און פארגיטיקט א סך יסו־רים וואס דאס לעבן האט מיר ביז דאן געהאט פארשאפט.

לאנג, לאנג האב איך געזען דורכן פענצטער פון מיין קופע ווייסע טיכלעך און הוטן וואס האבן געפאכעט צו מיר. איך טראג אין הארצן יארנלאנג דאנקבארקייט פאר דער פרייד וואס דאס יידישע קאוונע האט מיר פארשאפן...

...און טיפן צער וואס דאס קאן זיך שוין מער נישט איבערחזרן.

26

איך געזעגן זיך מיט אייראפע

דער וועג פון קאוונע קיין פאריז האט געפירט איבערן אזוי־גערופע־נעם „פוילישן קארידאר" און איבער דייטשלאנד. די פוילישע טעריטאריע זענען מיר פארבייגעפארן אין א פארפלאמבירטן וואגאן. וואס איז ערשט געעפנט געווארן אין דייטשלאנד.

דורך די פענצטער האבן די פענער מיט די סוואסטיקעס געשווינדלט פאר די אויגן און צוגענומען ביי מיר דעם פארלאנג צו באטראכטן די ער־טער, וואס מיר פארן פארביי, ווי איך פלעג עס געוויינטלעך טון.

פון תמיד אן בין איך געווען געוווינט, בעת אונדזערע אפטע טעאטער־נסיעות, זיך אפצוטיילן פון מיינע חברים און זיך אוועקזעצן ארויסקוקן דורכן פענצטער. זיי פלעגן שפילן אין קארטן, אדער לייענען און איך פלעג איינזאפן אין זיך דעם ריטעם פון פארביילויפנדיקע פייזאזשן, א קאליי־דאסקאפ פון איינדרוקן, געדאנקען און דערינערונגען. אזוי פלעגט זיין ביי אונדזערע ערשטע ארטיסטישע טורנייען. אזוי פלעגט זיין אויף דער גוט־באקאנטער „אטוואצקער ליניע" און אזוי בין איך פארבליבן ביז היינט, בעת די אפטע נסיעות מיט מיין „זוטא"־טעאטער איבער די וועגן פון ישראל.

דאס מאל אבער האט אויף מיר די דייטשע ערד, פאראומרייניקט פון

די סוואַסטיקעס, אַנגעוואָרפֿן אַ פּחד. איך בין געזעסן פּאַררוקט אין אַ ווינקל פֿון קופּע און זיך באַמיט צו שלאָפֿן. דער שלאָף איז אָבער נישט געקומען, בין איך סתם געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

אַט זענען מיר אין בערלין. אַ וואַלד פֿון פֿענער מיט די מאַקאַברישע סוואַסטיקעס. ווי לאַנג איז, ווי אונדזערע אָפּטימיסטן פֿון ראַמאַנישן קאַפּע האָבן געלאַכט פֿון די באַסוואַסטיקטע אַרעמס: „ווער קוקט זיך אום אויף זיי... ביי אונדז האָבן זיי נישט קיין ווערט... סתם גאַסניונגען"...

וואָס זאָגן זיי איצט, די „רחמנות"־פּאָליטיקער? וואָס זאָגט דער „מעצענאַט" פּאַשיניאַק?...

ווען די באַן רירט פֿון אָרט, באַווייזט זיך אין מיין אָפּטיילונג אַ יונגער ייִדישער בחור מיט צעפּלאָמטע אויגן. ער פֿאַרלאָזט דייטשלאַנד! זיינע עלטערן האָבן זיך באַמיט קודם־כל צו ראַטעווען אים, זייער בן־יחיד, און אַריבערשיקן אים קיין אויסלאַנד, זיי וועלן נאָכקומען. מיין שכן, אַ נאַיִווער בחור, נישט קיין איבעריק קלוגער, אַ באַרעדעוודיקער, פּילט זיך שוין לגמרי זיכער אינעם וואַגאָן וואָס גייט דירעקט קיין פּאַריז. ער האָט מיר באַוויזן צו דערציילן זיין גאַנצן יחוס, וואָס ציט זיך פֿון אַן אַלט־פֿראַנקפֿורטער, איינגעפֿונדעוועטער פֿאַמיליע.

איך באַמי זיך צו ווירקן אויף אים, ער זאָל וואָס ווייניקער רעדן, הגם מיר זיצן אין צוויי אין קופּע „האָבן הייַנטיקע ציַיטן ווענט אויערן". איך בין אָבער נישט אימשטאַנד איינצושטילן דעם קוואַל פֿון זיין אָפֿנהאַרציקייט. ער ווייזט מיר זיין פּאַס מיט דער אַמעריקאַנער וויזע, ער ווייזט מיר אַפֿילו דעם טשעק, וואָס ער האַלט אין דער אָפֿענער טאַש, טאַקע באַלד פֿון אויבן, „ווו קיינעם וועט אַפֿילו נישט איינפֿאַלן צו זוכן"... זיינע עלטערן האָבן פֿאַר שפּאָט־ביליק פֿאַרקויפֿט זייער הויז, כדי אים צו באַזאָרגן מיטן דאָזיקן טשעק. ווען ער וועט זיי צוווּיסן טון, אַז ער איז בשלום אַריבער די גרענעץ, וועלן זיי נאָכקומען... און פֿון פֿראַנקרייך איז שוין נישט וויַיט קיין אַמעריקע, צו די קרובים... ער קוקט נערוועז אויפֿן זייגער, ווישט כסדר דעם שווייס... שוין נישט לאַנג... „מיט גאָטס זייַנער הילף"...

אַ דאַמע אין די מיטעלע יאָרן קלאַפּט אָן אין אונדזער קופּע און בעט

אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין. אין איר קופּע, זאָגט זי, געפינען זיך ס״ס־לייט, וואָס פאַרהאַלטן זיך נישט אַנשטענדיק. זי דאַנקט אונדז העפלעך פאַר דער דערלויבעניש. ס׳וועט זי פרייען צו פאָרן צו דער גרענעץ אין אַן אַנשטענדיקער געזעלשאַפט, ווייל „די דאָזיקע באַנדע״...

אונדזער בחור איז צוגעפאַלן צו דער נייער מיטשמועסערין, וואָס האָט זיך, להיפוך צו מיר, שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אים. ער האָט איר איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָס איך האָב שוין פון אים געהערט, נאָר מיט נאָך מער איינצלהייטן און צוטרוי. די דאַמע האָט זיך צוגעהערט מיט מיטגעפיל, ווייל זי אַליין, ווי זי האָט אונדז פאַרזיכערט, איז אויך אַ יידישקע, והא־ראיה, זי ווייסט צו זאָגן „אַדוני״ און „שבת״...

מיר האָט זיך דערמאָנט דער קאָוונער פּראָוואָקאַטאָר מיט דער פאַר־בונדענער באַק. זי אָבער איז מער אינטעליגענט פון יענעם און... פאַכמע־נישער.

איך ווונק צום בחור, מאַך אים צייכנס ער זאָל שווייגן. ער לייגט אָבער נישט קיין אַכט אויף מיר. די דאַמע האָט געוווּנען זיין פולשטענדיקן צוטרוי. אַט ווייזט ער איר ווי ער נאַרט אָפּ די נאַציס מיטן טשעק, וואָס ער האַלט אין אַן אָרט, וואָס „קיינעם וועט נישט איינפאַלן״... אַט זאָגט ער איר דעם אַדרעס פון זיינע עלטערן, וואָס האַלטן זיך אויף ביי בערלי־נער פריינט...

ווען ס׳איז שוין נישט פאַרבליבן קיין סך צייט צו דער גרענעץ, האָט זיך די דאַמע שנעל אָפּגעטראָגן און איך האָב געוואָרט מיט האַרצקלאַפּע־ניש אויפן ווייטערדיקן פאַרלויף. מיין פאָרגעפיל האָט מיך נישט גע־נאַרט. ווי נאָר די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט איז אַריין צו אונדז אין קופּע דער קאָנדוקטאָר מיט אַ צאָל־באַאַמטן, באַגריסט אונדז מיט „הייל היטלער״ און באַטראַכט אונדזערע דאָקומענטן.

ביי מיר איז געווען אַלץ אין אָרדענונג און דער באַאַמטער האָט מיר העפלעך סאַלוטירט. נאָך דעם האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט צום בחור, בליץ־שנעל פאַררוקט די האַנט אין זיין טאַש און אַרויסגעצויגן דעם אומגליקלעכן טשעק. דער בחור האָט נישט באַוויזן אַרויסצורעדן קיין וואָרט, ווי ער איז געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון קופּע. ס׳האָבן אים אַרומ־

געריגגלט צוויי ס״ס־יונגען. איך האָב נאָך באַוויזן צו הערן: „זי זינגד דאָך אויך מענטשן״...

איך האָב פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט. די באַן האָט געריירט.

***

צו מיין שטענדיקן האָטעל, אויף בולוואַר מאַזשענטאַ, איז מיר דאָס מאָל אויסגעקומען צו גיין צופוס. ס׳האָבן מיך באַגלייט מיינע פריינד וואָס האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים אָנקומען קיין פּאַריז. ס׳איז געווען אַ שטרייק פון די שאָפערן און די באַוועגונג פון דער וועלט־מעטראָפּאָליע איז געווען פּאַראַליזירט.

די שטימונג פון מיינע פריינד איז געווען נישט גאָר קיין געהויבענע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויס נחת שטייט מיר דאָס מאָל נישט פאָר פון מיין פּאַריזער באַזוך. זיי האָבן מיר טאַקע געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ס׳וואָלט גלייכער געווען פון דאַנען צו פאָרן דירעקט קיין אַרגענטינע און, ביים אומקערן זיך פון דאָרט, שפּילן אין פּאַריז. איז אָבער די שיף „מאַסיליאַ״ צו וועלכער מ׳האָט מיר נאָך פון אַרגענטינע רעזערווירט אַ פּלאַץ, מיט אַ קורצער צייט צוריק אָפּגעגאַנגען אַהין. איך מוז, אַלזאָ, באין־ברירה, וואַרטן ביז זי וועט זיך אומקערן קיין פראַנקרייך.

איך האָב עס מיר אָבער שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען, ווייל מיינע געדאַנקען זענען שוין געווען פאַרטאָן אין דער פאַרשטייענדיקער נסיעה לעבר־לים און איך האָב קיין באַזונדער חשק איינצושפּאַנען זיך אין טעאַטער־אַרבעט נישט געהאַט. נאָכן אינטענסיוון האַלבן יאָר אין קאָוונע, האָב איך מיך געניטיקט אין אָפּרו, בפרט, אַז דער אוואַנס, וואָס איך האָב באַקומען פון אַרגענטינע, האָט מיר געקלעקט דערויף.

די טעאַטער־דירעקטאָרן זענען אָבער צוגעשטאַנען איך זאָל ראַטעווען די סיטואַציע און „אויפטרעטן״, ווייל אַ גאַסטראָלער מיט אַרבעט־רעכט, וואָס לאַקטיקער האָט מיר צוגעשיקט קיין קאָוונע, איז ממש אויף דער וואָג פון גאָלד.

היות ווי איך האָב געהאַט פיר נישט־געשפּילטע פּיעסן — „ד״ר לעווי״, „דער אורטייל״, „קאַמף און פאַרראַט״ און „איוואַר קרויגער״, — וואָס

פאַדערן נישט קיין גרויסן אַנסאַמבל, האָבן זיך צוזאַמענגענומען באַוויזן אַנאַנסן, אַז „אויפן וועג קיין בוענאָס־איירעס האָט באַוויליקט״... און אַזוי ווייטער, ג׳ויסן נוסח לאַכטיקער.

גראָד האָט זיך צונויפגעקליבן אַ קליינע גרופּע „כשרע״ אַקטיאָרן מיט אַרבעט־רעכט, ווי מיין אַלטער חבר טשייקאָווסקי, העני לעמאַן, היינצע און, אַ נייע, אַ זינגערין, וואָס האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר „אינטעליגענטע״ ווערטער... צוליב איר האָט מען געמוזט געוויסע אויסדריקן אָן אָפּט מאָל גאַנצע פראַזן „פּאָפּולאַריזירן״ און דאָס האָט אויך נישט תמיד געהאָלפן... האָבנדיק אָבער דערפאַרונג אינעם יידישן טעאַטער אין פּאַריז, האָב איך מיך געמאַכט פאַרהערן פאַרשידענע קאַלאַמבורן און צעקאַלעטשעטע „אינטעליגענטע״ ווערטער. דער עולם האָט איר אויך מוחל געווען, — זי איז דווקא געווען זייער אַ שיינע און יונגע פרוי.

ווי געוויינטלעך אין יענע מקומות, האָב איך דעם רעקוויזיט צו דער פאָרשטעלונג געזען נאָר אין לעצטן מאָמענט, אויב איך האָב אים בכלל געזען. דאָס מאָל האָב איך אָבער קאַטעגאָריש געוואָרנט לאַכטיקערן, אַז איך מוז האָבן צום לעצטן אַקט פונעם „אורטייל״, אַ רעוואָלווער וואָס שיסט אויף דער בינע, אין קעגנפאַל קאָן איך נישט שטעלן די פּיעסע.

לאַכטיקער האָט זיך אַפילו געפילט געטראָפן:

— ס׳טייטש, אַז לאַכטיקער זאָגט, איר ווייסט דאָך...

ווען איך האָב באַדאַרפט אַרויס אויף דער בינע צום לעצטן אַקט און געמאָנט ביי לאַכטיקערן דעם רעוואָלווער האָט ער מיר אונטערגעטראָגן אַ קינדער־פּיסטאָלעט, וואָס שיסט מיט אַ קאָרעק... אָן אויפגערעגטער, האָב איך אַראָפּגעריסן די באָרד און זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג. צוליבן פאַרציִען זיך פון אַנטראַקט איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל אין טעאַטער. לאַכטיקער האָט זיך ערגעץ־ווו באַהאַלטן און געלאָזן אַלץ אויף גאָטס באַראָט. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ דעלעגאַציע פונעם פּובליקום, אַז איך זאָל עס טון פאַר מיינע חסידים און פאַרענדיקן די פּיעסע ווי ס׳זאָל נישט זיין. צום לעצטן אַקט בין איך אַרויס אָן אַ באָרד און אָנשטאָט צו דערשיסן די העלדין, האָב איך זי דערשטיקט. אמת, ס׳איז געווען „נישט פאַסיק״ פאַר אַ סאָוויעטישן קאָמיסאַר, וועלכן איך האָב דאָן

געשפּילט, אַזוי צו ליקווידירן זיין געליבטער פרוי, אָבער, ווי געזאָגט, האָט מען עס מיר מוחל געווען...

איך האָב דעריבער באַשלאָסן בעסער צו געניסן פון די שיינקייטן פון פּאַריז און ווי געהעריק צוגרייטן דעם רעפּערטואַר פאַר בוענאָס־איירעס. ווי שוין דערמאָנט, האָט מיר משה ליפשיץ צוגעהאָלפן באַאַרבעטן „איוואַר קרויגער" און גלייכצייטיק מיר צוגעגרייט מאַטעריאַל פאַר סאָלאָ־אויפטריטן. פון דאָזיקן מאַטעריאַל איז „ד"ר וואָלף" מיט דער צייט געוואָרן איינער פון מיינע אינטערעסאַנטסטע עסטראַדע־נומערן.

פאַר דער צייט פון מיין פאַרברענגען אין פּאַריז האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו באַקענען אַ גרויסן ייִדישן סקולפּטאָר, נחום אַראָנסאָן, צוויי גרויסע אַרטיסטישע פּערזענלעכקייטן פון ייִדישן טעאַטער: יעקב בן־עמי און סעמועל גאָלדענבורג, ווי אויך דעם ארץ־ישראלדיקן „אהל"־טעאַטער, וואָס איז דאָן אַראָפּגעקומען צום ערשטן מאָל קיין פּאַריז אויף גאַסטראָלן.

אַ חוץ דעם דערמאָנטן פאַרגעניגן, האָט מיר פּאַריז אונטערגעטראָגן ־ישט ווייניק האַרצווייטיק מיטן טויט פון אַקטיאָר ל. בערגער, דעם פאָטער פון מיין קאָוונער פּאַרטנערין ראַשעל. איך האָב אים איין־יקע מאָל באַזוכט אין שפּיטאָל און אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, וואָס ער האָט געפינען אין אַ „קאָלעקטיוון" קבר פון איינער פון די פּאַריזער „סאָסייטעס". דאָס איז, אגב, געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען אין אַ נאָרמאַלער צייט אַזוי קובר זיין ביי ייִדן...

***

אין פּאַריז באַווייזט זיך בן־עמי מיט בערטאַ גערסטען. די לעצטע האָב איך געקענט פון אירע גאַסטשפּילן אין פּוילן פאַר אַ קולטורעלער און אימפּאָנירנדיקער מעלאָדראַמאַטישער שוישפּילערין. פון בן־עמי, דאַקעגן, האָב איך אַ סך געהערט און געלייענט.

מיך האָט דערפרייט די געלעגנהייט צו באַקענען פּערזענלעך און דער עיקר פון דער בינע דעם זייל פון ערשטן ליטעראַרישן טעאַטער פון פּרץ

הירשביין און איצטיקן גרויסן אַקטיאָר פון יידישן און ענגלישן טעאַטער אין אַמעריקע.

אויך איך האָב דאַן — בעת זיינע אויפטריטן און אונדזערע פּריוואַטע טרעפונגען דערקענט אין בן־עמין איינעם פון די טיפסטע, צאַרטסטע און אינטעליגענטע מייסטער, וואָס אונדזער טעאַטער האָט ווען ס׳איז פאַר־מאָגט.

אַזוי האָב איך אים געטראָפן אין אייניקע יאָר אַרום טריומפירן אין אַרגענטינע און דערנאָך אין בראַזיל, איינעם וווּנדערבאַרן אָוונט פון פּראָג־מענטן, וואָס ער האָט געגעבן צוזאַמען מיט בערטאַ גערסטען און יעקב מעסטעל.

גישט קיין טאָג־טעגלעכע קינסטלערישע רעוועלאַציע איז געווען דאָס אָנקומען פון „אהל" קיין פּאַריז.

ביז דאַן זענען מיר געווען באַקאַנט מיט דער „הבימה", באַוווּנדערט איר צוזאַמענשפּיל און הויכקינסטלערישע דערגרייכונגען, אָבער ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די „הבימה" שטעלט פאָר מיט זיך איינעם פון די מילחמה־פּראָדוקטן פון דער רוסישער טעאַטער־קונסט. אמת, אַ גרויסער טעאַטער, אָבער אַ רוסישער; אמת, דער אַנסאַמבל האָט פאַרגע־שטעלט מיט זיך אַ הויכע מדרגה פון טעאַטער־דיסציפּלין; די רעזשי, די דעקאָראַציעס, די מוזיק — שטעלן פאָר מיט זיך מוסטערן פון די בייסטע דערגרייכונגען פון דער רוסישער בינע; אמת, די ראָווינאַ האָט זיך באַ־רימט געמאַכט אין „דיבוק" און אין „אייביקן ייד" צוגלייך מיט צמחן, אָבער דער גייסט פונעם טעאַטער איז געווען ווייט פון דעם, וואָס מ׳האָט פון אים דערוואַרט. ס׳האָט געפעלט ארץ־ישראל־אַטמאָספער. ס׳איז גע־ווען פרעמד, רוסיש.

און אָט באַווייזט זיך אַ טעאַטער, וואָס רופט זיך אַן „אַרבעטער־טעאַטער פון ארץ־ישראל", אַ נישט־באַקאַנטער נאָמען, נישט פּאָפּולער און נישט אָנרעקלאַמירט און — איבער נאַכט רופט ער אַרויס די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און אָנערקענונג אין דער פּאַריזער טעאַטער־וועלט.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן אויף דער פּרעמיערע פון „יעקב און רחל" ביי דער זייט פון מיין בערלינער רעזשיסער סטריזשעווסקי; עס

געפינען זיך אין זאַל דער „יורד" סאָקאָלאָוו פון טאַיראָווס „קאַמער־טעאַ־טער" לעבן אים אַ צווייטער „יורד", אינקישינעוו. דער העלד פונעם גרויסן סאָוויעטישן פילם „שטורעם איבער אַזיע"; אין זאַל געפינען זיך די גרויסע אויטאָריטעטן פונעם פאַריזער קולטור־לעבן און — אַלע ווי איינער: „אָט דאָס איז טעאַטער!".

דער רעזשיסער, משה הלוי, ווערט אַרויסגערופן נאָך דער פאָרשטעלונג אויף דער בינע. אַ באַשיידענער יידישער יונגערמאַן מיט אַ גרויסער שוואַר־צער טשופרינע, מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַ לערער, אָדער אַ באַ־אַמטן; נישט דרייסט. ער פילט זיך, ווייזט אויס, נישט באַקוועם, — צו זיין אַזוי אָוואַציאָנירט אין דער וועלט־מעטראָפּאָליע. אָט אַפּנים זיין היים האָט אים נישט צוגעוווינט צו אַזאַ לוקסוס... שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דער דאָזיקער, אַזוי נישט „אַרטיסטיש־אויסזעעוודיקער" יונגערמאַן האָט באַוויזן אַזוי אַרטיסטיש אויסצוזינגען די ביבלישע לעגענדע פון יעקב און רחל. ער האָט פון זאַמדיקן נאָענטן מיזרח געבראַכט צום רוישיקן פּאַריז אַ גרוס פון הויכער נאַציאָנאַלער טעאַטער־קולטור. מיר זענען שטאָלץ געווען מיטן דאָזיקן גרוס; ס'איז שטאָלץ געווען מיט אים דאָס פראַנ־צויזישע יידנטום. ס'האָט שטאַרק געווירקט, ווי די באַזוכן פון די פּאָ־פולערסטע שליחים.

פון דער בינע האָט זיך געטראָגן אַ פרישקייט. דער יוגנטלעכער חן האָט אַראָפּגעשמייכלט פון איר צוגלייך מיט דער וואַרעמקייט פון ארץ־ישראלדיקן הימל.

די צאַרטע תנכישע רחל איז געוואָרן אַזוי חנעוודיק אויפגעלעבט פון יהודית ברקאית... ווי אַן איבערגעשראָקן ציטערדיק סאַרנעלע האָט זי גע־פלאָטערט אין די אָרעמס פון יעקבן; אַזוי צניעותדיק פאַרשעמט, ווי עס פּאַסט פאַר דער יונגער „מאַמע רחל".

און פון לעגענדע צו דראַמע, ווי ווערדיק צחבל נעמט אויף די קלעפּ פונעם גורל אין „ירמיהו", מיט וויפל דינאַמישן כוח ער דריקט אויס זיין צער, צער פון אַ גאַנצן פאָלק.

די דערמאָנטע צוויי סצענישע קרעאַציעס האָבן באַוויזן, אַז דער יונ־גער רעזשיסער איז נישט בלויז אַ מייסטער אויף צו שאַפן פאַרביקע ספּעק־

טאָקלען, נאָר אויך אַ פּעדאַגאָג אויף צו דערציִען אַ נייעם דור אייגנאַר־טיקע אַקטיאָרישע פּערזענלעכקייטן.

דעם פּאַריזער עמך־עולם האָט אויך אימפּאָנירט, וואָס דאָס ארץ־ישׂראלדיקע טעאַטער האָט נישט פאַרגעסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור און געשאַפן אַן אומפאַרגעסלעכן פּרץ־אָוונט.

אימפּאָנירט האָט אויך דאָס איינלעבן זיך פון די „אהל"־אַרטיסטן אין די רוסישע געשטאַלטן פון גאָרקיס „נאָ דניע". אויך דאָרט האָט אַ גלאַנץ געטון אַן אייגנאַרטיקע אַרטיסטישע פּערזענלעכקייט — מרגלית אין „לוקא". דאָרט האָט אויך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט לאה דגנית מיט איר פאַרקערפּערונג פון וואַסיליסאַ. ס'איז געווען אַ טעאַטער, וואָס האָט, אַ חוץ דער ארץ־ישׂראל־אַטמאָספער, באַוויזן אַז ער איז בכוח אַרויס־צוברענגען אויך דעם גייסט פון אַנדערע פעלקער. ס'איז געווען יונג, נישט מאַניִערירט, אַלזייטיק. אַ טעאַטער, אויף וועלכן די פּראָוונצויזישע עפנט־לעכקייט האָט געלייגט אַ סך האָפענונגען און געוואַרט אויף אַ צווייטן באַזוך, וואָס האָט זיך אין אייניקע יאָר אַרום ווידער איינגעגעבן.

בעת מיין אָנקומען קיין ישׂראל האָב איך שוין געטראָפן דאָס דאָזיקע טעאַטער לגמרי דעקאַדענט, קינסטלעריש אויסגעליידיקט. איך וויל זיך נישט פאַרטיפן אין די סיבות פון דער דאָזיקער וויטיקדיקער דערשיינונג, דאָס וועלן געוויס טון באַרופענע טעאַטער־היסטאָריקער. דער גרינדער, רעזשיסער און דערציִער פונעם ערשטן קאָדער „אהל"־אַרטיסטן, משה הלוי, איז איצט מחוץ דעם טעאַטער.

ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות — זעקסאונצוואָנציק יאָר נאָך מיין ערשטער באַגעגעניש מיטן „אהל", טרעט הלוי צו צום שאַפן אַ תנ"ך־טעאַטער, וואָס איז אין אַלע הינזיכטן אַ נויטווענדיקייט אינעם לאַנד פון תנ"ך.

***

און צום סוף נאָך אַ באַגעגעניש אין פּאַריז: סעמועל גאָלדענבורג. אַ „סטאַר" פון אַמעריקע, אַ נאָמען, וואָס „ציט". אַן אָפּגאָט ביי אַקטיאָרן און... פרויען, אַ שמאַלצגרוב פאַר אימפּרעסאַריאָס.

באַקענט זיך צופעליק אינעם טעאַטער־קאַפע אויף פּלאַס דע לאַ רע־

פּובליק און גלייך געוואָרן פריינד, ווי מיר וואָלטן שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט. ס׳איז געווען אונדזער ערשטע און לעצטע באַגעגעניש אין לעבן. ער איז אָפּגעפאָרן קיין קאָוונע, איך — קיין אַרגענטינע. און מער האָב איך שוין נישט געזען דעם אינטערעסאַנטן, קלוגן און נישט־ווייניקער ציניש׳ן סעמועל גאָלדענבורג.

אַ זעלטענע דערשיינונג: הויך, שלאַנק, עלעגאַנט, מיט אַ שיינעם אויסדרוקפולן פּנים, מיט גרויסע, האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט פון אונטער דער פענסנע אַרויסגעבליקט חכמה, לעבן־דערפאַרונג און... חוזק, בפרט ווען ער האָט גערעדט פון טעאַטער.

אייניקע טעג פאַר מיין אָפּפאָרן פון פּאַריז האָב איך געהאַט די גע־לעגנהייט צו באַזוכן דעם אַטעליע פון נחום אַראָנסאָן, איינעם פון די גרעסטע ייִדישע סקולפּטאָרן פון אונדזער דור.

האָב איך אים דאָך געדענקט פון די רעפּראָדוקציעס אינעם זשורנאַל „ניוואַ״, וואָס מיין פאָטער האָט פאַר מיר אַבאָנירט. פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען זיין צאַרט, צעשמייכלט פּנים, באַקרוינט מיט אַ העלער שעווע־לורע, פאַרענדיקט מיט אַ קמץ־בערדל, אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רוסישער אינטעליגענץ אָנהייב אונדזער יאָרהונדערט. ער איז מיר געשטאַ־נען פאַר די אויגן אין זיין ווייסן כאַלאַט מיטן גרויסן „קינסטלער־קראַ־וואַט״ מיטן האַמער אין האַנט פאַרן בעטהאָווען־קאָפּ, וואָס ער האָט אויס־געהאַקט אין מאַרמאָר...

פּלוצים טוט מען מיר אַ מאָל צוזויסן פאַר אַ פאָרשטעלונג פון „קאַמף און פאַרראַט״, אַז אַראָנסאָן איז געקומען אין טעאַטער. נאָך דער פאָר־שטעלונג איז ער אַרויף צו מיר אויף דער בינע. און אָט דערזע איך דעם אַמאָליקן אַראָנסאָן, וועלכן איך האָב אָפּגעהיט אין מיין זכרון לויטן בילד אין דער „ניוואַ״. דער אַז ערך זעכציקיאָריקער קינסטלער האָט זיך כמעט גאָרנישט געביטן פאַר דער צייט. דער זעלבער גוטמוטיקער, נאַיִווער שמייכל, דער זעלבער מילדער, קלוגער בליק. דאָס אייניציקע וואָס איז אים פאַר דער צייט צוגעקומען, איז די ווייסקייט פון זיינע האָר וואָס האָבן, פאַרקערט, נאָך אינטערעסאַנטער געמאַכט זיין שיינעם קאָפּ.

אַראָנסאָן האָט מיר באַדאַנקט פאַרן שפּילן און אויסגעדריקט זיין

פאַרלאַנג מיך צו זען ביי זיך אין אַטעליע. איך האָב, פאַרשטייט זיך, די איינלאַדונג אָנגענומען מיט פאַרגעניגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געווען ביי אים אין אַטעליע און איך האָב באַוווּנדערט זיין „יונגן משה־רבינו", זיין „ספּאַרטאַקוס", זיין „יהודה איש קריות"...

אויב נישט קיין דירעקטער נאָכפאָלגער פון ראָדען, פילט זיך אָבער שטאַרק די השפּעה פונעם פראַנצויזישן מייסטער אויף אַראָנסאָנס ווערק. ער האָט געשאַפן אַ מערקווירדיקן סינטעז פון ראָדען און די אַלטגריכישע מייסטער, אָנגעפילט מיט יידישער התלהבות, נישט בחינם האָט ער פאַר־נומען אַן ערשטן אָרט צווישן די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן און איז פאַרטראַטן מיט זיינע שאַפונגען אין די גרעסטע וועלט־מוזייען.

איך באַטראַכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דעם „אויב נישט נאָך הע־כערן" ווינקל אין דער רוישיקער שטאָט פון מאָנסאַרדעס, די צאַרטע קינ־דער־געשטאַלטן אינעם שוואַרצן און ווייסן מאַרמאָר, די צניעותדיקע ווייב־לעכקייט פון אַ „שולמית"; אַ גאַלעריע קעפּ פון גרויסע גייסטער, צווישן זיי בעטהאָווען און לעניןָ. דער ערשטער מיט אַ צעשטורעמטער טשופּרינע איבערן פאַרכמורעטן קאָפּ, דער צווייטער — מיטן שאַרפגעפּאַרעמטן, אַס־קעטישן שאַרבן און מיטן אויסערלעך־רויקן, אָנטשלאָסענעם בליק. און נישט ווייט פון זיי — זיין באַרימטער „יהודה איש קריות" מיטן פאַררי־סענעם קאָפּ, מיט אַן אַרויספאָדערונג צו דער וועלט: „נאַט, טוט מיר עפּעס!".

אַראָנסאָן האָט אָנגעוויזן אויף אים און געזאָגט:

— ווייסט איר, אַז אומדירעקט איז דאָס יידל די סיבה פון אייער איצטיקן באַזוך ביי מיר?

נאָך אַ קורצן שווייגן גיט ער צו:

— איר גלייבט מיר נישט? — און צעלאַכט זיך ווי אַ קינד — יאָ, יאָ, דער דאָזיקער „יהודה דער פאַררעטער"... איך האָב צופעליק דערזען אין דער רוסישער צייטונג אייער בילד אין אַ ראָלע פון דימאָווס פּיעסע, — מיר זענען מיט דימאָוון גוטע פריינד — האָט עס מיר דערמאָנט אין מיין „יהודה". איך בין טאַקע געקומען אייך זען אַ לעבעדיקן אויף דער

בינע... איך האָב באַדויערט, וואָס איר האָט מיר נישט פאָזירט צו מיין „יהודה"... איר האָט אַ רייכע פּאַליטרע, דעצידירטע טענער... און צאַרטע האַלבע טענער... אַ שאָד... אַזאַ היימישער „יהודה איש קריות"...

צו הערן אַזאַ מיינונג פון אַראַנסאָנען, וואָס איז דווקא נישט געווען קיין אַנהענגער פון טעאַטער, האָט מיר פאַרשאַפן גרויס הנאה. האָט דאָך „קאַמף און פּאַרראַט" געהערט צו דימאָווס שוואַכסטע פּיעסן, די צייט פון „זובאַטאָווטשינע", פּאַרביסענער קאַמף פון דער „אָכראַנע" קעגן יידישן אַרבעטמענטש. מיין ראָלע — אַ צוגעטראַכטע, אַ מין אַזעף, אַ צווייפּנימדיקייט, אינערלעכע ראַנגלעניש; קעמפט קעגן אייגענע און ווערט באַקעמפט פון פרעמדע. און דאָך... אַ דאַנק דער דאָזיקער שוואַכער פּיעסע האָב איך געהאַט די פרייד צו באַקענען און צו באַקומען פון אַראַנסאָנען אַ צייכענונג פון מיר, וואָס ער האָט געמאַכט פון זכרון, נאָכן אומקערן זיך פון טעאַטער.

קאָוונע און פּאַריז האָבן מיר צוגעטיילט שיינע מתנות צו מיין פאַרלאָזן אייראָפּע.

27

צו יענער זייט ים

אין דער רשימה פון מיינע טעאַטער־וואַנדערונגען פאַרנעמט אַרגענטינע דאָס ערשטע אָרט.

אין יאָר 1934 ווער איך קאָנטראַקטירט דורכן טעאַטער „אַמבו" אין בוענאָס־איירעס. אין 1940 קום איך אָן צום צווייטן מאָל קיין בוענאָס־איירעס, — דאָס מאָל מיט מיין פרוי, ווי פּליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַציס.

אין 1951 ווערן מיר איינגעלאַדן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן צום דערשיינען פון 75סטן בוך פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", אָנגעפירט פון מיין ברודער מאַרק און אברהם מיטלבערג. — דאָס דאָזיקע בוך „פראַגמענטן פון מיין לעבן" איז טאַקע דאָס

ערשטע פון מיינע זכרונות, וועלכע איך פאַרענדיק איצט מיטן דריטן: „די איבערגעריסענע תקופה".

דאָס צווייטע בוך: „טעאַטער־זכרונות אין אַ שטורמישער צייט" האָב איך געשריבן בעת מיין באַזוך אין אויסטראַליע.

דאָס איצטיקע דריטע בוך נעמט אַרום דעם צייטאָפּשניט פון 1920 ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילחמה.

וויל איך טאַקע פאַרבינדן מיינע זכרונות פון די ערטער וואָס איך האָב באַזוכט פאַרן אויסברוך פון דער מילחמה מיט מיינע באַזוכן פון די דאָזיקע ערטער בעת דער מילחמה און נאָך איר. אַזוי אַרום וועט מיין לעבנס־וועג ביזן באַזעצן זיך אין ישראל זיין, מער אָדער ווייניקער, פאַרנאַטירט.

כ'וועל אָנהייבן פון מיין ערשטער רייזע קיין אַרגענטינער אינעם יאָר 1934.

ביז דאַן בין איך צום לענגסטן געפאָרן אויף אַ שיף פון קיִעוו ביז האָמעל: דריי טעג איבערן דניעפּער.

און אַט הייבט זיך אָן מיין ערשטע — פון אַ לאַנגער שורה — ים־רייזעס. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ „סטאַבילער" פּאַסאַזשיר פון די פאַרשידנסטע אַטלאַנטיק־און פּאַסיפיק־„ליינס".

די ערשטע רייזע קיין בוענאָס־איירעס האָב איך דורכגעמאַכט אין אַ לוקסוס־קאַבינע פון דער שיף „מאַסיליאַ".

מיט זעקס יאָר שפּעטער האָב איך די זעלבע רייזע געמאַכט אין אַ פּולגעפּאַקטער קאַבינע פון טוריסטנקלאַס, אַנטלויפנדיק פון היטלערן. דאָס באַטרעטן אַ שיף ווירקט געוויינטלעך באַרויִקנדיק אויפן פּאַסאַזשיר. דער ים שאַפט אַנטשפּאַנונג, זאָרגלאָזיקייט, האָפענונג און אילוזיעס.

אַזוי האָט טאַקע געדאַרפט זיין מיט מיין ערשטער רייזע קיין אַרגענטינע. די צווייטע האָב איך מיטגעמאַכט צוזאַמען מיט מיין פרוי ראַזאַ. ביידע דערשלאָגענע, צעבראָכענע און געמאַטערטע פון געוויסנביסן. מיר האָבן דאָך איבערגעלאָזן אינעם גיהנום אונדזערע נאָענטסטע און ליבסטע.

די לעצטע שיפרייזע מיינע האָט מיך שוין געפירט איבערן מיטל־לענדישן ים, קיין ישראל. האָט אונדז טאַקע דאָס מאָל דער ים געשאָפן אַנטשפּאַנונג, פרייד, האָפענונג, אָבער — נישט קיין פאַלשע אילוזיעס...

***

מיט אַ שווער געמיט האָב איך באַטראָטן צום ערשטן מאָל די טראַנס־אַטלאַנטישע שיף „מאַסיליאַ".

אַט בין איך 38 יאָר אַלט. די בעסטע יאָרן פאַר אַ מאַן. האָב שוין הינטער זיך אַ שטיק טעאַטער־דערפאַרונג, האָב אַן עולם, פאַרערער, פריינד. האָב, ווי מע רופט עס, אַ „גוטן נאָמען", אַ „צוציִענדיקן"; האָב דערפאָלג אויף דער בינע, דערפאָלג אין לעבן — אַלץ וואָס אַן ארטיסט וואָלט זיך געקאָנט ווינטשן, און דאָך — איך מאָך דעם סך־הכל און ס'באַקומט זיך: גאָרנישט! איך הענג אין דער לופטן. אַן אַ מאָרגן פאַר די אויגן, אַן אַ באַ־שטימטן האָפן אויף צו פאַרוואַרפן דעם אַנקער. די רייזע טראָגט מער אַן אוואַנטוריסטישן כאַראַקטער, איידער האָפענונג אויף אַ וועלכן ס'איז תכלית...

שטייט מען אויפן דעק און מע באַוווּנדערט דעם שיינעם הימל איבער וויגאָ; דערווייטערט מען זיך פון די הויכע קאַטעדראַלן און קלויסטערס פון ליסאַבאָן; פילט מען דאָס מילדע ווינטל, וואָס גלעט די באַקן ווי צו אַ געזעגענונג... צום ווידערזען, אָדער — אַ זייגעזונט אויף שטענדיק!

קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אַדיע, אייראָפּע!

פאַרשידענע שפּראַכן הערן זיך אויף דער שיף, באַקאַנטע און פרעמ־דע. ס'דאָמינירט שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש.

הייבסט אָן צו פילאָזאָפירן. די צוקונפט איז אומבאַקאַנט, גריבלסטו זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט. פון פערזענלעכן גייסטו איבער צום אַלגע־מיינעם. און דער עיקר צו אונדזער יידישן לעבנסוועג.

***

אַ טאָג נאָך אַ טאָג — הימל און ים און — געדאַנקען.

עס טראַכט זיך גוט ביים גערויש פון די כוואַליעס. די ערשטע טעג מיידסטו אויס באַקאַנטשאַפט. ס'ווילט זיך זיין אַליין מיט די געדאַנקען. ביז זיי ווערן דערעסן, ווילסט זיך באַפרייען פון זיי און זיי פאַרוואַנדלען אין רייד. ווער רעדט נאָך, ווען דו טרעפסט אָן אויף אַן אינטערעסאַנטן מיטשמועסער. איז עס טאַקע געווען אַ פראַנצויז אין מיין עלטער, אַן אוויאַ־

ציע־אינזשיניער, געשיקט קיין בוענאָס־איירעס מאָנטירן אייראָפּלאַנען. ער וואָלט שוין געוואָלט צוריקפאָרן קיין פּאַריז, — בענקט נאָך זיין היים. ס'איז אָבער אַ באַפעל, מוז מען פאָרן. מיר האָט דאָך קיינער נישט באַ־פוילן צו פאַרלאָזן מיין היים, — פאַרקערט, — איז מיר טאַקע שווערער פון אים.

ער באַמיט זיך מיר אַריינצופירן אין דער וועלט פון אַעראָנאַוטיק, איך אים — אין דער וועלט פון טעאַטער. נישט מיר און נישט אים גיט זיך עס איין. איך באַטראַכט פאַרשידענע מאָדעלן פון לופטשיפן, ער — מיינע אויפנאַמעס אין ראָלן. ביידע שאָקלען מיר מיט די קעפּ: אינטערעסאַנט, שיין, — און סוף־כל־סוף נעמען מיר זיך ביידע לייענען ביכער.

אין אַ געוויסן טאָג — אַ געלויף צום שפּיץ פון דער שיף: פון דער ווייטנס זעט זיך יבשה.

אַזוי האָבן געוויס די אַנטדעקער פון נייע וועלטטיילן געקוקט אין דער ווייטקייט, ווען פון הויכן מאַסט האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „יבשה, יבשה!"...

ווייטע סילועטן פון אַ שטאָט. רעסיפע. הויפּטשטאָט פונעם שטאָט פּערנאַמבוקאָ, בראַזיל. מיר דערנענטערן זיך נישט, פאָרן פאַרביי, שווי־מען ווייטער. אַלץ בלאַסער ווערן די סילועטן, ביז זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ קליין פּינטעלע צווישן הימל און ים.

דעם נאָמען רעסיפע הער איך, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל. פּערנאַמ־בוקאָ געדענק איך פון געאָגראַפיע. ס'האָט געהערט צו די ווילקלינגענדיקע נעמען, וואָס האָבן דערמאָנט ווייטקייט. הרי־חושך, עקזאָטיק: וואַלפּאַראַ־סאָ, בוענאַ־ווענטוראַ, אַרינאַקאָ... איך פלעג אַפילו גראַמען לידער מיט די דאָזיקע נעמען.

ווען וואָלט געקאָנט דאָן, פאַרבייפאָרנדיק רעסיפע, איינפאַלן אַז דאָס טאַקע וועט זיין דער ערשטער פּונקט אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט, וווּ אונדזער פּליטים־שיף וועט זיך אָפּשטעלן אויפן וועג קיין אַר־גענטינע?

וועל איך מאַכן אַ שפּרונג צום סוף 1940.

**
*

ווו זענען מיר? — רעסיפע. דער ערשטער געדאַנק: וווינען דאָ ייִדן?
אַ צופעליקער פּעדלער קומט אַרויף אויף דער שיף. ער דערוווסט זיך, אַז איך געפין זיך דאָ און גיט מיר אַפּ אַ שלום־עליכם:
— גאָט צו דאַנק, זיך אַרויסגעראַטעוועט!...
— וווינען דאָ ייִדן?
— וואָס פרעגט איר! באַלד וועט איר זען, איך שפּרינג נאָר אַראָפּ אין שטאָט...
און אָט באַווייזט זיך אַ דעלעגאַציע מיך צו באַגריסן. ערשטע שוואַלבן פון אַ ניי ייִדיש לעבן... אַן ערשטער גרוס פון „בני־רחמנים".
— איר דאַרפט דאָך געוויס געלט, חבר טורקאָוו, — פרעגט מיך דער לעמבערגער אַנשל מאַרגנשטערן — איר וועט אונדז דערנאָך אָפּשיקן...
אַזוי אויך דאָס „שניידערל" אין אייניקע טעג אַרום אין סאַנטאָס. ווע־מען וואָלט דאַן געקאָנט איינפאַלן, אַז אינעם דאָזיקן פּינטעלע אויפן האָ־ריזאָנט, וואָס רופט זיך רעסיפע, זאָלן מיר, צוויי שיפּברוכיקע פונעם איי־ראָפּעיִשן מבול, שפּעטער פאַרברענגען די גורלדיקסטע יאָרן פונעם דייטשן קאַניבאַליזם. די יאָרן פון קאָשמאַרן, פון שלאָפלאָזע נעכט, פון פּיינפולע טעג, געטריבן דורך אינערץ. די אָוונטן ביים ראַדיאָ פון די גאַסטפריינטלע־כע היימען פון די בערנשטיינס, מאַכמאַנס און פונעם לערער בורשטין. די גרויליקע ידיעות פונעם לאָנדאָנער „בי. בי. סי." וועגן די געטאָס, לאַגערן, קרעמאַטאָריעס...
ווער װעמען וואָלט דאַן געקאָנט איינפאַלן, אַז אינעם דאָזיקן ווייטן רע־סיפע, די דריטע שטאָט פון בראַזיל, קלאַפּט אַזאַ וואַרעם ייִדיש האַרץ פון בעסאַראַבישע און פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און מיטגעפיל אין אונדזער איינזאַמקייט און פאַר־צווייפלונג.
קאָן מען דען פאַרגעסן דעם טאָג ווען בראַזיל איז אַריין אין דער וועלט־מילחמה און מיר האָבן פאַרלוירן יעדע האָפענונג אַרויסצופאָרן פון רעסי־פע, דעם טיפמענטשלעכן זשעסט פונעם לאָדזשער הענאָך גיסקע און דעם ליפּקאַנער נתן ראָזענטאַל, די צוויי זיילן פונעם דאָרטיקן דראַמקרייז? עס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן זייער פאַרזיכערונג:

— פריינד טורקאָוו, כל־זמן ס׳וועט אייך זיין באַשערט צו פאַרבלייבן אין רעסיפע, קאָנט איר רעכענען אויף אונדז, מיר וועלן אייך נישט פאַר־לאָזן...

פלעגן זיי טאַקע נאָך שווערע טעג פון אַרבעט זיך צושטעלן אין די אָוונטן צו רעפּעטיציעס, כדי אונדז צו דערמעגלעכן „אויפצוטרעטן" איין מאָל אַ חודש...

און די צוויי האַרציקע, הויכטאַלענטירטע אַמאַטאָרינס, בראָנקאַ מאַר־גענשטערן און זינאַ בלאַנק, וואָס נישט איין פּראָפעסיאָנעל טעאַטער וואָלט זיך געוווּנטשן צו האָבן אַזעלכע אַקטריסעס. זיי האָבן מיר געהאָלפן אינעם פאַרוואָרפענעם רעסיפע זיך צו שאַפן אילוזיע פון מיין פאַרשניטענער „וויקט"־אַטמאָספער.

ווען ס׳איז צוליבן „בלעקאַוט" געווען שוין אוממעגלעך צו שפּילן, איז געקומען דער פאָרשלאָג פון אייזיק ראָטמאַן — איינער פון מיינע הויפּט־אַמאַטאָרן — צו עפענען פאַר מיר אַ ווינקל אויף צו פאַרקויפן „זשאַיעס" (ביזשוטעריע), וואָס איז דאַן געווען גאַנגבאַרע סחורה פאַר דער אַמערי־קאַנער קריגמאַרין.

און די פאָרלעך מיט גאָדל־מאיר בראָש, וואָס פלעגן יעדן חודש לאָזן זייערע געשעפטן און גיין פון הויז צו הויז פאַרקויפן די בילעטן צו אונ־דזערע פאָרשטעלונגען, לויטן דאָרטיקן מינהג.

ניין, דאָס וועט קיין מאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון אונדזער זכרון און דאָס געפיל פון ליבשאַפט צו די רעסיפער ייִדן וועלן מיר טראָגן אין האַרצן דאָס גאַנצע לעבן!

דאָס זעלבע צו דער שכנישער באַהיאַ, מיט איר לערער צ. יוכט, ליבע און דוד ווערטמאַן.

איך האָב דעם פאָרשלאָג פון האַנדלען מיט „זשאַיעס" נישט אויסגעניצט, ווייל פון קינדווייז אָן האָב איך געליטן אויף אַטראָפיע פון „סוחרי־שער זשילקע", ווי מיין פאָטער פלעגט עס רופן. אַזאַ מיסחר וואָלט אַלזאָ געווען אַ פון פאָרויס געזיכערטער דעפיציט. ס׳איז אויך גאָרנישט געוואָרן

פון מיין „צוהעלפן" גיסקען צו באַארבעטן אויף אַ היימישן אופן די הויט פון קראָקאָדילן און שלאַנגען. אויך דערצו האָט מיר געפעלט טאַלענט.

האָט מיר דער טאַלענט געדינט אויף אויסצואַרבעטן גיפּסענע באַ־ריעלעף־פּאָרטרעטלעך פון פּרעזידענט וואַרגאַס. דאָס מזל האָט מיר אָבער נישט צוגעדינט. דער אַלבאַסטער־גיפּס איז געוואָרן אַזוי טייער, אַז די „פּאַבריקאַציע" האָט זיך פּשוט נישט אויסגעצאָלט...

פון די אַלע מנחם־מענדלשע געשעפטן האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוי־דעם. ביז די הילף איז געקומען פון גאָר אַן אַנדערער זייט: פונעם בראַזי־ליאַנער טעאַטער.

אינעם היסטאָרישן בנין „סאַנטאַ־איזאַבעל" האָט געשפּילט אַ היימי־שע טרופּע פון ד"ר וואַלדעמאַר דע אַליוויירא. האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז אַן אַקטיאָר זאָל שפּילן אַ כינעזער און נישט וויסן ווי אַזוי זיך צו גרי־מירן. דערוויסנדיק זיך, אַז דער „פּוילישער אַקטיאָר" איז אויך אַ מומחה אין גרים, האָט מען מיר פאַרגעלייגט צו פאַרוואַנדלען דעם אַקטיאָר אין אַ כינעזער. אַדאַנק דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג בין איך פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ גרימירער. און פון גרים — צו רעזשי. און דווקא אין אַ פּיעסע פון אַ בראַזיליאַנער מחבר, וועלכן דער דאָרטיקער רעזשיסער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו „דעשיפרירן".

די פּיעסע האָט געהייסן: „די קאָמעדיע פון האָרץ" פון פּאַולאָ גאָנ־סאַלוועס. די האַנדלונג קומט פאָר אינעם „האַרץ פון אַ מענטשן". ליבע, שינאה, אינטריגע, גלויבן, פּחד, שיגעון ווערן פּערזאָניפיצירט און אַריינגע־צויגן אין אַ קאָמפּליצירטן קאַמף פון אינסטינקטן און געפילן. עס האָט זיך געניייטיקט אין אַנטשפּרעכיקע מאָדערנע אויסדרוק־פאָרעם סיי פאַר די „פּער־סאָנאַזשן", סיי פאַרן „אָרט פון דער האַנדלונג", דאָס הייסט, פאַרן קווער־שניט פון „מענטשלעכן האַרץ".

איך האָב, אַ חוץ דער רעזשי, אויך פּראָיעקטירט די דעקאָראַציע און קאָסטיומען. נישט קענענדיק נאָך קיין פּאָרטוגעזיש, האָט ראָזאַ, וואָס האָט גיך דערלערנט די שפּראַך, מיר פאַרגעלייענט די פּיעסע, געהאָלפן מיר ביים באַארבעטן זי און אַסיסטירט ביי די רעפּעטיציעס. אַדאַנק איר מיטהילף

האָט זיך מיר איינגעגעבן צו מאַכן דעם ערשטן שריט ווי אַ רעזשיסער אינעם בראַזיליאַנער טעאַטער און דער „פּוילישער" רעזשיסער איז דאָרט געוואָרן אַ שם־דבר.

דער דערפאָלג פון דער „קאָמעדיע פון הארץ" האָט אויך געפינען אַן אָפּקלאַנג אינעם וויַיטן ריאָ דע זשאַניירא און אָט באַקום איך צוגעשיקט אַ קאָנטראַקט ווי אַ רעזשיסער פון טעאַטער „אָס קאָמעדיאַנטעס", אָנגעפירט פונעם קינסטלער און טעאַטראָלאָג טאָמאַס סאַנטאַ ראָזאַ.

קיין ציווילע אַוויאַנען האָבן דאַן אין יענעם אָפּשניט פון בראַזיל נישט קורסירט. מיר זענען געפאָרן אַ וואָך צייט מיט אַ שיף, באַגלייט פון אַ קאָנוואָי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צעפּעלין און אייניקע טאָרפּעדאָ־שיפן. די דייטשע אונטערוואַסער־שיפן האָבן באַשווערט די נאַוויגאַציע לענג אויס דעם אַטלאַנטישן ים און די דייטשע לופטבאַזע אין דאַקאַר — אַכט שעה פליִען פון רעסיפע — האָט באַדראָעט אירע ברעגן. ס'איז געווען אַ רייזע פול מיט סכנות, אָבער דער פאַרלאַנג זיך אַרויסצוקריגן אין דער „גרויסער וועלט" האָט איבערגעוויגן די שרעק.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אונדזערע בראַזיליאַנער פריינד נישט ווייניק האַרציק, ווי מיט די ייִדישע. ווי מענטשלעך, חבריש האָבן זיך צו מיר באַצויגן די בראַזיליאַנער קינסטלער!

טוט מיר טאַקע וויי וואָס איך קאָן דאָס זעלבע נישט זאָגן וועגן מיינע ייִדישע חברים אין אַמעריקע.

אָט האָבן מיר שוין געזאָלט פליִען פון רעסיפע קיין אַמעריקע. אָט האָבן מיר געהאָפט זיך צו באַפרייען פון דער געצוווּנגענער איזאָלאַציע, צו וועלכער ס'האָט זיך נישט געזען קיין סוף. אָט האָט דער אַמאָליקער דירעקטאָר פונעם וואַרשעווער אַרטיסטן־פאַראיין, מאַרק יווילער, דאַן אַליין אַ פּליט אין אַמעריקע, אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט אין דעטראָיט אויף צו גרינדן אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער און איך האָב באַדאַרפט איבערנעמען די לייטונג. עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן די געהעריקע צוגרייטונגען צום אָפּפאָרן. אין רעסיפע גייען שוין פאַרלעך אַרום מיט בילעטן פאַר אונדזער געזעגענונג־אָוונט... און — פּלוצים — די אַמעריקאַנער „יו־

ניע״ דערלאָזט נישט! דער אַלמעכטיקער גוסקין, דער „טאַטע פון יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע״ האָט מורא פאַר פרעמדע אַקטיאָרן...

בין איך טאַקע, אָנשטאָט אָנצוגיין ווי אַ יידישער אַקטיאָר ביי יידן אין אַמעריקע, אַ דאַנק דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע, געוואָרן אַ בראַזיל־יאַנער רעזשיסער אין דער נייער פאַר מיר פּאָרטוגעזישער שפּראַך.

אפשר איז דאָס גאָר געווען צום גוטן. האָב איך דאָך אין ריאָ אָנגע־פירט מיט אַ יונגן אַוואַנגאַרד־טעאַטער און אין אַ צייט אַרום אויך מיט אַ יידישן דראַמקרייז פון אויסגעצייכנטע אַמאַטאָרן. ווער ווייסט אָבער וואָ־סער פּנים איך וואָלט געהאַט אין אַמעריקע אַלס „פרעמדער״ ביי מיינע יידישע טעאַטער־חברים?

זייענדיק אין רעסיפע אָפּגעשניטן פון דער וועלט און, האָבנדיק אָפּ־געשפּילט די אייניקע פּיעסן וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך מיך גענו־מען אַליין צו שאַפן רעפּערטואַר. איך בין געוואָרן אַ פּיעסן־שרייבער און דווקא אַ גאַנץ פּראָדוקטיווער.

במשך פון די פּאָר יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין רעסיפע, האָב איך אָנגעשריבן אַ ריי גרעסערע פּיעסן, איינאַקטערס און מאָנאָלאָגן. אַ טייל פון זיי איז מיר אויסגעקומען מיט דער צייט צו שפּילן און אייניקע האָבן אַפילו זוכה געווען צו באַטייטיקע דערפאָלגן ביי מיינע גאַסטשפּילן אין אייראָפּע.

⁂

איך וויל מיך צוריקקערן צום יאָר 1934, ווען רעסיפע איז, ווי אַ מיסטעריעז פּינטעלע, פאַרשוווּנדן הינטערן האָריזאָנט בעת מיין ערשטער רייזע איבערן ים.

אַ חוץ מיין פּראָווינציזשן מיטשמועסער איז מיר צוגעקומען נאָך איי־נער, אַ פּאַסאַזשיר פון טוריסטן־קלאַס.

דערזען אויף דער פּאַסאַזשיר־ליסטע מיין נאָמען, האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויפצוקומען צו מיר און איך האָב מיך טאַקע דערפרייט

מיט אַ לאַנדסמאַן, אַ פּויליש־רעדנדיקן ייִד. ער קען מיך פון וואַרשע, אונדזערע טעכטער לערנען אַפילו אין דער זעלבער גימנאַזיע און ער אַליין פאַרט מיט ייִדישע פילמען, האָט אַפילו מיט זיך יאַנאַסעס „לוזניק". זענען מיר, אַזוי צו זאָגן כּמעט פון איין „בראַנזשע"...

די דאָזיקע רייזע איז נישט ביי אים די ערשטע. יעדעס יאָר פאָרט ער אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער און הלוואַי, ווייטער, האָט ער זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. ער איז אויף דער שיף אַ „בן־בית", ער קען אַלע פּאַסאַזשירן. ער ווייס מיר אַפילו צו דערציילן, אַז אין דריטן קלאַס פאָרן אייניקע יונגע פרויען צו זייערע מענער קיין אַרגענטינע. זיי קענען מיך אַלע און וואָלטן וועלן מיט מיר רעדן. מע לאָזט אָבער די פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס נישט אַרויף אין די העכערע קלאַסן, — צי וואָלט איך נישט וועלן אַראָפּגיין צו זיי. ס'וועט זיי שטאַרק דערפרייען... פאַרוואָס־זשע זאָל איך נישט דערפרייען אייניקע עמיגראַנטינס, — באַקען איך זיך מיט זיי. איינע האָט מיך געזען שפּילן אין ריגע, אַ צווייטע געדענקט מיך פון טשערנאָוויץ, אַ דריטע פון ראַדאָם...

נאָך אייניקע געשפּרעכן מיט זיי איז מיר די גאַנצע געזעלשאַפט געוואָרן פאַרדעכטיק און איך האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז די פרויען זענען נישט סתּם קיין צופעליקע שיפשוועסטער פון מיין נייעם באַקאַנטן...

און אָט קומען מיר אָן קיין ריאָ. מע וואַרט מיך אָפּ: מיין אַמאָליקער לאָדזשער אימפּרעסאַריאָ לובעלטשיק, מיין צוקונפטיקער אַדמיניסטראַטאָר עקערמאַן, אייניקע זשורנאַליסטן.

איך באַטראַכט צום ערשטן מאָל דעם בראַזיליאַנער באָדן. עס שווינדלט פאַר די אויגן. דער שווייס גיסט זיך פון מיר ווי פון אַ קוואַל. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך באַטרעט די אָראַנזשעריע פון טראָפּישע פלאַנצן אין זאַקסישן גאָרטן, אָדער די קראָקאָדיל־און שלאַנגען־אָפּטיילונג אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן.

די שיף שטייט נישט לאַנג, טראָגט אונדז ווייטער קיין סאַנטאָס. — סאַראַ שרעקלעכער קלימאַט — טראַכט איך מיר — ווי קאָנען דאָ וווינען מענטשן... ווער וואָלט עס דעמאָלט געגלויבט, אַז אַ פּאָר יאָר שפּע־

טער וועל איך אין דעם קלימאַט אַפּווינען אַ צוועלף יאָר... און שפּילן פּאָרטוגעזיש... און ווערן אַ בראַזיליאַנער בירגער...

28

דרום - אַמעריקע

דערמאָנענדיק די חרוב־געוואָרענע ישובים אין די „אַלטע היימען" האָב איך ביז איצט געהאַלטן פאַר נייטיק צו געבן אַ קליינעם איבערבליק איבער זייער געשיכטע, פּערזענלעכקייטן און דערגרייכונגען, ווייל דאָס זענען דערינערונגען וועגן אַ תקופה, וואָס איז איבערגוואַלד איבערגעריסן געוואָרן און וועט זיך מער נישט אומקערן.

ווען איך טרעט צו צו מיינע זיכרונות וועגן די נייע היימען פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, פאַלט אָפּ דער דאָזיקער חוב.

איך באַטרעט דאָך אַ קאָנטינענט וואָס איז — צום גליק — געווען פאַרהיט פונעם היטלערישן באַרבאַריזם. זיינע עלטערע תושבים געהערן צו די פּיאָנערן, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פונעם נייעם לעבן. זיי אַליין זענען געווען די גרונדשטיין־לייגער, די וואָס האָבן אים אַנט־וויקלט. דער דאָזיקער אַנטוויקלונג־פּראָצעס שטייט אונדז ממש פאַר די אויגן און גייט ווייטער אָן מיט אומגעצוימטן אימפּעט און קאָנסטרוק־טיוון כוח.

דער נעכטן און דער היינט גייען האַנט ביי האַנט אַנטקעגן דעם מאָרגן. פעלט דעריבער פּערספּעקטיוו פאַר געשיכטע. זי געפינט זיך נאָך, אייגנטלעך, אין די „וויקעלעך".

וועל איך מיך באַגרענעצן מיט קורצע באַטראַכטונגען און פאַרציי־כענען פאַקטן, וואָס האָבן זיך מיר — אַ צופעליקן גאַסט — געוואָרפן אין די אויגן.

איך האָב די דערגרייכונגען אין נייעם לעבן־שטייגער ממש געשלינ־גען מיט די אויגן. מיך האָט פון תמיד מער געצויגן דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס, איידער דער סיום; די צוגרייטונג צו אַ פאָרשטעלונג, איידער די פאָרשטעלונג גופא.

אַ נייער קלימאַט, נייער שטייגער, נייע מענטאַליטעט. דאַכט זיך, די זעלבע אַלטבאַקאַנטע, נאָענטע פּנימער און דאָך עפּעס נייס, אומבאַקאַנטס אין זייער באַנעמונג, אופן פון רעדן. אַפילו דער היימישער ייִדיש האָט אין זיך אומבאַקאַנטע אָנלויפן פון די לאַטייניש שפּראַכן, וואָס שטופּן צו ביסלעך אַרויס די סלאַוויזמען. אַ געראַנגל אַזאַ צווישן אַלטן און נייעם; אַ סינטעז פון אייראָפּע און אַמעריקע; אַ נײַ, דרום־אַמעריקאַניש, ייִדיש לעבן!

שוין אין מאָנטעווידעאָ, ווו „מאַסיליאַ" פאַרהאַלט זיך, דערפילסטו „היימישקייט". אַ גרוס פון דער ייִדישער פּרעסע אין אורוגוויי: די ברי־דער אַרזוך, שוואַרץ, גרינבערג; אַ גרוס פונעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער, בראָש מיט די היימישע נתן קלינגער און צילי טעקס; אייניקע אַקטיאָרן פון דער פויליש־רומעניש ער פּראָווינץ; אַ נײַ פּנים — גד זשעלאַזאָ, וואָס האָט אויפגעבליצט אין אַ בערלינער טעאַטער און תיכּף געוואָרן פאַר־לאָשן. איז מיר זיין נאָמען געווען באַקאַנט פון נאָמבערגס אַן ענטוזיאַס־טישן אַרטיקל וועגן אים, נישט ווייניקער ענטוזיאַסטיש פון זיין ערשטן — וועגן גראַנאַכן. אָט איז דער סאָלידער יצחק נוגער, דער געשעפט־פירער פון „אַמבו", וואָס קומט מיך באַגעגענען פונעם שכנותדיקן בוע־נאָס־איירעס.

אָט פאַראַנקערט „מאַסיליאַ" אינעם ריזיקן האַפן פון דער אַרגענ־טינער הויפּטשטאָט. דערזעסט אַ מאַסע מענטשן — ייִדן וואָס זענען דיך געקומען מקבל־פּנים זיין... צווישן זיי גוטבאַקאַנטע פּנימער: אָט זענען דיינע „וויקט"־חברים: הירשפעלד, די ראַפּעלס; אָט אין דיין „צענטראַל"־חבר פאַליפאַדע; אָט זענען דיינע מיטשפּילער פון ווילנע, די שטרייטמאַנס; אָט זענען דיינע קוזינען, די פאַריסאָווס און — הונדערטער, הונדערטער ייִדן! אַזוי ווי ביים אָפּפאָרן פון קאָוונע... דאָרט זענען זיי דיך געקומען

געזעגענען, דאָ באַגריסן! דאָרט — אַ צום ווידערזען, דאָ — אַ ברוך־הבא!

סאַראַ מערקווירדיקע, אומצעטיילבאַרע גאַנצקייט! ווערסט נישט־ווילנדיק, אַ שאַוויניסט: סאַראַ פּריווילעגיע צו זיין אַ טייל פון אַזאַ גאַנצ־קייט...

אין זיכרון בליצט־אויף אַ פּאַרגלייך. דער גאון פון דער פּוילישער בינע, קאַזשימעזש קאַמינסקי, קומט קיין טשיקאַגאָ. אַ שטאָט מיט אַ פּערטלמיליאָניקער פּוילישער באַפעלקערונג. די דאָרטיקע פּני לייגן אים פאַר אָנצופירן מיט אַ דראַמקרייז און צוצופאַרדינען זיך מיט ביוראָ־אַרבעט... פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער — דערקלערט מען אים — איז נישטאָ קיין באַדערפעניש און נישט קיין פינאַנצן...

דאָ ברענגט אַ יידישער ישוב אַראָפּ אַן אַרטיסט מיט אַ לוקסוסשיף, שיקט אים אַן אַוואַנס, שטעלט צו זיין דיספּאָזיציע אַ טרופּע פון פּראָ־פעסיאָנעלע אַקטיאָרן, גרייט אים צו אַ האַרציקן קבלת־פּנים, מיט באַנ־קעטן, באַגריסונגען, באַערונגען...

ווי אַזוי האָבן זיי באַוויזן אין אַזאַ קורצער צייט זיך איבערצופלאַנצן, איינצוואָרצלען און זיך אַזוי צו צעבליִען?

איך האָב זיך, פון מיין ערשטן באַטרעטן די גאַס קאָריענטעס, דער־פילט אין דער היים! ס'איז נישט נאַלעווקעס, נישט לעשנע, נישט אָבאָזש־נע, נאָר אַלץ צוזאַמען: אַ נייע היים. אַ סינטעז פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן: פּוילן, בעסאַראַביע, אוקראַינע, ליטע — אַרגענטינער יידנטום!

ווערסט איבערגעראַשט פון דער גרויסער צאָל אינסטיטוציעס, פּאַר־טייען, קלובן; פון דער רייכער פּרעסע מיט ערשטראַנגיקע זשורנאַליסטן, זאַמלביכער, זשורנאַלן, פּעריאָדישע אויסגאַבעס מיט דער באַטייליקונג פון די בעסטע אויסלענדישע און היימישע שרייבער.

וואָסערע באַגעגענישן: הערץ גראָסבאַרט, לודוויק זאַץ, מנשה סקול־ניק. בוענאָס־איירעס האָט נאָך דאַן געטיילט מיט ניו־יאָרק־וואַרשע דעם בכבודיקן שם פון אַ יידישער טעאַטער־מעטראָפּאָליע.

נאָך די גרויסע דערפאָלגן פון מאָריס שוואַרץ, בן־עמי, מאַלי פּיקאָן, בולאָוו, איז געווען אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דערשיינען פאַר אַן עולם וואָס איז אַזוי צעבאַלעוועט מיט גוטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, בפרט אַז אַ חוץ „קאָנקורענץ" — זאַץ, סקולניק, פּסחקע בורשטין, איז דער „אַמבו" געווען דער ערגסטער פון די בוענאָס־איירעסער טעאַטער־בנינים. אַ מין גרויסע, אומעטיקע „צענטראַל"־בודע פון וואַרשע, אָן יע־נערס חן און אינטימקייט.

די טרופּע איז ס'רוב באַשטאַנען פון אַקטיאָרן פונעם עלטערן דור, וואָס פלעגן „באַדינען" די פאַרשידנסטע גאַסטראָלערן, אָנהייבנדיק פון בן־עמי און ענדיקנדיק מיט משה אוישער. נאָך וועלכן איך האָב טאַקע באַדאַרפט אָנהייבן. אַזאַ „פּילזייטיקייט", בפרט ביי עלטערע אַקטיאָרן לייגט אַ ספּעציעלן חותם אויף זיי. דאָס לאָזט זיך בעיקר פילן ביי פאָר־שטעלונגען, וואָס פאָדערן האַרמאָנישן צוזאַמענשפּיל און איינהייטלע־קייט פון סטיל און טאָן.

אמת, אין דער טרופּע זענען אויך געווען דריי יונגע שוישפּילערינס — די שוועסטער מרים און שפרהלע לערער — אגב, אַרגענטינער „צאַברעס", אָן אָנזאָג אויף אַ נייעם דור היימישע אַקטיאָרן, און גד זשע־לאַזאַ, וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון מאָנטעווידעאָ פאַר מיינע גאַסטשפּילן. גד זשעלאַזאַ, וואָס איז, נישט געקוקט אויף זיין אויפ־בליץ אויף דער דייטשער בינע, געווען שטאַרק אומבאַהאָלפן אינעם צופּאַסן זיך צום יידישן טעאַטער, האָט עס מיט דער צייט פאַרלאָזן.

ס'איז מיר פאָרגעשטאַנען אַ שווערע אַרבעט, וואָס איז נאָך מער באַ־שווערט געוואָרן פונעם קלימאַט, צו וועלכן איך האָב מיך נישט געקאָנט צוגעוווינען. האָב איך טאַקע די ערשטע פאָרשטעלונגען רעפּעטירט און גע־שפּילט ביי געהעכערטער טעמפּעראַטור.

***

איך בין גאָר גיך געוואָרן אָן „אייגענער" מענטש אין אַרגענטינע. אַרומגערינגלט מיט פריינד און פאַרערער. ס'האָבן זיך געעפנט פאַר מיר די

גאַסטפּריינדלעכע היימען פון די אַלפּעראָוויטשס, רעגאַלסקיס און זענען שוין אַזוי פאַרבליבן פאַר מיר אָפן בעת אַלע מיינע באַזוכן אין בוענאָס־איירעס. ס׳האָט מיך געריירט די איבערגעגעבנקייט פון מיין נייעם „פּאַטריאָט“ יצחק פירשטענבערג, אַ זעלטענער טעאַטער־חסיד, און מיר האָבן טאַקע יאָרנלאַנג זיך איבערגעשריבן אין נאָמען פון „יענע“ צייטן.

איך האָב באַקענט די פאַמיליע פון אַהרן זינגערמאַן מיט זיינע צוויי געראָטענע טעכטער, בערטאַ און פּאַולינאַ.

די גרויסע וואָרטקינסטלערין בערטאַ זינגערמאַן האָב איך דערנאָך באַוווּנדערט אין בראַזיל און אין תּל־אָביב. קיין מאָל וועלן נישט אויסגעמעקט ווערן פון מיין זיכרון די „יידישע נעמען“ פון אהרן צייטלין, וואָס זי האָט אויסגעוויטיקט פון דער בינע פון מוניסיפּאַל־טעאַטער אין ריאָ דע זשאַנייראָ.

מערקווירדיק, ווען איך האָב דאָס זעלבע ליד געהערט פון איר אינעם תּל־אביבער „אהל“, האָט עס אַ סך וויניקער געווירקט.

די „משהלעך“ און „שלמהלעך“ אין ישראל האָבן מיט געווער אין האַנט פאַרטיידיקט דאָס לאַנד און די מאַמעס האָבן אַליין געגעבן דאָס געווער אין זייערע הענט.

***

מיינע אַלע דריי באַזוכן אין אַרגענטינע זענען אויך געווען געבונדן מיט אויפטריטן אין מאָנטעווידעאָ. אויך אינעם געגעגעבענעם פאַל האָב איך, נאָכן פאַרענדיקן אין בוענאָס־איירעס, געגעבן אַ ריי גאַסטשפּילן ביי דער מאָנטעווידעער טרופּע און שפּעטער געמאַכט מיט איר אַ טורנײ איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

אויב בוענאָס־איירעס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יידישער מעטראָפּאָליע, האָבן די פּראָווינצשטעט, להיפּוך צו די „פּראָווינצן“ ווי איך בין צו זיי געוווינט געווען אין פּוילן, געמאַכט דעם איינדרוק פון שטייעדיקע אָזערעס, פון ישובים, דורכגעדרונגענע מיט אַפּאַטיע און סטאַטישקייט, אין דעם טאָקע, וואָס מיר זענען געוווינט צו באַצייכענען אַלס „פּראָווינץ“.

האָט מען דען געקאַנט אָנרופן פּראָווינץ — אַ ווילנע, אַ לאָדזש, אַ קראָקע, אַ לעמבערג, אַ ביאַליסטאָק, אַ לובלין און אַפילו אַ סטאַניסלאַוואָוו?

וואָס עס האָט מיך אָבער צו מייַנסטן אינטערעסירט אין אַרגענטינע און וואָס איך האָב מיט גרויס נייַגעריקייט געוואַרט צו באַקענען, זענען געווען די ייִדישע אַגראַר־קאָלאָניעס.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט וועגן די דאָזיקע קאָלאָניעס נאָך אַלס קינד, בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילחמה. ווי איך האָב שוין, בשעתו, געהאַט דערמאָנט, האָט זיך מייַן פאָטער געקליבן צו אַנטלויפן פון צאַרישן רוסלאַנד. פלעגן זיך ביי אונדז פאַרזאַמלען פאַרשידענע קרוי־בים אויף באַראַטונגען: וווהין צו לויפן? אייניקע האָבן געהאַלטן פון אַמע־ריקע, אייניקע, ווי טביה דער מילכיקער, פון „פאַלעסטינע, אָדער גאָר פון ארץ־ישראל”, אַנדערע פון אַרגענטינע. פלעגט מען דיסקוטירן וועגן אַ באַ־ראָן הירש, וועגן אַ באַראָן ראָטשילד; פלעגט מען זיך אַמפּערן, וועלן אי־בערצייַגן, אַז פאַלעסטינע איז גלייכער: פאָרט אַראַבער, ישמעאלים — שוועסטערקינדער, אייגענע מענטשן... אַנדערע ווידער האָבן אויפגעוויזן די מעלות פון אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע, — ערד „סקאָלקאָ אוגאָדנאָ” און בהמות און סתם גאָלדענע בערג...

דער טאַטע האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלן ענטוזיאַזם נישט פאַרן ערשטן, נישט פאַרן צווייטן באַראָן, איז, באין־ברירה, אַרויף אויפן סדר־היום ניו־יאָרק און „בוינע”...

אינעם דעמאָלטיקן באַגריף פון דער ייִדישער גאַס האָט זיך ניו־יאָרק אַסאָציירט מיט אַמעריקע, דאַקעגן איז געווען אַ אונטערשיד צווישן „אַרגענטינע” און איר הויפּשטאָט „בוינע”, ווי דאָס פאָלק האָט גערופן בוענאָס־איירעס.

ווען מע פלעגט דערמאָנען „אַמעריקע”, „אַרגענטינע”, האָט מען עס געטון אויפן קול, מיט אַ געוויסער נאָטע פון קינאה צו די גליקלעכע מענטשן דאָרט, וואָס דאַרפן נישט גיין שטאַרבן פאַרן צאַר. אַמעריקע, אַרגענטינע האָבן געלאָקט מיט זייער פרייהייט, רעפּובליקאַנישן רעזשים און „גלייכ־קייט פון אַלע מענטשן, אַפילו פון ייִדן”...

דאַקעגן ווען מע פלעגט דערמאָנען „בוינע”, פלעגט מען עס טון

אויפֿן האַלבן קול, אומקוקן זיך צי די קינדער הערן זיך נישט צו... דאָך האָט מיין פֿאַרשפּיצט אויער אויפֿגעכאַפּט: „ווייסע שקלאַפֿן", „לעבעדי־קע סחורה"... די דאָזיקע סודותפֿולע באַגריפֿן זענען זיך צעוואַקסן אין מיין פֿאַנטאַזיע אין זשול ווערנישע פּיראַטן, אין סקאַלפּירטע קעפּ און ענלעכע גרוילן...

צום גליק איז דעם טאַטנס יאָרגאַנג נישט אונטערגעפֿאַלן דער מאָ־ביליזאַציע און פֿון די אַלע „פּלענער און באַשלוסן" איז מען געבליבן ביים אַלטן.

און אָט געפֿין איך מיך אין אַרגענטינע. פֿון „בוינע" איז קיין זכר נישט פֿאַרבליבן, — דאָס ייִדישע בוענאָס־איירעס האָט זי רעהאַביליטירט, די עיר ועם בישראל. אַ געוויסן חלק צו דער דאָזיקער רעהאַביליטאַציע האָט אַפֿילו בייגעשטייערט דאָס ייִדישע טעאַטער. בוענאָס־איירעס ווערט דאָס צוציִונג־אָרט פֿאַר ייִדישע שרייבער, געלערנטע, אַרטיסטן פֿון דער גאָרער וועלט. אָט איז געווען נאָמבערג, אָט באַזוכט הירשביין, אָט קומט לייוויק, איך באַגעגן מיך דאָרט מיט ש. ניגערן. איז טאַקע נאָך שטאַרקער געוועזן מיין פֿאַרלאַנג צו באַזוכן די ייִדישע פּויערים, די באַרימטע אין דער ייִדישער וועלט אַרגענטינער קאָלאָניסטן.

איך האָב דערנאָך אַרומגערייזט די אַלע ערטער, וואָס ייִדישע האָרע־פּאַשניקעס האָבן באַפּרוכפּערט מיט זייער שוויס; פֿון די פֿאַרוואָפֿנסטע דערפֿער ביז דער ייִדישער שטאָט מאָזעסוויל מיט די צוועלפֿער און פֿיר־אונצוואַנציקער, ווו איך האָב אַפֿילו געטראָפֿן פֿאַראַזאָוער, ווייטע קרובים פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ.

לאַנגע שעהען האָבן מיר פֿאַרבראַכט מיט די הרכבים, מיט די יעדי־לינס און מיט נח קאַצאָוויטש, דעם גייסטיקן פֿירער פֿון די דאָרטיקע קאָ־לאָניסטן. געהערט פֿון אים אַ געשיכטלעכן איבערבליק וועגן דער אַנט־שטייונג פֿון דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע, וועגן אירע דערגרייכונגען און שטרויכלונגען, געהערט וועגן די שוועריקייטן און פּראָבלעמען פֿון די איינגעפֿונדעוועטע, וועגן דער יוגנט וואָס רייסט זיך אין שטאָט, וועגן דער נויטווענדיקייט צו אַרבעטן מיט „געדונגענע הענט".

געהערט וועגן רומפּולער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן גרעאַנגל פֿון דער

קעגנוואָרט, אָבער זייער ווייניק וועגן דער צוקונפט. גלייך די צוקונפט וואָלט געשטאַנען אונטער אַ פֿרעגצייכן, אויף וועלכן דאָס לעבן אַליין דאַרף געבן אַן ענטפֿער...

אין קאַצאָוויטשס רייד האָט זיך געפֿילט אַ זאָרג פֿון אַ פֿאָטער וואָס זעט נישט קיין תכלית אין די דרכים פֿון זיינע קינדער.

ווען איך האָב צום צווייטן מאָל באַזוכט די זעלבע מקומות איז שוין קאַצאָוויטש נישט געווען ביים לעבן. זיינע דאגות האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין באַגרינדעטע. דער אויפשטייג פֿון דער הויפּטשטאָט האָט גורם געווען אַ ירידה פֿונעם דאָרף. די יוגנט איז אַוועק אין די שטאָטישע שולן און געשאַפֿן דעם ערשטן קאָדער אַרגענטינער יידישע אינטעליגענץ. די עלטערן האָבן נישט געוואָלט זיין אָפּגעשניטן פֿון די קינדער און זענען זיי נאָכגעפֿאָרן אין שטאָט; די ערד איז געוואָרן פֿאַרקויפֿט, אָדער פֿאַרפּאַכטעט צו קריסטלעכע פּויערים און דער יידישער ישוב אין אַרגענטינע האָט באַקומען אַן אַנדערע לעבן־פֿאָרעם.

ווען איך האָב מיך באַקענט מיט אונדזערע קיבוצים און מושבות אין ישראל און זיי פֿאַרגליכן מיט די אַרגענטינער קאָלאָניעס, האָב איך מיך דערמאָנט אָן די דיסקוסיעס וועגן באַראָן הירש און באַראָן ראָטשילד. אַט אַ פּנים, דער לעצטער האָט געהאַט מער פּאָליטישע אָריענטאַציע, אָדער — אינסטינקט. אינעם ערשטן פֿאַל זענען די יידישע קאָלאָניסטן געטריבן געוואָרן צו ערדאַרבעט דורך גזירות און פּאָגראָמען, אינעם צווייטן — האָט זיי געפֿירט אידעאַליזם, נאָסטאַלגיע נאָך היימלאַנד.

***

מיין צווייטער גאַסטשפּיל אין בוענאָס־איירעס איז פֿאָרגעקומען סוף 1940, נאָך אונדזער אַרויסראַטעווען זיך פֿון אייראָפּע און האָט געהערט צו די שוואַכסטע דערפֿאָלגן פֿון מיין גאַנצער טעאַטער־טעטיקייט.

הגם אייניקע פֿריינד האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן גרינדן אַ סטאַבילן ערנסטן טעאַטער, האָב איך אָבער נישט אַרויסגעפֿילט קיין פּאַסיקע צייט דערפֿאַר. צו שטאַרק זענען די געמיטער געווען באַזאָרגט מיט די ידיעות פֿון די „אַלטע היימען"; צו גרויס איז געווען די דאגה פֿאַר הילף פֿאַר די

באַדראָעטע, מע זאָל צוטרעטן שאַפן אַ טעאַטער אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות. שטעלן זיך ווידער קעמפן — האָב איך מיך געפילט צו שוואַך.

איבעריקנס, בוענאָס־איירעס האָט דאָך פאַרמאָגט דעם „איפט", אַ סטאַבילן אַמאַטאָרן־טעאַטער אונטער דער געניטער אָנפירונג פון דוד ליכט, וואָס האָט באַפרידיקט די באַדערפעניש פונעם קולטורעלן טעאַטער־באַזוכער.

איך האָב באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין בראַזיל, ווו איך בין שוין געווען פינף יאָר צוריק. אַזוי ווי מיין פרוי האָט נאָך דעמאָלט נישט געשפּילט און איך האָב זיך געגייטיקט אין אַ פּאַרטנערין, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן די דאָזיקע רייזע ווי אַ מאָל, קיין בעלגיע און פּאַריז אין דרייען. צום גליק האָט זיך גראָד אין יענער צייט געפונען אין אַרגענטינע דאָס טאַלענטירטע פּאָרל דבורה ראָזענבלום און נחום מעלניק, וואָס האָבן זיך באַליבט געמאַכט איבער די לאַטיינאַמעריקאַנער לענדער מיט זייערע קליינקונסט־קאָנצערטן. איך האָב זיי געדענקט פון דער „ווילנער טרופּע", ווי גוטע, אינטעליגענטע אַרטיסטן; האָב איך זיי פאַרגעלייגט צו מאַכן צוזאַמען די נסיעה קיין ריאָ און סאַן־פּאַולאָ, און אַזוי אַרום האָב איך מיך געפונען צום צווייטן מאָל אין בראַזיל.

אין ריאָ האָט מיין פרוי אָנגעהויבן מיטצושפּילן מיט אונדז און פון דאָרט איז זי געקומען ווי מיין פּאַרטנערין קיין רעסיפע. אונדזער רעסיפע־תקופה איז שוין פונעם פריערדיקן קאַפּיטל באַקאַנט דעם לייענער.

ביי מיין ערשטן באַזוך אָבער אינעם יאָר 1934, ווען איך בין געקומען ווי אַ גאַסט פון אייראָפּע, האָב איך די רייזע קיין בראַזיל געמאַכט אַליין.

בראַזיל איז געווען דער צווייטער עטאַפּ פון מיין דרום־אַמעריקאַנער טורנע, און איז געוואָרן צוגעגרייט פונעם אימפּרעסאַריאָ לובעלטשיק.

להיפוך צו אַרגענטינע האָט זיך דאָס יידישע לעבן אין בראַזיל קאָנצענטרירט אין די צוויי הויפּטשטעט, ריאָ און סאַן־פּאַולאָ. אין מיינע דעמאָלטיקע אויפטריטן אין די דערמאָנטע שטעט האָבן אָנטיילגענומען אייניקע האַלב־פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן בראָש מיט דער פּילזייטיק־באַגאַבטער אסתר פּערעלמאַן און לעאָניד סאָקאָלאָוו, וואָס האָט אין מיין אויפפי־

רונג פון „שבתי צבי״ געשאַפן אַ שטאַרק־דראַמאַטישע געשטאַלט פונעם סולטאַן. די זשורנאַליסטן אַהרן בערגמאַן און ש. קאַראַקושאַנסקי האָבן געשאַנקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט מיינע אויפטריטן און געוועקט ביים עולם אינטערעס צו זיי.

ס׳האָט אָבער געקלעקט עולם פאַר איין, אָדער צוויי פאַרשטעלונגען. מער ווי צוויי מאָל אַ פּיעסע האָט מען, ביים גרעסטן דערפאָלג, נישט געקאָנט שפּילן.

בראַזיל דינט אַפילו ביים היינטיקן טאָג ווי אַ טראַנזיטפּונקט צווישן אַמעריקע און אַרגענטינע און די פאַרשטעלונגען טראָגן, ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, אַ צופעליקן כאַראַקטער. צופעליק — צוליבן בייטן די טעאַטער־בנינים, און צופעליק צוליבן טוישן די מיטשפּילער.

דער מאַנגל אין אַ סטאַבילן ערנסטן טעאַטער האָט גורם געווען צו דער אַנטוויקלונג פון דראַמאַטישע קרייזן. אַן ערשטן אָרט אין די דאָזיקע קרייזן האָט פאַרנומען די „שלום־עליכם״־ביבליאָטעק, אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פונעם בוענאָס־איירעסער „איפט״.

מיטן דאָזיקן קרייז איז מיר אויסגעקומען צו פאַרשרייבן איינס פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען פון מיין טעאַטער־אַרבעט בעתן שווערסטן פּעריאָד פון מיין לעבן, ביז מיין עולה זיין קיין ישראל.

דאָס איבערנעמען דורך מיר די קינסטלערישע לייטונג פונעם דאָזיקן קרייז איז געקומען גאַנץ צופעליק. אַראָפּגעבראַכט פון רעסיפע האָט מיך דאָס יונגע טעאַטער „אָס קאָמעדיאַנטעס״. נאָך אַ געוויסער צייט פון מיין אַרבעט אין בראַזיליאַנער טעאַטער, האָט זיך די שלום־עליכם־ביבליאָטעק אַרומגעזען, אַז עס פּאַסט נישט פאַר איר צו לאָזן מיך אין אַ זייט פון יידישער טעאַטער־אַרבעט און מיר פאַרגעלייגט איבערצונעמען די רעזשי אין איר דראַמקרייז.

דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, ווי אויך דעם קאָנטראַקט מיט די „קאָמעדיאַנטעס״ האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיינעם אַ נייעם און האַרציקן פריינד, איסאַק פּאַשקואַל, איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן פון בראַזיליאַנער יונגן טעאַטער.

געבוירן אין ירושלים, איז ער ווי אַ קינד געקומען מיט זיין פאַמיליע

קיין בראַזיל און שוין אין די פריסטע יאָרן געצויגן אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט ווי אַ פעיִקער זשורנאַליסט און איבערזעצער פון אייניקע שפּראַכן.

נישט געקוקט אויף די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זענען אים פאַר־געשטאַנען אין דער בראַזיליאַנער קולטור, האָט אָבער פּאַשקואַל אָנגע־קניפּט קאָנטאַקט אויך מיט די ייִדישע קרייזן און געטיילט זיין צייט אין צווייען. מיט זיין מיטהילף האָב איך אויך איבערגעזעצט אייניקע מיינע איינאַקטערס און גאַגאַלס „רעוויזאָר" פאַר די „קאָמעדיאַנטעס".

פּאַשקואַל איז געווען פאַרליבט אין טעאַטער און ער האָט געבראַכט די גרעסטע קרבנות פאַר אים, פאַרנאַכלעסיקנדיק זיין פּערזענלעך לעבן און זשורנאַליסטישער קאַריערע. ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין די פאָר־שטעלונגען פון די „קאָמעדיאַנטעס" און גלייכצייטיק אין מיינע ייִדישע פאָרשטעלונגען. איןביידע שפּראַכן האָט ער אַרויסגעוויזן באַטייטיקע אַק־טיאָרישע פעיִקייטן און געשאַפן אַ רייכע גאַלעריע טיפּן. ער איז אויך געווען מיין אַסיסטענט אויף ביידע ערטער און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געוויסנהאַפטיקייט און ערלעכקייט.

ליידער האָט אַן אומהיילבאַרע בלוטקראַנקייט פאַרשניטן דאָס יונגע לעבן פון איסאַק פּאַשקואַל און געלאָזן אין מיר אַ טיפן ווייטיק נאָך אַ זעלטענעם מענטש און האַרציקן חבר.

***

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אין בראַזיליאַנער טעאַטער אויפפירן בלויז אָריגינעלע פּיעסן, דאָס הייסט, פון אָרטיקע שרייבער.

איך האָב אָנגעהויבן אין רעסיפע מיט דער „קאָמעדיע פון האַרץ" און אין ריאָ מיט דער „פרוי אָן זינד" פונעם פּאָפּולערן דראַמאַטורג נעל־סאָן ראָדריגעז. זיין לעצטע פּיעסע „דאָס חופּה־קלייד" איז געוואָרן אויפ־געפירט פון פּוילישן רעזשיסער זשעמבינסקי און האָט געהאַט גרויס דער־פאָלג. מיין דירעקציע האָט געוואָלט אויסנוצן די גינסטיקע שטימונג און פּרוּוון מיט דער דערמאָנטער פּיעסע פון זעלבן מחבר, וואָס איז שוין גע־שפּילט געוואָרן אין ריאָ פאַר מיין אָנקומען אַהין. אויפגעפירט האָט זי

דער באַרימטער אַקטיאָר רודאָלפאָ מאַיער, וואָס האָט אויך געשפּילט די הויפּטראָל. די אויפפירונג האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג און איז נאָך אייניקע טעג אַראָפּגענומען געוואָרן פון אַפיש.

ווען די לייטונג פון „קאָמעדיאַנטעס״ האָט מיך געפרעגט, צי איך וואָלט מיך אונטערגענומען אויף ס'ניי צו שטעלן די פּיעסע און צי איך גלייב, אַז מע קאָן פון איר עפּעס מאַכן, האָב איך נישט געגעבן קיין נעגאַטיוון ענטפער. איך האָב דווקא געזען אין איר אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר אַ געוואַגטן טעאַטער־פּרווו, און געענטפערט, אַז אויב איך וועל באַקומען די מעגלעכקייט צו דיספּאָנירן מיט די נייטיקע מיטלען, נעם איך זיך אונטער זי אויפצופירן.

די פּיעסע שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנץ ביליקן פּאַטאָלאָגישן פאַל פון אייפערזוכט. דער כלומרשט־פּאַרראַטענער מאַן סימולירט אַ פּאַראַליטיקער, כדי אויסצופּרוּוון די געטרייִשאַפט פון זיין פרוי. ער פאַלט אַריין אין האַלוצינאַציעס, רעדט און ענטפערט זיך אַליין, מאָביליזירט צו אויספירונג די שטובמענטשן, דעם שאָפער, ביז סוף־כל־סוף באַגייט ער זעלבסטמאָרד.

אַ נישט־קאָמפּליצירטע, אויבערפלעכלעכע דאָסטאָיעווסקי־טעמע אויפן בראַזיליאַנער שטייגער, מיט צוגעטראַכטע סיטואַציעס און כלומרשט פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן.

מיך האָט אָבער געלאָקט אַ געוואַגטער פּרווו פון פּאַראייניקן די סצעניש אַקציע מיט אַ שטומען און גערעדטן פילם אויף אַ האַלבערעאַליסטישן סצענישן פאָן. די דעקאָראַציע האָב איך אַליין פּראָיעקטירט און סאַנטאַ ראָזאַ, דער קינסטלערישער לייטער פון טעאַטער, האָט דעם פּראָיעקט דערגאַנצט און רעאַליזירט.

מאַכנדיק אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען אין טעקסט, האָב איך באַוויזן דעם מחבר צוצושרייבן נייע דיאַלאָגן און סצענעס און געשטעלט זיך רעפּעטירן.

די הויפּטראָלן האָב איך איבערגעגעבן דעם טאַלענטירטן גראַסאַ מעלאָ און אַנדערע מיטגלידער פון דער טעאַטער־סטודיע פון „קאָמעדיאַנטעס״. פאַר אַ זקנה — אַ האַלב־סימבאָלישע געשטאַלט, וואָס שאַפט מיט

איר שווייגן אַטמאָספער פון פּאַטוס — האָב איך אויסגעקליבן אינעם מושב־זקנים פאַר אַקטיאָרן אַ זיבעציקיאָריקע געוועזענע באַרימטקייט; פאַרן דינסטמיידל אַ גוטע אַקטריסע פונעם נעגערישן עקספּערימענטאַלן טעאַטער.

פּאַראַלעל צו די רעפּעטיציעס אויף דער בינע האָב איך אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע אַרבעט אינעם פילם־אַטעליע. אַ חוץ די הויפּטראָליסטן, האָב איך אַריינגעפירט אַ סך זייטיקע פּערסאָנאַזשן, וואָס דערשיינען נישט אויף דער בינע.

איך האָב פאַרטיילט די דיאַלאָגן אין צווייען: די פראַגעס שטעלט דער העלד און די ענטפערס גיט אים זיין גרויסער קאָפּ, וואָס באַווייזט זיך אין די געהעריקע שטעלן אויפן קליינעם עקראַן פון גערעדטן פילם. דער דאָזיקער סינטעז פון „ווירקלעכקייט אויף דער בינע און אימאַזשינאַציע אויפן עקראַן", האָט גורם געווען אַן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג פון דער באַנייונג.

צומאָרגנס האָבן זיך באַוויזן נאָטיצן אין דער פּרעסע: „בראַזיל האָט איבערנאַכט באַקומען אַ גרויסן אַקטיאָר, — גראַסאַ מעלאָ". — „דער גרויסער דערפאָלג פון דער פּיעסע איז צו פאַרדאַנקען דער רעזשי".

אינעם זעלבן טעאַטער האָב איך אויך געהאַט די געלעגנהייט מיטצואַרבעטן ביי דער דראַמאַטיזירונג פון „שטחים אָן אַ סוף" („טעראַס דו סען פין") פון גרויסן בראַזיליאַנער שרייבער זשאָרזשע אַמאַדאָ. דאָס איז געווען זיין דעביוט אויף דער בינע. אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט אויך אָנטיילגענומען דער פּוילישער אַקטיאָר זשעמבינסקי, די צוויי גרויסע בראַזיליאַנער אַקטריסעס: קאַסילדאַ בעקער און מאַריאַ דע לאַ קאָסטאַ, און מיינע צוויי תלמידים: גראַסאַ מעלאָ און ד"ר אַנזשעלאָ לאַבאַנקאָ, — מיין אַסיסטענט.

ס'האָט זיך אויך באַטייליקט אַ גרויסע צאָל נעגערס אַקטיאָרן און אַקטריסעס בראָש מיט די טאַלענטירטע שוואַרצהויטיקע שטערן: אַגווינאַלדאָ קאַמאַרגאָ און רות דע סאַוזאַ, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אַן אָריגינעלע „מאַקומבאַ" אויף דער בינע. מאַקומבאַ איז אַ רעליגיעזער, האַלב־געצנדינערישער, מיסטישער טאַנץ פון די בראַזיליאַנער נעגערס, וואָס

דערפירט זיי צו עקסטאַז, באַגלייט פון קאַנוולסיעס, ווילדע אויסגעשרייען און **חלשות.**

די גאַנצע פאָרשטעלונג איז געווען באַגלייט פון ספּעציעלער מוזיק, געשאַפן פון גרויסן פאָלקלאָריסט דאָריוואַל קאַימי, דעקאָראַציעס פון סאַנטאַ ראָזאַ. אַן אויפנאַמע פון דער דאָזיקער דעקאָראַציע געפינט זיך אין דער אויסגאַבע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן טעאַטער־אינסטיטוט.

נאָך די „קאָמעדיאַנטעס" האָב איך שוין דעביוטירט ווי אַן אַקטיאָר אינעם טעאַטער פון דער באַרימטער בראַזיליאַנער קינסטלערין דולצינאַ דע מאָראַעס. מיין ערשטע ראָל איז געווען אין דער פּיעסע פון גאַבריעל ד'אַנונטשיאָ „די טאָכטער פון יאָריאָ". איך האָב דאָרט געשפּילט אַן אַלטן פאַסטעך וואָס האַלט זיך אין איין צלמען... צו דער גאַלאַ־פאָרשטעלונג זענען געווען פאַרבעטן: דער פּרעזידענט זשעטוליאָ וואַרגאַס, דער די־פּלאָמאַטישער קאָרפּוס און די סמעטענע פון דער קינסטלער־און שרייבער־וועלט.

גייענדיק צו דער פאָרשטעלונג לענגויס דעם ים־ברעג „פלאַמענגאָ", כאַפּ איך מיך פלוצים, אַז איך זינג אַ ניגון פון „כל־נדרי"... דאָס מערק־ווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס איך פלעג קיין מאָל נישט זינגען קיין רעליגיעזע לידער. און עס האָט דווקא געהאָלפן, — דעם פּרעזידענט איז געפעלן געוואָרן דער „פּוילישער" אַקטיאָר...

מיין מיטאַרבעט אין בראַזיליאַנער טעאַטער האָט מיר געשאַפן אַ גרויסע צאָל פריינד צווישן די בראַזיליאַנער אינטעלעקטואַלן און איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זייער פריינדשאַפטלעכע באַציִונג צו מיר און צו מיין פרוי.

אין אַ געוויסער מאָס האָב איך מיך באַמיט אויסצודריקן זיי מיין דאַנקבאַרקייט אין ישראל, ווו איך בין אויפגעטרעטן אין ייִדיש אין אַ פּיעסע פון ד"ר פּעדראָ בלאָך, איינעם פון די פּרוכטבאַרסטע און פּאָפּו־לערסטע דראַמאַטורגן אין בראַזיל. זיין מאָנאָ־פּיעסע „די נאַכט האָט גע־רעגנט מיט זילבער" האָב איך איבערגעזעצט אין ייִדיש און געשפּילט אין ישראל און אין אויסטראַליע אונטערן נאָמען „צוריק צום לעבן". דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אין ייִדישן טעאַטער פון אויפפירן אַ דריי אַקטיקע פּיעסע, געשפּילט פון איין אַקטיאָר.

לעצטנס האָב איך אויך אויפגעפירט אין ישראל מיט מיין טעאַטער „זוטא", אַ פּיעסע פון אַ בראַזיליאַנער שרייבער אין העברעיִש, מאַכנדיק אַזוי אַרום אַן ערשטן שריט צו אַן אויסטויש פון קולטורווערטן צווישן ישראל און בראַזיל.

די פּיעסע פון גילערמאָ פיגירעדאָ, אַ פילמאַליק־פּרעמירטן דראַמאַ־טורג: „דער פוקס און די ווייַנטרויבן" איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג.

דאָס איז אַ באַשיידענער אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר מיינע בראַזיליאַנער פריינד און פון מיין טיפן סענטימענט פאַרן לאַנד וואָס האָט אונדז אַזוי גאַסטפריינדלעך אויפגענומען.

**
*

ווײַנענדיק אין בראַזיל האָב איך, פּאַראַלעל צום בראַזיליאַנער טעאַ־טער, אָנגעפירט מיטן יידישן דראַמקרייז פון דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק.

מיר איז שווין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן דער וויכטיקייט פון דראַמקרייזן, אין וואָס איך האָב מיך אַן איבעריק מאָל איבערגעצייגט ביי מיין אַרבעט אין ריאָ און אין מעלבורן.

בפרט ביים איצטיקן מאָמענט, ווען דאָס פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַ־טער לעבט איבער זיין טראַגישן צוזאַמענברוך, ווייזט זיך מיר אויס די דאָזיקע אַרבעט צו זיין נאָך וויכטיקער, ממש — אַ פראַגע פון אויפהאַלטן די רעשטלעך פון אונדזערע טעאַטראַלע קולטור־אוצרות אין יידיש.

איז גוט, וואָס עס געפינען זיך אַזעלכע מישעס אין ריאָ דע זשאַניירא און אַזעלכע יאַשעס אין מעלבורן, וואָס גיבן זיך אָפּ חשבון אין דעם און אינספּירירן מיט זייער ענטוזיאַזם און אידעאַליזם די איבעריקע חברים צו דער דאָזיקער דערהויבענער מיסיע.

די פריינד פון ריאָער דראַמקרייז האָבן מיר געהאָלפן אָנגיין מיט דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, אין הסכם מיטן גייסט פון דער צייט.

בעת מיר האָבן געהערט וועגן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, בין איך אַרויסגעקומען מיט מיין פּיעסע „קראָכמאַלנע גאַס". איך האָב רעפּאָרטאַזשמעסיק אַרויסגעבראַכט אין איר פראַגמענטן פון פאַר־

שידענע עטאַפּן פונעם לעבן פון דער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, ענ־דיקנדיק מיטן ווידערשטאַנד־קאַמף אין געטאָ.

צום זעלבן טיפּ פּיעסן האָט אויך געהערט ח. סלאָוועסעס „נקמה־נעמער״, וואָס איך האָב אויפגעפירט אויף אַן עסטראַדע אין דער פאָרעם פון סאָלאָ און כאָר־רעציטאַציע מיט ספּעציעל קאָמפּאָנירטער מוזיק־באַגלייטונג. דער אָרקעסטער איז געזעסן אויף דער עסטראַדע הינטער די אַקטיאָרן, וואָס זענען געשטאַנען פּאָרנט ביי שטענדערס און געלייענט זייערע ראָלן. נישט געקוקט אויף דער סטאַטישקייט פון דער האַנדלונג, האָט די אויפפירונג געמאַכט אַ טיפן רושם מיט איר אינערלעכער דינאַמיק.

און אָט קומען פאַר די באַפרייונג־קאַמפן אין ישראל. איך קום אַרויס מיט מיין נייער ווערסיע פון „קידוש־השם״; מיט אַשנדאָרפס באַאַרבעטונג פון „בר־כוכבא״, — מיין צווייטע און לעצטע באַנייונג נאָך דער „וויקט״־פּרעמיערע.

איך באַאַרבעט אויך און פּאַס־צו צו דער ווירקלעכקייט די ישראל־פּיעסע „דער מישפּט״ פון שולמית בת־דורי.

עס דערזעט אויך דאָס ליכט פון דער ראַמפּע לייוויקס „מהרם פון רוטענבערג״, וואָס קיין שום טעאַטער האָט זיך ביז דאַן נישט צוגערירט צו איר.

פאַרשטייט זיך, אַז אין מיין דעמאָלטיקן רעפּערטואַר האָט אויך נישט געפעלט שלום־עליכם און זיין „גרויס געווינס״ האָט אַריינגעבראַכט פרייד אינעם יידישן ישוב פון ריאָ.

די דעקאָראַציעס צו דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט פּראָיעקטירט דער באַרימטער בראַזיליאַנער קינסטלער לאַזאַר סעגאַל (אַ ווילנער גע־בוירענער) און דאָס איז געווען די איינציקע אַרבעט פאַרן טעאַטער פונעם דאָזיקן מייסטער.

אינטערעסאַנט, אַז איך האָב זיך די גאַנצע צייט פאַרשטענדיקט מיט אים ברייוולעך: איך — פון ריאָ, ער — פון סאַן־פּאַולאָ. דורך ברייוו האָב איך געעפנט פאַר אים אַלע „סודות״ פון דער בינע־טעכניק, אין וועלכער ער האָט זיך לגמרי נישט אָריענטירט. איך האָב אים אויפן זעלבן אופן דערקלערט דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, אויסגעמאָלן די כאַראַקטערס

פון די פערסאָנאַזשן, זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען און די באַציִונג פו־נעם מחבר צו זיי. איך האָב אים אויפגעקלערט דעם געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלן מאָמענט, וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעבראַכט אין דער פּיעסע און ווי אַזוי איך באַמי זיך דעם דאָזיקן מאָמענט צו דערנענטערן צו אונדזער מענטאַליטעט און צופּאַסן צו אונדזער ווירקלעכקייט.

וואָס איך האָב נישט דערשריבן, האָב איך מיר אַרויסגעהאָלפן מיט צייכענונגען וואָס איך פלעג אָנוואַרפן אויף פּאַפּיר און בייליגן צו די ערטער פון מיינע בריוו, וואָס קאָנען זיך אים אויסוויייזן אומפאַרשטענדלעך. אויפן זעלבן אופן פלעגט ער מיר ענטפערן. שפּעטער זענען צוגעקומען קליינע סקיצן אין קאָלירן. ס'איז געוואָרן אַרומגערעדט די באַלייכטונג, מעבל, קליידער — אַלץ אין בריוו, און דווקא געשריבן אין רוסיש. אין דעם פאַל האָב איך זיך געמוזט צופּאַסן צו אים. אין רעזולטאַט איז אַרויס אַ באַלערנדיקער, פאַרווילנדיקער, צעזונגענער און צעטאַנצטער ספּעקטאַקל.

עס האָט אויך פאַרוויילט סלאָוועסעס „המנס מפּלה", וואָס איך האָב פאַרוואַנדלט אין אַ „מאָדערנעם" פּורים־שפּיל מיט היטלערן און זיינע ויזתאס, די בני־המן בראָש.

פאַר דער צייט האָבן זיך אַנטוויקלט אַ ריי יונגע טאַלאַנטן, אַ חוץ די אויסגעפּרוווטע אַמאָטאָרן פון דער „אַלטער היים". אין די פאַרשטעלונגען האָבן אָנטיילגענומען די שרייבערין ראָזאַ פּאַלאַטניק־שאַפּראַן און דער דיכטער יוסף לאַנדע, וואָס ביידע האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַקטיאָרישע פעיִקייטן.

אַנטוויקלט האָט זיך אויך דער טאַלאַנט פון מיין פרוי, ראָזאַ, וואָס האָט אין לעמבערג געענדיקט אַ שולע פון מאָדערנעם באַלעט און במילא געהאַט אַ נייגונג צו דער בינע. זי האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַן אינטערעסאַנטע לירישע שוישפּילערין און האָט זיך אויך ספּעציאַליזירט ווי אַ פּאַלקסזינגערין אין אייניקע שפּראַכן. איך האָב אין איר באַקומען אַ ווירדיקע פּאַרטנערין, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צום דערפּאָלג פון מיינע שפּעטערדיקע גאַסטשפּילן אין אייראָפּע, ישראל און אויסטראַליע.

זי איז אויך געווען אַנגאַזשירט אין „קאָמעדיאַנטעס" און זיך שטאַרק

זיגמונט טורקאָוו אַלס האַרפּאַגאָן אין מאָליערס „דער קאַרגער".

(צייכענונג: אַלעקסאַנדער באָגען, ישראל).

זיגמונט טורקאָווס 30־יעריקער טעאַטער־יובילעאום געפייערט אין יאָר 1946 דורך דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ריאָ דע זשאַנעירא, בראַזיל. עס באַגריסט דער לערער טאַבאַק. לעבן בעל־היובל שטייען: מאַקס שטערן, ראָזאַ פּאַלאַטניק, ש. יתום, ש. כהן, י. לאַנדע און די מיטגלידער פון דעם דראַמ.־קרייז ביי דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק.

אויסגעצייכנט ביי דער זייט פון דער גרויסער פוילישער שוישפּילערין אירענאַ אייכלערוווּנאַ, וואָס פאַרנעמט איצט אָן ערשטן אָרט אינעם פּוי־לישן מלוכה־טעאַטער.

אין ריאָ דע זשאַניירא איז אין 1946 געפייערט געוואָרן מיין דריי־סיקיאָריקער טעאַטער־יובילײ. די פייערונגען זענען פאָרגעקומען אין דער יידישער און קריסטלעכער גאַס. אין יידיש איז געשפּילט געוואָרן מיין „אברהם גאָלדפאַדן"; אין „קאָמעדיאַנטעס" — די „תאווה" פון אָניל. אינעם בראַזיליאַנער טעאַטער איז דער עולם געקומען, ווי געוויינלעך, פון די אַנאָנסן און פלאַקאַטן וואָס זענען געווען צעהאַנגען אין שטאָט, דאַקעגן צו דער יידישער פאָרשטעלונג האָט מען געמוזט, ווי תמיד, „פּור־נאַנדערשיקן" פּאָרלעך. האָב איך טאַקע דעם גרויסן דערפאָלג פון דעם אָוונט געהאַט צו פאַרדאַנקען די פרויען אידאַ קאַמענעצקי, ראָזאַ שאַפּראַן, מאַרטאַ פאַרנעס, אהובה קעסטעלמאַן, די געזעלשאַפטלעכע טוער מאַקסים שטערן, דעם לערער טאַבאַק און פיל אַנדערע פריינד, וואָס האָבן געוויד־מעט דער דאָזיקער דאַטע אַ סך גוטן ווילן און צייט.

די בראַזיליאַנער פּרעסע האָט נישט ווייניק פּלאַץ געווידמעט מיין יובילײ. דער באַרימטער דראַמאַטורג און טעאַטראָלאָג זשאָראַסי קאַמאַרגאָ, איז אין זשורנאַל „דירעקטריזעס" אַרויס מיט אַ פּלאַמיקן אויפרוף צו דער בראַזיליאַנער אינטעלעקטועלער וועלט, ווירדיק צו פייערן מיין דריי־סיקיאָריקן יובילײ, ווי ס'קומט איינעם פון די „גלענצנדיקסטע פאָרשטייער פון דער אוניווערסאַלער טעאַטער־מישפּחה".

נאָך מיין אומקערן זיך פון ערשטן באַזוך אין ישראל, האָט זיך גע־ענדיקט מיין צוזאַמענאַרבעט מיט דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק. לויט דער איניציאַטיוו פון לייזער לעווינסאָן, סאָבעל און אַנדערע אָנפירער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין ריאָ, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אויפצופירן מאָסינזאָנס „בערבות הנגב", וואָס האָט געמאַכט אַ ביז גאָר טיפן איינדרוק. מיט דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָבן מיר אויך באַזוכט סאַן־פּאַולאָ און פּאָרטאָ־אַלעגרע.

ווען מיר זענען נאָך דעם עולה געווען קיין ישראל, האָבן מיר מיט טיפער דאַנקבאַרקייט אין האַרצן געזעגנט די אַלע וואָס האָבן אונדז פאַר־

לייכט אונדזער אויפהאַלט אין בראַזיל. מיר דערמאָנען מיט טיפן סענ־טימענט די גאַסטפריינטלעכע הייזער פון קאַמענעצקיס, סאָבעלס, שעכט־מאַנס, פּאַלאַטניקס, שטערנס, יורקעוויטשס, פּאַרנעס און אַ סך אַנדערע, וואָס זענען תמיד געשטאַנען אָפן פאַר אונדז; דאָס זעלביקע אויך אין הויז פונעם ערשטן ערן־קאָנסול פון ישראל, ד״ר שמואל מאַלאַמוד, ביי וועמען מיר האָבן באַקומען די ערשטע ישראל־וויזע אויף אונדזער בראַזיליאַנער פּאַס.

מיר גרויסן זיך מיט דער שיינער מתנה וואָס מיר האָבן באַקומען ערב אונדזער אָפּפאָרן פון ריאָ. ווען מיר זענען אַריין אין אַ געשעפט פון ניימאַשינען זיך צו קויפן איינע פאַר ישראל, האָט דער באַלעבאָס אונדז געהייסן זיך אויסקלייבן, וועלכע ס׳געפעלט אונדז צום בעסטן.

ווען מיר האָבן זיך געפרעגט אויפן פּרייז פון אַ טשעכישער מאַשין, דערהערן מיר פונעם באַלעבאָס, פ. יאַבלאָנסקי, פאָלגנדיקן ענטפער:

— אַז זיגמונט טורקאָוו איז עולה קיין ישראל קומט אים אַזאַ מתנה...

און בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. קאָן מען פאַרגעסן אַזאַ ברייטהאַרציקן זעסט?...

מיר האָבן אויך נישט פאַרגעסן די קורצע אויספלוגן קיין סאַן־פּאַולאָ און אונדזערע דאָרטיקע פריינד, די ברידער לערנער. די פּעפערס, די ראַ־פּאַפּאָרטס, די פליסעס, לוסטיקס און אַנדערע.

ס׳איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט די פריינד אינעם גאַסט־פריינטלעכן בראַזיל, אָבער דער פאַרלאַנג זיך צו באַזעצן אין ישראל האָט גובר געווען די דאָזיקע סענטימענטן. אַפילו דער פאָרשלאָג פון דער מעכטיקער אינסטיטוציע פון דער קאַמערץ־קאַמער אין סאַן־פּאַולאָ, וואָס האָט מיר פאָרגעלייגט צו גרינדן פאַר זייערע מיטגלידער אַ קינסטלערישן טעאַטער. אַלע, וואָס האָבן געהערט וועגן דער דאָזיקער זעלטענער געלעגנ־הייט פון מאַכן „קאַריערע״, האָבן געהאַלטן פאַר אַ פעלער זיך אָפּצוזאָגן דערפון.

***

איך וואַרף אַ בליק אויפן אָנגעשריבענעם און ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב שוין דעם לייענער אַריינגעפירט אין די וויכטיקסטע אַרגענ־טינער און בראַזיליאַנער עטאַפּן, ביז אונדזער עולה זיין קיין ישראל.

איך האָב דאָס דאַזיקע בוך לכתחילה פאַרטראַכט פאַר אַ צייטאָפּשניט פון 1920 ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילחמה.

ווערלן מיר זיך איצט אומקערן צו מיין עצם־טורניי איבער די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וואָס איך האָב אונטערגענומען ביי מיין ערשטן באַזוך דאָרט, אינעם יאָר 1934.

נאָכן פאַרענדיקן די אויפטריטן אין ריאָ און סאַן־פּאַולאָ, האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דער קלאַסיש־געוואָרענער לייטמאָטיוו פון מיין לעבן: וואָס ווייטער?

צוריק קיין אייראָפּע האָב איך נישט געוואָלט פאָרן. נישט געזען קיין צוועק אין דעם. ווייטער זיך אַרומדרייען אין בראַזיל — נאָך ווייניקער צוועק. האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ קייזערשניט אינעם ביז־איצטיקן לעבן און פּרוון אָנהייבן פון דאָס ניי און — דווקא אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

דאָס מאָסקווער יידישע מלוכה־טעאַטער האָט זיך געשאַפן אַ וועלט־נאָמען מיט זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען. און וואָס אינטערעסירט מיך מער אין לעבן ווי טעאַטער, בפרט יידיש טעאַטער?

פון מיינע ערשטע שריט אינעם טעאַטער ביז איך געווען אַן אויס־געשפּראָכענער קעגנער פון סטאַר־סיסטעם, בפרט אַז דער סטאַריזם איז געוואָרן כראָניש, אַן אַ באַזע ווו זיך אויפצופרישן, זיך צו באַנייען און צו גיין פאָרויס צו נייע דערגרייכונגען. דער שטענדיק גאַסטראָלירנ־דיקער אַקטיאָר איז אַ טעכנישער איבערחזרער פונעם איין מאָל געשאַ־פענעם, אַ פּעדלער פון אַקטיאָרישער טעכניק, ער פאַרקויפט ווו און ווען ס׳לאָזט זיך. וואָס מער סוחר דער דאָזיקער פּעדלער איז, אַלץ אַ גרעסערער „סטאַר״ איז ער.

איך האָב מיך געגייטיקט אין אַ טעאַטער־וואַרשטאַט, ווערלכן איך האָב אין ערגעץ צו יענער צייט נישט געזען, חוץ אין מאָסקווע. צום באַדויערן האָב איך מיך נאָך דאַן נישט אָריענטירט אויף ארץ־ישראל. איבעריקנס,

ווער ווייסט, ווי די „העברעיִשע" אַקטיאָרן וואָלטן מיך אויפגענומען... פון מיין שפּעטערדיקער דערפאַרונג שטעל איך מיר פאָר, אַז דאַן וואָלטן מיך דערוואַרט נישט קיין פריילעכע פּערספּעקטיוון... צו קעמפן, ווי איך האָב עס געטון אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך מיין עולה זיין קיין ישראל, האָב איך דאַן נישט געהאַט קיין חשק.

איך האָב אָנגעשריבן אַן אויספירלעכן בריוו צו שלמה מיכאָעלסן און אים אָנגעגעבן אַלע מאָטיוון, וואָס האָבן מיך דערפירט איבערצורייסן מיטן באַקוועמען און רענטאַבלען לעבן פון אַ „ליבלינג פון פּובליקום" און אַנדערע ווילקלינגענדיקע צונעמען פון אַ „סטאַר" און צו ווערן אַנ־קומען ווי אַ געוויינטלעכער סאָלדאַט אין זיין טעאַטער. איך האָב אַפילו צו־געגעבן, אַז אויב ער זעט נישט פאַר מיר קיין אָרט אין מאָסקווע, מאַכט מיר נישט אויס אַן אַנדער טעאַטער אויף דער פּראָווינץ, ס'מוז נישט דווקא זיין קיין אָנפירנדיקע פּאָזיציע.

איך האָב אויך אונטערגעשטראָכן, אַז אויב איך וועל מיך מוזן צוליב דעם אָפּזאָגן פון מיין פּוילישער בירגערשאַפט, בין איך עס אויך גרייט צו טון. אַן ענטפער האָב איך געבעטן מיר איבערצושיקן אויפן אַדרעס פון די „ליטעראַרישע בלעטער", מיט וועלכע איך בין געשטאַנען אין קאָנטאַקט.

אַ באַרויִקטער, האָב איך זיך געלאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפער, וואָס וועט, ווי איך בין געווען זיכער, זיין אַ פּאָזיטיווער.

די צייט ביזן אָנקומען פון אַן ענטפער האָב איך באַשטימט אויס־צונוצן אויף איינע פון מיינע האָביס: אַ רייזע „אַרום דער וועלט". פון לאַנג האָבן מיך גערייצט די אוראַלטע קולטורן פון די אינקאַס, אַצטעקן, מאַיאַס און אַנדערע גרויסע פעלקער, וואָס פאַרשידענע קאַטאַקליזמען האָבן אָפּגעווישט פון דער וועלטמאַפּע. איך וויל באַקענען די איבערבלייבענישן פון זייער רומפולער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן פון קינדווייז אַן גע־רייצט מיינע נייגונגען און כ'האָב געשטרעבט זיי צו פאַרווירקלעכן.

אַזוי אַרום איז ביי מיר געשאַפן געוואָרן דער פּלאַן פון אַ רייזע אי־בער אַרגענטינע, טשילע און ווייטער אַרויף מיטן פּאַציפיק צו פּערו, עקוואַ־דאָר, קאָלאָמביע, פּאַנאַמע, קובע ביז מעקסיקע.

וועגן פאָרן העכער אַרויף קיין אַמעריקע — האָב איך נישט געטראַכט. די מוסטערן פונעם יידישן טעאַטער דאָרט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין אייראָפּע, האָבן מיך ווייט נישט געלאָקט. איך בין מיט מיין מענטאַליטעט, באַציִונג צום טעאַטער און מיין אופן פון שפּילן געווען אַזוי „אַנטי־אַמעריקאַניש״, אַז שוין דער געדאַנק צו קומען אַהין ווי אַן אַקטיאָר האָט מיך געשראָקן.

איבעריקנס, אין מעקסיקע — האָב איך געהאָפט — וועט מיך שוין אַניאָגן דער ענטפער פון מיכאָעלסן.

איך האָב מיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע ישובים אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער און פון די ענטפערס האָב איך פאַרשטאַנען, אַזאַ אַזאַ רייזע קאָן טראָגן מער אַ טוריסטן־כאַראַקטער ווי אַ פּראָפעסיאָנעלן און איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאַרבינדן איינס מיטן צווייטן.

צו אַזאַ טורנעי איז מיר נייטיק געווען אַ פּאַרטנערין, מיט וועלכער איך וואָלט געקאָנט געבן אַן אָוונט פון אַ געמישטן פּראָגראַם, פראַגמענטן פון פּיעסן מיט מיינע פּאָפּולערע ראָלן און אַ קאָנצערטטייל. פאַר אַ צווייטן אָוונט וואָלט מיר געקאָנט דינען מיין צוויי־פּערזאָניקע פּיעסע „דאָס געשריי פון געוויסן״. אַ חוץ דעם וואָלט איך געקאָנט שפּילן נאָך צוויי פּיעסן: „מאָרפיום״ און „דער געדאַנק״, צו וועלכע מע וואָלט נאָר באַדאַרפט צונוצן אַ צוויי־דריי אַמאַטאָרן. אין צוויי ערטער: טשילע און מעקסיקע, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אייניקע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וואָלטן מיר שוין געקאָנט פאַרברענגען אַ לענגערע צייט.

אין אסתר פּערעלמאַן, וואָס האָט דאַן מיטגעשפּילט מיט מיר אין בראַזיל, האָב איך געפינען די פּאַסיקע פּאַרטנערין פאַר אַזאַ טורנעי. אַן אַלזייטיק־באַגאַבטע אַקטריסע, וואָלט זי געקאָנט שפּילן די טראַגישע ראָל פון „שרה״ אין „שבתי צבי״, די קאָמעדיאַנטישע „פּראַזין״ אין מאָליערס „קאַרגן״ און די דראַמאַטישע „מאַדאַם אַלווינג״ אין איבסענס „גייסטער״. אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט אַ פיינעם פּראָגראַם פון פאָלקסלידער, וואָס פלעגן שטאַרק אויסנעמען ביים עולם. האָב איך שוין במילא געזען פאַר זיך אַ קאָנקרעטע מעגלעכקייט זיך צו לאָזן אין אַזאַ געוואַגטן טורנעי.

גערעדט און געטון. אסתר פּערלמאַן — וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט פריִער אָנגעווווירן איר מאַן, יצחק דייטש, האָט זיך אַליין אויך גע־נייטיקט אין בייטן דאָס אָרט און אין צעשטרייונג — איז איינגעאָנגען אויף מיין פאַרשלאָג. מיר זענען אַרויס אין צווייען אויף אַ טורנעי איבער „דער וועלט", ווי די אמתע „בלאָנדזשענדיקע שטערן", נישט וויסנדיק וווהין מיר וועלן פאַרבלאָנדזשען און ווען מיר וועלן זיך אָפּשטעלן.

אין יעדן לאַנד האָבן זיך אָפּגערופן פריינד, וואָס האָבן גערן גענומען אויף זיך דאָס צוגרייטן דעם „אַמביענט" און אַדורכפירן אונדזערע אויפ־טריטן. זיי האָבן דערפון נישט געצויגן קיין פּראָפיטן, נאָר עס געטון אויס ליבע צום יידישן טעאַטער. די פריינד מאַרקוס יאַקובאָוויטש אין פּאָרטאָ־אַלעגרע, פעליפּע גאָלדבערג אין לימאַ, שמעון גובערעק אין באָגאָטע — דערמאָן איך ביי יעדער געלעגנהייט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט.

אין די ערטער, ווו ס'זענען געווען אַקטיאָרן, זענען אונדזערע אויפ־טריטן אַדורכגעפירט געוואָרן אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן אופן און, צום שבח פון די דאָזיקע חברים זאָל דערמאָנט ווערן זייער אויפריכטיקער און אי־בערגעגעבענער הילף, וואָס האָט אונדזער קומען פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב פאַרן ישוב. אַזוי האָבן מיר אין טשילע אָנגעטראָפן אויף נתן און שרה גינטער און אַלעקסאַנדראָוו. מיט די גינטערס — צוויי דערפאַרענע פאָלקס־טימלעכע כאַראַקטער־אַקטיאָרן — איז מיר אין יאָרן אַרום אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אין מעלבורן, ווו איך האָב גענאָסן פון דער גאַסט־פריינדלעכקייט פון זייער שיינער היים.

אין מעקסיקע האָבן מיט אונדז מיטגעשפּילט די קרעפטיקע אַקטיאָרן מאַקס בראַון און משה געלבער מיט זייערע פרויען, ווי אויך די איצטיקע פרוי פון פריינד זלמן זילבערצווייג. פאַרשטייט זיך, אַז אָנטרעפנדיק אויף אַזעלכע דערפאַרענע שוישפּילער, האָב איך זיך שוין געקאָנט „דערכאַפּן ס'האָרץ" מיט אַ גרעסערער פאַרשטעלונג. אין מעקסיקע, למשל, איז מיר אַ דאַנק די דערמאָנטע אַקטיאָרן און אַ גרופּע פעיִקע אַמאַטאָרן געלונגען צו שאַפן גרויסע און גוטצוזאַמענגעשפּילטע פאַרשטעלונגען.

**

אומעטום האָב איך אָנגעטראָפן ייִדן, וואָס האָבן אויך אויסגעקוקט אַ „היימישן" פּנים און זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן מיין נע־ונד־לעבן, — פלעגן מיר זיך איינס דאָס אַנדערע טרייסטן און דערמוטיקן.

אין יעדן ישוב איז פאַראַן אַ ייִדישער צענטער, אָדער „סירקולאָ", ווי אַ קלענערער, ווי אַן אימפּאָזאַנטער בנין, אָפּהענגיק פון דער גרויס און מאַטעריעלן מצב פונעם ישוב.

סאַנטיאַגאָ, למשל, האָט פאַרמאָגט אַ בנין, וואָס דאָס רייכע בוענאָס־איירעס איז דאָן געבליבן הינטערשטעליק לגבי אים.

וואָס איז דען אַלץ נישט געווען אינעם דאָזיקן בנין: אַ גרויסער טעאַטער־זאַל, אַ קאָרטנקלוב (וואָס האָט, אגב, אַריינגעבראַכט די גרעסטע הכנסה), אַ ביבליאָטעק, אַ שול און אַפילו אַ... טהרה־שטוב.

אין שייכות דערמיט האָב איך טאַקע צו פאַרצייכענען אַן אייגנאַר־טיקן קוריאָז. די בינע, אויף וועלכער מיר האָבן געשפּילט, איז דווקא גע־ווען אַ געניוג באַקוועמע, דאַקעגן די גרימירשטוב, וואָס האָט זיך געפי־נען אונטער דער בינע, איז געווען אַן איינציקע אין איר מין. אינעם דאָ־זיקן חדר איז געשטאַנען אַ בלעכענער טהרה־טיש, קאָנען און אַלע ביי־טיקע מכשירים צום לעצטן „טואַלעט". דאָס דאָזיקע ברעט האָט מיר גע־דינט ווי אַ גרימיר־טיש, ווו איך האָב געגרייט מיינע לעבעדיקע סצענישע „טואַלעטן"...

אין יעדן ישוב באַגעגנט מען אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, אַן אָבאָ־נענט פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אָדער פון די אַמעריקאַנער און אַר־גענטינער צייטונגען. כמעט אין יעדן ישוב אַן אָרטיקע פּעריאָדישע אויסגאַ־בע אין ייִדיש אָדער שפּאַניש. אין יעדן ישוב אַ „קאָרעספּאָנדענט" אָדער אַ „דראַמאַטישער מענטש", — אומעטום אָבער מכניס־אורחים וואָס ריגלען דיך אַרום מיט וואַרעמקייט און היימישקייט... טייערע ייִדן פון דרום־אַמעריקע!

צו ביסלעך האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן די „ראַסן"־דיפערענצי־רונגען צווישן „פּוילישע" און „בעסאַראַבער"... אָפט מאָל טרעפסטו אין אַ ישוב אַ גרופּע, וואָס יעדע גרויסע שטאָט וואָלט זי געקרן געזען.

אָט פאַלסטו אומגעריכט אַריין צו אַ שרייבער־גרופּע אין סאַנטיאַגאָ

דע טשילע: דער דיכטער משה־דוד גיסער, די שרייבער: יעקב פּילאָווסקי, נח וויטאַל, באַכראַך. די פרוי פּילאָווסקי, אַ פעיִקע אַמאַטאָרין, נעמט אָנ־טייל אין אונדזערע פאָרשטעלונגען, וואָס ווערן אָרגאַניזירט דורך די פּראָ־פעסיאָנאַלן נתן און שרה גינטער.

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון זיי מאַכט נישט „קיין לעבן" פון דער פעך און זי דינט זיי פשוט ווי אַ גייסטיק אויסלעבן זיך. יעדער פון זיי איז גוט סיטויִרט ביי „זייטיקע" פרנסות, ווי, למשל: דער דיכטער גיסער ביי דרוקעריי־אַרבעט. נאָך זיין טויט האָט די דאָזיקע דרוקעריי אָפּגע־קויפט דער אַקטיאָר משה ליפמאַן, וואָס האָט זיך אויך געזוכט אַ זייטיקע פרנסה און דערין געפינען זיין הויפּט־מקור פון חיונה.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון יידישע אַקטיאָרן גענומען צו ענלעכע, זייטיקע, פּראָפעסיעס און שטעלן מיט זיך פאָר אַ בלאַסע דערמאָנונג פונעם שיינעם בנין וואָס האָט אַ מאָל געהייסן: יידיש טעאַטער.

***

אין סאַנטיאַגאָ איז מיר אויסגעקומען בייצווווינען אַן אינטערעסאַנטן פאַל. ס'איז געווען פאַר די ימים־נוראים. אין אַ געוויסן טאָג ווענדט זיך אַ דעלעגאַציע פון מאַראַנען, ערגעץ פון דרום, און בעט אַ דערלויבעניש בייצוווינען די תפילות...

איך האָב געזוכט אין זייערע פּנימער אַ גיצוץ פון „יידישקייט" און בשום־אופן אים נישט געקאָנט געפונען. טיפּישע טשילענער, וואָס שיידן זיך מיט גאָרנישט אונטער פונעם שכנישן גאַוטשאָ, נישט אויסערלעך, נישט מיט דער שפּראַך און נישט מיט דער רעליגיע.

וואָס־זשע איז דאָס פאַראַ מיסטעריעזער קניפּ, וואָס בינדט זיי מיטן פאַרשניטענעם עבר פון זייערע אָבות? וואָסער כוח טרייבט זיי צוריק צום מקור, פון וועלכן מ'האָט זיי מיט גוואַלד אָפּגעריסן?.. אַזעלכע אָנו־סים זענען צעוואָרפן איבערן גאַנצן גיגאַנטישן קאָנטינענט וואָס דער קאַ־טאָליציזם האָט דעראָבערט — פון פּאַטאַגאָניע ביז מעקסיקע.

מיר קומען אָן אינעם פּערואַנער האַפן קאַיאַאָ אין סאַמע יום־כיפור.

אַן אויטאָ פירט אונדז אָפּ קיין לימאַ גלייך צו דער שיל... דער קליינער ישוב, בראָש מיטן רב, דערפרייט זיך מיט אונדז. מיר פאַרבלייבן שוין ביזן סוף פון די תפילות און מיר ווינטשן זיך אַלע אַ גוט יאָר...

לכבוד אונדזער אָנקומען קיין פּערו איז דערשינען אַ ספּעציעלער זשורנאַל אין שפּאַניש, געווידמעט מיין טעאַטער־טעטיקייט. ס׳האָט גע־פרייט און געמוטיקט. בפרט, אַז דאָרט האָט זיך אויסגעזוכט אַ יונגערמאַן, יצחק וועקסעלמאַן, וואָס אַנשטאָט צו גיין אויפן וועג פון לייכטן ווידער־שטאַנד, פון פּעדלעריי, ווי דאָס רוב ביי־אָנגעקומענע, האָט ער זיך פאַר־עקשנט און איז גאָר אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט און היינט איז ער אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט. דער דאָזיקער סטודענט איז געווען מיין ציצעראָ ביים באַזוכן די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אַרום לימאַ און אַנדערע איבערבלייבענישן פון דער רייכער אינקאַ־ישער קולטור. אים האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין רייכע קאָלעקציע אויפנאַמעס פון די דאָרטיקע זעווירדיקייטן.

***

שטאַרקע איבערלעבונגען האָבן מיך דערוואַרט אין באָגאָטע — די הויפּטשטאָט פון קאָלאָמביע.

פאָרנדיק אַהין פון פּערו איז אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן עקוואַדאָר, וווּ ס׳האָט גראָד געבושעוועט די „פּעסטע בובאָניקאָ". דער קאָלאָמביאַנער קאָנסול האָט אין לימאַ נישט אַרויסגעגעבן די וויזע, ביז ס׳איז נישט ביי־געלייגט געוואָרן אַ באַשטעטיקונג פון אַ פּרעווענטיווער איינשפּריצונג קעגן דער דאָזיקער עפּידעמיע.

צוליב דער עפּידעמיע האָט זיך אונדזער שיף נישט באַדאַרפט אָפּ־שטעלן אין עקוואַדאָר. גראָד איז אין יענער נאַכט, ווען מיר זענען פאַר־בייגעפאָרן גוואַיאַקיל, געווען אַן אָפּפלוס פון ים און די שיף איז געבליבן שטעקן אויפן זאַמד. ס׳איז אויסגעקומען צו וואַרטן איבער נאַכט ביז אַ גייעם צופלוס כדי זיך צו רירן פון אָרט. האָב איך אויסגענוצט דעם אָוונט אויף צו באַזוכן די שטאָט.

אין גאַס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן ריזיקע אַפּישן פון אַ „באַ־רימטן" טעאַטער מיט אַ באַרימטער פּיעסע, מיט „באַרימטע" אַרטיסטן

און „באַרימטע קאָמיקער וואָס וועלן פאַרווײַלן דעם עולם", ווי ס'האָבן זיך נוהג געווען צו אָנאָנסירן די דאָרטיקע וואַנדערנדיקע צירק־טעאַטערס. דערזעענדיק אַ טעאַטער־אַפֿיש, האָב איך ממש אויפגעלעבט און זיך גע־לאָזן גיין אין דער ריכטונג פֿונעם גרויסן לייוונטענעם געצעלט וואָס האָט זיך געטונקען אין אַ ים פֿון פילפאַרביקן ליכט.

דער געצעלט האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטע קאָמבינאַציע פֿון עפּע־נונגען אין פֿאַרשידענע זייטן, וואָס האָט אים ווענטילירט דורך אָנגענעמע צוגווינטן און פֿאַרלייכטערט דאָס זיצן דאָרט אין דער אומדערטרעגלעכער היץ.

די פֿאָרשטעלונג איז געווען טיפּיש פֿאַרן לאַטייןאַמעריקאַנער פֿאָלקס־טעאַטער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן טראַדיציע פֿון דורות. אַ האַרצרייסנדיקע מעלאָדראַמע מיט ניסים ונפֿלאות, שטאַרקערע נאָך ווי אין ייִדישן טעאַ־טער... מע גנבעט אַרויס קינדער, מוטערס ווענדן זיך צום פּובליקום מיט „מאָראַלישע" מאָנאָלאָגן, אַפּעלירנדיק צום „געוויסן פֿון דער וועלט און צו זיין געקרייציקטן באַשעפֿער"; פֿאַרראַטענע מענער קוילען די ווייבער, די געליבטע רופֿן זיי אַרויס אויף דועלן; אַלטע מכשפֿות געפֿינען די גע־גנבעטע קינדער און דערציִען זיי פֿאַר פּיראַטן און וואַלד־גזלנים. די מאָ־נאָלאָגן פּאַטעטיש, נישט ווייניקער ווי דער דיאַלאָג, אַלץ — ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַדלייט און פּרינצן. די גאַנצע סיטואַציע האָט אָבער געראַטעוועט דער „קאָמיקער", אַ פּשוטער קלאָון מיט אַ ווייסער נאָז און ליפּן פֿון אויער צו אויער, מגושמדיק אָנגעטון, וואָס פֿלעגט זיך אומגעריכט באַווייזן אין די טראַגישסטע סצענעס. זיין אויפֿגאַבע איז טאַקע געווען צו פֿאַר־ווײַלן דעם עולם ביי די דאָזיקע סצענעס...

ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט איך נישט אויסגעזעסן קיין דריי שעה אויף אַזאַ „באַרימטער" פֿאָרשטעלונג, אָבער אין געגעבענעם פֿאַל איז עס מיר ממש צוגעשיקט געוואָרן מן השמים. איך האָב אָבער נישט פֿאַרגעפֿילט, אַז נאָך דער פֿאָרשטעלונג שטייט מיר פֿאַר אַן איבערלעבונג, וואָס וועט זיך מיט גאָלדענע אותיות אייַנקריצן אין דער געשיכטע פֿון מיינע וואַנדערונגען.

איינס אַ זייגער ביינאַכט. איך קער מיך אום צום האָטעל. דער שוויס

רינט פון מיר טייכנווייז. די גאַסן — פוסט, הגם די קלייטן זענען אָפן און באַלויכטן, ווי געוויינטלעך, ווען ס׳פּאַראַנקערט אַ שיף. פון צייט צו צייט שלייכט זיך פאַרביי אַ נאַכטפייגעלע, אַ שיכורער מאַטראָז. ביי אַ מויער שטייט אויף זיין פּאָסטן אַ באַרוועסער פּאָליציי־מאַן, מיט אַן אויפ־געשטעלטן קאָלנער און... ציטערט פאַר קעלט.

איך שטעל שנעלע טריט, כ׳וואָלט שוין געוואָלט זיך געפינען אין מיין קאַבינע מיט די ווענטילאַטאָרן. פלוצים דערפיל איך אַ שאָטן, וואָס גייט מיר נאָך טריט ביי טריט. איך גיי צו צו אַ שויפענצטער, דער שאָטן בלייבט שטיין דערלעבן. איך גיי ווייטער, דער שאָטן נאָך מיר. עס ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפן הארצן. איך קוק אויס אַ צווייטן באַרוועסן פּאָלי־ציאַנט און שטעל מיך אָפּ ביי אַ לאַמטערן. דער שאָטן דערנענטערט זיך נישט דרייסט צו מיר און פאַרהאַלט זיך. איך דערזע אַ יונגנמאַן ביי די דרייסיקער. מיר קוקן זיך אַ ווילע אָן שווייגנדיק, ביז דער יונגערמאַן פרעגט מיך אויף שפּאַניש צי איך בין נישט קיין אייראָפּעער. באַקומענדיק אַ באַשטעטיקונג אַז יאָ, פרעגט ער מיך, צי נישט אַ מאָל פון פוילן. און אָט, פלוצים, אויף אַ וואַרשעווער ייִדיש:

— חבר טורקאָוו, ווי קומט איר דאָ אַהער?!...

אַ פוילישער בחור. נאָך מיט פינף יאָר צוריק פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קיטאָ, די הויפּטשטאָט פון עקוואַדאָר. אין גוואַיאַקיל וווינט זיינער אַ חבר, וואָס האַלט אַ קלייט פאַר טוריסטן, איז ער אים געקומען באַזוכן. זיצנדיק אין טעאַטער האָט ער מיך דערזען: „צי דאָס בין „איך" אָדער נישט איך"?... ער קען דאָך מיך פון „דער היים", פון קאַמינסקי־טעאַטער, פון „צענטראַל"... זאָל עס טאַקע זיין „איך"? אַנשטאָט אַהיימצוגיין שלאָפן, ווערט ער מיין שאָטן אויפן וועג צום האַפן... ביז ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט... „אַזאַ גליק... דער חבר טורקאָוו. זעט ווי די וועלט איז קליין... אַ שפּרונג, כ׳לעבן, וואַרשע־גוואַיאַקיל"... איך האָב אים צו־געזאָגט צו גריסן טאַטע־מאַמע... ווי דערלעבט ער זיי שוין צו זען און טאַקע צוריק אין וואַרשע... נאָך אַ פּאָר געציילטע יאָר... ביז ער וועט „מאַכן אַ ביסל געלט"...

ער שטופּט מיר מיט כוח אין האַנט אַ פּאָרטפעל פון שלאַנגענפעל,

מיט וועלכע ער פּעדלט. — „אַן אָנדענק פון מיר, זאָגט מיר נישט אָפּ!“..
אַן אָנדענק פון אַ פאַרוואָגלטער נשמה הינטער די הרי־חושך...

איך האָב עס געהאַלטן ווי אַ קמיע, צוגלייך מיטן נעסעסער פון מיין בערלינער „טראַיקאָ“, און זיי ביידע פאַרלוירן אין דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע...

***

קאָלאָמביע. דער וועג פון בוענאַווענטוראַ ביז קאַלי שטעלט מיט זיך פאָר אַ סימפאָניע פון גרינע קאָלירן. די באַן שאַרט זיך ווי אין אַ טונעל, פאַרלייגט צווישן טראָפּישעביימער, קאַקטוסן און באַמבוסן.

דאָס אויג קאָן זיך נישט אָפּרייסן פונעם שלל גרינס מיט די אומצייליקע ניואַנסן און שאַטירונגען. ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז גרין פאַרמאָגט אַזאַ אומאויסשעפּלעך־רייכע פּאַליטרע!

אַ שאָד נאָר, וואָס די אינדיאַנערינס אין די גרויסע הוטן פאַררויכערן דעם וואַגאָן מיט זייערע ציגאַרן און ליולקעס. די טרערן אין די אויגן שטערן זיך צו קוויקן מיטן פּייזאַזש. ענדלעך שטייגט מען איבער אין קאַלי. עס וואַרט דיך אָפּ דער לעמבערגער באַרגעניכט, דער גרעסטער וועשפאַבריקאַנט אין לאַנד. ער העלפט מיר געפינען די פאַרבינדונג ביז באָגאָטאַ. די וועגן פון דאָרט ביז דער הויפּטשטאָט פירן איבער בערג און שמאָלע סטעזשקעס. מיר לאָזן איבער די גרויסע קאַסטנס ביי באַרגעניכטן און נעמען נאָר דעם גרינגערן באַגאַזש. מיר שלענגלען זיך אַלץ העכער און העכער ביז מיר דערגרייכן אַ הויך פון אַ 2.700 מעטער. באָגאָטאַ.

אויפן וואָקזאַל דערוואַרט אונדז אַ גרופּע פרעמדע פּנימער, וואָס ווערן באַלד היימיש. שמעון גובערעק, שלמה ברייִנסקי, ד״ר גריצהענדלער, מוטשעניק. דער לעבעדיקער פּולס פון דער קאָלאָמביאַנער הויפּטשטאָט. זיי האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען די דערמוטיקונג אינעם שווערן געמיט־צושטאַנד וואָס באָגאָטאַ האָט מיר צוגעטיילט.

אין אַ צייט אַרום האָב איך דערמאָנט אין פריידן דעם דאָזיקן פּעריאָד. לכתחילה, אָבער, האָט ער מיר פאַרשאַפן גרויס זאָרג און דעזאָריענטאַציע אין מיינע ווייטערדיקע פּלענער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ גאַנץ אומשולדיקער סאַניטאַרער אונ־

טערזוכונג, וועלכע יעדער נייער אָנגעקומענער אין לאַנד איז געווען אונ־טערגעוואָרפן. דער עיקר די יעניקע, וואָס זענען פאַרבייגעפאָרן עקוואַדאָר, ווו ס׳האָט געפּאַנעוועט די עפּידעמיע.

ווען כ׳האָב מיך צו מאָרגנס געלאָזט אונטערזוכן, האָט מען ביי מיר אַנטדעקט שטאַרק־געהויבענע טעמפּעראַטור און אונטערגעוואָרפן אַ שטרענ־גער אָבסערוואַציע. גלייכצייטיק האָב איך דערפילט אַ שווערקייט אין אָטעמען; דאָס אַרויפגיין אויף טרעפּ אָדער אויף די בערגיקע גאַסן פון באָגאָטאַ פלעגט ביי מיר אַרויסרופן אַ כסדרדיקן אָפּגעהאַקטן הוסטן.

מיינע פריינד האָבן דאָס הוסטן דערקלערט מיט דער הויכקייט פון באָגאָטאַ, צו וועלכער מע דאַרף זיך צו ביסלעך צוגעוווינען: דאָס יידישע דאָקטוירים־פּאָרל האָט אָבער נאָכן אונטערזוכן מיך, אַנטדעקט אין מיר טובערקולאָז...

די דאָזיקע אַנטדעקונג איז אויסגעפאַלן אויף מיין פּערציקסטן לעבנ־יאָר. איך האָב שוין אָנגעהויבן צו באַדויערן מיין יונג לעבן, וואָס דאַרף „פאַרשניטן ווערן" ווייט פון דער היים, ווייט פון מיינע נאָענטע קברים אויפן וואַרשעווער בית־עולם, ווייט פון מיין עולם, וואָס וואָלט מיר אָפּ־געגעבן דעם לעצטן כבוד... עפּעס אַזאַ נאַרישער סוף... ביז איך מיר גע־וואָרן שטאַרק ציטעריק ביי זיך אַליין... אפשר, דאָך... אפשר וועל איך מיך „אַרויסדרייען"... האָט מען דאָך אין פאַריז „פעסטגעשטעלט" ביי מיר אַנגינאַ־פּעקטאָריס און פון דעסטוועגן... ווער ווייס... ווי ס׳זאָל נישט זיין, דאַרף מען זיך אָפּהיטן: אויס רייכערן, אויס טרינקען, אַ ספּעציעלער רע־זשים... וואָס מער איך האָב מיך אָבער אָפּגעהיט, אַלץ ערגער האָב איך אויסגעזען. וואָס מער פעטקייטן און וויטאַמינען איך האָב אַריינגענומען אין זיך, אַלץ מאָגערער בין איך געוואָרן. נישט אַנדערש — דער סוף דער־נענטערט זיך!...

אין מיינע בריוו אַהיים האָב איך אָנגעהויבן צוצוגרייטן מיינע נאָ־ענטסטע צום אומפאַרמיידלעכן... און גלייכצייטיק זיך געקליבן וואָס גי־כער צו פאַרלאָזן קאָלאָמביע. אפשר דאָך — ערגעץ אַנדערש... אָט שטיי איך אין פאַרבינדונג מיט מעקסיקע. כ׳האָב דאָרט מיין חבר סאַלאָמאָן קאַהאַן, די געוועזענע טעאַטער־דירעקטאָרין פון לאָדזשער „סקאַלאַ", פאַ־

לע קופּערמאַן. אַ חוץ דעם — ס׳וואַרט דאָך דאָרט געוויס אויף מיר אַן ענטפער פון מאָסקווע. שוין צוליב דעם אַליין איז כדאַי צו לעבן...

אויף איינעם פון מיינע אויפטריטן, האָב איך, שפּילנדיק דעם „מי־ראָפּאָלער צדיק" אין „דיבוק", אַליין זיך געשטעלט די פראַגע: ווי קומט צו אַ שווינדזוכטיקן אַזאַ כוח־הדיבור! אַזאַ קלינגעדיק קול! אַט שפּיל איך אים דאָך אַזוי ווי אין די אַלטע „געזונטע" צייטן... פאַרקערט, מיט נאָך מער התלהבות, מיט אַ זעלטענער דינאַמישקייט... זאָל דאָס זיין דאָס שוואַנענליד פון אַ „בלאַנדזשענדיקן שטערן"?...

די גאַנצע געשיכטע האָט זיך מיר נישט געלייגט אויפן שכל, אָבער אַז דאָקטוירים זאָגן... האָב איך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ קלימאַ־טישער ענדערונג. און, באמת, אַראָפּפאָרנדיק קיין קאַלי, איז מיר דאָס אונטערהוסטן פאַרשווינדן, דער אָטעם איז געוואָרן נאָרמאַל און די היץ איז פאַרשוווּנדן.

אויפן וועג קיין קובאַ איז אויף אונדזער שיף אַרויף מיין טשילענער חבר, נתן גינטער, וואָס איז געפאָרן צו זיין ברודער קיין אויסטראַליע. במילא איז מען אַדורך דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל אין אַ בעסער געמיט.

אין האַוואַנאַ האָב איך באַזוכט אַ גרויסן לונגען־ספּעציאַליסט, אַ פּליט פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך פּשוט אויסגעלאַכט פון מיין כלומרשטן טובערקולאָז. די געהויבענע טעמפּעראַטור האָט זיך גענומען פון די פרע־ווענטיווע איינשפּריצונגען קעגן דער עפּידעמיע און דער קורצער אָטעם פון דער הויכקייט פון באָגאָטאַ.

איז שוין דאָס פאַרברענגען אין האַוואַנאַ געווען פאַר מיר אַ קוראָרט־אָפּרו, הגם מיר האָבן געגעבן אָפּטע פאַרשטעלונגען. די אַרבעט האָבן מיר פאַרלייכטערט די גלענצנדיקע אַמאַטאָרן פונעם דאָרטיקן דראַמקרייז און די אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט האָט אונדזער פאַרברענגען אין האַוואַנאַ פאַרוואַנדלט אין אַן אָנגענעמען צייטפאַרטרייב. די פרייע צייט פלעג איך פאַרברענגען מיט מיין נייעם פריינד דוד סרעברעניק, אַ שעדלעצער גע־בוירענער, וואָס האָט געהאַט אַ ציגאַרן־געשעפט אין צענטער שטאָט. פון אים האָב איך מיך דערוווּסט די סודות פון דער דאָזיקער „בראַנזשע", מיט

אים האָב איך אויך באַזוכט די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס און אַנדערע זען־ווירדיקייטן פון דער דאָזיקער צעזונגענער שטאָט.

איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו רויכערן און טאָקע געטרינקען פאַרן געזונט פון אַלע טובערקולאָזע קראַנקע, ווינטשנדיק זיי אַן ענלעכן טעות אין דיאַגנאָז.

אין דער האַוואַנער צייטונג האָבן זיך געדרוקט איינדרוקן פון מיינע דרום־אַמעריקאַנער „אַוואַנטורעס" און צווישן זיי פאָלגנדיקער עפּיזאָד פון מיין „דיבוק"־אויפפירונג מיטן דראַמקרייז אין באָגאָטאַ.

אונדזערע דאָרטיקע גאַסטגעבער איז געלונגען צו באַקומען דעם שטאָ־טישן טעאַטער פאַר אַ גאַלאַ־פאָרשטעלונג. נישט געקוקט אויף מיין „טו־בערקולאָז" האָב איך מיך אונטערגענומען אויפצופירן אַנסקיס שווערע פּיעסע, כדי ווי געהעריק מהנה צו זיין דעם עולם, וואָס האָט געוואָלט „ווייזן די קאָלאָמביאַנער דעם „דיבוק".

אין דער פאָרשטעלונג האָט אָנטיילגענומען זייער אַ פעיִקער אַמאַ־טאָר פון דער „אַלטער היים", וועמענס מיטווירקונג איז מיר געווען זייער נוצלעך.

און אָט — אייניקע טעג פאַר דער פאָרשטעלונג באַווייזן זיך צוויי פרויען מיט אַ בקשה, כ'זאָל נישט צעשטערן דעם שידוך פון זייער איינ־ציק קינד... — „אַ דריטע סעריע באַשולדיקונגען", „טראַכט איך מיר: „אַגענט פון קאָמוניסטן", „אַגענט פון פרויענהענדלער" און איצט — „צעשטערער פון שידוכים"...

ווייזט זיך אַרויס, אַז איינע פון די ווייבער איז די פרוי פון מיין פעיִקן אַמאַטאָר. זייער איינציקע טאָכטער דאַרף אין גיכן חתונה־האָבן.. איז שוין אַלץ גרייט, אַפילו שוין צעשיקט איינלאַדונגען צו דער חתונה... האָבן זיך אָבער די מחותנים איינגעשפּאַרט, אַז אויב דער כלהס טאַטע וועט ווערן אַן „אַקטיאָרשטשיק", וועלן זיי אָפּלאָזן דעם שידוך...

— האָט זשע רחמנות, פּאַניע טורקאָוו, און שלאָגט אים דאָס אַרויס פון קאָפּ, ווייל אַז נישט, חלילה, וועל איך מיר אַ מעשה אָנטון... ס'טייטש, אַזאַ שידוך, וואָס ווייסט איר, פּאַניע טורקאָוו... איר זענט אויך אַ טאַטע...

נישט וועלנדיק צעברעכן דאָס לעבן פון אַ יידישער פאַמיליע און

„נאָך דערצו לאַנדסלייט", האָב איך רעזיגנירט פון זיין אָנטייל. און איך בין אָפּגעפאָרן פון קאָלאָמביע מיט אַ רויִק געוויסן.

***

ענדלעך פאַרפירט אונדז די באַן פונעם האַפן וועראַ־קרוז צו דער הויפּטשטאָט פון מעקסיקע.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען וועגן מיין באַגעגעניש מיט מיין יוגנט־חבר סאַלאָמאָן קאַהאַן אויפן מעקסיקאַנער באָנהויף. אַ חוץ מיינע פאַך־קאָלעגן — בראַון, געלבער, פאָלע קופּערמאַן — האָב איך דאַן באַקענט דעם דיכטער יעקב גלאַנץ, וועמענס לידער און באַלאַדן זענען מיר שוין געווען באַקאַנט פון די אַמעריקאַנער זשורנאַלן. דעם דיכטער יצחק בערלינער, וואָס האָט אַזוי ווי ברייננסקי אין באָגאָטאַ, אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם דרום־אַמעריקאַנער פאָלקסמענטש און זיינע ראַנגלענישן.ביידע זענען זיי געווען איבערגעזעצט אין שפּאַניש און גע־וואָרן אָנערקענט ווי חשובע ביישטייער צו דער ליטעראַטור אין דער דאָ־זיקער שפּראַך. בערלינער האָט אַפילו זוכה געווען צו ווערן אילוסטרירט פונעם גרויסן מאָלער דיעגאָ דע ריוועראַ.

איך האָב באַקענט דעם אינטערעסאַנטן נאָוועליסט מאיר קאָראָנאַ און דעם רעדאַקטאָר משה ראָזענבערג וואָס האָט גאַסטפריינטלעך געעפנט פאַר אונדז די שפּאַלטן פון זיין „וועג".

דער דינאַמישער ישוב האָט אונדז צוגעגרייט אַן אָנגענעמען און נוצ־לעכן צייטפאַרטרייב און, דער עיקר, אַן אימפּאָזאַנטע פייערונג פון מיינע צוואַנציק יאָר יידיש טעאַטער. די איניציאַטאָרן, אָרגאַניזאַטאָרן און נשמה פון דאָזיקן יובל זענען געווען מיין אַלטער חבר שלמהלע קאַהאַן און מיין גייער פריינד יעקב גלאַנץ.

די שיינע הויפּטשטאָט פון מעקסיקע מיט אירע אוראַלטע אַצטעקן־און מאַיאַ־קולטורן האָבן מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך האָב מיר נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן די ידיעה, אַז ס'איז נישט אָנגעקומען קיין ענטפער פון מיכאָעלס. אפשר איז דער בריוו נישט דערגאַנגען, — האָב



זיגמונט און ראַזאַ טורקאָוו אין לייוויקס „מהר״ם פון רוטענבערג״, אויפגעפירט
צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע אין ריאַ דע זשאַנעיראַ, בראַזיל.

זיגמונט טורקאָוו אַלס „אַנקעל מאָזעס“ פון שלום אַש.

(צייכענונג: לעאָן פּאָך, בועמאָס־איירעס, 1934)

איך געטראַכט, — וועל איך זוכן אַ זיכערערע געלעגנהייט אים ווידער צו שרייבן.

מיינע חברים בראַון און געלבער האָבן אונדז אַרומגערינגלט מיט רירנדיקער פריינדשאַפט און אַ סך מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון אונ־דזערע אויפטריטן מיט זייער מיטווירקונג. מיט אַ נייעם זאַפּאַס ענערגיע האָב איך געגרייט איין גרויסע פאָרשטעלונג נאָך דער אַנדערער, גאָר־נישט מעשה „גאַסטשפּיל״.

לכבוד מיין יובל האָב איך אויפגעפירט לייוויקס „הירש לעקערט״.

מיין צוואַנציקיאָריקער יובילייַ איז געווען נישט נאָר מיין פּערזענ־לעכער יום־טוב, נאָר אויך פונעם גאַנצן מעקסיקאַנער ישוב. ס׳זענען מיר צוגעטראָגן געוואָרן אַ סך ווערטפולע מתנות און, דער עיקר, אַ ספּעציע־לער, רייך־אילוסטרירטער יובל־זשורנאַל, וואָס האָט אויף אַ רירנדיקן אופן אויסגעדריקט די ליבע פון די ייִדן צו זייער אַרטיסט.

ס׳איז גראַד געווען די צייט פון פּשיטיקער פּאָגראָם אין פּוילן. אַן אַנזאָג פונעם אויפשטייג פון דער רעאַקציע, וואָס באַמיט זיך נושא־חן צו זיין ביים דייטשן שכן. „הירש לעקערט״ האָט טאַקע געדינט ווי אַ רוף צו פּראָטעסט, צו וואַכזאַמקייט.

דער טעאַטער־בנין איז געווען צו קליין אַריינצונעמען דעם גאַנצן ישוב אין דאָזיקן אָוונט. און דער גאַנצער ישוב בפירוש האָט געוואָלט ביי־ווינען מיין יום־טוב.

***

אויפן צוריקוועג קיין אייראָפּע האָט זיך אונדזער שיף אָפּגעשטעלט אין האַוואַנאַ.

איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיינע אַמאָטאָרן, מיט מיינע פריינד און מיט אַ נייער באַקאַנטשאַפט.

אַ יונגער בחור, אַן אַקטיוויסט פון „מאָפּר״, פאָרט מיט אונדזער שיף ביז פראַנקרייך און פון דאָרט נעמט ער אַ צווייטע שיף קיין לענינגראַד.

ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען ער האָט מיר צוגעזאָגט, תיכף נאָכן אָנקומען קיין רוסלאַנד, זיך צו פאַרבינדן מיט מיכאָעלסן.

דער בחור האָט געהאַלטן וואָרט. ווען איך בין אין אייניקע חדשים

אַרום אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָב איך געטראָפן פון אים אַ בריוו מיט אַ בייגעלייגטער באַשטעטיקונג פון דער פּאָסט אויף אַ רעקאָמענדירטן בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט אויפן אַדרעס פון „גאָסט״ פאַר סאַלאָמאָן מיכאַילאָוויטש מיכאָעלס.

דער בחור האָט זיך אָפּגערופן. מיכאָעלס נישט.

29

פאָלקספּראַנט און אַנדערע פראַנטן

פון דער ווייטנס זעען זיך די סילועטן פון פלאָרידע. מיר דערווייטערן זיך פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

אויף דער שיף הערט מען נישט קיין אַנדערע שפּראַך ווי שפּאַניש. דאָס געשפּרעך פון טאָג: פאָלקספּראַנט, שפּאַניע, פראַנקאָ.

דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן פאָרט קיין שפּאַניע, — רויטע וואָלונטערן צום קאַמף קעגן פאַשיזם. ס׳קומען פאָר הייסע וויכוחים פאַר און קעגן. די קעגנער ווערן פאַרשריגן, מע דראָעט מיט לינטשן, מיט אַריינוואַרפן אין ים. דער קאַפּיטאַן פאַראָרדנט אויסנאַם־צושטאַנד. ס׳איז פאַרווערט זיך צו פאַרזאַמלען מער ווי אין דרייען. מאַטראָסן האַלטן מיט די רעפּובליקאַנער.דראָען זיך אָפּצורעכענען מיטן קאַפּיטאַן אויף דער יבשה.

מיין נייער פריינד, דער פאָרשטייער פון „מאָפּר״, פירט אַן אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די אָנהענגער פון פראַנקאָ. דער קאַפּיטאַן דראָעט אים אַרויסצוזעצן אויף אַן אינדזל. די מאַטראָסן סודען זיך: — זאָל ער פּרוּוון!

אין דריטן קלאַס פאָרן אַהיים רעשטלעך פון אַ שפּאַנישער רעוויו נאָך אַן אומגליקלעכן טורניי איבער די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער. דער שפּאַנישער קאָנסולאַט האָט זיי באַזאָרגט מיט בילעטן אויף צוריק. די מענער פּאָליטיקירן, די פרויען זיצן שווייגנדיקע, אייניקע כליפּען... „וואָס וועט זיין?... אָנקומען אַהיים אין בירגערקריג, אויסגעהונגערטע, אָן מיטלען צום לעבן״... אַנדערע האָבן פון זיך אַראָפּפאַרקויפט די לעצטע חפצים.

מיין פריינד לייגט מיר פאָר צו מאַכן פאַר זיי אַ געלטזאַמלונג. אַזאַ הילף האָב איך באַטראַכט פאַר באַליידיקנדיק פאַר אַרטיסטן. פאַרוואָס גישט איינאָרדענען זייערס אַ קאָנצערט, — אַ מעגלעכקייט בכבודיק צו פאַרדינען אַ געוויסע סומע? מיין פריינד וויל צוזאַמען מיט מיר גיין צום קאַפּיטאַן בעטן אַ דערלויבעניש פאַר אַזאַ קאָנצערט. איך האַלט, אַז זיינס אַן אינטערווענץ קאָן שטערן. גיי איך אַליין. האַלב שפּאַניש, האַלב דייטש גיב איך צו פאַרשטיין דעם קאַפּיטאַן אין וואָס עס האַנדלט זיך. איך באַקום די דערלויבעניש מיטן באַדינג, ס׳זאָל זיין נאָר טענץ און פאָלקסגעזאַנג, — קיין שום קופּלעטן, אָדער דעקלאַמאַציעס... ער „קען שוין אַזעלכע אַרטיסטן״... ס׳האָט מיר דערמאָנט אָן מיינע טעאַטער־צענזאָרן.

די אַרטיסטן ווייסן נישט ווי אַזוי אונדז צו דאַנקען, — זיי וועלן אָנקומען מיט אַ באַטייטיקע סומע אַהיים. אמת, דער קאָנצערט האָט נישט עדות געזאָגט אויף הויכע קינסטלערישע קוואַליפיקאַציעס פון די אַרטיסטן. די „שטערן״ זענען פאַרבליבן אין האַוואַנאַ. צוריק זענען געפאָרן די, וואָס זענען פאַרבליבן אָן קאָנטראַקטן, די „פּראָלעטאַריער״ פון דער פּראָפעסיע.

אין אַלע שפּאַנישע פּאָרטן פאָרט מען אונדז אַנטקעגן... מע באַגריסט אונדז מיט געהויבענע פויסטן, מיט „סאַלוט״־אויסרופן. „זאָל לעבן די רעפּובליק! טויט די פאַשיסטן!״

די האַפנס סאַנטאַנדער, בילבאַאָ, קאָרונאַ, וויגאָ, וווּ אונדזער שיף פאַרהאַלט זיך, זענען פול מיט פּלאַקאַטן וואָס רופן צום קאַמף קעגן פאַשיזם. קאַריקאַטורן ווי מוסאָליניס אַוויאָנען טאַנקן „באַזיגן״ די האַלבנאַקעטע אַביסיניער. אויפשריפטן: „מיר זענען נישט עטיאָפּער! אַ טויט דעם פאַשיזם! זאָל לעבן דער פאָלקספראָנט!״

אין בילבאַאָ באַגעגן איך אַ יידישן בחור, וואָס איז געקומען פון פּאַריז צו דער אַרבעטער־אָלימפּיאַדע, די אַזוי־גערופענע „ספּאַרטאַקיאַדע״. ענלעכע בחורים זענען אָנגעקומען פון אַרגענטינע, פון האַוואַנאַ, אַפילו פון פּוילן. עס הערט זיך אַלץ אָפטער דער נאָמען פון פראַנצויזישן פּרעמיער לעאָן בלום: „וויוו בלום! זאָל לעבן דער פאָלקספראָנט!״

און אַזוי דער גאַנצער וועג פון סאַנט־נאַזיר ביז פּאַריז. — „וויוו בלום!״

פּאַריז באַגעגנט אונדז אַ צעיובלטע, אָן עקזאַלטירטע. אין די לאַצן־אָפּצייכענונגען פון האַמער און סערפּ, דריי פּיילן, אָדער סתּם רויטע פּענד־לעך וואָס ווערן פּאַרקויפט אויף טריט און שריט.

בלום האָט באַוויזן צו מאָביליזירן די אַרבעטוועלט פון פראַנקרייך אין קאַמף קעגן פאַשיזם. פאָלקספראָנט שטעלט זיך אַנטקעגן דער שוואַר־צער מגיפה, וואָס צעשפּרייט איר האַקנקרייץ איבער אייראָפּע. פון איין זייט מוסאָליני, פון דער צווייטער — היטלער. די פּוילישע רעאַקציע קאָ־קעטירט אין זייער ריכטונג. דער פאָלקספראָנט דאַרף אָפּשטעלן דעם מאַרש פון די דאָזיקע פינצטערע פראָנטן.

פּאַריז איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ קאַרנאַוואַל פון צעפלאַמטע, צעטאַנצטע און צעזונגענע גאַסן, — יום־טוב אין דער לופט, — פויסטן אין דער הייך, — וויוו בלום!

די ייִדישע גאַס האָט אינעם טאָג פון מיין אָנקומען קיין פּאַריז גע־האַט אַ פאַרשטערטן יום־טוב, — די לוויה פון לייב מלאך.

דער אָרעמער מלאך האָט געהאַט אַ שווער לעבן פון נע־ונד, פון אַרומ־שלעפּן זיך איבער ייִדישע ישובים און נישט קאָנען זיך איינלעבן אין זיי. אַן אומרויִקייט פלעגט אים טרייבן פון אָרט צו אָרט. אין אַ קבר פון אַ פּאַריזער „סאָסיעטע" האָט מען אַוועקגעלייגט זיין מידן קערפּער. אויך אין דעם האָט אים נישט צוגעשפּילט דאָס מזל, — דאָס צעזונגענע פּאַריז האָט זיך קוים אומגעקוקט אויפן עלנטן שרייבער.

איך האָב נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון די אַלע עמאָציעס ווי דאָס ייִדישע טעאַטער האָט מיך „אַנעקסירט".

— וואָס הייסט, איר זענט דאָ, און וועט נישט אויפטרעטן? — איין קלייניקייט, אייער רעפּערטואַר הייִנטיקע צייטן... — און מ'האָט זיך טאַ־קע באַלד געשטעלט רעפּעטירן.

דער פאָלקספראָנט אין גאַס האָט געשאַפן אַ פּאַראַלעלן פראָנט אין די רייען פון די ייִדישע אַקטיאָרן. די פּאַריזער אַקטיאָרן־מישפּחה האָט זיך צו מיין אָנקומען פאַראייניקט אין „גייסט פון דער צייט". אַדאַנק דעם דאָ־זיקן „פראָנט" האָב איך באַקומען די בעסטע טרופּע, וואָס מיר איז אויס־געקומען צו האָבן אין פּאַריז.

די אַקטיאָרן האָבן ממש אויפגעלעבט. דאָס טעאַטער אויך. ס׳איז מער נישט נייטיק געווען קיין אַרבעט־דערלויבעניש. מ׳האָט זיך מער נישט גע־שראָקן פאַר די פּאָליציייִשע ביציקלעטן. מ׳האָט שפּאַצירט איבער די בול־וואַרן אָן מורא פאַר די קורצע פּעלערינעס, וואָס האָבן מיט צוויי יאָר צו־ריק אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף יעדן אויסלענדער. די מאַרסעליעזע און אינ־טערנאַציאָנאַל האָבן זיך געהערט אין אַלע לאָקאַלן אויף אַלע פאַרזאַמלונ־גען, באַגלייט פון אַ הילכיקן „וויוו בלום!״ דאָס זעלבע האָבן מיר געהערט נאָך יעדער פאָרשטעלונג. ס׳האָט מיטגעריסן און באַגייסטערט. ס׳האָט זיך מיר קיין מאָל אַזוי נישט רעפּעטירט און אַזוי נישט געשפּילט, ווי דאַן אין פּאַריז. יום־טוב אין גאַס, יום־טוב אויף דער בינע.

ערשט דאַן האָב איך דערפילט די צוגעבונדנקייט פון לעבן און בי־נע, די וויכטיקע מיסיע פון אונדזערע אָנשטרענגונגען. טעאַטער און פאָלק גייען האַנט ביי האַנט צו וויכטיקע אויפגאַבעס.

מיין רעפּערטואַר איז נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געווען צוגעפּאַסט צום גייסט פון דער צייט, ווי אינעם דאָזיקן 1936 יאָר. ס׳האָט זיך אָן איבעריק מאָל באַשטעטיקט די אַקסיאָמע אַז טעאַטער, וואָס בלייבט טויט צום רוף פון דער צייט, אַנטשפּרעכט נישט זיין באַשטימונג. ס׳דאַרף זיין אַ קוואַל, פון וועלכן די מיטצייטלער שעפּן זייער גייסטיקע יניקה און געפינען אין אים זייער אָפּשפּיגלונג.

אין דער דאָזיקער צעהיצטער און עמאָציאָנירנדיקער צייט איז מיר צוגעקומען אַן אָנגענעמער טעאַטער־סורפּריז: די אַנטפּלעקונג פון אַ יונגן טאַלאַנט, אַ דריטן דור פון ייִדישע אַקטיאָרן, די טאָכטער פון באָריסאָוואַ־ראַבינאָוויטש, אַן אייניקל פון די קאָמפּאַניעיעצס, — מלכהלע ראַבינאָ־וויטש. ביי איר אויפטריט אַלס מאַשע אין „אָנקל מאָזעס״ האָט זי געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט מיט איר אויפריכטיקייט, גלענצנדיקע סצעניש מעלות און קולטור. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט זי זיכער אָריינגעבראַכט פּריש, געזונט בלוט אין ייִדישן טעאַטער. זי האָט זיך אָבער באַצייטנס געכאַפּט, זיך אָריענטירט אין זיין מצב און זיך צוריקגעצויגן פון אים. זי איז איצט אַ פּעיִקע זשורנאַליסטין אין מעקסיקע אין דער שפּאַ־נישער שפּראַך. איר שוועסטער, פּאַני ראַבעל, געהערט צו די בעסטע מעק־סיקאַנער מאָלערינס פון יונגן דור.

זיגמונט טורקאָו

**
*

אונדזערע פאַרשטעלונגען האָבן, אַ חוץ די אַרבעטער־מאַסן און מיין סטאַבילן פּאַריזער עולם, אויך צוגעצויגן אַ געוויסע טייל פון פראַנצויזישע אינטעליגענץ און שרייבער.

אין אַן אָוונט האָט אונדז באַזוכט דער פּאַריזער תושב, זלמן שניאור און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין אונדזער טעאַטער.

שניאור האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פונעם גרויסן עולם וואָס באַזוכט אונדזערע פאַרשטעלונגען און פון זיין לעבעדיקן אָנטייל אין זיי. אין שניאורן האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו זען איינס פון זיינע ווערק אויפגעפירט דורך מיר:

— איך וועל שרייבן פאַר אייך! איר האָט דאָך אַ טעאַטער, וואָס רייסט מיט, — האָט ער אַ באַגייסטערטער אויסגערופן, אַרומנעמענדיק מיך.

— איר האָט אַן עולם וואָס פאַרשטייט אייך, איר האָט אַ שפּראַך, וואָס אַפּעלירט צו אים! עס קלאַפּט אַ געמיינזאַם האַרץ פון בינע און צו־שויער־זאַל.

ער האָט יענעם אָוונט לאַנג גערעדט וועגן איבערגעלעבטן און ממש מקנא געווען, וואָס מיר האָבן געפינען דעם וועג צו דער נשמה פון די מאַסן.

נאָך אייניקע באַגעגענישן האָבן מיר באַשלאָסן צו דראַמאַטיזירן „נח פּאַנדרע". דאָס איז געווען אַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט און מיר האָבן באַדאַרפט אויסגעפינען דעם פּאַסיקן מענטש, וואָס זאָל זיך נעמען דערצו.

אין אַ געוויסן טאָג, בעת אַ באַזוך אין שניאורס ווילע, האָב איך באַקענט דעם טשעכיש־דייטשן שרייבער עגאָן ערווין קיש, דעם אַזוי־גע־רופענעם „קעניג פון רעפּאָרטערן". קיש האָט, נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט, אָפּגעריכט גלות און איז, ווי אַ לינקגעשטימטער שרייבער, נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן אין אַ גאַנצע ריי לענדער. ווען דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ביי זיין אָנקומען קיין אויסטראַליע, איז ער אַריינגעשפּרינגען אין ים. פונים דאָזיקן שפּרונג איז ער פאַרבליבן אַ קריפּל אויף אַ פוס.

דער דאָזיקער חכם און גייסטרייכער שרייבער האָט מיך דאַן פֿאַרוווּנ־דערט מיט זיינע ציוניסטישע „אָפּנויגן", וואָס זענען געווען אין סתירה מיט זיין קאָסמאָפּאָליטישער פּראַקאַמוניסטישער איינשטעלונג. דאָס מערק־ווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס אין אַ הייסן וויכוח צווישן אים און שניאורן, האָט זיך קיש אַרויסגעוויזן „ציוניסטישער" ווי שניאור. ס'האָט ממש געקלונגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, ווען ביים אַוועקגיין האָט קיש, דריקנ־דיק שניאורס האַנט, זיך צוגעבויגן צו זיין אויער און, גלייך ווי אַ סוד, איינגערוימט:

— און פון דעסטוועגן, קאָלעגע, איז הערצל געווען גערעכט...

איך האָב אויך באַזוכט דעם אַטעליע פון מאַרק שאַגאַל און געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען די אָריגינאַלן פון זיינע מייסטערווערק.

***

— די דאָזיקע אָריגינאַלן זענען אונדזער פּריוואַט־אייגנטום, זיי ווערן נישט פֿאַרקויפט, — האָט קוקנדיק מיט פֿאַרליבטע אויגן אויף איר מאַן, דערקלערט שאַגאַלס פרוי, בעלאַ, און שאַגאַל האָט, אַנווייזנדיק אויף בעלען, צוגעגעבן:

— אָט אַזוי זענען זיי, די ווייבער... טראָגן דיך איבער הימלען, אָדער האַלטן דיך פֿאַרשפּאַרט אין אַ פעסטונג... און אין דרויסן איז פֿאָלקס־פראָנט, מע שטורעמט די באַסטיליעס... און זיי — דיקטאַטור...

מיר האָבן דערמאָנט די ערשטע שריט פון גראַנאָווסקיס טעאַטער־סטודיע אין לענינגראַד, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אינעם שפּעטערדיקן „גאָסעט", מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. שאַגאַל האָט מיטגעאַרבעט מיט אים אין דער דאָזיקער תקופה און געשאַפן די אויסערלעכע אויספֿאָ־רעמונג פון די גלענצנדיקע שלום־עליכמשע סצענישע מיניאַטורן. שאַגאַל איז געווען אַ שטאַרקער חסיד פון גראַנאָווסקין און האָט זיך מיט אַ סך באַגייסטערונג אָפּגערופן וועגן זוסקינען:

— אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער! זיין קונסט איז נישט געקינצלט. ער' איז האַרץ, ער איז מוח און ער איז פּאַרעם! ס'אַ אוצר פון אויסדרוק־מיטלען, אין וועלכע ס'פּילן זיך נישט קיין מיטלען...

ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיין פּלאַן צו פאָרן קיין רוסלאַנד, וועגן מיינע בריוו צו מיכאָעלסן, האָט ער זיך איבערגעקוקט מיט בעלען און געשוויגן. די סובטעלע בעלע האָט אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט און איז געשיקט אַריבער אויף ראַלאַנס „דאַנטאָן", וואָס איז אַ נאַכט פריִער געשפּילט געוואָרן אינעם אַלטערטימלעכן אַמפיטעאַטער:

— האָט איר געזען, ווי דאָס פאָלק האָט אויפגענומען בלומען? אַן אמתער אָפּגאָט ביי די מאַסן... הלוואי זאָל עס אַזוי אָנהאַלטן... אַ שרעקלעכע זאַך — מאַסן... דאַנטאָן...

הגם זיי האָבן געהערט וועגן אונדזערע פאָרשטעלונגען זענען זיי פון דעסטוועגן אין טעאַטער נישט געקומען.

— די איצטיקע פּיעסן זענען אַזוי ערדיש... און קריגעריש... ס'טראָגט זיך בלוט פון זיי... אַזוי ווי נעכטן, ביי „דאַנטאָן"... דאָ, אין אונדזער אַטעליע קאָן מען זיך אָפּרייסן פון דער ערד... אַ פלי טון איבער איר... זיצן מיר ליבער אין דער היים: „דיעד דאַ באַבאַ"...

***

אַ חוץ מיין אַלטן רעפּערטואַר האָב איך אויפגעפירט אייניקע נייע פּיעסן, ווי „סאַקאָ און וואַנצעטי", „נפתלי באָטווין". אָנגעהויבן צו רעפּעטירן דעם סצעניש מאָנטאַזש „דימיטראָוו", וואָס ש. ל. שניידערמאַן און ש. ראָזענבערג האָבן נאָך אין 1934 אָנגעשריבן פאַר מיר. דאָס שטיק האָט אַרויסגעבראַכט די הינטערקוליסן־אינטריגע פון דער רייכסטאַג־שריפה און דעם לייפּציקער פּראָצעס. איך האָב מיך שוין געהאַט איינגעלעבט אין דער געשטאַלט פונעם בולגאַרישן רעוואָלוציאָנער דימיטראָוו און זיך געגרייט צו שטעלן רעפּעטירן, האָט אָבער אַ דרינגענדיקע אַרויספאָדערונג פון אַ וואַרשעווער פילם־געזעלשאַפט איבערגעריסן די רעפּעטיציעס.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ סצענאַר פון אַ קאָמעדיע „פריילעכע קבצנים", געשריבן דורך משה בראָדערזאָן. די הויפּטראָלן דאַרפן אויספירן די פּאָפּולערע אַרטיסטן דזשיגאַן־שומאַכער און זשעני לאָוויטש. איך האָב אינעם סצענאַריסט און אין די הויפּט־אָנטיילנעמער געזען אַ גאַראַנטיע

פאַר אַן אינטערעסאַנטער פילם־אַרבעט, וועלכע איך האָב סוף־כּל־סוף געוווּדמעט אַזוי פיל צייט און מי אין בערלין. פאַרוואָס־זשע נישט אויס־נוצן אַזאַ געלעגנהייט?

מיט מיינע פאַריזער אַקטיאָרן האָב איך מיך נישט געזעגנט און צו־געזאָגט אין זעקס וואָכן אַרום צו זיין צוריק און אָנגיין מיט אונדזערע צוגרייטונגען צו „דימיטראָוו״. איך בין אַזוי זיכער געווען אין מיין אומ־קערן זיך קיין פאַריז, אַז איך האָב אַפילו געלאָזן אין האָטעל אַ גרויסן קאַסטן מיט אַלע מיינע סצענישע קאָסטיומען, אַ טייל פּיעסן און דעם גאַנצן אַרכיוו פון מיין לאַטיינאַמעריקאַנער טורנעי. דער גורל האָט אָבער גע־וואָלט, אַז איך זאָל שוין די זאַכן קיין מאָל מער נישט אָנזען, צוגלייך מיט אַ טייל פון מיינע פאַריזער מיטשפּילערס, וואָס זענען אומגעקומען בעת דער היטלער־אָקופּאַציע.

* * *

די רייזע איבער דייטשלאַנד איז דאָס מאָל אַדורך ווי אין די „אַלטע גוטע צייטן״ פון מיין בערלינער תקופה. די קאָנדוקטאָרן און אַנדערע באַאַמטע באַציִען זיך מיט דער גרעסטער העפלעכקייט, די „הייל־היטלער״־באַגריסונג איז פאַר דער צייט שוין געוואָרן זייער צווייטע נאַטור און ווערט אַרויסגעזאָגט מעכאַניש, אָן ספּעציעלער פייערלעכקייט אָדער דע־מאָנסטראַציע. ווען נישט די עקלדיקע סוואַסטיקעס אויף טריט און שריט, וואָלט שווער געווען צו גלייבן, אַז מע געפינט זיך אויף דער דייטשער טעריטאָריע.

איך האָב זיך געפרייט מיט דער דערנענטערונג פון דער פּוילישער גרענעץ. סוף־כּל־סוף פּטור ווערן פון די סוואַסטיקעס. פּוילן האָט מיך טאַקע נישט באַגעגנט מיט סוואַסטיקעס אויף פּענער, כ׳האָב זיי אָבער דערפילט אין דער לופטן.

דער שמייכל, מיט וועלכן איך האָב באַגעגנט דעם ערשטן פּוילישן צאָל־באַאַמטן, איז מיר תּיכף פאַרשווּנדן פון פּנים.

— וואָס שמוגלט איר דאָ ווידער אַריין? — איז געווען דער קבלת־פּנים, מיט וועלכן דער באַאַמטער האָט מיך באַגעגנט, אָנווייזנדיק אויף מיין באַגאַזש — פונטן צי דאָלאַרן?...

איך האָב זיך דערמאָנט אָנעם איצטיקן פּאַריז, אָנעם פאָלקספראָנט...
דאָ, האָב איך פאַרשטאַנען, גרייט זיך אַן אַנדערער פראָנט, אַ פראָנט
וואָס איז קודם־כל געווענדט קעגן יידן. מיט אַ שווער געמיט בין איך אַריין
אין מיין קופּע און... פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל, ווי איך האָב עס געטון
אין דייטשלאַנד.

נאָך קנאַפּע דריי יאָר בענקשאַפט נאָך דער היים האָב איך דערפילט,
אַז די היים איז מער נישט קיין היים...

30

שלום־עליכם, לייוויק, שניאור

דעם עגמת־נפש ביים באַטרעטן די פּוילישע ערד האָט מיר פאַרגי־
טיקט אַן אָנגענעמער סורפּריז.

אין מיטן נאַכט, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאַליש, האָט
מיך איבערגעוועקט אַ באַוועגונג פאַר מיין קופּע. עס עפנט זיך די טיר
און איך דערזע אידאַ קאַמינסקאַ, אונדזער טאָכטער רות און דודל העלפ־
מאַן. זיי זענען מיר אַקעגנגעפאָרן פון לאָדזש, וווּ אידאַ האָט געשפּילט
מיט איר טעאַטער. מיין טאָכטער, וואָס איך האָב מיט דריי יאָר צוריק
געזעגנט — אַלס קליין מיידעלע — האָט זיך פאַר דער צייט צעבליט ווי
אַ שיינע בלום. איך האָב קוים געגלייבט מיינע אויגן, אַז די דאָזיקע דער־
וואַקסענע פריילן איז מיין טאָכטער. איך האָב זי אויף ס'ניי באַדאַרפט
דערקענען, פאַרשטיין און זיך צוגעווינען צו איר. ס'האָט מיך דעריבער
דערפרייט איר פאַרלאַנג צו פאָרן גלייך קיין וואַרשע און צו פאַרבלייבן
מיט מיר.

אין לאָדזש האָבן מיך אָפּגעוואַרט מיינע געוועזענע „וויקט"־חברים
וואָס האָבן דאָרט געשפּילט מיט אידאַ קאַמינסקאַ. ס'האָט אַ ווייע געטון
מיט די אַלטע גוטע צייטן: די אָנגענעמע איילעניש אויף די וואָקזאַלן,
דאָס איינשטייגן און אויסשטייגן פון די באַנען, די פרייד פון באַגעגענישן
מיט אונדזער עולם... די דריי יאָר האָבן זיך מיט אַ מאָל אַ רוק־געטון אויף

צוריק און איך האָב מיך דערפילט ווי אַן אומצעטיילבאַרער באַשטאַנדטייל פון מיין סביבה, פון מיינע חברים, פון מיין עולם.

איך האָב געדונגען פאַר מיר און פאַר מיין טאַכטער צוויי מעבלירטע צימערן ביי פרעמדע מענטשן. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דער־פילט דעם טעם צו זיין אַ „סובלאָקאַטאָר" אין מיין געבוירנשטאָט.

**

די פילם־אַרבעט, צו וועלכער איך בין געוואָרן אַרויסגערופן פון פּאַ־ריז, האָט באַלד פון ערשטן טאָג געבראַכט אַנטוישונג. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז „די פריילעכע קבצנים" האָט לכתחילה געזאָלט רעזשיסירן אַן אַנדערער, אַ דעביוטאַנט, וואָס איז בין דאַן געווען אַסיסטענט ביי אַנדערע. ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט מיטן קינסטלער וו. ברוינער דעקאָראַ־ציעס צו די ערשטע אויפנאַמעס, באַשטעלט מוזיק ביי הענעך קאָן און אויסגעאַרבעט אַפילו אַלע איינצלהייטן פון דעם דרייבוך. ווען איך וואָלט דאָס געווען געוווסט אין פּאַריז, וואָלט איך נישט מסכים געווען אַריינצוגיין אין אַ צווייטנס אָנגעהויבענער אַרבעט און, דער עיקר, שטערן אַן אָנ־פאַנגער אויסצופּרוּוון זיינע כוחות.

די פּראָדוצירער, וואָס האָבן אין מיין נאָמען, ווי דער רעזשיסער, געזען גרעסערע מעגלעכקייטן אויף צו באַקומען באַשטעלונגען פאַרן פילם, האָבן מיר וועגן דעם קיין פּאַריז נישט געשריבן, — דעם בחור, דאַקעגן, האָבן זיי באַשטימט צו זיין מיין אַסיסטענט, אויף וואָס איך בין, פאַר־שטייט זיך, גערן איינגעגאַנגען.

די אַרבעט האָט זיך די ערשטע צייט אויסגעוויזן צו זיין אינטערע־סאַנט. דזשיגאַן־שומאַכער האָבן „געדרייט" זייערע ראָלן ווי געניטע פילם־אַרטיסטן; זשעני לאָוויטש האָט געררייצט מיט איר שוואַרצחנעוודיקייט, מיין טאָכטער מיט איר צאַרטן ליריזם. די הויפּטראָליסטן און די איבעריקע אָנטיילנעמער האָבן צוגעזאָגט צו שאַפן אַן אַמוזירנדיקן יידישן שטייגער־פילם מיט געזונטן הומאָר און פאָלקס־חכמה. ווען די אַרבעט האָט זיך געהאַלטן ביים דערנענטערן צום סוף, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אונדזערע פּראָדוצענטן האָבן שוין פאַרטון די אָוואַנסן, וואָס זיי האָבן

באַקומען פון פאַרשידענע קינאָ־באַלעבאַטים און אַז ס׳פעלן אויס פינאַנצן אויף אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. האָט מען זיך גענומען פאַרן גוטבאַקאַנטן מיטל: עקאָנאָמיזירן ווי ס׳לאָזט זיך. די געפּלאַנטע גרויסע סצענעס זענען געוואָרן איינגעשרומפּן און אייניקע האָט מען בכלל געוואָלט רעדוצירן, — דער היפּוך פון דעם, ווי מ׳איז זיך געוויינטלעך נוהג ביים פילם: דרייען וואָס מער, כדי ס׳זאָל זיין פון וואָס צו שניידן.

ווען איך האָב געזען, אַז אַלע מיינע באַמיִונגען און פּראָטעסטן העלפן נישט, האָב איך דורך אַ בוררים־געריכט פון אַרטיסטן און דעם זשורנאַ־ליסטן־פאַראיין געצוווּנגען די פּראָדוצענטן מיך צו באַפרייען פון קאָנ־טראַקט. איך האָב געמוזט רעזיגנירן פון אַ באַטייטיקער סומע, וואָס מיר איז נאָך געקומען פון זיי, אָבער ס׳איז מיר געווען כדאַי, אַז מיין נאָמען זאָל נישט פיגורירן ווי דער רעזשיסער. אין פּוילן האָבן זיי אָפּגעהיט דעם פּסק־דין פון די בוררים; אין אויסלאַנד, דאַקעגן, האָבן זיי אָנגעגעבן מיך ווי דעם רעזשיסער.

אין אַ צייט אַרום האָב איך באַקומען אַן אָנבאָט פון מיין אַלטער פירמע „פאַרבערט־פילם״ צו דרייען אַ נייע ווערסיע פון „תקיעת־כף״, באַזירט אויפן סצענאַר פון דער ערשטער ווערסיע, דעם שטומען פילם. דעם דאָזיקן פילם האָט געשטעלט הענריק שאַראָ, אַ יונגער רעזשיסער, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט אַ ריי גוטע פּוילישע פילמען. איך האָב איבערגענומען די קינסטלערישע לייטונג, ווי אויך מיין אַמאָליקע ראָל פון „אליהו הנביא״.

אַ חוץ די בעסטע אַקטיאָרן פון פּוילן האָט אויך אָנטיילגענומען אין אים אַ פּנים־חדשות, — דער גלענצנדיקער דייטשער אַקטיאָר קורט קאַטש, וואָס האָט דעמאָלט גאַסטראָלירט אין וואַרשע. זיינע גאַסטשפּילן אָבער, דער עיקר זיין אינטערפּרעטאַציע פון צווייגס „סערזשאַנט גרישאַ״, האָבן געלאָזט אַ טיפן רושם אויפן בעסערן טעאַטער־באַזוכער און קאַטש האָט באַוויזן אין אַ קורצער צייט צו ווערן אַ באַליבטער קינסטלער ביי די ברייטע מאַסן.

נאָך „תקיעת־כף״ האָב איך נאָך געשפּילט די טיטלראָל אין אַ קאָ־מעדיע „דער פּורים־שפּילער״, לויטן סצענאַר פון יוסף גרין, אַ יונגער אַק־

טיאַר פון אַמעריקע, וואָס איז אויך געווען דער פּראָדוצענט פונעם פילם. צו קאָמפּאָנירן די מוזיק איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אַמעריקע דער באַקאַנטער פילם־קאָמפּאָזיטאָר ניקאָלאַס בראָדסקי, די טעקסטן און לידער האָט פאַרפאַסט איציק מאַנגער.

אויף צו שפּילן די איבעריקע צוויי הויפּטראָלן אינעם „פורים־שפּי־לער" זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן די אַמעריקאַנער אַקטיאָרן מרים קרעסין און היימי דזשייקאָבסאָן. די צוויי ברידער דזשייקאָבסאָן, היימי און אירווינג האָבן געהערט צו די בעסטע וואָדעוויליסטן און אָפּערעטן־קאָמי־קער פון דער בליצייט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און זיי האָבן זיך באַליבט געמאַכט אויך אין אייראָפּע מיט זייערע אויפטריטן. מרים קרעסין האָב איך דערקענט ביי דער געמיינזאַמער אַרבעט אינעם „פורים־שפּי־לער" און זי האָט מיך ממש איבערגעראַשט מיט איר... אַנטי־אַמעריקאַ־נישקייט. אַזוי אויף דער בינע ווי בעת די אַרבעט־הפסקות און אין פריי־וואַטן לעבן. אַ טעאַטער־קינסטלערין מיט אַלע מעלות: יונג, שיין, חנעוודיק און אינטעליגענט; אויסגעהאַלטן אין ערנסטע ראָלן נישט ווייניקער ווי אין לייכטער קאָמעדיע, אָדער אין געזאַנג־פּאַרטיעס. זי פלעגט אימפּאָנירן פון דער בינע מיט איר קינסטלערישן טאַקט, מיט געפיל פאַר מאָס און מיט איר נאַטירלעכער עלעגאַנץ. איינע פון די געציילטע אַקטיאָרישע דער־שיינונגען אין יידישן טעאַטער. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע באַשיי־דענע חברטעס מחוץ דער בינע.

אַ חוץ מיט זיינע הויפּטראָלן איז דער סצענאַר געווען רייך אין אַ גרויסער צאָל כאַראַקטער־געשטאַלטן, פאַר וועלכע ס'זענען געווען אַנגאַ־זשירט די בעסטע אַקטיאָרן פון וואַרשע און פּראָווינץ. אַזאַ פאַרביקן אַנ־סאַמבל האָט זעלטן ווען געזען אַ יידישער פילם.

דעם פילם האָט רעזשיסירט דער פּוילישער י. נאָווינאַ־פּשיבילסקי, בשותפות מיט יוסף גרין, וואָס האָט זיך, להיפוך צו מיינע ערשטע פּראָדו־צענטן, אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַנט און ווייטן בליק. זיין אַמביציע איז געווען צו שאַפן אין פוילן אַ קליינעם האָליוווד... ער האָט אויסגעבויט נישט ווייט פון דער גראָכאָווער חלוצים־פאַרעם אַ קליין יידיש שטעטל פונעם אַנהייב אונדזער יאָרהונדערט. די דאָזיקע נייעס

האָט געשאַפן גרויס פּרעסטיזש דער נייער אונטערנעמונג. עקסקורסיעס פון ייִדן און פּאָלאַקן פלעגן אַראָפּקומען קיין גראָבאָוו קוקן אויפן בייזן ווונדער און די לעצטע האָבן מיט קינאה באַצייכנט דעם דאָזיקן אויפטו אַלס „זשידאָווסקע קעפּעלע".

***

קורץ נאָך מיין אָנקומען קיין וואַרשע האָב איך געהאַט צו פּאַרציי־כענען צוויי אינטערעסאַנטע „נאָכוויען" פון מיינע פּאַריזער אויפטריטן.

מיין פּאָטער איז געוואָרן אויסגעפּרעגט פון אַ באַאַמטן פון דער פּאָ־ליטישער פּאָליציי וועגן מיין רעפּערטואַר אין פּאַריז. פון דער פּוילישער געזאַנדשאַפט איז אָנגעקומען אַן אָנקלאַג, אַז איך האָב דאָרט אויפגעפירט אַן אַנטיפּוילישע פּיעסע „נפתלי באַטווין", אין וועלכער ס'ווערט דיסקרע־דיטירט די פּוילישע יוסטיץ און בכלל די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. די אויספאָרשונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ וואָרענונג, אַז מיין פּאָטער זאָל מיר ראָטן נישט אויפצופירן ענלעכע פּיעסעס אין פּוילן, אויב ער וויל האָבן אַ „רויִקע עלטער"...

אַ צווייטער „נאָכוויי", אַ מער אומשולדיקער, אָבער נישט ווייניקער פּיינלעכער, איז מיר געקומען פון אַ זייט, פון וועלכער איך האָב עס מיר צום ווייניקסטן געקאָנט פאָרשטעלן.

מיט מיין אומקערן זיך פון אויסלאַנד, האָט די „פּאָלקסצייטונג", דער אָרגאַן פון דער בונדישער פּאַרטיי, אָנגעהויבן צו דרוקן מיין ציקל רייזע־איינדרוקן: „זעלבסטהערשער אין צילינדערס". נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך דאָס דרוקן פון די פעליעטאָנען פלוצים אָפּגעשטעלט. אַרנאָלד טראַגט מיר אונטער אַ בריוועלע פונעם רעדאַקטאָר פון דער „פּאָלקסצייטונג", הענריק ערליך, אַז ער בעט מיך דרינגענדיק צו קומען אין רעדאַקציע.

מיט ערליכן אין צימער האָט זיך אויך געפינען יעקב פּאַט, וואָס איז געווען דער איינציקער עדות פונעם פאַרטרוילעכן געשפּרעך. ערליך האָט מיר איבערגעגעבן, אַז צו זיי אין רעדאַקציע איז געקומען אַן אָנקלאָג אויף מיר פון פּאַריז, אַז איך האָב דאָרט, מיט מיין פאָרשטעלונג „הירש לע־קערט" אָנגעגריפן די בונדישע פּאַרטיי און מע וווּנדערט זיך, ווי אַזוי די „פּאָלקסצייטונג" קאָן מיך דרוקן.

ערליך פאַרלאַנגט אַלזאָ פון מיר אַ דערקלערונג אינעם דאָזיקן ענין, כדי זיך צו אָריענטירן וועגן זייער שטעלונג צו מיין פערזאָן און צו מיין טעאַטער אויף להבא.

ווען איך האָב באַוויזן צו קומען צו זיך נאָכן אויסהערן די דאָזיקע משונהדיקע באַשולדיקונג, האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן: „דאָס האָט אייך געשריבן וו.!". דער דאָזיקער וו., אַ פּאַריזער זשורנאַליסט, איז געווען אַ ברודער פונעם סאָוועטישן שרייבער וו., דעם מחבר פון „נפתלי באָטווין". נאָכן דערפאָלג פון זיין ברודערס פאָרשטעלונג, האָט ער אויך געוואָלט אויספּרווון זיין מזל ווי אַ דראַמאַטורג און מיר פאָרגעלייגט זיינס אַ פּיעסע, נישט געקוקט דערויף וואָס אייניקע באַקאַנטע אַקטיאָרן האָבן זי שטאַרק געלויבט, — ווי ער האָט מיר פאַרזיכערט — האָב איך געהאַט די נישט־פאַרזיכטיקייט צו זיין מיט אים אויפריכטיק און אים זאָגן מיין נעגאַטיווע מיינונג וועגן דער פּיעסע. דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג זיך „אָפּצורעכענען" מיט מיר און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַר־שפּרייטן קלאַנגען, אַז איך האָב מיר דערלויבט צו מאַכן ענדערונגען אין לייוויקס טעקסט, וואָס דיסקרעדיטירט די בונדישע באַוועגונג.

דער אמת וועגן די ענדערונגען וואָס איך האָב געמאַכט אין טעקסט איז פאָלגנדיקער. נעמענדיק אין אַכט די פאָלקספראָנט־שטימונג וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין פּאַריז, האָב איך דעם דאָזיקן גייסט זיך באַ־מיט אויך אַרויסצוברענגען אין דער פּיעסע. איך האָב יעדעס מאָל, ווי ס'איז געווען דערמאָנט „מיר בונדיסטן", אָדער, מיט גרינגשעצונג, „די פּעצעקלעך", דאָס פאַרביטן אויף „מיר, אַרבעטער". איך האָב אַזוי אַרום געוואָלט דעם העלדנטאַט פון אַ יידישן אַרבעט־קעמפער אויסברייטערן, אַרויספירן אים פון די ראַמען פון פּאַרטייִישקייט און צוגעבן אַן אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. מעגלעך, אַז איך האָב מיר אין דעם פאַל גע־נומען צופיל רעכט לגבי דער אינטעגנץ פון מחבר, האָב איך עס אָבער געטון אָן שום זייטיקע כוונות, לגבי וועלכע ס'איז אַרבעטער־פּאַרטיי. איך האָב עס, ווי געזאָגט, געטון אין איינקלאַנג מיט דער הערשנדיקער שטימונג אין דער פּאַריזער גאַס.

דער טאַקטפולער ערליך האָט מיר נישט אָנגערופן דעם נאָמען פונעם

פּאַריזער „אָנקלאָגער" און איך האָב עס אויך פון אים נישט געפאָדערט. מיר האָבן זיךביידע פאַרשטאַנען... ער האָט מיר געדאַנקט פאַר די דער־קלערונגען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו נעמען אין אַכט און זיך פריינד־לעך מיט מיר געזעגנט. די „פאָלקסצייטונג" האָט אויך אויף להבא זיך באַ־צויגן מיט דער פולסטער סימפּאַטיע צו מיין טעטיקייט, הגם די המשכים פון מיינע אַרטיקלען האָבן זיך מער נישט געדרוקט. אַ קאָנצעסיע פאַר זייער פּאַריזער חבר...

***

איך האָב זיך פאַרבינדן מיט זלמן שניאור וועגן אַ מעגלעכקייט פון דראַמאַטיזירן זיין „נח פּאַנדרע". מיר האָבן עס איבערגעגעבן שלמה שיינ־בערגן, אַ יונגן שרייבער פון פּולאַוו, אַן איבערזעצער און אַרויסגעבער פון גוטע ביכער. ער האָט זיך מיט ענטוזיאַזם גענומען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

הגם איך האָב נאָך נישט געוווּסט ווי איך וועל קאָנען מאַכן אַזאַ גרויסע פאַרשטעלונג, איז מיר אָבער קלאָר געווען, אַז פּאַריז מיט אירע צופעליקע טעאַטער־באַדינגונגען וועט נישט קאָנען זיין דאָס פּאַסיקע אָרט דערפאַר. דאַקעגן האָט דער וואַרשעווער „נאָוואָשטשי" מיך ממש גערייצט מיט זיינע פּלענער פאַר מיינס אַ סעזאָן און מיר צוגעגרייט אַן אַנסאַמבל, וועגן וועלכן איך האָב ביים דעמאָלטיקן כאַאָס נישט געקאָנט אַפילו חלו־מען.

דאָס יידישע טעאַטער האָט דאַן געלעבט ווי אין פיבער, גרויסע דער־גרייכונגען און נישט קיין קלענערע אַנטוישונגען. פאַר די לעצטע יאָרן האָט מאָריס שוואַרץ צוגעצויגן אַ גרויסן עולם מיט זיין „יאָשע קאַלב" און מיט אייניקע שלום־עליכם־פּיעסן. ס'איז אָבער געווען אַ גאַסטשפּיל, נישט מיט קיין כוונה פון אַ סטאַבילן טעאַטער אין וואַרשע.

גרויס דערפאָלג האָבן געהאַט מיט זייער אַקטועלן רעפּערטואַר אַלעק־סאַנדער גראַנאַך און קורט קאַטש. ס'האָבן אימפּאָנירט פּאַול באַראַטאָוו און לידיאַ פּאָטאָצקאַ, אברהם מאָרעווסקי, יאָנאַס טורקאָוו, דוד ליכט, רעשטלעך פון די „ווילנער" האָבן געמאַכט שיינע פּרוּוון אָבער זיך נישט באַוויזן צו סטאַביליזירן. אידאַ קאַמינסקאַ מיט איר טרופּע האָט געשפּילט

אין לאָדזש. איך בין ספּעציעל געפאָרן אַהין צו „גליקל פון האַמעלן" פאַר־נעם דאַנציקער שרייבער מ. בוימאַן און דערזען אַ פאָרשטעלונג פון הויכן קינסטלערישן ניוואָ מיט אַן אינטעליגענטן, יונגן און אַמביציעזן אַנסאַמבל.

דאָס „יונג־טעאַטער" האָט פאַר דער צייט זיך דערוואָרבן גרויס פּאָ־פּולערקייט אין דער יידישער און פּוילישער טעאַטער־וועלט. די פאָרשטעלונג „באָסטאָן" (סאַקאָ און וואַנצעטי), וואָס איך האָב באַוויזן צו זען נאָך פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, איז געווען אַ ניי בלעטל אינעם יידישן טעאַטער, סיי אין דער פאָרעם פון דער אויפפירונג, סיי צוליבן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם וואָס האָט זיך געפילט אין די מיטשפּילער. דאָס טעאַטער האָט פאַר דער צייט געהאַט צו פאַרצייכענען נאָך אייניקע קינסטלערישע ניצחו־נות, אָבער צו מיין אָנקומען פון אויסלאַנד, האָט זיך עס שוין געפונען אין אַ צושטאַנד פון דעקאַדענץ.

די אויסערלעכע פאָרעם, דאָס געבן די פאָרשטעלונג נישט קיין קאָנ־ווענציאָנעלע טעאַטער־באַדינגונגען, נאָר אין אַ געוויינטלעכן זאַל אָן אַ בינע, מיט צעוואָרפענע האַנדלונג־ערטער צווישן די צושויער, האָבן לכת־חילה פאַראינטערעסירט מיט זייער נייקייט. אָבער במשך פון יאָרן איז די „נייקייט" געוואָרן פאַרעלטערט און סוף־כל־סוף דערעסן. ווען איך האָב נאָך מיין אָנקומען פון אויסלאַנד געזען אינעם דאָזיקן טעאַטער „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע און „וואָצעק" פון געאָרג ביכנער, איז מיר קלאָר געוואָרן די דאָזיקע ירידה.

דער גרינדער און אָנפירער פונעם „יונג־טעאַטער", מיכאל וויַיכערט, איז געווען איינער פון אונדזערע געניטסטע טעאַטראָלאָגן, אַ מענטש מיט טעאַטער־וויסן און קולטור, אָבער — נישט קיין טעאַטער־אַקטיוויסט; ער איז געווען אַ קאַבינעט־געלערנטער, אָבער נישט קיין פּראַקטישער טעאַ־טער־שאַפער, אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, אָבער אַ שוואַכער אינספּיראַטאָר. ער האָט געקאָנט דראַמאַטיזירן אַ פּיעסע, טוען די קאַבינעט־אַרבעט ביים צוגרייטן זי, אָבער נישט זי אויפלעבן אויף דער בינע. דערצו האָבן אים געפעלט פליגל, טעמפּעראַמענט, אינערלעכער אויפברויז און אַקטיאָרישער באַגאַבונג, אַן וועלכער ס'איז נישט געמאָלט קיין שום רעזשיסערישע פאַר־זענלעכקייט. אויב ער האָט די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט קאָמו־

פלירט די אַקטיאָרישע אומבאַהאָלפנקייט פון זיינע אַמאַטאָרן מיט די אויסערלעכע עפעקטן, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויסלענדישע טעאַטערס, האָט ער אָבער נישט באַוויזן צו אַנטפּלעקן די נשמה פון שויי־שפּיל־קונסט, ווי ס'האָט עס פּאַר אים אַזוי מייסטערהאַפט געמאַכט דוד הערמאַן און שפּעטער — יעקב ראָטבוים און דוד ליכט.

זעענדיק די דערמאָנטע צוויי פּאָרשטעלונגען איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פון דער ירידה פון דער דאָזיקער גרופּע, וואָס האָט במשך פון אייניקע יאָר פאַרשריבן אַ באמת רומפול זייטל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. ס'האָבן אַפילו נישט געהאָלפן די גאַסטשפּילן פון אַזאַ ראַסיקער אַקטיאָרישער פּערזענלעכקייט ווי קורט קאַטש, — פאַרקערט, זיין אָנוועזנהייט האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די אומבאַהאָלפנקייט פון זיינע מיטשפּילער, די נישט־דערגאַנגענע אַקטיאָרן.

פלוצים וואַקסט אויס איבער מיר דער פּאַרוואַלטער פון „נאָוואָש־טשי״־טעאַטער, מאיר ווינדער און הייבט מיך אָן, ווי מעפיסטאָ, צו לאָקן:

— זיגמונט, זע, וואָס פאַראַ טעאַטער איך גיב דיר; זע, סאַראַ אַק־טיאָרן! הער די נעמען: דינה האַלפּערן, רחל האָלצער, רייזל ליבראָווסקאַ, באַרסקאַ־פישער, יאַדזשע זילבערג, העלע מעל; שמואל לאַנדע, מאַקס באַ־זשיק, סעם בראָנעצקי, יוסף סטרוגאַטש, יצחק קרעלמאַן, פּסח קערמאַן דוד האַרט, אַדאָלף בערמאַן, הערמאַן פישער... און דו אַליין ביסט דאָך אויך אַ שטיקל אַקטיאָר... אַז דו וועסט דאַרפן נאָך, וועסטו באַקומען נאָך אַקטיאָרן... די בעסטע דעקאָראַציע־מאָלער... און שייעוויטש, דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר און יהודית בערג — אויף איינצושטעלן די טענץ... זאָג יאָ — און איך רוף צונויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ!״...

דאָס צעטל פון די אַקטיאָרן האָט מיך טאַקע איבערגעצייגט. אַזאַ צו־זאַמענשטעל זעט מען זעלטן אין יידישן טעאַטער... איז אפשר ווידער פּרוּוון? — אַי, פּאַריז? איז שוין דאָרט פאַראַן אַן אַנדערער גאַסטראָלאָר. זיי וועלן זיך באַגיין אָן מיר. דאָ אָבער — קאָן אַרויסקומען אַן ערנסטע זאַך, בפרט אַז איך ווער פון אַלע זייטן דערמוטיקט!

איך האָב באַשלאָסן אויף ס'ניי צו פּרוּוון. אַלע האָבן אויפגענומען

די דאָזיקע ידיעה מיט גרויס צופרידנקייט: דער עולם, די פרעסע און די אַקטיאָרישע מיפּשחה.

באַלד שווימט אַרויף די צווייטע וויכטיקע פראַגע: רעפּערטואַר. אמת, דער אַקטיאָר איז די נשמה פון טעאַטער, אָבער זיין מוח איז די פּיעסע. צו אַזאַ סעזאָן דאַרף מען דאָך זיין צוגעגרייט, דאָס קאָן נישט ווערן אימ־פּראָוויזירט. פאַרקערט, צוטרעטנדיק צו אַ נייעם פּרווו דאַרף מען האָבן אין פּאָרטפעל לכל־הפּחות צוויי צוגעגרייטע פּיעסן און איך פאַרמאָג נישט קיין איינע. כ׳האָב זיך דאָך נישט גערעכנט צו שפּילן אין וואַרשע. אמת, „נח פּאַנדרע" אַרבעט זיך. איך האָב נאָך ביי זיך אַ באַאַרבעטונג פון די „בלאָנדזשענדיקע שטערן", וואָס איך האָב באַקומען פון עם ריגער שריי־בער מאַרק ראַזומני. כ׳האָב אַפילו מיטגעבראַכט מוזיק, וואָס דער אַר־גענטינער מוזיקער יעקב שקלאַר האָט צוגעפּאַסט דערצו. אָבער נאָכן אי־בערלייענען די דראַמאַטיזירונג אויף ס׳ניי האָב איך איינגעזען, אַז זי נייטיקט זיך אין אַ קאַרדינאַלער אויסבעסערונג, דערגאַנצונג, צוגעפּאַסט צו אַ גאַנץ נייער אינסצעניזאַציע.

אַלטער קאַציזנע האָט מיר געלייענט זיין נייע פּיעסע „דעם ייִדנס אָפּערע", זי האָט זיך אָבער געניייטיקט אין דראַמאַטורגישער באַאַרבע־טונג, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן. ס׳האָט מיר אַפילו גע־לייענט אַ פּיעסע י. מ. וויַיסענבערג און טאָ‍יִש אויפגענומען מיין מיינונג, אַז ער איז אַ בעסערער נאָוועליסט ווי אַ דראַמאַטורג. דאָס זעלבע איז גע־שען מיט מ. בוימאַן, וועמענס פּיעסע „גליקל פון האַמעלן" האָט דווקא עדות געזאָגט אויף חוש פאַר בינע.

איך האָב מאָבילי‌זירט אַלע מיינע פריינד צו לייענען פּיעסן און איך אַליין האָב יעדע פרייע רגע אין די שלאָפלאָזע נעכט געווידמעט דער דאָ־זיקער אַרבעט. זוכנדיק אַ פּיעסע, ווו ס׳זאָלן קאָנען אויפשיינען טאַלענטן פון מיין נייעם אַנסאַמבל, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אויף לייוויקס „שאָפּ", אָבער אויך דאָס נייטיקט זיך אין אַ געהעריקער אינסצעניזי־רונג, וואָס קאָן נישט געמאַכט ווערן איבער נאַכט.

ווי נישט איין מאָל, איז מיר אויך דאָס מאָל געקומען צוהילף שלמה מענדעלסאָן און מיר פאָרגעלייגט חנא גאָטעספעלדס „מחותנים". דאָס

פאָדערט נישט קיין צו גרויסע אַרבעט און ס׳גיט אַ גלענצנדיקע געלעגנ־הייט פאַר אַקטיאָרישער שפּיל. די דאָזיקע פּיעסע האָט זיך אָבער אויך געניייטיקט אין אַ ראַדיקאַלער איבעראַרבעטונג.

די „מחותנים״ — פול מיט קאָמישע סיטואַציעס — זענען געשריבן געוואָרן פאַר די אַמעריקאַנער פאַרהעלטעניש און האָבן מיט זיך פאָר־געשטעלט אַ שאַרפע סאַטירע אויף געוויסע לינקע קרייזן און זייערע לי־דערס. אַזוי שטעלן זי אין פּוילן איז געווען אוממעגלעך. ס׳איז אויך גע־ווען קעגן מיין צוגאַנג צו אַזעלכע פּראָגעס אין טעאַטער. מיר האָבן זיך, אַלזאָ, אַוועקגעזעצט מיט מענדעלסאָנען אויף אייניקע טעג און, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער „געפּיקסט״ די פּיעסע. מיר האָבן עלימינירט יעדע צוגעהעריקייט פון די פּערסאָנאַזשן צו אַ באַשטימטער ריכטונג און זיי איבערטראַנספּלאַנטירט אין אַ קליינבירגערלעכער סביבה. אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט זענען מיר אַרויס מיט דער ערשטער פּרעמיערע.

**
*

די מיינונגען וועגן דער דאָזיקער פאָרשטעלונג זענען געווען גע־טיילט. די רעכטגעשטימטע קרייזן האָבן זי אויפגענומען מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן, די לינקע — מיט פייפעריי. דאָס זעלבע די פּרעסע. נאָך די פאָרשטעלונגען פלעגן זיך הערן פּראָטעסטן פון דער גאַלעריע.

ווייזט אויס, אַז ווי מיר האָבן זיך נישט באַמיט ווי געהעריק צו פאַר־גלעטן די לעכערלעכקייט און קליינשטעטלדיקייט פון געוויסע פּאַרטיי־טוער, וואָס דער מחבר האָט אויסגעלאַכט, האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו פאַרוואַנדלען די פּיעסע אין אַן אומשולדיקער סאַטירע אויפן אַמערי־קאַנער לעבנס־שטייגער, וו ס׳איז געווען אונדזער כוונה.

מיר האָבן זיך, אייגנטלעך, לכתחילה אָפּגעגעבן אַ חשבון אין דער ריזיקאַלישקייט פון אַזאַ שריט, דער הומאָר אָבער — האָבן מיר זיך גע־טרייסט — מיט וועלכן די קאָמעדיע שפּרודלט, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, דער פאַרס, וועט אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונעם קאָמופּלירטן רמז. אַ גרויסער טייל עולם האָט עס גענומען לייכט, ווי אַ פאַרוויילונג, אַ צוויי־טער — ווי זאַלץ אויף די ווונדן.

נישט געקוקט אויף דער מיינונג־פאַרשידנקייט און קעגנגעזעצטע פרעסע־אָפּרופן האָט דער עולם געשטראָמט אין טעאַטער.

דער סוד פונעם דאָזיקן דערפאָלג איז געווען קלאָר אַפילו פאַר די שאַרפסטע קעגנער פון דער פּיעסע: דער אויסערגעוויינטלעכער אַנסאַמבל־שפּיל, זעלטן ווען איז אויסגעקומען צו זען אַזאַ בוקעט אַקטיאָרישע טאַ־לענטן, אַזאַ האַרמאָניש־איינגעשפּילטן אַנסאַמבל, אַזאַ סובטעל־אַרויסגע־בראַכטן הומאָר ביי אַזאַ דינאַמישקייט פון דיאַלאָג און אַקציע.

איך קאָן עד־היום נישט פאַרגעסן די צוויי מחותנעסטעס: די „חסי־דישע" — דינה האַלפּערן און די „וועלטלעכע" — רחל האַלצער, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קאָנצערט פון אַקטיאָרישער קונסט, פון דיסקרעט־געצייכנטע און שטאַרק־ווירקנדיקע געשטאַלטן, פון אַזאַ לייכטן און עלעגאַנט־געפירטן דיאַלאָג. און די צוויי „מחותנים": סטרוגאַטש — דער וועלטלעכער און מאַקס באָזשיק, דער „חסיד".

מיט סטרוגאַטשן איז מיר שוין אייניקע מאָל אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אויף דער בינע; דאָקעגן מיט באָזשיקן — צום ערשטן מאָל. כ'האָב געהערט פון אים, ווי פון אַ גוטן „קאָמיקער" פון אַ פּראָווינציאַ־נעלער טרופּע. לכתחילה האָב איך זיך באַצויגן מיט רעזערוו צו אים. באַלד ביי די ערשטע לייען־רעפּעטיציעס, האָב איך אָבער אַנגעשטעלט מויל און אויערן. ס'האָט גערעדט אַ קינסטלער, וואָס דאָס נישט־דערזאָגטע האָט פאַרטיפט די ווערטער פון טעקסט. אַ נישט־געשליפענער, רויער ברילאַנט, וואָס לייכט מיט אַזוי פיל שטראַלן, אַז ס'פאַרבלענדט די נישט־געשליפנ־קייט פון די קאַנטן. שלאָגסט דיך מיט דער דעה: וואָס איז דאָס, — אינ־טויציע צי אינטעליגענץ? ס'איז טאַקע אינטויציע, אָבער מע קאָן מיט איר פאַרטיילן אַ האַלב טוץ פון אונדזערע געשווירענע אינטעליגענטן. אַ זעל־טענע בייגזאַמקייט פון דער שטים, מיט וועלכער ער שפּילט אויס די רייכסטע גאַמען פון קאָמפּליצירטע נשמה־ראַנגלענישן. פאַר אונדז האָט אויפגעבליצט אַ קינסטלער פון נישט־דורכשניטלעכן פאַרנעם, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געפּטרט זיין טאַלאַנט אויף קליינגעלט פון יידישן פּראָ־ווינץ־טעאַטער.

דאָס איז געווען אַן אָנהייב פון אַ גאַלעריע קינסטלערישע געשטאַלטן,

וואָס ער האָט במשך פונעם סעזאָן געשאַפן און וואָס האָבן אים אַרויס־גערוקט אין דער ערשטער ריי פון אונדזערע אַקטיאָרן.

אין דער קאָמעדיע האָב איך געשפּילט אַן עפּיזאָד, אַ יידל אַ שלימ־מזל, וואָס האָט, אגב, געהערט צו מיין באַליבטן טיפּ ראָלן. איך האָב טאַקע באַדויערט, וואָס אין מיין צווייטער אויפירונג פון „מחותנים", אין מיין יידישן טעאַטער אין ישראל, האָב איך מיך געמוזט שיידן מיט דער דאָזיקער ראָל און שפּילן דעם „חסיד". דאָס יידל אין וואַרשע האָב איך געשפּילט אַ ליטוואַק, דעם חסיד אין תל־אביב — אַ גאַליציאַנער.

אין ישראל האָבן די „מחותנים" געהאַט נישט קיין קלענערן דער־פאָלג ווי אין וואַרשע.

***

און אַט הייבן מיר אָן אונדזער גרויסן סעזאָן. די „מחותנים" האָבן, אייגנטלעך, געדינט ווי אַ פּרעלודיע. שלום־עליכם, לייוויק, שניאור.

לכתחילה האָב איך געפּלאַנט אָנצוהייבן מיט שלום־עליכמען. כ'האָב אָבער געוואָלט געבן מיינע באַזוכער אַ פאַרגיטיקונג פאַר די „מחותנים" און געהאַפט זי אַרויסצוברענגען דורך לייוויקס „שאָפּ".

להיפוך צו דער ערשטער פּיעסע איז שוין דאָס מאָל געוואָרן צוגע־גרייט אַ גראַנדיעזע אויסשטאַטונג. איין דעקאָראַציע פאַרן „שאָפּ" און די צווייטע פאַר אַ דאַך אויפן פאַן פון וואָלקנקראַצער. די דאָזיקע דעקאָ־ראַציעס, צוגלייך מיט די איבעריקע פונעם סעזאָן, האָט זייער אָריגינעל קאָמפּאָנירט דער פּוילישער קינסטלער ליפּינסקי, וואָס איז געוואָרן אונ־דזער סטאַבילער מיטאַרבעטער.

ליידער האָבן אונדזערע יידישע קינסטלער נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס און נישט קיין באַקאַנטשאַפט מיט דער טעכניק פון טעאַטער־דעקאָראַציעס. איך האָב מיך איבערגעצייגט אין דעם נאָך אינעם „וויקט"־סעזאָן 1926, ווען איך האָב, מיטאַרבעטנדיק מיט קינסטלער, אַליין גע־מוזט אָנוואַרפן די סקיצן כמעט פאַר אַלע פּיעסן, אַחוץ דעם הערלעכן מאַנע קאַץ־פּראָיעקט צום „גאָלדן לאַנד", וואָס אריה מערזער האָט מייס־טערהאַפט רעאַליזירט.

פון דער געשילדערטער דעקאָראַציע צום „שאָפּ" קאָן זיך דער לייע־

נער אַנשטויסן, אַז איך האָב די האַנדלונג פון לייוויקס פּיעסע אַרויסגע־פירט פון די אינטימע ראַמען פון אַ שאַפּ, ווי עס ווערט אָנגעגעבן ביים מחבר, און אים דערהויבן צו אַ סימבאָל, דעם פאַמיליע־קאָנפליקט צווישן באַס און אַרבעטער — פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף פון קלאַסן. דער שאַפּ האָט דערדריקט די אַרבעט מיט זיין פאַרנעם; געשווינדלט מיט זיינע מעכטיקע רעדער, קאַבלען, ווינדעס. די אַרבעטער זענען ווי בטול־בשישים געוואָרן אינעם דאַזיקן מעכאַניזם. רעגולירט דורך זייגערס און שפּיציקע בליקן פון באַס; פאַרטויבט פונעם גרילצן פון שרויפן און זעגן; פונעם מאַנאַטאָנעם אויסקלאַפּן די שעהען, סיגנאַלן, די באַפעלן. די דאָזיקע מאַ־שין־מוזיק האָט אויף זייער אַן אינטערעסאַנטן אופן געשאַפן דער אַמערי־קאַנער מוזיקער הענריק אַלפּערין, וואָס איז דעמאָלט געווען צו־גאַסט אין זיין געבוירנשטאָט וואַרשע. צום ערשטן מאָל איז געהערט געוואָרן אין ידישן טעאַטער דאָס אַרויסברענגען אין אַ מאָדערנער דזשאַז־אינסטרו־מענטירונג אַלע קלאַנגען, גרילצן, קרעכצן און אויסברוכן, וואָס האָבן זיך צונויפגעמישט אין גראַנגל צווישן מענטשן און מאַשין. וואַרשעווער מוזי־קער פלעגן עולה־רגל זיין צו אונדז אין טעאַטער און באַוווּנדערן די מוזיק־באַגלייטונג פון „שאַפּ".

כדי אַרויסצופירן דעם „שאַפּ" פון זיין אינטימקייט, זענען אויך ניי־טיק געווען געוויסע ענדערונגען אין טעקסט און דער עיקר, אַ גאַנצע ריי לידער, וואָס זאָלן צוגעבן דערהויבנקייט און פייערלעכקייט דער האַנדלונג. לייוויק אַליין האָט דאָך אַריינגעגעבן אַ ליד אינעם מויל פונים אַלטן שאַפּ־וועכטער. דאָס האָט מיר געדינט פאַר אַן אָנרעגונג צו גיין ווייטער אין דער דאָזיקער ריכטונג. דערצו האָט זיך גענייטיקט אַ דיכטער. האָט דען געקאָנט זיין אַ פּאַסיקערער און מער באַרופענער דיכטער פאַר אַזאַ פּאָע־טישן שותפות מיט לייוויקן, ווי איציק מאַנגער?

זיינע לידער האָבן געקרעכצט, געמונטערט, גערופן און באַגייסטערט. און אויך אַזוי באַגייסטערט פלעגט אונדזער עולם פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. דער „שאַפּ" איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער וואַרשעווער גאַס און פאַר־שידענע פאַראיינען און אינסטיטוציעס האָבן גאַראַנטירט זיין מאַטעריעלן דערפאָלג.

הגם ס'זענען אויך דאָ און דאָרט געווען געוויסע מיינונג־פאַרשידנ־קייטן וועגן מיין אַריבערפירן דעם „שאָפ" אויף אַן אַנדערער ליניע, איז אָבער די פאָרשטעלונג ווי אַזאַ געוואָרן איינשטימיק אָנערקענט ווי אַ וויכ־טיקע דערגרייכונג אין ייִדישן טעאַטער.

***

און אַט קומען מיר ענדלעך אַרויס מיט דער גרויסער שלום־עליכם פאָרשטעלונג „די בלאָנדזשענדיקע שטערן".

צום דאָזיקן ווערק האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן צוגאַנג, אַן אייג־ציקן אין מיין טעאַטער־קאַריערע. כ'האָב די באַאַרבעטונג פון ראָמאַני גע־האַלטן אייניקע יאָר. פון צייט צו צייט עפּעס צוגעגעבן פונעם ראָמאַן, עפּעס דערגאַנצט, עפּעס צוגעטראַכט און געענדערט. לאַנג זיך געשלאָגן מיט דער דעה ווי אַזוי עס צו רעאַליזירן און אין וואָסערער אויסערלעכער פאָ־רעם איינצוגלידערן די ראַנגלענישן און איבערלעבונגען פון שלום־עליכמס געשטאַלטן.

צי זאָל איך די האַנדלונג איינפאַסן אין אַ מאָדערנער טעאַטער־פאָ־רעם אָדער דערנענטערן זי צום אורשפּרינג, צום פּרימיטיוו, צום גאָלדפאַ־דענישן טעאַטער? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כדי אַרויסצוברענגען די לירישקייט מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען דאָס בוך, די ראָמאַנטיש־קייט פון די בויער פון ייִדישן טעאַטער, פּאַסט זיך צום בעסטן די נאַיוו־אידילישע אַטמאָספער און אַפילו די אויסערלעכע פאָרעם פונעם גאָלד־פאַדן־טעאַטער.

הגם אַזוי דיאַמעטריש פאַרשידן איינער פון צווייטן, האָט דאָך אַ נישט געזעענער פאָדעם פאַראייניקט דעם „טאַטן" פון ייִדישן טעאַטער מיט שלום־עליכמען: די ליבע צום ייִדישן אַקטיאָר און זיין נע־ונד־לעבן. פאַרגלייכנדיק אָבער גאָלדפאַדענען דעם קעמפער מיט שלום־עליכמען דעם קינסטלער, וואַרפט זיך בולט אין די אויגן דער גרויסער חילוק צווישן זיי.

אויב גאָלדפאַדן פאַרנעמט דעם אויבן אָן אין אונדזער טעאַטער־גע־שיכטע, דאַרף שלום־עליכם טיילן מיט אים דעם דאָזיקן כבוד. ער שטייגט דאָך ווייט אַריבער גאָלדפאַדענען מיט זיין קינסטלערישער פאַטענץ, מיט

זיין באַאָבאַכטונג־און שילדערונג־קראַפט, מיט זיין שפּראַך־אוצר, מענטשן־קענטעניש און, דער עיקר, מיט זיין מענטשן־ליבע.

ביידע האָבן דעם זעלבן ציל: דערציִען די פֿאָלקסמאַסן, אַרויספֿירן זיי פֿון די פֿינצטערע געסלעך פֿון צוריקגעשטאַנענקייט און עפֿענען פֿאַר זיי די טויערן פֿון וועלטלעכקייט. די מיטלען אָבער, מיט וועלכע זיי לאָזן זיך פֿאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ציל, זענען לגמרי פֿאַרשידן.

כדי צו ווייזן דעם פֿאָלקסמענטש זיינע נעגאַטיווע זייטן, חוזקט גאָלד־פֿאַדן אָפּ פֿון אים, פֿאַרוואַנדלט אים ממש אין אַ קאַריקאַטור, אַ פֿאַרזעע־ניש. שלום־עליכם, דאַקעגן, באַציט זיך צו אים מיט וואַרעמקייט, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער קיבעצט, אָבער חוזקט נישט. ער קלערט אויף, אָבער פֿאַרשעמט נישט. אָזוי אַרום איז טאַקע די דערציִערישע ווירקונג פֿון שלום־עליכמען דורכן טעאַטער אָן אַ פֿאַרגלייך וויכטיקער און פּאָזי־טיווער פֿון גאָלדפֿאַדענען.

גאָלדפֿאַדן האָט מיט זיינע ערשטע טריט געפֿינען דעם וועג צום טעאַ־טער, זיך צונויפֿגעוואָקסן מיט אים, געוואָרן זיין אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל. שלום־עליכם אָבער, וואָס זיינע ווערק זענען פֿול מיט טעאַטראַלישע מאַטיוון, מיט אויסגעצערטלטע, אויסגעמייסטערטע געשטאַלטן, וואָס בעטן זיך ממש אַרויפֿגעפֿירט צו ווערן אויף דער בינע, האָט להיפּוך צו גאָלד־פֿאַדענען, מיט גרויסע שוועריקייטן געפֿינען דעם וועג צום טעאַטער.

אין דעם פּרט איז ער געווען ענלעך צו פּרצן. ביידן האָט דאָס טעאַטער גערייצט און געצויגן און פֿאַר ביידן איז דער וועג צו אים געווען אַ שווע־רער. פֿאַר פּרצן מער נאָך ווי פֿאַר שלום־עליכמען. פּרץ האָט געזוכט דעם וועג צו אים דורך נייע, יונגע כוחות, דורך דראַמאַטישע קרייזן און סטו־דיעס; שלום־עליכם איז אין דעם פּרט געווען פּראַקטישער און געזוכט דעם וועג צום טעאַטער דורכן פּראָפֿעסיאָנעלן אַקטיאָר.

דאָס איז אים געלונגען נאָר טיילווייז. ווי דער פֿאַל איז געווען מיט געוויסע ראָמאַנען, וואָס ער איז געווען געצוווּנגען צו שרייבן אויף באַ־שטעלונג צו אַ באַשטימטער צייט און צופּאַסן זיי צום געשמאַק פֿון אַ באַשטימטן לייענער. שלום־עליכם, דער גרויסער קינסטלער, איז דאַן גע־וואָרן אַ דורכשניטלעכער „צושטעלער". דאָס שרייבן אויף באַשטעלונג

האָט שטאַרק געשטערט שלום־עליכמען דעם קינסטלער. זיין פּען האָט נישט געוווּסט פון קיין באַשטימטער צייט אָדער אַטמאָספער, זי האָט זיך אָבער אומבאַדינגט געבייטיקט אינעם אינערלעכן שטויס, וואָס וואַרפט זיך נישט אונטער קיין באַפעלן און באַשטעלונגען. דעריבער זענען די פּיעסן, וואָס ער האָט באַאַרבעט פון זיינע ראָמאַנען, — האָבנדיק פאַר די אויגן אַ באַשטימטן אַקטיאָר, — ווייניקער געלונגען פון זייער מקור — דעם ראָמאַן.

אָבער שלום־עליכמס ווערק, וואָס שפּרודלען מיט אַזוי פיל טעאַטראַלישקייט, מיט אַזוי פיל קאָלירפולע, פּאָלקסטימלעכע געשטאַלטן, — האָבן זיך ממש געבעטן צו באַקומען אַ תיקון אין טעאַטער. און זיי האָבן דעם תיקון באַקומען.

זעלטן וועלכער שרייבער האָט זוכה געווען צו אַזוי פיל סצענישע אַדאַפּטאַציעס און אינסצעניזירונגען פון זיינע ווערק, ווי שלום־עליכם. ס׳איז נישט געווען קיין ערנסט ייִדיש טעאַטער אין דער גאָרער וועלט, וואָס זאָל נישט האַלטן פאַר זיין חוב אַרויסצוברענגען שלום־עליכמען אויף זיין בינע. נישט געווען קיין מאָדערנער רעזשיסער, וואָס זאָל נישט שטרעבן אויסצוגעפינען נייע, נאָך נישט אַנטפּלעקטע שיינקייטן פון שלום־עליכמס געדאַנקען־אוצר און אַרויסברענגען אין גייסט פון היינטצייטיקייט. נישט געווען די פאָרעם אין טעאַטער־קונסט, אָנהייבנדיק פונעם געמיטלעכן נאַטוראַליזם, קאַרקבערעכערישן פאָרמאַליזם, ביזן צילבאַוווּסטן רעאַליזם, צו וועלכן ס׳זאָל נישט צוגעפּאַסט ווערן דער שלום־עליכם־שטאָף.

במשך פון די עטלעכע און פערציק יאָר פון מיין טעאַטער־טעטיקייט איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל אָנטיילצונעמען אין פאַרשידענע פּיעסן פון און לויט שלום־עליכמס ווערק מיט „טוביה״ בראָש. אָבער די גרעסטע שאַפונגפרייד האָב איך איבערגעלעבט ביים שפּילן האָצמאַכן אין דער באַאַרבעטונג פונעם ראָמאַן „די בלאָנדזשענדיקע שטערן״.

איך האָב קיין מאָל נישט געהאַלטן פון אַ „באַליבטע ראָל״. איך האַלט, אַז דער אַקטיאָר מוז יעדע ראָל זיינע ליב האָבן, אַנדערש קאָן ער זי נישט שפּילן. אָבער צו שלום־עליכמס האָצמאַך האָב איך אַ ספּעציעלן סענטימענט, וואָס שטעלט אים אין דער ערשטער ריי פון מיינע סצענישע געשטאַלטן.

איך וויל מיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דער עצם־באַאַבעטונג פון שלום־עליכמס ראָמאַן, — עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען: מאַרק ראַ־זומני, דער דראַמאַטיזירער, איציק מאַנגער מיט אייניקע לידער, איך — אינסצעניזאַטאָר און רעזשיסער, דער מוזיקער העגרי אַלפערין און... אברהם גאָלדפאַדן. אויפן פּאָן פון זיין טעאַטער האָט זיך פאַרקניפּט מיין פריינד־שאַפט מיט האָצמאַכן; אַ פריינטשאַפט, וואָס איז גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפער ליבע צווישן מיר און מיין פראָטאָטיפּ, דעם בלאָנדזשענדיקן שטערן. צונויפגעפירט האָט אונדז שלום־עליכם, אָדער, בעסער געזאָגט, זיין טיפע ליבע צום יידישן טעאַטער און זיין סענטימענט צום יידישן אַק־טיאָר, דעם נע־ונדניק. קיינער ביז אים און נאָך אים האָט נישט באַוויזן אַזוי זיך צו דערנענטערן צום יידישן וואַנדערנדיקן אַקטיאָר, צו אַנטפּלעקן די טראַגעדיע פון זיין עלנטקייט, זיין אומפאַרשטענדלעכע צוגעבונדנקייט צום יידישן טעאַטער, וואָס האָט אים ווי אַ שפּין אַריינבאַקומען אין דער נעץ און זייגט פון אים דעם מאַרך פון די ביינער.

מיט דער דאָזיקער געשטאַלט האָט שלום־עליכם געשטעלט אַ גאָל־דענע מצבה האָצמאַכן, דעם פרימיטיוון און דאָך טיפפילנדיקן יידישן אַק־טיאָר, וואָס אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס זענען געלייגט געוואָרן די ציגל צום מאָדערנעם יידישן טעאַטער.

די באַגעגעניש מיט שלום־עליכמען אויפן פּאָן פון גאָלדפאַדן־טעאַ־טער איז געווען אַזוי רירנדיק־פייערלעך און דערהויבן! נישט בחינם פלעגט אָפט נאָך אַ פאָרשטעלונג אַריינקומען צו מיר די ביים לעבן־פאַרבליבענע האָצמאַכס און מיט אויגן פול מיט טרערן אויסדריקן זייער געריריטקייט און דאַנקבאַרקייט, וואָס ענדלעך האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער דערמאָנט אין זיי און אויף אַ ווירדיקן אופן אַרויסגעבראַכט זייער פּיאָנערישן מאַר־טירער־וועג.

אונדזער אויפפירונג האָט געפינען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין אַלע שיכטן פון פוילישן יידנטום, אָן אונטערשיד פון עלטער, פון פּאָליטישער איינ־שטעלונג און פון שטאַנד. די פּרעסע האָט דאָס מאָל איינשטימיק אָנער־קענט די „בלאָנדזשענדיקע שטערן" ווי דאָס וויכטיקסטע קולטור־געשעע־ניש אין יידישן טעאַטער און ממש אויפגעפאָדערט צו באַזוכן די פאָר־שטעלונג.

פאַר מיר איז געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט די מיינונג פון מיין לערער פון דער דראַמאַטישער שול, דעם באַרימטן פּוילישן אַקטיאָר וויי־טשעך ברידזשינסקי. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער מיך צוגעדריקט צו זיך און מיט אַ ציטערנדיקער שטים געזאָגט:

— עס וועט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער איר האָט געשאַפן די געשטאַלט פונעם אַקטיאָר מיט אַזעלכע נישט־אַקטיאָרישע מיטלען.

פון דעמאָלט אָן זענען „די בלאָנדזשענדיקע שטערן" געוואָרן אַ שיינדל אין מיין רעפּערטואַר. איך האָב זיי באַנייט אין ריגע און אין קאָוונע און אין מיין לעצטן „וויקט"־סעזאָן; איך האָב דעביוטירט אין זיי אין בוענאָס־איירעס. נאָך מיין אַנטלויפן פון אייראָפּע און האָב זיי אויפגעפירט אין 1949 אינעם באַנייטן פּוילן. מיט דער דאָזיקער פּרעמיערע איז געעפנט געוואָרן אין וואָראָצלאַוו דער טעאַטער־בנין א"נ פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און איך האָב געשפּילט אין איר מיין האַצמאַך. צומאָרגנס, — אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן — האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען אין דער זעל־בער ראָל מיין ברודער יצחק. זיין פּסעוודאָנים גרודבערג האָט ער געירשנט נאָך אונדזער פאָטער, ישראל־חיים טורקאָוו, אַ געוועזענעם גאָלדפאַדן־אַקטיאָר. מיטן דאָזיקן פּסעוודאָנים האָט אונדזער פאָטער געוואָלט פאַר־היטן פאַר קאָמפּראָמיטאַציע דעם „גוטן נאָמען" פון אונדזער פאַמיליע... מיין ברודער יצחקס סצענישער „אינקאָגניטאָ" איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד און ער האָט מיט זיין האַצמאַכן ווייט נישט קאָמפּראָמיטירט אונדזער נאָמען... איך בין אָפּגעפאָרן פון פּוילן אַ צופרידענער, לאָזנדיק אַ ווירדיקן פאַרטרעטער.

מיר איז אויך צוגעפאַלן דער כבוד אויפצופירן „די בלאָנדזשענדיקע שטערן" אין 1950 אין תל־אביב, אינעם יונגן קאַמער־טעאַטער.

אין תל־אביב האָט די פאָרשטעלונג געהאַט אַ דורכפאַל. סיבות? אָט וועל איך זיי פּרווון אויפצוקלערן.

די הויפּט־סיבה פון דעם מיסדערפאָלג איז, לויט מיין מיינונג, גע־ווען דער גרעסטער טייל פון אַנסאַמבל, אַ חוץ צוויי אַקטיאָרן, וועלכן דער קאַמערי־טעאַטער האָט געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע.

דער „קאַמערי" איז דאָך, ווי אויך נאָך מיין עולה זיין קיין ישראל,

געווען דאָס איינציקע טעאַטער אין לאַנד, וואָס האָט פאַר מיר גאַסט־פריינדלעך געעפנט זיינע טירן. זיין אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון אייניקע מיסליאַריקע אַקטיאָרן פון דייטשע און אַנדערע בינעס, פאַר וועלכע דאָס דאָס יידישע טעאַטער איז געווען אַ סינאָנים פון געשמאַקלאָזיקייט, און פון ס׳רוב יונגע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צו אַלץ וואָס קומט, אָדער האָט אַ שייכות מיט „גלות". דאָס איז, אגב, געווען אין איינקלאַנג מיט דער דעמאָלטיקער איינשטעלונג פון די געבוירענע אין לאַנד, די „צאַברעס".

מיר פלעגט נישט איין מאָל אויסקומען צו צווינגען די אַקטיאָרן צו רעדן זייערע ראָלן נישט ווי „יידן", וואָס האָט דערמאָנט דאָס נאָכשפּעטן דעם „יידישן אַקצענט", נאָר צו טון דאָס אויפן זעלבן אופן ווי זיי שפּילן ענגלענדער, פראַנצויזן אָדער סתם מענטשן... איז זיי דאָס אויסגעקומען מאָדנע, — ס׳טייטש ס׳זענען דאָך פאַרט יידן... ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז אין דעם נישט געווען קיין שום בייזוויליקייט פון זייער זייט, נאָר פּשוט — איגנאָראַנץ.

איך בין אויך געפאַלן אַ קרבן פון מיין קלאַסישער לייכטגלייביקייט ביים פאַרטייטשן די הויפּטראָל פון רייזל. אַזוי ווי די גאַנצע פאָרשטעלונג איז געבויט געוואָרן אין סטיל פון גאָלדפאַדנס געזאַנג־פּיעסן, האָט אויך די דאָזיקע ראָל באַדאַרפט אַרויסברענגען די אינערלעכע ראַנגלענישן פון דער צוקונפטיקער פּרימאַדאָנע, נישט נאָר אין גערעדטן דיאַלאָג, נאָר אויך אין אַ ריי לידער און ראָמאַנסן. דינה האַלפּערן האָט דאָך אַריינגעהויכט אין דער ראָל אַזוי פיל אַטמאָספער און סטיל. דערצו נאָך איציק מאַנגערס וווּנדערבאַרע טעקסטן אין מיין וואַרשעווער אויפפירונג! דער היפּוך איז געווען אין דער תל־אביבער פאָרשטעלונג.

עס קלינגט ווי אַן אַנעקדאָט, אַז איך, דער פאָרזיצער פון דער עקאָנאָ־מיזיר־קאָמיסיע ביים וואַרשעווער אַרטיסטן־פאַראיין, האָב גורם געווען דאָס אָנגעמען פון דער תל־אביבער אַקטריסע אין אונדזער פּראָפעסיע און איך האָב זי אויך רעקאָמענדירט אין „קאַמערי־טעאַטער". זי האָט בשעתו געזען די פאָרשטעלונג אייניקע מאָל אין וואַרשע און זיך גוט אָריענטירט אין איר כאַראַקטער און סטיל.

בין איך, ליידער, געוואָרן פֿאַרפֿירט פֿון דער דאָזיקער אַקטריסע, וואָס האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז זי נעמט זיך אונטער דורכצופֿירן די געזאַנג־פּאַרטיע. איך האָב איר געגעבן די פּאַרטיע מיט דער פּאַרטיטור אין דער האָפֿענונג, אַז איר מאַן — אַ באַקאַנטער ישׂראלדיקער מוזיקער — וועט מיט איר באַאַרבעטן דאָס געזאַנג, אַזוי ווי זי האָט עס מיר צוגעזאָגט. ערשט אַ קורצע צייט פֿאַר דער פּרעמיערע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין פּשוט געוואָרן אָפּגענאַרט. די אַקטריסע האָט נישט נאָר נישט געקאָנט זינגען, נאָר זי איז ממש געווען אַנטימוזיקאַליש און האָט אפֿילו נישט געקאָנט מעלאָדעקלאַמירן די לידער, וואָס אברהם שלאָנסקי האָט אַזוי מייסטערהאַפֿט איבערגעדיכטעט אויף העברעיִש. איך האָב, אַלזאָ, געמוזט רעזיגנירן פֿון די געזאַנג־נומערן פֿון דער צענטראַלער פֿיגור און אַזוי אַרום געשעדיקט דעם כאַראַקטער פֿון דער פֿאָרשטעלונג, אַריינברענגענדיק עקלעקטישקייט אין איר סטיל.

אויך האָצמאַך, מיין באַליבטער האָצמאַך, וואָס איז געשפּילט געוואָרן פֿון אַ גלענצנדיקן אַקטיאָר, איז געווען „געשפּילט" און נישט „געלעבט". דעם אַקטיאָר איז געווען פֿרעמד די געשטאַלט פֿונעם ייִדישן אַקטיאָר, דעם נע־ונדניק. האָט ער דעריבער נישט מיטגעריסן, נישט גערירט און געלאָזט דעם עולם קאַלט צו זיין גורל.

איך בין אָבער געטריי געבליבן מיין באַליבטן האָצמאַך. ביי יעדער געלעגנהייט טרעט איך אויף אין פֿראַגמענטן פֿון דער דאָזיקער ראָל. איך האָב געשאַפֿן אַ סצעניש מאָנטאַזש פֿון מאָנאָלאָגן, וואָס שילדערן פֿאַרשידענע עטאַפּן פֿון האָצמאַכס וואָנדערונג, זיין וווּנדערבאַרן בריוו צו דער מאַמען, אין וועלכן שלום־עליכם האָט אַריינגעהויכט אַזוי פֿיל ליריזם, ביז זיין שוואַנענליד, ביים שוועל פֿון מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער.

***

אונדזער אַרבעט אין „נאָוואָשטשי" האָט געפֿונען אַ טיפֿן אָפּקלאַנג אין פּוילן. ס'האָבן זיך געמערט טעאַטער־גרופּעס מיט ערנסטן רעפּערטואַר אויף דער פּראָווינץ. טעאַטער־קאָמיטעטן האָבן זיך געגרינדעט אין פֿאַרשידענע שטעט. ס'איז אויפֿגעקומען קלאַראַ סעגאַלאָוויטשס טעאַטער,

לכתחילה האָט דאָס געזאָלט זיין אַ טעאַטער מיט ספּאָראַדישע פאָרשטע־לונגען פאַר יוגנט. פון זייער ערשטער אויפפירונג פון דער „כישופמאַכערין" אין מאַנגערס באַארבעטונג, האָט דערמוטיקט די אָנפירונג צו פאַרוואַנדלען דעם פרווו אין אַ סטאַבילן טעאַטער, געבויט אויף געזעלשאַפטלעכער אונטערשטיצונג.

אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָבן אויף ס'ניי אויפגעשיינט דינה האַלפּערן, — אַגב די ערשטע פרווי אין יידישן טעאַטער אויף צו שפּילן די „באָבע יאַכנע" — אַ ראָל, וואָס פלעגט על־פּי־טראַדיציע געשפּילט ווערן פון מענער — און מאַקס באָזשיק — ערשטער האָצמאַך. ס'האָט זיך אויך פאַררעקאָמענדירט ווי אַן אינטערעסאַנטער מאָדערנער רעזשיסער יעקב ראָטבוים. זיינע ספּאָראַדישע אויפפירונגען אין פאַרשידענע טעאַטערס האָבן פאַרויסגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ נייער קינסטלערישער פערזענלעכ־קייט אין יידישן טעאַטער.

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט אויך מיט מיר אונטערגעהאַנדלט וועגן אויפפירן און שפּילן דעם „קעניג ליר". איך האָב עס, לײַדער, נישט גע־קאָנט פאַרווירקלעכן צוליב מיין פּלוצימדיקן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. זי האָט געגעבן אַן אַנדערע שעקספּיר־פאָרשטעלונג — דעם „שטורעם", צו וועלכן זי האָט אַנגאַזשירט דעם גרויסן פּוילישן רעזשיסער לעאָן שילער. שילער איז שטאַרק געטאַדלט געוואָרן פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע פאַר זיין ווערן אַ יידישער „פאַראַבעק", אָבער דער דאָזיקער פּראָגרעסיווער קינסטלער האָט זיך עס ווייניק גענומען צום האַרצן און באַרייכערט דאָס יידישע טעאַטער מיט אַן ערשטער שעקספּיר־פאָרשטעלונג פון אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה.

***

מיר דערנענטערן זיך ענדלעך צו דער לעצטער פּרעמיערע פון די דריי גרויסע אויפפירונגען: ז. שניאורס „נח פאַנדרע".

איך באַדויער זייער וואָס די בריוו צו מיר פון זלמן שניאור זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן יידישן וואַרשע.

די דאָזיקע בריוו וואָלטן אַנטפּלעקט פאַרן לייענער אַ שניאורן, וואָס איז ווייניק באַקאַנט פון דער זייט.

שניאור פלעגט באַטראַכט ווערן ווי אַ ביטערער מענטש, פול מיט אייגנליבע און גרויסהאַלטונג. זיינע בריוו צו מיר וואָלטן אין דעם פּרט געבראַכט אַן אַנגענעמע איבערראַשונג פאַר די פאַרערער פון זיין גרויסן טאַלאַנט.

במשך פון אייניקע חדשים, וואָס שלמה שיינבערג האָט געאַרבעט איבער דער דראַמאַטיזירונג פון „נח פּאַנדרע" און איך — איבער זיין אינסצעניזאַציע, זענען מיר געשטאַנען אין אַן אָפטער קאָרעספּאָנדענץ מיט אים. יעדע אָנגעשריבענע סצענע פלעגן מיר אים שיקן צו באַשטע־טיקן, אין יעדן בריוו פלעגן מיר זיך באַראָטן מיט אים וועגן דער קאָנדענ־סירונג און ענדערונג פונעם טעקסט. מיט גרויס ווייטיק האָבן מיר געמוזט רעזיגנירן פון די „בישט־סצענישע" טיילן פון זיין מייסטערווערק, פונעם שלל באַאָבאַכטונגען, שילדערונגען און שטייגער־בילדער.

מיר איז גוט באַקאַנט דאָס ציטערן פון אַ מחבר איבער יעדן קאַפּיטל, יעדער פראַזע פון זיין שאַפונג. דערפאַר טאַקע איז געווען אַזוי גרויס מיין איבעראַשונג, ווען שניאור האָט אין דעם פּרט אַרויסגעוויזן אַזאַ פאַרשטענדעניש פאַר די פאָדערונגען פון דער בינע און צוטרוי צו אונדז.

די דאָזיקע תקופה פון אונדזער שריפטשטעלערס צוזאַמענאַרבעט און זיין לאָיאַלע באַציִונג צו אונדז, געהערט צו די שענסטע דערינערונגען פון מיין צוזאַמענאַרבעט מיט מחברים. מיר איז שוין אַפילו אויסגעקומען צו הערן פון אַ מחבר אַ וואָרענונג:

— איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשיכטע!

אָבער יענער איז געווען אַ גראַפאָמאַן און שניאור — אַ גרויסער קינסטלער.

נאָך אַן אָנגענעמע דערפאַרונג פון דער דאָזיקער צוזאַמענאַרבעט. שניאור איז געווען באַקאַנט ווי אַ שווערער מענטש אין געלטפראַגעס. ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן אין ליטעראַטן־פאַראיין אַז מיר גרייטן זיך אים אויפצופירן, פלעגן מיר אָפט הערן די וואָרענונג:

— זעט, פאַרזיכערט זיך גוט מיט די רעכט, ער קאָן אייך נאָך מאַכן אַ קונץ.

אַנדערע ווידער האָבן זיך געוווּנדערט פון וואַנען מיר האָבן גענומען

אַזוי פיל געלט אויף צו באַצאָלן שניאורן פאַר די אויפפירונג־רעכט... ווען מיר פלעגן פאַרזיכערן, אַז שניאור האָט אונדז געגעבן די רעכט אָן אַן אַוואַנס און בכלל אָן שום מאַטעריעלע באַדינגונגען, האָט זיך קיינער נישט געקאָנט צוגלייבן. אַזוי גרויס איז געווען דער שם פון זיין געלטגייציקייט. פיל איך דעריבער פאַר מיין מענטשלעכן חוב אַרויסצוקומען מיט דער דאָזיקער פעסטשטעלונג.

***

צו אונדזער אַלעמענס באַדויערן אָבער האָט נישט שניאור, נישט דאָס טעאַטער געהאַט נחת פון „נח פאַנדרע". די שטערונג דערצו איז געווען די צענזור. ס'האָט ממש געשניטן ביים האַרצן צו זען די גרויסע צאָל געשטראָכענע זייטלעך פון באַאַרבעטן עקזעמפּלאַר. דער רויטער בליי־פעדער האָט געמאַכט אַ ווייוסעקציע אין אים און געלאָזן בלוטיקע צייכנס אין דער אַנטוויקלונג און באַשטימונג פון די העלדן, אין זייערע נשמה־ראַנגלענישן און קאַמפן.

דער פאָלקסמענטש, וואָס וואַקסט ביי שניאורן אויס אין אַ קעמפער, ווערט פון דער צענזור פאַרוואַנדלט אין סתם אַ „ווילן יונג", אין אַ שיק־סעניק. דער גוף פונעם ווערק איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון זיין נשמה, זיין בלוט פאַרוואַנדלט אין וואַסער.

די מורא פאַר „טריפהנע" רמזים איז דערגאַנגען ממש צו אַבסורדן. אַזוי, למשל, דאַרף די העלדין „מערי" איינשלעפן איר קינד מיטן פּאָפּו־לערן פאָלקסליד, וואָס זי זינגט ביים וויגעלע, האָט די צענזור איינגעזען אינעם רעפריין פון דעם ליד: „אי־לו־לו, לולינקע, לולינקע, מיין קינד" אַ רמז אויף... לינקיזם! דער יידישער צענזאָר איז אייניקע שעה פאַר דער פּרעמיערע געקומען צו לויפן אין טעאַטער, געשטראָכן דאָס „לינקע" און געלאָזן בלויז דעם „אי־לו"...

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ שחיטה איבערן טעקסט האָט אָפּגעשוואַכט דעם כוח און די באַשטימונג פון דער פאַרשטעלונג. נאָך אייניקע וואָכן שפּילן האָט זי אָפּגעטראָטן די בינע פאַר דזשיגאַן־שומאַכערס רעוויו־טעאַטער.

פון שניאורן האָבן מיר באַקומען אַ רירנדיקן חברישן בריוו מיט מיט־געפיל־אויסדריקן.

31

אינסטינקט, צופאַל אָדער „נס"...

נאָכן איבעררייסן דעם סעזאָן אין „נאָוואָשטשי", האָב איך באַשלאָסן אויסצונוצן אַ צוויי פערזאָניקע פּיעסע פון יוגאָסלאַווישן שרייבער גאַבאַ־וויץ: „קייטן פון לעבן" און מאַכן אַ טורנײ איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. מיין פּאַרטנערין אין דער דאָזיקער פּיעסע איז געווען רחל האָלצער. דער טורנײ האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל איך האָב מיך פּלוצים אָרומ־געזען, אַז מיין קאָנסולאַר־פּאַס גייט אין גיכן אויס און פאַרלענגערן אים קאָן מען נאָר אין אויסלאַנד ביי אַ פּוילישן קאָנסול.

היות ווי דער דאָזיקער פּאַס האָט אָפּגעשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל מיט דריי יאָר שפּעטער, בעת דער היטלער־אָקופּאַציע און איך האָב, אַ דאַנק אים, געקאָנט זיך אַרויסראַטעווען צוזאַמען מיט מיין פרוי פון פּוילן, וויל איך דערציילן וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פאַל, וואָס איז דער־נאָך באַצייכנט געוואָרן ווי אַ „נס".

אַן אויסלענדישער פּאַס, וואָס מ'פלעגט באַקומען מיט גרויסע שוועריקייטן אין פּוילן פאַרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז געווען גילטיק אַ יאָר צייט. אויב דער באַזיצער פון פּאַס האָט געוווינט אין אויסלאַנד מער ווי אַ יאָר, האָט ער באַקומען אין דאָרטיקן פּוילישן קאָנסולאַט אַן אַזוי־גערופענעם „קאָנסולאַר־פּאַס", וואָס איז געווען גילטיק גאַנצע דריי יאָר. נאָך דער צייט האָט דער דאָזיקער פּאַס געקאָנט פאַרלענגערט ווערן אויף פרישע דריי יאָר אָבער בלויז אין אויסלאַנד, אין אַ פּוילישן קאָנסולאַט. די באַקוועמלעכקייט פון אַזאַ פּאַס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע פלעגט קאָנען במשך פון דריי יאָר אַריין און אַרויספאָרן פון פּוילן אָן שום ספּעציעלע פאָרמאַליטעטן. פאַר אַזאַ „פליִענדיקן האָלענדער" ווי איך, איז אַ קאָנסולאַר־פּאַס געווען פון גרויסער וויכטיקייט.

דעם ערשטן קאָנסולאַר־פּאַס האָב איך טאַקע באַקומען אין 1934 אין בוענאָס־איירעס און ער איז, הייסט עס, געווען גילטיק ביז אין דער העלפט

פון 1937. איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם אייניקע וואָכן פאַרן אויסגיין פון זיין גילטיקייט און האָב בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרלירן די דאָזיקע פּאַס־פּריווילעגיע.

איך האָב מיך געווענדט צו די נאָענטסטע לענדער מיט ייִדיש טעאַטער, פאַרלייגנדיק זיי מיינע גאַסטשפּילן. דער ערשטער ענטפער איז אָנגעקומען פון ריגע. באַקומענדיק צוגעשיקט פון דאָרט די וויזע, האָב איך מיך אויף ס'ניי געלאָזן אין וועג.

מיין אַריבערפאָרן די לאַטווישע גרענעץ איז אויסגעפאַלן ממש אין לעצטן אויגנבליק, אַ טאָג פאַרן אויסגיין פון דער גילטיקייט פון מיין אויסלענדישן פּאַס. דאָס איז געווען אויפפאַלנדיק די פּוילישע גרענעץ־באַאַמטע און מ'האָט מיך געהאַלטן אייניקע שעה ביים צאָלאַמט, דורכבלעטערנדיק יעדעס זייטל פון מיינע פּיעסן און נאָטן, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, אַ גרינדלעכע פּערזענלעכע אונטערזוכונג.

ענדלעך האָב איך מיך דערזען אין ריגע און טאַקע באַלד צומאָרגנס באַזוכט דעם פּוילישן קאָנסול און באַקומען אַ נייעם קאָנסולאַר־פּאַס אויף דריי יאָר. ווי געזאָגט, האָט אונדז דער דאָזיקער פּאַס סוף אַפּריל 1940 געראַטעוועט דאָס לעבן. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט געהערט צו די זעלטענע פאַלן פון אַרויסקריגן זיך לעגאַל פון נאַצישן וואַרשע. לײדער האָבן דאָס זוכה געווען נאָר יחידים . איך וועל עס דעריבער איצטער שילדערן.

מערץ־אַפּריל 1940. האַלב וואַרשע איז צעשטערט, צוזאַמען מיט אונדזער דירה. מיר ווינען פּראָוויזאָריש ביי באַקאַנטע. יעדן טאָג פלעגן מיר זיך צונויפקומען אויף אַ שעה־צוויי אין דער גאַנצגעבליבענער דירה פון אַדוואָקאַט מיכאל סוריץ. אויף דער טיר פון זיין דירה איז געהאָנגען אַ צעטל פון אומבאַרירלעכקייט, — ער האָט זיך אויסגעגעבן פאַרן ברודער פון יעקב סוריץ, דעם סאָוויעטישן געזאַנדטן איז פּאַריז. נאָכן סאָוויעטישנאַצישן אָפּמאַך, איז אַ סאָוויעטישע רעקאָמענדאַציע געווען פאַר די נאַציס זייער חשוב, אַפילו ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַ ייִדן.

פלעגן טאַקע אייניקע פון אונדז אויסנוצן די דאָזיקע זיכערקייט און זיך צונויפקומען אין סוריצעס דירה. צווישן אַנדערע פלעגן דאָרט אַריינקומען דוד העלפמאַן, ד"ר חיים שאַשקעס און ד"ר יעקב אייגנגאָלד. דאָס

גיין אין דער דאָזיקער דירה און דאָס צוריקגיין אַהיים איז געווען פֿאַר־בונדן מיט דער סכּנה אַריינצופֿאַלן אין דייטשע הענט. אָבער דער פֿאַרלאַנג פֿון צונויפֿטרעפֿן זיך מיט מענטשן, הערן ראַדיאָ־ידיעות, שמועסן וועגן פּאָליטיק, איז געווען שטאַרקער פֿון דער שרעק פֿאַר די דייטשן.

מע האָט אָנגעהויבן צו זוכן מעגלעכקייטן צו פֿאַרלאָזן וואַרשע. דער ערשטער איז אַוועק ד״ר שאַשקעס. אונדזער לאַגע איז געווען אויסזיכטלאָז. אַ געוויסן טאָג דערקלערט אונדז ד״ר אייגנגאָלד, אַז אויך ער קלייבט זיך צו פֿאַרלאָזן וואַרשע. ער קלייבט זיך מיט זיין פֿרוי און טאָכטער קיין אי־טאַליע און די דאָזיקע רייזע וועט ער מאַכן אויף אַ לעגאַלן אופֿן.

עס ווייזט זיך אַרויס אַז ד״ר אייגנגאָלד — אַ גיגעקאָלאָג פֿון פֿאַך — האָט נאָך פֿאַר דער מלחמה קורירט די פֿרוי פֿון בולגאַרישן קאָנסול אין וואַרשע, וואָס האָט אויך בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פֿאַרנומען דעם זעלבן אַמט. אַזוי אַרום האָט זיך פֿאַרבונדן אַ פֿריינדשאַפֿט צווישן דעם דאָקטער און זיין פּאַציענטינס מאַן, זיי פֿלעגן זיך אָפֿט באַזוכן, שפּילן אין קאָרטן אאַז״וו.

ווען די לאַגע אין וואַרשע איז געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער, האָט דער בולגאַרישער דיפּלאָמאַט גערופֿן צו זיך זיין ייִדישן פֿריינד און אים פֿאַרטרויט בסוד, אַז אויב ער וויל ראַטעווען זיין לעבן, זאָל ער וואָס שנעלער אַנטלויפֿן קיין אויסלאַנד. די איינציקע מעגלעכקייט פֿאַר אַזאַ נסיעה קאָן געבן אַ קאָנסולאַר־פּאַס מיט אַן אַריינפֿאַר־וויזע אין אַ נײַ־טראַל לאַנד. די אַריינפֿאַר־וויזע קאָן אים געבן דער בולגאַרישער קאָנסול. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז הגם די וויזע וועט זיין אַ געזעצ־לעכע, וועט ער קיין בולגאַריע, אַלס ייִד, נישט ווערן אַריינגעלאָזט. ער וועט אָבער באַקומען אַן איטאַליענישע טראַנזיט־וויזע און פֿאַרבייפֿאַרנדיק איטאַליע, זיך דאָרט קאָנען פֿאַרהאַלטן. די סיטואַציע פֿאַר ייִדן איז אי־טאַליע איז אָן אַ פֿאַרגלייך בעסער ווי ביי איר דייטשן פֿאַרבינדעטן און, זייענדיק דאָרט, איז שוין נישט שווער זיך אַריבערצוקריגן ווייטער, אין דער פֿרייער וועלט.

הגם ד״ר אייגנגאָלד האָט קיין קאָנסולאַר־פּאַס נישט געהאַט, האָט ער אים אָבער פֿאַר אַ גרויסער סומע באַקומען אויף אַ פֿיקטיוון אופֿן ביי

אַ געוועזענעם באַאַמטן פון דער וואַרשעווער פּאַס־אָפּטיילונג. גאָר גיך האָט ער געהאַט דערליידיקט אַלע קאָמפּליצירטע פאָרמאַליטעטן און איז גרייט געווען צום פאָרן.

און אָט דערמאָן איך מיך אָן דער גילטיקייט פון מיין קאָנסולאַר־פּאַס, וועלכן איך האָב באַגייט אין 1937, אין ריגע. פאַר אַ געוויסער סומע געלט האָב איך אויף מיין פּאַס באַקומען די בולגאַרישע אַריינפאָר־וויזע מיטן איטאַליענישן טראַנזיט־שטעמפּל, אויף וועלכן ס׳איז מיט רויטן טינט גע־ווען אונטערגעשטראָכן: „אָן רעכט אָפּצושטייגן אין איטאַליע״.

מיין פּאַס איז אַלזאָ געווען אין גאַנצן כשר, אַ חוץ דאָס צושרייבן צו אים מיין פרוי, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן באַאַמטן, דעם ספּע־ציאַליזירטן אין די דאָזיקע אָפּעראַציעס. שפּעטער האָט דער פּוילישער קאָנסול וואָס האָט אַמטירט אין מילאַן, באַטראַכטנדיק מיין פּאַס פעסט־געשטעלט: „יאָ, דער פּאַס איז אַ ריכטיקער, אָבער די פרוי איז אַ גע־פעלשטע״...

מיט אַ קורצער צייט פריִער איז אָפּגעפאָרן דורכן זעלבן וועג קיין ארץ־ישראל דער רעדאַקטאָר סוויסלאָצקי מיט זיין פרוי און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז ער וועט, נאָכן אַריבערקומען די איטאַליענישע גרענעץ, אונדז שרייבן צו „ס׳איז גוט פאַר יידן״... האָט ער טאַקע געהאַלטן וואָרט און אין גיכן איז אָנגעקומען פון אים אַ קאַרטל פון טריעסט, אַז די רייזע איז אַדורך אין בעסטן אָרדענונג, ווייל „אונדז, קאַטאָליקן, קאָן גאָרנישט געשען״.

דער דאָזיקער רמז איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אָבער דער פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן וואַרשע האָט אונדז געצווונגען ווייניקער צו טראַכטן און שנע־לער צו האַנדלען, בפרט אַז אונדזערע דאָקומענטן זענען געווען אין בעסטן אָרדענונג.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג האָט, דער עיקר ביי מיר, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּסיכאָז. עפּעס אַ שלימזל האָט מיך פאַרפאָלגט די גאַנצע צייט וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין מיט די דייטשן אין וואַרשע. ווי נאָר איך פלעג זיך באַווייזן אין גאַס, פלעג איך מיך תיכף אָנשטויסן אָן דייטשן און דערהערן זייער קלאַסישן: „קאָם־הער, קאָם־הער!״... אָט ווער איך

געכאַפּט אויף צוויי וואָכן אַרבעט אינעם „פּראָסקאַטי“־פּאַרק ביים חורבן וואַרשעווער סיים. כ׳האָב געשלעפּט קאַסטנס מיט שטיינער איבערן גליטשיקן אייז; כ׳בין געלאָפן אַרום גאָרטן אונטער קלעפּ און צום סוף האָב איך זיי צוריקגעבראַכט צום זעלבן אָרט, — אַ סאַדיסטישע דייטשע המצאה אויף נאָך מער אָפּצושוואַכן די נישט־דערגנערטע ייִדישע גופים. כ׳האָב געגראָבן קברים ביי דער מויער פון גאָרטן, בייגעוווינט עקזעקוציעס און פאַרשאָטן די צאַפּלענדיקע גופים פון די דערשאָסענע „שונאים און סאַבאָטאַזשניקעס“.

אַ געוויסן פאַרנאַכט לויף איך אַריבער די גאַס, כדי עפּעס צו קויפן און פאַל אַריין אין די לאַפּעס פון זעקס מונדירטע דייטשע באַנדיטן. זיי שלעפּן מיך אַריין אין אַ הויף. צוויי פון זיי בלייבן שטיין אויף שמירה פאַרן טויער, צוויי אינעווייניק פאַרן שטיבל פונעם הויזוועכטער און צוויי הייבן מיך אָן צו באַזוכן. איך וויל זיך פאַרענטפערן אַז איך האָב נישט קיין געלט, אַז איך בין אַן אַרבעטלאָזער שוישפּילער, באַקום איך אַ פּאַטש אין פּנים: „וואָס ביזטו, דרעק ביזטו, פאַרשטאַנען?“. פּלוצים דערזע איך ווי זיי ציִען מיר אַרויס פון טאַש מיין קאָנסולאַר־פּאַס מיט אַלע איבעריקע דאָקומענטן. דאָרט האָט זיך געפינען אַ באַשטעטיקונג פון דער קהילה, אַז איך האָב נישט געלאָזן אין וואַרשע קיין שום באַוועגלעך פאַרמעגן; באַשטעטיקונגען פון אַלע באַצירקן, אַז איך בין נישט שולדיק קיין שטייערן; אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש פון דער שטאָט וואַרשע — אַ באַזונדערע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַ באַזונדערע אַריבערצופאָרן די טשעכישע טעריטאָריע, דערנאָך די עסטרייכישע. מיט איין וואָרט, אַן אַ שיִער דאָקומענטן און באַשטעטיקונגען, וואָס דאָס פעלן פון איינעם קאָן מיר צונישט מאַכן די גאַנצע נסיעה.

און אָט זע איך ווי די אַלע דאָקומענטן פליִען אין דער לופטן און שפּרייטן זיך פונאַנדער איבערן שניי... ווען די דייטשן האָבן זיך אָפּגעטראָגן, האָב איך אין דער פינצטערניש קוים אָפּגעזוכט אַלע קאַליִרטע דאָקומענטן וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון שניי. נישט־טויט, נישט־לעבעדיק שטעל איך פעסט, אַהיימקומענדיק, אַז מיר פעלט די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן די שטאָט וואַרשע, אַ ווייס צעטל. איך לויף ווידער אַראָפּ

און מיט דער הילף פונעם הויזוועכטער, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן אויפ־ריכטיקן מיטגעפיל, געפין איך דעם טייערן דאָקומענט, אויף וועלכן דער רויטער טינט האָט זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצושווימען.

איך וועל דאָ נישט אויסשרייבן אַלע איינצלהייטן פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע אין וואַרשע. דאָס איז שוין גוט באַקאַנט דעם לייענער פון דער געטאָ־ליטעראַטור און פון די צופעליק־לעבנגעבליבענע.

מיין כוונה איז געווען צו באַקענען דעם לייענער מיטן מערקווירדיקן פאַל וואָס האָט מיך געטריבן אין 1937 צו פאַרלענגערן מיין קאָנסולאַר־פּאַס. וואָס־זשע איז עס געווען? אינסטינקט, וואָס האָט מיך נישט איין מאָל אָפּגעהיט אין שווערע פאַלן? אָדער — ווי מיין פאָטער וואָלט געווען גע־זאָגט — אַ נס?...

די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז שוין קומענדיק קיין איטאַליע, זאָל איך זיין געצוווּנגען צו פאַרשאַפן זיך אַ... קאַטוילישן געבוירן־שיין.

געשען איז עס אַזוי:

מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע מיט דער צווייטער קלאַס, באַ־קוועם און אָן שטערונגען. פאַר דער טשעכישער גרענעץ האָבן מיר, לויט די פאַרשריפטן, אָראָפּגעצויגן פון די אַרבל דעם ווייסן באַנד מיטן מגן־דוד און געפאָרן ווייטער אָן דער „ייִדן־אָפּצייכענונג“.

אין ווין זענען מיר איבערגעשטיגן אין אַ וואַגאָן וואָס גייט איבער טיראָל קיין איטאַליע. צו אונדז אין קופּע איז אַריין אַ ייִדיש פאָרפּאָלק פון דייטשלאַנד און אַ יונגערמאַן, וואָס קען מיך פון קראָקע. דאָס פאָר־פאָלק האָט געהאַט אַ וויזע קיין אַמעריקע. דער בחור — קיין בראַזיל, מיט צוגעשיקטע שיפקאַרטן פון זייערע קרובים. זיי האָבן אַלזאָ געהאַט רעכט זיך אָפּצושטעלן אין איטאַליע און וואַרטן אויף זייערע שיפן. מיר, ווי שוין דערמאָנט, האָבן זיך נישט געטאָרט אָפּשטעלן אין איטאַליע. פאַר דער איטאַליענישער גרענעץ קומט אַריין צו אונדז אין קופּע אַ באַאַמטער, נעמט צו ביי אַלע די פּעסער און פרעגט צו מיר זענען „העברעאָס“, ייִדן. מיינע שכנים האָבן נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן און נישט פאַרלייקנט זייער ייִדישקייט. אין לעצטן אויגנבליק האָב איך מיך דערמאָנט סוויסלאָצקיס רמז, אַז „אונדז, קאַטאָליקן, קאָן גאָרנישט געשען“. אַט נעמט דער באַ־

אַמטער אונדזער פּאַס און שטעלט די סטערעאָטיפּישע פראַגע: „העברע־אָס?״. איך האָב אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אין קעגנוואַרט פון ייִדן וואָס קענען מיך, צו פאַרלייקענען מיין ייִדישקייט, האָב איך געענט־פערט: „סי״ — יאָ. היות, ווי אויף די פּוילישע קאָנסולאַר־פּעסער פלעגט נישט זיין אָנגעגעבן די רעליגיע, ווי אויך נישט די נעמען פון די עלטערן, האָב איך מיך געטרייסט, אַז איך וועל קיין שום שוועריקייטן נישט האָבן.

אין מילאַן האָט אונדז אָפּגעוואַרט ד״ר אייגנגאָלד, וואָס האָט געהאָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ צימער אין אַ שטעטל, אַרום לאַגאָ די קאָמאָ, אַ שעה רייזע פון מילאַן. ס׳איז געזונטער — האָט ער געזאָגט — זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן אין דער גרויסער שטאָט.

ווען מיר האָבן איבערגעגעבן אייגנגאָלדן דעם עפּיזאָד מיט די פּעס־סער, איז ער געוואָרן בלאַס און ס׳האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— וואָס האָסטו געטאָן! האָסט פאַרקאָכט אַ קאַשע!

איך האָב אָבער נישט גענומען ערנסט דעם פאַל, ווייל, סוף־כל־סוף, האָט זיך דאָך דער באַאַמטער געקאָנט טועה זיין און פאַרבייטן די פּעסער אין די הענט.

אויפן וועג קיין בלעוויאָ — דעם קוראָרט־שטעטל ווו אייגנגאָלד האָט געוווינט — האָט ער מיר דערציילט, אַז ווען ער האָט באַשטעלט פאַר אונדז אַ צימער אינעם זעלבן האָטעל, האָט אים דער באַלעבאָס, סעניאָר אַנטאָ־ניאָ, געפרעגט צי זיינע פריינד, דאָס הייסט מיר, זענען נישט, חלילה, קיין ייִדן... אייגנגאָלד האָט אים פאַרזיכערט, אַז מיר זענען נישט נאָר נישט קיין ייִדן, נאָר „ריינבלוטיקע״ אַריער. האָט אונדז טאַקע דער סעניאָר אַנ־טאָניאָ איינגעמאָלדן ווי אַריער.

ווי געזאָגט, האָב איך נישט גענומען ערנסט דעם דאָזיקן ענין און בין צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע, שווערע חדשים פון שלאָפלאָזיקייט דורכגע־שלאָפן דריי נעכט ווי אונטער נאַרקאָז. די שווייצער בערג פון קעגנאיבער, די רויִקייט, די פרישע לופט האָבן מיך ממש פאַרכישופט.

אויפן דריטן טאָג, שטייענדיק פאַר אונדזער האָטעל, זע איך דער־נענטערן זיך צוויי קאַראַבינעראָס. — „דאָס איז צו מיר״ — האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ. אייגנגאָלד באַמיט זיך מיך צו באַרויִקן: — וואָס

מיינסטו, ביסט ביי די דייטשן? דאָ האָסטו זיך נישט צו שרעקן פאַר אַ פאַרבייגייענדיקן פּאָליציאַנט.

מיין אינסטינקט האָט מיך דאָס מאָל אויך נישט גענאַרט. אין אַ ווייל אַרום איז סעניאָר אַנטאָניאָ אַרויסגעקומען מיטביידע קאַראַבינעראָס און געמאָלדן, אַז איך ווער אַרויסגעפאָדערט קיין קאָמאָ, צום קוועסטאָר.

און אָט האָבן זיך באַנייט מיינע שלאָפלאָזע נעכט פון וואַרשע. די שווייצער בערג האָבן פאַרלוירן דעם רייץ אין מיינע אויגן, די לופט איז געוואָרן שווער, שטיקנדיק. איך בין געוואָרן באַהערשט פון אַ פּחד צו־ריקגעשיקט צו ווערן קיין פּוילן. ס׳האָבן מיך טעראָריזירט די פאָלגן פון מיין האַנדלונג ביי דער גרענעץ.

די פּראָצעדור, מיט וועלכער ס׳איז געווען פאַרבונדן דאָס באַטרעטן די איטאַליענישע גרענעץ איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע. פון דער גרענעץ־פּאָליציי פלעגן צעשיקט ווערן מעלדונגען צו אַלע קוועסטאָרן, דאָס הייסט, צו די צענטראַל־קרייזן, אַז אין דעם און דעם טאָג איז אָנגעקומען אין לאַנד דער און דער ייִד. אין דער זעלבער צייט קומען אָן צו יעדן קוועסטאָר מעלדונגען פון די קלענערע ערטער וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין זיין קרייז, וועגן אַלע אויסלענדער וואָס זענען אַהין אָנגעקומען.

ווי באַקאַנט, איז מיין פאַרבלייבן אין איטאַליע געווען פאַרוועדט צוליב מיין ייִדישן אַפּשטאַם. און אָט קומט אָן פון מיין האָטעל אַ מעלדונג אין דער קוועסטור וועגן אָנקומען אין לאַנד פון די צוויי פּוילישע אַריער זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו. אין דער קאַרטאָטעקע טרעפן זיך די דאָזיקע צוויי נעמען צונויף מיט ענלעכע נעמען פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. ס׳איז אַלזאָ באַגאַנגען געוואָרן אַ טאָפּלטער פאַרברעכן: דאָס פאַרהאַלטן זיך אין לאַנד אָן אַ דערלויבעניש און דאָס אָפּנאַרן די מאַכט. אונדזער גורל ליגט אין די הענט פון קוועסטאָר. צום גליק האָט ער זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ מיטפילנדיקער, גוטהאַרציקער מענטש. ער גיט מיר צייט אויף צוצושטעלן מיין געבורטשיין פון וואַרשע מיט אַ באַשטעטיקונג פון דער „פּאַראַפיע״, אַז איך בין געבוירן אַ קריסט. איך האָב אים צוגעזאָגט תיכף אַהיימצו־שרייבן און ביז וואָס־ווען באַקום איך אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין לאַנד. אויב איך וועל אַזאַ דאָקומענט נישט צושטעלן, שטייט אונדז פאָר צוריק־

געשיקט צו ווערן קיין פּוילן, אָדער אין אַן איטאַליענישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז מיר איז מער געווען צום האַרצן די צווייטע מעגלעכקייט.

פאַר דער צייט האָט מיר מיין ברודער מאַרק טעלעגראַפירט פון בוענאָס־איירעס אַ דאַטע און אַ נאָמען פון אַ שיף, וואָס דאַרף אונדז כלומרשט ברענגען קיין אַרגענטינע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ טעלעגראַמע קאָן כש...ן אונדז, ער צייטווייליקן אויפהאַלט אין איטאַליע, הגם ער האָט נישט געזען קיין באַלדיקע מעגלעכקייט צו באַקומען די אַרגענטינער וויזעס פאַר אונדז, האָט ער אָבער געפילט אַז זיין טעלעגראַמע קאָן אונדז דינען ווי אַ וויכטיקער דאָקומענט. זיין אינסטינקט האָט אים טאַקע נישט גענאַרט.

גלייכצייטיק האָט מיר אַ קראָקעווער אַדוואָקאַט, אַ נאָענטער מענטש צום פּוילישן קאָנסולאַט אין מילאַן פאַר אַ פאַרהעלטעניסמעסיק קליינער סומע צוגעשטעלט דעם דאָקומענט, וועלכן איך האָב כלומרשט דערוואָרט פון וואַרשע. דאָס איז געווען „אַ געבוירנשיין", אַרויסגעגעבן „אויפן סמך פון די מעטריקע־ביכער פון דער רוימיש־קאַטוילישער פּאַראַפיע אויפן נאָמען פון „דערלייזער" פאַר זיגמונט טורקאָוו בן מיקאַליי טורקאָוו און גענאָוועפאַ, געב' גלאַגאָווסקאַ"...

אַזוי אַרום האָט מיר דער אומשולדיקער „סי" ביי דער גרענעץ פאַרוואַנדלט אין אַ רוימיש־קאַטוילישן אַריער און פאַרשפּאָרט אַזוי פיל האַרצווייטיק און שרעק.

דערצו איז מיר נאָך אָנגעקומען די ידיעה וועגן מיין פאָטערס טויט אין וואַרשע. יאַנאָס מיט די שוועסטער האָבן אים פאַרן טויט אַרויסגענומען פון שפּיטאָל און ער האָט זוכה געווען צו שטאַרבן אין זיין אייגענעם בעט. אויך זיין געביין האָט זוכה געווען צו רוען אויפן וואַרשעווער בית־עולם, נישט ווייט פון די קברים פון אונדזער מאַמען און אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

די ידיעה האָב איך צופעליק געלייענט אין אַ פּאָסטקאַרטל וואָס איז אָנגעקומען צו ד"ר אייגנגאָלד פון דודל העלפמאַן.

***

נישט פאַרפילנדיק דאָס אַלץ, וואָס מיר שטייט פאַר אין דער צוקונפט, האָט מיך, ווי געזאָגט, דער אינסטינקט מיט דריי יאָר פריִער געטריבן צו באַגייען מיין קאָנסולאַר־פּאַס.

אַדאַנק דעם האָב איך נאָך אַ מאָל באַזוכט ריגע און קאָוונע, וועלכע האָבן מיר אויך דאָס מאָל צוגעטיילט ביים דערפאַרונגען און איבערלע־בונגען.

אין קאָוונע — די צוזאַמענאַרבעט מיט מיין אַלטן חבר פּאַלאַקאָוו און די באַגעגעניש מיט דער „הבימה“, וועלכע האָט זיך דאַן ווידער גע־פינען אויף אַ טורניי איבער אייראָפּע.

פאַרן פאָרן קיין ריגע, האָב איך צוגעגרייט אייניקע נייע פּיעסן, ווי קאַציזנעס „שוואַרצבאָרד“ און די מוזיקאַלישע אויפפירונגען „די כישוף־מאַכערין“, און „די בלאָנדזשענדיקע שטערן“.

32

דאָס שוואַנען־ליד

אָט בין איך שוין ווידער אין פּוילן. פאַר דער פאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט האָט זיך דאָרט אַ סך געענדערט.

שווערע וואָלקנס הענגען איבערן לאַנד. דעזאָריענטאַציע, אומזיכער־קייט מיטן מאָרגן, אומזיכערקייט מיט די כוונות פון די גרויסע שכנים. עפּעס גרייט זיך אין די הויכע פענצטער, עפּעס דערנענטערט זיך, לאַנגזאַם, — אָבער זיכער.

די פּוילישע באַפעלקערונג האָט געהאַפּט אויפצונעמען דאָס אומפאַר־מיידלעכע ווי באַלעבאַטים וואָס זענען גרייט צו פאַרטיידיקן זייער היים און זייערע רעכט אויף איר. מיר זענען געוואָרן איזאָלירט פון די דאָזיקע רעכט און געשטעלט אין אַ לאַגע פון אַן אומגעוווּנטשענעם, פרעמדן עלע־מענט, וואָס איז — ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט אויסזען — אַ שטערונג ביים פאַרטיידיקן דאָס לאַנד... זוכנדיק אַ כפּרה אויף צו פאַרענטפערן די אומ־

פאַראַנטוואָרטלעכע, שלימזלדיקע אויסערן־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, האָט מען זיך באַמיט אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק אויף די אייביק־און אין־אַלעם־שולדיקע ייִדן. איבעריקנס, איז עס דער רעגירונג גישט שווער אָנגעקומען.

איך האָב דערפילט אין זיך אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. אַ היפּוך צו דעם, וואָס איך האָב געפילט אין אויסלאַנד — אַ פאַרלאַנג צו זיין וואָס ווייטער פון פּוילן. אָט האָב איך דאָך אַ קאָנסולאַר־פּאַס, אָט קאָן איך דאָך גיין אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד, פאַרלאָזן דעם צעברויזטן ווולקאַן און זיך אַריבערקלייבן אין די נישט־באַדראָעטע אַמעריקאַנער לענדער. פאַר־וואָס טו איך עס נישט? אויף וואָס וואַרט איך? וואָס בינדט מיך צו דער דאָזיקער ערד, וואָס וויל מיך נישט צוטוליען צו זיך; צו דער בייזער שטיף־מאַמע, וואָס וואַרפט מיר כסדר פאָר אַז איך בין אַ ממזר?

און אָט האָב איך אַן איבעריק מאָל דערפילט די צוגעבינדנקייט צו מיינע מאַסן, מיט וועלכע מיר האָבן צענדליגער יאָרן געטיילט פרייד און לייד, פאַר וועלכע איך האָב געחלומט חלומות, געשוועבט פון די העכסטע הייכן ביז די טיפסטע אָפּגרונטן; פון וועלכע איך האָב באַקומען דעם שענסטן און רייכסטן לוין וואָס אַן אַרטיסט קאָן זיך ווינטשן: די ליבע פון פאָלק.

וועל איך עס איצט, אין אַן עת־צרה, פאַרלאָזן? ערשט איצט האָב איך אויף ס׳ניי דערפילט די וויכטיקייט פון מיין באַרוף, די גרויסע שליחות וואָס ס׳שטייט אים פאָר אין דער דאָזיקער גורלדיקער שעה.

פון איין זייט דעפּרעסיע פון די „איינגעזעסענע", פון דער אַנדערער זייט — יאוש פון פּליטים. זעסט זיי אָפּט אין אינסטיטוציעס, פאַרשעמטע, צוזאַמענגעבראָכענע, אויסגעוואָרצלטע, „געוועזענע".

אַ נישט־באַקאַנטער פּונקט אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע: „זבאָנ־שין" איז מיט אַ מאָל געוואָרן באַרימט אַלס „קיינעמס לאַנד". אָט דער־וויס איך זיך, אַז דאָרט געפינט זיך דער באַקאַנטער רומעניש־אונגאַרישער טעאַטער־דירעקטאָר משה זיגלער מיט זיין פאַמיליע. אויך דער דאָזיקער בלאָנדזשענדיקער שטערן, דער ערלעכער און פון אַלעמען באַליבטער חבר, וואָס האָט ביז היטלערן געשפּילט אין ווין, דאַרף אויף דער עלטער פאַר־לירן זיין מענטשנרעכט און ווערן אַ פּליט אין קיינעמס־לאַנד.

האָט אַ ייִדישער אַרטיסט די מאָראַלישע רעכט זיך אָפּצוטיילן אין אַזאַ צייט פון זיינע חברים, פון זיין עולם און דעזערטירן, כדי צו ראַטעווען ס'אייגענע בינטל ביינער?

די צייט פאָדערט אָבער אַ ניי וואָרט. אַנשטאָט קאַמף פון שטאַנדן, קאַמף פון קלאַסן, וואָס איז געווען אַקטועל אין דער „נאָרמאַלער" פאַר־היטלער־צייט, דאַרף דאָס טעאַטער אַרויסקומען מיט נייער טעמאַטיק. מיט אַ וואָרט וואָס זאָל שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, צעמענטירן אַלע קלאַסן און שטאַנדן אין איין געמיינזאַמען כוח, וואָס זאָל זיך קאָנען אַנט־קעגנשטעלן דער בעסטיע וואָס לויערט אויף זיין קיום.

מע דאַרף באַנייען דעם „וויקט", ממשיך זיין זיין טראַדיציע פון שטיין אין דינסט פון באַדראָעטן פאָלק, ווי אַ מאָל, ביי זיינע עקאָנאָמישע ראַנג־לעניש און קאַמפן.

איך האָב מיך מיט פרישער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון זוכן פאַסיקן רעפּערטואַר, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער צייט, אָרגאַני־זירן אַ טרופּע וואָס זאָל אין אַלע הינזיכטן זיך פּאַסן פאַר אַזאַ מיסיע און אויסזוכן די געהעריקע שטאָט אויף אָנצוהייבן אונדזער נייעם טעאַטער־עטאַפּ.

ס'איז פאַר מיר ניט געווען קיין צוויי מיינונגען, אַז אַזאַ טעאַטער דאַרף שעפּן יניקה פון גאָלדפאַדן, און דווקא פון זיינע היסטאָרישע אָפּערעטן.

אין מיינס אַן אויפרוף וועגן דער באַנייונג פון „וויקט", וואָס איז דעמאָלט דערשינען, מאָטיוויר איך עס, צווישן אַנדערן, אָט ווי אַזוי:

„מיר דאַרפן איצט אַרויסקומען מיט מוסטערן פון דער פּאָזי־טיווער זייט פון ייִדיש לעבן, שאַפן און געשיכטע.

מיר דאַרפן מיט ביישפּילן פון אונדזער ווייטער פאַרגאַנגענ־הייט באַווייזן, אַז מיר זענען אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך ווייט פאַר קריסטוסעס געבורט געפּרעדיקט מענטשנליבע, ליבע צו אַרבעט, צו־געבונדנקייט צו ערד, פון וועלכער מיר זענען מיט דער צייט אַרויס־געשטויסן און דערווייטערט געוואָרן און אויף וועלכער מיר האָבן רעכט נישט ווייניקער פון די, וואָס באַשולדיקן אונדז אין זיין אַ פאָלק פון שטאָט־פּאַראַזיטן און וווכערער.

אָט די אַלע מאָמענטן האָבן מיר זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען אין „שולמית", וועלכע מיר טרעטן איצט צו רעפּעטירן.

פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט: יידישע פֿאַרגאַנגענהייט, יידיש לעבן נישט פֿון די נאַלעוואָקעס אָדער אונטערוועלט, — נאָר אונ־דזערע אורעלטערן אַלס פּאַסטעכער, נאַטורמענטשן, וואָס ווייסן ווי צו געניסן און באַוואונדערן די שיינקייט פֿון דער נאַטור; וועלכע קאָנען אויף אַזאַ שיינעם אופֿן ליב האָבן זייער ערד, זייערע טשע־רעדעס...

מיר ווייזן אַ יידיש טעאַטער־שטיק, וואָס האָט אין זיך פֿרעכ־טיקע מוסטערן פֿון דערהויבענער מענטשלעכער עטיק; אַ טעאַטער־שטיק וואָס פֿאַרמאָגט דעם שטאַרקסטן עלעמענט פֿון אַלטגריכישער און שעקספּיריאַנער טראַגעדיע: פֿאַטום, דעם אצבע אלהים, וואָס שטראָפֿט אומברחמנותדיק פֿאַר באַגאַנגענע זינד, אָבער פֿאַרמאָגט גלייכצייטיק דעם עלעמענט פֿון יידישער עטיק: מחילה פֿאַרן בעל־תשובה, — צו וואָס עס דערגרייכט נישט די אַלטגריכישע און שעקס־פּיריאַנער מענטאַליטעט".

וועגן דער ווירקונג און נויטווענדיקייט פֿון גאָלדפֿאַדנס היסטאָרישע אָפּערעטן און וועגן די פּאָזיטיווע ווערטן וואָס איך האָב מיך באַמיט אַרויס־צוברענגען אין מיין באַאַרבעטונג פֿון „שולמית", דערמאָן איך אין דעם זעלבן אויפֿרוף:

„ביי אומשטענדן, וועלכע פֿאַרווערן צו וועקן פּראָטעסט און אויפֿברויז, זאָל קומען אַ ניגון אַנשטאָט דעפּרעסיע און פֿאַרצווייפֿ־לונג.

די מעגלעכקייטן פֿאַר אַלזייטיקער אַקטיאָרישער שפּיל, פֿאַר אָריגינעלער דעקאָראַטיווער לייזונג, רייכע ליכט־קאָמבינאַציעס, פֿאַרביקע גרופּן־בילדער, מעלאָדישע, פֿאָלקסטימלעכע מוזיק, עקס־פּרעסיווע טענץ, — גיט אומגעהייער דאַנקבאַרן מאַטעריאַל אויף צו שאַפֿן אַ גראַנדיעזן יידישן ספּעקטאַקל, וואָס זאָל פֿאַרכאַפּן, באַ־לערנען, באַרויקן און דערפֿרישן דעם צושויער און מאַכן יום־טוב־דיק די אַרבעט פֿון אַקטיאָר."

כדי זיך באַצייטנס צוצוגרייטן צום סעזאָן, האָט מיין צוקונפטיקער אַדמיניסטראַטאָר פון „וויקט“, יצחק זיגער, אָרגאַניזירט מיינס אַ טורנײ מיט אַ דרייפּערזאָניקער פּיעסע, באַאַרבעט פון מיין ברודער יצחק אַ״נ „סאָדות פון דער גרויסער שטאָט“. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט מיין אַלטער וויקטלער יעקב מאַנדעלבליט און זיין שיינע, טאַלענטירטע פרוי פּעפּי אוריך, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטער לעמבערגער טעאַטער־מישפּחה.

במשך פונעם טורנײ האָב איך פּאַרטיק געמאַכט מיין באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדנס „שולמית“, און אַנגאַזשירט דעם אַנסאַמבל.

מיר האָבן אָנגעהויבן אין לעמבערגער שיינעם „קאָלאָסעום“־טעאַטער. ביז מיר האָבן באַוויזן צוצוגרייטן אונדזער „שולמית“, האָבן מיר באַנייט אייניקע געשפּילטע פּיעסן און פונעם ערשטן אויפטריט זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיע פון אַלע קרייזן פון דער לעמבערגער געזעלשאַפט. אַ סך פּרעסטיזש האָט אונדז צוגעגעבן דער פּראָטעקטאָראַט פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט בראָש מיט ד״ר לייב לאַנדוי און די סובווענץ וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער לעמבערגער קהילה. מיר האָבן אויך באַקומען מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פונעם אַרטיסטן־פאַראיין און, צום ערשטן מאָל אין דער טעאַטער־געשיכטע, פון די באַלעבאַטים פון טעאַטער, די גימפּעלס און יאָלעס.

אויב איך האָב געהאַט שטערונגען אין מיין אַרבעט, איז עס געווען דווקא מצד אייניקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געזען אַ צו גרויסע ריזיקע איינעם אַנגאַזשירן אַפּערן־אַרטיסטן, אַ כאָר, באַלעט און אָרקעסטער. ביי יעדער געלעגנהייט האָט מען מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אין לעמבערג קען קינד און קייט „שולמית“; מ׳האָט מיר אויסגערעכנט וועד ס׳האָט אַלץ געזונגען די דאָזיקע פּאַרטיע און דאָ — פּלוצים — עפּעס אַן אומבאַקאַנטע יונגע ליטוואַטשקע...

ערשט נאָך דער ערשטער אודיציע פון לובאַ לעוויצקאַ מיט אַ פּראָגראַם פון איטאַליענישע אָפּערן־אַריעס אינעם פּוילישן ראַדיאָ, האָבן זיך די געמיטער באַרויִקט און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס אייז איז געבראָכן.

וועגן דעם דערפאָלג פון אונדזער „שולמית“־אויפפירונג זאָלן עדות זאָגן די אויסצוגן פון ישראל אַשענדאָרפס אַן אַרטיקל אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ פון 6טן יאַנואַר 1939.

..."אַלע זענען געווען פול מיט דערוואַרטונג. מ'האָט געוווּסט, אַז טורקאָוו האָט זיך פאַרמאָסטן איבער די כּוחות, אַז ער האָט גע־האַט אויסצושטיין און צו קעמפן מיט אַ סך קעגנער. ער האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן ביי זיינעם...

...ביז מיר זענען געקומען, געזען די פּרעמיערע און אויסגע־שריגן: דאָס איז עס! לייכטער איז יעדן געוואָרן אויפן האַרצן. און ווער איז אַלץ נישט געקומען? עס זענען געקומען מענטשן, וואָס מע פלעגט זיי קיין מאָל נישט זען אין יידישן טעאַטער, זייער אַ סך פון די אַסימילירטע קרייזן און פון דער אינטעליגענץ. עס זענען אויך געקומען אַזעלכע, וואָס פלעגן אַ מאָל באַזוכן דאָס טעאַטער און אויפגעהערט. די אַלטע טעאַטער־גייער האָב איך דערקענט אין דעם, ווייל זיי האָבן אין דער שטיל נאָכגעזונגען די ניגונים מיט שיינענדיקע פּנימער, גלייך זיי וואָלטן פּלוצים באַגעגנט אַלטע גוטע באַקאַנטע פון די קינדעריאָרן. דער עולם האָט ביי יעדן בילד, נאָך איידער מ'האָט אַראָפּגעלאָזן דעם פאַרהאַנג, אויפגעבּרויזט מיט אַפּלאָדיסמענטן.

...שלמה פּריזאַמענט האָט מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט און ליב־שאַפט באַאַרבעט די מוזיק. ער האָט געשאַפן אינטערמעצאָס, אַ טייל מעלאָדיעס קאָמבינירט מיט זיינע, אַ טייל ריטמיזירט און צוגע־פּאַסט אויף טענץ. ער האָט אַ גרויסן חלק אין דערפאָלג פון דער אויפפירונג.

פריץ קליינמאַן האָט זיך באַנוצט מיטן סטאַטישן, רעליעפאַר־טיקן אין דער פאָרעם און דינאַמיש־בונטן אין קאָליר. ער האָט זיך גלייכצייטיק באַמיט וואָס מער צו געבן די דעקאָראַציעס און קאָס־טיומען אַן אַרכאַישער פאָרעם. בלי־ספק זענען זיי די געלונגענסטע וואָס ער האָט ביז איצט געמאַכט.

פרוי בעלאַ קאַץ האָט, ביי דער אומבאַקאַנטשאַפט פון עכטע יידישע אַמאָליקע טענץ, גענומען פון די שכנותדיקע פעלקער אַרום ארץ־ישראל. די טענץ פון איר באַלעט און פון די איבעריקע בכלל מאַכן די פאָרשטעלונג אַ סך רייכער און שענער.

זאָלן אויך צום גוטן דערמאָנט ווערן דער פּעיִקער קאַפּעלמייס־טער ס. ראָזענגאַרט און די טאַלענטירטע פרוי שטרענג.

דער דערפאָלג פון „שולמית" איז אָבער קודם־כל ז. טורקאָווס אייגענער דערפאָלג. ער האָט נישט קיין ראָל אין דער אויפפירונג. זיין ראָל איז אָבער באַשטאַנען אין צוגרייטן און מאָנטירן דעם ספּעקטאַקל. ער איז געווען דער, וואָס האָט באַאַרבעט דעם טעקסט, רעזשיסירט, מיטגעהאָלפןביים פּראָיעקטירן די דעקאָראַציעס און טענץ. איצט איז ער דער, וואָס דיריגירט מיט דאָס שפּילן (אַז מע דאַרף העלפט ער אַפילו טראָגן די דעקאָראַציעס...) נאָך אַ מאָל ביי „לא תחמוד" איז ער געווען דער ערשטער צו באַנייען דעם גאָלד־פאַדן־רעפּערטואַר. איצט האָט ער זיינע פּלענער דערפירט צו דער סאַמע פונאַנדערבליִונג: עס זאָגן עדות די „שולמית"־אויפפירונג און די פּאַרמעסטונגען מיט „בר־כוכבא" און דעם ספּעקטאַקל „די בראָדער זינגער" אויף להבא."

אין זעלבן גייסט האָט אויפגענומען די פאַרשטעלונג די גאַנצע ייִדי־שע פּרעסע.

דער דערפאָלג פון „שולמית" האָט אין אַלע הינזיכטן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. די אַבערגלויבערישע אַקטיאָרן האָבן אַפילו „פאַרויס־געזען" דעם דאָזיקן דערפאָלג אין דער שריפה, וואָס איז פאָרגעקומען היג־טער דער בינע אין טאָג פון דער פּרעמיערע. אַדאַנק מיין היפּערפּינקטלעכ־קייט איז אונדז געלינגען צו פאַרלעשן די שריפה און אָפּצוראַטעווען די דעקאָראַציעס. ווי תמיד פאַר אַ פּרעמיערע, בין איך געקומען אין טעאַטער אַ לאַנגע צייט פאַרן אָנהייב, ווען ס'איז נאָך דאָרט קיינער נישט געווען און האָב באַמערקט די שריפה, וואָס מ'האָט באַצייטנס פאַרלאָשן. צום גליק זענען נאָך די פייערלעשער נישט געווען אין טעאַטער, אין פאַרקערטן פאַל, וואָלט מען אים פאַרחתמעט און אונדזער „שולמית" וואָלט נישט באַ־קומען איר תיקון.

די ידיעות וועגן דערפאָלג פון „שולמית" זענען זיך בליץ־שנעל צע־גאַנגען איבערן לאַנד און אַפילו אין אויסלאַנד. מיר האָבן באַקומען אַ פאַר־שלאָג פון אַ טורנֵיי איבער אייניקע מערב־אייראָפּעיִשע לענדער מיטן גאַנצן

טעאַטער און ראַשעל בערגער איז אַפילו ספּעציעל געקומען פון קאָוונע אונדז אָראַפּצונעמען אַהין.

די נאָענטע צוקונפט האָט אָבער געוואָלט אַנדערש.

**
*

פאַר דער צווייטער פּרעמיערע האָב איך פאַרטראַכט אין ראַמען פון אַ מאָדערנעם טעאַטער ספּעקטאַקל אַ בופאָנאַדע פון קלאַנג, פאַרב און באַוועגונג.

אין דער אינסצעניזאַציע פון די „בראָדער זינגער" האָב איך מיך באַמיט אַרויסצוברענגען דעם היסטאָרישן אויפקום פון פאַרן־גאָלדפאַדן־טעאַטער, אַריינפלעכטן גאָלדפאַדנס אויפשטייג און די לעצטע אַקאָרדן פון זיינע פאַרגייער, די „בראָדער".

געטריי צו די דאָזיקע טראַדיציעס האָב איך טאַקע געשפּילט די ראָל פון אַן אַלטער באָבע. ווי לייב לאַנדוי האָט אויף אַ באַנקעט זיך געוויצלט, האָב איך געשלאָגן דעם רעקאָרד פון „ווייבלעכקייט" צווישן אונדזערע אַקטריסעס...

דעם טעקסט פון דער פּיעסע האָט דער דיכטער אַשנדאָרף קאָמפּאָנירט פון פראַגמענטן פון גאָלדפאַדן־פּיעסן: „ניבע־נימע ני קוקוריקו" און פון זיין „דיבוק", אַריינגעפירט אין זיי דועטן און „סצענעס" פון די „בראָדער", צוגעבנדיק דער אַקציע אַ הומאָרפולן, געזעלשאַפטלעכן בייטאָן, אַ ירושה פון גאָלדפאַדנס קאַמף קעגן פאַנאַטיזם, דעם קאַמף פון די „דאַטשן, די ימח־שמוניקעס" מיט די כשרה „גאָטס קאָזאַקן". דערביי ווערן אויפגעלעבט אויף דער בינע אייניקע אויטענטישע בראָדער, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין זכרון פון דער לעמבערגער אַלטער טעאַטער־גוואַרדיע, ווי, די פּאָפּולערע סאָלטשע און אברהמל בראָדער.

שלמה פּריזאַמענט, אַליין פון „בראָדער"־אָפּשטאַם, האָט אַריינגעבראַכט מיט זיין מוזיק אַ שלל פאָלקסטימלעכקייט, סטיל און קאָלאָריט. ער האָט טאַקע געהאַט אַ גרויסן חלק אינעם דערפאָלג פון די „בראָדער זינגער". נישט וויניקער האָט ביי געטראָגן פריץ קליינמאַן מיט זיינע פּראָיעקטן פון דער אויסשטאַטונג, אין וועלכער דער קינסטלער פּראָפ. זיג־

מונט באַלק האָט אויפגעלעבט אויף אַ הומאָרפולן, גראָטעסקן אופן דאָס אַלטע גאַליציאַנער שטעטל.

די לעבעדיקע כאַראַקטער, שטייגער און „פאַנטאַסטישע" טענץ פון פרוי בעלאַ קאַץ האָבן דערגאַנצט די יידישלעכע ווײַנקעלער־בופאַנאַדע און אַרויסגעבראַכט די גײַטיקע שטימונג פונעם אַמאָליקן ווײַנקעלער, דעם גראָטעסק פון רבינס הויף און זאָרגלאָזיקייט פון דער יוגנט.

אַלע „וויקט"־אַקטיאָרן זענען געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך און געשאַפן אַ מוסטער פון קאָמעדיאַ־דעל־אַרטע־לײַכטקייט, אַ שאַמפּאַניע צעזונגענקייט אין יידישן נוסח.

איך שטעל זיך נישט אָפּ אויף די קרעאַציעס פון יעדן וויקט־שפּילער באַזונדער. מיר איז שוין נישט איין מאָל אויסגעקומען זיי צו דערמאָנען. איך וויל אָבער ווידמען אייניקע שורות אַ הויכטאַלענטירטן אַקטיאָר, וואָס האָט דעם ערשטן סעזאָן געשפּילט מיט מיר. ליידער איז עס געווען דער לעצטער יידישער טעאַטער־סעזאָן אינעם פאַרמילחמהדיקן פּוילן. דער נאָמען פון דאָזיקן אַקטיאָר איז שמחה נאַטאַן.

איך האָב אים געדענקט פון דער ערשטער דײַטשער אָקופּאַציע ווי אַ סופליאָר אין יידישן טעאַטער. פון פאַך אַ בוכהאַלטער, איז ער געווען פאַררעכנט אין דער אַקטיאָרישער מישפּחה ווי דער „אוטשאָני־יעווריי", וואָס קאָן פירן די חשבונות, שרײַבן בקשות צו דער מאַכט און „דערלאַנגען אַ וואָרט" פון סופלאָר־קאַסטן.

מיט דער צײַט זענען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען, אַז נאַטאַן האָט אָנגעהויבן שפּילן און איז, להיפּוך צו אַנדערע סופלאָרן, אַ גוטער אַקטיאָר און אָט, ביים סוף פונעם יידישן טעאַטער אין פּוילן, איז מיר געווען באַשערט מיטצואַרבעטן מיטן דאָזיקן פּולבלוטיקן, זאַפטיקן און פאַרשידנאַרטיקן אַקטיאָר. ער האָט טאַקע געשאַפן אַ ריי גלענצנדיקע כאַראַקטער־טיפּן אין אונדזער רעפּערטואַר און דער עיקר זיך אויסגעצייכנט אין די „בראָדער זינגער" ווי דעם רבינס גבאי. אויב די בראָדער זינגער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער בופאַנאַדישער לײַכטקייט און פאַרביקן כאַראַקטער־שפּיל, האָט שמחה נאַטאַן פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דאָזיקן קאָנצערט. אויך זײַן פרוי, נעמי נאַטאַן, האָט אַרײַנגעבראַכט אַ סך פאָלקס־

טימלעכן הומאָר און נישט געקינצלטער לייכטקייט מיט איר באַלעבאָסטע פון שענק.

ווען מיר זענען צוגעטראָטן רעפּעטירן אונדזער דריטן גרויסן מוזי־קאַלישן ספּעקטאַקל „בר־כוכבא", האָב איך, זייענדיק פריי אין „שולמית" גערעכנט צו שפּילן אין אים די ראָל פון „פּאַפּוס". ביים אָנהייב פון די רעפּעטיציעס ווענדט זיך צו מיר נאַטאַן מיט דער בקשה צו לאָזן אים דוב־לירן מיט מיר די ראָל.

איך האָב אים נישט נאָר צוליב געטון, נאָר טאַקע אין גאַנצן אים אָפּגעטראָטן די ראָל. אַקטיאָרן האָבן מיר געהאַלטן פאַר חסור־דעה:

— ס'טייטש, אַזאַ ראָל! אָוועקצוגעבן אַזאַ ראָל!

איך אָבער האָב אַזוי אַרום אויסגעדריקט נאַטאַנען מיין צוטרוי צו אים און אָנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען.

זיין רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג פון „בר־כוכבא" אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער הייבט א. גורשטיין אָן מיט פאַלגנדיקער פעסטשטעלונג:

„דער דיכטער ש. האַלקין, דער פאַרפאַסער פון „בר־כוכבא" האָט פריִער פון אַלץ באַפרייט בר־כוכבאן פון די נאַציאָנאַליסטישע קייטן.

...אין פאַרגלייך מיט אַ גאָלדפאַדנס „בר־כוכבא" האָט האַלקין באַשאַפן אין גאַנצן אַ נייע פּיעסע, אָבער ער איז געבליבן פון דעסט־וועגן אין אַ געוויסער מאָס צוגעבונדן צו דער סכעמע פון גאָלד־פאַדנס מעלאָדראַמע אין פּרט פון פאַבולע. דאָס האָט געווירקט אויף אַ באַגרענעצנדיקן און פאַרשמעלערנדיקן אופן.

...די אונטערשטע שורה: ביי אַלע חסרונות איז דער בר־כוכ־באַ־ספּעקטאַקל אַ שיינער און אַ פרישער. דער ספּעקטאַקל רופט צום קאַמף און צו מוט, ער דערמאָנט וועגן דעם הערא:זם, וואָס לעבט שטענדיק אין די טיפענישן פון פאָלק."

פאַרגלייכנדיק דעם אָנהייב פון דער רעצענזיע מיט איר סוף, געפי־נען מיר אַ שטאַרקע סתירה אין די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. ווי מיר שיינט, נעמט זיך די סתירה צוליבן פעלן פון אַן אידייִשן חוט־השדרה,

אָדער, בעסער געזאָגט, צוליב דער אָנוועזנהייט פון אַ פאַרגעשריבענעם רעצעפּט אויף אַרויסצוברענגען „נאַציאָנאַלן העראָיזם", באַפרייענדיק אים פון „נאַציאָנאַליסטישע קייטן". דאָס איז טאַקע געווען די סיבה וואָס די פאָרשטעלונג האָט געווירקט אויף אַ „באַגרענעצטן און פאַרשמעלערנדיקן אופן" און נישט, ווי דער רעצענזענט וויל אונדז איינרעדן, צוליב איר צו־געבונדנקייט צו דער „סכעמע פון גאָלדפאַדנס מעלאָדראַמע אין פרט פון פאַבולע".

ווען מע וויל פון „איוואַן גראָזני" מאַכן אַ צדיק, פון כמעלניצקי — אַן אידעאַליסט און פון בר־כוכבא אַ קלאַסנקעמפער, קאָן עס נישט ווירקן אַנדערש, ווי אויף אַ באַגרענעצטן און פאַרשמעלערנדיקן אופן. אויב... נישט נאָך ערגער.

ישראל אַשענדאָרף האָט אָבער אין זיין ווערסיע, וואָס מיר האָבן געשפּילט, באַפרייט גאָלדפאַדנס טעקסט פון זיין נאַיווּן, מעלאָדראַמאַטישן עלעמענט, ווייל ער האָט געקאָנט, להיפּוך צו דער מאָסקווער אויפפירונג, אַרויסהייבן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. ער האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ געזאַנג צו פאָלקספרייהייט, צום יידישן לאַנד, צו נאַציאָנאַלער אחדות אינעם גורלדיקן מאָמענט און צום געמיינזאַמען קאַמף קעגן די אונטער־דריקער.

אויב „שולמית" האָט געווירקט אידיליש, באַרוּיִקנדיק, האָט „בר־כוכבא" געמאָנט, געוועקט, געפאָדערט וואַכזאַמקייט און גרייטקייט צו טאָטן.

דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די געשעענישן אין פּוילן, אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס האָבן זיך מיט אומגעצוימטן אימפּעט געיאָגט און איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע.

דעריבער האָט „בר־כוכבא" געברענגט טרייסט און דערמוטיקונג און, בעיקר, גלויבן אינעם קיום פון אונדזער פאָלק, וואָס איז פאַר מאָסקווע געווען טריף.

מיר האָבן אויסגעפירט דורכן „ווינקט" די שענסטע נאַציאָנאַלע מיסיע וואָס האָט געקאָנט אין יענער גרויליקער צייט צוגעטראָגן ווערן די געפּאַ־לענע, אומרוּיִקע און צערייצטע געמיטער.

מיר האָבן פאַרלאָזן לעמבערג „אָנגעלאָדן מיט אַלעם גוטס״, ווי גאָלד־פאָדן רופט עס אָן; מיט אַ רייכן, קאָנסטרוקטיוון רעפּערטואַר, מיט אַן אינ־ווענטאַר, וואָס יידיש טעאַטער האָט נאָך ביז דאַן נישט געזען און מיט רירנדיקער אָנערקענונג פון אונדזער עולם.

****

אין אונדזער צווייטן עטאַפּ, קראָקע, זענען די וואָלקנס איבער אונדז נאָך שווערער געוואָרן. די צאָל פּליטים האָט זיך פאַרגרעסערט. דאָס יידי־שע קראָקע האָט זיי באַזאָרגט מיט בחינומדיקע מיטאָגן אין די רעסטאָראַ־נען, מיר — מיט פרייען אַריינגאַנג אין טעאַטער.

אין קראָקע האָבן אונדזערע פאָרשטעלונגען געהאַט נישט קיין קלע־נערן דערפאָלג ווי אין לעמבערג.

מיר זענען געקומען קיין וואַרשע ווי טריומפירער. מבינים האָבן פאָרויסגעזאָגט אַז „שולמית״ וועט איבערשטייגן דעם דערפאָלג פון „די־בוק״ און פון „מאָטקע גנב״. מ׳האָט זיך געמוזט פאַרזאָרגן מיט בילעטן מיט וואָכן פריער. פון מיין פענצטער אַנטקעגנאיבער דעם „נאָוואָשטשי״־טעאַטער פלעגט איך זען אַ ריי איבער דער גאַנצער גאַס, וואָס האָט זיך געשלענגלט אָן אויפהער פון פרימאָרגן ביז נאַכט. אונדזערע חברים זענען געווען איבערגליקלעך.

מיר איז דאָס אַלץ נישט באַקומען... מיין אומגליקלעכער אינסטינקט... און אָט קומט די מאָביליזאַציע. מיר שפּילן ווייטער. די שטאָט שטעלט פאַר מיט זיך אַ קאָכעדיקן קעסל. נעכטיקע ציווילליים באַווייזן זיך אין מיליטערישע מונדירן. די מאַכט רופט צו אָרדענונג און אויסדויער. מיר שפּילן. טויזנטער מענטשן זוכן מיטלען און וועגן צו אַנטלויפן קיין אויס־לאַנד. די באַנען זענען איבערגעפולט. אָבער די ריי פאַרן טעאַטער צו קויפן בילעטן צו אונדזער „שולמית״ איז ווייטער לאַנג.

מיר זענען שוין דאָס לעצטע טעאַטער וואָס שפּילט אין וואַרשע. די איבעריקע זענען געשלאָסן. מיר שפּילן שוין מיט אייניקע מוזיקאַנטן, ווייל די יינגערע ווערן מאָביליזירט. יעדן טאָג גייען אָוועק „ערגעץ ווו״ כאָ־ריסטן, אַקטיאָרן... מיר שפּילן אָבער כסדר.

ביז — די שפּיל איז איבערגעריסן געוואָרן. איינע פון די ערשטע דייטשע באָמבעס אויף װאַרשע פּאַלט־אַריין צו אונדז אין טעאַטער. עס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה.

דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט גאָלדפאַדן און מיט אים זיך פאַרענדיקט.

גאָלדפאַדן איז געווען דאָס שוואַנענליד פון יידישן טעאַטער.

(סוף)

זוכצעטל פון נעמען

א

אַבּאַזשאַנעק יעקב 209
אַביבית שושנה 207
אַבעלמאַן בעני 19 171 216
אַדלער יוליוס 156 308
אַדלער יעקב 319
אַדלער סעם 190
אַדלער צילי 76 318 319
אַווילער קלמן 120
אוזוניאַן 259
אויילד אָסקאַר 81
אויערבאַך רחל 121
אורוואַנצאָוו 17
אוריך 131
אוריך פּעפּי 131 447
אַזעף 358
אַזראַ אַלעקסאַנדער 57
איבסען הענריק 55 389
איגעל 126
אייזענבערג מ. 197
אייגנגאָלד יעקב ד״ר 435 436 440 442
אייזנשטיין 283
אייכלערוווּנאַ אירענאַ 385
איינהאָרן אהרן 40 209
איינעס 290
אימבער נפתלי־הערץ 107
אימבער שמואל־יעקב 107
אינוועגטאַזש 205
אינקישינעוו 354
אירים שמואל 235
אַלטבוים סאָניאַ 55 64 84 156 162 197
אַלטוסקאַ מרים 12
אַלטשולער בלאַנקאַ 128
אַלטשולער ל. 197
אַלסבערג 323
אַלעקסאַנדראָוו 390
אַלפּערן א. 309
אַלפּערין הענריק 423 427
אַלקאַליי 230
אַלשוואַנגער 259
אַמאַדאַ זשאַרזשע 199 380
אַמאַסיאַ הערש 205 217 218
אַמבראַזשעוויטש מ. 197
אַנדערסען זשאַן קריסטיאַן 128
אַנדרייעוו לעאָניד 17 21 62 64 66 69 70 153 178 233
אַ׳נייל יודזשין 249 385
אַנסקי ש. 13 14 44 92 144 323 328 329 399
אָסטערוואַ יוליוש 153
אָסטראָווסקי 61 62 308
אָסקאַר יוליוס 205 215 217 218 220 293
אָפּאַטאָשו יוסף 52 95
אָפּעלבוים משה 82 83 203
אָפּענהיים מנשה 313
אָפּענשלאַק יעקב 68
אַקסעלראָד מינאַ 297
אַקסענפעלד ישראל 80 182
אַקסער יוסף, ד״ר 113 114
אַראָנסאָן נחום 352 356 — 358

אַרזוך 369
אַרזשעװסקאַיאַ 144
אַרלוק 57 330
אַרלעסקאַ מרים 12 13 327
אַרנאַ זיגפריד 272
אַרנאַלד (גינזבורג) 47 65 69 83 85 — 87 165 292 302 414
אַרנשטיין יוסף 115
אַרנשטיין מאַרק 90 162
אַרצישעװסקאַ טעאַ 208
אַש שלום 29 30 51 90 143 147 149 248 295 338 — 340
אַשענדאָרף ישראל 383 447 450 453

ב

באַב יוליוס 271
באַדער גרשם 126
באַזשיק זיסעלע 321
באַזשיק מאַקס 139 321 418 421 431
באַי־זשעלענסקי טאַדעוש 67
באַכראַך שלמה 392
באַלאַבאַן מאיר, פּראָפ׳ 82 121
באַלק זיגמונט, פּראָפ׳ 122 450 451
באַמבע־גורװיטש 330
באַסענקאַ 97
באַסערמאַן 284
באַקסענבוים ש. 83
באַראַטאַװ פּאַול, ד״ר 139 144 223 229 236 276 317 416
באַראַן הירש 375
באַראַן ראָטשילד 375
באַרװיץ האַנס 167
באַרװיץ היינס 167
באַריסאָװאַ־ראַבינאָװיטש 405
באַרסקאַ־פישער 418
בואַ קורט 272
בוזגאַן חבל 156 197
בוים ח. 91
בוימאַן מ. 417 419
בולאַװ יוסף 12 96 97 154 222 224
בונים ש. 335
בוקאַנץ 337
בורשטין 362
ביאַליק ח. נ. 149 264
ביוש זלמן 335
בייגלמאַן דוד 209
ביכנער געאָרג 417
בינענשטאָק, פּראָפ׳ 111
ביסמאַרק 263
ביסטריצקי נתן 90
ביסקער 163
ביעלאַס סאָפיאַ 17 142
ביעלאַצקי, פּראָפ׳ 346
ביעלענקי, ד״ר 140 254
ביקל שלמה, ד״ר 121
בירנבוים דוד 74 205 220 313
בלאָך פּעדראָ, ד״ר 381
בלאַנק זינאַ 363
בלום יונה 106
בלום לעאַ 304 403 — 405 408
בלומענפעלד דיאַנאַ 55 64 84 156 162 295 297 — 316 317
בן־עמי יעקב 158 352 353
בענדעל 204
בעקער קאַסילדאַ 380
בערג יהודית 418
בערגמאַן אהרן 377
בערגעלסאָן דוד 266 — 268
בערגער 48 281
בערגער ל. 337 352
בערגער ראָשעל 337 352 450
בערלינער יצחק 400
בערלעװי הענריק 208 209 309
בערמאַן אַדאָלף 97 171 418
בערן מינאַ 330
בערנאַר סאַראַ 104
בערנשטיין 362

בערנשטיין אַנרי 24 303
בערסטל יוליוס 88
בערענזאָן 74
בערקאָוויטש, אימפּרעסאַריאָ, 241 242
בערקאָוויטש י. ד. 143
בערקעלהאַמער מ., ד״ר 105
בראָדסקי ניקאָלאַס 413
בראָדער אַברמל 450
בראָדער בערל 130
בראָדער סאַלטשע 450
בראָדערזאָן משה 190 192 197 198 209 313 408
בראַון מאַקס 390 400 401
בראַנעצקי סעם 330 331 337 418
ברוינער װ. 209 411
ברידזשינסקי וױטשעק 428
בריינין ראובן 258 265
בריינסקי שלמה 396 400
ברין ראָזאָ 130
בריק לודוויק 140
ברעכט 270 294
ברקמית יהודית 354
בת־דורי שולמית 383

ג

גאַבאָוויץ 434
גאָגאָל ניקאָליי 47 69 188 378
גאָדיק וולאַדעק 23 30 34 47 65 85 109 111 208
גאָזעל ראָזאָ 313
גאָטלאָבער אָ. ב. 182
גאָטליב העלענאָ 47 156 164
גאָטליב יעקב 335
גאָטעספעלד חנא 121 143 419
גאָלבערג 121
גאָלד מאַיקל 321 323
גאָלדבערג אָ. 209
גאָלדבערג לאה 335
גאָלדבערג פעליפע 390
גאָלדנבערג אסתר 313 320
גאָלדע 82
גאָלדענבורג סעמועל 76 352 355
גאָלדפאַדן אַברהם 17 — 20 36 71 80 89 103 127 129 143 151 182 189 — 191 197 216 222 223 232 — 234 301 302 424 425 427 — 429 445 — 447 449 450 452 — 455
גאָלדפאַרב 140 297
גאָלדשטיין שבר 232
גאָנסאַלוועס פּאָולאָ 364
גאָרדאָן יצחק 206 207
גאָרדאָן יעקב 61 127 210 251
גאָרקי מאַקסים 32 116 311 329 355
גובערעק שמעון 390 396
גוטמאַן יודל 131
גוסקין 366
גורעוויטש 337
גורשטיין א. 452
גימפּל 118 149 447
גימפּל אַדאָלף 130 132 216 217
גימפּל בראָניסלאַוו 130 132 133
גימפּל יעקב 130 132
גימפּל יעקב־בער 129 130 132
גימפּל מישאָ 130
גימפּל עמיל 130
גימפּל קאַראָל 130 132
גינטער נתן 390 392 398
גינטער שרה 390 392
גינצבורג אַרנאָלד 197
גיסער משה־דוד 392
גיסקע הענאָך 362 364
גלאַגאָלין 37
גלאַנץ יעקב 400
גלימער 140
גנאָס 260 273
געבירטיק מרדכי 106
געטע 146 147

געלבער משה 390 400 401
גענפער 18
גערטנער איזאַק 194 217
גערסטען בערטאַ 76 335 353
גערץ מ. 289
גערשטיין 58
גראַבער חיהלע 207
גראַדנער ישראל 232
גראַטגער 104
גראַנאַווסקי אַלעקסאַנדער 190 259 270 273 407
גראַנאַך אַלעקסאַנדער 88 120 144 147 270 — 272 295 317 369 416
גראַסבאַרט הערץ 207 235
גראַפּמאַן א. 209
גראַש געאָרג 275
גרובער אסתר 128
גרודבערג יצחק 197 205 220 296 297
גרין יוסף 412 413
גרינבוים מוץ 264
גרינבוים פּריץ 154 272
גרינבערג אורי־צבי 120
גרינבערג ש. 369
גרינהויז 320
גריצהענדלער, ד״ר 396
גרעקאַ 278

ד

דאַברושין יחזקאל 190
דאַגאַווער ליל 261 265
דאַמב אַדאַם 55 60 61 64 84 92 156 162 177 205 220
ד'אַנונציאַ גאַבריעל 381
דאַנציקער יאַנקעלע 315
דאַסטאַיעווסקי פיאַדאַר 233 240
דאַשעווסקי 62
דגנית לאה 355
דובנאָוו שמעון, פּראָפ' 289
דזשאַנסאַן אַל 309
דזשיגאַן שמעון 209 408 411 433
דזשייקאַבסאַן אירווינג 413
דזשייקאַבסאַן היימי 75 337 413
דיאַמאַנט הערמאַן 126
דיומאַ אַ. 143
דיטריך מאַרלען 283
דייטש איציק 138 139 390
דייכעס 58
דימאָוו אָסיפּ 178 224 321 323 357 358
דימיטראָוו 408
דיצנשמיד 294
דע אָליוויירא ו., ד״ר 364
דע לאַ קאָסטאַ מאַריאַ 280
דע מאַראַעס דולצינאַ 381
דעמערער דוד 139 140
דע סאָוזאַ רות 380
דער טונקעלער (יוסף טונקל) 209
דע ריוועראַ דיעגאַ 400
דרייקורס לעאָן 126

ה

האַזנקלעווער 274
האַזע 323
האַלפּערן אברהם 55 132 142 143 173 176 192 195 — 197 213
האַלפּערן דינה 212 214 215 285 316 317 321 330 331 337 418 421 429 431
האַלפּערן יצחק 106
האַלפּערן לעאַ 154
האַלפּערן משה־לייב 120
האַלצער רחל 121 315 — 317 321 418 432 434
האַלקין שמואל 452
האַפּמאַן רישאַרד־בער 210
האַראַוויץ בער 107
האַרט בערג 118 131 138 139
האַרט דוד 119 418
האַרט הערץ 118
הוגאָ וויקטאָר 161 308

הורוויץ, פּראָפ׳ 129
היבנער בוניאַ 140
היטלער 404 444
היידען גיזי 120
היינצע וואַלדעמאַר 306 307 351
הירשביין פּרץ 158 352 353
הירשפעלד זלמן 74 197 205 220 313 369
הלוי משה 354 355
העלמאַן יעקב 289
העלפּמאַן דוד 242 247 251 322 323 410 435 442
העמאַר מאַריאַן 126
הענדעל אידאַ 133
העפּטמאַן יוסף 209
הערמאַן דוד 12 14 22 35 73 74 139 144 172 208 210 248 299 327 418
הערנשטאַט רודאָלף 268 — 270 272
הערצל טעאָדאָר, ד״ר 271 407
הערצער לודוויק, ד״ר 142
העשעלעס הענריק 126
העשעלעס מאַריאַן 126

ו

וואַלדעמאַראַס 332
וואָלף פרידריך 273
וואַלפּסטאַל 118
וואַלקאָוו 260
וואַקסמאַן י. 178 179
וואַרגאַס זשעטוליאָ 364 381
וואַרשאַווסקי עוזר 309
וויטשעכאָווסקי סטאַניסלאַוו 144
ווידעצקי 330
וויטאַל נח 392
וויטאַלינאַ 290
וויטקאָווער 126
ווייד קאָנראַד 260
ווידע 51
וויזנפרײַנד 120
וויכערט מיכאַל, ד״ר 73 121 248 273 338
341 417
ווײַמאַן 171
ווײַנטרויב 143
ווײַנטרויב וו 205 209
ווײַנרייך מאַקס, ד״ר 310
ווײַנשטאָק 126
ווייסהאָף 320
ווייסליץ יעקב 12 139 316 320
ווייסענבערג י. מ. 419
ווייצמאַן חיים, פּראָפ׳ 231 232
ווילדמאַן 135
ווינדער מאיר 418
וויסאָצקאַ טאַטיאַנאַ 73
וויספּיאַנסקי טאַדעוש 104
וועגענער פּאַול 153 272
וועדעקינד 178
ווענגערקאָ 285
וועקסעלמאַן יצחק 393
ווערטמאַן דוד 363
ווערטמאַן ליבע 363
וראַקאָ 228

ז

זאַמין סאָניע 290
זאַמין ראַיע 290
זאַמערשטיין עמיל, ד״ר 126
זאַנדבערג מ. 18 197
זאַנענטאַל 220
זאַסלאַווסקי רודאָלף 308 322 323
זאַץ לודוויק 76 77 120
זאַק 127
זאַק מאַטיס 204 290
זאַק שושנה 204
זאַק שעפּקע 204
זבאַראַזשער וועלוול 130
זוסקין 407
זיגלער משה 229 235 444
זיגער יצחק 447
זיידערמאַן דוד 224

זיינפעלד אברהם 107 109 111
זילבערבערג וואָלף 158
זילבערג יאַדזשע 418
זילבערפאַרב משה, ד״ר 39
זינגער י. י. 60 90
זעלווערעוויטש אַלעקסאַנדער 67 68 84
זאַלקינד 259 261
זילבערצוויג זלמן 390
זעליגפעלד זימרה 207
זרובבל יעקב 340
זשאַבאָטינסקי וו. 149
זשולאַווסקי יעזשי 60 65 69 70 89 90
זשעלאַזאָ גד 157 369
זשעלינסקי אַלעקאַ 336
זשעמבינסקי 378 380

ט

טאַבאַטשניקאָוו 129
טאַבאַק 385
טאַיראָוו 354
טאָלסטאָי לעוו 182 264 302 315
טאָלער ערנסט 182 270 274
טאָמאַשעווסקי באָריס 207
טאַן יהושע, ד״ר 105
טאַנאַסע 228
טאַנצמאַן 129
טאַנקאַ 134
טאַרלאַ 97 143
טורגעל 2 58
טורקאָוו־גרודבערג יצחק 74 142 167 174 178 191 250 251 295 311 315 428 447
טורקאָוו זיגמונט 68 85 97 143 197 264 292 295 302 312 323 362 363 386 395 399 418 441 442 448 449
טורקאָוו יאָנאַס 55 64 84 95 98 156 160 — 163 171 250 251 299 313 317 332 367 416 442
טורקאָוו ישראל־חיים 250 428
טורקאָוו מאַרק 171 250 251 332 358 442
טורקאָוו מיקאָליי 442
טורקאָוו ראָזאַ 42 318 359 364 384 441
טורקאָוו רות 410
טורקאָוו רחל 250
טורקאָוו שרהלע 250 251
טימיג 152 272
טעטמייער־פּשערוואַ קאַזשימיעזש 104 175 176
טענענבוים יוסף, ד״ר 121
טעפּאַ יעזשי 338 341 342
טעקס צילי 369
טראַוב זלמן 334
טראַצקי לעוו 104
טרעפלער־נאַרוויד 12
טשאַרטקאָווער רבי 182
טשאַרני דניאל 266 267
טשייקאַ ענריקע 297
טשייקאָווסקי יוסף 297 351
טשיריקאָוו ע. 37 52
טשעכאָוו אַלגאַ 277
טשעכאָוו מיכאַיל 273 277 280 281

י

יאַ מיכאַיל 293
יאַבלאָנסקי פּ. 386
יאַלעס מאַלווינאַ 130 447
יאַנג קלאַראַ 26 120 143 207
יאַנינגס עמיל 260 283
יאַקובאָוויטש מאַרקוס 399
יאַראַטש סטעפאַן 110 111 115
יאַרנאַ 154
יווילער מאַרק 365
יוזשני 208
יוכט צ. 341 363
יולין 57 290
יורקעוויטש 386
יושקעוויטש 17 143
יעלען 204

יעלען לאַלעק 204
יעלענטאַ צעזאַרי 68

כ

יערגען 274
כאַמסקי דוב 309
כאַנעס ליזאַ 161
כאַסמאַן רפאל 334
כאַש 57 224
כמעלניצקי באָגדאַן 453
כענקין וויקטאָר 207

ל

לאַבאַנקאַ אַנדזשעלאַ, ד״ר 380
לאַבעל מאַלווינאַ 207
לאַוויטש זשעני 408 411
לאַזאַריאַנו באַרבו 28 231
לאַזער דוד, ד״ר 105
לאַכטיקער הענרי 301 302 350 351
לאַן ג. 331 337 343
לאַנגע זשאַן 308
לאַנגנאַס, ד״ר 106
לאַנדוי לייב 26 113 114 121 126 128 447
450
לאַנדע יוסף 384
לאַנדע שמואל 23 27 42 47 49 51 65 72
85 98 101 135 418
לאַסט 140
לאַצקי־בערטאָלדי 289
לאַקער בערל 121
לובעלטשיק יצחק 17 18 367 376
לוי דוד 167 171
לויס פערצנטער 204
לוסטיק 386
לופּט הענריק 128
לוצקי מ. 209
לוריע־שפּיגל פרידע 197
ליבגאָלד לעאָן 116
ליבערמאַן הערמאַן 121
ליבראַווסקאַ רייזל 321 418
ליברעסקאַ 233
ליטאַן עני 316 317
ליטוואַק מ. 68
ליטוואַק אַנאַטאָלי 260
ליטווינאַ־ווייסהאָף 290
לייוויק ה. 303 342 343 383 401 410 415
419 422 423
ליכט דוד 128 313 376 416 418
ליכטענבערג מ. 197
ליכטנשטיין יצחק 209 309
לילית אַלאַ 31 208 313
לין סאַראַ 273
ליפּאַווסקי נחום 337
ליפּינסקי 422
ליפּמאַן משה 30 47 51 65 85 92 93 97 99
143 197 205 220 392
ליפּמאַן נאַטאַליע 197 220
ליפּשיץ משה 276 342 352
לעבצעלטער מנשה 140
לעדערמאַן דוד 47 51 65 84 197 205 220
לעהאַר 333
לעווין ח. 58
לעווינסאָן לייזער 385
לעוויצקאַ לובאַ 161 447
לעווענטאַל 264 265
לעווענשטיין, ד״ר 126
לעווקאָוויטש דוד 204
לעמאַן הענרי 285 351
לענין וול. איל. 104 271 357
לעסינג ט. ע. 273
לערמאַן יעקב 154
לערנער 386
לערנער חנה 224
לערער ראַמאַ 315
לעשטשינסקי יעקב 266

מ

מאַדזשעיעווסקאַ 104

מאַזאָ מ. 320 328
מאַזשוכין איוואַן 260
מאַטייקאָ יאַן 104
מאַיער רודאָלפאָ 379
מאַכמאַן 362
מאַלאַמוד שמואל, ד״ר 386
מאַליער 39 41 43 44 69 299 302 389
מאַליצקאָ 285
מאַנגער איציק 324 413 423 427 429 431
מאַנדעלבליט יעקב 55 85 131 142 156 167
197 205 220 447
מאַנסדאָרף יעקב 74 313
מאַנקאָ דוד 263 — 265
מאַסינזאָן יגאל 385
מאַקסימאָוו מ. 197 330
מאַראַזאָוויטש־שטשעפּקאָווסקאָ מאַריאַ 317
318
מאָרגנשטערן אַנשל 126 362
מאָרגנשטערן בראָנקאָ 363
מאַרעווסקי אברהם 12 143 — 147 317 322
323 327 416
מאַרק יודל 335
מאַרק שמעון 232 233
מאַרקס קאַרל 308
מאַשקאָוויטש מאַריס 207
מוטשעניק 396
מוני פּאַול 120
מוסאָליני 403 404
מיזעס יוסף, ד״ר 113
מיזעס מתתיהו, ד״ר 113
מיטלבערג אברהם 358
מייזיל נחמן 218 221
מייזלער נתן 128
מייערכאָלד 181
מיכאַלעוויטש ביניש 205 209
מיכאָעלס שלמה 388 389 400 — 402 408
מיצקעוויטש אַדאַם 104
מלאך לייב 404
מעדעם וול. 149
מעל העלע 418
מעלאָ גראַסאָ 379 380
מעלמאַן מאיר 197 205 220
מעלניק נחום 74 313 376
מעלצער 116
מעלצער שמשון 120
מענדעלסאָן מאיר 88
מענדעלסאָן שלמה 40 68 — 70 73 85 —
88 209 319 419 420
מענדעלע מוכר־ספרים 98 149 171 417
מענקעס זיגמונט 133 — 135 309
מענקעס סטאַשיע 134
מעסטעל יעקב 97 121 353
מערזער אַריה 203 211 309 422
מרגלית 355

נ

נאַדיר משה 120 209
נאַזשיק יצחק 209 313
נאַטאַן נעמי 451
נאַטאַן שמחה 451 452
נאַטאַנסאָן דזשוליס 321
נאַמבערג ה. ד. 147 149 209 270 369
נאַעמי 158
נוגער יצחק 309
נודלמאַן משה 209
נוראַק, ד״ר 289
ניי נאַראַ 283
ניימאַן י. מ. 54 55 209
נירוואַ מ. 323
נעגער 113

ס

סאַבעל 385 386
סאַלסקי לודוויק 32 40
סאַמבערג אייזיק 13 23 — 28 30 40 42 47
48 51 52 139 155 156 161 163 322 323
סאַנדו 228 — 230 232 242

סאַנדלער חיים 58 143 144
סאַנטאַ־ראָזאַ טאָמאַס 199 365 379 381
סאַפרין הערץ 140
סאָק יוסף, ד״ר 113 115
סאָקאָלאָוו לעאָניד 20 21 376
סאָקאָלאָוו נחום 264
סדן (סאַדאַן) דוב, פּראָפ׳ 121
סודאַרסקי, ד״ר 335
סוואָלאָוו סט. 197
סוויסלאָצקי 437 439
סוועט הערמאַן 257 266
סוריץ 290
סוריץ יעקב 435
סוריץ מיכאַל 435
סטאַדניק 114
סטאָלסקי 26
סטאַף לעאָפּאָלד 104
סטופּעל גרישאַ 331 337 340
סטיקאַ יאַן 124
סטרוגאַטש יוסף 20 418 421
סטריזשעווסקי וולאַדימיר 262 265 278 — 280 353
סלאָבאָדסקי 12
סורגוטשאָוו 17
סיביריאַקאָוו 336
סים איגאַ 260 261
סלאָוועס ח. 383 384
סלאָוואַצקי יוליוש 104 187
סמירנאָוו 262
סניעגאָוו לעאָניד 144
סעגאַל 337
סעגאַל לאַזאַר 191 383
סעגאַלאָוויטש ז. 47 69 85 — 88
סעגאַלאָוויטש קלאַראַ 47 — 49 51 52 65 69 85 — 88 143 197 316 322 430 431
סעקונדע שלום 75
סעקלער 230 233
סערבסקי 337
ספּיס־וואַגנער 263 264
סרעברעניק דוד 398

ע

עבנער, ד״ר 235
עבעל עלאַ 117
עבעל קלמן־משה 116 118 122 151 171 — 173
עטינגער שלמה 70 71 80 81 84 85 182 339
עלבוים משה 209
עמית יעקב 335
עפּשטיין ב. 197
עקערמאַן 367
ערדי סאָפיאַ 337
עריק מאַקס 164
ערליך הענריק 414 415

פּ

פּאַגאַניני 133
פּאַדזאַמטשע 150 155
פּאַט יעקב 210 212 214 414
פּאַטאַצקאַיאַ לידיאַ 144 223 236 250 285 293 294 317 322 416
פּאַטאַשינסקי משה 74 313
פּאַלאַטניק־שאַפּראַן ראָזאַ 384 386
פּאַלאַקאָוו אהרן 17 20 21 443
פּאַלעפּאַדע בנציון 30 47 369
פּאַסטאַר סעווילאַ 229 235
פּאַסטערנאַק באָריס 264
פּאַריסאָוו 369
פּאַרנעס יעקב 297
פּאַרנעס מאַרטאַ 385 386
פּאַשיניאַק 257 258 348
פּאַשקואַל איסאַק 377 378
פּודיאָווקין 283
פּולמאַן 193
פּורישקעוויטש 238
פּושקין אַלעקסאַנדער 238
פּילאָווסקי יעקב 392

פילסודסקי יוזף 121 178 191 332
פינסקי דוד 210 218 219 228 233
פיסקאַטאָר ערווין 181 255 274 — 276 342
פיקאָן מאַלי 50 74 222
פיקוס מאַלי 316 331
פעטראַוסקאַס ק. 336
פעקאַרניק 297
פערלאָוו יצחק 209
פערעלמאַן אסתר 42 285 376 389 390
פריזאַמענט יעקב 119
פריזאַמענט משה 119
פריזאַמענט שלמה 119 120 209 448 450
פרילוצקי נח 70
פרעגער יעקב 210
פרץ י. ל.. 44 118 146 169 171 209 248 355 425
פשיבילסקי, פראָפ׳ 193 194
פשיבילסקי־נאָווינאַ ר. 413

פֿ

פֿאַלמאַן לאַלאַ 313
פֿאַן מינרו פריץ 274
פֿאַן שלעטאָוו 277
פֿאַס פעטער 262 265
פֿאַס רישאַרד 161
פֿאַקעל דאַראַ 316
פֿאַרבערט לעאָ 91
פֿאַרטען העני 260
פֿוקס לעאָ 131
פֿוקס ראַזאַ 131
פֿיגירעדאַ גילערמאַ 382
פֿיינער לעאָ, ד״ר 106
פֿיינשטיין הערמאַן 65 85 97
פֿינקעל שמעון 273
פֿישביין ב. 97
פֿישזאָן מישאַ 18 229 236
פֿישעלעוויטש 156
פֿישער הערמאַן 171 418
פֿלאָום יוליאַ 329
פֿלייס 386
פֿעלדשטיין צמח, ד״ר 334
פֿעניגשטיין הערמאַן 331
פֿעפער 386
פֿראַנק נ. 309
פֿראַנקאַ 402
פֿראָסטיק משה, ד״ר 126
פֿרוג ש. ש. 149 171
פֿרישמאַן דוד 264
פֿרעדראָ אַלעקסאַנדער 84
פֿרענקעל בוזשע 128

צ

צאַנגען 126
צוויג 412
צוקערבערג רעגינע 120
צייטלין הילל 77
ציפור י., ד״ר 299
ציפקוס־ראַפעל 18
צמח 177 204 353
צעלמייסטער דוד 18 50

ק

קאַברין לעאָן 37
קאַדיסאָן ל. 97
קאַדיסאָן לובע 154
קאַדיש 57 224
קאַדיש נחמה 57
קאַדישזאָן לייב 46 128
קאַהאַן אייב 149
קאַהאַן סאַלאָמאָן 320 397 400
קאַוואַלסקי, הרב 299
קאַזשדאַן ח. ש. 73
קאַט יוסף, ד״ר 335
קאַטש קורט 144 315 317 412 416 418
קאַימי דאַביוואַל 81 381
קאַלדעראָן דע לאַ באַרקאַ 273
קאַליש בערטאַ 120 129
קאַליש לייב 131

קאַלמאַנאָוויטש זלמן 164
קאַלניק אַרטור 235
קאַמאַרגאַ אַגווינאַלדאַ 380
קאַמאַרגאַ זשאַראַסי 385
קאַמינסקי אברהם־יצחק 18 26
קאַמינסקאַ אידאַ 16 43 — 46 51 54 55 85
89 91 95 97 98 100 143 148 156 162
163 169 170 172 178 195 — 197 210
211 220 221 248 — 250 254 270 271
294 299 309 313 315 317 320 322 338
341 410 416
קאַמינסקאַ אסתר־רחל 11 15 16 18 22 23
34 41 44 54 55 58 61 70 71 84 90 91
95 97 98 100 — 102 133 140 — 142
147 — 149 155 163 — 173 193 213
251 293 327 428 442
קאַמינסקי יוסף 43 102 133 197 200 209
211 216 248 254
קאַמינסקי קאַזשימעזש 370
קאַמען יוסף 325 — 327 329
קאַמענעצקי אידאַ 318 385 386
קאַמפּאַניעיעץ 176 224 299 301 405
קאַמפּאַניעיעץ אַבאַ 16 18 — 21
קאַמפּאַניעיעץ אַניעלאַ 20
קאַמפּאַניעיעץ בעטי 20 21
קאַמפּאַניעיעץ ישראל 20
קאַמפּאַניעיעץ לאה 20
קאַמפּאַניעיעץ מרדכי 20
קאַמפּאַניעיעץ נינאַ 20
קאַן הענאַך 209 248 411
קאַן שלמה 139
קאַנעלבאַ 309
קאַנפּער משה, ד״ר 105 106
קאַסאַק וויטשעך 124
קאַסאַראַטאָוו 17
קאַסווינער לעאָן 140
קאַפּלאַן פּסח 209
קאַץ בעלאַ 448 451
קאַץ מאַנע 211 422
קאַץ מאַקס 140
קאַצאָוויטש 375
קאַציזנע אַלטער 14 44 144 183 184 323
324 329 419 443
קאַצענעלסאָן יצחק 173 — 176
קאַראַדזשאַלע 229
קאַראַנאַ מאיר 400
קאַראַקושאַנסקי ש. 377
קאַרטנער 270
קאַרליניוס ב. 209
קאַרלעבאַך עזריאל, ד״ר 334
קאַן רחל 115
קאַרעני נאַדיאַ 329
קאַרפּינאָוויטש אברהם 332
קאַרפּינאָוויטש מלך 332
קאַרפּינאָוויטש משה 58 155 332
קוטנער שלמה 156 — 162 224 287 290 322
קולבאַק משה 58 164
קולביאַנסקי 270
קוניגיס 339
קופּערמאַן פּאַלע 398 400
קופּרין אַלעקסאַנדער 311 312
קורלענדער יעקב 313
קורץ אברהם 156
קורץ־סמאַרגאַנסקאַ מוסיאַ 140 285 332
קיטאַי מ. 289
קייזער 270 274
קייזעראָוויטש 143 295
קיסמאַן 235
קיפּניס מנחם 207
קיש עגאָן ערווין 271 406 407
קלאָס מאַקס 297
קליינמאַן פּריץ 133 — 135 178 448 450
קלינגער נתן 139 369
קלעצקין באָריס 171
קלען חנה 197
קעניג מיכאַיל 224

קעניג קאַראָל 224
קעסטעלמאַן אהובה 385
קעסלער דוד 207
קער אַלפרעד 271
קערמאַן פסח 65 85 197 220 418
קראַוזע מאַקס 140
קראַנץ 62
קרויגער איוואַר 341
קרושעוואַן 238
קרעלמאַן יצחק 143 418
קרעמער איזאַ 207
קרעסין מרים 337 413

ר

ראַבינאָוויטש הערש 20 21
ראַבינאָוויטש מלכהלע 405
ראַבעל פאַני 21 405
ראַדען 357
ראַדעק קאַרל 111
ראָדריגעז נעלסאָן 378
ראָהאַטין 127
ראַווינאַ חנה 353
ראַוויטש מלך 121
ראַזאָווסקי 334
ראַזומני מאַרק 289 419 424 427
ראַזמאַרין, ד״ר 126
ראָזענבוים יאָשע 286 292
ראָזענבלום 337
ראָזענבלום דבורה 376
ראָזענבערג 119
ראָזענבערג אַלפרעד 238
ראָזענבערג בערטאַ 119
ראָזענבערג משה 400
ראָזענבערג שלמה 408
ראָזענגאַרט ס. 449
ראָזענטאַל נתן 362
ראָט גערשון 131
ראָטבוים יעקב 313 418 431
ראָטמאַן אייזיק 363
ראָטשטיין גרישאַ 204 205
ראָטשטיין שייעלע 204 215
ראָלאַן ראָמען 182 191 192 202 232 233 236 408
ראָלאַנד דזשאָרדזט 97
ראַפּעל 26 74 197 369
ראַפּעל אַנדזשעלאַ 218
רובין הערץ 209 291
רובין מנחם 323 324
רובין־פרידמאַן 296
רובינאַ פאַני 290 291
רובינליכט פעליקס 170 171
רובינשטיין ראובן 334
רויזמאַן יונה 151 152
רוסאָטאַ 93 94
רייזען זלמן 58 161 331
רייזער 161
רייך לעאָן, ד״ר 126
ריינהאַרד מאַקס 37 152 255 272
רידעל 104
ריכטער משה 129
רינגעל מיכאַל, ד״ר 126
ריקליס אַ. 226
רעלעס יעקב־לייזער 131
רעסלער בנימין 120 178 339

ש

שאַבאַד צמח, ד״ר 58
שאַגאַל בעלאַ 407 408
שאַגאַל מאַרק 407
שאָו בערנאַרד 210
שאַליאַפּין 282
שאַניי ליאַ 162
שאַפּיראַ דוד 295
שאַפּראַן־גאַמעז 318
שאַפּראַן ראָזאַ 385
שאָר אַנשל 121
שאָר ברוך 129

שאַר משה, פּראָפ' 113
שאַראַ העגריק 412
שאַרעל עריק 272
שאַשקעס חיים, ד״ר 435 436
שוב לובאַ 337
שוואַדראָן אַברהם, ד״ר 121
שוואַרץ אַברהם 369
שוואַרץ מאָריס 76 149 190 219 291 319 416
שוואַרצבאַרד 171
שוואַרצבאַרט יצחק, ד״ר 105
שולגין 336
שולדנפריי, ד״ר 106
שומאַכער ישראל 209 408 411 433
שושנה רויזע 197
שטאַנד אַדאָלף 126
שטייגער סטאַניסלאַוו 22 114 126
שטיין אַלעקס 12 46 73 139 224 322 232 325 327 — 329 346
שטיינבאַרג אליעזר 234 235
שטיינהאַרדט, ד״ר 115
שטיינוורצל סעווערין 92
שטערן מאַרקוס 385 386
שטערנבערג יעקב 223 230 231 346
שטראַמער סאַלאָמאָן 118
שטראַספאָגעל 171
שטרייטמאַן אַברהם 369
שטרייטמאַן העלענע 369
שטרייכער יוליוס 238
שטרענג מוני 131 449
שטשעגלאָוו 315
שטשעפּקאַ 134
שטשעפּקין 201
שיינבערג איזשאַ 119
שיינבערג שלמה 416 432
שייעוויטש 156
שייעוויטש, קאָמפּאָזיטאָר 209 418
שייקעוויטש 129
שילדקרויט רודאָלף 201 202 218
שילינג סעם 130 156
שילער לעאָן 104 203 277 291 431
שילער פרידריך 20 104
שיפער יצחק, ד״ר 44 73 82 111 121
שיפּמאַן אַרנאָלד, ד״ר 67 104 208 235 302
שלאָנסקי אַברהם 430
שלאָסבערג יצחק 83 178 216 217 331 339
שלום־עליכם 36 149 167 191 230 233 267 269 324 383 410 416 422 424 — 427 430
שליווניאַק יוסף 197 198 203 209
שליט געניאַ 290 291 322
שמיד יוסף 27
שניאור זלמן 240 266 317 406 407 410 416 422 431 — 433
שניידער 337
שניידערמאַן ש. ל. 408
שנעק 130
שעכטמאַן 386
שעמיראַדזקי 104
שעפּנער ברוך 209
שעקספּיר וויליאַם 162 199 273 291 302 431
שערעשעווסקי רפאל 93
שפּיגעל 126
שקלאַר יעקב 419
שריפטזעצער לייב 36 58

ביכער פון דעם זעלביקן מחבר:

שמועסן וועגן טעאַטער. פאַרלאַג „אונדזער בוך", בוענאָס-איירעס, 1949.

פראַגמענטן פון מיין לעבן. ביכער-סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום", בוענאָס-איירעס, 1951.

טעאַטער-זיכרונות פון אַ שטורמישער צייט. ביכער-סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום", בוענאָס-איירעס, 1956.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציילין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטירלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסטל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע“ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסטל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד

75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע, 1937

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשארני — ווילנע

79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)

80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך

82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)

84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע

85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות)

89) משה דוד גיסער — דאס געוואנג פון א לעבן (אויספארקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אנדערע כתבים

91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע

93) שמעון הארענטשיק — אין גערויש פון מאשינען (ראמאן)

94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)

95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)

99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין

100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)

101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע צייטונג״, בוענאס־איירעס, 1955).

102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע

103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע

104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)

105־106־107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).

108—109) מרדכי שטריגלער — געאדערטע מיטן ווינט (ראמאן)

110—111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).

112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) **פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען**
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון ליאַלקעס **(אויספאַרקויפט)**
116) **מאַקס וויינרייך — פון בײַדע זײַטן פּלויט**
117) **אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן**
118) **ש. בערלינסקי — ירושה**
(פּרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף **אַקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער **צײַט**
122) **בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן**
123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) **דוד פלינקער** — נײַע צײַטן **(ראָמאַן)**
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) **משה יודל שעליובסקי** — אין דער וועלט אַרײַן
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײַדע וועלט־מלחמות
133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) **שלמה פראַנק** — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) **מ. באַקאַלטשוק** — זכרונות פון אַ ייִדישן **פּאַרטיזאַן**
136) **פנחס וועלנער** — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) **הירש אַבראַמאָוויטש** — פאַרשוווּנדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסטל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) **ב. טערקעל** — צווישן שאָקאַלן
140) **י. ל. וואלמאַן** — פּוילישע ייִדן **(ראָמאַן)**
141—142) **ג. שמן** — דאָס געזאַנג פון חסידות **(אויספאַרקויפט)**
143—144) **צבי כהן** — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) **יאָנאַס טורקאָוו** — נאָך דער באַפרײַאונג
146) **העלענאַ שערעשעווסקאַ** — צווישן צלם און מזוזה
147) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדישע מאָמעס צום געדענקען
148) **וואָלף מערקור** — די וועלט איז כּעלעם **(אויספאַרקויפט)**
149) **ראובן בן־שם** — פּוילן ברענט...
150) **יצחק טורקאָוו־גרודבערג** — **פּנימער און מאַסקעס**
151) **שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער**
152) **דוד לעדערמאַן** — פון יענער זײַט פּאָרהאַנג **(אויספאַרקויפט)**

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אָפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה בריינסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

אינזש' דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן
א. אַלמי — זאַמלבוך

עס גרייט זיך צום דרוק:

ד"ר יצחק שוואַרצבאַרד — אונדזער קאַמף אין יאָרן פון חורבן
מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
יעקב ציגעלמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן
ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור
ד"ר יצחק לעווין — יידן אין אַלטן פוילן

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ד. וואָלפּע שרייבט וועגן מלך באַקאַלטשוק־פּעלינס בוך „זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן" („דרום־אַפריקע", יאָהאַנעסבורג, יולי־אויגוסט 1960):

מלך באַקאַלטשוק־פּעלין האָט מיט זיינע זיכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל פון מאַרטיראָלאָגיע און גבורה אין די אַלט־נייע בלעטער פון ייִדישן חורבן און קאַמף. ער האָט מיט זיין בוך אויסגעפילט נאָך אַ בלויז, געגעבן נאָך אַן אָפּשניט פון דער חורבן־צייט אין אַ נייעם אָרט, אין נייע געגנטן. און אַזוי האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט דאָס אומבאַקאַנטע לעבן פון פּיין און העלדישקייט פון ייִדישן פּאַרטיזאַן אין נאָך איין נוסח.

די זיכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן איז מער ווי אַ מעמואַרן־בוך אין געוויינטלעכן זין — עס איז אַ שפּיגל פון אַ תקופה. דער מחבר באַליכטיקט געשעענישן און מענטשן אין וואַלד — די געיאָגטע און זייערע פאַרפאָלגער. אין די געדיכטע שאָטנס פון די וועלדער איז געלעגן פאַרשטעקט ווי אַ חיה דער לעבעדיקער מענטש מיט זיין פּחד און מיט זיין העראָיזם, מיט זיין ציטער און מיט זיין מוט, מיט זיינע האָפענונגען און מיט זיין עלנט, מיט זיין ייִאוש און מיט זיין חלום, מיט זיין הפקרות, מיט זיין גלויבן און — דער עיקר — מיט זיין לעכצן נאָך פרייהייט. די דאָזיקע אַלע מאָמענטן רעפלעקטירן דורך דעם בוך.

מלך באַקאַלטשוק־פּעלין האָט אין זיין באַשיידענעם אַוועקשטעלן זיך אַ ביסל אָן אַ זייט, ווי אַ באַאָבאַכטער פון אַן אומנאַטירלעכן פענאָמען, זיך אַליין דערהויבן צו דער מדרגה פון אָביעקטיווקייט. ער איז פאַרטראָטן אין די זיכרונות נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף ווי ווייט זיין פּערזאָן האָט אַ שייכות צו זאַכן און צו פּאַסירונגען פון באַטייט. עס איז די היסטאָרישע אחריות פון אַ שרייבער פון דער חורבן־עפּאָכע, וואָס פאַרשטייט די וויכטיקייט פון זיין עדות־זאָגן.

דאָך זענען די זיכרונות נישט נאָר רשימות, פאַרצייכענונגען פון טרוקענע פאַקטן בלויז, — וואָס דאָס אַליין וואָלט שוין געווען אַ גענוגנדיקער צושטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור, — נייערט, ס'איז שטאָף, וואָס איז דורכגעפילטרירט דורכן געמיט פון זיין שעפער. די פאַרשריבענע פאַקטן אָטעמען מיט איבערלעבונג; מיר פילן עס ביים לייענען, מיט יעדער שורה — און ווי דען האָט עס געקאָנט אַנדערש זיין? האָט זיך דאָך דער שוידער און גרויל פון יענע טעג טיף אָפּגעזעצט אין דער נשמה פון יעדן וואָס האָט עס דורכגעלעבט. אלא, וואָס נישט יעדער פון די איבערלעבנדיקע איז געווען באַשאָנקען מיט דעם חוש עס צו פרעזערווירן און שפּעטער — פאַרמאָגן דעם טאַלענט עס צו באַלעבן. מלך באַקאַלטשוק־פּעלין האָט פאַרמאָגט דעם אָ צווייִקן טאַלענט — אי אויפצוהיטן געשעענישן און געשטאַלטן אין זיין האַרצן, אי זיי שפּעטער צוריק אַרויסברענגען צום לעבן. און דער בלוטיקער כראָניק פון זיין וואַלד־מגילה האָט ער צוגעגעבן אַ ליטעראַריש־ראַפינירטע פאָרעם.

דאָס בוך זיכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטי־

זאַך איז חורבן־סוזשעט, געשריבן אין פּיינעם ליטעראַרישן סטיל, ווי מע וויקלט אַ ווערטפולע זאַך אין שיינע באַפּוצונגען. דער מחבר, ווי אַ ייִדישער אינטעליגענט און אַ שרייבער, האָט זיין פּרק טרויער פון וואַלד אָנגעטון אין אַ הערלעכן לבוש פון ווערטער. ער שאַפט שטימונגפולע בילדער, מאָלט מיט פּילפאַרביקע טענער דעם גרוי־שאָטנדיקן לעבן פונעם וואַלד־מענטש, דעם פּאַרטיזאַן. זיין שפּראַך איז רייך אין אויסדרוק־פאָרמען, אין קלאַנג, אין דינע ניואַנסן. פון אָנהייב מאַכט עס טאַקע דעם רושם פון איבעריקע ווערטער, לשון נופל על לשון, אָדער אַפילו טתם מליצה, געוווינט מען זיך אָבער צו, דערבליקט מען די שיינקייט פון זיין שפּראַך. מיר דערפילן דאַן מיט וואָס פּאַר אַ ליבשאַפט און פּיעטעט זיין ייִדיש לשון אין אויסגעצערטלט — פיין, געפּוצט, אויסגעגלעט. דאָס איז די אייגנאַרטיקע עלעגאַנץ פון דער שפּראַך פון מלך באַקאַלטשוק־פעלין. די טאָפּל־ווערטער און סינאָנימע אויסדרוקן, וואָס ער נוצט גאָר אָפט, ווירקן טייל מאָל ווי אַ חנדל. פאַראַן אין דעם אי שיינקייט, אי דאָס אונטערשטרייכן אַ זאַך אין איבער־חזרונג אָדער פאַרטאָפּלונג, ווי מיר געפינען עס אויך אין תנ"ך. אָט איז צב"ש אַזאַ זאַץ: „דאָס וואַסער כוואַליעט זיך כעסדיק און מיט שטאַרקן גרימצאָרן".

די ליטעראַרישע פאָרעם פון חורבן־כראָניקעס, אין וועלכער מלך באַקאַלטשוק־פעלין האָט אָנגעשריבן זיינע זיכרונות, האָט די מעלה וואָס זי ווייכט אָפּ די האַרטקייט. די האַמעטנע שווערקייט פון דעם אַ ניי־צוגעקומענעם זשאַנער אין יידישן שאַפן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַזאַ בוך ציט־אָן דעם לייענער און וועקט אינטערעס און נייגער. אגב, דער מחבר נוצט כמעט נישט קיין שאַבלאָנאַרטיקע מעטאַפאָרן און שרייִיקע שלאָג־ווערטער, נאָר אַ שטילער טאָן, וואָס דערגייט אָפטמאָל ביז דממה דקה, איז דאָמינירנדיק אין בוך. עס ווירקט באַרויִקנדיק און לאָזט אין קאָנצענטרירטער שטימונג אָנהאַלטן דאָס לייענען.

אין זיין דאָזיקן זשאַנער איז דאָס בוך נאָך אַ ווערטפולער רינג, וואָס איז אַריינגעשמידט געוואָרן אין דער חורבן־ליטעראַטור. עס איז אַ גרויסע און גייטיקע אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט וויסן, מיט קענטשאַפט, מיט אויפריכטיקייט און עס איז אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן אַ שטיק האַרץ פון מחבר. הגם עס איז אין זיין גאַנצקייט אַ שלימותדיק ווערק, זענען אָבער פאַראַן שטעלן, בלעטלעך, אַפילו גאַנצע קאַפּיטלען וואָס באַאיינדרוקן גאָר שטאַרק. אין אַזעלכע ערטער לעבט דער מחבר נאָך אַ מאָל דורך אַ געוויסע סיטואַציע אָדער עפּיזאָד אין עכטער שטימונג. אַזאַ קאַפּיטל, למשל, איז „דער איבערפאַל אויף וויסאָצק", וואָס פאַרכאַפּט דעם לייענער מיט זיין שטייגנדיקער שפּאַנונג, וואָס וואַקסט־אָן ביז צו אַ קלימאַקס און לייזט זיך אויף אויף אַ נאַטירלעכן אופן. עס איז שטאַרק, עכט, רירנדיק און דורכגעזאַפּט מיטן גורל־ציטער פון דער געגעבענער רגע.

אין בוך זענען אויך פאַראַן אַ פּאָר סטאַטיסטישע טאַבעלעס און אַ ביסל באַלערנדיקע ציפערן, וואָס איז אָפּנים נישט געווען פון די לייכטע זאַכן זיי צו באַקומען אין יענער צייט און זיי אויפצוהיטן ביי די באַדינגונגען פון קאַמף און וואַנדער. חוץ זייער געשיכטלעכן ווערט זענען די ציפער פאַקטישע אילוסטראַציעס צו דער לאַגע און איר אויטענטישע באַשטעטיקונג. פאַראַן אויך נעמען פון די אַלע פלעצער, וועלדער, כוטערס, דערפער, שטעטלעך אאַז"וו, פונעם געצוווּנגענעם אָדער פרייען מאַרשרוט פון די פּאַרטיזאַנער. אויך

אַ מענגע נעמען פון מענטשן — יידן, פּויערים, קאָמאַנדירן א״אַ — אין דעם זין איז עס אַ פול געשיכטלעכער דאָקומענט.

געווייִנטלעך האָבן פרייע מענטשן נישט די נייגונג זיך צו באַהאַלטן אין וועלדער און באַקעמפן זייערע שונאים פון געלויער, אָבער דעם אינסטינקט פון אַ גערודפטער חיה, וואָס פאַרטיידיקט איר לעבן, קאַנען זיך מענטשן אין אַן אומגליקלעכער צייט צואייגענען גאָר אויף אַ נאַטירלעכן אופן. דאָס זעען מיר באַשיימפּערלעך פון די זיכרונות פון מלך באַקאַלטשוק־פּעלין, ווי אַזוי דער הכרח האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף די וואַלד־פּאַרטיזאַנער אַ לעבן נישט פון קיין יישוב. דאָ אין די וועלדער האָט די צווייטע וועלט־מלחמה אַריינגעוואָרפן הייפלעך יידן אין חושכדיקע, נאַסע, בלאָטיקע פלעצער, אין כמו־נאָרעס, אין דער שכנותשאַפט מיט הונגעריקע וועלף און ווילדע חזירים און דאָס איז געוואָרן זייער צייטווייליקע היים, זייער ראַטונעק, זייעד פּאָזיציע פון קאַמף. דער ייד־פּאַרטיזאַן האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַר די רויב־חיות אין וואַלד, נאָר פאַר די דייטשישע פאַשיסטן און די אוקראַיִנישע באַנדעראָווצעס מחוצן תחום פונעם וואַלד.

אויף דער קאַנווע פון וואַלד וועבן זיך, ווי אַן אומעטיק שנירל, די זיכרונות פון יידישן פּאַרטיזאַן. דער מחבר מיידט אויס פּאַראַלגעמיינערונגען און אויך פּסיכאָלאָגישע אינטערפּרעטאַציעס ביים שילדערן די טיף־טראַגישע און קאָמפּליצירטע פיזישע און גייסטיקע איבערלעבונגען פון זיך אַליין, פון חברים פּאַרטיזאַנער. אומפאַרמיידלעך קומט דער פּאַרטיזאַן אין באַרירונג מיט דער דערנעבנדקער וועלט — פּויערים, גוטע און שלעכטע, אָבער אויך זיי גיט ער אַן קאָמענטאַרן, זוכט דעריבער דער לייענער אַליין צו דערפילן דעם איבערבראָך, די גרויזאַמע פאַרצווייפלונג און אַפילו ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער און יענער ייד בעת זיין אומגליק; בעת געכאַפּט ווערן דורך אוקראַיִנישע באַנדיטן אָדער געסטאַפּאָ־פאַשיסטן.

ביים יידישן לייענער האָט זיך איינגעבירגערט אַ שרעק־געפיל פאַר חורבן־ליטעראַטור. מע וויל עס נישט גערן לייענען, מע וויל אַנטלויפן פון דער געפאַר־זאָנע פון אומקום, ווי פון נאַכט־קאָשמאַרן. פּסיכאָלאָגיש איז געוויס שווער צו פאַרדייען אַזעלכע נשמה־אויפטרייסלענדיקע פאַרברעכנס, פּערווערסיע און מאַסנמאָרד. די זיכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן לאָזן אונדז אָבער רויִק, דער מחבר וואַליעט נישט אַרויף אויף אונדזערע קעפּ דעם מאַסיוו פון אומקום און בלוט־וואַקכאַנאַליעס, ווי אין די אַנדערע ביכער פון חורבן. דער וואַלד־קלימאַט פון פּאַרטיזאַנישן קעמפער שיינט צו זיין מילדער, ווי דער פון פאַרשלאָסענעם, פאַרזיגלטן אין גיהנום־קרייז פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דאָ זענען נישטאָ די גריבער מיט הרוגים, די גרויליקע גאַז־קאַמערס און די שיכורע אָרגיעס פון מלאך־המוות. דער פּאַרטיזאַן איז נישט אַזוי אומבאַהאָלפן, נישט אויסגעשטעלט צום בלינדן גורל אין אַזאַ מאָס ווי דער ייד אין קלעם פון די שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען. דער רצון פון פּאַרטיזאַן איז זיין פרייהייט אויסצווויילן זיך אַ בכבודיקן טויט — שטאַרבן ווי אַ מענטש. פאַרטיידיקן זיך, אָנגרייפן דעם שונא, נקמה פון די אומברענגער פון זיין מישפּחה, פון זיין פאָלק, זענען די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון ייִד. מער ווי אַ פאָר מאָל שטרייכט דער מחבר אונטער אַז די דאָזיקע געפילן האָבן אים, און אויך די אַנדערע, אויפגעהאַלטן ביים לעבן.

אָט דערציילט ער, גלייך ביים אָנהייב, אין די ערשטע קאַפּיטלען, נאָך זיין אַנטלויפן

אונטער אַ האַגל פון קוילן פון געטאָ, וועגן דעם דראַנג פון יידן אין די וועלדער צו דע־ראָבערן געווער און זיך איינגלידערן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. אַפילו אין וואַלד גיט עס אַ מעגלעכקייט נישט נאָר זיך צו פאַר־טיידיקן, נאָר אויך צו שטאַרבן ווירדיק. אין אַ פּאָר שורות גיט ער איבער דעם געדאַנ־קענגאַנג פון די בלאָנדזשענדיקע, אומבאַ־וואָפנטע און הונגעריקע הייפלעך יידן אין וואַלד:

„טאָ זאָל מען כאַטש דעראָבערן אַ ביקס אָדער אַ נאַגאַן, וועלכע ס'איז געווער־שטיק, כדי קאָנען זיך אַליין דערשיסן אָדער פאַלן אין קאַמף מיטן פיינט, און ווירדיקער שטאַרבן ווי די יידן אין די גריבער.

אויף אַ קליינעם בערגל, אַרומגערינגלט מיט גרינע זומפּן, האָט זיך באַזעצט אַ גרופּע יידן, וואָס האָבן באַשלאָסן צו שטאַרבן ווירדיק אין קאַמף מיטן דייטש־פאַשיסטישן שונא. נישט גרויס איז געווען די צאָל יידן אין דער גרופּע, אָבער ס'איז געווען שטאַרק דער דראַנג נוקם צו זיין זיך אָן די רוצחים".

דער אָנהייב פון יענער גרופּע אין סוואַ־ריטשעוויטשער וועלדער, אין דער געגנט פון פּאַלעסיע, ביים טייך „האָרין", איז באַשטאַנען פון צוועלף. אַזוי, צוועלף, הייסט דאָס פערטע קאַפּיטל אין בוך: די ערשטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון צוועלף יידן, וואָס האָט זיך פאַר־מירט אין אָקטאָבער 1942 און זיך פונאַנ־דערגעוואַקסן צו דער שפּעטערדיקער גרוי־סער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג מיט דער הילף פון געווער־ליפערונגען, דורך עראָפּלאַנען, פון מאָסקווע. פון דעם טאָג פאָלגן מיר נאָך מיט שפּאַנונג דעם אומהיימלעכן וועג פון יידישן פּאַרטיזאַן אין יענע מקומות. מיר לעבן מיט מיט אינערלעכן פריידיקן שטאָלץ זיינע דערפאָלגן, און מיט טרויער — זיינע מפּלות. מיר זעען זיי בולט, די יידישע יונ־גע בחורים, מיט געווער, היימישע, אַלט־באַ־קאַנטע שטעטלשע פּנימער, אין זייער מעטאַ־מאָרפאָזע — פּאַרטיזאַנער.

מלך באַקאַלטשוק־פעלין איז געווען אין זייער מיט, ווי איינער פון זיי — ער האָט מיטגעקעמפט מיט ביקס און מיט פּען. ער איז געווען דער קולטור־לייטער און רעדאַק־טאָר פון דער פּאַרטיזאַנישער פּרעסע און אויפּרופן אין זיין אָטריאַד, אַ מיטגליד פון שטאַב. ער האָט מיט זיינע חברים געטיילט דעם טרויער איבערן יידישן אומקום, און געטיילט דעם ניצחון איבער אונדזערע פאַר־לענדער. אָבער אַפילו די פרייד פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן איז געווען נישט קיין פולע און אַנדערש, ווי פון אַ נישט־יידישן פּאַרטיזאַן. דער יידישער פּאַרטיזאַן האָט פאַרמאָגט שונ־אים אויך צווישן אייגענע פּאַרטיזאַנער, די גורל־און קאַמפס־ברידער זיינע.

מיר פילן דעם דאָזיקן טרויער פון מחבר. ווען ער שילדערט די שוועריקייטן פון ייִד־פּאַרטיזאַן און פון די פאַמיליע־לאַגערן, וואָס האָבן זיך האַלב־אָפיציעל געפונען לעבן די פּאַרטיזאַנער־באַזעס און כלומרשט אונטער זייער שוץ. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַריינ־געדרונגען אומעטום, נישט נאָר צווישן די איינפאַכע פּאַרטיזאַנער, נאָר אויך צווישן די פירער, קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן. ער איז אָבער געווען אַ פאַרשלייערטער און איז ענערגיש באַקעמפט געוואָרן.

אין זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן האָט אונדז מלך באַקאַלטשוק־פעלין איבערגעלאָזט אַ ווערטפולן דאָקומענט פון אויטענטישע באַשרייבונגען, אין אַ פיינעם ליטעראַרישן סטיל. אַזעלכע פּרעציזע ווערק זענען דער יסוד פאַר דער געשיכטע פון ייִדישן חורבן און קאַמף בעת דער נאַצי־מאַכט.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 156

© ZYGMUNT TURKOW, Tel Aviv (Israel)

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Este libro se terminó de imprimir en el mes de Marzo de 1961, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L., Corrientes 1976, Buenos Aires.

ZYGMUNT TURKOW

LA EPOCA TRUNCA

(Fragmentos de mi Vida)

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1961